STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03591

DER TOYT FUN DI GETER

Dmitry Sergeyevich Merezhkovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. ס. מערעזשקאָווסקי

דער טויט פון די געטער

(יוליאַן דער אַפּאָסטאַט)

ייִדיש: אַ. פּלאָטניקאָוו.

פאַרלאַג „כוחות"
וואַרשע
1930

ד. ס. מערעזשקאָווסקי

קריסטוס און אנטיקריסט
טרילאגיע

I

דער טויט פון די געטער
(יוליאַן דער אַפּטריניקער)

II

##ווידערגעבורט פון די געטער
(לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי)

III

אנטיקריסט
(פּיאָטר און אַלעקסיי)

ד. ס. מערעזשקאָווסקי

דער טויט פון די געטער

(יוליאַן דער אפטריניקער)

יידיש: א. פלאָטניקאָוו.

פאַרלאַג „כוחות"
וואַרשע
1930

D. S. MEREŻKOWSKI

JULJAN APOSTATA

Druk. „Rekord" Dzika 18.

אַ׳ם אויסדרוק פון ליבשאַפט און
אַכטונג — י. גרושטשאַנסקין געווידמעט.
ד ע ר   א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

ערשטע טייל

I.

צוואַנציק סטאַדיעס ווייט פון קאַפּאַדאָקישער צעזאַרעאַ, אויף די וואַלדיקע ראַנדן פון אַרגעישן באַרג, לעבן דעם גרויסן רוימישן שליאַך, האָט זיך געפונען אַ וואַרעמער קוואַל היילנדיק וואַסער. די שטיינערנע פּליטע מיט די פּרימיטיוו-אויסגעהאַקטע פיגורן פון מענטשן און מיט דער גריכישער אויפשריפט אויף איר האָט עדות געזאָגט, אַז דער דאָזיקער קוואַל איז פאַרצייטנס געהייליקט געווען צו די צוויי ברידער דיאָסקודוס — קאַסטאָרן און פּאָללוקסן. די בילדער פון די געצנדינערישע אָפּגעטער זענען געבליבן אומבאַרירט און האָבן זיך גערעכנט פאַר בילדער פון די קריסטלעכע הייליקע, קאָזמאַ און דאַמיאַן.

אויף דער צווייטער זייט פונם שליאַך, קעגנאיבער דעם הייליקן קוואַל, איז געשטאַנען אַ קליינע קרעטשמע, אַ צעבראָכן היזל, געדעקט מיט שטרוי, מיט אַ שמוציקער שטאַל און אַן אָפּדעכל פאַר די הינער און גענז. אין דער דאָזיקער קרעטשמע האָט מען געקאָנט קריגן ציגן-קעז, געבייטלט ברויט, מעד, בירטן-אייל און האַליקן ווײַן פון אָרטיקער אויסאַרבעטונג. די קרעטשמע האָט געהאַלטן אַ דורכגעטריבענער אַרמענער מיטן נאָמען סיראַקס.

זי איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן דורך אַ מחיצה. איין טייל פאַרן פּשוטן עולם, די צווייטע — פאַר מער פאַרנעמע געסט. פונם פּולאָפּ, וואָס איז געווען פאַרשוואַרצט פונם עסנדיקן רויך, זענען אַראָפּגעהאָנגען פאַרשידענע געדרייכערטע ווורשטן און בינטלעך בערגקרייטעכצער: סיראַקסעס ווייב פאָרטונאַטע איז געווען זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע.

דאָסדאָזיקע הויז האָט געהאַט אַ שלעכטן שם. בײַנאַכט פֿלעגט זיך קײן שום לײַטישער מענטש דאָרט נישט אָפּשטעלן; עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען װעגן עפּעס נישט-כּשרע געשעפֿטן, װעלכע פֿלעגן דאָרט אָפּגעטאָן װערן. אָבער סיראַקס איז געװען אַ פֿלינקער חברהמאַן, ער האָט געװוּסט װי אַזױ אָפּצושטופּן אין דער יד אַרײַן, װוּ מען באַדאַרף, און פֿלעגט שטענדיק אַרױס טרוקן פֿון זײַנע פֿאַרדעכטיקע עסקים.

די מחיצה איז באַשטאַנען פֿון צװײ דינע דרענגלעך, אױף װעלכע עס איז אַנשטאָט אַ פֿאָרהאַנג אױפֿגעצױגן געװען פֿאָרטונאַטעס אַלטע אָפּגעבליאַקעװעטע כלאַמידע. די דאָזיקע דרענגלעך האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם אײנציקן לוקסוס אין דער גאַנצער קרעטשמע און זענען געװען סיראַקסעס שטאָלץ. אַמאָליקע צײַטן זענען זײ געװען באַגילדעט, איצט אָבער זענען זײ שױן פֿון לאַנג געװען אָפּגעקראָכן און אָפּגעבליאַקעװעט; דער שטאָף פֿון דער כלאַמידע האָט אַמאָל געהאַט אַ העלע לילאַ-קאָליר, איצט איז זי געװען שטױביק-בלײַלעך און האָט געהאַט אױף זיך אַ סך פֿאַרשידנפֿאַרביקע לאַטעס און שפּורן פֿון פֿרישטיקן, מיטאָגן און נאַכט-עסנס, װעלכע פֿלעגן דערמאַנען דער צניעותדיקער פֿאָרטונאַטן די גאַנצע צען יאָר פֿון איר פֿאַמיליען-לעבן.

אין דער מער אָנשטענדיקער העלפֿט פֿון דער קרעטשמע, אױף יענער זײַט פֿאָרהאַנג, איז אױף דעם אײנציקן שמאָלן אָפּגעריסענעם בעטל, געלעגן לעבן אַ טיש מיט אַ צינערנער קרוג און מיט בעכערס װײַן מאַרקוס סקודילאָ, דער רױמישער מיליטערישער טריבון פֿון דעם זעכצענטן לעגיאָן, אין אָפּטײלונג פֿון דער בײַנטער קאָהאָרטע. מאַרקוס איז געװען אַ פּראָװינצער פּראַנט און האָט געהאַט אַ פּנים פֿון יענעם מין, װאָס װען דרײסטערע דינסטן און בײליקע גאַסן-פֿרױען דערזעען אַזעלכעס, שרײַען זײ אױס מיט אַנטציקטער תּמימותדיקײט: „אַך, סאַראַ שײנער מאַנספּערשױן!“

צופֿוסנס בײַ אים איז געזעסן אױף דערזעלבער לעקטיקע אין אַ דרך-ארצדיקער, אומבאַקװעמער פּאָזע פּובליוס אַקװילאַ, דער אָנפֿירער פֿון דער אכטער צענטוריע, אַ דיקער מענטש מיט אַ רױט אַסטמאַטיש פּנים, מיט אַ גאָלן שאַרבן און עטלעכע שיטערע גרױע האָר, פֿאַרקעמט פֿון הינטן צו די שלײפֿן צו. דאָ נישט װײַט, אױף דער ערד, האָבן צװעלף רױמישע לעגיאָנערן געשפּילט אין בײנדלעך.

— איך שװער בײַ הערקולעסן, — האָט סקודילאָ אױסגעשריגן, —

אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין דער לעצטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
איידער דער ערשטער דאָ אין דעם לאָך. צי איז דאָס דען אַ לעבן,
פּובליוס ? נו, ענטפער מיר אָפנהערציק, — איז דאָס אַ לעבן ? אַז
מ׳ווייסט פאָרויס, אַז אויסער די איבונגען און די קאַשאַרן איז גאָרנישט
פאַראַן. מ׳קאָן דאָ פאַרשילט ווערן אין דערדאַזיקער פאַרעיפּושטער בלאָטע
און די ליכטיקע שיין נישט אָנקוקן !

— יאָ, דאָ, קאָן מען זאָגן, איז דאָס לעבן נישט איבעריק פריי-
לעך, — האָט פּובליוס איינגעשטימט. — נו, דערפאַר איז עס אָבער
ווייער רויק.

דעם אַלטן צענטוריאָן האָט אינטערעסירט דאָס שפּילן אין די
ביינדלעך ; ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט מכלומרשט גע-
הערט דעם עלטסטנס פלאַפּלעריי, אים צוגעבאָמקעט, אָבער הינטערוויי-
לעכס האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם שפּיל פון די זעלנער און געטראַכט :
„אויב דער געלער וועט געבן אַ פלינקן וואָרף, וועט ער אפשר געווינען".
בלויז אויס העפלעכקייט האָט פּובליוס אַ פרעג געטון דעם טריבון, גלייך
ווי דאָס וואָלט אים טאַקע באמת אינטערעסירט :

— צוליב וואָס, זאָגסטו, איז דער פּרעפעקט העלווידיוס ביין
אויף דיר ?

— צוליב אַ נקבה, פריינט מיינער, אַלץ צוליב אַ נקבה.

און מיט אַ פּלוצימדיקער אָפנהערציקייט האָט מאַרקוס שטיל אויס-
געפּלוידערט דעם צענטוריאָן אויפן אויער. אַז דער פּרעפעקט, „דערדאָ-
זיקער אַלטער באָק" איז אויף אים אייפערזיכטיק צוליב עפּעס איינער
אַן צוגערייזטער פּראָסטיטוטקע אַ ליליבעאַנערין ; איצט וויל סקודילאָ
עפּעס טון העלווידיוסן אַ וויכטיקע טובה און דערמיט צוריק געווי-
נען זיין פריערדיקע פריינטשאַפט. — נישט ווייט פון צעזאַרעאַ, אין
דער פעסטונג מאַצעללום, זענען איינגעשלאָסן דעם קייסער קאָנסטאַנ-
ציוסעס צוויי פעטערן-זין, יוליאַן און גאַללוס, קאָנסטאַנטין דעם גרויסנס
איינציקע יורשים, די לעצטע צווייגן פון דער אומגליקלעכער פלאַוויוס-די-
נאַסטיע. ווען קאָנסטאַנציוס איז אַרויף אויפן טראָן, האָט ער אויס מורא פאַר
די קאָנקורענטן, דערמאָרדעט זיין אייגענעם פעטער, יוליוס-קאָנסטאַנציוסן,
קאָנסטאַנטינס ברודער, יוליאַנס און גאַללוסעס פאָטער. נאָך אַ סך קרבנות
זענען געפאַלן. בלויז יוליאַן און גאַללוס זענען געשוינט געוואָרן, און
מ׳האָט זיי פאַרשיקט אין דעם פאַרוואָרפענעם שלאָס קיין מאַצעללום. דער

פּרעפעקט פון צעזאַרעאַ האָט זיך געפונען אין גרויסער פאַרלעגנ־הייט. ער האָט געוווּסט, אַז דער נייער קייסער איז אַ שונא די צוויי בחורים, וועלכע דערמאָנען אים אין זיינע פאַרברעכנס, ער האָט געוואָלט און גלייכצייטיק מורא געהאַט צו טרעפן קאָנסטאַנציוסעס חילן. יוליאַן און גאַללוס האָבן געלעבט אין שטענדיקער טויט־שרעק. און אָט האָט דער דורכגעטריבענער טריבון סקודילאָ, וועלכער האָט געטרוימט וועגן אַ קאַריערע באַם קייסערלעכן הויף, פאַרשטאַנען פונם פּרעפעקטס אַנצוהערענישן, אַז פון איין זייט האָט ער מורא צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר די צוויי קייסערלעכע בחורים, און פון דער צווייטער זייט איז ער אָנגעשראָקן פאַר די קלאַגנען, אַז זיי גרייטן זיך צו אַנטלויפן פון זייער געפענגעניש; דעריבער טאַקע האָט מאַרקוס געהאַט באַשלאָסן באַ זיך אוועקצומאַרשירן קיין מאַרצעללום מיט אַן אָפּטיילונג לעגיאָנערן, אַרויסנעמען פון דאָרט די צוויי געפאַנגענע ברידער אויף זיין אייגענער אחריות און זיי אַוועקפירן קיין צעזאַרעאַ, זייענדיק זיכער, אַז עס איז נישטאָ וואָס קיין מורא צו האָבן פאַר די צוויי עלנטע יתומים, וועלכע דער קייסער איז אַ דם־שונא. דורך דעמדאָזיקן אויפטו זיינעם האָט ער געהאָפט צוריק צו געווינען דעם פּרעפעקט העלווידיוסעס פריינטשאַפט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעווירן צוליב דער געלער ליליבעיאַנערין.

איבעריקנס, האָט מאַרקוס פאַרטרויט פּובליוסן בלויז אַ טייל פון זיינע פּלענער און דערצו נאָך אין זייער אַ פאַרזיכטיקער פאָרם.

— וואָס־זשע ווילסטו טון, סקודילאָ? עס זענען דען עפּעס אָנגע־קומען באַפעלן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל?

— קיין שום באַפעלן; קיינער ווייסט גאָרנישט געגוי. נאָר פאַר־שטייסטו מיך, עס זענען פאַראַן קלאַגנען, — טויזנטער פאַרשידענע קלאַנ־גען, דערוואַרטונגען, אָנצוהערענישן, צווינקענישן, דראָונגען, סודות, — אַ, סודות אָן אַ שיעור און אָן אַ עק! טון דאָס, וואָס מ׳הייסט, וואָלט געקאָנט דער מינדסטער נאַר. נאָר מ׳דאַרף אָבער פאָרויס טרעפן דעם שטומען פאַרלאַנג פונם קייסער, — אָט פאַרוואָס מ׳באַקומט אַ דאַנק. מיר וועלן אַ קוק טון, אַ פרווו טון, אַ זוך טון. דער עיקר איז נאָר דרייסט, נאָר דרייסט, איבערגעצלמט זיך און מיט מוט. איך פאַרלאָז מיך אויף דיר, פּובליוס. אפשר וועלן מיר נאָך ביידע אין קייסערלעכן הויף גאָר אין קורצן טרינקען אַ ביסל געשמאַקערן ווין ווי דערדאָזיקער...

דורך דעם קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט אַריינגע־

קוקט די אומעטיקע שיין פון דעם רעגנדיקן אָוונט; איינטאָניק האָט גע־נאָסן אַ רעגן.

באַלד דערלעבן, הינטער אַ דין לייס־ווענטל מיט אַן אַ שיעור שפּאַרעס, איז געווען די שטאַל; פון דאָרט האָט געשמעקט מיט מיסט, האָט זיך געהערט דאָס קוואָקען פון הינער, דאָס פּישטשען פון קליינע הינדעלעך, דאָס שרייען פון חזירים; מ׳האָט געמאָלקן אין עפּעס אַ הילכיקער כּלי אַריין: מסתּם מעלקט דאָרט איצט די באַלעבאָסטע די קו.

די זעלנער האָבן זיך באַם שפּילן צעקריגט און זידלען זיך מיט איינגעהאַלטענע שטימען. האַרט באַ דער ערד, צווישן די דינע צווייגע־לעך פונם ווענטל, וואָס זענען עטוואָס צוגעשמירט מיט ליים, שטעקט אַרויס פון אַ שפּאַרע אַ צאַרט, ראָזע מאָרדעלע פון אַ יונג חזירל; עס איז אַריין מיטן קעפּל אין אַ לאָך אַריין, קאָן עס צוריק נישט אַרויס־נעמען און קוויטשעט עפּעס אַזוי רחמנותדיק.

פּובליוס האָט אַ טראַכט געטון:

— עס איז נאָך ווייט דערפון, איצט זענען מיר נאָך דערווייל געווען צו דער חזיר־שטאַל ווי צום קייסערלעכן הויף.

זיין אָנגעשטרענגטע שטימונג איז אַדורך. דעם טריבון, נאָכדעם, ווי ער האָט אַ ביסל צופּיל געהאַט צעלאָזט די צונג, איז אויך עפּעס אומעטיק געוואָרן. ער האָט אַ בליק געטון אויף דעם גרויען, פאַרוויינטן הימל, וואָס קוקט אַריין דורכן פענצטערל, אויפן נאַרישן מאָרדעלע פון דעם חזירל, אויף דעם זויערן איבערבלייבעכץ נאָכן פּאַסקודנעם ווין אין דעם צינערנעם בעכער, אויף די שמוציקע זעלנער, — און אַ כּעס איז אים באַפאַלן.

ער האָט אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין, וואָס האָט זיך געשאָקלט אויף די נישט גלייכע פיס.

— העי, דו, גנב, קריסטוס־פאַרקויפער, סיראַקס! קום נאָר אַהער, וואָס איז דאָס פאַר אַ ווין, דו אויסוואורף איינער?

דער שענקער איז געקומען צו לויפן. די האָר זיינע שוואַרץ ווי סמאָלע, געקרייזלט אין דראָבנע קרייזעלעך, די באָרד אויך אַזעלכע מיט אַ בלוילעכן אָפּגלאַנץ, אויך זייער געקרייזלט; אין די מאָמענטן פון ליבע פלעגט פאָרטונאַטע זאָגן, אַז איר סיראַקסעס באָרד איז ענלעך צו די ענגלען זיסע ווינטרויבן; אויגן אויך שוואַרצע, אויסערגעוויינלעך זיסע; פון די רויטע ליפּן פלעגט אים קיינמאָל נישט פאַרשווונדן אויך

אַזאַ זיסער שמייכל; ער איז ענלעך געווען צו דער קאַריקאַטור פון דיאָגיזאָסן, דעם גאָט פון וויין: אינגאַנצן אַ שוואַרצער און אַ זיסער.

דער שענקער האָט געשווירן בײַ משהן, בײַ דינדימענען, בײַ קריסטוסן, בײַ הערקולעסן, אַז דער וויין איז אויסגעצייכנט; אָבער דער טריבון האָט אים אַ זאָג געטון, אַז ער ווייסט, בײַ וועמען אין שטוב עס איז דערהרגעט געוואָרן דער פּאַמפּילער סוחר הלאַבריאַן און אַז סוף-כּל-סוף מוז ער סיראַקסעס מעשים אַרויפּברענגען אַזוי ווי בוימל אויפן וואַסער. דער דערשראָקענער אַרמענער איז, שיער ניט צעברעכנדיק די פּיס, תּיכּף אַראָפּגעלאָפן אין קעלער אַריין און האָט באַלד מיט אַ פרייַ-לעכער מינע אַרויפגעבראַכט אַ פלעשל, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך אויסזען — אַ ברייטס, אַ פּלאַטשיקס, מיט אַ לאַנג, דין העלדזל, אינגאַנצן באַדעקט מיט ווערטפּולן מעך און שימל, ווי עס וואָלט געווען גרוי פון אַלטקייט. דורך דעם שימל האָט זיך ווי-ניט-ווי דורכגעזעען דאָס גלאָז, ניט דורכזיכטיק, נאָר עפּעס אַזוי פאַרנעפּלט, רעגנבויגנפאַרביק; אויפן ציפּרעס-ברעטעלע, וואָס איז געהאָנגען בײַם העלדזל, האָט מען קוים באַמערקט די ערשטע אותיות פון „Anthosmium" און באַלד דערלעבן: „annorum centum" — „הונדערטיעריקער".

אָבער סיראַקס האָט פאַרזיכערט, אַז נאָך אין די צייטן פונם קייסער דיאָקלעציאַן איז דערדאָזיקער וויין שוין עלטער געווען פון הונדערט יאָר.

— שוואַרצער? — האָט פּובליוס מיט ערנפאָרכט אַ פרעג געטון.

— ווי סמאָלע, און שמעקנדיקער ווי אַמבראָזיע. — העי, פאָרטו-נאַטע, צום דאָזיקן וויין דאַרף מען האָבן די זומערדיקע קרישטאָלענע בעכערס. יאָ, און ברענג נאָר אַרויף פונם אייז-קעלער אַ ביסל ריינעם, ווייסן שניי.

פאָרטונאַטע האָט אַריינגעבראַכט צוויי בעכערס. איר פּנים, אַ גע-זונטס, אַן אָנגענעמס, מיט אַ געלבלעכער בלאַסקייט, אַזוי ווי פון געדיכ-טער סמעטענע, האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַזאַ מין דאָרפישע פרישקייט, עס האָט זיך געשפּירט פון איר אינגאַנצן אַ ריח פון מילך און שטאַל-מיסט.

דער שענקער האָט אַ קוק געטון אויפן פלעשל מיט אַ ליבלעכן זיפץ, אַ קוש געטון דאָס העלדזל, דערנאָך פאָרזיכטיק אַראָפּגענומען די וואַקסענע חתימה און עס אויפגעשטאָפּט. אויף דער דנאָ פון אַ קרישטאָ-לענעם בעכער האָט מען אַנידערגעלייגט עטוואָס שניי און דער וויין האָט

זיך אָנגעהויבן גיסן ווי אַ געדיכטע, שוואַרצע, שמעקנדיקע פליסיקייט; דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין פון דער באַרירונג מיטן פייערדיקן אַנטאַסמיום; די קרישטאָלענע כלי איז פאַרהויכט געוואָרן פון קעלט. דעמאָלט האָט סקודילאַ, וועלכער האָט באַקומען בילדונג פאַר אַ קופּערנעם דרייער (ער האָט געקענט פאַרבייטן די יוצרות צווישן העקובע און העקאַטע), אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ מאַרציאַלס איינציקן פערז, וועלכן ער האָט נאָך געדענקט:

Candida nigrescant vetulo crystalla Falerno.

— וואַרט נאָר צו. ער וועט באַלד נאָך געשמאַקער ווערן!

סיראַקס האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין זיין טיפער קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּיצינקעלע פלעשעלע פון לויטערן אָניקס און מיט אַ ליידנשאַפטלעך שמייכעלע פאָרזיכטיק אַריינגעלאָזט אין וויין אַריין אַ טראָפּן טייערן אַראַבישן צימרינג־בוימל, קינמון; דער טראָפּן איז אַריינגעפאַלן אין דעם שוואַרצן אַנטאַסמיום ווי אַ מאַט־ווייסע פּערל און איז צעגאַנגען געוואָרן; איבער דער שטוב האָט זיך צעטראָגן אַן אויסטערליש זיסער ריח.

בשעת דער טריבון האָט פאַמעלעך מיט אַנטציקונג געטרונקען, האָט סיראַקס צוגעקנאַקט מיט דער צונג און גערעדט:

— ביבלאָסער וויין, מאַראָנער, לאַצענער, איקאַריער — אַלץ איז אַקעגן דעמדאָזיקן טינופת!

עס איז טונקעלער געוואָרן. סקודילאַ האָט געגעבן אַ באַפעל זיך צו גרייטן אין וועג אַריין. די לעגיאָנערן האָבן אָנגעטון די פּאַנצערס, די העלמען, אויף די רעכטע פיס די אייזערנע שטיוול, גענומען אין די הענט אַריין די שילדן, די שפּיזן.

ווען זיי זענען אַרויס אויף יענער זייט פון דער מחיצה, האָבן זיך די איזאַורער פּאַסטוכער, ענלעכע צו רויבערס, וועלכע זענען געזעסן באַם פייער, מיט דרך־ארץ אויפגעשטעלט פאַרן רוימישן טריבון. ער האָט געהאַט אַ מאַיעסטעטיש אויסזעען; אין מוח האָט אים גערוישט; אין די אָדערן איז אים געפלאָסן אַ פייער פון דעם איידעלן געטראַנק.

באַ דער שוועל איז צו אים צוגעקומען אַ מענטש אין אויסטערלישע אָריענטאַלישע מלבושים, אין אַ ווייס מאַנטל מיט רויטע פּאַסן אין דער ברייט, אין אַ הויכן וואַלאָקענעם הוט — עפּעס אַ מין פּערסישע טיאַרע, ענלעך צו אַ טורעם. סקודילאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פּערסיאַנער האָט געהאַט אַ פּנים אָן איידלס, אַ לאַנגס, אַן אויסגעדאַרטס,

אַן אָליוו-געלס; אויגן שמאָלע, דורכדרינגלעכע, געשייטע און גלייכצייטיק טיף-פאַרטראַכטע; אין יעדער מינדסטער באַוועגונג אַ ווירדיקע געלאַסנקייט. דאָס איז געווען איינער פון יענע וואַנדערנדיקע אַסטראָלאָגן, וועלכע פלעגן זיך אַליין רופן מיט שטאָלץ: כאַלדעיען, מאַגיקער, פירעטן און מאַטעמאַטיקער. ער האָט תיכף מודיע געווען דעם טריבון, אַז ער הייסט נאַהאָדאַרעס, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צייטווייליק באַ סיראַקסן, אַז ער קומט איצט פון דעם וויטן לאַנד אַנאַדיאַבען און אַז ער רייזט אַזש צו די ברעגן פון יאָנישן ים, צום באַרימטן פילאָזאָף און טעורג מאַקסימוס פון עפעז. דער מאַגיקער האָט געבעטן דער טריבון זאָל אים דערלויבן אים פאָרויסצוזאָגן זיין מזל.

מ'האָט פאַרמאַכט די לאָדנס. דער פּערסיאַנער האָט זיך עפּעס געפּאָרעט באַ דער ערד; פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ לייכטער טראַסק, אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אַ רויטלעכער פלאַם האָט זיך מיט אַ דינער לאַנגער צונג אַרויסגעשיילט פון צווישן דעם ווייסן רויך, וואָס האָט אָנגעפולט די שטוב. נאַהאָדאַרעס האָט צוגעלייגט צו זיינע ווייס-געוואָרענע ליפּן אַ צוויי-רערנדיקע אָטשערעטן פייפערל און אָנגעהויבן פייפן, — עס האָבן זיך דערהערט טרויעריקע, בענגלעכע קלאַנגען, ענלעכע צו די לוויה-געזאַנגען אין לידיע. דער פלאַם איז עפּעס אַזוי ווי געלער, טונקעלער געוואָרן פון דידאָזיקע קלאַנגען, און פּלוצלינג אָנגעהויבן לויכטן מיט אַ טרויעריק-צאַרטער, בלאַס-בלויער ליכטיקייט. דער מאַגיקער האָט אַ וואָרף געטון אין פייער אַריין עטלעכע אויסגעטריקנטע גרעזלעך, און באַלד האָט זיך צעגאָסן עפּעס אַזאַ שטאַרקער, אָנגענעמער ריח; דערדאָזיקער ריח איז אויך עפּעס געווען אַזוי מאָדנע טרויעריק: אַזאַ ריח פילט זיך אין די נעפּלדיקע אָוונטן פון די האַלב-פאַרטריקנטע גראָזן אין די ווילדע מדבריות פון אַראַכאָזיע אָדער דראַנגיאַנע. און ווי לויטן באַפעל פון די טרויעריקע קלאַנגען איז פון אַ שוואַרץ קעסטעלע, וואָס איז איצט געשטאַנען באַם מכשפס פיס, פּאַמעלעך אַרויסגעקראָכן אַ ריזיקע שלאַנג און מיט אַ שאַרף אָנגעהויבן אויסגלייכן די עלאַסטישע רינגען פון איר קערפּער, וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַ גרינלעכן אָפּשיין. דאָ האָט דער מכשף אָנגעהויבן זינגען עפּעס אַן אויסגעצויגענעם, שטילן ניגון און עס האָט זיך געדאַכט, ווי די קלאַנגען וואָלטן געקומען פון ערגעץ-ווייט; און אַ סך מאָל האָט ער איבערגעחזרט איין-און-דאָזעלבע וואָרט: „מאַראַ, מאַראַ, מאַראַ". די שלאַנג האָט זיך אָנגעהויבן וויקלען אַרום זיין דאַרן גוף און לאַשטשענדיק זיך און סיקענדיק מיט צאַרטקייט, האָט זי

צוגעגענטערט צום מכשפס אויער דעם פלאַכן קאָפּ מיט די גרינע שופּן. אירע אויגן האָבן געפינקלט ווי קאַרבונקול-שטיינער, און פּלוצלינג האָט איר צעשפּאָלטן גיפט-גאָפּעלע אַ בליץ געטון מיט אַ פייף, ווי זי וואָלט דעם מכשף איינגערוימט עפּעס אַ סוד אין אויער. ער האָט אַ וואָרף געטון דאָס פּייפּערל אויף דער ערד; דער פלאַם האָט ווידער אַ זעץ געטון אויף דער שטוב און זי אָנגעפילט מיט אַ געדיכטן, הייסן רויך. נאָר דאָס מאָל מיט עפּעס אַ שווערן קברים-גערוך און איז תיכּף פאַרלאָשן געוואָרן. אַלע זענען געווען צעשראָקן. אָבער ווען מ'האָט געעפנט די לאָדנס און אין שטוב איז אַריין די בלייערנע שיין פון דעם רעגנדיקן אָוונט — איז פון דער שלאַנג און איר שוואַרץ קעסטעלע קיין זכר נישט געווען. אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעזען טויטלעך-בלאַס.

נאָהאָדאַרעס איז צוגעגאַנגען צום טריבון

— פריי דיך! דו וועסט אין קורצן געהאָלפן ווערן מיט אַ גרויס גליק פון דעם ליכטיקן אויגוסט, דעם קייסער קאָנסטאַנציוס.

עטלעכע סעקונדעס האָט ער זיך שטאַרק איינגעקוקט אין סקודילאָס האַנט, אין די שטריכן פון דער דלאָניע, דערנאָך האָט ער זיך געשווינד צוגעבויגן צו זיין אויער, כדי קיינער זאָל נישט דערהערן, און אים שטיל איינגערוימט:

— בלוט, בלוט פון אַ גרויסן צעזאַר איז דאָ אויף דער דאָזיקער האַנט!

סקודילאָ האָט זיך דערשראָקן.

— ווי וואַגסטו נאַר, פאַרשאָלטענער כאַלדעישער הונט? איך בין אַ געטרייער קנעכט...

אָבער יענער האָט אים כמעט מיט חוזק אַ קוק געטון אין פּנים אַריין מיט זיינע געשייטע אויגן און איינגערוימט שטיל:

— וואָס האָסטו מורא?... ערשט אין אַ סך יאָרן אַרום... און צי איז דען מעגלעך רום אָן בלוט?...

ווען די זעלנער זענען אַרויס פון דער קרעטשמע, איז סקודילאָס האַרץ געווען איבערפולט מיט שטאָלצקייט און פרייד. ער איז צוגעגאַנגען צום קוואַל, זיך פרום איבערגעצלמט, אויסגעטרונקען אַ ביסל הייליקן וואַסער, אָפּגעזאָגט אַ הייסע תפילה צו די קדושים קאָזמאַ און דאַמיאַן מיט דער טיפער האָפנונג, אַז נאָהאָדאַרעסעס נביאה וועט מקוים ווערן; דערנאָך איז ער אַרויף אויף זיין הערלעכן קאַפּאַדאָקישן אָגער און געגעבן אַ צייכן, אַז די לעגיאָנערן זאָלן רירן פון אָרט. דער פאָן-טרעגער,

דער „דראַקאָנאַריוס״ האָט אויפגעהויבן דעם הערב-פאָן, אַ דראַקאָן פון פורפור-שטאָף. דעם טריבון האָט אַרומגעכאַפּט אַ חשק זיך צו גרויסן פאַרן עולם, וואָס איז אַרויס פון דער קרעטשמע. געוווּסט האָט ער, אַז דאָס איז געפערלעך צו טון, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. פאַרשיכורט פון ווײַן און שטאָלץ, האָט ער אויסגעצויגן די שווערד אין דער ריכטונג פון באַרג-שפּאַלט, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל און הויך אַ זאָג געטון:

— קיין מאַצעללום!

צווישן עולם האָט זיך צעטראָגן אַ געוויש פון פאַרוווּנדערונג; מ׳האָט איבערגעחזרט די נעמען יולאַן און גאַללוס.

דער סיגנאַליסט, וואָס איז געשטאַנען פון פאָרנט, האָט אַ בלאָז געטון אין דער מעשענער „בוקצינע״, אַן אויסגעבויגענעם, כּיפּול-שמונה-דיקן טרומייטער אין געשטאַלט פון אַ שעפּסן-האָרן.

דער אויסגעצויגענער רוף פונם רוימישן טרומייטער האָט זיך צעטראָגן ווייט איבער די בערג-שפּאַלטן און דאָס ווידערקול האָט אים איבערגעחזרט נאָכאַמאָל.

II.

אין דעם גרויסן שלאָפצימער אין מאַצעללום, אין דעם געוועזענעם פּאַלאַץ פון די קאַפּאַדאָקישע מלכים, איז געווען טונקל.

דעם צען-יעריקן יוליאַנס בעט איז געווען האַרט: הוילע ברעטער איבערגעדעקט מיט אַ באַרסן-פעל; דאָס ייִנגל אַליין האָט אַזוי געוואָלט; נישט אומזיסט איז ער דערצויגן געוואָרן דורך זײַן אַלטן לערער מאַר-דאָניוס אין די שטרענגע פּרינציפּן פון דער סטאָאישער חכמה.

יוליאַן האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. דער ווינט האָט זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט און פּלוצלינג אָנגעהויבן פייפן אַזוי אימהדיק, ווי אַ געפאַנגענע חיה, און פּלוצלינג ווידער פאַרשטומט געוואָרן. און אין דער ווונדערלעכער שטילקייט האָט זיך געהערט בלויז, ווי זעלטענע טראָפּנס רעגן פאַלן משמעות פון זייער הויך אויף די אָפּהילכנדיקע שטיינערנע פּליטעס. אָפטמאָל האָט זיך יוליאַנען געדאַכט, אַז ער הערט אין דער שוואַרצער פינצטערניש פונם געוועלבן סופיט דאָס גיכע שאָרכן פון אַ פלעדערמויז. ער האָט דערקענט אין דער פינצטערניש, ווי דער ברודער

אַטעמט אין שלאָף. יענער איז געווען אַ געבאַלעוועט. קאַטריז ייגגל און געשלאָפן אויף אַ ווייך בעט, אונטער אַ פּאַרציייטישן פאַרשטויבטן באַלדאַכין, אַן איבערבלייבעכץ פונם לוקסוס פון די אַמאָליקע קאַפּאַדאָקישע מלכים. פונם שכנותדיקן צימער האָט זיך געהערט דאָס שווערע שנאָרכן פונם פּעדאַגאָג מאַרדאָניוס.

פלוצלינג האָט שטיל אַ סקריפּ געטון דאָס קליינע אייזערנע טירעלע פון די געהיימע טרעפּ אין דער וואַנט, עס האָט זיך אָן עפּן געטון, און אַ שטראַל ליכטיקייט האָט אַ בלענד- געטון אין יוליאַנס אויגן. דאָס איז אַריינגעקומען די אַלטע דינסט לאַבדע; זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ מעשענעם אייל-לאָמפּ.

— ניאַניע, איך שרעק מיך עפּעס; נעם נישט צו דאָס פייער.

די אַלטע האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אין דער האַלבקיילעכ-דיקער שטיינערנער נישע איבער יוליאַנס צוקאָפּנס.

— קאָנסט נישט שלאָפן? אפשר טוט דיר דאָס קעפּעלע וויי?... ווילסט אפשר עפּעס עסן? דער אַלטער בעל-עבירהניק מאַרדאָניוס פּייניקט אייך ביידע מיט הונגער. כ׳האָב דיר געבראַכט האָניק-קיכעלעך. באַטעמטע. פּאַרזוך נאָר.

לאַבדע האָט שטאַרק הנאה געהאַט צו געבן יוליאַנען עסן; בטאָג האָט אָבער מאַרדאָניוס נישט געלאָזט, פלעגט זי אים ברענגען אירע נאַשערייען בנאַכט, בשתיקה.

די האַלב-בלינדע לאַבדע האָט זיך שוין קוים געקאָנט שלעפּן אויף די פיס; זי פלעגט שטענדיק טראָגן אַ שוואַרץ מאָנאַכיש קלייד; מ׳האָט זי געהאַלטן פאַר אַ מכשפה; זי איז אָבער געווען אַ פרומע קריסטין; די שוידערלעכסטע פאַרציייטישע און נייע אָבערגלויבנס האָבן זיך בא איר צונויפגעפלאָנטערט אין מוח און געשאָסן עפּעס אַ מאָדנע רעליגיע, וועלכע איז ענלעך געווען צו משוגעת: בא איר זענען געווען צונויפגעמישט תפילות מיט השבעות, די אָלימפּישע געטער מיט די קריסטלעכע שדים, די קלויסטער-דינים מיט כישופמאַכעריי; זי איז אינגאַנצן געווען באַהאָנגען מיט צלמימלעך, געצנדינערישע אַמולעטן מיט ביינער פון טויטע און קמיאות מיט שטויב פון הייליקע קברים.

די אַלטע האָט געהאַט צו יוליאַנען עפּעס אַ געמישט געפיל: פון ליבע און יראת-הכבוד צוזאַמען, זי האָט אים געהאַלטן פאַר דעם איינציקן געזעצלעכן יורש פון דעם קייסער קאָנסטאַנטין, און קאָנסטאַנציוסן — פאַר אַ מערדער און טראָן-פאַרכאַפּער.

לאַבדע האָט אויסגעצייכנט געקענט דעם גאַנצן שלשלת-היחוסן, אַלע איבערלעבנע משפּחה-ענינים, וועלכע ווערן איבערגעגעבן פון דור-צו-דור אין דער פלאַוויוס-דינאַסטיע; זי האָט נאָך געדענקט יוליאַנס זיידן קאָנסטאַנציוס כלאָרן; אין איר זכרון זענען געבליבן אַלע בלוטיקע סודות פונם קייסערלעכן הויף. באַנאַכט פלעגט די אַלטע דערציילן יוליאַנען אַלץ אָן אויסנאַם. און פון אַ סך זאַכן, וואָס זיין קינדערישער שכל האָט נאָך נישט געקאָנט באַנעמען, האָט אים שוין פאַרפרעסט באַם האַרץ אַן אומבאַוווסטזיניקע שרעק. מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק, מיט אַ גלייכגילטיקער, איינטאָניקער שטימע פלעגט זי אים דערציילן די אומענדלעכע געשיכטעס, ווי מ'דערציילט פאַרצייטישע באָבע-מעשיות.

לאַבדע האָט אָוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ, איבערגעצלמט יוליאַנען, אַ קוק געטון, צי דער בורשטינערנער אַמולעט אויף זיין ברוסט איז גאַנץ, אַרויסגעמורמלט עטלעכע השבעות, כדי צו פאַרטרייבן די בייזע רוחות, און פאַרשוווּנדן.

יוליאַן איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן דרימל; עס איז אים געווען הייס; די זעלטענע שווערע רעגן-טראָפּנס, וואָס זענען אין דער שטילקייט געפאַלן פון אַזוי הויך, ווי אין אַן אָפּהילכנדיקער כלי אַריין, האָבן אים געפייניקט אין דרימל.

און ער האָט זיך נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, צי שלאָפט ער, צי איז ער וואַך, צי דער באַנאַכטיקער ווינט רוישט אַזוי, צי די אַלטע לאַבדע, ענלעך צו דער געטין פון גורל, רוימט אים אַזוי איין אין אויער אַריין די שרעקלעכע סודות פון זייער משפּחה. דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון איר און דאָס, וואָס ער אַליין האָט זיך אָנגעזען פון קינדהייט אָן, האָט זיך בא אים צונויפגעמישט אין איין שווערן קאָשמאַר.

ער האָט געזען פאַר זיך דעם קערפּער פונם גרויסן קייסער, ווי ער ליגט אויפן טויטן-בעט. דער מת איז אָנגעשמינקט, אָנגעפּודערט, זיין קינציקע, פילשטאָקיקע פּריזור פון פאַלשע האָר, געמאַכט פון די בעסטע פאַבריקמאַכערס. דעם קליינעם יוליאַן פירט מען צו, ער זאָל דאָס לעצטע מאָל אַ קוש טון דעם פעטער אין דער האַנט אַריין. דאָס קינד שרעקט זיך; עס בלענדן אים אין די אויגן דער פּורפּור, די דיאַדעם אויף די קינסטלעכע לאָקן און די פּראַכט פון די טייערע שטיינער, וואָס גלאַנצן בא דער שיין פון די ליכט אויפן קאַטאַפאַלק. דורך די שווערע אַראַבישע בשמים שפּירט ער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דעם מתים-גערוך.

אָבער די הויפלײַט, די בישאָפן, די סריסים, די מיליטער-פירער באַגריטן דעם קייסער, ווי ער וואָלט נאָך געלעבט; די געזאַנדטע בוקן זיך פאַר אים, דאַנקען אים, אָפּהיטנדיק דעם פּראַכטפולן עטיקעט; די הויכע לײַט לייענען איבער די עדיקטן, די געזעצן, די סענאַט-באַשלוסן; בעטן באַם טויטן אַ באַשטעטיקונג אויף דעם אַלעם, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געקאָנט הערן; און דאָס חניפהדיקע שעפּטשען טראָגט זיך איבערן המון: מ'פאַרזיכערט איינס דאָס אַנדערע, אַז ער איז אַזוי גרויס מכלומרשט, אַז לויט אַ באַזונדערן חסד פון אייבערשטן, רעגירט ער אפילו נאָכן טויט אויך.

יוליאַן ווייסט, אַז קאָנסטאַנטין האָט דערהרגעט זײַן אייגענעם זון; די גאַנצע שולד פונם יונגן העלד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט אים צופיל ליב געהאַט; די שטיפמוטער האָט אָנגערעדט אויפן זון: זי האָט געפילט צום שטיפזון אַ פאַרבאָטענע ליבע און זי האָט זיך אָן אים נוקם געווען, ווי פעדרע אָן היפּאָליטן; דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם קייסערס ווײַב פירט אַ פאַרברעכערישע ליבע מיט איינעם פון די קנעכט, וואָס דינט אין די קייסערלעכע שטאַלן, און מ'האָט זי דערשטיקט אין אַן אָנגעהיצט באָד. — עס קומט די צײַט אויך אויף דעם ערלעכן ליציניוסן. איין מת נאָכן אַנדערן, איין קרבן נאָכן אַנדערן. — דער קייסער בעט די היעראָפאַנטן פון די געצנדינערישע מיסטעריעס, זיי זאָלן אים מכפר זײַן די זינד זײַנע. — זיי זאָגן אים אָבער אָפּ. דעמאָלט איז עפּעס אַ בישאָף געלונגען אים אײַנצורעדן, אַז נאָר בלויז אין דער קריסטלעכער רעליגיע זענען פאַראַן אַזעלכע געהיימע ליטורגיעס, וועלכע קאָנען ריין וואַשן אפילו פון אַזעלכע פאַרברעכנס אויך. און אָט בלאַנקט איצט דער פּרעכטיקער „לאַבאַרום“, די הייליקע פאָן מיט קריסטוסעס נאָמען, אויסגעזיצט פון טײַערע שטיינער, איבערן טויטן-בעט פונם מערדער פון זײַן אייגענעם זון.

יוליאַן האָט זיך געוואָלט אויפכאַפּן, עפענען די אויגן און נישט געקאָנט. די טראָפּנס האָבן אָפּגעהילכט ווי פריער, אַראָפּפאַלנדיק ווי שווערע, זעלטענע טרערן און דער ווינט האָט געברוישט; נאָר אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט דער ווינט רוישט דאָס, נאָר לאַבדע, ווי אַן אַלטע געטין פון גורל, רוימט אים שעפּטשענדיק אין אויער אַרײַן די שרעקלעכע מעשיות וועגן די פלאַוויוסעס.

און יוליאַנען חלומט זיך, אַז עס הייסט אויף אים עפּעס אַ בײַכט.

קייט און א קעלט; ער געפינט זיך צווישן פאַרפירענע טרומנעס, וווּ עס ליגן די ביינער פון די קייסרים, אין א הייל, אין קאָנסטאַנציוס כלאָרס פּאַמיליען-קבר. לאַבדע באַהאַלט אים עפּעס ערגעץ אין א פינצטער ווינקל צווישן די טרומנעס און הילט מיט עפּעס איין דעם קראַנקן גאַללוסן, וועלכער ציטערט אין פיבער. פּלוצלינג דערהערט זיך אינדערהייך, אין פּאַלאַץ, א שרעקלעך, יעמערלעך געשריי, עס טראָגט זיך פון איין צימער אין אַנדערן איבער די שטיינערנע געוועלבטע סופיטן פון די ליידיקע, הילכיקע זאַלן. יוליאַן דערקענט — דאָס איז זיין פאָטערס קול — ער וויל אים ענטפערן מיט א געשריי, לויפן צו אים וואָס גיכער. לאַבדע האַלט אים אָבער צו מיט אירע ביינערדיקע הענט און רויכט אים איין: „שווייג, שווייג, אז נישט וועלן זיי באַלד קומען אהער!“ און זי פאַרדעקט אים איינגאַנצן איבערן קאָפּ אַריבער. דערנאָך דערהערן זיך אויף די טרעפּ אייליקע טריט — אַלעמאָל נעענטער, נעענטער. לאַבדע צלמט איבער די קינדער, מורמלט אַרויס עפּעס השבעות. עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין דער טיר און בא דער שיין פון די שטורקאַצן רייסן זיך אַריין דעם קייסערס מיליטער-לייט, איבערגעטון אין גזירישע מלבושים; פאַרויס גייט דער בישאָף עוזעביוס פון ניקאָמעדיע; די פאַנצערן פינקלען הינטער די שוואַרצע גזירישע עאַביטן. „אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט! ענטפערט, ווער איז דאָ פאַראַן?“ לאַבדע מיט די קינדער ליגן פאַרבאָרגן אין זייער ווינקל. און נאָכאַמאָל: „אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט — ווער איז דאָ פאַראַן?“ און ווידער צום דריטן מאָל. דערנאָך זוכן שוין די מערדערס מיט די בלאַנקע שווערדן אין די הענט. לאַבדע פאַלט זיי צו די פיס, ווייזט זיי אויף דעם קראַנקן גאַלוסן, אויף דעם קליינעם אומבאַהאָלפענעם יוליאַנען: „גאָט איז מיט אייך! וואָס קאָן דען שלעכטס טון דעם קייסער א פינפיעריק קינד?“ און די מיליטער-לייט צווינגען זיי אַלע דריי צו קושן דעם צלם אין עוזעביוסעס האַנט און שווערן טרייהייט דעם נייעם קייסער. יוליאַן געדענקט גוט דעם גרויסן צלם פון ציפּרעסן-האָלץ מיט דעם עמאַליענעם קריסטוס אויף אים: אונטן, אויפן אַלטן האָלץ האָבן זיך געזעען בולטע סימנים פון פרישן בלוט, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן צלם דורך דער האַנט פונם מערדער, וועלכער האַלט איצט דעם צלם אין דער האַנט; אפשר איז עס דאָס בלוט פון זיין פאָטער, אָדער פון זיינע זעקס שוועסטערן-קינדער: דאַלמאַטיוס, האַניבאַליאַנוס, נעפּאָציאַנוס, קאָנסטאַנטין דעם יינגערנס, אָדער די איבעריקעס: איבער זיבן דערמאָרדעטע האָט דער

ברודער-מערדער אַריבערגעשפּרייזט אויפן וועג צום טראָן, — און דאָס אַלץ איז געשעען אין נאָמען פון דעם געקרייציקטן.

יוליאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער שטילקייט און שרעק. די הילכיקע, זעלטענע טראָפּנס האָבן אויפגעהערט צו פאַלן. דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט. דער אייל-לאָמפּ אין דער נישע האָט העל געלויכטן מיט אַ לאַנגער דינער צונג. ער איז אויפגעשפּרונגען אויפן געלעגער און זיך איינגעהערט צום קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ. די שטילקייט איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע.

פּלוצלינג האָבן זיך פון אונטן דערהערט קולות און טריט, זיי האָבן זיך געטראָגן פון איין צימער אין אַנדערן, איבער די געוועלבטע סופיטן פון די ליידיקע, הילכיקע זאַלן, — דאָ אין מאַצעללום, פּונקט אַזוי ווי דאָרט אינם פאַמיליען-קבר פון דער פלאַוויוס-דינאַסטיע. יוליאַן האָט אַ ציטער געטון; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט נאָך אַלץ דעם שרעקלעכן חלום. די טריט זענען אָבער אַלעמאָל נענטער געוואָרן, די שטימען זענען געוואָרן הולכער. ער האָט אַ געשריי געטון:

— ברודער! ברודער! דו שלאָפסט? מאַרדאָניוס? איר הערט?

גאַללוס האָט זיך אויפגעכאַפּט. מאַרדאָניוס, אַ באַרמעסער, מיט צעשויבערטע גרויע האָר און אַ קורצינקער נאַכט-טוניק — אַ סריס, מיט אַן איינגעשרומפּן, געל, וואַסערדיק פּנים, ענלעך צו אַן אַלטער באָביצע — האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער געהיימער טיר.

— דעם פּרעפעקטס זעלנער! טוט אייך שנעל אָן! מ׳דאַרף שוין אַנטלויפן!

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. עס האָט זיך דערהערט אַ בראַזג פון אייזן. דאָס קליינע אייזערנע טירל האָט שוין עמעץ פאַרשלאָסן פון אויסנווייניק. אויף די שטיינערנע זיילן פון די טרעפּ האָט אַ שיין געטון דער פלאַם פון שטורקאַצן און באַלד דערנאָך האָט זיך באַוויזן דעם דראַקאָנאַריוסעס פּורפּורנע הערב-פאָן און אַ בלישטשענדיקער צלם מיט קריסטוסעס מאָנאָגראַם אויף אַ העלם בא איינעם פון די מיליטער-לייט.

— אין נאָמען פון גערעכטיקן, הייליקן אויגוסט, דעם קייסער קאָנסטאַנציוס, — איך, מאַרקוס סקודילאָ, דער טריבון פונם לעגיאָן פּרעטענזיס נעם אונטער מיין וואַך יוליאַנען און גאַללוסן, די זין פון דעם פּאַטריציער יוליוס.

מאַרדאָניוס האָט פאַרשטעלט פאַר די זעלנער דעם וועג צו דער

טיר פונם שלאָפצימער, שטייענדיק אין אַ מיליטערישער פּאָזע, מיט אַ שווערד אין דער האַנט; די שווערד איז געווען אַ שטומפּיקע, און האָט צו גאָרנישט געטויגט: זי האָט גענוצט דעם אַלטן פּעדאַגאָג בלויז דערויף, כּדי צו ווייזן באַשיינפּערלעך זיינע שילער בשעת די לעקציעס פון איליאַדע, ווי אַזוי, מיט וועלכע באַוועגונגען פונם קערפּער, העקטאָר האָט געקעמפט מיט אַכיללעסן, דערדאָזיקער אַכיללעס וואָלט מיט זיין שווערד נישט געקאָנט שעכטן קיין הון אפילו. איצט אָבער האָט ער מיט דערדאָזיקער שווערד זיינער געפּאָכט פּובליוסן פאַר דער נאָז לויט אַלע דינים פון דער מיליטערישער קונסט פון האָמערס ציימן. פּובליוס איז אָבער געווען שיכּור, האָט עס אים אויפגערעגט:

— אוועק פונם וועג, דו פּענכער, דו בלאָזזעקל! איזעק. אויב דו ווילסט נישט, איך זאָל דיך דורכלעכערן און צרויסלאָזן די לופט פון דיר!

ער האָט אָנגעכאַפּט מאַרדאָניוסן באַם האַלז און אים אַ וואָרף געטון העט-ווייט, דער אַלטער האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אין דער וואַנט און איז שיער נישט אומגעפאַלן. סקודילאָ איז צוגעלאָפן צו דער טיר און זי אויפגעפּראַלט.

דער אומבאַוועגלעכער פּלאַם פונם אייל-לאָמפּ האָט אַ ציטער געטון און בלאַסער געוואָרן באַ דער שיין פון דעם רויטן שטורקאַצן-פייער. דער טריבון האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערזעען די צוויי איינציק-איבערגעבליבענע יורשים פון קאָנסטאַנציוס כלאָר.

גאַללוס האָט אויסגעזעען הויך, פעסט: נאָר זיין פּנים איז געווען צאַרט, ווייס און מאַט, ווי באַ אַ מיידל; די אויגן העל-בלויע, אַפּאַ-טישע, גלייכגילטיקע; די האָר בלאָנדע, ווייסע ווי פלאַקס (אַ משפּחה-סימן פון אַלע פלאַוויוסעס), דראָבנע, געקרייזלטע לעקעלעך האָבן באַדעקט זיין דיקן, כּמעט פעטן האַלז. נישט קוקנדיק אויף דעם פעסט-געבויטן קערפּער און אויף דעם, וואָס עס האָט אים שוין אָנגעהויבן שפּראָצן אַ באָרד, האָט דער אַכצניעריקער גאַללוס איצט אויסגעזעען ווי גאָר אַ יונג יינגל: אַזאַ קינדערישע פאַרוווּנדערונג און אַזאַ פּחד איז געווען אויסגעדריקט אויף זיין פּנים; די ליפּן האָבן אים געציטערט, ווי באַ קליינע קינדער, ווען זיי האַלטן באַ וויינען; ער האָט אומבאַהאָלפן געצוקט מיט די ווייסינקע וויעס פון די אויגן-לעדלעך; די דערשראָקענע אויגן זענען געווען רויט, אָנגעשוואָלן פון שלאָף, מיט די ציטערנדיקע

הענט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין צלמן און געמורמלט אַן אויפהער:
„רבונו של עולם, העלף! רבונו של עולם, העלף!"

יוליאַן איז געווען אַ קינד אַ מאָגערס, אַ קליינס, אַ בלייכס; אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ מיאוס, די שטריכן נישט רעגלמעסיקע; האָר שוואַרצע, אויסגעצויגענע, האַרטע; די נאָז אַ גרויסע; די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעשטאַרצט. נאָר די אויגן זיינע זענען געווען אויסטערליש־מאָדנע, אַז מ'האָט אויף זיי איין מאָל אַ קוק געטון, האָט מען זיי שוין קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן, — גרויסע, אומגעוויינלעכע, מיניענדיקע. זיי האָבן עפּעס אַזוי אָנגעשטרענגט, קרענקלעך, נישט־קינדעריש געגלאַנצט, אַז טיילמאָל פלעגן זיי אויסזעען ווי משוגענע. פּובליוס, וועלכער האָט נישט איינמאָל אין זיינע יינגערע יאָרן געזעען קאָנסטאַנטין דעם גרויסן, האָט אַ טראַכט געטון:

— דאָסדאָזיקע יינגל וועט איינגאַנצן ענלעך זיין צום פעטער.

יוליאַנס שרעק פאַר די זעלנער איז פאַרשוואונדן: אַ כעס האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער איז געשטאַנען מיט שטאַרק צונויפגעקוועטשטע ציין, מיט דער באַרסן־פעל פון זיין געלעגער אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, און געקוקט אויף סקודילאָן מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק פון הינטערן שטערן אַפער, די אונטערשטע ליפּ האָט בא אים געציטערט; מיט דער רעכטער האַנט האָט ער הינטער דער באַרסן־פעל צוגעדריקט דאָס הענטל פונם פערסישן קינזשאַל, וועלכן לאַבדע האָט אים געהאַט בשתיקה געשאָנקען; די קלינג פונם קינזשאַל איז געווען פאַרסמט.

— אַ קליין וועלפעלע! — האָט איינער פון די לעגיאָנערן אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק דעם חבר זיינעם אויף יוליאַנען.

סקודילאָ איז שוין גרייט געווען אַריבערצושפּריינגען איבער דער שוועל פון שלאָפצימער, פּלוצלינג איז אָבער מאַרדאָניוסן איינגעפאַלן אַ נייער געדאַנק. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די אומטויגלעכע שווערד, זיך אָנגעקלאַמערט מיט די הענט אָן דעם טריבון און פּלוצלינג אָנגעהויבן ליאַרעמען מיט זיין דין ווייבעריש שטימעלע:

— וואָס טוט איר, אויסוואורפן! ווי וואַגט איר צו באַליידיקן דעם קייסער קאָנסטאַנציוסעס שליח? איך האָב באַקומען אַ פאַראָרדנונג צו ברענגען די צוויי בחורים אין קייסערלעכן הויף אריין. דער אויגוסט האָט זיי צוריקגעשאָנקען זיין חסד. אָט איז דער באַפעל.

— וואָס זאָגט ער עפּעס? וואָס פאַר אַ באַפעל?

סקודילאָ האָט אַ קוק געטון אויף מאַרדאָניוסן: זיין אַלט, איינ־

געשרומפּן פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז טאַקע באמת אַ סריס. דער טריבון האָט פריער מאַרדאָניוסן קיינמאָל נישט געהאַט געזען, געוווּסט האָט ער אָבער זייער גוט, אַז סריסים שפּילן אין קייסערלעכן הויף זייער אַ וויכטיקע ראָל.

מאַרדאָניוס האָט אַרויסגענומען פון דעם ספרים־קאַסטן, ווו עס זענען בײַ אים געלעגן העזיאָד און האָמער, אַ פּאַרמעטענע מגילה און זי דערלאַנגט דעם טריבון.

סקודילאָ האָט זי אויפגעוויקלט און דאָס פּנים איז אים ווייס געוואָרן ווי קרייד; ער האָט בלויז איבערגעלייענט די ערשטע עטלעכע ווערטער, דעם נאָמען פונם קייסער, וועלכער האָט זיך, ווי אין יעדן עדיקט, גערופן „אונזער אייביקייט“ און נישט באַמערקט די דאַטע, ווען דער עדיקט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. און ווען ער האָט נאָך דערצו דערזען דעם גרויסן גוט באַקאַנטן קייסערלעכן חותם פון גרינעם וואַקס, וואָס איז אויף די געגילדטע טאַשמעס נאָכגעהאָנגען נאָך דער מגילה, — איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן און די קני האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט.

— זײַ מיר מוחל. אַ טעות עפּעס...

— אַ. איר געמיינע ברואים! אַרויס פונדאַנען! אייער געביין זאָל שוין דאָ נישט זײַן! ער איז נאָך שיכור דערצו! דער קייסער וועט דאָס אַלץ וויסן!

מאַרדאָניוס האָט אַרויסגעריסן די מגילה פון סקודילאָס ציטערנדיקע הענט.

— מאַך מיך נישט אומגליקלעך! מיר זענען דאָך אַלע ברידער, אַלע זינדיקע מענטשן! איך בעט דיך, האָב רחמנות. אין נאָמען פון קריסטוסן!

— איך ווייס שוין, איך ווייס שוין, וואָס איר טוט אַלץ אָפּ אין קריסטוסעס נאָמען, אויסוווּרפן אַזעלכע! שוין אַרויס פונדאַנען!

דער אומגליקלעכער טריבון האָט אַ ווונק געטון צו זײַנע זעלנער, זיי זאָלן אָפּטרעטן. דעמאָלט האָט מאַרדאָניוס צוריק אויפגעהויבן די שטומפּיקע שווערד און פאָכענדיק מיט איר, איז ער צוריק ענלעך געוואָרן צו אַ מלחמה־פירער פון האָמערס צײַטן. בלויז דער שיכורער צענטוריאָן אַליין האָט זיך נאָך אַלץ געריסן צו אים און געשריגן:

— לאָזט מיך, לאָזט מיך! אָט טו איך אים אַ לעכער דורך, דעם אַלטן בלאָזזאַק, לאָמיך נאָר זען, ווי אַזוי ער וועט פּלאַצן!

מ'האָט דעם שיכורן אַ כאַפּ געטון אונטער די הענט און אַרויסגעפירט.

ווען די טריט פון די זעלנער זענען אַנטשוויגן געוואָרן און מאַרדאַניוס האָט זיך איבערצייגט, אַז די געפאַר איז שוין אַריבער, האָט ער זיך הויך צעלאַכט; דער לאַבעריקער ווייבערישער קערפּער פונם סריס האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן פון געלעכטער; ער האָט פאַרגעסן וועגן זיין וויכטיקן אַמט אַלס פּעדאַגאָג און וועגן דעם, אַז דערדאָזיקער אַמט איז אים מתחיב צו אַן ערנסטער האַלטונג, ער האָט אונטערגעטאַנצט מיט די דאַרע נאַקעטע פיס אין דער קורצער נאַכט-טוניק, און געשריגן פון נחת:

— קינדער, קינדער מיינע! געלויבט זאָל זיין הערמעס! מיר האָבן זיי פעסט אונטערגעפירט! דערדאָזיקער עדיקט איז שוין אפשר דריי יאָר נישט גילטיק. אוי, נאַראָנים, דאָס הייסט נאַראָנים!...

פאַרטאָג איז יוליאַן פעסט איינגעשלאָפן. ער איז געשלאָפן רויק. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שפּעט, אַ מונטערער, אַ פריילעכער, ווען דער בלויער הימל האָט שוין אַריינגעשיינט דורך דעם הויכן פאַרקראַטעוועטן פענצטער אין שלאָפצימער אַריין.

III.

באַלד אינדערפרי פלעגט זיין די לעקציע קאַטעכיזם. טעאָלאָגיע האָט זיי געלערנט אַן אַנדערער לערער, דער מאָנאַך עוטראָפּיוס. ער איז געווען אַן אַריאַנישער פּרעסביטער מיט שטענדיק פייכטע, קאַלטע ביינערדיקע הענט, מיט אומעטיק-בלאַסע זשאַבע-אויגן, אַן איינגעהויקערטער, אַ הויכער ווי אַ דראָנג, און אַ דאַרער ווי אַ שפּאָן. ער האָט געהאַט אַ מיאוסע געוווינהייט זיך בשתיקה אַלעמאָל אַ לעק צו טון די דלאָניע און אויף דער גיך צוצוגלעטן מיט דער נאַסער האַנט די אָפּגעבליאַקעוועטע גרויע הערעלעך באַ די שלייפן און תיכף נאָך דעם אַריינשטעקן איין האַנט אין דער אַנדערער און אויסקנאַקן די פינגער. יוליאַן האָט שוין געוווּסט פון שטענדיק אָן, אַז נאָך דעם לעק מיט דער צונג און דעם גלעטן די האָר מוז קומען דאָס אויסקנאַקן די פינגער, און דאָסדאָזיקע האָט אים שטענדיק אויפגערעגט. עוטראָפּיוס האָט געטראָגן אַ שוואַרצן האַביט, אַ געלאַטעטן, מיט אַן אַ שיעור פלעקן און געהאַלטן אין איין

פארזיכערן, אז ער טראָגט דאָסדאָזיקע מלבוש נאָר צוליב עניוות; באמת אָבער איז ער געווען א קאַרגע בריאה.

דער בישאָף עוזעביוס, יוליאַנס גייסטיקער אפיטראָפּוס, האָט פּאַר אים אויסגעוויילט אָט דעמדאָזיקן מדריך.

דער מאָנאַך האָט געהאַלטן זיין שילער פאַר א „בן סורר ומורה". ער פלעגט זאָגן, אז צוליב זיינע „געהיימע ווידערשפּעניקע געדאַנקען" וועט ער ירשנען דאָס אייביקע גיהנום, אויב ער וועט נישט תשובה טון. עוטראָפּיוס האָט אים כּסדר געהאַלטן אין איין פריידיקן, אז ער איז מחויב צו האָבן די בעסטע געפילן צו זיין בעל-טובה, דעם קייסער קאָנסטאַנציוס. ווען ער פלעגט אים אויסטייטשן דעם נייעם טעסטאַמענט, צי די אַריאַנישע דאָגמען, צי עפּעס א נביאה, — שטענדיק פלעגט ער זיינע רייד צופירן צו דעמזעלבן ציל. צו דעמדאָזיקן „שורש פון הייליקער געהאָרכזאַמקייט און הכנעהדיקייט צום קייסער". — עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אז די גרויסע מעשים פון אָפּערוויליקייט און ליבע, די מאַרטירערישע קרבנות — דאָס זענען נאָר בלויז שטאַפּלען אַזעלכע, אויף וועלכע דער טריומפאַטאָר קאָנסטאַנציוס האָט געדאַרפט אַרויפשטייגן אויפן טראָן. נאָר טיילמאָל, בשעת דער מאָנאַך פלעגט רעדן וועגן די חסדים, וואָס דער קייסער טוט מיט אים, מיט יוליאַנען, פלעגט דאָס יינגל קוקן דעם לערער גלייך אין די אויגן אריין מיט א טיפן, דורכדרינגלעכן בליק; ער האָט דעמאָלט גוט געוווּסט, וואָס דער מאָנאַך טראַכט באַ זיך איצט, פּונקט ווי דער מאָנאַך האָט פאַרשטאַנען די געדאַנקען פון זיין שילער. ביידע האָבן אָבער נישט גערעדט וועגן דעם קיין וואָרט.

און אויב שפּעטער, נאָך אַזאַ פאַל, פלעגט יוליאַן פאַרגעסן פינקטלעך אויסצורעכענען די אבות פון דעם אַלטן טעסטאַמענט, אָדער פלעגט האָבן שוואַך איינגעחזרט עפּעס א תפילה, פלעגט אויף אים עוטראָפּיוס אויך אזוי שטילשווייגנדיק קוקן מיט זיינע זשאַבע-אויגן און מיט פאַרגעניגן אים אָנגעמען פאַמעלעך מיט צוויי פינגער באַם אויער, ווי ער וואָלט אים כּלומרשט געוואָלט א גלעט טון; דאָס קינד האָט אָבער בשעת-מעשה געפילט ווי אין זיין אויער שטעקן זיך פאַמעלעך אריין דעם מאָנאַכס צוויי שפּיציקע, שאַרפע נעגל.

נישט קוקנדיק אויף דעם מרה-שחורהדיקן אויסזען, האָט עוטראָפּיוס געהאַט עפּעס א מין אייגנאַרטיקן, לצנותדיקן, פריילעכן כאַראַקטער; ער פלעגט רופן דעם שילער זיינעם מיט די צערטלעכסטע צונעמענישן:

טײַערער אוצר מײַנער", „בכור פון מײַן נשמה", „ליב קינד מײַנס" און חזק מאַכן פון זײַן קײסעריש̈לעכער אָפּשטאַמונג. בשעת ער פלעגט אים אַ קניפּ טון אין אויער אַרײַן און יוליאַן פלעגט יעדעס מאָל בלאַס ווערן ביז שטן פון ווײַטיק, נאָר פון כעס, פלעגט דער מאַנאַך מיט אַ כלומרשטער הכנעה אַרויסרעדן:

— אפשר איז דײַן מאַיעסטעט אין כעס אויף דעם אונטערנעניקן, באַרישן קנעכט זײַנעם עוטראָפּיוסן?

און אַ לעק טוענדיק די דלאָניע, פלעגט ער צוגלעטן אַ ביסל די הערעלעך אויף די שלײפן און באַלד דערנאָך אויסקנאַקן די פינגער, זאָגנדיק בשעת מעשה, אַז שלעכטע, פוילע ייִנגלעך שאַדט נישט אַמאָל אָנצולערנען מיט דער רוט אויך און אַז וועגן דעם איז אפילו פאַראַן אַ פסוק אין דער הייליקער תורה: „די רוט לײַטערט דעם ווידערשפּעניקן און פינצטערן שכל". ער האָט דאָסדאָזיקע געזאָגט בלויז דעריבער, כדי אַרויסצוטרײַבן פון יוליאַנען דעם „טײַוולישן גײַסט פון שטאָלצקײט": דאָס ייִנגל האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז עוטראָפּיוס וועט נישט וואַגן אויסצופירן זײַן דראָונג; דער מאַנאַך איז אויך זיכער געווען בײַ זיך, אַז דאָס ייִנגל וואָלט גיכער געשטאָרבן, אײדער זיך געלאָזט אָפּשמײַסן; פונדעסטוועגן פלעגט דער לערער גאַנץ אָפט איבערחזרן דידאָזיקע דראָונג זײַנע.

אײנמאָל אין סוף פון דער לעקציע, בשעת דער מאַנאַך האָט אין אים אַרײַנגעקנעלט אַ קאַפּיטל פון אַלטן טעסטאַמענט, האָט יוליאַן זיך עפּעס אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן די אַנטיפּאָדן. ער האָט עפּעס געהאַט אַמאָל געהערט וועגן דעם פון מאַרדאָניוסן. אפשר האָט ער עס געטון בכיוון, כדי דעם מאַנאַך אַרײַנצוברענגען אין כעס; אָבער עוטראָפּיוס האָט זיך גאָר צעלאָזט מיט אַ דין, קלינגענדיק געלעכטערל, פאַרדעקנדיק זיך מיט דער האַנט דאָס מויל:

— פון וועמען האָסטו, טײַערער אוצר, געהערט וועגן אַנטיפּאָדן? אוי, אַ געלעכטער, כ'זאָל אַזוי זעען דאָס ליכטיקע גן-עדן, אַ געלעכטער! איך ווײס, איך ווײס, דער אַלטער נאַר פּלאַטאָן רעדט עפּעס וועגן דידאָזיקע זאַכן. און דו ביסט שוין גרײט געווען צו גלײבן, אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס גײען מיט די פיס אַרויף?

עוטראָפּיוס האָט אָנגעהויבן צונישטצומאַכן די גאָטלעסטערנדיקע אפּיקורסות פון די פילאָזאָפן: איז דאָס נישט קײן אמת משוגעת! מענטשן, באַשאַפן בצלם אלקים, זאָלן גאָר פלוצלינג נעמען גײן אויפן קאָפּ און

חזק מאַכן, אַזוי צו זאָגן, פון דער הימלישער אויבערפלאַך? — און אַז יוליאַן האָט זיך געוואָלט אָננעמען פאַר די באַליידיקטע פילאָזאָפן און עפּעס דערמאַנט וועגן דעם, אַז די ערד איז קיילעכדיק, האָט עוטראָפּיוס פּלוצלינג אויפגעהערט צו לאַכן און אַריין אין אַזאַ רציחה, אַז ער איז אַזש אײַנגאַנצן רויט געוואָרן און אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס.

— פון דעם געצנדינער מאַרדאָניוס האָסטו דיך אָנגעהערט דידאָזיקע אפּיקורסישע מעשיות!

ווען ער פּלעגט זײַן אין כעס, פּלעגט ער זיך פאַרהאַקן אין רעדן און שפּריצן מיט שפּײַעכץ; דאָסדאָזיקע שפּײַעכץ האָט אין יוליאַנס אויגן אויסגעזען, ווי עס וואָלט געווען גיפטיק. דער מאַנאַך איז מיט היץ אָנגעפאַלן די חכמים פון גריכנלאַנד; ער האָט אינגאַנצן געדאַט פאַרגעסן, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ קינד און שוין ווײַטער גערדשנט מיט אַן ערנסטן טאָן; יוליאַנס באַמערקונג האָט אים געטראָפן ביזן ביין אַרײַן און ער האָט פּיטאַגאָראַסן „דעם עובר-בטלניק" באַשולדיקט אין אומפאַרשעמטער חוצפּה; וועגן פּלאַטאָנס אָנזיניקע פּלאַפּלערייען, האָט ער געפּייערט, לוינט אפילו נישט צו רעדן קיין וואָרט; ער האָט זיי פּשוט אָנגערופן „עקלהאַפטיקע"; סאָקראַטעסעס לערע האָט ער אָנגערופן „אַן אײַנפאַך משוגעת".

— לייען נאָר, װאָס דיאָגענעס לאַערציוס זאָגט װעגן סאָקראַטעסן, — האָט ער מיט בײַזער הנאה געטענהט צו יוליאַנען, — דו װעסט געהויר ווערן בײַ אים, אַז סאָקראַטעס איז געווען אַ וווכערניק. אויסער דעם, האָט ער זיך באַפלעקט מיט די עקלהאַפטסטע פאַרברעכנס, װעלכע עס פּאַסט אפילו נישט צו ברענגען איבערן מויל.

אַ גאַנץ באַזונדערע שנאה האָט ער געהאַט צו עפּיקורעסן:

— דעמדאָזיקן האַלט איך גאָרנישט פאַר נייטיק צו ענטפערן. די חיהשקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַלע מינים תאוות, די נידעריקייט, מיט וועלכער ער איז געוואָרן אַ קנעכט פון די גראָבע תענוגים, זענען דער בעסטער באַווײַז, אַז ער איז געווען נישט קיין מענטש, נאָר אַ חיה.

ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט ער אים אָנגעהויבן אויסצוטײַטשן די מינדסטע ניואַנסן פון דער אַריאַנישער דאָגמע און מיט דעם זעלבן ברען ווי פריער אָנגעפאַלן אויף דער אָרטאָדאָקסיש-קריסטלעכער קירך אַלס אפּיקורסישער.

דורכן פענצטער האָט אַרײַנגעשמעקט די פרישקייט פונם גאָרטן.

יוליאַן האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט כּלומרשט געהערט, וואָס עוטראַפּיוס רעדט צו אים; באמת האָט ער אָבער געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש — וועגן זיין געליבטן לערער מאַרדאָניוס; וועגן זיינע קלוגע שמועסן, וועגן דעם לייענען האָמערן, העזיאָדן: ווי נישט ענלעך יענע לעקציעס זענען צום מאָנאַכס דרשות!

מאַרדאָניוס האָט האָמערן נישט געלייענט, נאָר געזונגען, לויטן מנהג פון די פּאַרצייטישע ראַפּסאָדן; לאַבדע פלעגט חוזק מאַכן, אַז ער „וואָיעט ווי אַ הונט צו דער לבנה". אינדערראַמתן, האָט יעדער, ווער עס האָט זיין זינגען דאָס ערשטע מאָל געהערט, זיך געמוזט צעלאַכן: דער אַלטער סריס פלעגט אַקצענטירן יעדע טייל פון העקזאַמעטער, מאַכן דערביי צום טאַקט מיט די הענט און זיין געל, געדרונצלט פּנים האָט בשעת־מעשה געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך ערנסט אויסזען. דאָס דינע ווייבערישע שטימעלע זיינס פלעגט זיך אָבער דערווייל אויפהייבן וואָס אַמאָל העכער און העכער. יוליאַן האָט לחלוטין נישט באַמערקט דידאָזיקע לעכערלעכקייט: אַ פרעסטל פון תענוג פלעגט דורכלויפן איבער זיין קערפּער; די געטלעכע העקזאַמעטרן האָבן זיך געגאָסן און געדרוישט ווי די כוואַליעס: ער האָט געזען פאַר די אויגן, ווי אַנדראָמאַכע געזעגנט זיך מיט העקטאָרן, ווי אָדיסעוס בענקט אַהיים קיין איטאַקע, זיצנדיק אויפן אינזל קאַליפּסאָ בּאַ דעם טרויעריקן, וויסטן ים. און דעם ייִנגלס האַרץ האָט געקלעמט פון זיסער ווייטיק, פון בענקשאַפט נאָך העללאַדע — דעם היימלאַנד פון די געטער, דעם היימלאַנד פון יעדן, וועלכער האָט ליב די שיינקייט. טרערן האָבן געציטערט אינם לערערס שטימע, טרערן זענען גערונען איבער זיינע געלע באַקן.

טיילמאָל פלעגט מיט אים מאַרדאָניוס שמועסן וועגן חכמה, וועגן אויסגעהאַלטנקייט און גוטע מידות, וועגן דעם, ווי העלדן זענען געשטאָרבן פאַר דער פרייהייט. — אָ, ווי נישט ענלעך זיינע רייד זענען געווען צו עוטראַפּיוסעס! — ער פלעגט אים דערציילן וועגן סאָקראַטעסעס לעבן; און ווען ער פלעגט צוקומען צו דער אַפּאָלאָגיע, וועלכע סאָקראַטעס האָט געהאַלטן פאַר די אַטענער, פלעגט ער אויפשפּרינגען און האַלטן דעם פילאָזאָפס רעדע פון אויסנווייניק; זיין פּנים פלעגט באַקומען אַן אויסדרוק פון רויקייט און פאַראַכטונג: עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין פאַרמשפּטער רעדט דאָס, נאָר אַ שופט פון זיין פאָלק; סאָקראַטעס בעט נישט קיין חסד, קיין רחמים; די גאַנצע מאַכט, אַלע געזעצן פון דער מלוכה זענען גאָרנישט קעגן דער פרייהייט פון

מענטשלעכן גייסט ; די אַטענער קאָנען אים טויטן, אָבער צונעמען בײַ זיין אומשטערבלעכער נשמה די פרייהייט, דאָס גליק — דאָס קאָנען זיי נישט. — און ווען דערדאָזיקער סקיט, דערדאָזיקער באַרבאַר, דער געקויפטער קנעכט פון די בריגן באַם באַריסטען פלעגט אויסשרייען : „פרייהייט !” — האָט זיך יוליאַנען געדאַכט, אַז אין דעמדאָזיקן וואָרט ליגט אַזאַ מין שיינקייט, פאַר וועלכער עס ווערן פאַרשעמט האָמערס אַלע בילדער. — און קוקנדיק אויפן לערער מיט ברייט-געעפנטע, כמעט וואַנזיניקע אויגן, פלעגט ער ציטערן און פיבערן פאַר תענוג.

דאָס יינגל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע מחשבות, ער האָט דערפילט באַם אויער די באַרירונג פון די קאַלטע,ביינערדיקע פינגער. די לעקציע קאַטעכיזם האָט זיך געענדיקט. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קניען און אָפּגעזאָגט די דאַנק-תפילה. דערנאָך, פטור ווערנדיק פון עוטראָפּיוסן, איז ער אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימערל, גענומען אַ בוך און אַוועק אין זיין באַליבט ווינקעלע אין גאָרטן, אַ ביסל לייענען אויף דער פריי. דאָך בוך איז געווען אַ פאַרבאָטנס — „די סעודה” פונם אַפּיקורס און צולהכעיסניק פּלאַטאָן. אויף די טרעפּ האָט זיך יוליאַן אומגעריכט אָנגעשטויסן אויף עוטראָפּיוסן, וועלכער האָט שוין געזאָלט אַוועקגיין.

— וואַרט גאָר, וואַרט נאָר, טייערער אוצר. וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ ביכעלע, דיין מאַיעסטעט ?

יוליאַן האָט אים גאַנץ רויק אָנגעקוקט און דערלאַנגט דאָס בוך.

אויף דער פּאַרמעטענער הילע האָט דער מאָנאַך איבערגעלייענט דעם טיטול, אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות : „די חזיונות פון אַפּאָסטאָל פּאַולוס”. ער האָט אים צוריקגעגעבן דאָס בוך פאַרמאַכטערהייט.

— אָט, אָט אַזוי. זאָלסט געדענקען, אַז פאַר דיין נשמה בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאָט און פאַרן גרויסן קייסער. לייען נישט קיין אַפּיקורסישע ביכער און דער עיקר יענע פילאָזאָפן, וואָס איך האָב פאַר דיר היינט גערעדט וועגן זייער נישטיקער חכמה.

דאָס איז געווען דעם יינגלס אַ שטענדיקע קונץ : ער פלעגט די טריפהנע ביכער איינוויקלען אין הילעס מיט אַ כשרן טיטול. יוליאַן האָט זיך אויסגעלערנט אָפּנאַרן און פאַרשטעלן זיך אין דעם פון קינדהיי-אָן. ער פלעגט שפּאַרן הנאה האָבן, ווען עס פלעגט אים געלונגען וועמען אָפּצונאַרן, צומיינסטן עוטראָפּיוסן. ער פלעגט אַמאָל מאַכן אַן אָנשטעל,

ליגנט זאָגן, אָפּגעאַרן אָן אַ שום סיבה, פון געוווינהייט, מיט אַ געפיל פון ביידער הנאה, ווי ער וואָלט זיך נוקם געווען פאַר עפּעס; ער פלעגט נאַרן יעדן איינעם אויסער מאַרדאָניוסן.

אין מאַצעללום, צווישן די אָן אַ שיעור פּוסטעפּאַסניקעס, די באַדינערס און באַדינערינס, פלעגן זיך כסדר פירן רכילות, אינטריגעס, שפּיאָנעריי, אָן אַן עק און אָן אַ סוף. די הויף־משרתים, ווענדיק נושא־חן זיין באַם, קייסער פלעגן נאָכשפּירן באַטאָג און באַנאַכט די צוויי קייסערלעכע ברידער, אויף וועלכע דער קייסער קאָנסטאַנציוס האָט גע־וואָרפן אַן אומחן.

פון צייט יוליאַן געדענקט זיך, פלעגט ער זיך יעדן טאָג ריכטן אויפן טויט. ער איז ביסלעכווייז צוגעוווינט געוואָרן צו דער מורא, און געוווּסט, אַז דעם מינדסטן טריט קאָן ער נישט מאַכן נישט אין פּאַלאַץ און נישט אין סאָד, אַז טויזנטער אויגן זאָלן אים תּיכּף נישט אויפכאַפּן. דאָס ייִנגל פלעגט אַ סך זאַכן הערן, אַ סך פאַרשטיין, ער האָט אָבער געמוזט מאַכן אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט פאַרשטאַנען. איינמאָל האָט ער אונטערגעהערט עטלעכע ווערטער פון אַ געשפּרעך צווישן עוטראָפּיוסן און אַ שפּיאָן, וועלכן קאָנסטאַנציוס האָט געהאַט אונטערגעשיקט, ער האָט געהערט ווי דער מאָנאַך רופט אָן אים מיטן ברודער „קייסערלעכע הינטלעך". אַ צווייט מאָל האָט דאָס ייִנגל צופעליק אונטערגעהערט אין דער געדעקטער גאַלעריע אונטער די פענצ־טער פון דער קיך, ווי דער אַלטער שיכּור, דער קוכער, וועלכער איז פאַר עפּעס אין כּעס געווען אויף גאַללוסן, האָט געזאָגט צו זיין געליב־טער, דער דינסט, וועלכע האָט געוואַשן דאָס געפעס: „פּריסצילע, זאָל מיך גאָט אַזוי אָפּהיטן פון שלעכטס, ווי איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מ'האָט זיי נאָך ביז איצט נישט דערשטיקט!"

ווען יוליאַן איז נאָך דער לעקציע קאַטעכיזם אַרויסגעלאָפן פון שטוב און דערזעען דאָס פרישע גרינס פון די ביימער, האָט ער אָפּגע־זיפצט מיט פאַרלייכטערונג.

דער אייביקער שניי אויפן צווייקעפּיקן שפּיץ פון באַרג אַרגעוס האָט געפינקלט אויפן פאָן פונם בלויען הימל. פון די נאָענטע אייז־פעלדער האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ קילקייט. די אַלטע טראָפּישע דעמבעס מיט געדיכטע קרוינען פון טונקל־גרינע, קליינע, גלאַנצעדיקע בלעטלעך האָבן זיך געצויגן ווייט־ווייט; ערטערווייז האָט זיך דורכגעריסן אַ שטראַל און געטאַנצט אויף דער גרינגער הילע פון די פּלאַטאַן־ביימער. בלויז פון

איין זייט איז דער סאָד נישט געווען אַרומגערינגלט מיט קיין מויער: אין יענער זייט איז געווען אַן אָפּגרונט. אונטן האָט זיך אויסגעשפּרייט די מדבר און זיך געצויגן ווייט-ווייט, ביזן עק הימל, ביז די אַנטיטאָוקוס-בערג. פון דער מדבר האָט געבלאָזן אַ שרעקלעכע היץ. אָבער אין סאָד זענען געפלאָסן אַנצאָליקע קוואַלן וואַסער, זיי זענען אַראָפּגעפאַלן; מיט אַ געוואַלטיקן גערויש אין דער פאָרם פון וואַסער-פאַלן, געשלאָגן ווי פאָנטאַנען, געשימערירט ווי טייכעלעך אונטער די סוכות פון די אַלעאַנדער-ביימער. מאַצעללום איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען דאָס געליבטסטע מקום-מנוחה פון דעם פאַרשווענדערישן, האַלב-משוגענעם קאַפּאַדאָקישן מלך אַריאַראַפּעס.

יוליאַן איז מיט פּלאַטאָנס ספר אין דער האַנט אַוועק צו דער פאַרוואָרפענער הייל נישט ווייט פונם אָפּגרונט. דאָרט איז געשטאַנען אַ סטאַטוע פון גאָט פּאַן מיט פיס פון אַ באָק און געשפּילט אויף אַ פלייט. לעבן אים אַ קליינער אַלטאַר. אין אַ שטיינערנער מושל אַריין איז געפלאָסן וואַסער פון אַ לייבן-פּיסק אַרויס. דער איינגאַנג אין דער הייל איז געווען פאַרשטעלט מיט קושאַקעס געלע רויזן; פון צווישן זיי האָבן זיך דורכגעזעען די בלויליכע, פאַרנעפּלטע בערגלעך אין דער מדבר, ענלעך צו די כוואַליעס אויפן ים. די מדבר אינגאַנצן האָט אויסגעזעען ווי אַן אומענדלעכער ים; דער ריח פון די טיי-רויזן האָט אָנגעפילט די הייל. עס וואָלט דאָרט געווען דושנע, ווען נישט דער אייז-קאַלטער שטראָם וואַסער. דער ווינט האָט אַהערגעטראָגן בלאַס-געלע רויזן-בלעטלעך און זיי צעשפּרייט אויף דער ערד, אויפן וואַסער. עס האָט זיך געהערט דאָס זומען פון די בינען אין דער טונקלקייט פון דער וואַרעמער לופט.

יוליאַן איז געלעגן אויפן מעך און געלייענט די „סעודה”; אַ סך פונם בוך האָט ער נישט פאַרשטאַנען; נאָר עס האָט אים געצויגן דערפאַר, ווייל עס איז געווען אַ פאַרבאָטנס.

ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, עס צוריק איינגעהילט אין דער הילע מיטן טיטול פון אַפּאָסטאָל פּאַולוסעס חזיונות, פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צום אַלטאַר פון גאָט פּאַן, געוואָרפן אַ בליק אויף דעם פריילעכן גאָט, ווי אויף אַן אַלטן שיתוף, דערנאָך צעשאַרט אַ קופּע פאַרטרוקנטע בלעטער און אַרויסגענומען פון דער טיפעניש פונם אַלטאַר, וועלכער איז געווען צעבראָכן און צוגעדעקט מיט אַ ברעטל, עפּעס אַ זאַך, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל לייוונט. ער האָט אויפגעוויקלט די זאַך און זי אַנידערגעשטעלט פאַר זיך. דאָס איז געווען אַ ברעכטיק שפּילעכל, אַ

זעגל-שיפעלע, אַ „ליבורנישע טרירעמע“, דעם ייִנגלס אייגענע אַרבעט. ער איז צוגעגאַנגען צום באַסיין באַם פאָנטאַן און אַראָפּגעלאָזט דאָס שיפל אין וואַסער אַריין. די טרירעמע האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אויף די קליינע כוואַליעס. אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, די דריי מאַסטן, די שטריק, די ווע͏סלעס; דער שפּיץ אָפּגעגילדט; די זעגלען פון אַ שטי־קעלע זיידן־צייג, וואָס לאַבדע האָט אים געהאַט געשאָנקען. ער האָט גאָר בלויז געדאַרפט צואַרבעטן אַ רודער. דאָס ייִנגל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געשניצט עפּעס אַ ברעטעלע און בשעת־מעשה געהאַלטן אין איין קוקן דאָרט ווייט אויף די בלוילעכע בערגלעך אין דער מדבר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון צווישן די רויזן. און באַ דער אַרבעט איבערן שפּילעכל זיינעם האָט ער אינגיכן פאַרגעסן וועגן אַלע עוולות, וועגן דער גאַנצער שנאה און וועגן דער שטענדיקער שרעק פאַרן טויט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דער קלוגער, געשיי־טער אָדיסעוס, פאַרבלאָנדזשעט אינמיטן ים, זיצט ער איצט אין אַ וויס־טער הייל באַם ברעג פון ים און בויט אַ שיף אַהיימצופאָרן זיך אין זיין טייער היימלאַנד אַריין. — אָבער דאָרט, צווישן די בערגלעך, ווו עס ווייסן זיך די דעכער פון צעזאַרעאַ, אַזוי ווי דער שוים אויף די כוואַליעס פון ים, — האָט אים געשטערט בלויז דער צלם, דער קליינער פינקל־דיקער צלם אויפן שפּיץ פון דער קאַטעדראַלע. שטענדיק דער צלם! אומע־טום דער צלם! ער האָט זיך באַמיט אים נישט צו זען און זיך ווייטער געשפּילט מיט זיין שיפל.

— יוליאַן! יוליאַן! ווו איז ער דאָרט ערגעץ? שוין צייט אין קלויסטער אַריין צו גיין. עוטראָפּיוס רופט דיך!

דאָס ייִנגל האָט אַ ציטער געטון, שנעל צוריק באַהאַלטן די טרירעמע אינם לאָך פון אַלטאַר; דערנאָך זיך צורעכט געמאַכט די האָר, דאָס אָנטון; און ווען ער איז אַרויס פון דער הייל, האָט ווידער זיין פּנים באַקומען דעם פריערדיקן אויסדרוק פון צביעות פונקט ווי דאָס ייִנגל וואָלט אין איין מינוט געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער.

עוטראָפּיוס האָט מיט זיין קאַלטער, ביינערדיקער האַנט אָנגענומען יוליאַנען באַם הענטל און אים אַריינגעפירט אין קלויסטער אַריין.

IV.

די אַריאַנישע קאַטעדראַלע פון הייליקן מאָוריציוס איז כמעט אינגאַנצן אויפגעבויט געוואָרן פון די שטיינער פון אַ צעשטערטן אַפּאָלאָ־טעמפּל.

דער הייליקער הויף „אַטריום" איז אַרומגערינגלט געווען פון אַלע פיר זייטן מיט אַ רייע שטיינערנע זיילן. אינמיטן האָט גערוישט אַ פאָנטאַן, באַ וועלכן די מתפּללים פלעגן זיך וואַשן. אין אַ זייט איז געשטאַנען דאָס קבר פונם הייליקן מאַמע פון טונקל־געוואָרענעם דעמב מיט אינקרוסטאַציעס. די הייליקע ביינער פונם קדוש האָבן צו זיך געצויגן אַן אַ שיעור פּילגרימען, מ'האָט געזאָגט, אַז ניסים געשעען אויף דעמדאָזיקן קבר. עוטראָפּיוס האָט געהייסן זיינע צוויי שילער, יוליאַנען און גאַללוסן, אויפשטעלן אַ שטיינערן אוהל איבער דעמדאָזיקן קבר. גאַללוס האָט געהאַלטן דידאָזיקע אַרבעט פאַר אַן אָנגענעמען צייט־פאַרטרייב און זיין שטיקל ווענטל איז מיט יעדן טאָג גרעסער געוואָרן. דאָס ווענטל אָבער, וואָס יוליאַן האָט געזאָלט אויפשטעלן, פלעגט כסדר אומפאַלן. עוטראָפּיוס האָט געטענהט, אַז דער הייליקער מאַמע וויל נישט אָננעמען די מתנה פון יוליאַנען, ווייל אין אים געפינט זיך דער טייוולשער גייסט פון שטאָלצקייט.

לעבן דעם קבר איז שטענדיק געשטאַנען אַ המון קראַנקע, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ נס. יוליאַן האָט געוווּסט, נאָכוואָס זיי קומען דאָ אַהער: איין אַריאַנישער מאָנאַך האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ וואָג, די מתפּללים, וועלכע זענען געקומען פון מיילן ווייט, לייגן אַרויף אויף דער וואָג שטיקלעך וואַלנשטאָף, לייוונט אָדער זיידנצייג, וועגן זיי איבער, דערנאָך לייגן זיי דעם שטאָף אַוועק אויפן הייליקן קבר און זענען מתפּלל צום הייליקן מאַמע אַ גאַנצן טאָג, ביז צומאָרגנס אינדערפרי; צומאָרגנס קומט ווידער דער מאָנאַך מיט דער וואָג און וועגט נאָכאַמאָל איבער דאָס שטיקל געוואַנט, וואָס איז אַ גאַנצן מעת־לעת געלעגן אויפן קבר; קוים איז עס שווערער געוואָרן, איז אַ סימן, אַז די תּפילה איז אָנגענומען: די קדושה פונם הייליקן מאַמע איז אַריין אינעם שטיקל געוואַנט און איצט קאָן מען דערמיט אויסהיילן פון די געפערלעכסטע קרענק.

מערסטנטיילס אָבער פּלעגט די תּפילה נישט אָנגענומען װערן, דאָס געװאַנט פּלעגט נישט שװערער װערן אויף קיין האָר, דעמאָלט פּלעגט דער מתפּלל נישט אָפּטרעטן פונם קבר טעג, װאָכן, חדשים און װאָרטן.

דאָ, צװישן איבעריקן עולם, איז געװען איינע, אַ האַלב-משוגענע זקנה, טעאָדולע; טייל האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ משוגענע, טייל פאַר אַ הייליקע; זי זיצט וױן דאָ אַ סך יאָרן באַם קבר פון הייליקן מאַמע; געקומען איז זי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אויסבעטן אַ רפואה שלימה פאַר אַ קראַנקער טאָכטער; די טאָכטער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן, און זי זיצט נאָך אַלץ און װאַרט אויף דעם נס, איר אָפּגעבליאַקעװעט, צעפּיצלט שטיקעלע געװאַנט ליגט טאָג-איין טאָג-אויס אויפן הייליקן קבר און קאָן נישט שװערער װערן.

פונם „אַטריום” זענען געװען דריי טירן אינעװייניק אין דער קאַטעדראַלע אַריין: איין טיר אין דער מענער-אָפּטיילונג, די צװייטע אין דער פרויען-אָפּטיילונג, די דריטע פאַר די מאַנאַכן און דעם קלער.

עוטראָפּיוס איז צוזאַמען מיט יוליאַנען און גאַללוסן אַריינגעגאַנגען דורך דער דריטער טיר. יוליאַן איז געװען אָן אַגנאָסט — אַ פאַר-לייענער פון דער הייליקער שריפט אין דער קאַטעדראַלע פונם הייליקן מאָריציוס. ער האָט איצט געטראָגן אויף זיך אַ לאַנג שװאַרץ מאַנטל מיט ברייטע אַרבל, די האָר זענען אים געװען אָנגעשמירט מיט שמן-זית און אַרומגענומען מיט אַ דין טאַשמעלע, כּדי זיי זאָלן אים נישט אַראָפּפאַלן אויף די אויגן בשעתן לייענען.

ער איז דורכגעגאַנגען צװישן עולם מיט פרום-אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט אָנגעצויגן אויף זיין בלאַס פּנים אַן אויסדרוק פון פרומקייט, באַשיידנקייט און ענוות.

ער איז אַרויף אויפן באַלעמער.

אויף איין װאַנט זענען געװען אויסגעמאָלט קידוש-השם-בילדער: אַ תּלין האַלט די הייליקע עוטימיע באַ די האָר, דעם קאָפּ אַרונטערגע-דרייט, ער האָט איר אויפגעעפנט דאָס מויל מיט אַ צװאַנג און װיל איר עפּעס אַריינגיסן אין מויל אַריין פון אַ בעכער, מסתּם צעלאָזן בליי, לעבן דעמדאָזיקן בילד איז אויסגעמאָלט אַ צװייטס, אויך פון דער הייליקער עוטימיעס טויט: זי הענגט אויף אַ בוים צוגעבונדן באַ די הענט און אונטן שטייט דער תּלין און שניידט פון איר ביסלעכװייז די מיידלעריש, כּמעט קינדערישע גלידער מיט עפּעס אַ טייחלאַניש געצייג.

אונטערביידע בילדער איז דאָ אַן אויפשריפט: „מיטן בלוט פון די קדושים, ווערט דיין קלויסטער, רבונו של עולם, באַצירט ווי מיט פורפור און וויסאָן־שטאָף".

אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט זענען אויסגעמאָלט געווען ווי די רשעים ברענען אין גיהנום, און איבער זיי — דאָס גן־עדן מיט די הייליקע צדיקים: איינער רייסט אָפּ פון אַ בוים אַ צייטיקע פרי, אַ צווייטער זינגט און שפילט אויף אַ פלייט, אַ דריטער האָט זיך אָנגעלענט אויף אַ וואָלקן און קוקט אַראָפּ מיט אַ רזיק שמייכעלע אויף די יסורים, וואָס די רשעים ליידן אין גיהנום. אונטער דעם בילד ווידער אַן אויפשריפט: „דאָרט וועט זיין געוויין און ציין־קריצעניש".

די קראַנקע פון הייליקן מאַמעס קבר זענען אַריינגעקומען אין קלויסטער: הינקעדיקע, בלינדע, סתם ווייסטע קאַליקעס, חולי־נופל, קינדער אויף קוליעס מיט אַלטע איינגעשרומפּענע פּנימלעך, משוגעים, דיבוקים, — אַלע מיט שרעקלעכע, אַש־קאָלירענע פּנימער מיט אַן אויסדרוק פון דערשלאָגנקייט און הכנעה. בשעת די פּויזעס, ווען דער כאָר פלעגט אַנטשוויגן ווערן, האָבן זיך געהערט צעבראָכענע זיפצן פון די קלויסטער־אלמנות — די קאַלוגיעס — אין די שוואַרצע מלבושים, אָדער דאָס קלינגען פון די קייטן אויפן בעל־תשובה, דעם זקן פאַמפּיל: יאָרנלאַנג רעדט שוין פאַמפּיל מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויס, די איינציקע ווערטער, וואָס ער האַלט כסדר אין איין איבערחזרן זענען: „רבונו של עולם! רבונו של עולם! שענק מיר טרערן, שענק מיר לייטזעליקייט, שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט!"

די לופט איז ענג, וואַרעם, שווער, ווי אין אַן אונטערערדישער הייל, דורכגעזאַפּט מיט ווייראויך, וואַקסענע ליכט, אָנגעברענט פון די אייל־לעמפּלעך און אויסאָטעמונגען פון די קראַנקע.

אין יענעם טאָג האָט יוליאַן געדאַרפט לייענען דעם אַפּאָקאַליפּסיס.

עס האָבן זיך דורכגעטראָגן די שרעקלעכע בילדער פון דער שוידערלעכער נביאה: דאָס בלאַסע פערד אין די וואָלקנס, וואָס הייסט מיטן נאָמען ט ו י ט; די פעלקער פון דער ערד זענען אויפגערודערט; זיי פילן, אַז דער סוף פון דער וועלט קומט אָן; די זון איז פינצטער ווי אַ האָריקער מאַנטל, די לבנה — בלוטיק־רויט; די מענטשן זאָגן צו די בערג און שטיינער: פאַלט אויף אונז אַרויף און באַהאַלט אונז פון דעם, וואָס זיצט אויפן הימלישן טראָן, פון דעם צאָרן, וואָס דאָס ש ע פ ע ל ע האָט אויף אונז, ווייל עס איז געקומען דער

גרויסער טאָג, עס פלאַקערט זיין צאָרן, ווער־זשע קאָן בייַשטיין ? — עס הערן זיך נביאות : „מענטשן וועלן זוכן אויף זיך דעם טויט און וועלן אים נישט געפינען, זיי וועלן שוין וועלן שטאַרבן, דער טויט וועט אָבער אַנטלויפן פון זיי״. — עס האָט זיך דערהערט א יאָמער־געשריי : „וויל איז די טויטע״. — דאָס איז געווען די מאַסן־שחיטה פון גאַנצע פעלקער : די ווייַנטרויבן זענען אַרייַנגעוואָרפן איצט גרויסן פרעס פון געטלעכן צאָרן. די טרויבן ווערן צעקוועטשט און עס האָט געגאָסן רינען דאָס בלוט פונם פרעס אַזש ביז צו די צוימען פון די פערד אויף א מהלך פון טויזנט זעקסהונדערט סטאַדיעס. „און די מענטשן האָבן געשלוכט גאָט אין הימל צוליב די יסורים זייערע און צוליב די מכות זייערע ; און זיי האָבן נישט תשובה געטון פון זייערע מעשים־תעתועים. און א מלאך האָט אויסגערופן : ווער עס בוקט זיך צום נחש און צו זיין אָפּבילד, דער וועט טרינקען דעם ווין פון גאָטס צאָרן, דער וועט געפייניקט ווערן אין פייער און אין שוועבל פאַרן אָנגעזיכט פון די הייליקע מלאכים און פונם שעפעלע. און דער רויך פון זייערע עינוים וועט אויפגיין אויף אייביקע דורות און דער וואָס בוקט זיך צום נחש און צו זיין אָפּבילד וועט פון קיין אָפּרו נישט וויסן נישט בטאָג און נישט באַנאַכט״.

יוליאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן ; אין קלויסטער האָט געהערשט א פולשטענדיקע שטילקייט, עס האָבן זיך בלויז געהערט אייַנצלנע שווערע זיפצן, דאָס קלאַפּן מיט די קעפּ אָן די שטיינערנע פּליטעס און דאָס קלינגען פון דעם בעל־תשובהס קייטן : „רבונו של עולם ! רבונו של עולם ! שענק מיר טרערן, שענק מיר לייטזעליקייט, שענק מיר דאָס געדע־כעניש פון טויט !״

דאָס ייִנגל האָט א קוק געטון אינדערהייך, אויף דעם רייַזיקן האַלבן קרייַז פון דער מאָזאַיִק צווישן די צוויי זייַלן, וואָס האַלטן אונטער דעם סופיט : דאָס איז געווען אַן אָריאַנטיש בילד פון קריסטוסן — א שטרענגס, א טונקלס, דאָס אויסגעדאַרטע, כמעט זקנישע פּנים אַרומגענומען מיט א גאָלדענער שייַן און א דיאַדעם, ענלעך צו דעם דיאַדעם פון די ביזאַנ־טישע קייסרים, די נאָז א לאַנגע און די ליפּן שטרענג צונויפגעפּרעסט ; מיט דער רעכטער האַנט בענטשט ער די וועלט, אין דער לינקער האַלט ער א ספר, אויפן ספר איז אָנגעשריבן : „די וועלט איז פאַר אייך. איך בין דאָס ליכט פון דער וועלט״. ער זיצט אויף א פּרעכטיקן טראָן און דער רוימישער קייסער — יוליאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז קאָנ־סטאַנציוס — קושט אים די פיס.

און דאָרט, אונטן, אין דער האַלב-פינצטערניש, וווּ ס'האָט געלויכטן אַן איינציק אייל-לעמפּל, האָט זיך געווייסט אַ מירמלשטיינערנער באַרע-ליעף אויף אַ קבר פון די ערשטע צייטן פונם קריסטנטום. דאָרט זענען געווען אויסגעקריצט קליינע צאַרטע ים-נימפעס, פאַנטערס, פריילעכע טריטאָנס, און באַלד דערלעבן משה רבינו, יונה הנביא מיטן לויתן, אָרפעוס שפּילט אויף אַ לירע און צוימט איין מיט די קלאַנגען ווילדע חיות, אַן אייל-בירט-צווייגל, אַ טויב און אַ פיש — די נאַיווע סימבאָלן פון דעם קינדערישן גלויבן; און אינמיטן פון דעם אַלעם דער גוטער פּאַסטוך, ווי ער טראָגט דאָס שעפעלע אויף די אַקסלען, דאָס פאַרבלאָנדזשעטע און צוריקגעפונענע שעפעלע — די נשמה פונם זינדיקן מענטש. דער פּאַסטוך — פריידיק און פּשוט — אַ באַרוועס ייִנגל, מיט אַ גלאַט, עניוותדיק, לייטזעליק פּנים, אַזוי ווי בײַ אַ געווייַנלעכן אָרימען פּויער, אַ שטילער, רויקער שמייכל פון אינערלעכער פרייד האָט געשייַנט אויף זיין פּנים.

יוליאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קיינער זעט שוין נישט, קיינער קען שוין נישט דעם גוטן פּאַסטוך. מיט דעמדאָזיקן קליינעם בילד פון אַמאָליקע צייטן איז עפּעס געווען צונויפגעבונדן אַ חלום, וואָס ער האָט געזען שוין זייער לאַנג, ווען ער איז נאָך אַ קליין קינד געווען; ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען דעם חלום, אָבער נישט געקאָנט. דאָס ייִנגל מיט דעם שעפעלע אויף די אַקסלען האָט געקוקט אויף אים, נאָר אויף אים אַליין, און עפּעס אַ געהיימנישפולע פראַגע איז געלעגן אין דעמדאָזיקן בליק. יוליאַן האָט אַרויסגעמורמלט אַ וואָרט, וואָס ער האָט געהערט פון מאַרדאָניוזן: „גלילעער!“

אין דערזעלבער רגע איז אַ שטראַל אַריין דורך אַ פענצטער אינדערהייך און אָנגעהויבן ציטערן אין דעם ווייַרויך-וואָלקן; דאָס שטרענגע, טונקעלע קריסטוס-פּנים אויפן סופיט האָט אויפגעשייַנט פון דעם גאָלדענעם אָרעאָל אַרום אים, און דער כאָר האָט אָנגעהויבן פייַערלעך צו דונערן:

„זאָל יעדעס מענטשלעכע לייב אַנטשוויגן ווערן און שטיין בלייבן מיט אימה און פּחד, און נישט האָבן אין זיך קיין ערדישן באַגער. ווייל דער מלך המלכים און דער אדון כל העולמים קומט זיך מקריב זיין, זיך אוועקגעבן פאַר אַ קרבן פאַר זיינע געטרייַע שעפעלעך. און פאַר אים גייען מלאכים און אַלע צבאות, פילאויגיקע כּרובים און זעקס-

פליגלדיקע שרפים, זיי פאַרדעקן זיך די פּנימער און שאַלן מיט פרייד: הללויה! הללויה! הללויה!

און דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם איבער די איינגעבויגענע קעפּ פון די מתפּללים.

דאָס געשטאַלט פונם באַרוועסן יינגל, דעם גוטן פּאַסטוך, האָט זיך אויפגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער אומענדלעכ־קייט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון יוליאַנען די אויגן מיט אַ שטומער פראַגע. און דעם יינגלס האַרץ האָט אָנגעהויבן פּלאַטערן נישט פון ערפורכט, נאָר פון פּחד פאַר דעמדאָזיקן סוד, וועלכן עס איז אים נישט באַשערט געווען צו אַנטשיידן דאָס גאַנצע לעבן.

V.

פון דער קאַטעדראַלע איז יוליאַן צוריקגעקומען קיין מאַצעללום, גענומען מיט זיך די שוין פאַרענדיקטע „טרירעמע". וועלכע ער האָט געהאַט זאָרגפעלטיק ארומגעוויקלט מיט עפּעס, און נישט באַמערקט פון קיינעם (עוטראָפּיוס איז אוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג) האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט דורכן טויער פון דער פעסטונג און פאַרבייגעלאָפן פאַרן מוריציוס־קלויסטער אין דעם שכנותדיקן טעמפּל אַריין פון דער געטין אַפראָדיטע.

דאָס וועלדל פון דער געטין האָט זיך געגרעניצט מיט דעם קריסט־לעכן צמענטער פונם מוריציוס־קלויסטער. קריגערייען, מחלוקותן, אַפילו פּראָצעסן זענען אומאויפהערלעך פאָרגעקומען צווישן די ביידע שכנותדיקע טעמפּלען. די קריסטן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די געצנדינערישע טומאה זאָל צעשטערט ווערן. דער פּריסטער פונם אַפראָדיטע־טעמפּל ווידער האָט אָנגעקלאָגט די וועכטערס פונם קלויסטער, אַז זיי פלעגן באַנאַכט בשתיקה אויסהאַקן די אַלטע ציפּרעסן־ביימער און באַגראָבן קריסטלעכע מתים אין דער ערד פון דער געטין אַפראָדיטע.

יוליאַן איז אַריין אין וועלדל. אַ וואַרעמע לופט האָט אים אַרומ־גענומען. די הייסע זומערדיקע זון האָט פון די ציפּרעסן אַרויסגעדריקט טראָפּנס שמעקעדיקע סמאָלע. יוליאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעם טונקעלן שאָטן פון די ציפּרעסן שוועבט אַרום דער אָטעם פון דער געטין אַפראָדיטע.

צווישן די ביימער האָט זיך געוויסט דער מאַרמאָר פֿון די סטאַטועס: עראָס מיטן אָנגעצויגענעם פֿיילן־בויגן; אַ קלויסטער־וועכטער האָט מסתּם געוואָלט אָפּשפּעטן פֿונעם גאָט, האָט ער אים אָפּגעהאַקט דעם מאַרמאָרענעם פֿיילן־בויגן; דאָס ליבעס־געווער איניינעם מיט דעם גאָטס מירמלשטיינערנע הענט זענען געלעגן צווישן גראָז באַם פּיעדעסטאַל פֿון דער סטאַטוע; אָבער דאָס יינגל אָן די הענט האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אַרויסגעשטעלט פֿאָרויס איין קינדעריש פֿיסל און געצילט ערגעץ אין דער וועלט אַריין מיט אַ שטיפֿעריש שמייכעלע.

יוליאַן איז אַריין אין הייזל פֿון פּריסטער אָלימפּיאָדאָר. די צימערלעך, קליינע, ענגע, כמעט ווי אַ שפּילעכל, אָבער באַקוועמע; קיין שום לוקסוס זעט מען נישט, עס מאַכט גיכער אַן איינדרוק פֿון אָרעמקייט; נישט קיין טעפּיכער, נישט קיין זילבער־געשיר; אַ פּשוטע שטיינערנע פּאָדלאָגע, אומעטום הילצערנע בענק און שטולן, ביליקע קרוגן פֿון דורכגעברענט ליים. אָבער אין יעדער מינדסטער קלייניקייט איז צו זעען דעם גוטן געשמאַק פֿון די באַלעבאַטים. דאָס הענטל פֿון אַ פּשוט קיך־לעמפּל איז געווען אַ פֿיגור פֿון פּאָסיידאָנען מיטן דרייצאָניקן גאָפּל, אַ פּאַרצייטישער אַנטיק. אָפּטמאָל פֿלעגט יוליאַן מיט אַנטציקונג באַטראַכטן אַ פּשוטע קרוג מיט ביליקן בירטן־אייל צוליב איר קינסטלעכער אויסאַרבעטונג. אומעטום זענען די ווענט געווען באַצירט מיט מאָלערייען: דאָ אַ ים־נימפֿע, רייטנדיק אויף אַ וואַסער־פֿערד מיט גלאַנצעדיקע שופּן, דאָ אַ יונגע טאַנצנדיקע געטין אין אַ לאַנגן פּעפּלום מיט פּאַרוויקלטע, פֿאַנטאַסטישע פֿאַלדן.

אַלץ אין דעם פּריסטערס הייזל האָט עפּעס ווי געלאַכט, באַגאָסן מיטן שיין פֿון דער זון, עס האָבן געלאַכט די נימפֿעס אויף די ווענט, די טאַנצנדיקע געטינס, די טריטאָנען, אַפֿילו די וואַסער־פֿערד מיט די שופּן; עס האָט געלאַכט דער גאָט פּאָסיידאָן אויפֿן הענטל פֿון דעם אייל־לעמפּל; דאָס זעלבע פֿריילעכע געלעכטער איז שטענדיק געווען אויפֿן פּנים אויך באַ די איינוווינער פֿון דעמדאָזיקן הייזל; זיי זענען עפּעס אַזוי געבוירן געוואָרן, לאַכנדיקע; פֿאַר זיי זענען גענוג געווען אַ צוויי טוץ געשמאַקע איילבירטן, אַ שטיקל חיים ווייצן־ברויט, אַ הענגל ווייַנטרויבן, עטלעכע שלוק ווייַן געמישט מיט וואַסער, כּדי זיך צו מאַכן אַ גאַנצע סעודה און אָלימפּיאָדאָרס ווייב דיאָפֿאַנע זאָל אַלס סימן פֿון יום־טובֿ אויפֿהענגען איבער דער טיר אַ לאָרבער־קראַנץ.

יוליאַן איז אַריין אין גערטנדל פֿונעם אַטריום. אונטערן פֿרייען

הימל האָט געשלאָגן אַ פֿאָנטאַן. לעבן דעם פֿאָנטאַן, ארומגערינגלט מיט נאַרציזן, טולפּן, אַקאַטן און מירטן, איז געשטאַנען אַ קליינע סטאַטוע פֿון גאָט הערמעס, אַ באַפֿליגלטער, אַ לאַכנדיקער, פּונקט ווי אַלץ אין דעמדאָזיקן הויז, גרייט אַ פֿאָך צו טון מיט די פֿליגל און אַוועקצופֿליען. איבער די בלומען-בייטן האָבן ארומגעפֿלאַטערט אויף דער זון בינען און שמעטערלינגען.

אונטערן לייכטן שאָטן פֿון דער קאָלומנאַדע האָט אָלימפּיאָדאָר מיט זיין זיבעצניעריקער טאָכטער אַמאַריללים געשפּילט אויפֿן הויף אין דעם עלעגאַנטן אַטטישן שפּיל — קאָטאַבע; אין דער ערד איז געווען אַריינגעשטעקט אַ קלעצל, אין דער ברייט אויפֿן קלעצל האָט זיך געוויגט אינדערהייך אַ לייסטל, פּונקט ווי די שטאַנג בײַ אַ וואָג-שאָל, בײַ ביידע עקן פֿון דער שטאַנג זענען געווען אָנגעהאָנגען צוויי קליינע שעלעכלעך, אונטער יעדן שעלעכל איז געשטאַנען אַ כּלי מיט וואַסער און אין וואַסער איז געשטאַנען אַ קליינע בראָנזענע פֿיגור; דער שפּיל איז באַשטאַנען דערין, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט אַ גאָס טון אַ ביסעלע ווײַן פֿון אַ בעכער אַרויס, אַריינטרעפֿן דאָס ביסעלע ווײַן אין איינעם פֿון די שעלעכלעך, עס זאָל זיך אַראָפּלאָזן און זיך אָנקלאַפּן אָן דעם בראָנזענעם פֿיגורל.

— נו, שפּיל, שפּיל! איצט איז דיין ריי! — האָט אַמאַריללים געשריגן צום פֿאָטער.

— איינס, צוויי, דריי!

אָלימפּיאָדאָר האָט אַ גאָס געטון און נישט געטראָפֿן; ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קינדעריש געלעכטער: עס איז עפּעס מאָדנע געווען צו זעען דעמדאָזיקן הויכן מאַנספּערשוין מיט די גרויליכע האָר, וואָס איז אַזוי פֿאַרכאַפּט געווען פֿונם שפּיל ווי אַ קליין קינד.

דאָס מיידל האָט מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג פֿון דער נאַקעטער האַנט אַוועקגעשאַרצט די טוניק, אַ גאָס געטון דעם ווײַן, און דאָס שעלעכל פֿון דער קאָטאַבע האָט זיך מיט אַ קלונג אַ קלאַפּ געטון אינם בראָנזענעם פֿיגורל.

אַמאַריללים האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט און לאַכן.

פּלוצלינג האָבן זיי בײַם איינגאַנג דערזעען יוליאַנען.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אים, יעדער האָט אים ארומגענומען און געקושט. אַמאַריללים האָט אָנגעהויבן רופֿן:

— דיאַפּאַנע ! ווו ביסטו דאָרט ? זע גאָר, אַזאַ גאַסט ! קום גאָר אַריין ! גיכער !

דיאַפּאַנע איז געקומען צו לויפן פון קיך.

— יוליאַן ! מיין טייער יינגעלע ! וואָס איז דיר, דו זעסט, דאַכט זיך, שלעכט אויס ? ביסט שוין אַזוי לאַנג נישט געווען...

און זי האָט צוגעגעבן מיט אַ שיינענדיק פּנים פון פרייד :

— לאָמיר זיך לאָזן וווילגיין, קינדערלעך ! היינט וועלן מיר זיך מאַכן אַ גאַנצע סעודה. איך וועל אויספּלעכטן פאַר יעדן אַ רויזן־קראַנץ, אָפּפּרעגלען דריי אָקאַנעס און וועל אָפּבאַקן זיס געבעקס מיט אימבער.

אין דערזעלבער מינוט איז אַריינגעקומען אַ יונגע דינסט, זי איז צוגעגאַנגען צו אָלימפּיאָדאָרן און אים איינגערוימט אין אויער, אַז עפּעס אַ רייכע פּאַטריציערין פון צעזאַרעאַ וויל זיך זען מיט אים, אַלס דעם פּריסטער פון דער געטין אַפראָדיטע. ער איז אַרויסגעגאַנגען.

יוליאַן און אַמאַריללים האָבן אָנגעהויבן שפּילן אין קאָטאַבע.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ צעניעריק, דאַר, בלייך מיידעלע מיט בלאָנדענע האָר, אָלימפּיאָדאָרס יינגערע טאָכטער פּסיכע. אירע אויגן זענען געווען בלויע, גרויסע, טרויעריקע. זי איינע אַליין, האָט זיך געדאַכט, האָט אין דעמדאָזיקן הויז קיין שום שייכות נישט צו דער אַלגעמיינער פרייד, זי געהער עפּעס נישט צו דער געטין אַפראָדיטע. זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גאַנץ באַזונדערע געדאַנקען, געווען פאַר־טראַכט, ווען יעדער אין דעמדאָזיקן הויז האָט געלאַכט און געפרייט זיך. און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען נישט איר צער, נישט איר פרייד. דער פאָטער האָט זי געהאַלטן פאַר אַן אומגליקלעך באַשעפעניש, אַ פאַר־פאַלענע קראַנקע, ער האָט זיך געקלאָגט, אַז זיין קינד האָבן אַן עין־הרע געגעבן זיינע אייביקע שונאים, די גליליער, זיי האָבן בא אים מיט כּישוף צוגערויבט דאָס קינד. אַמאַריללים, די לוסטיקע מויד מיט די שוואַרצע לאָקן, איז געווען אָלימפּיאָדאָרס איינציקע טרייסט; דאַקעגן האָט די מוטער בשתיקה געבאַלעוועט די קליינע פּסיכע, זי האָט דאָס קינד ליב געהאַט מיט איר מוטערלעך האַרץ, ווי געוויינלעך מ'האָט ליב אַ קראַנק קינד, נישט פאַרשטייענדיק לחלוטין, וואָס בא דער קליינער קומט פאָר אינעווייניק, טיף אין דער נשמה.

פּסיכע פלעגט גיין אין דער קאַטעדראַלע פונם הייליקן מויריציוס בשתיקה פונם פאָטער. די מוטער האָט געוווסט, זי האָט זיך בא אים

געבעטן, געהלשט, געדרשט, — ס'האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן. דער פּאַטער האָט שוין לאַנג אויף פּסיכאָן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ווען עס פלעגט קומען צו רייד וועגן זיין יינגערער טאָכטער, פלעגט זיין פּנים ווערן אָנגעברוגזט און באַקומען אַ מרהשחורהדיק אויסזען. ער איז געווען זיכער, אַז צוליב דער שלעכטער התנהגות פון זיין קינד גיט זיין הייגגאָרטן שוין נישט אַזאַ גערעטעניש ווי פריער. אַפראָדיטע שיקט שוין נישט איר ברכה אויף זיין הויז. דאָס קלייבע גאָלדענע צלמל, וואָס דאָס מיידעלע טראָגט אויפן האַלז. האָט, לויט זיין מיינונג, פאַרשוועכט די הייליקייט פונם טעמפּל.

— צוואָס גייסטו אין קלויסטער אַריין? — האָט זי איינמאָל יוליאַן אַ פרעג געטון.

— איך ווייס אַליין נישט. דאָרט איז אַזוי גוט. דו האָסט געזען דעם גוטן פּאַסטוך?

— יאָ. כ'האָב אים געזען. דעם גלילעער! פונוואַנען ווייסטו וועגן אים?

— מיר האָט דערציילט וועגן אים די זקנה טעאָדולע. פון דע־מאָלט אָן גיי איך טאַקע אין קלויסטער אַריין. זאָג מיר, יוליאַן, איך בעט דיך, פאַרוואָס האָבן אים אַלע דאָ אַזוי פיינט?

אַלימפּיאָדאָר איז צוריק אַריינגעקומען מיט אַ טריומפירנדיקער מינע און דערציילט וועגן זיין שמועס מיט דער פּאַטריצערין: דאָס איז געווען עפּעס אַ יונגע פרוילין פון אַן אָנגעזעענער משפחה. דער חתן אירער האָט זי אָוועקגעוואָרפן; זי איז זיכער, אַז אַ צווייטע האָט אים אָפּגעטון כישוף; עטלעכע מאָל איז זי שוין געווען אין דער קריסטלע־כער קירך, תפילה געטון בײַם הייליקן מאַמעס קבר און ס'העלפט אַלץ גאָרנישט. נישט די תעניתים, נישט די מתנות, נישט די תפילות. „די קריסטן קאָנען דען עפּעס העלפן?" האָט אַלימפּיאָדאָר פאַרענדיקט זיינע רייד מיט פאַראַכטונג, אַ קוק טוענדיק פון אונטערן שטערן אָפּער אויף פּסיכען, וועלכע האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט פון דער זייט.

— און אָט איז די קריסטין איצט געקומען צו מיר: אַפראָדיטע וועט איר שוין העלפן!

מיט אַ טריומף־מינע האָט ער געוויזן צוויי ווייסע טייבעלעך מיט געבונדענע פיסלעך: די קריסטין האָט אים געבעטן, ער זאָל זיי מקריב זיין צו דער געטין.

אַמאַרילליס האָט גענומען די טייבעלעך אין די הענט אַריין, מיט

צאַרטקייט געקושט זייערע ראָזע שנאָבעלעך און געטענהט, אַז ס'איז אַ שאָד די טייבעלעך צו שעכטן.

— טאַטע, ווייסטו וואָס? מיר וועלן זיי מקריב זיין און נישט דערהרגענען.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — קאָן דען זיין אַ קרבן אָן בלוט?

— האָרך מיך. לאָמיר זיי פרייל‍אָזן. זיי וועלן אַרויספליען גלייך אין הימל אַריין, צום טראָן פון דער געטין. אמת? אַפראָדיטע וווינט דאָך דאָרט, אין הימל, וועט זי זיי צונעמען. טאַטעניו, זאָל זיין, יאָ, טייערער!

אַמאַריללים האָט זיך אַזוי געטוליעט צו אים, אַזוי אים געקושט, אַז ער האָט איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

דאָס מיידל האָט תיכף אויפגעבונדן די טייבעלעך און זיי אָפּגעלאָזט. זיי האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן מיט די ווייסע פליגל און מיט אַ פריידיק געערויש אַרויפגעפלויגן צום הימל, צו אַפראָדיטעס טראָן. פאַרשטעלנדיק זיך די אויגן פון דער זון, האָט דער פריסטער נאָכגעקוקט, ווי דער קריסטינס קרבן ווערט פאַרשווינדן אין הימל. און אַמאַריללים האָט געטאַנצט פאַר פרייד און געפּאַטשט מיט די הענט:

— אַפראָדיטע! אַפראָדיטע! נעם צו דעם אָנבלוטיקן קרבן.

אָלימפּיאָדאָר איז צרויסגעגאַנגען. יוליאַן איז פייערלעך און אַ ביסל שעמעוודיק צוגעטרעטן צו אַמאַריללים. זיין שטימע האָט אָנגעהויבן ציטערן, די באַקן האָבן אים גפלאַמט, בשעת ער האָט אַרויסגערעדט איר נאָמען.

— אַמאַריללים! איך האָב דיר געבראַכט...

— יאָ, כ'האָב דיך שוין לאַנג געוואָלט פרעגן, וואָס דו האָסט עפּעס דאָ.

— אַ טרירעמע...

— אַ טרירעמע? וואָס פאַר אַ טרירעמע? צוואָס? וואָס רעדסטו עפּעס?

— אַן אמתע, ליבורנער טרירעמע...

ער האָט גענומען שנעל אויפפּאַקן די מתנה, גאָר פּלוצלינג האָט ער דערפילט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע שעמעוודיקייט.

אַמאַריללים האָט געקוקט אויף אים אין פאַרלעגנהייט.

ער איז אינגאַנצן צעמישט געוואָרן און אַ קוק געטון אויף איר

מיט צווײ בעטנדיקע אויגן, אַראָפּלאָזנדיק דערווייל דאָס שיפּעלע אויף די קלײנע כוואַליעס פונם פּאָנטאָן.

— מײן נישט, אַמאַריללים, דאָס איז אַן אמתע טרירעמע. מיט זעגלען און מאַסטן. דו זעסט, זי שווימט, און אַ רודער האָט זי אויך...

אַמאַריללים האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט פון דער מתנה:

— צוואָס דאַרף איך דידאַזיקע טרירעמע? שווימען קאָן איך דאָך אויך איר נישט! דאָס איז אַ שיף פאַר מײזלעך און שפּרינג־ווערעמלעך. שענק עס גלײכער פּסיכען, זי וועט זיך פרײען דערמיט. זעסט, ווי זי קוקט דערויף!

יוליאַן איז געווען באַליידיקט. ער האָט זיך באַמיט אויסצוזעען גלײכגילטיק, געפילט האָט ער אָבער, ווי טרערן שטיקן אים אין האַלז, ווי די ליפּן ציטערן אים. ער האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח און אײנגעהאַלטן די טרערן. ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

— איך זע, אַז דו פאַרשטייסט גאָרנישט...

ער האָט אַ טראַכט געטון און צוגעגעבן:

— אַז דו פאַרשטייסט דיך גאָרנישט אויף קונסט!

אַמאַריללים האָט אָבער נאָך העכער אָנגעהויבן לאַכן.

אַלס צולאָג צו די צרות האָט מען זי נאָך אַרײנגערופן אין שטוב אַרײן צום חתן. ער איז געווען אַ סוחר פון סאַמאָס, האָט זיך צופיל געפּערפומירט, געקליידט זיך אַן געשמאַק און גערעדט מיט גראַמאַטישע פעלערן. יוליאַן איז אים אַ שונא געווען אויפן לעבן. דאָס גאַנצע הויז האָט פּלוצלינג באַקומען אַ מרה־שחורהדיק אויסזעען און די פרייד איז תּיכּף פאַרשוואונדן, אַזוי ווי יוליאַן האָט נאָר דערהערט, אַז דער חתן פון סאַמאָס איז געקומען.

פון שטוב האָט זיך געהערט אַמאַריללים׳עס פרײלעכע געלעכטער און דעם חתנס קול, ווי ער רעדט עפּעס צו איר.

יוליאַן האָט אַ כאַפּ געטון דאָס טײערע, אמתדיקע, ליבווערשענע שיפּעלע, וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַזוי פיל מי און מאַטערניש, צעבראָכן די מאַסטן, צעריסן די זעגלען, צעקנוידערט די שטריק, געוואָרפן אַלץ אָן דער ערד, געטרעטן מיט די פיס, צעבראָכן אַלץ אויף פּיצפּיצלעך און דערביי נישט אַרויסגערעדט קײן אײן וואָרט. פּסיכע איז געשטאַנען און געקוקט אויף דעמדאָזיקן אויסברוך פון רציחה מיט שרעק אין די אויגן.

אַמאַריללים איז צוריק אַרויסגעקומען. אויף איר פּנים זענען גע־

געבליבן סימנים פון יענעמס צערטלעכקייטן, זי אליין האט געשיינט, — זי איז געווען אין יענעמס פעריאד פונם לעבן, ווען די ליבע שפרודלט אינם יונגן קערפער און עס איז אלצאיינס וועמען, אבי ס'זאל נאר זיין מיט וועמען זיך צו קושן און האלזן.

— יוליאן, זיי מיר מוחל, איך האב דיך באליידיקט. נו, זיי־זשע מיר מוחל, מיין טייערער! אט, זעסט, ווי איך האב דיך ליב...

ער האט נאך נישט באוויזן צו קומען צו זיך, ווי אמאריללים האט אוועקגעשאַרצט די טוניק און איך ארומגעכאפט באם האלז מיט אירע גאקעטע, פרישע הענט. דאס הארץ איז אים אנטפאלן געווארן פון זיסער שרעק: ער האט קיינמאל נאך ביז איצט נישט געהאט אזוי נאענט צו זיך אירע גרויסע, שווארצע, פייכטלעכע אויגן; עס האט געשמעקט פון איר עפעס אזוי שטארק, ווי פון בלומען. דעם יינגל האט זיך פארדרייט דער קאפ. זי האט צוגעדריקט זיין קערפער צו איר ברוסט. ער האט פארמאכט די אויגן און דערפילט אויף די ליפן איר קוש.

— אמאריללים! אמאריללים! וווּ ביסטו?

דאס האט זי גערופן דער התן. יוליאן האט זי אפגעשטויסן פון זיך מיטן גאנצן כוח. זיין הארץ איז פארקלעמט געווארן פון ווייטיק און האס.

— לאמיך אפ! לאמיך אפ! — האט ער א געשריי געטון, ארויס־געריסן זיך פון אירע ארעמס און אנטלאפן.

— יוליאן! יוליאן!

ער האט גארנישט געוואלט הערן, געלאפן פארויס פאר זיך, אוועק פון דעם הויז, דורך דעם ווייבגארטן, דורך דעם ציפרעסן־וועלדל און אפגעשטעלט זיך ערשט באם אפראדיטע־טעמפל.

ער האט געהערט, ווי מ'האט אים גערופן, ווי דיאפאנע האט אים נאכגעשריגן, אז דאס אימבער־געבעקס איז שוין פארטיק. ער האט אבער נישט געענטפערט. מ'האט אים ארומגעזוכט, האט ער זיך באהאלטן צווישן די לארבער־קושאקעס צופוסנס בא דער סטאטוע פון גאט עראס. מ'האט אים נישט געפונען און זיך מיאש געווען פון זוכן: ער איז געווים אנטלאפן צוריק קיין מאצעללום. האט מען זיך געטראכט; דא אין דעם הויז איז מען געוווינט געווען צו זיינע קאפריזן.

ווען ארום איז שטיל געווארן, איז ער ארויסגעקראכן פון זיין באהעלטעניש און א קוק געטון אויף דעם טעמפל פון דער ליבע־געטין.

דער טעמפּל איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, אָפן פון אַלע פיר זייטן. דער ווייסער מאַרמאָר פון די יאָנישע זיילן, באַגאָסן מיט זונען־שיין, האָט זיך געבאָדן אין דער הימלישער בלויקייט; און די טונקעלע, וואַרעמע בלויקייט האָט עפּעס ווי געפרייט זיך, אַרומנעמענדיק דעם שניי־ווייסן, קאַלטן מאַרמאָר; אין די ווינקלען איז דער פראָנט פונם טעמפּל באַצירט געווען מיט צוויי גזימסן אין געשטאַלט פון גריפאָנען: די לעגענדאַרע חיות מיט זייערע אויפגעהויבענע פיס מיט די שאַרפע נעגל, מיט די אויסגעשטרעקטע אָדלער־שנאָבלען, מיט די קיילעכדיקע פרויען ברוסטן, האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אין דער בלויקייט פונם הימל מיט זייערע שטרענגע פיגורן.

יוליאַן איז אַרויף אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ און געבליבן שטיין צווישן די פּרעכטיקע זיילן; ער האָט פּאַמעלעך אויפגעעפנט דאָס קופּערנע טויער און אַריין אינעווייניק אין טעמפּל אַריין, אין הייליקן נאָאָס.

עס האָט אויף אים אַ בלאָז געטון אַ קילקייט און די אומגעווײנלעכע שטילקייט האָט אים אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט.

די אונטערגייענדיקע זון האָט נאָך אַלץ באַלויכטן די אייבערשטע באַצירונגען פון די שניי־ווייסע זיילן, אונטן איז שוין אָבער געווען גאָר טונקל, פונם דרייפוס האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פון געברענטע מורי־בשמים.

יוליאַן האָט מיט ערפורכט אויפגעהויבן די אויגן, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, פאַרהאַלטן דעם אָטעם און פאַרשטיינערט געבליבן.

דאָס איז געווען זי. אונטערן אָפענעם הימל אינמיטן דעם טעמפּל איז זי געשטאַנען, ערשט נאָר־וואָס געבוירן פון ים־שוים אַרויס, אַ קאַלטע, אַ ווייסע — אַפראָדיטע־אַנאַדיאָמענע, אין איר גאַנצער הערלע־כער נאַקעטקייט, אָן שום בושה. די געטין האָט עפּעס אַזוי ווי מיט אַ שמייכל געקוקט צום הימל, צום ים, און געוווּנדערט זיך, וואָס די וועלט איז אַזוי שיין. נישט ווילנדיק משמעות, אַז דאָס שפּיגלט זיך אָפּ איר אייגענע שיינקייט, אין הימל, אין ים, ווי אין אַן אייביקן שפּיגל. קיינ־מאָל האָט די באַרירונג פון קליידער נישט פאַרשוועכט איר פּרעכטיק נאַקעט לייב. אַזוי שטייט זי דאָ, אינגאַנצן נאַקעט, אומבאַרירט, ווי דער ריינער, טונקל־בלויער הימל איבער איר קאָפּ.

יוליאַן האָט געקוקט און זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן. די צייט איז שטיין געבליבן. פּלוצלינג האָט ער דערפילט, ווי אַ שוידער פון יראת־

הכבוד לויפט אים דורך איבער אַלע גלידער. און דאָס ייִנגל אין די קריסטלעכע בזירישע קליידער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניִען פאַר דער געטלעכער אַפראָדיטע מיט אַן אויפגעהויבן פּנים און צוגעדריקטע הענט צום האַרץ.

דערנאָך האָט ער זיך מיט דעם זעלבן פּחד אין האַרץ אַוועקגעזעצט פונדערווייטנס אונטער אַ זייל, צוגעלייגט די באַק צום קאַלטן מאַרמאָר און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער געטין. אַ שטילקייט האָט באַהערשט זיין נשמה. ער האָט איינגעדרימלט. אין שלאָף האָט ער אָבער געשפּירט איר נאָענטקייט: זי האָט צו אים אַראָפּגענידערט, צוגעקומען צו אים אַלץ נענטער, נענטער; אירע שלאַנקע, ווייסע הענט האָבן זיך אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלז. דאָס ייִנגל האָט מיט אַ לייטזעליקן שמייכל אויפן פּנים זיך אָפּגעגעבן אירע לייטזעליקע צערטלעכקייטן. ביז אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ איז אַריינגעדרונגען די קאַלטקייט פונם ווייסן מאַרמאָר. דידאָזיקע הייליקע אָרעמס זענען אינגאַנצן נישט ענלעך געווען צו אַמאָליליסעס קרענקלעך-ליידנשאַפטלעכע, שווערע, היציקע צערטלעכקייטן. זיין נשמה האָט זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון דער ערדישער ליבע. דאָס איז געווען ווי דער לעצטער אָכרו, ווי האָמערס אַמבראָזיע-נאַכט, ווי די זיסע מנוחה פון טויט.

. . . .

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז געווען פינצטער. אויפן פּירקאַנטיקן שטיק פונם אָפענעם הימל האָבן געפינקלט שטערן. דער סערפּ פון דער לבנה האָט געוואָרפן אַן אָפּשיין אויף אַפראָדיטעס קאָפּ.

יוליאַן איז אויפגעשטאַנען. אָלימפּיאָדאָר איז שוין וואַרשיינלעך דאָ געווען. ער האָט מסתּם נישט באַמערקט דאָס ייִנגל, אָדער אים נישט געוואָלט אויפוועקן, פאַרשטייענדיק, וואָס מיט אים קומט פאָר. אויפן בראָנזענעם דרייפוס האָבן געטליעט קוילן און די שמעקנדיקע דעמפונג פון ווייריך האָט זיך אויפגעהויבן צום פּנים פון דער געטין.

יוליאַן איז צוגעגאַנגען, גענומען עטלעכע קערנדלעך שמעקנדיקע סמאָלע פון דעם כריזאָליטענעם בעכער, וועלכער איז געשטאַנען צווישן די פיס פונם דרייפוס, אַרויפגעוואָרפן אויף די קוילן פון אַלטאַר, און דער ווייריך האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו שטראָמען. און דער רויטער אָפּגלאַנץ פון פייער אויפן מזבח האָט ווי אַ לייכטע שיין פון לעבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער געטינס פּנים און זיך צונויפגעגאָסן

מיט דער שיין פון דער ניי-געבוירענער לבנה. עס האָט אויסגעזעען, ווי די ריינע, אומבאַפלעקטע אַפראָדיטע-אוראַניע וואָלט אַראָפּגענידערט פון די שטערן אויף דער ערד אַראָפּ.

יוליאַן האָט זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטון די פיס פון דער געטין.

זיינע ליפּן האָבן געמורמלט:

— אַפראָדיטע! אַפראָדיטע! איך וועל דיך אייביק ליב האָבן.

און טרערן זענען אים אַראָפּגערונען אויף די מירמלשטיינערנע פיס פון דער סטאַטוע.

VI.

אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים, אין איינער פון די שמוציקע, אָרימע פאָרשטעט פון סעלעוקיע, דעם האַנדלס-פּאָרט פון אַנטיוכיע; די קרומע, שמאָלע געסלעך גייען אַרויס צום פּלאַץ בײַם ברעג פון ים; דעם ים זעט מען נישט אָן פון די גאַסן — אַ גאַנצער וואַלד מאַסטן און זעגלען פאַרשטעלט אים פון דער פאָרשטאָט.

די הייזער זענען מערסטנטייל קליינע, צונויפגעקלעבטע שטייגעלעך, אַרומגעשמירט מיט ליים. די פאָדערשטע זייט צו דער גאַס איז מערסטנ-טייל צוגעדעקט מיט אַ שטיקל טעפּיך, אַ ראָגאָזשע, אָדער סתּם אַ ברוי-דיקע שמאַטע. אין יעדן ווינקל פון די קרומע געסלעך, אין די היגערנע שטיבעלעך, אין די שטינקנדיקע הייף, אין די שמוציקע וועשערייען, אין די בעדער — אומעטום שווימלט און גריבלט מיט מענטשן, — אָן ערב-רב פון אָרימע, הונגעריקע, שמוציקע קנעכט און אַרבעטער.

די זון האָט אַ גאַנצן טאָג געפּייערט, איצט האַלט זי בײַ אונטער-גיין. אַ שטינקעכץ, אַ היץ, אַ שטויב הענגט אינדערלופטן. פון מאַרק דערטראָגט זיך אַ שרעקלעכער ריח פון פלייש און גרינוואַרג, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געפּרייעט אויף דער זון. ביז אין דער העלפט נאַקעטע קנעכט טראָגן אויף די פּלייצעס פּעק פון די שיפן צום פּאָרט; איין האַלבער קאָפּ איז בײַ זיי געגאָלט, דורך די צעריסענע שמאַטעס וועען זיך דורך צעקאַטעוועטע לייבער פון שמיץ, בײַ טייל איז דאָס גאַנצע פּנים פאַרשענדט מיט אַ שוואַרצן שטעמפּל פון אַן אַנגעגליטער

אייזערנער חתימה מיט צוויי לאַטיינישע אותיות .C. F, דאָס הייסט, Cave Furem, היט דיך פאַר אַ גנב!

אין די שטיבלעך איז שוין אָנגעצונדן פייער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז שוין באַלד נאַכט, ווערט נישט איינגעשטילט דער טומל און דער ליאַרם אין די שמאָלע, טונקעלע געסלעך. פון ערגעץ אַ נאָענטער שמידעריי פאַרטויבן די אויערן קלעפּ פון אַ האַמער איבער אַן אייזן-בלעך. עס פלאַמט אַלעמאָל אויף דאָס פייער אין אַן אויוון פון אַ שמידעריי, די סאַדזע זעצט אַן אויפהער. דאָ נאָענט אַרבעטן קנעכט, בעקערס, אינגאַנצן נאַקעטע, באַדעקטע פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ ווייסן שטויב, זיי זעצן ברויט אין אַן אויוון אַריין. אין אַן אָפן געוועלבל זיצט אַ שוסטער און פאַרעט זיך באַ אַ שטיהל באַ דער שיין פון אַן אייל-לעמפּל, פון זיין וואַרשטאַטל שפּירט זיך אַ ריח פון יוכט און שוסטער-קליי און עס הערט זיך דאָס גאַרגלען פונם שוסטער, וועלכער זינגט באַ דער אַרבעט אַ ליד אויף זיין באַרבאַריש לשון. פון צוויי קעגנאיבערדיקע שטיבלעך זידלען זיך און שעלטן זיך אַריבער איבער דער גאַס צוויי אַלטע ווייבער, עכטע מכשפות, מיט צעשויבערטע גרויע האָר, זיי רייסן זיך איינע צו דער אַנדערער מיט אויפגעהויבענע, געבײַלטע פויסטן די איינציקע גרענעץ צווישן די ביידע קעמפנדיקע מכשפות איז אַן אויסגעצויגענער שטריק, אויף וועלכן ביידע הענגען אויס עפּעס שמאַטעס צום טרוקענען. און אונטן. אויף דער גאַס, פאַרט עפּעס אַ הענדלער גיך, געאײַלט, מסתם אויפן מאָרגנדיקן יאַריד, מיט אַ פולער פור שטינקעדיקע פיש; די ביינערדיקע, אָפּגעבאַרעטע שקאַפּע זיינע שפּרינגט פון דער הויט אַרויס און דער עולם דרייט אָוועק די נעז פון דעם שרעקלעכן עיפּוש פון די פיש, און שעלט אים מיט טויטע קללות. אַ יידיש ייִנגעלע מיט גראָבע בעקלעך זיצט אינמיטן דער גאַס מיט אַ גרויסן קופּערנעם בעקן אין די הענטלעך, זעצט אין דעם בעקן אַריין מיט אַלע כוחות און שעפּט תענוג פון די מעכטיקע, פאַרטויבנדיקע קלאַנגען.

אַרום די קאַלוזשעס מיט אייער-שאָלעכץ און מאַראַנצן-שיילעכץ, וואָס געפינען זיך אינמיטן דער גאַס, וואַלגערן זיך אויף דער בלויזער ערד אַן אַ שיעור פיצלעך אויסגעדאַרטע, פאַרשמירטע, נאַקעטע קינדער און קוויטשען ווי די חזירימלעך. זיי ווערן געבוירן און שטאַרבן דאָ אין די הונדערטער יעדן טאָג. אין די מער טונקעלע פאַרבאָרגענע הינטערגעסלעך, וווּ עס וווינען גנבים און כוח-גייערס, פילט זיך עפּעס אַ פייכטקייט און אַ ריח פון זויערן וויין פון די שטיבלעך אַרויס, און ים-פאַרערס

פון אַלע עקן וועלט גייען דאָ אַרום גאַנצע מחנותווייז, אַרומגענומען איינער מיטן אַנדערן, און זינגען זייערע שיכּורע לידלעך. איבער אַ טויער פון אַ באַרדעל הענגט אַ לאַמטער מיט אַן אומפאַרשעמט געמעל, וועלכעס איז געהייליקט צום גאָט פּריאַפּוס און אַז מ׳הייבט אויף די פאַרהאַנג, די צענטאַנע — זעט מען אינעווייניק אַ גאַנצע רייע ענגע קעמערלעך, ענלעך צו פערד־זשליבן, איבער יעדן זשליב אַזעלכן איז אויפגעשריבן דער פּרייז, און אין דער שטינקענדיקער פינצטערניש ווייזן זיך נאַקעטע קערפּערס פון פרויען.

איבער דעם גאַנצן טומל און גערודער, איבער דעמדאָזיקן אומגעהייערן מענטשלעכן שמוץ און שרעקלעכן דלות, הערשט דאָס ווייטע גערויש פונם ים, וועלכער שלאָגט מיט די כוואַליעס אָן ברעג.

הינטער די פענצטער פון עפּעס אַ גאַרקיך, וואָס געהער צו אַ פיניקישן סוחר, שפּילן איןביינדלעך עטלעכע אָפּגעשליסענע פאַרשויגען און שמועסן עפּעס צווישן זיך. פון דער קיך, וואָס געפינט זיך אין קעלער, זעצט אַלע ווײַלע אַרויס אַ דאַמף פון געריישט פעטס, ציבעלעס און צוגעדעמפּט פלייש. די הונגעריקע לייט הינטערן פענצטער אָטעמען־איין דעם דאַמף מיט גיריקייט און פאַרמאַכן די אויגן פון תענוג

איינער, אַ פורפור־וואָל־פאַרבער, אַ קריסט, וועלכן מ׳האָט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט צוליב עפּעס אַ גנבה, נאָגט מיט הנאה אַ מאַלחע־בלעטל, וואָס מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער קיך, און דערציילט בשעת־מעשה :

— ליבע מענטשן, וואָס עס טוט זיך היינט אָפּ אין אַנטיוכיע, די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער הונגעריקער המון צעריסן אויף פיצלעך דעם פּרעפעקט טעאָטילוס. פאַרוואָס, זאָל איך אַזוי וויסן פון זייער געביין. ווען עס איז שוין געווען אָפּגעטון, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ גאַנץ ווײַלער מענטש, אַ גאַנץ ווײַלער... מ׳זאָגט — דער צעזאַר אַליין האָט אויף אים אָנגעהעצט דעם המון...

אַן אַלטיטשקער, אַ חלוש, זייער אַ געניטער קעשענע־גנב, רופט זיך אָן :

— איך האָב איינמאָל געזען דעם צעזאַר. כ׳ווייס נישט, מיר איז ער געפעלן. אַ יונגיטשקער ; אַ חייסן קאָפּ ווי לייב, אַ פנימל אַ זאַטס, אַ ליבלעכס. און אַזוי פיל רציחות ! רבונו של עולם, אַזוי פיל

מערדערייען! אַ געוואַלט! ס'איז דאָך שרעקלעך אויף דער גאַס אַרויס־צוגיין!

— דאָס אַלץ שטאַמט נישט פונם צעזאַר, נאָר פון חייבזיינעם, פון קאָנסטאַנטינען. דאָס איז אַ מכשפה!

עפּעס מאָדנע מענטשן זענען צוגעקומען צו דער חברה, זיך צוגע־בויגן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטיילנעמען אינם שמועס. ווען די שיין פון דער גאַרקיך וואָלט געווען שטאַרקער, וואָלט מעגלעך געווען צו באַמערקן, אַז זייערע פּנימער זענען צוגעפּאַרבט און אַז די מלבושים זייערע זענען צעפליקט און אויסגעפּאַטשקעט, אַזויווי בײַ די בעטלערס אין טעאַטער. נישט קוקנדיק אויף די הערלעכע טראַנטעס, איז לײַכט געווען צו באַמערקן, אַז איינער פון זיי האָט ווײַסע, געצערטלטע הענט מיט ראָז־געפּאַרבטע, פּאָלירטע נעגל. איינער פון זיי האָט שטיל אײַנגע־רוימט אַ צווייטן אין אויער אַרײַן:

— הער נאָר, אַגהאַמעמנאָן: דאָ רעדט מען עפּעס אויך וועגן צעזאַר.

דער פּאַרשוין, וועלכן מ'האָט אָנגערופן אַגהאַמעמנאָן האָט געהאַט אָן אויסזעען פון אַ שיכּורן, ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס, זײַן לאַנגע, אומנאַטירלעך־געדיכטע באָרד האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ גזלן פון די קינדער־מעשהלעך; אָבער די אויגן זײַנע זענען געווען מילד, העל־בלוי, מיט אַ קינדערישן אויסדרוק. די חברים זײַנע האָבן אים אײַנגע־האַלטן מיט דערשראָקענע אויגן:

— פאַרזיכטיקער!

דער קעשענע־גנב האָט ווידער אָנגעהויבן מיט עפּעס אַ זינגענדיקן רחמנות־טאָן:

— זאָגט איר אַליין, חברים־ברידער, צי קאָן מען אַזוי? ברויט ווערט טײַערער פון טאָג צו טאָג, מענטשן פאַלן ווי די פליגן. און דאָ, פּלוצלינג... נו, זאָגט טאַקע אַליין, ווי זעט דאָס אויס? — קומט אָן פון מצרים אַ שיף, אַ ריזיקע, דרײַמאַסטיקע שיף! מיר האָבן אויפגעלעבט — מסתּם תּבֿואה, מעל, ברויט, עסן! מ'הייבט שוין אָן ברייען, — דער צעזאַר האָט אַליין באַשטעלט אַ גאַנצע שיף מיט מעל, מ'וועט טיילן צווישן עולם. לאָזט זיך אויס אַ מעשה! טרעפט, וואָס איז געווען אין דער שיף? איר זאָלט אפילו זײַן מיט טויזנט קעפּ! — אַ שיף מיט שטויב, אַ פולע שיף מיט שטויב, מיט עפּעס אַזאַ מין שטויב פון אַלעקסאַנדריע, ראָזע ליבישן שטויב אײַנצורייבן די מוסקולן צעזאַרס גלאַדיאַ־

טאָרן! — איר הערט — שטויב אָנשטאָט ברויט! וואָס זאָגט איר נישט דערצו? האָ?

אַגהאַמעמנאָן שטופּט צו איינעם פון זיינע חברים:

— פרעג אים, ווי ער הייסט. דעם נאָמען פרעג אים!

— שאַ... נאָך נישט איצט! וואַרט צו...

איינער אַ וואַל־קעמער, רופט זיך אָן:

— דאָ אין סעלעוקיע איז נאָך צו דערליידן. אין אַנטיוכיע איז שוין אוממעגלעך אויסצוהאַלטן: מ'שפּירט נאָך, מ'זוכט, מ'כאַפּט...

דער פאַרבער גיט דאָס לעצטע מאָל אַ לעק דאָס מאַלווע־בלעטל, איבערצייגנדיק זיך, אַז ס'האָט שוין קיין שום טעם נישט, וואַרפט ער עס אַוועק און גיט אַ ברום מרה־שחורהדיק אונטער דער נאָז:

— מיט גאָטס הילף וועט אין קורצן מענטשן־פלייש און מענטשן־בלוט ביליקער זיין ווי ברויט און ווין, — איר וועט זען...

דער וואַל־קעמער, אַ שיכור און אַ פילאָזאָף, גיט דערויף אַ שווערן זיפץ:

— אָ־אָ־אָך! וואָס איז דען דער גאַנצער מענטש, מ'שטיינסגעזאָגט! די אָלימפּישע געטער שפּילן זיך מיטן מענטש ווי מיט אַ פּילקע — אַהין, אַהער, אַרויף, אַראָפּ. די מענטשן וויינען און די געטער לאַכן.

אַגהאַמעמנאָנס אַ חבר איז געלונגען זיך אַריינצומישן אין שמועס. ער איז קינציק דערגאַנגען די נעמען פון דער גאַנצער חברה; עס איז אים אפילו געלונגען אונטערצוהערן, ווי אַ וואַנדערנדיקער שוסטער האָט בסוד דערציילט דעם וואַל־קעמער, אַז צווישן דער פּרעטאָריאַנישער לייב־וואַך פונם צעזאַר האַלט מען אין אויפשטאַנד. אויסהערנדיק דאָס אַלץ, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט און מיט אַ פּרעכטיק־שיינעם סטילאָס פאַרשריבן אַלע נעמען אויף אַ וואַקסן טאָוועלע, וווּ ער האָט שוין גע־האַט פאַרשריבן נאָך אַ סך נעמען.

פּלוצלינג האָבן זיך פונם מאַרק־פּלאַץ דערהערט טעמפּע, הייזערי־קע, האַלב־וויינענדיקע, האַלב־לאַכנדיקע קלאַנגען, ווי פון עפּעס אַן אונ־טערערדישער חיה, דאָס האָט מען געשפּילט אויף אַזאַ מין וואַסער־אָרגל. אַ בלינדער קנעכט, אַ קריסט, האָט פאַר פיר אָבאָלן אַ טאָג אַריינגע־פּלומפּט דאָס וואַסער אין דערדאָזיקער מאַשין אַריין, וועלכע האָט מיט לעכערלעכע וויינענדיקע טענער אירע גערופן דעם עולם אין באַלאַגאַן אַריין, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק.

אַגהאַמעמנאָן האָט אַוועקגעשלעפּט זיינע חברים צום באַלאַגאַן,

אַ ריזיקע בויד, באַצויגן מיט בלויער לייוונט מיט זילבערנע שטערן. פאָרן איינגאַנג איז געהאָנגען אַ לאַמטער און באַלויכטן אַ שוואַרץ ברעט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן מיט קרייד אויף גריכיש און סיריש די מודעה וועגן דער היינטיקער פאָרשטעלונג.

אינעווייניק, אין דער בויד, איז געווען דושנע. עס האָט זיך גע־פילט אַ ריח פון קנאָבל און אַן עסנדיקער רויך פון די קאַגענעקלעך. אַלס צולאָג צו דער מוזיק פונם וואַסער־אָרגל האָבן נאָך צוגעפּישטשעט צווי פלייטן, וועלכע האָבן געלעכערט די אויערן און אַ שוואַרצער נעגער האָט, פינקלענדיק מיט די ווייסלעך פון די אויגן, געזעצט אין אַ פויק אַריין.

אַ טענצער האָט בשעת־מעשה געטאַנצט אויף אַ שטריק, געוויזן פאַרשידענע קונצן, צוגעפּאַסשט מיט די הענט און געזונגען אַ לידל, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע:

Huc, huc convenite nunc
Spatolocinaedi!
Pedem tendite,
Cursum addite.

דער טענצער, אַן אַלטער, אַ העטלעכער, מיט אַ קורץ נעזל, האָט געוויילט דעם עולם. פון גאָלן קאָפּ זענען אים אַראָפּגערונען איבערן פּנים גרויסע טראָפּנס שווייס אויסגעמישט מיט שמינקע; די קנייטשן אויף זיין פּנים זענען געווען פאַרקלעבט מיט פּודער און האָבן אויסגעזעען ווי די שפּאַלטן פון אַן אַלטער וואַנט, פון וועלכע דער רעגן האָט אָפּגע־שווענקט דעם טינק.

ווען ער האָט געענדיקט זיין נומער, זענען אַנטשוויגן געוואָרן די פלייטן מיטן וואַסער־אָרגל. אויף די ברעטער איז אַרויס אַ פופצניעריק מיידל, כּדי אויסצופירן דעם באַרימטן טאַנץ קאָרדאַקס, פון וועלכן דער עולם איז דעמאָלט געווען אַנטציקט. די גלחים האָבן פון דער אַמבאַנע געפּריידיקט קעגן דעם טאַנץ, די רוימישע געזעצן האָבן אים פאַרבאָטן, — עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן: דעם קאָרדאַקס האָט מען אומעטום געטאַנצט: אָרימע און רייכע, סענאַטאָרישע מאַטראָנעס און גאַסן־טענצערינס.

אַגהאַמעמנאָן האָט אַרויסגערעדט מיט אַנטציקונג:

— אַך, איז דאָס אַ מיידעלע!

זיינע באַגלייטערס האָבן אים מיט די פויסטן געמאַכט אַ האַרע און ער איז אויסגעקומען באַלד אין דער ערשטער ריי.

דער שלאַנקער, ברוינער קערפּער פון דער יונגער נוביאַנערין איז געווען אַרומגעהילט אַרום די היפטן מיט אַ לייכטן, דורכזיכטיקן שלייער; די שוואַרצע געקרייזלטע לאָקן זענען געשטאַנען אויף איר קאָפּ, ווי געווײנלעך בײַ די עטיאָפּישע פרויען; איר פּנים איז ענלעך געווען צום פּנים פון אַ ספינקס — בכלל אַן עכט-עגיפּטישער טיפּ.

און די קראָטאַליסטריע האָט אָנגעהויבן טאַנצן, עפּעס אַזוי אומעטיק, פויל, נאַכלעסיק. איבער איר קאָפּ האָבן געקלונגען, קוים צו דערהערן מיטן אויער, די גלעקעלעך פון דעם מעשענעם צימבל אין איר שיינער, שלאַנקער האַנט.

ביסלעכווייז זענען אירע באַוועגונגען האַסטיקער געוואָרן. און פּלוצלינג האָבן פון צווישן די לאַנגע וויעס אַ בליק געטון צוויי געלע, דורכזיכטיקע געשייטע אויגן, ווי בײַ אַ ווילדער חיה. זי האָט זיך אײַנגאַנצן אויסגעצויגן און די מעשענע קראָטאַליע אין איר האַנט האָט אָנגעהויבן קלינגען שאַרף, שניידנדיק, מיט אַזאַ טאָן, אַז דער גאַנצער עולם איז אויפגעציטערט געוואָרן.

באַלד האָט זי זיך אָנגעהויבן דרייען; איר שלאַנקער, געטאָקטער, עלאַסטישער קערפּער האָט זיך געוויקלט ווי אַ שלאַנג. די נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט. פון האַלז האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַן אויסטערלישער קוויטש. בײַ יעדער האַסטיקער באַוועגונג האָבן אירע צוויי קליינע, טונקעלע ברוסטלעך געפלאַטערט אונטער דער שטייפער, גרינער, זיידענער נעץ, ווי צוויי צייטיקע פרוכטן וואָלטן געציטערט אויפן ווינט, און די שפּיציקע, שטאַרק-אָנגעפּאַרבטע וואָרצלען האָבן זיך געריטלט פון דער גרינער נעץ אַרויס.

דער עולם האָט געוואָיעט פון אַנטציקונג. אַגהאַמעמנאָן איז ווילד געוואָרן. זיינע חברים האָבן אים געמוזט צוהאַלטן אונטער די הענט.

ראַפּטום איז דאָס מיידל שטיין געבליבן, ווי עס וואָלטן איר די כּוחות אויסגעגאַנגען: אַ לייכטער ציטער איז דורכגעלאָפן איבער אַלע גלידער פון קאָפּ ביז די פיס. אַ טויט-שטילקייט האָט אַלעמען באַהערשט. איבער איר הויך-פאַרוואָרפענעם קאָפּ האָבן ווי צוויי פליגל פון אַ געפאַנגענעם שמעטערלינג געשווינד און צאַרט געפלאַטערט די גלעקעלעך פונם צימבל. אירע אויגן זענען אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָר גאָר טיף אין

זיי האָבן נאָך געטליעט צוויי פונקען. דאָס גאַנצע פּנים אירס איז שטרענג, כּמעט גרויזאַם געוואָרן. נאָר אויף די דיקלעכע, רויטע ספינקסישע ליפּן אירע האָט געציטערט אַ קוים באַמערקלעכער שמייכל. און אין דער־דאָזיקער שטילקייט איז אָפּגעשטאָרבן דער לעצטער קלאַנג פון דער מעשענער קראַטאַליע.

דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבן אַזוי שרייען, אַזוי פּאַטשן מיט די הענט, אַז דאָס בלויע געוואַנט מיט די זילבערנע פלימערלעך האָט זיך אויפגעבלאָזן ווי אַ זעגל בשעת אַ שטורעם און דער באַלעבאָס האָט זיך געשראָקן, זיין באַלאַגאַן זאָל חלילה נישט איינפאַלן.

די חברים האָבן מער נישט געקאָנט איינהאַלטן אַגהאַמעמנאָנען. ער האָט אויפגעשאַרצט די פּאַרהאַנג און אַרויף אויף דער סצענע, אַרי־בערגעשפּרונגען אין איין מינוט דורך די ברעטער און אַריין אינם קעמערל פאַר די טענצערינס און די פאַרשטעלערס.

די חברים, וועלכע זענען אים נאָכגעקומען, האָבן אים איינגערוימט אין אויער אַריין:

— וואַרט־צו! אויף מאָרגן וועט אַלץ זיין אָפּגעמאַכט. איצט קאָן מען נאָך...

אַגהאַמעמנאָן האָט זיי איבערגעשלאָגן:

— ניין, נאָר שוין!

ער איז צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס מירמעקסן, אַ דורכגעטרי־בענעם גריך מיט אַ גרויען קאָפּ, און אָן איבעריקע הקדמות אים אַריינגעשאָסן אין דער פאַלע פון זיין טוניק אַ זשמעניע גאָלדענע מטבעות.

— די קראַטאַליסטריע איז דיינע?

— יאָ. וואָס פאַרלאַנגט איר, מיין הער?

מירמעקס האָט דערשטוינט געקוקט דאָ אויף דעם היסטן הולך פון דעמדאָזיקן פאַרשוין, דאָ אויף דעם גאָלד.

— ווי הייסטו, מיידעלע?

— פילליס.

ער האָט איר אויך געגעבן געלט אומגעציילט. דער גריך האָט עפּעס איינגערוימט דער טענצערין אין אויער. זי האָט אַ וואָרף געטון עטלעכע קלינגענדיקע מטבעות הויך אינדערלופטן, געכאַפּט זיי צוריק אין דער האַנט אַריין, פריילעך אַרויסגעלאַכט און אַ בליק געטון

אויף אגהאמעמנאָנען מיט אירע געלע אויגן. ער האָט צו איר א זאָג געטון:

— קום מיט מיר.

פיללים האָט ארויפגעוואָרפן אויף די שמאָלע אקסלען א טונקעלע כלאמידע און ארויס מיט אים אויף דער גאס.

זי האָט אים א פרעג געטון:

— וווהין?

— כ'ווייס נישט.

— צו דיר?

— נישט מעגלעך. איך וווין אין אנטיוכיע.

— און איך בין ערשט היינט געקומען צו פארן, כ'ווייס אויך נישט.

— וואָס־זשע טוט מען?

— וואַרט נאָר א מינוט. כ'האָב ערשט נישט לאנג באמערקט דאָ ערגעץ אין א געסל אן אפענעם טעמפל פון גאָט פריאפוס. לאָמיר אריינגיין אהין.

פיללים האָט זיך צעלאכט און אים אנגעהויבן שלעפן מיט זיך. די חברים האָבן מיט אים געוואָלט מיטגיין, נאָר ער האָט זיי אפגעהאַלטן:

— נישט נייטיק! בלייבט דאָ שטיין.

— פאַרזיכטיקער דאָרט! נעם כאָטש מיט געווער. אין די היגע געסלעך איז געפערלעך צו גיין בּאנאכט.

און איינער פון זיינע באגלייטער האָט ארויסגענומען פון אונטער די צעריסענע מלבושים א קורצע שווערד, ענלעך צו א קינזשאל, מיט א טייער הענטל, אויסגעזעצט מיט דימענטן און עס אים דערלאנגט מיט דרך־ארץ.

אגהאמעמנאָן און פיללים זענען אריין אין פינצטערן געסל נישט ווייט פונם מארק־פלאַץ.

— אהער! אהער! האָב קיין מורא נישט. קום אריין.

זיי זענען אריין אין פאַדערהויז פונם אַלטן, פאַרוואַרלאָזטן טעמפל; אן אייל־לעמפל אויף קייטעלעך האָט שוואַך צאנקענדיק באלויכטן די פאַרצייט־שע, רויזיקע זיילן.

— פאַרמאַך די טיר.

פיללים האָט שטילערהייט אראָפגעוואָרפן פון זיך אויף דער

שטיינערנער פּאָדלאָגע די וויכע, טונקעלע כלאַמידע. זי האָט שטיל אַרויסגעלאַכט, און ווען אַגהאַמעמנאָן האָט זי צוגעדריקט צו דער ברוסט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אַרום זיין קערפּער וואָלט זיך אַרומגעוויקלט אַ שרעקלעכע, הייסע שלאַנג. די גרויסע ווילדע אויגן אירע זענען נאָך גרעסער געוואָרן.

אין דערזעלבער רגע האָט זיך אינעווייניק אינם טעמפּל דערהערט אַ געשריי פון גענז און אַ פּאָכען פון פליגל; עס האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ ווינט, אַז דאָס אייל-לעמפּל איז שיער נישט פאַרלאָשן געוואָרן.

אַגהאַמעמנאָן האָט אָפּגעלאָזט פיליסן און אַרויסגעמורמלט:

-- וואָס איז דאָס אַזעלכעס?...

אין דער פינצטערניש האָבן דורכגעשוועבט עפּעס ווייסע געשפּענסטן. אַגהאַמעמנאָן האָט זיך דערשראָקן און זיך אָנגעהויבן צלמען.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? אין נאָמען פון פאָטער און זון!...

פלוצלינג האָט אים עפּעס שטאַרק אַ קניפּ געטון אין פיס אַריין. ער האָט אַ געשריי געטון פון ווייטיק און שרעק, איין אומגעזעענעם שונא האָט ער אָנגעכאַפּט באַם האַלז, אַ צווייטן דורכגעשטאָכן מיט דער שווערד. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער ליאַרם, אַ גוואַלט, אַ גערודער, אַ פּאָכען פון ווייסע פליגל. דאָס לעמפּל האָט אַ ציטער געטון, אויפגעפלאַקערט דאָס לעצטע מאָל און פאַרלאָשן געוואָרן.

פיליס האָט זיך צעלאַכט:

— דאָס זענען דאָך געגנז! די הייליקע געגנז פון גאָט פּריאַפּוס! וואָס האָסטו געטון!

דער ציטערנדיקער, בלאַסער זיגער איז געשטאַנען און געהאַלטן אין איין האַנט די פאַרבלוטיקטע שווערד, אין דער צווייטער — אַ גע-קוילעטע גאַנז.

פון דער גאַס האָבן זיך דערהערט מוראדיקע געשרייען און אַ המון האָט זיך אַריינגעריסן אין טעמפּל אַריין מיט ברענענדיקע שטור-קאַצן אין די הענט. פאָרויס איז געלאָפן די אַלטע פּריסטערין פון גאָט פּריאַפּוס — סקאַברע. זי האָט זיך רויק געטרונקען אַ קוביעל ווין אין דעם דערביייאיקן שענקל חי געוויינלעך, פלוצלינג האָט זי דערהערט, ווי די הייליקע געגנז שרייען, האָט זי צונויפגערופן אַ המון גלויביקע, און געקומען זען וואָס דאָ קומט פאָר. די האָקעוואַטע רזיטע נאָז אירע, די גרויע צעפלאָשעטע האָר, די בליצנדיקע, שפּיזיקע אויגן, חי צווי

שטאָלערנע מעסערס, האָבן זי אײַנגאַנצן ענלעך געמאַכט צו אַ ווילדער פּוריץ.

זי האָט געליאַרעמט:

— העלפֿט! ראַטעוועט! דער טעמפּל איז פֿאַרשוועכט! פּריאַפּו־סעס הייליקע געבנז זענען געקוילעט! איר זעט, — דאָס זענען דאָך אומ־גלויביקע קריסטן. כאַפּט זיי! האַלט זיי!

פּיללים האָט אַ כאַפּ געטון איר מאַנטל איבערן קאָפּ אַריבער און בעלם געוואָרן. דער המון האָט געשלעפּט אַגהאַמעמנאָנען אויפֿן מאַרק־פּלאַץ אַרויס. ער האָט אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט די טויִ־טע גאַנז, אַזוי דערשראָקן איז ער געווען. סקראַבע האָט גערופֿן די אַגאַראַנאָמען — די וועכטערס פֿונם מאַרק.

דער המון איז גרעסער געוואָרן פֿון מינוט צו מינוט.

אַגהאַמעמנאָנס חברים זענען אים געקומען צו הילף. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: פֿון אַלע קנייפּעס, פֿון אַלע שענקען, פֿון די געוועלבלעך, פֿון אַלע הינטערגעסלעך זענען געלאָפֿן מענטשן אויפֿן וויסטן אָנגעלויף. אויף אַלעמענס פּנימער איז געווען צו זען אַן אויס־דרוק פֿון לוסטיקייט און נײַגיריקייט, וואָס מ'קאָן געוויינלעך באַמערקן אויף די פּנימער פֿונם המון בשעת גאַסן־פֿאַרפֿאַלן.

עס לויפֿט אַ שמיד מיט אַ האַמער אין דער האַנט, די צוויי שכנטעס, די אַלטע מכשפות, וועלכע האָבן זיך פֿריִער געקריגט, אַ בעק־קער, אויסגעווייסט און אויסגעשמירט מיט טייג, אַ הינקענדיקער שוס־טער; און הינטער אַלע פֿליט דאָס יידישע ייִנגעלע מיטן געלן קעפּל, לאַכט, קוויטשעט און זעצט אין דעם קופּערנעם בעקן אַרײַן, ווי ער וואָלט געקלונגען אויף אַ שׂרפֿה.

סקראַבע ליאַרעמט, אײַנגעקלאַמערט מיט די נעגל אין אַגהאַמעמ־נאָנס מלבושים:

— וואַרט נאָר, וואַרט! אָט וועל איך מיך צוקריגן צו דײַן מנוולדיקער באָרד! כ'וועל פֿון איר קיין איין האָר נישט איבערלאָזן! דו מנוולדיק באַשעפֿעניש! ביסט אפֿילו נישט ווערט דעם שטריק, אויף וועלכן מ'וועט דיך אויפֿהענגען.

ענדלעך קומען אָן די פֿאַרשלאָפֿענע אַגאַראַנאָמען, מער ענלעכע צו גנבים, ווי צו אָרדנונג־היטערס.

צווישן המון הערן זיך געשרייען, געלעכטערן, זידלערייען, קיינער

ווייסט נישט, וואָס דאָ איז געשעען. טייל שרייען: „גזלנים!", טייל: „מ'קוילעט!", טייל: „ס'ברענט!"

נאָר אין דער־זעלבער מינוט דערהערט זיך אַ דונערנדיקע שטימע פון אַ האַלב־נאַקעטן ריז מיט געלע האָר און מיט זומערשפּרענקלען איבערן גאַנצן פּנים, — ער איז אַ בעדער פון פאַך און אַ מארק־רעדנער פון בארוף:

— בירגער! שוין לאַנג לאָקער איך אויף דעמדאָזיקן מנוול מיט זיינע חברים. זיי פאַרשרייבן זיך עפּעס נעמען. דאָס זענען שפּיאָנען, דעם צעזאַרס שפּיאָנען!

סקאַברע האָט זיך דערווייל צוגעכאַפּט מיט איין האַנט צו אגהאַמעמנאָנס באָרד, מיט דער צווייטער האַלט זי אים בײַ די האָר. ער וויל זי אָפּשטויסן פון זיך, נאָר זי גיט זיך אַ רייס — און די לאַנגע שוואַרצע באָרד זיינע מיט די געדיכטע האָר פון זיין קאָפּ בלייבן בײַ איר אין די הענט. מיט ביידע טראָפּעען אין די הענט טוט זיך די אַלטע אַ שליידער אַנידער אויף דער ערד.

אַנשטאָט דעם שוואַרצן צעשויבערטן אגהאַמעמנאָן, שטייט איצט פאַרן עולם אַ שיינער יונגערמאַן מיט ווייסע, לייענע, געלאָקטע האָר און אַ קליין בלאָנדן בערדעלע.

דער המון ווערט פאַרשטומט פון איבערראַשונג. באַלד דונערט ווידער דעם בעדערס שטימע:

— איר זעט, בירגער! דאָס זענען איבערגעטוענע שפּיאָנען!

עמעץ גיט אַ געשריי:

— קאַטעוועט אים!

דער עולם ווערט אויפגערודערט. עס הייבן אָן פליען שטיינער. אגהאַמעמנאָנס חברים רינגלען אים אַרום און אַנטבלויזן די שווערדן. דער וואָל־קעמער האָט געקריגן דעם ערשטן קלאַפּ — ער ליגט שוין אויף דער ערד באַגאָסן מיט בלוט. דאָס יידישע ייִנגעלע מיטן קופּערנעם בעקן איז צעטרעטן געוואָרן אונטער די פיס פון המון. די פּנימער פון המון זענען ווילד, חיהשדיק געוואָרן.

פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ צוג פון צען ריזן; צען קנעכט פּאַפּלאַגאָניער טראָגן אויף די אַקסלען אַ פּורפּורן טראָג־בעטל. דער עולם מאַכט ווי אַ וואַרע.

— מיר זענען געראַטעוועט! — שרייט אויס דער בלאָנדער יונגער־

מאַן און שפּרינגט אַריין מיט איין חבר זיינעם אין דעם טראָג־בעטל אַריין.

די קנעכט גיבן זיי צוריק אַ נעם אַרויף אויף די אַקסלען און הייבן אָן לויפן.

דער צעיושעטער המון וואָלט זיי געוויס פאַרהאַלטן און צעריסן אויף פיצלעך, עס דערהערט זיך אָבער פּלוצלינג אַ געשריי:

— איר זעט דען נישט, בירגער? דאָס איז דאָך דער צעזאַר אַליין, דער צעזאַר גאַללוס?

דער עולם איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק.

דאָס פּורפּורנע טראָג־בעטל איז פאַרשוווּנדן אין אַ פינצטער ווינקל פון עפּעס אַ זייטיק געסעלע.

זעקס יאָר איז שוין פאַרביי פון דער צייט, ווען יוליאַן און גאַללוס זענען געווען איינגעשלאָסן אין קאַפּאַדאָקישן שלאָס מאַצעללום. דער קייסער קאָנסטאַנציוס האָט זיי צוריק געשענקט זיין חסד. דער ניינצעניעריקער יוליאַן איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און עס איז אים געגעבן געוואָרן אַ דערלויבעניש אַרומצופאָרן איבער די שטעט פון קליינאַזיע; גאַללוסן האָט דער קייסער געמאַכט פאַר שני־למלך מיטן טיטול צעזאַר און באַשטימט אים פאַר רעגירער איבערן גאַנצן מזרח. דערדאָזיקער אומגעריכטער חסד האָט אָבער ביידע ברידער אַריינגעבראַכט אין נאָך אַ גרעסערן חשד. קאָנסטאַנציוס פלעגט זייער לייכט באַזייטיקן די גרעסטע שונאים זיינע מיט חסדים און ערן־טיטולן און דערנאָך זיי נאָך לייכטער אַראָפּרוימען פון וועג.

— הערסט, גליקאַ, כ׳וועל זי שוין מער נישט האָרכן. קאָנסטאַנטינען, פאַר קיין פאַל גיי איך מער נישט אַרויס איבערגעטון ווי אַ בעטלער. מ׳קאָן באַצאָלן מיטן לעבן!

— מיר האָבן דיין מאַיעסטעט געוואָרנט...

אָבער דער צעזאַר האָט שוין געהאַט פאַרגעסן די שרעק, וואָס ער האָט נאָר־וואָס איבערגעלעבט, ער האָט זאָרגלאָז געלאַכט:

— גליקאַ! ווי איז דיר געפעלן די אַלטע מכשפה מיט מיין באָרד אין איין האַנט און דעם קאָפּ־האָר אין דער צווייטער? כ׳האָב מיך נאָך נישט באַוויזן אומצוקוקן — ווי זי איז שוין געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד!

ווען זיי זענען אַריין אין פּאַלאַץ, האָט דער צעזאַר באַפוילן:

— אַ וואַנע און נאַכט־עסן! כ׳בין שרעקלעך הונגעריק.

איינער פון די הויפלייט האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו.

— וואָס איז דאָס? אַהאַ! ניין, ניין! מאָרגן, מאָרגן, היינט טו איך גאָרנישט...

— גנעדיקער צעזאַר, אַ וויכטיקער בריוו — פון קייסער קאָנסטאַנציוס אַליין.

— פון קאָנסטאַנציוס! וואָס קאָן דאָס זיין? גיב אים אַהער...

ער האָט אים אויפגעחתמעט, איבערגעלייענט און בלאַס געוואָרן ווי דער טויט; די קניען האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן; ווען די הויפלייט זאָלן אים נישט געווען אונטערכאַפּן, וואָלט ער געווען אַני־דערגעפאַלן.

דער קייסער האָט מיט שיינע, מליצהדיקע, כמעט חניפהדיקע ווערטער איינגעלאַדן זיין „הייס־געליבטן" פעטערן־זון קיין מעדיאָלאַן. גלייכצייטיק האָט ער באַפוילן אין דעם בריוו, אַז די צוויי לעגיאָנען, וואָס שטייען אין אַנטיוכיע — גאַללוסעס איינציקע שוץ — זאָלן תיכף אַרויסגעשיקט ווערן צו אים. ער האָט באַשיינפערלעך געוואָלט אַנטוואָפענען גאַללוסן און אים פאַרנאַרן צו זיך.

ווען דער צעזאַר איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער אַרויסגע־רעדט מיט אַ שוואַכער שטימע:

— רופט אַריין מיין פרוי...

— די פרוי פון דעם גנעדיקן צעזאַר האָט נאָר־וואָס באַוויליקט אַוועקצופאָרן קיין אַנטיוכיע.

— און זי ווייסט נאָך גאָרנישט?

— ניין.

— רבונו של עולם! רבונו של עולם! וואָס טוט מען? און זי איז אויך נישטאָ! זאָגט דעם שליח פונם קייסער... ניין, ניין, זאָגט אים גאָרנישט. איך ווייס נישט. אָן איר, אָן איר! וואָס טוט מען אָן איר? שיקט גיך אַ רייטער! זאָל מען איר זאָגן, אַז דער צעזאַר בעט, זי זאָל תיכף צוריקקומען.. רבונו של עולם, וואָס טוט מען?

ער איז אַרומגעגאַנגען צערודערט, זיך אַלע מינוט אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ, געקריילט מיט די ציטערנדיקע פינגער דאָס קליינע, בלאָנדע בערדעלע און אין אומבאַהאָלפנקייט גערעדט צו זיך:

— ניין, ניין! בשום אופן פאָר איך נישט! גלייכער דאָ צו שטאַרבן... איך קען שוין גוט קאָנסטאַנציוסן!

א צווייטער פון די הויפּלייט האָט אים דערלאַנגט עפּעס אַ בויגן פּאַפּירוס:

— פון דעם צעזאַרס פרוי. איידער זי איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי באַפוילן, מ'זאָל עס דערלאַנגען דעם צעזאַר אונטערצושרייבן.

— וואָס? ווידער אַ טויט-אורטייל? קלעמאַציוס פון אַלעקסאַנדריע? ניין, ניין, שוין איבערגעגנוג! שוין צופיל! דריי מאָן יעדן טאָג! צופיל!

— דעם צעזאַרס פרוי האָט באַווילִיקט...

— אָך, אַלציינס! דערלאַנגט מיר די פעדער! איצט איז מיר שוין אַלציינס... אָבער צו וואָס איז זי אַוועקגעפאָרן? אַליין קאָן איך דאָך גאָרנישט...

ער האָט אונטערגעשריבן דעם אורטייל און אַ קוק געטון אויף אַלעמען מיט זיינע גוטע, בלויע, קינדערישע אויגן.

— די וואַנע איז גרייט; דאָס נאַכט-עסן וועט מען באַלד דער-לאַנגען.

— עסן? מ'דאַרף נישט... יאָ, וואָס איז פאַראַן צו עסן?

— טרופעלן.

— פרישע?

— פרישע. ערשט פון דער שיף אַראָפּ, פון אַפריקע.

— אפשר זאָל איך פאָרט עפּעס עסן? האַ? ווי מיינט איר, מיינע ליבע? איך בין אַזוי אָפּגעשוואַכט... טרופעלן? איך האָב נאָך אינדערפרי אין זין געהאַט...

אויף זיין צעשראָקן פּנים האָט אַ שיין געטון אַ זאָרגלאָזן שמייכעלע.

איידער דער צעזאַר איז אַריין אין דעם קילן קרעם-ווייסן, שמעקעדיקן וואַסער אַריין, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַרויסגעמורמלט:

— אַלציינס, אַלציינס... מ'דאַרף נאָר נישט טראַכטן... רבונו של עולם, העלף! רבונו של עולם, איך בין זינדיק... אפשר וועט עפּעס קאָנסטאַנטינע קאָנען אויפטון... זי האָט שוין איינמאָל שכל...

זיין אויסגעפּאַשעט, געלייטערט פּנים איז ווידער געוואָרן פריילעך און זאָרגלאָז, ווען ער האָט זיך מיטן דעם געוויינלעכן פאַרגעניגן אַריינגעזעצט אין דער שמעקעדיקער וואַנע.

– זאָגט דעם קוכער, אַז צו די טרופעלן זאָל ער דערלאַנגען רויטן וויערן ראָסל!

VII.

אין די קליינאַזיאַטישע שטעט — ניקאָמעדיע, פּערגאַם, סמירנע — האָט דער נײַנצעניעריקער יוליאַן אַרומגערײַזט מיטן צוועק צו דערלערנען בײַ די גרויסע חכמים אַלע העללענישע חכמות. אומעטום, ווו ער איז נאָר געקומען, האָט ער געהערט וועגן דעם באַרימטן טעורג און טאָפּיסט יאַמבליק פון כאַלצידע, אַ תּלמיד פון דעם נעאָפּלאַטאָניקער פּאָרפּיריוס; מ׳האָט אים גערופן איבעראַל: דער געטלעכער יאַמבליק. ער האָט זיך איצט געפונען און עפעז און יוליאַן האָט זיך אוועקגעלאָזט צו אים.

יאַמבליק איז געווען אַן אַלטיטשקער, אַ קליינינקער, אַ דאַריגקער, אַן אײַנגעשרומפּענער. שטענדיק פלעגט ער זיך באַקלאָגן אויף זײַנע פאַרשידענע קרענק: קאָפּ־ווייטיק, פּאָדאַגרע, שטעכעניש אין די זײַטן. שטענדיק פלעגט ער אַלע דאָקטוירים מאַכן מיט דער בלאָטע צו גלייך, פונדעסטוועגן פלעגט ער זיך היילן רעגולער; ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן קאָמפּרעסן, פּלאַסטערן, רעצעפּטן, רפואות; זומער און ווינטער פלעגט ער טראָגן צוויי וואַרעמע דיקע טוניקעס און ליב געהאַט די זון ווי אַ געבאַלעוועט קעצל.

פון קינדווייז אָן האָט זיך יאַמבליק אָפּגעוווינט פון פליישיקס און פלעגט פילן אַן עקל צו די, וועלכע עסן פלייש. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן קאָנען עסן לעבעדיקע באַשעפענישן. די דינסט זײַנע פלעגט אים אָפּכאָקן עפּעס אַ מין ספּעציעלע גערשטענע קאַשע, [illegible] דעם מאכל פלעגט דער אַלטער צוטרינקען אַ פּאָר שלוק דערוואַרעמטן ווײַן מיט האָניק; קיין ברויט האָט ער אויך נישט געקאָנט עסן — ער האָט קיין ציין נישט געהאַט.

אַרום יאַמבליקן האָבן זיך שטענדיק געפונען אַן אַ שיעור תּלמידים און פאַרערער, וועלכע פלעגן קומען צו אים פון אַלע עקן וועלט — פון רוים, פון אַנטיאָכיע, פון קאַרטאַגאַ, פון מצרים, פון מעסאָפּאָטאַמיע, פון פּערסיע; מ׳האָט געגלייבט, אַז ער קאָן באַווייזן ניסים. צו די גרעסטע לײַט, וועלכע פלעגן מיט יראת הכבוד שטיין פאַר אים, האָט ער זיך

באצויגן ווי א פאטער, וועלכן עס איז שוין נמאס צו האבן עפעס אזוי פיל אומבאהאלפענע, קליינע קינדערלעך. בשעת זיי פלעגן זיך שפארן אדער קריגן זיך איבער עפעס, פלעגט ער מאכן צו זיי מיט די הענט, ווי ער וואלט זיך אפגעיאגט פון זיי, און דאס פנים פלעגט באקומען א גרימאסע, ווי פון עפעס אן אינערלעכער ווייטיק. ער אליין האט קיינמאל נישט גערעדט אנדערש; נאר זייער שטיל, געלאסן, און וואס העכער זיינע תלמידים פלעגן שרייען, אלץ שטילער איז זיין קול געווארן; ער האט נישט געקאנט פארטראגן קיין גערודער. קיין הויכע גערעדערייען, קיין סקריפענדיקע סאנדאלן.

מיט אנטוישונג האט יוליאן געקוקט אויף דעם קאפריזנעם, קראנקן, צעבראכענעם אלטיטשקן און בשום אופן נישט געקאנט באגרייפן, וואס פאר א כוח עס ציט דידאזיקע אלע מענטשן צו אים.

ער האט אמאל געהערט ווי יאמבליקס תלמידים האבן דערציילט, אז זיי האבן אליין געזעען, ווי דער געטלעכער רבי זייערער איז אויפגעהויבן געווארן דורך עפעס א ווונדערלעכער קראפט צען איילן הויך איבער דער ערד און א גאלדענער ארעאל האט ארויסגעשטראלט פון אים — דאס איז פארגעקומען בשעת א תפילה, וואס יאמבליק האט אפגעריכט; מ'האט יוליאנען נאך דערציילט, אז איינמאל האט דער געטלעכער רבי באוויזן א נס אין דער סירישער שטאט חדרה: פון צוויי הייסע קוואלן האט ער ארויסגערופן עראסן און אנטיעראסן, די צוויי גייסטער פון ליבע, איינער א ליכטיקער, א פריילעכער, דער צווייטער א טרויעריקער, א פינצטערער; ביידע גייסטער האבן זיך געטוליעט צו יאמבליקן ווי קליינע קינדער און אויף זיין שטומען באפעל זענען זיי תיכף פארשווונדן.

יוליאן האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו דעם אלטנס רייד, ער האט אבער נישט געקאנט געפינען אין זיי דעם כוח, וואס זאל אים פארכאפן. פארפיריוסעס מעטאפיזיק, וועלכע יאמבליק האט געלערנט, האט אין יוליאנס אויגן אויסגעזעען טויט, טרוקן און צופיל קאמפליצירט. דער אלטער פלעגט זיך שפילן מיט די ווערטער און אזוי שפילעוודיק בייקומען אין די וויכוחים די דיאלעקטישע שוועריקייטן. אין זיין לערע וועגן גאט, וועגן דער וועלט, וועגן אידעען, וועגן פלאטינס טעאריע פון דער דרייאייניקייט איז געלעגן א טיפע ערודיציע, אבער קיין פונק לעבן נישט. יוליאן האט זיך געריכט אויף עפעס אנדערש.

פונדעסטוועגן האט ער געווארט.

יאמבליק האט געהאט עפּעס מאָדנע, גרינע אויגן, וועלכע האָבן זיך נאָך בולטער אונטערשיידט אויף זיין טונקל, גערונצלט פּנים: אַזאַ קאָליר באַקומט אַמאָל דער הימל פאַרנאַכט, ווען ער באַווייזט זיך פּלוצלינג פון צווישן די שווערע טונקעלע וואָלקנס אַפער פאַר א גאָס-רעגן. יוליאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז די אויגן זיינע זעגען עפּעס נישט קיין מענטשלעכע אויגן, אָבער קיין געטלעכע אודאי נישט, און אַז פון זיי שיינט ארויס יענע פאַרבאָרגענע של אנגענע חכמה, וועלכע יאַמבליק גיט נישט איבער די תּלמידים זיינע. — טיילמאָל פלעגן זיינע אויגן אויפבליצן, באַלד פלעגט ער אָבער צוריק אראָפּלאָזן די ברעמען און מיט אַ שטילער אַפּגעמאַטערטער שטימע פרעגן. פּארוואָס די גערשטענע קאַשע איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק, ער פלעגט זיך הייסן מאַכן אַ קאָמפּרעס, אָדער זיך אָנהייבן פּלוצלינג באַקלאָגן אויף דער ברעכעניש אין אַלע גלידער — און דער בליץ אין זיינע אויגן פלעגט תּיכף פאַרשוואונדן ווערן.

איינמאָל האט יאמבליק שפּאַצירט מיט יוליאַנען אַליין הינטער דער שטאָט, לעבן ברעג פון ים. דער אָוונט איז געווען אַ שיינער, אַ צאַרטער, אַ טרויעריקער. פונדערווייטנס, איבערן פּאַרט פאַנאַרמאָס, האָבן זיך געוויזט די זיילן און די טרעפּ פונם ארטעמיס-טעמפּל. אויפן זאַמדיקן ברעג פון קאַיסטראָס (דאָ האָט די לעגענדאַרישע מוטער לאַטאָ געבוירן אירע צווי געטלעכע קינדער ארטעמיס און אַפּאָללאָ) איז דער טונקעלער, לייכטער אַטשערעט אויפן טייך בעשטאַנען אומבאַוועגלעך. דער רויך פון די אַנצאָליקע אַלטאַרן איבער הייליקן וואַלד פון דער געטין האָט זיך אויפגעהויבן גלייך צום הימל אַרויף. אין דרום-זייט האָבן זיך געבלויט פונדערווייטנס די בערג פון סאַמאָס. דער ים האָט געאָטעמט שטיל ווי אַ שלאָפנדיק קינד אין וויגל; די דורכזיכטיקע כוואַליעס האָבן באַזאַכט געוואַשן דאָס טונקעלע גלאַטע זאַמד; אין דער לופט האָט זיך געפילט דער גערוך פון געזאַלצן וואַסער און ים-געוויקסן. די פאַרגייענדיקע זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס און אַפּגעגילדט זייערע ברעגן.

יאמבליק האט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, יוליאַן — אויף דער ערד בּאַ זיינע פיס. דער אַלטער האָט געגלעט זיינע האַרטע, שוואַרצע האָר.

— ביסט טרויעריק?

— יאָ.

— איך ווייס. דו זוכסט און געפינסט נישט. דו האָסט נישט קיין

קראַפּט אין דיר צו זאָגן: ע ר איז דאָ, און דו וואַגסט נישט צו זאָגן: ע ר איז נישטאָ.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס, רבי?

— אומגליקלעך קינד מײַנס! שוין פינפציק יאָר, ווי איך לייד אויף דער זעלביקער קרענק. און איך װעל אַזוי ליידן ביזן טויט אַרײַן. דו מיינסט, אַז איך קען א י ם בעסער, ווי דו קענסט א י ם? איך האָב א י ם דען יאָ געפונען? דאָס זענען דאָך די שטענדיקע געבורט־ווייען פונם מענטש! אַלע אַנדערע יסורים זענען דאָך גאָרנישט אַקעגן דעם. מענטשן האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז זיי ליידן פון הונגער, פון דורשט, פון אָרימקייט; אײַנגערעדטע ליידן אַלע בלויז פון דעם איינעם געדאַנק, אַז אפשר איז ע ר גאָרנישט פאַראַן. װער קאָן דען װאַגן צו זאָגן: נ י ש ט אָ, און װער קאָן דען באַגרייפן, וויפיל גבורה מ׳דאַרף אין זיך פאַרמאָגן, כדי אַ זאָג צו טון: ע ר א י ז דאָ!

— און דו, דו אַליין האָסט דיך אויך קיינמאָל נישט דערנענטערט צו א י ם?

— דריי מאָל אין מײַן לעבן האָב איך דורכגעלעבט דידאָזיקע געטלעכע פרייד, דריי מאָל אין מײַן גאַנץ לעבן האָב איך געפילט, אַז איך בין איינס מיט א י ם, צונויפגעגאָסן מיט א י ם. פּלאָטין האָט דאָס־דאָזיקע פיר מאָל איבערגעלעבט. פּאָרפיוס פינף מאָל. איך אַליין האָבן בלויז געהאַט דריי מאָמענטן אין מײַן לעבן, צוליב וועלכע עס לוינט זיך צו לעבן.

— איך האָב אויסגעפרעגט דײַנע תּלמידים — זיי ווייסן דאָך גאָרנישט...

— זיי ווייסן נישט. זיי װאַגן נישט צו וויסן! פאַר זיי איז געענוג די שאָלעכץ פון חכמה, — דער קערן איז פאַר אַלעמען געפערלעך.

— רבי, גיב מיר דעם קערן, איך האָב קיין מורא נישט!

— וועסט אים דען װאַגן אויפצונעמען?

— רעד, רבי, רעד!

— וואָס זאָל איך רעדן? איך קאָן נישט... און צי דאַרף מען דען רעדן וועגן דעם? הער דיך צו צו דער אומטיקער שטילקייט, זי רעדט אַ סך מער, ווי אַלע מענטשלעכע ווערטער קאָנען אַרויסרעדן.

ער האָט אַלץ געגלעט יוליאַנען איבערן קאָפּ, ווי מ׳גלעט אַ קליין קינד. דער תּלמיד האָט אַ טראַכט געטון: „אָט ד אָ ס איז עס! אויף ד ע ם האָב איך געהאָפט!“ ער האָט אַרומגענומען דעם רבינס

קניען, אויפגעהויבן צו אים די אויגן און אַרויסגערעדט מיט אַ האַרציק געבעט:

— רבי, האָב רחמנות! זיי פאַר מיר אַלץ מגלה. פאַרלאָז מיך נישט...

יאַמבליק האָט אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין, שטיל, ווי ער וואָלט דעם תּלמיד אינגאַנצן נישט געזעען און נישט געהערט; זיינע גרינע אויגן זענען געווען אָנגעווענד אויף איין-איינציקן פונקט פון די באַגילדטע וואָלקנס אין מערב-זייט:

— יאָ, יאָ... מיר אַלע האָבן פאַרגעסן די שטימע פון אונזער פאָטער. ווי קינדער, וואָס זענען אָפּגעוויינט געוואָרן פון פאָטער זייערן פון קינדווייז אָן, אַזוי הערן מיר אים, אָבער מיר דערקענען אים נישט. ווען מיר זאָלן איינשטילן אין אונזער האַרץ אַלע ערדישע און הימלישע פאַרלאַנגען, וואָלטן מיר אים ערשט דעמאָלט דערקענט... אַזוי לאַנג ווי עס שיינט דער מענטשלעכער שכל און באַלייכט די נשמה ווי די זון אינמיטן טאָג, אַזוי לאַנג זענען מיר פאַרנומען מיט זיך אַליין און מיר זעען נישט גאָט. ווען דער שכל פאַרגייט אָבער צום אונטערגאַנג, פאַלט אַראָפּ אויף דער נשמה אַ געטלעכע פרייד, ווי דער באַנאַכטיקער טוי אויף דער לעכצנדיקער ערד... רשעים קאָנען נישט פילן די פרייד; בלויז דער צדיק אַליין ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לירע, וועלכע ציטערט און שפּילט אונטער דער באַרירונג פון גאָטס האַנט. פונוואַנען נעמט זי זיך, די ליפּטיקייט, וועלכע שיינט אויף אין אונזער נשמה? — איך ווייס נישט. זי קומט צו אונז אומגעריכט, ווען מ'וואַרט אויף איר גאַרנישט; זי דאַרף מען נישט זוכן. גאָט געפינט זיך שטענדיק נאָענט פון אונז. מ'דאַרף נאָר שטענדיק גרייט זיין דערצו. מ'דאַרף רויק זיצן און וואַרטן, ווי עס וואַרטן די אויגן אויפן אויפגאַנג פון דער זון — ווען זי שלייכט זיך אַרויס פונעם פינצטערן אויקינוס, — ווי דיכטער דריקן זיך אויס. גאָט באַווייזט זיך נישט און ווערט נישט פאַרשווינדן. ער אַנטפּלעקט זיך בלויז. אָט איז ער דאָ! ער איז די פאַרלייקענונג פון דער וועלט, די פאַרווירקלעכונג פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן. ער איז גאָרנישט, ער איז אַלץ.

יאַמבליק האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויפן שטיין און פאַמעלעך אויסגעצויגן די אויסגעדאַרטע הענט.

— שטילער, שטילער, שטילער! — זאָג איך. האָרכט אייך אַלע צו צו אים. אָט איז ער. זאָל אַנטשווייגן ווערן די ערד, דער ים, די

לופט, און אפילו דער הימל. הערט אייך איין! די גאנצע וועלט איז פול מיט אים, ער דריגעט דורך מיט זיין אטעם די מאטעריע. ער באַ־לייכט די מאַטעריע, דעם כאָאָס, פאַר וועלכן די געטער ציטערן, — פונקט ווי די פּאַרנאַכטיקע זון באַגילדט די פינצטערע וואָלקנס...

יוליאַן האָט געשלונגען די שטילע קלאַנגען פונם רבינס מויל אַרויס און געדאַכט האָט זיך אים, אַז זיין שוואַכע, כמעט קלאַנגלאָזע שטימע פילט אָן די גאַנצע וועלט, דערגרייכט ביזן הימל אַריין, ביז די לעצטע גרענעצן פון ים. אָבער יוליאַנס טרויער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך ווי אַ זיפץ אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט:

— פאָטער, זיי מיר מוחל, נאָר אויב עס איז יאָ אַזוי, — צוואָס טויג־זשע דאָס לעבן? צוואָס טויג דאָס שטענדיקע בייטן זיך, טאָג און נאַכט, וואַרעמקייט און קעלט, געבורט און טויט? צוואָס טויג דאָס שלעכטס? צוואָס טויג דער קערפּער? צוואָס די ספקות? צוואָס די בענקשאַפט נאָך דעם אומטעגלעכן?...

יאַמבליק האָט אים מילד אָנגעקוקט און ווידער אים אַ גלעט גע־טון איבער די האָר:

— אָט דאָ ליגט דער גאַנצער סוד, זון מיינער. נישטאָ קיין שלעכטס, נישטאָ קיין קערפּער, נישטאָ קיין וועלט, אויב ער איז דאָ, אָדער ער, אָדער די וועלט. אונז דאַכט זיך, אַז ס'איז פאַראַן אַ קערפּער, אַז ס'איז פאַראַן שלעכטס, אַז ס'איז פאַראַן אַ וועלט. דאָס איז נישט מער ווי אַ מיראַזש, אַ פאַרבלענדעניש. ווייס, אַלץ האָט די זעלבע נשמה, אַלע מענטשן, אפילו שטומע באַשעפענישן אויך. אַלע האָבן מיר אַמאָל צוזאַ־מען גערוט אין שויס פון אונזער אַלעמענס פאָטער, אין שויס פון דער אייביקער ליכטיקייט. נאָר איינמאָל האָבן מיר אַראָפּגעקוקט פון אונזער הייך אויף דער פינצטערער טויטער מאַטעריע און יעדער פון אונז האָט אין איר דערזעען זיין אייגן געשטאַלט, ווי מ'זעט זיך אַליין אין אַ שפּיגל. האָט די נשמה געזאָגט צו זיך אַליין: איך קאָן, איך וויל זיין באַפרייט. איך בין דאָס זעלבע וואָס ער. צי וועל איך נישט האָבן די דרייסטקייט זיך אָפּצושיידן פון אים און זיין אַלץ אַליין? די נשמה איז ווי נאַרציז אין טייך אַנטציקט געוואָרן פונם געשטאַלט אירן, וועל־כעס זי האָט געזעען אָפּגעשפּיגלט אינם קערפּער. און זי איז געפאַלן. זי האָט געוואָלט פאַלן ביזן אָפּגרונט, אָפּשיידן זיך פון גאָט אויף אייביק, זי האָט אָבער נישט געקאָנט: דעם מענטשס פיס שטאָלפּערן

אויף דער ערד און מיטן קאָפּ פליט ער העכער פון אַלע הימלען. און אויף דער אייביקער לייטער פון געבוירט און טויט גייען די נשמות פון אַלע באַשעפענישן, זיי גייען אַרויף און אַראָפּ, זיי דערווייטערן זיך און דערנענטערן זיך פון אים. זיי ווילן זיך אָפּשיידן אינגאַנצן פונם פּאָטער און קאָנען אָבער נישט. יעדע נשמה וויל אַליין זיין אַ גאָט, עס איז אָבער אוממעגלעך: זי בענקט צוריק צום פּאָטערס שויס; אויף דער מגושמדיקער וועלט ווייסט זי פון קיין מנוחה נישט, זי לעכצט צוריק זיך צונויפצוגיסן מיט אים, מיט דעם איינציקן. מיר מוזן אַלע צוריקקערן צו אים, און דעמאָלט וועלן אַלע זיין גאָט און גאָט וועט זיין אין אַלע. — דו אַליין בענקסט זיך בלויז צו אים? זע נאָר, שפּיר נאָר, וואָס פאַר אַ הימלישער טרויער עס איז אויסגעגאָסן אין דעם שטילשווייגן פון דער גאַנצער נאַטור אַרום. הער דיך איין: צי פילסטו דען נישט, ווי די גאַנצע נאַטור טרויערט נאָך אים?

די זון איז פאַרגאַנגען. די גאָלדענע, וועלכע האָבן אויסגעזעען, ווי אָנגעגליטע ראַנדן פון די וואָלקנס, זענען ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן. דער ים איז געוואָרן בלאַס און עפּעס אַזוי רוחניותדיק ווי דער הימל, און דער הימל איז געוואָרן טיף און העל ווי דער ים. איבערן וועג איז דורכגעפלויגן אַ קאַטש. אינעהייניק זענען געזעסן צוויי: אַ יונגערמאַן און אַ פרוי, אפשר צוויי געליבטע. אַ פרויען-שטימע האָט אָנגעהויבן זינגען אַ באַקאַנט, טרויעריק ליבעס-ליד. דערנאָך איז אַלץ ווידער שטיל געוואָרן און עס איז עפּעס געוואָרן נאָך טרויעריקער. די דרום-נאַכט האָט זיך שנעל צעפּרעגלאָזט אויף דער ערד.

יוליאַן האָט שטיל געפליסטערט:

— וויפיל מאָל האָב איך דאָס זעלבע געטראַכט: פאַרוואָס איז עפּעס אַזאַ טרויער צעגאָסן איבער דער גאַנצער נאַטור? וואָס שענער זי איז, אַלץ טרויעריקער איז זי...

יאַמבליק האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— יאָ, יאָ... גיב אַ קוק: זי וואָלט געוואָלט זאָגן, וואָס זי טרויערט — און קאָן נישט. זי איז שטים, די נאַטור. זי שלאָפט און וויל זיך אין חלום דערמאָנען אָן גאָט, זי קאָן אָבער נישט, זי איז צופיל באַלאַסטעט מיט גשמיות. זי פילט אים עפּעס אַזוי פאַרנעפּלט ווי פון שלאָף אַרויס. אַלע וועלטן, אַלע שטערן, דער ים, די ערד, די חיות, די געוויקסן, די מענטשן, — דאָס אַלץ איז נישט מער ווי חלומות, חלומות פון דער נאַטור וועגן גאָט. בלויז דאָס וואָס איר חלומט זיך, דאָס ווערט גע-

בוירן און שטאַרבט. זי שאַפט מיטן בלויזן קוקן, אַזוי ווי אין חלום; די
שאַפט לייכט, אַן דער מינדסטער אָנשטרענגונג, אָן יעדער מניעה. דער-
פאַר טאַקע זענען אירע שאַפונגען אַזוי שיין, אַזוי פריי, אַזוי ציללאָז און
אַזוי געטלעך. דער שפיל פון דער נאַטורס חלומות איז ענלעך צום
שפיל פון די וואָלקנס. אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף. אויסער די חלומות
אירע איז אויף דער וועלט מער קיין שום זאַך נישט פאַראַן. וואָס טי-
פער דער שלאָף, אַלץ שענער דער חלום, אַלץ שטילער, אַלץ באַשיידע-
נער די זעונג. ווילן, קאַמף, טאַט — דאָס זענען נישט מער ווי נישט-
פאַרענדיקטע, פאַרקריפּלטע חלומות וועגן ג אָ ט. די נאַטור שאַפט גע-
שטאַלטן אין איר גרויסער אומטעטיקייט פונקט ווי עס שאַפט דער גע-
אָמעטער: נאָר דאָס, וואָס ער זעט, דאָס עקזיסטירט; די נאַטור שאַפט
אויך אַזוי: זי לאָזט אַרויס פון איר מוטערלעכער טראַכט איין גע-
שטאַלט נאָכן אַנדערן. אירע שטומע, פאַרנעפּלטע חלומות זענען אָבער
נישט מער ווי זכרונות, דערינערונגען וועגן עפּעס אַנדערש, וואָס איז
מער בולט, מער פולקאָם. די נאַטור זוכט דאָס וואָרט, זי קאָן עס אָבער
נישט געפינען. זי איז די שלאָפנדיקע מוטער פון דער וועלט, קיבעלע,
מיט די אייביק פאַרשלאָסענע אויגן; בלויז דער מענטש אַליין האָט גע-
פונען דאָס וואָרט, וואָס זי האָט געזוכט און נישט געקאָנט געפינען: די
נשמה פונם מענטש, דאָס איז די נאַטור, וואָס האָט אויפגעעפנט די פאַר-
שלאָפענע אויגן, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז גרייט
צו דערזעען גאָט שוין נישט בלויז אין חלום, נאָר טאַקע אויף דער
וואָר, פנים-אל-פנים...

די ערשטע שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן באַנאַכטיקן, טיפן
הימל; אַזויווי זיי וואָלטן געווען עפּעס גרויסע פינקלדיקע דימענטן,
אָנגעהאָנגענע באַם הימל-רוים, זיי האָבן זיך געלאָשן און ווידער אויפגע-
בליצט, ווי זיי וואָלטן זיך געדרייט אויף איין אָרט; אַלע מאָל נייע, אַלע
מאָל נייע שטערנדלעך, אָן אַן עק, אָן אַ צאָל. יאַמבליק האָט אַ וויין
געטון אויף זיי מיט דער האַנט:

— צוואָס קאָן געגליכן ווערן די וועלט מיט די אַלע זונען, מיט
די אַלע שטערן? זי קאָן געגליכן ווערן צו אַ נעץ, פאַרוואָרפן אין ים
אַריין. ג אָ ט נעמט אַרום די וועלט, ווי דאָס וואַסער נעמט אַרום די
נעץ; די נעץ באַוועגט זיך, זי קאָן אָבער דאָס וואַסער נישט אָנכאַפּן; —
די וועלט וויל און קאָן נישט אָנכאַפּן דעם מהות פון ג אָ ט. די נעץ
באַוועגט זיך, אָבער ג אָ ט איז רויק, פונקט ווי דאָס וואַסער, אין וועלכן

די נעץ איז פאַרוואָרפן. ווען די וועלט זאָל זיך נישט באַוועגן, וואָלט גאָט גאָרנישט באַשאַפן, ער וואָלט נישט אַרויס פון זיין אייביקער מנוחה, ווייל צוואָס, וווהין האָט ער דען צו שטרעבן? — דאָרט, אינם אוצר הנשמות, אינם טראַכט פון דער וועלט-נשמה, ליגן פאַרבאָרגן די זאָמען, די אורשפרינגלעכע פאָרמען, די אידעען-געשטאַלטן פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן, וואָס איז געווען און וואָס וועט זיין; דאָרט ליגט פאַרבאָרגן דער אורשפרינגלעכער לאָגאָס פונם מינדסטן ווערעמל, פונם קלענסטן גרעזעלע — ביזן אָלימפּישן גאָט...

דעמאָלט האָט יוליאַן הויך אויסגעשריגן, און זיין שטימע האָט נאָכגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווי דאָס געשריי פון טויט-אַנגסטן:

— ווער-זשע איז ער? ווער איז ער? פאַרוואָס ענטפערט ער נישט, ווען מיר רופן צו אים? ווי איז דער נאָמען זיינער? איך ווייל אים קענען, איך וויל אים זען און הערן! פאַרוואָס אַנטלויפט ער פון מיינע געדאַנקען? ווו איז ער?

— קינד מיינס, וואָס זענען דען געדאַנקען לגבי אים? ער האָט קיין נאָמען נישט: ער איז אַזוינס, אַז מיר קאָנען בלויז טראַכטן, אַז אַזוי ער וואָלט נישט געדאַרפט זיין, אָבער וואָס ער איז — דאָס קאָנען מיר נישט וויסן. זאָג מיר, צי קאָנסטו דען ליידן און נישט ליבן אים? צי קאָנסטו ליבן און נישט ליבן אים? צי קאָנסטו שעלטן און נישט ליבן אים? ער איז דער באַשעפער פון אַלץ, און אַליין איז ער גאָרנישט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט באַשאַפן. ווען דו זאָגסט: ער איז נישטאָ, גיסטו אים אָפּ דעם זעלבן שבח, ווי דו וואָלסט געזאָגט: ער איז דאָ. דו קאָנסט וועגן אים גאָרנישט זאָגן קיין זיכערס, ער איז גאָרנישט — נישט קיין ווירקלעכקייט, נישט קיין עקזיסטענץ, נישט קיין לעבן, ער איז העכער פון דער ווירקלעכקייט, העכער פון עקזיסטענץ, העכער פון לעבן. און דעריבער זאָג איך טאַקע, אַז ער איז די פאַרלייקענונג פון דער וועלט, די פאַרלייקענונג פון דיין געדאַנק. זאָג דיך אָפּ פון דער וועלט, פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין איר, פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, וועסטו דאָרט, אין דעם אָפּגרונט פון די אָפּגרונטן, אין דער טיפסטער טיפעניש פון דער אייביקער פינצטערניש, וועלכע איז גלייך צו דער ליכטיקייט, געפינען אים. גיב אַוועק פאַר אים פריינט, נאָענטע, פאָטערלאַנד, ערד און הימל, זיך אַליין, דיין אייגענעם פאַרשטאַנד. דעמאָלט וועסטו שוין נישט זען די ליכטיקייט,

דו וועסט אַליין זיין ליכטיקייט. דו וועסט שוין נישט זאָגן: ע ר און א י ך; דו וועסט דערשפּירן, אַז ע ר און ד ו איז אַלצאיינס. און דיין נשמה וועט מיט חוזק דערמאָנען איר אייגענעם קערפּער, ווי עפּעס אַ פאַרבלענדעניש, אַ שאָטן. דעמאָלט וועט קומען דאָס שווייגן, קיין ווערטער וועלן שוין נישט זיין. און אויב די וועלט וועט דעמאָלט אונטערגיין, וועסטו דיך פריידען, ווייל צוואָס טויג דיר וועלט, ווען דו ביסט שוין צוזאַמען מיט א י ם? דיין נשמה וועט קיין פאַרלאַנג שוין נישט האָבן, ווייל ע ר האָט קיין שום פאַרלאַנגען נישט, זי וועט נישט לעבן, ווייל ע ר איז העכער פונם לעבן, זי וועט נישט דענקען, ווייל ע ר איז העכער פון יעדן געדאַנק. דענקען, דאָס הייסט זוכן ליכטיקייט, ע ר זוכט אָבער קיין ליכטיקייט נישט, ע ר איז די ליכטיקייט אַליין. ע ר דרינגט דורך די גאַנצע נשמה און צעשמעלצט זי אין זיך אַליין, און דעמאָלט רוט די נשמה העכער איבער אַלץ, אויסגעטון פון אַלץ, העכער פון פאַרשטאַנד, העכער פון גוטסקייט, העכער פון אַלע אידעען, העכער פון שיינקייט, פון קונסט — אין דעם טיפסטן אָפּגרונט, אין דער שויס פונם ל י כ ט י ק ן פ אָ ט ע ר. די נשמה ווערט ג אָ ט, אָדער בעסער געזאָגט, זי דערמאָנט זיך, אַז זי איז אייביק געווען, זי איז און וועט אייביק זיין ג אָ ט. . . . .

. . . .

אַזוי זעט אויס, זון מיינער, דאָס לעבן פון די אָלימפּישע געטער, אַזוי זעט אויס דאָס לעבן פון די געטלעכע מענטשן, די חכמים: אָפּזאָגן זיך פון אַלץ אין דער וועלט, מבטל זיין די ערדישע תענוגים, אַנטלויפן צו ג אָ ט מיט דער גאַנצער נשמה — אָט דאָס איז דער וועג.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און יוליאַן איז געפאַלן צו זיינע פיס, ער האָט נישט געוואַגט זיך צוצורירן צו זיי, נאָר בלויז געקושט די ערד, צו וועלכער דעם הייליקנס פיס האָבן זיך צוגערירט. דערנאָך האָט דער תלמיד אויפגעהויבן דעם בליק און אַ קוק געטון אין די ווונדערלעכע, גרינע אויגן אַריין, אין וועלכע עס האָט געשיינט דער אַנטפּלעקטער סוד פון דער „שלאַנגישער" חכמה; זיי האָבן אויסגעזען רויקער און טיפער ווי דער הימל, ווי עפּעס אַ געטלעכע קראַפט וואָלט אַרויסגעשטראַלט פון זיי. יוליאַן האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— רבי, דו קאָנסט אַלץ באַווייזן. איך גלייב! באַפעל די בערג,

װעלן זײ זיך אָפּרוקן פאַר דיר. זײ אַזױ װי ער! באַװײז אַ נס! באַשאַף אומטעגלעכס! טו מיט מיר דײַן חסד! איך גלײב! איך גלײב!...

— אומגליקלעך קינד מײנס, װאָס בעטסטו בײַ מיר? צי איז דען דער נס, װעלכער קאָן געשען אין דײַן נשמה, נישט גרעסער פון אַלע ניסים, װעלכע איך קאָן באַװײַזן? זון מײַנער, צי איז דען נישט גרױס און שרעקלעך און לײַטזעליק דער נס — דער רוח, מיט װעלכן דו קאָנסט זאָגן ער איז דאָ, און אױב ער איז נאָך נישטאָ, װעט ער קומען. און דו זאָגסט דאָך: זאָל ער קומען — אַזױ װיל איך!

VIII.

װען דער רבי מיטן תּלמיד זענען צוריקגעגאַנגען פונעם שפּאַציר, זענען זײ דורכגעגאַנגען דורך פּאַנאָרמאַס, דעם פילבאַפעלקערטן פּאַרט פון עפעז. אויף די גאַסן איז עפּעס געװען אַן אױסערגעװײנלעכע באַװעגונג.

טײל מענטשן זענען געלאָפן איבער די גאַסן, געפאָכעט מיט פלאַ-קערנדיקע שטורקאַצן און געשריגן:

— די קריסטן צעשטערן אונזערע הײליקטימער! װײ איז אונז!

אַנדערע װידער האָבן געשריגן:

— אַ טױט די אָלימפּישע געטער! אשתּרות איז באַזיגט דורך קריסטוסן!

יאַמבליק האָט געװאָלט דורכגײן דורך זײטיקע, לײדיקע געסלעך. אָבער דער לױפנדיקער המון האָט זײ בײדע מיטגעשלעפּט מיט זיך דורך דער קאַיסטישער דאַמבע ביז צו דעם עפעזער טעמפּל פון דער געטין אַרטעמיס. דער הערלעכער טעמפּל, דינאָקראַטעסעס שאַפונג, איז געשטאַנען װי אַ פעלזן פעסט, שטאָלץ, טונקל, זײַנע מעכטיקע קאָנטורן האָבן זיך בולט אױסגעטײלט אױפן פאָן פון באַשטערנטן הימל. דער אָפּגלאַנץ פון די ברענענדיקע שטורקאַצן האָט געציטערט אױף די ריזיקע זײַלן מיט די מיניאַטור-פיגורן אַנשטאָט פּיעדעסטאַלן. נישט בלויז אין דער רוימישער אימפּעריע, נאָר בײַ אַלע פעלקער פון דער גאַנצער װעלט איז דערדאָזיקער טעמפּל געװען געאַכטעט און געהײליקט.

פון המון האָט זיך דערהערט אַן אײנזאַם, נישט זיכער געשרײ:

— גרויס איז אַרטעמיס פֿון עפֿעז!

הונדערטער שטימען האָבן געענטפֿערט דערויף:

— אַ טויט די אָלימפּישע געטער און דיין אַרטעמיס בתוכם!

איבער דער שוואַרצער געביידע פֿון דעם סטאַנציע־ווירטשאַפֿט געזאַמלט־מאַגאַזין האָבן געבושעוועט רויטע פֿלאַמען.

יוליאַן האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דעם געטלעכן רבין און אים נישט געקאָנט דערקענען. יאַמבליק איז צוריק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקעוודיקן, קראַנקן אַלטיטשקן. ער האָט זיך געקלאָגט אויף דער ווייטיק אין קאָפּ, און מורא געהאַט, טאָמער הייבט אים אָן באַנאַכט שטעכן אין די זייטן און די דינסט וועט אים חלילה נישט האָבן צוגעגרייט דעם קאָמפּרעס. יוליאַן האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך דאָס מאַנטל און אַרומגעהילט דעם רבין, אים איז אָבער אַלץ נאָך געווען קאַלט. מיט אַ טיפֿן צער אויפֿן פּנים האָט ער זיך פֿאַרשטאָפּט די אויערן, נישט קאָנענדיק פֿאַרטראָגן די געשרייען און די געלעכטערן. מער פֿאַר אַלץ אין דער וועלט האָט יאַמבליק מורא געהאַט פֿאַרן המון; ער פֿלעגט זאָגן, אַז ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין שרעקלעכערער, קיין עקלהאַפֿטערער טייוול, ווי דאָס פּעבל.

ער האָט אָנגעהויבן יוליאַנען אויף די פּנימער פֿון די פֿאַרביילויפֿנדיקע מענטשן:

— קוק דיך נאָר צו, ווי מיאוס, ווי עקלהאַפֿט, ווי העסלעך און ווי זיכער אין דער אייגענער גערעכטיקייט! צי איז נישט קיין בושה צו זיין אַ מענטש מיט דעם זעלבן קערפּער, מיט דעם זעלבן טינופֿת ווי זיי?...

אינמיטן אַ רעדל שטייט עפּעס אַן אַלטיטשקע, אַ קריסטין, און רעדט מיט אַ תחינה־טאָן:

— זאָגט ער מיר, דאָס אייניקל מיינס: באָבעשי, קויף מיר עפּעס פֿליישיקס. — דאָס קינד איז קראַנק, — זאָג איך: יאָ, מיין אוצר, כ׳גיי אין מאַרק אַריין, וועל איך ברענגען פֿלייש. כ׳טראַכט מיר אַזוי: פֿאַרוואָס נישט, פֿלייש איז היינט ביליקער ווי הייצן־ברויט. געקויפֿט פֿלייש פֿאַר פֿינף אָבאָלן, אַהיים געברענגט און שטעל מיך קאָכן אַ קרופּניק. שרייט צו מיר אַריין די שכנטע דורכן פֿענצטער: — וואָס קאָכסטו, ווייסט דען נישט, אַז דאָס גאַנצע פֿלייש אויפֿן מאַרק איז טמא געוואָרן? — וואָס רעדסטו, זאָג איך, וואָס הייסט טמא געוואָרן? — אַזוי, זאָגט זי, די גלחים פֿון דער געטין דעמעטרע האָבן נעכטן באַנאַכט באַשפּריצט

די יאַשקעס מיט זייער קרבן־וואַסער, כדי אָפּצושפּעטן פון אַלע פרומע קריסטן און אונז אַלעמען טמא צו מאַכן. קיינער וויל דעריבער נישט נעמען קיין פליש. איצט נעמט מען זיך צו די געצנדינערישע גלחים, מ׳וועט זיי אַלע פאַרשטיינען און די מיאוסע טומאה פון דער געטין דעמעטערס צעשטערן ביזן גרונט. — האָב איך באַלד אַרויסגעגאָסן דעם קרופּניק פאַר די הינט. אַזאַ רציחה — פינף אָבאָלן! אַ גאַנצער טאָג פאַרדינסט! אָבער פאַרפאַלן, וואָס זאָל מען טון, כ׳וועל דאָך מיין אייניקל נישט טמא מאַכן.

אַן אַנדערע האָט דערציילט, ווי פאַראיאָרן האָט איינער אַ קריסט, אַ קאַרגער, זיך אָנגעגעסן מיט אַזאַ טמא פליש, וואָס־זשע קלערט איר, די געדערים האָבן אים אָנגעהויבן פוילן און ער האָט דאָס גאַנצע הויז פאַרשטונקען, אַלע שכנים האָבן זיך געמוזט אַרויסציִען.

דער המון האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען אַ קליינער טעמפּל פון דער געטין דעמעטער־איזיס־אשתרות — דער דרייקאָפּיקער העקאַטע, דער סודותפולער געטין פון ערד־פרוכטבאַרקייט, דער מעכטיקער, אַלץ־ליבנדיקער קיבעלע, דער מוטער פון אַלע געטער. דעם טעמפּל האָבן פון אַלע זייטן באַלאַגערט שוואַרצע מאָנאַכן, אַזוי ווי פליגן באַלאַגערן האָניק. די מאָנאַכן האָבן זיך געדראַפּעט אויף די ווייטע מאַרמאָרנע ווענט, אַרויסגעקלעטערט אויף לייטערס, צעשמעטערט די סטאַטועס מיטן געזאַנג פון קאַפּיטלעך תהילים. די זיילן האָבן געציטערט, עס זענען געפלויגן אינדערלופטן שטיקער ווייסער צאַרטער מאַרמאָר. עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער טעמפּל וואָלט געליטן יסורים, פונקט ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש. מ׳האָט געפּרוּווט אונטערצוציִנדן די געביידע, עס איז אָבער נישט געלונגען: דער גאַנצער טעמפּל איז געווען געבויט פון מאַרמאָר.

פלוצלינג האָט זיך פון אינעווייניק דערהערט אַ פאַרטויבנדיקער און גלייכצייטיק מעלאָדישער קלאַנג. דער המון האָט אויפגעהויבן אַ ליאַרעם עד לב השמים:

— שטריק! גיט אַהער שטריק! באַ די הענט, באַ די פיס!

מיט אַ געזאַנג פון תפילות צו קריסטוסן, מיט אַ העליש געלעכטער האָט דער המון אַרויסגעשלעפּט פון דעם טעמפּל און אָנגעהויבן אַראָפּשלעפּן פון די טרעפּ דעם קלינגענדיקן, זילבערנעם, ווייסן קערפּער פון דער געטין, דער מוטער פון אַלע געטער, — דעם אומשטערבלעכן סקאָפּאַסעס סקולפּטור.

— אין פייער אריין! אין פייער אריין!
און מ'האט זי אנגעהויבן שלעפן בא די שטריק דורך דעם בלא־טיקן מארק.

א מאנאך איז געשטאנען און פארגעלייענט פארן המון אן אויסצוג פונם קייסער קאנסטאנטינס געזעץ:

Cesset superstitio, sacrificiorum aboleatur insania.

„זאל אויפהערן דאס פינצטערע גלויבן, זאלן אויסגעראטן ווערן די אומזיניקע קרבנות".

— האט נישט קיין מורא! האקט, רויבט אלץ, וואס עס געפינט זיך אין דער מיאוסער טומאה!

א צווייטער מאנאך לייענט בא דער שיין פון צוויי שטורקאצן פון א פארמעטענער מגילה ארויס אויסצוגן פון מאטערנעס ווערק:

De errore profanarum religionum:

„הייליקע קייסרים! קומט צוהילף די אומגליקלעכע געצנדינער. עס איז גלייכער זיי צו ראטעווען מיט גוואלט, איידער זיי לאזן אומקומען. רייסט אראפ די באצירונגען פון זייערע טעמפלען; זאלן זייערע רייכטי־מער פארגרעסערן אייערע אוצרות. ווער עס ברענגט א קרבן צו די געצן, דער זאל אפגעמעקט ווערן פון דער ערד, אויסגעריסן ווערן מיטן ווארצל. טויט אים, פארווארף אים מיט שטיינער, מעג עס זיין ווער עס איז — דיין זון, דיין ברודער, דאס ווייב, וואס שלאפט אין דיין שויס".

איבערן המון האט זיך צעטראגן א ווילד געשריי:
— א טויט, א טויט די אלימפישע געטער!

א ריזיקער מאנאך מיט צעשויבערטע שווארצע האר, וואס האבן זיך אים געקלעפט צום פארשוויצטן שטערן, האט אויפגעהויבן א קופערנע האק איבער דער געטין און אויסגעזוכט א בעסער ארט ווו אריינ־צוטרעפן.

עמעץ פון המון האט געעצהט:
— אין בויך אריין, אין אומפארשעמטן בויך אריין!

דער זילבערנער קערפער האט זיך איינגעקנייטש, ער איז שוין געווען פארשענדט אויף א סך ערטער. די קלעפ פון דער האק האבן אפגעקלונגען און אלע מאל געמאכט א פרישן העסט אויפן בויך פון דער מוטער פון די געטער און מענטשן, אויפן בויך פון דער געטלעכער געווי־נערין דעמעטרע.

און אלטער געצנדינער האט זיך פארשטעלט דאס פנים מיט דער

טוניק, כדי נישט צו זעען מיט די אויגן דידאָזיקע גאָטלעסטערונג; ער האָט געוויינט און געטראַכט, אַז אַלץ איז שוין איצט געענדיקט, די וועלט גייט אונטער: די הייליקע ערד דעמעטרע ווערט מער נישט אַרויסברענגען קיין איינציקע זאַנג, קיין איינציק גרעזל.

אַ נזיר, וועלכע איז געקומען פון די כאַלדעישע מדבריות, אין אַ שעפּסן-פעל אויף די פּלייצעס, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און אַן אויסגעהוילטער דיניע אָנשטאָט אַ פלי אויף וואַסער צו שעפּן, אין מגושמ-דיקע סאַנדאַלן אויף די פיס, מיט אייזערנע נעגל אונטערגעקאָוועט, איז צוגעלאָפן צו דער געטין.

— פערציק יאָר האָב איך מיך נישט געוואַשן, איך זאָל נישט זעען מיין אייגענע נאַקעטקייט און נישט נאָכגעבן דעם יצר-הרע. און אַזוי ווי איך בין נאָר געקומען אין שטאָט אַריין, קריכן מיר אומעטום אין די אויגן אַריין די נאַקעטע לייבער פון די פאַרשאָלטענע געטער. ווילאַנג קאָן מען דען אויסהאַלטן דעם קאַמף מיטן יצר-הרע? גיי האַלט אויס, אַז אומעטום זעסטו נאָר מנוולדיקע געצן: אין די שטובן, אין די גאַסן, אויף די דעכער, אין די בעדער, איבערן קאָפּ, אונטער די פיס, טפו! טפו! טפו! מ'דאַרף האַלטן אין איין שפּייען!...

און מיט האַס האָט דער אַלטער אַ קאַפּע געטון דער געטין אין דער ברוסט אַריין, ער האָט געטרעטן איר זילבער-ווייסע ברוסט און זי האָט אין זיינע אויגן אויסגעזעען ווי אַ לעבעדיקע; ער האָט זי געוואָלט צע-טרעטן, צעמזיקן אויף פיצלעך מיט די אייזערנע נעגל פון זיינע שווערע סאַנדאַלן.

ער האָט זיך געשטיקט פון כעס און געקריצט מיט די ציין:

— נאַדיר! נאַ! דו מנוולדיקע, דו נאַקעטע! נאַדיר, דו מיאוסע צויג!...

ער האָט געטרעטן די געטין מיט די פיס און דער רויקער, לייט-זעליקער שמייכל האָט פונקט ווי פריער געשוועבט איבער אירע ליפּן.

דער המון האָט זי אויפגעהויבן אינדערהייך, אַריינגעוואָרפן זי אינם פלאַקערדיקן שייטער. עפּעס אַ שיכורער באַלמעלאָכע, פון וועלכן עס האָט זיך אויף אַ מייל ווייט געשפּירט דער ריח פון קנאָבל, האָט איר אָנגעשפּיגן גלייך אין פּנים אַריין.

דער שייטער איז געווען אַ ריזיקער, מ'האָט אַריינגעוואָרפן אין פייער אַלע ביידלעך פון מאַרק, וועלכע זענען טמא געוואָרן פונם געצנ-דינערישן הייליקן וואַסער.

הויך, איבערן קאָפּ פון צעיושעטן המון, האָבן אין טונקעלן הימל געפינקלט מיליאָנען שטערנדלעך. דער רויך פונם שייטער האָט זיך אויפגעהויבן ביז צום הימל.

מ'האָט די געטין אַרײַנגעשליידערט אין פײַער אַרײַן, מ'האָט געוואָלט צעשמעלצן איר זילבערנעם נאַקעטן קערפּער. און זי איז ווידער מיט אַ צאַרטן מעלאָדישן קלאַנג געפאַלן אויף די ברענענדיקע קוילן.

— פינף טאַלאַנטן זילבער. דרײַסיק טויזנט קלײנע זילבערנע מטבעות. אײן העלפט וועט מען אָפּשיקן דעם קײסער אויף געהאַלט פאַר די זעלנער, די אַנדערע העלפט וועט גײן אויף אָרימעלײט, הונגעריקע. קיבעלע וועט לפּחות ברענגען עפּעס נוצן דעם פאָלק. דרײַסיק טויזנט זילבער-שטיקלעך פאַר די זעלנער און די אָרימעלײט!

— האַלץ! נאָך האַלץ!

דאָס פײַער האָט אויפגעפלאַמט העלער און דער המון איז נאָך פרײלעכער געוואָרן.

— לאָמיר זען, ס'וועט באַלד אַרויספליען אַ שד פון איר. מ'זאָגט, אַז אין יעדן גאָץ זיצט אַ שד, און אין די געטינס זיצן צווײ, אפילו דרײַ שדים אויך...

— וואַרט צו, אַזוי ווי זי וועט זיך נאָר אָנהײבן שמעלצן, וועט דעם טײַוול ווערן הײס אינעווײניק, — מעסטו זען, ווי ער וועט אַרויספליען פון איר טריפהנעם מויל ווי אַ בלוטיקע אָדער אַ פײַערדיקע שלאַנג... .

— עס הײבט זיך גישט אָן! פריער דאַרף מען דעם גאָץ איבערצלמען, אַז נישט קריכט דער שד אַרײַן אין דער ערד אַרײַן און קײנער זעט אים נישט. מיט צוויי יאָר צוריק איז עס געווען. מ'האָט דעמאָלט הרוב געמאַכט דעם טעמפּל פון אַפראָדיטען, האָט עמעץ אַ שפּריץ געטון מיט געהײליקט וואַסער! וואָס-זשע קלערט איר? זענען טאַקע אַרויס אַזעלכע פּיצעלעך שדימלעך. כ'האָב אַלײן געזען. כ'זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס. אַזעלכע שטינקעדיקע, שוואַרצע, אין ווײַסע מענטעלעך, אַזעלכע האָריקע. און זײ האָבן אַזוי אָנגעהויבן פּישטשען ווי די מײַזלעך. און ווען מען האָט איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, דער געטין, איז איר פון האַלז אַרויסגעשפּרונגען דער סאַמעראָדנע, מיט אַזעלכע גרויסע הערנער און אַ ווײַנדל אַזאַ אויסגעקראָכענעם, אַ נאַקעטן, אָן האָר; פּונקט ווי בײַ אַ קרעציקן הונט...

עמעץ האָט באַמערקט מיט צווײפל:

— איך שפּאַר מיך נישט. אפשר האָט איר טאַקע געזען שדים אויך. אין עזה האָט מען פּאַראַכטאַגן צעבראָכן דעם גײַץ פון זייער גאָט צעוס. האָט מען אינעווייניק געפונען אַזאַ פּאַסקודסטווע, אַז ס'איז אַ בושה צו ברענגען איבערן מויל. קיין שדים האָב איך נישט געזען. פון אויסנווייניק האָט דאָך דער גײַץ אויסגעזען אַזוי שרעקלעך, אַזוי גרויזאַם: העלפאַנטביין, גאָלד, מיט בליצן אין די הענט. פון אינעווייניק האָב איך אָבער אַליין געזען שפּינוועבס, מייז, שטויב, פאַרזשאַווערטע אייזנס, שרויפן, טשוועקעס, סמאָלע און דער טייוול ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ מיסט. אַזאַ פּנים האָבן זיי, די געטער!

יאַמבליק, ווייס ווי קאַלך, מיט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן האָט אָנגענומען יוליאַנען בײַ דער האַנט און אים אַוועקגעפירט אין אַ זײַט:

— טו נאָר אַ קוק, דו זעסט יענע צוויי? דאָס זענען קאָנסטאַנציוסעס שפּיאָנען. דײַן ברודער גאַללוסן האָט מען שוין אַוועקגעפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אונטער אַ פעסטער שמירה. זײַ פאָרזיכטיק! זיי קאָנען נאָך הײַנט אַוועקשיקן אַ מסירה אויף דיר אויך...

— וואָס-זשע זאָל מען טון, רבי? איך בין שוין געוווינט. איך ווייס, זיי שפּיאָנירן מיר שוין נאָך נישט פון הײַנט אָן...

— שוין פון לאַנג? . . . פאַרוואָס-זשע האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט?

און זײַן האַנט האָט אַ ציטער געטון אין יוליאַנס האַנט.

— וואָס סודען זיי זיך עפּעס? אפשר זענען דאָס גאָר געצנדינער?

הער נאָר דו, אַלטער, ריר נאָר מיט אַן אבר, דערלאַנג אַ שייטל האָלץ! — האָט צו זיי אַ געשריי געטון עפּעס איינער אַן אָפּגעריסענער פאַרשוין מיט אַ מינע פון אַ זיגער.

יאַמבליק האָט אייַנגערוימט יוליאַנען:

— לאָמיר זיך אונטערגעבן מיט פאַראַכטונג. ס'איז דאָך ציוויליזאַציינס! די נאַרישקייט פון די מענטשן קאָן דאָך די געטער נישט באַליידיקן.

דער געטלעכער יאַמבליק האָט גענומען בײַ אַ קריסט פון דער האַנט אַ שייטל האָלץ און אַרײַנגעוואָרפן אין פייער אַרײַן. יוליאַן האָט נישט געגלייבט זײַנע אייגענע אויגן. די שפּיאָנען האָבן אָבער געקוקט פונדערווייטנס, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים קיין אויג מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, עפּעס אַזוי פאַרשנדיק.

דעמאָלט האָט אין יוליאַנס נשמה גובר געווען די שוואַכקייט, די

געוווינהייט אָפּצונאַרן, דער ביטול צו מענטשן און צו זיך אַליין. ער האָט געפּילט, ווי די שפּיאָנען בויערן אים דורך פון הינטן מיט די אויגן. פּאַמעלעך איז ער צוגעגאַנגען צו אַ בינטל האָלץ, אויסגעקליבן דאָס גרעסטע שייטל און באַלד נאָך יאַמבליקן עס אַרויפגעוואָרפן אויפן פייער, וווּ עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צעלאָזן דער צעקאַליעטשעטער קערפּער פון דער געטין.

ער האָט געזען, ווי דאָס צעלאָזטע זילבער רינט איבער איר פּנים, פּונקט ווי טראָפּנס שווייס בשעת דער גסיסה; אָבער אויף די געטלעכע ליפּן האָט נאָך אַלץ געשוועבט דער זעלבער רויקער, שטאָלצער שמייכל, ווי פריער.

IX.

— יוליאַן, קוק נאָר אָן די מענטשן אין די שוואַרצע מלבושים. דאָס זענען די שאָטנס פון נאַכט, די שאָטנס פון טויט. אין קורצן וועט שוין נישט זיין קיין איין ווייסער האַביט, קיין איין פּיצל מאַרמאָר וועט שוין מער נישט לייכטן אויף דער זונענשיין. ס'איז געענדיקט!

אַזוי האָט גערעדט דער יונגער סאָפיסט אַנטאָנינוס, אַ זון פון דער עגיפּטישער טרעפעריין סאָזיפּאַטרע און דעם נעאָפּלאַטאָניקער עדעזיוס. צוזאַמען מיט יוליאַנען איז ער געשטאַנען אויף אַ הויכער פּלאַטפּאָרם פאַרן באַרימטן אַלטאַר אין פּערגאַם. די זון האָט באַגאָסן אַלץ אַרום מיט אַ העלער שיין, דער הימל איז געווען דורכזיכטיק-בלוי. אויפן פּיעדעסטאַל פונם אַלטאַר איז געווען אויסגעקריצט דאָס באַרימטע בילד גיגאַנטאָמאַכיע, דער קאַמף צווישן די טיטאַנען און די געטער: די געטער טריומפירן, זייערע באַפליגלטע פערד טרעטן מיט די קאָפּיטעס די שלאַנגעבאַרטיקע פיס פון די טיטאַנען.

אַנטאָנינוס האָט אָנגעוויזן יוליאַנען אויף דעמדאָזיקן בילד.

— דו זעסט! אַמאָל האָבן די אָלימפּישע געטער באַזיגט די טיטאַנען, די געטער פון די פריערדיקע צייטן; איצט באַזיגן די נייע געטער די אָלימפּישע. פון די טעמפּלען וועלן קברים ווערן...

אַנטאָנינוס, אַ שלאַנקער יונגערמאַן, מיט אַ פּנים ענלעך צו דעם גאָט אַפּאָלאָ, האָט שוין פון אַ לאַנגער צייט אָן געליטן אויף אַ שרעקלעכער קרענק; און עס איז עפּעס אַזוי מאָדנע דער קאָנטראַסט צווישן

די הערלעך-שיינע ריין-העללענישע געזיכטס-שטריכן און דער אויסגע-דארטקייט, דער געלקייט פון דעמדאָזיקן געטלעכן פּנים. דער צער און די סימנים פון דערדאָזיקער נייער קרענק האָבן עפּעס נישט געפּאַסט צום פּנים פון אַ פּאַרצייטישן גריכישן חכם.

— איך בעט נאָר באַ די געטער איין זאַך, — רעדט ווייטער אַנטאָנינוס מיט טרויער, — אַז מיינע אויגן זאָלן נישט דערלעבן צו זעען יענע באַרבאַרישע נאַכט, איך זאָל פריער שטאַרבן. מיר אַלע — די רעדנער, סאָפיסטן, געלערנטע, דיכטער, קינסטלער, ליבהאָבער פון דער העללענישער חכמה — מיר אַלע זענען איצט איבעריקע. מיר האָבן אונזער צייט פאַרשפּעטיקט. עס איז געענדיקט!

— און אפשר איז עס נאָך נישט געענדיקט? — האָט יוליאַן אַרויס-גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— ניין, שוין געענדיקט. מיר זענען קראַנק, צו שוואַך...

דעם ניינצניעריקן יוליאַנס פּנים האָט אויסגעזעען כּמעט אַזוי בלאַס, כּמעט אַזוי קרענקלעך ווי אַנטאָנינוסעס; די אַרויסגעשטאַרטע אונטערשטע ליפּ האָט דעם פּנים זיינעם צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון מרהשחורהדיקער גאווה, זיינע געדיכטע ברעמען האָבן זיך געקנייטשט מיט אַ בייזער עקשנותדיקייט, פון ביידע זייטן באַ דער צו גרויסער נאָז האָבן זיך גע-זעען פריצייטיקע קנייטשן פון אַלטקייט, די גרויסע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ טרוקענעם פיבער-גלאַנץ. ער איז געווען אָנגעטון אין מלבושים פון אַ קריסטלעכן קלעריק. באַטאָג פלעגט ער ווי פריער זיין אַ יוצא-ונכנס אין די קלויסטערן, תפילה טון באַ די קברים פון די קריסטלעכע קדושים, לייענען פון דער אַמבאָנע די הייליקע שריפט פאַרן עולם, זיך גרייטן צו ווערן אַ נזיר. טיילמאָל פלעגט אים קומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס צביעות וועט אים סיי-ווי-סיי גאַרנישט העלפן: ער האָט זיך גענומען אַ ביישפּיל פון גאַללוסן, ווייל געוווסט האָט ער, אַז זיין ברודערס טעג זענען שוין געציילטע. ער אַליין האָט איצט אויך פון טאָג צו טאָג גע-וואַרט אויפן טויט.

באַנאַכט פלעגט ער אָבער גאַנצע שעהן אָפּזיצן אין דער פּערגאַמער ביבליאָטעק און שטודירן די ווערק פון באַרימטן קריסטן-פיינט, דעם רעטאָריקער ליבאַניוס. בשתיקה פלעגט ער אויך באַזוכן די לעקציעס פון די דעמאָלטיקע גריכישע סאָפיסטן — עדעזיוס דעם פּערגאַמער, קריזאַנ-טיוס דעם סאַרדער, פּריסקוס דעם טערפּראַטיער, עוזעביוס דעם מינדער, פּראָדעזיוס, נימפידיאַנוס.

זיי פלעגן רעדן דאָס זעלבע, וואָס יאַמבליק האָט שוין געהאַט גערעדט מיט אים: וועגן דער נעאָפּלאַטאָנישער דרייאייניקייט, וועגן הייליקן עקסטאַז.

— ניין, נישט דאָס איז עס, — האָט יוליאַן געטראַכט בײַ זיך — דעם עיקר באַהאַלטן זיי פון מיר.

פּריסקוס האָט זיך געהאַלטן פאַר פּיטאַגאָראַסעס אַ נאָכפאָלגער: פינף יאָר צייט האָט ער געשוויגן און נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, נישט טועם געווען קיין שום מאכל, וואָס שטאַמט פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, נישט גענוצט קיין וואָלענע מלבושים, קיין לעדערנע סאַנדאַלן; זיין עסן איז באַשטאַנען פון ריינע געוויקסן, דאָס מלבוש זיינס איז געווען אַ פּיטאַגאָרעישע, ווייסע, ליינענע כלאַמידע, זיינע סאַנדאַלן — פון פאַלמען-בלעטער. דערדאָזיקער פּריסקוס פלעגט טענהן צו יוליאַנען: „אין די היינטיקע צייטן איז די וויכטיקסטע זאַך — שווייגן, מ'דאַרף שווייגן און טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי צו שטאַרבן כאָטש מיט ווירדע". און ער האָט טאַקע געשוויגן מיט ביטול צו אַלץ און צו אַלעמען, ער האָט געוואַרט אויף דער קאַטאַסטראָפע, אויפן זיג פון קריסטנטום איבערן העללעניזם.

דער דורכגעטריבענער, פאַרזיכטיקער קריזאַנטיוס פלעגט אויפהייבן די אויגן צום הימל, בשעת עס פלעגט קומען צו רייד וועגן די געטער. ער פלעגט מיט אַ צביעותדיקער מינע פאַרזיכערן, אַז ער האָט נישט די העזה צו רעדן וועגן די געטער, וואָס ווייסט ער דען, און אויב ער האָט אַמאָל יאָ עפּעס געוווּסט, האָט ער עס שוין פונלאַנג פאַרגעסן און עס איז געזונטער און גלייכער צו פאַרגעסן; וועגן מאַגיע, נסים, נביאות האָט ער אפילו נישט געוואָלט רעדן, טענהדיק, אַז דאָס זענען הוילע שווינדלערייען, וועלכע זענען פאַרבאָטן דורכן געזעץ פון דער רוימער אימפּעריע.

יוליאַן האָט נישט געקאָנט נישט עסן, נישט שלאָפן, ער האָט אינגאַנצן געפיבערט און געוואַרט. אפשר, אפשר... יעדן פרימאָרגן פלעגט ער זיך אויפכאַפּן מיטן געדאַנק: „אפשר שוין היינט?"

די איבערגעשראָקענע, פחדנותדיקע פילאָזאָפן, די טעורגן, איז ער שוין נמאס געוואָרן מיט זיינע שאלות וועגן די געהיימע מיסטעריעס וועגן די נסים און אַנדערע פאַרבאָטענע געצנדינערישע רעליגיעזע צערעמאָניעס. טייל האָבן פון אים חוזק געמאַכט — צום מיינסטן קריזאַנטיוס; דערדאָזיקער אַלטער געשייטער טעורג פלעגט שמייכלען מיט אַ פאַלש

פוקסן-שמייכעלע און איינשטימען מיט אלעמען, ווי נאריש, ווי אומזיניק יענעמס רייד זאלן נישט זיין.

— איינמאל האט דער אלטער עדעזיוס, א גוטמוטיקער, קלוגער זקן, אבער א גרויסער פחדן, רחמנות געקריגן אויף יוליאנען און איס געזאגט:

— קינד, אז איך וויל אפער שטארבן רויק! דו ביסט נאך יונג, פארשטייסטו דאס נישט. מיך לאז אפ. ווענד דיך צו מיינע תלמידים, זיי האבן קיין מורא נישט, זיי וועלן פאר דיר אלץ אנטפלעקן. יא, עס זענען פאראן א סך זאכן, וואס מיר האבן מורא איבערן מויל צו ברענגען... ווען דו וועסט אריינדרינגען אין אונזערע סודות, וועסטו אפשר זיך שע־מען דערמיט, וואס דו ביסט געבוירן געווארן נישט מער ווי א מענטש, וואס דו ביסט געבליבן א מענטש ביז איצט.

עוזעביוס דער מינדער, עדעזיוסעס א תלמיד, איז געווען א מענטש מיט קנאה, מיט גאל.

— קיין נסים זענען שוין נישטא, — האט ער יוליאנען מבטיח געווען — אומזיסט דיין ווארטן. די מענטשן זענען נמאס געווארן בא די געטער. מאגיע איז שווינדלעריי. נארנים גלייבן אין דידאזיקע שטותים. נאר אויב דיר איז שוין נמאס געווארן די חכמה, און דו ווילסט דווקא שווינדל, גיי־זשע צו מאקסימען. ער קוקט מיט ביטול אויף אונזער דיאלעקטיק, און אליין... נאר צו וואס, איך האב פיינט לשון־הרע. הער בעסער אויס, וואס עס איז ערשט נישט לאנג פארגעקומען אין אן אונ־טערערדישן טעמפל פון דער געטין העקאטע. מאקסים האט אונז אראפ־געפירט אין דעמדאזיקן טעמפל, כדי צו באווייזן פאר אונז זיינע נסים. אזוי ווי מיר זענען אריבערגעטרעטן די שוועל, האט ער א זאג געטון צו אונז: „זעצט אייך — איר וועט באלד זען א נס". מיר האבן זיך אוועקגעזעצט. ער האט ארויסגעווארפן אויפן מזבח א קערנדל ווייריך, עפעס אנגעהויבן מורמלען, געווים עפעס א השבעה. און מיר האבן דייט־לעך געזען, ווי די סטאטוע פון דער געטין האט א שמייכל געטון. און מאקסים האט ווייטער געזאגט: „שרעקט אייך נישט, איר וועט באלד זען, ווי די לאמפן אין העקאטעס הענט וועלן זיך אליין אנצינדן. „קוקט!" ער האט קוים געענדיקט און ביידע לאמפן האבן זיך תיכף אליין אנגעצונדן.

— געשען א נס! — האט יוליאן אויסגעשריגן.

— יא, יא. מיר זענען אזוי צעטרודערט געווארן, אז מיר זענען

געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד. ווען איך בין אָבער צוריק אַרויסגע־גאַנגען פונם טעמפּל, האָב איך געטראַכט בײַ זיך: „צוואָס טויג דאָסדאָזיקע? צי דאָס, וואָס מאַקסים טוט, איז חכמה? פּיטאַגאָראַס, פּלאַטאָן, פּאָרפּירי־ריוס — בײַ זיי איז פאַראַן די אמתע חכמה! און צי איז דען טאַקע נישט העכער פון אַלע נסים די אייביקע, געטלעכע דיאַלעקטיק, וועלכע לייטערט דאָס האַרץ און די נשמה?"

יוליאַן האָט מער נישט געהערט. ער האָט מיט ברענענדיקע אויגן אַ קוק געטון אויף עוזעביוסעס געל, גאַליק פּנים און אַרויסגייענדיק פון דער שול האָט ער אַ זאָג געטון:

— האַלט אייך מיט אייערע ספרים, מיט אייער דיאַלעקטיק. איך וויל גלויבן, איך וויל לעבן. צי איז דען מעגלעך אַ גלויבן אָן נסים? איך דאַנק דיר, עוזעביוס. דו האָסט מיר אָנגעוויזן דעם מענטש, וועלכן איך זוך שוין פון לאַנג.

דער סאָפיסט האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ גיפטיק שמייכעלע אויף די ליפּן און אים אַרויסבאַגלייט מיט די ווערטער:

— אַזוי, אַזוי, קאָנסטאַנטינס ברודערן־זון, ביסט גאָרנישט ווײַט אַוועק פון דעם פעטער דײַנעם! — סאָקראַטעס האָט צום גלויבן נישט געדאַרפט האָבן קיין נסים.

X.

פּונקט אום האַלבערנאַכט האָט יוליאַן בײַם אײַנגאַנג אינם גרויסן מיסטעריען־זאַל אַראָפּגענומען פון זיך די קלעריק־מלבושים און די מיסטאַטאָגן — די פּריסטערס, וואָס אַנטפּלעקן די געטלעכע סודות, האָבן אים אײַנגעהילט אין אַ היעראָפאַנטן־מאַנטל פון ריינעם עגיפּטישן פּאַפּי־רוס־בוימוואָל; מ׳האָט אים געגעבן אין דער האַנט אַריין אַ פּאַלמען־צווײַג, און אײַנגאַנצן אַ באַרוועסער איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דעם לאַנגן נידעריקן זאַל.

אַ טאָפּלטע ריי אַרישאַלק־זײַלן פון גרינעם קופּער האָבן אונטער־געהאַלטן דעם געוועלבטן סופיט. יעדע זײַל איז באַשטאַנען פון צוויי ריזיקע, צונויפגעוויקלטע שלאַנגען; פונם אַרישאַלק האָט זיך געשפּירט אַ ריח פון קופּער.

בײַ יעדער זײַל איז געשטאַנען אַ ווײַרויך־פאַן אויף דינע, הויכע

גיסלעך, אויף יעדער פאַן האָט געפלאַקערט אַ פייער-צונג און אַ הייסער שמעקנדיקער רויך האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן זאַל.

אין דעם אַנדערן עק זאַל, פון ווי ווייט, האָבן זיך געפינקלט די געשטאַלטן פון צוויי גאָלדענע באַפליגלטע אַשורישע אָקסן, וועלכע האָבן מיט זיך אונטערגעהאַלטן אַ פּרעכטיקן גינגאָלדענעם טראָן אויף דעם טראָן, ענלעך צו אַ גאָט, אין אַ לאַנגער שוואַרצער מאַנטיע, געהאַפּטן מיט גאָלד און באַזעצט מיט אָן אַ צאָל שמאַראַגדן און קאַרבונקול-שטיינער, איז געזעסן דער גרעסטער הירעאָפאַנט אַליין, מאַקסים פון עפעז.

דער אויסגעצויגענער רוף פונם הירעאָדול האָט אָנגעזאָגט, אַז די מיסטעריע הייבט זיך אָן.

— אפשר איז דאָ פאַראַן, אויף דעמדאָזיקן אָרט, אַ גאָטלעסטער, אָדער אַ קריסט, אָדער אַן אפּיקורס, — זאָל ער אַרויסגיין!

יוליאַנען האָט מען שוין געהאַט אויסגעלערנט, וואָס ער דאַרף ענטפערן. ער האָט אָפּגעענטפערט:

— די קריסטן זאָלן אַרויסגיין!

אַ כאָר פון הירעאָדולן האָט ערגעץ פון דער פינצטערניש אַרויס אָפּגעענטפערט מיט אַ טרויעריקן ניגון:

— די טירן! די טירן! די קריסטן זאָלן אַרויסגיין! זאָלן אַרויסגיין די גאָטלעסטערער!

פון דער פינצטערניש זענען דאַן אַרויסגעטרעטן פיר און צוואַנציק בחורים; אַלע זענען זיי געווען אינגאַנצן נאַקעט; יעדער איינער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ האַלב-לעכדיקן סיסטראַס, ענלעך צום סערפּ פון דער לבנה אין אָנהייב חודש, נאָר די דינע עקן פונם בלאַנקענדיקן סערפּ זענען זיך צונויפגעגאַנגען און געשאַפן אַ קרייז. אין דעם סערפּ האָבן געשטעקט דינינקע זילבערנע שפּילעך, וועלכע האָבן געקלונגען בײַ דער מינדסטער באַוועגונג. די בחורים האָבן אַלע מיטאַמאָל אויפגעהויבן די סיסטראַסעס איבער די קעפּ, אַ פּיר געטון מיט די פינגער איבער די שפּילעך און עס האָט זיך דערהערט אַ רחמנותדיקער, בענקלעכער קלאַנג.

מאַקסים האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט.

עמעץ איז פון הינטן צוגעגאַנגען צו יוליאַנען, אים שטייף פאַרבונדן די אויגן מיט אַ טיכל און אַרויסגערעדט:

— גיי. שרעק דיך נישט — נישט פאַר קיין וואַסער, נישט פאַר קיין

פייער, נישט פאַר קיין גייסט, נישט פאַר קיין קערפּער, נישט פאַרן לעבן און נישט פאַרן טויט!

מען האָט אים אָנגעהויבן פירן. אַ טיר האָט זיך אויפגעעפנט מיט אַ סקריפּ פון אייזן; מ'האָט אים אַריינגעפירט און אָפּגעלאָזט; עס האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין אַ פאַרדומפּענער ריח. ער האָט דערטאַפּט מיט די פיס שמאָלע, גליטשיקע טרעפּלעך.

ער האָט אָנגעהויבן גיין אַראָפּ פון די טרעפּ. אַ טויטע שטילקייט אַרום. עס פילט זיך אַ ריח פון שימל. ער מוז ערגעץ זיין טיף אונטער דער ערד.

די טרעפּ האָבן זיך אויסגעלאָזט. איצט פירט אים דער וועג איבער עפּעס אַ שמאָלן קאָרידאָר. ער טאַפּט אָן מיט די הענט ביידע קאַלטע, נאַסע ווענט.

פּלוצלינג דערפילט ער וואַסער אונטער די פיס; עס ריזלען שטראָמעלעך. דאָס וואַסער הייבט זיך. עס גייט אים שוין ביז צו די קנעכלעך. ער גייט אַלץ ווייטער. וואָס ווייטער אַ טריט, ווערט דאָס וואַסער אַלץ טיפער און טיפער. עס גייט שוין אַריבער איבער די קנעכלעך, עס דערגרייכט אים שוין ביז די קניען, ביזן בויך. פון קעלט קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער גייט אַלץ ווייטער. דאָס וואַסער דערגרייכט אים שוין ביז דער ברוסט. ער האָט אַ טראַכט געטון:

„אפשר איז מאַקסים גאָר קאָנסטאַנציוסעס אַ שליח, אפשר האָט מען מיך דאָ אַהער פאַרנאַרט און איך וועל שוין נישט אַרויס פונדאַנען קיין לעבעדיקער?"

אָבער ער גייט אַלץ ווייטער.

דאָס וואַסער הייבט אָן צוריק אַראָפּצופאַלן.

פּלוצלינג כאַפּט אים אַרום אַ היץ ווי פון אַ קאַלך-אויוון, די ערד הייבט אים אָן ברענען אין די באָרוועסע פיס. מיט יעדן טריט דערנענטערט ער זיך עפּעס צו אַ העליש פייער; דאָס בלוט זעצט אים אין די שלייפן; טיילמאָל ווערט אים אַזוי הייס, ווי עמעץ וואָלט אים צוגעשטעלט צום פּנים אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אָדער אַן אָנגעגליט שטיק אייזן. און ער גייט אַלץ ווייטער.

די היץ ווערט קלענער. פּלוצלינג דערפילט ער אַ שרעקלעך געשטאַנק; עס פאַרכאַפּט אים דעם אָטעם; ער האָט זיך אָנגעשטויסן מיט די פיס אָן עפּעס אַ האַרטער קיילעכדיקער זאַך, דערנאָך נאָך און נאָך

אזעלכע קיילעכדיקע זאכן אונטער די פיס. לויטן שרעקלעכן ריח האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זענען ביינער און שאַרבנס פון מתים.

פלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז עמעץ גייט לעבן אים עפּעס אַזוי שטיל, שלייכנדיק זיך ווי אַ שאָטן. אַ קאַלטע האַנט האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אים. ער האָט אַ געשריי געטון. נאָך צוויי הענט האָבן אים אָנגעהויבן צופּן פון הינטן. ער האָט דערפילט, אַז די הויט אויף די דאָזיקע הענט איז אַ טרוקענע, אַז זי שיילט זיך, אויף טייל ערטער שטאַרן אַרויס די נאַקעטע ביינער. אין דעם קלאַמערן זיך פון די טויטע הענט איז געווען עפּעס אַזאַ מין עקלדיקע צערטלעכקייט, פּונקט ווי אין די צערטלעכקייטן פון אַן אַלטער פּראָסטיטוטקע. יוליאַן האָט דערפילט עמעצנס אָטעם אויף דער באַק. אין דעם דאָזיקן אָטעם האָט זיך געשפּירט דער ריח פון צעפוילונג און די פייכטקייט פון קבר. און פלוצלינג רוימט אים עפּעס איין אין אויער גיך-גיך, ווי דאָס שאָרכן פון פאַרטרוקנטע בלעטער אין אַ האַרבסטיקער נאַכט:

— דאָס בין איך, איך, איך. דו דערקענסט מיך דען נישט. דאָס בין איך.

— ווער ביסטו? — האָט יוליאַן אַ זאָג געטון און זיך תיכף דערמאַנט, אַז ער האָט געבראָכן זיין נדר צו שווייגן די גאַנצע צייט.

— איך, איך. דו ווילסט, וועל איך דיר אַראָפּנעמען דאָס טיכל פון די אויגן, וועסט דיך אַלץ דערוויסן, וועסטו דערזעען מיך?...

ביינערדיקע, קאַלטע פינגער האָבן גיך-גיך אָנגעהויבן גראַבלען באַ אים אויפן פּנים, כדי אַראָפּצונעמען באַ אים דאָס טיכל פון די אויגן.

טויטע אַנגסטן זענען אים אַרויס אויפן לייב און ער האָט שנעל פון געוווינהייט אויפגעהויבן די האַנט און זיך דריי מאָל איבערגעצלמט, ווי ער פלעגט געוויינלעך טון קינדווייז, ווען עס פלעגט זיך אים חלומען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך.

עס האָט אַ זעץ געטון אַ דונער, די ערד האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען; ער האָט דערפילט, אַז ער פאַלט ערגעץ אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט אַריין און ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

ווען יוליאַן איז געקומען צו זיך, האָט ער שוין דאָס טיכל אויף די אויגן נישט געהאַט: ער האָט דערזעען, אַז ער ליגט אויף ווייכע קישנס אין אַ גרדיסער, שוואַך באַלויכטענער הייל, מ'גיט אים עפּעס צו שמעקן אַ טיכל, אָנגעזאַפּט מיט שטאַרקן פּערפום.

פאַר יוליאַנס געלעגער שטייט עפּעס אַ נאַקעטער אויסגעדאַרטער מענטש מיט אַ טונקל ברוינעם קערפּער; דאָס איז געווען אַן אינדישער ימנאַסאָפּיסט, מאַקסימס רעכטע האַנט. ער האָט געהאַלטן הויך איבערן קאָפּ אַ קיילעכדיקע גלאַנצעדיקע קופּערנע בלער. עמעץ האָט אַ זאָג געטון צו יוליאַנען:

— קוק!

ער האָט געווענדט דעם בליק צו דער בלעך, וועלכע האָט געפינקלט און געבלענדט די אויגן. ער האָט געקוקט לאַנג, לאַנג. די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן ווי טון, די קאָנטורן פון די מענטשן און די זאַכן אין דער הייל האָבן זיך אים אָנגעהויבן מישן פאַר די אויגן. ער האָט דערפילט אַזאַ ליבע, אָנגענעמע שוואַכקייט אין גאַנצן קערפּער; עס האָט זיך אים אָנגעהויבן דאַכטן, אַז דאָס בלאַנקעדיקע ליכטיקע ראָד לייכט שוין נישט פאַר אים, נאָר עפּעס אַזויווי אינעווייניק אין אים. די אויגן האָבן זיך אים ביסלעכווייז צוגעמאַכט, אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ מידער, הכנעהדיקער שמייכל; די ווירקונג פון דער בלענדנדיקער ליכטיקייט האָט אים אינגאַנצן באַהערשט.

עמעץ האָט אים עטלעכע מאָל אַ גלעט געטון מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און דערנאָך אַ פרעג געטון:

— דו שלאָפסט?

— יאָ.

— קוק מיר אין די אויגן אריין.

יוליאַן האָט מיט גרויסער אָנשטרענגונג אויפגעהויבן די ברעמען און דערזען, אַז איבער אים שטייט אַריבערגעבויגן מאַקסים אַליין.

דאָס איז געווען אַ זיבעציקיעריקער זקן מיט אַ שניי-ווייסער באָרד ביזן גאַרטל, האָר אויך גרויע, נאָר מיט אַ לייכטן גאָלד-גלאַנץ, דאָס פּנים און דער שטערן פול מיט קנייטשן נישט פון אַלטקייט, שוואַכקייט, אָדער ליידן, נאָר עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן פול געווען, די קנייטשן, מיט הכמה און גבורה; אויף זיינע דינע ליפּן האָט געשוועבט אַ צווייי-דייטיקער שמייכל: אַזאַ שמייכל קאָן מען באַמערקן בײַ טייל זייער קלוגע, פאַלשע און פאַרפירערישע פרויען. צוזאַמענסטן זענען אָבער יוליאַנען אויפּגעפאַלנד געווען מאַקסימס אויגן: פון הינטער די גרויע, אַריבערגעהאַנגענע ברעמען האָבן אַרויסגעגלאַנצט צוויי קליינע, פלינקע, דורכדרינגלעכע, אָפּשפּעטנדיקע אָבער גליינציטיק ליבלעכע אויגן. דער היעראָפאַנט האָט אַ פרעג געטון:

— דו ווילסט זעען דעם ג ר ו י ס ן ט י ט אַ ן ?
— איך וויל, — האָט יוליאַן געענטפערט.
— קוק.
דער מכשף האָט אים אַ ווייז געטון אין דער טיפעניש פון דער הייל, ווו עס איז געשטאַנען אַ דרייפוס פון צרישאַלק. פון אים האָט געזעצט אַ ווייסער רויך. די הייל האָט אַ ציטער געטון און עס האָט זיך דערהערט אַ שטימע ווי אַ מעכטיקער שטורעם:
— הערקולעס, הערקולעס, באַפריי מיך!
עס האָט זיך אַ ווייז געטון אַ שטיק בלויער הימל צווישן צערי־סענע שווערע כמאַרעס. יוליאַן איז געלעגן מיט אַן אומבאַוועגלעך, בלאַס פנים מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן און געקוקט אויף די לייכטע, נעפלדיקע בילדער, וועלכע זענען פאַר אים פאַרבייגעפלויגן. און עס האָט זיך אים עפעס געדאַכט, אַז נישט ער זעט דידאָזיקע אַלע בילדער, נאָר עמעץ אַנדערש אויסער אים באַפעלט אים זיי צו זעען.
עס האָבן זיך אים געחלומט: וואַלקנס, בערג, שניי; ערגעץ אונטן, דאָרט, אין אָפגרונט רוישט דער ים; אַ ריזיקער קערפער איז צוגעשמידט צום פעלזן בײַ די הענט און בײַ די פיס מיט אייזערנע רייפן; אַן אָדלער פיקט דעם ריזס לעבער; שוואַרצע טראָפנס בלוט רינען איבערן נאַ־קעטן קערפער; די קייטן קלינגען; ער וואַרפט זיך אין שרעקלעכער ווייטיק:
— הערקולעס, באַפריי מיך!
דער טיטאַן הייבט אויף דעם שווערן קאָפּ, זיינע אויגן באַגעגענען זיך מיט יוליאַנס בליק.
— ווער ביסטו? וועמען רופסטו? — פרעגט יוליאַן, קוים באַוועגנ־דיק מיט די ליפּן, ווי אַ מענטש וואָס רעדט פון שלאָף.
— דיך.
— איך בין אַ שטערבלעך באַשעפעניש.
— דו ביסט מיין ברודער: באַפריי מיך.
— ווער האָט דיך ווידער געשמידט?
— די הכנעהדיקע, די עניוותדיקע, די פחדנים, וואָס זענען מוחל זייערע שונאים, די קנעכט, די קנעכט! באַפריי מיך!
— ווי קאָן איך — ?
— זיי אַזוי ווי איך.
די וואַלקנס זענען טונקעלער געוואָרן, פונדערוויטנס האָט אָנגע־

הויבן דונערן, עס האָט אַ שרעקלעכער בליץ געטון; דער אָדלער האָט אַ הויכן געשריי געטון, זיך אָפּגעריסן פון זיין קרבן און זיך אויפגעהויבן הויך־הויך; פון זיין שנאָבל האָבן געטריפט שווערע טראָפּנס בלוט. דעם טיטאַנס שטימע האָט געדונערט העכער איבער אַלעמען:

— באַפריי מיך, הערקולעס!

דערנאָך האָבן די וואָלקנס רויך, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דעם קופּערנעם דרייפוס, אַלץ פאַרדעקט.

יוליאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ רגע. דער היעראָפאַנט האָט אים ווידער געפרעגט:

-- דו ווילסט זעען דעם א ר אָ פּ ג ע ש ט ו י ס ע נ ע ם?

— איך וויל.

— קוק.

יוליאַנס אויגן האָבן זיך ווידער צוגעשלאָסן און ער איז ווידער אַריין אין אַ לייכטן פאַרכישופטן דרימל.

פון צווישן ווייסן רויך האָט זיך באַוויזן אַ פאַרנעפּלט געשטאַלט פון אַ קאָפּ און צוויי ריזיקע פליגל. די פעדערן פון די פליגל זענען טרויעריק אַראָפּגעהאָנגען ווי די צווייגן פון אַ וויינענדיקער ווערבע; עס האָט געשיינט עפּעס אַזאַ בלוילעכע ליכטיקייט. עמעץ האָט אים אָנגעהויבן רופן פון וייט־וויים מיט אַ שוואַכער שטימע, ווי אַ לאַנג־פאַרשטאָרבענער פריינט:

— יוליאַן! יוליאַן! זאָג דיך אָפּ פון קריסטוסן אין מיין נאָמען.

יוליאַן האָט געשוויגן. מאַקסים האָט אים איינגערוימט אין אויער: „אויב דו ווילסט זעען דעם גרויסן מלאך — זאָג דיך אָפּ".

און יוליאַן האָט אַרויסגערעדט:

— איך זאָג מיך אָפּ.

איבער דעם קאָפּ פון דעם ריזיקן געשטאַלט האָט אַ בליץ געטון פון צווישן נעפּל אַרויס דער מאָרגנשטערן. דער מלאך האָט איבערגעחזרט:

— יוליאַן, זאָג דיך אָפּ אין מיין נאָמען פון קריסטוסן.

— איך זאָג מיך אָפּ.

און צום דריטן מאָל האָט דער מלאך איבערגעחזרט שוין גאָר באַנט מיט אַ טריומפירנדיקער שטימע:

— זאָג דיך אָפּ.

און יוליאַן האָט צום דריטן מאָל געענטפערט:

— איך זאָג מיך אָפּ.

האָט דער מלאך געזאָגט:

— קום צו מיר.

— ווער ביסטו?

— איך בין דער מאָרגנשיין. איך בין די ליכטיקייט. איך בין דער מאָרגנשטערן.

— ווי שיין דו ביסט!

— זיי אַזוי ווי איך.

— וואָס טרויערן דיינע אויגן?

— איך לייד פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש. מ׳דאַרף נישט געבוירן ווערן, מ׳דאַרף נישט שטאַרבן. קומט אַלע צו מיר. איך בין דער שאָטן, איך בין די מנוחה. איך בין די פרייהייט.

— ווי רופן דיך די מענטשן אָן?

— זינד.

— דו ביסט די זינד!

— איך האָב מיך אָקעגנגעשטעלט.

— קעגן וועמען?

— קעגן דעם, וועלכער איז גלייך מיט מיר. ער האָט געוואָלט זיין אַליין, צוויי זענען מיר אָבער.

— איך וויל זיין ווי דו.

— שטעל דיך אַקעגן. ווי איך. איך וועל דיר געבן די קראַפט.

דער מלאך איז פאַרשוווּנדן. עס איז אַנגעפלויגן אַ ווינט און דער פלאַם פון דרייפוס האָט אַ ציטער געטון און זיך צוגעטוליעט צו דער ערד. דער ווינט האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטון אויפן דרייפוס, אים איבערגעדרייט און דאָס פייער אויסגעלאָשן. אין דער פינצטערניש האָט זיך דערהערט אַ געלויף, אַ געטומעריי פון אָן אַ שיעור פיס, אַ געקווי־טשעריי, קרעכצן, זיפצן, געשרייען, פונקט ווי מיליאָנען אומגעזעענע חילות וואָלטן געפלויגן אינדערלופטן און געראַטעוועט זיך פון אַ שטאַרקערן שונא.

יוליאַן איז אין שרעקלעכן פּחד געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און דעם היעראָפאַנטס שוואַרצע מאַנטיע האָט געפלאַטערט איבער אים אויפן ווינט.

„אַנטלויפט, אַנטלויפט!“ — האָבן געשריגן מיליאָנען קולות —

„דאָס גיהנום עפנט די טויערן אויף. דאָס איז ע ר, ע ר, ע ר, ד ע ר ז י ג ע ר ! ״

א ווינט האָט געפייפט אין יוליאַנס אויערן. מחנות און מחנות איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך געטראָגן איבער זיין קאָפּ. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שרעקלעכער דונער פון אונטער דער ערד און עס ווערט מיטאַמאָל אויסטערליש שטיל, און אין דער שטילקייט טראָגט זיך דורך אַ לייכט הימליש-צאַרט ווינטעלע ווי נאָך אַ קורצער זומערדיקער נאַכט. עס דערהערט זיך אַ שטילער רוף:

— שאול ! שאול ! פאַרוואָס יאָגסטו דיך נאָך מ י ר ?

יוליאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין גאַר לאַנג, ווען ער איז נאָך גאַר אַ קליין קינד געווען, האָט ער דעמדאָזיקן רוף געהערט.

און ווידער דערהערט זיך דער זעלבער רוף נאָך שטילער, נאָך ווייטער :

— שאול ! שאול ! פאַרוואָס יאָגסטו דיך נאָך מ י ר ?

און דאָס קול שטאַרבט ערגעץ ווייט-ווייט, עס הערט זיך קוים ווי דער לייכטסטער בלאָז פון דעם מינדסטן ווינטעלע :

— שאול ! שאול ! פאַרוואָס יאָגסטו דיך נאָך מ י ר ?

ווען יוליאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויפגעהויבן דאָס פנים פון דער ערד, האָט ער דערזעען, אַז איינער פון די היעראָדולן צינדט אָן אַן אייל-לאָמפּ. עס האָט אים געשווינדלט אין מוח ; ער האָט אָבער אַלץ געדענקט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, ווי מ׳געדענקט אַ חלום.

מען האָט אים ווידער צוגעבונדן די אויגן און געגעבן טועם צו זיין עפּעס אַ מין שמעקעדיקן וויין. ער האָט תיכף דערפילט, אַז די כוחות קומען צו אים צוריק.

מען האָט אים אַרויפגעפירט עפּעס אויף טרעפּ. און פּלוצלינג האָט ער דערזעען ווי מאַקסים האַלט אים בײַ דער האַנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי עפּעס אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט וואָלט אים אויפגעהויבן, ווי ער וואָלט געשוועבט אויף פליגל אין דער לופטן. דער היעראָפאַנט האָט אַ זאָג געטון :

— פרעג.

— דו האָסט אים געקענט ? — האָט יוליאַן אַרויסגערעדט.

— ניין. אָבער ווען אין אַ לידע קלינגט איין סטרונע, מוז איר די אַנדערע אָפּענטפערן : איין קענגנאַנץ ענטפערט דעם צווייטן.

— פאַרוואָס־זשע שטעקט אַזאַ קראַפט אין זייגע רייד, אויב זיי זענען ליגנט?

— זיי זענען אמת.

— וואָס רעדסטו? הייסט עס, אַז די רייד פון דעם טיטאַן און דעם מלאך זענען ליגנט?

— זיי זענען אויך אמת.

— צוויי אמתן?

— צוויי.

— דו ברענגסט אין מיר אַריין ספקות...

— נישט איך, דער נאַקעטער אמת איז פול מיט ספקות און פיין. האָסט מורא — שווייג־זשע.

— איך האָב קיין מורא נישט. רעד ביזן סוף. די גלילער זענען גערעכט?

— יאָ.

— פאַרוואָס־זשע בין איך אַוועק פון אים?

— עס איז פאַראַן אַ צווייטער אמת.

— אַ העכערער?

— ניין. אַ גלייכער מיט דעם, פון וועלכן דו ביסט אַוועק.

— און וואָס־זשע זאָל איך גלייבן? ווו איז־זשע גאָט?

— דאָ און דאָרט. דין צו אַרמוזדן, דין צו אַהרימאַנען, — ווי דו ווילסט, נאָר איינס זאָלסטו וויסן: ביידע זענען גלייך; דאָס מלכות פון טייוול איז גלייך צום מלכות פון גאָט.

און וועלכן וועג זאָל איך גיין?

— קלויב דיר אויס איינעם פון די ביידע וועגן, גיי און שטעל דיך נישט אָפּ.

— וועלכן?

— קום גלייבסטו אין אים, נעם אַ צלם אין דער האַנט אַריין און גיי אים נאָך, אַזוי ווי ער האָט געהייסן טון. זיי הכנעהדיק. זיי אומשולדיק, זיי אַ שטום שעפּעלע אין די הענט פון די תּליינים; גיי אַוועק אין אַ מדבר אַריין; גיב אים אַוועק דעם קערפּער מיט דער נשמה; ליידן, גלייב. — דאָס איז איינער פון די צוויי וועגן: די גרויסע גלילעישע מאַרטירער דערגרייכן פונקט דיזעלבע פרייהייט, ווי פּראָמעטעוס און לוציפער.

— איך וויל נישט!

— קלויב־זשע דיר אויס דעם צווייטן וועג: זיי שטאַרק און פריי; האָב נישט קיין רחמנות אין דיר, קיין ליבע, זיי נישט מוחל קיינעם; שטעל דיך אַקעגן און זיי מנצח אַלץ; גלייב נישט און דערגיי אַלץ מיטן שכל; וועט די וועלט דיינע זיין און דו וועסט זיין ווי דער טיטאַן, ווי דער מלאך פון מאָרגנשיין.

— איך קאָן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אינם גליליעערס תורה איז אויך פאַראַן אמת; איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין צוויי אמתן!...

— קוים קאָנסטו טאַקע נישט — וועסטו זיין גלייך צו אַלע מענטשן. עס איז גלייכער צו שטאַרבן, אויב דו קאָנסט נישט. נאָר דו קאָנסט אָבער. פרוּוו. וואַג. — וועסטו זיין קייסער.

— איך וועל זיין קייסער?

— דו וועסט האָבן אין דיין האַנט די מאַכט, וועלכע דער העלד פון מוקדון האָט נישט געהאַט.

יוליאַן האָט געפילט, אַז זיי גייען אַרויס פון דער הייל: אַ פריש, פאַרטאָגעדיק ווינטל האָט געבלאָזן פון ים; ער האָט נישט געזעען, און דאָך געשפּירט די ווייטקייט, די טיפקייט פון הימל און ים.

דער היעראָפאַנט האָט אים אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון די אויגן. ער האָט דערזעען, אַז זיי שטייען אויף אַ הויכן מאַרמאָרנעם טורעם; דאָס איז געווען אַן אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע, ענלעך צו די אַלטערטימלעכע בבלישע געביידעס; דער טורעם איז געשטאַנען אויף אַ ריזיקן משופּעדיקן פעלז, הויך, צופוסנס פונם ים; פון אונטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט מאַקסימס פּרעכטיקע גערטנער, ווילעס, פּאַלאַצן, קאָלומנאַדעס ענלעך צו די זיילן־געביידעס אין פּערסעפּאָליס; פונדערווייטנס, אין נעפּל האָט זיך געזעען דער אַרטעמי־יאַן און די שטאָט עפעז מיט אירע אַנצאָליקע געביידעס און טעמפּלען; נאָך ווייטער — צו מזרח־זייט — די בערג. דאָרט האָט יעדע מינוט געזאָלט אויפגיין די זון; אויף מערב, דרום און צפון־זייט האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ריזיקער, אומענדלעכער, פאַרנעפּלטער, לעכצנדיקער, שמייכלענדיקער ים — ער האָט געוואַרט אויפן אויפגאַנג פון דער זון. זיי זענען געשטאַנען אויף אַזאַ הייך, אַז בײַ יוליאַנען האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט; ער האָט זיך גענומען אָנהאַלטן אַן מאַקסימס האַנט.

פלוצלינג האָט די זון אַ שפּראָץ געטון פון הינטער די בערג; יוליאַן האָט צוגעמאַכט די אויגן מיט אַ שמייכל — און די זון האָט געשיקט יוליאַנען דעם ערשטן שטראַל, אויף זיינע ווייסע פּריסטערישע

מלבושים האָט דער שטראַל צום ערשט אויסגעזעען ווי אַ בלאַס-ראָזער פּאַס, דערנאָך ווי אַ רויט-בלוטיקער שטרייף.

דער היעראָפאַנט האָט אַרומגענומען מיט דער האַנט דעם האָריזאָנט אַרום און אַרום, דעם הימל און דעם ים:

— דו זעסט, דאָס אַלץ איז דײַן.

— איך קאָן דען, רבי ?... יעדן טאָג ריכט איך מיך אויפן טויט. איך בין קראַנק און שוואַך...

— די זון — דער גאָט מיטרע — קרוינט דיך מיט זײַן פּורפּור. דאָס איז דער קייסערלעכער פּורפּור. אַלץ איז דײַן. פּרווו ! וואַג !

— צוואָס טויג מיר דאָס אַלץ, אויב עס איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת, קיין גאָט, וועלכן איך זוך ?

— געפין אים. און אויב דו וועסט קאָנען, פאַרייניק דעם טיטאַנס אמת מיטן גליליעערס אמת — און דו וועסט זײַן דער גרעסטער ילוד-אשה אויף דער וועלט . . . .

. . . .

מאַקסים האָט געהאַט אַ ריזיקע ביבליאָטעק, שטילע מאַרמאָרנע צימערן מיט פאַרשידנאַרטיקע וויסנשאַפטלעכע מכשירים, גרויסע אַנאַטאָמישע זאַלן.

אין איין זאַל איז געשטאַנען דער יונגער געלערנטער אָריבאַזיוס, אַ רופא פון דער אַלעקסאַנדרינישער שול, ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ שטאָלערן מעסער און אײַנגעם מיט אַ טעורג געמאַכט אַ וויוויסעקציע איבער אַ זעלטענער חיה, וואָס מאַקסים האָט באַקומען צוגעשיקט פון אינדיע. דער זאַל איז געווען אַ קיילעכדיקער, אָן פענצטער, מיט אַ גלעזערנעם סופיט, אַזוי ווי אין אַלעקסאַנדרינישן מוזעום. אינם זאַל האָבן זיך געפונען פאַרשידענע קיפערנע כּלים, רעטאָרטעס, מאַטעמאַטישע מכשירים לויט עאָליפּילעסן און אַרכימעדעסן, אָן אַזוי גערופענע פייערדיקע מאַשין קטעזיביוסעס און געראָנס. פון דעם דערבײַיאיקן ביבליאָטעקצימער האָט זיך געהערט דאָס איינטאָניקע פאַלן פון טראָפּנס, דאָס איז געווען אַ וואַסער-זייגער, אַפּאָלאָניוסעס דערפינדונג. דאָרט זענען געשטאַנען גלאָבוסן, געהאָנגען קופערנע מאַפּעס און טאַבעלעס פון די שטערן לויט היפּאַרכן און עראַטאָסטענען. די צוויי געלערנטע האָבן געמאַכט די וויוויסעקציע לויטן סיסטעם פונם באַרימטן אַנאַטאָם העראָפילעס.

מאַקסים, אין פּשוטע מלבושים פון אַ פילאָזאָף. איז געשטאַנען

באַגאַסן מיט דער שיין, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין זאַל אַריין דורך דעם גלעזערנעם דאַך, און זיך נייגיריק איינגעקוקט אין די וואַרעמע געדערים פון דער געפּאַלמעסטער חית, וועלכע זענען געלעגן אויפן ברייטן מאַרמאָרנעם טיש. זיינע קליינע, פלינקע אייגעלעך האָבן געפינקלט פון הינטער די גרויע ברעמען אַפער מיט זייער געווינלעכן, דורכדרינגלעכן, חוזקדיקן גלאַנץ.

אָריבאַזיוס איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן טיש און באַטראַכט די ערשטע אַרויסגענומענע לעבער:

— ווי קאָן דער פילאָזאָף מאַקסים גלייבן אין נסים? — האָט ער אַ זאָג געטון.

— איך גלייב יאָ און גלייב נישט, — האָט דער טעורג געענטפערט. — צי איז דען די נאַטור, וועלכע מיר שטודירן, נישט דער גרעסטער נס אין דער וועלט? צי זענען נישט קיין נס, קיין סודותדיקע דערשיינונג די אַלע דינינקע בלוט-געפעסן, די אַלע נערוון, די פולקאָמענהייט פון די אינערלעכע אָרגאַנען פון דעמדאָזיקן קערפּער, וועלכן מיר באַטראַכטן ווי מכשפים-אויגורן?

— דו ווייסט, וואָס איך מיין, — האָט אָריבאַזיוס אָפּגעענטפערט — פאַרוואָס נאַרסטו דעם אומגליקלעכן בחור?

— יוליאַנען?

— יאָ.

— ער וויל אַליין, מען זאָל אים נאַרן.

די דינע ברעמען פונם יונגן געלערנטן מעדיקער האָבן זיך עקשנותדיק צונויפגערוקט:

— רבי, אויב דו האָסט מיך טאַקע ליב, זאָג-זשע מיר, ווער ביסטו? ווי קאָנסטו איבערטראָגן דידאָזיקע פאַלשקייטן? עס איז דאָך שווינדלעריי, ליגנט! איך ווייס דען נישט, וואָס מאַגיע איז אַזעלכעס? — צום סופיט הייסטו צוטשעפּען אַ גלאַנצנדיקע שופּ פון אַ פיש, אין דעם צימער מאַכט איר פינצטער און דעם תּלמיד הייסט איר גלייבן, אַז דאָס קומט צו אים אַראָפּ דער הימל מיט אַלע שטערן, ווייל אַזוי האָט באַפוילן דער היעראָפאַנט, וועלכער באַווייזט פאַר אים די נסים. פון וואַקס מאַכט מען אַ קאָפּ פון אַ מענטש, מ'שטעקט אין אים אַריין אַ גאָרגל פון אַ בושל, פון אונטער דער פּאָדלאָגע רעדט אַריין אין דעם רערל פונם גאָרגל אַ באַהאַלטענער היעראָפאַנט, און דער נאַיווער, לייכטגלויביקער תּלמיד איז זיכער, אַז דער טויטער קאָפּ דערציילט אים די סודות פון יענער

װעלט ; װען איר װילט. אַז דער טויטער קאָפּ זאָל נעלם װערן, טראָגט איר צו אים צו אַ פּאַן מיט הייסע קוילן, דער װאַקס צעגייט און דער קאָפּ צעפּאַלט זיך ; איר מאַכט אָן אַ רויך און מיט אַ קאַלירטער לאַמטער װאַרפֿט איר אַ שיין אויף די װאָלקנס פֿונעם רויך — און דער תּלמיד מיינט, אַז ער זעט פֿאַר זיך געטלעכע אַנטפּלעקונגען ; דורך אַ באַסיין מיט שטיינערנע װענט און אַ גלעזערנער דנאָ װייזט איר אים דעם גאָט אַפּאָללאָ אַ לעבעדיקן, אָן איבערגעטוועגעם קנעכט, אָדער די געטין אַפֿראָדיטע, אַ נאַקעטע פּראָסטיטוטקע, װעלכער איר באַצאָלט פֿאַר דעמדאָזיקן סעאַנס. און דאָסדאָזיקע רופֿט איר אָן הייליקע סודות, געטלעכע אַנטפּלעקונגען !...

אויפֿן היעראָפֿאַנטס דינע ליפּן האָט זיך באַװיזן אַ צװיידייטיקער שמייכל :

— אונזערע סודות זענען טיפֿער און שענער, װי דו, אַריבאַזיוס, מיינסט. אַ מענטש מוז האָבן עקסטאַז צום לעבן. דער, װאָס גלייבט, פֿאַר דעם איז די פּראָסטיטוטקע באמת די געטלעכע אַפֿראָדיטע און אַ שופֿ פֿון אַ פֿיש דער אויסגעשטערנטער הימל. דו זאָגסט, אַז מענטשן װיינען און בעטן צו זעונגען, װאָס מיר רופֿן אַרויס מיט אַ פֿאָקוס-לאַמטער מיט פֿאַרשידנפֿאַרביקע גלעזלעך. אָך, אַריבאַזיוס, אַריבאַזיוס ! און װאָס איז דען די נאַטור, װאָס דו ביסט אַזוי אין התפּעלות פֿון איר ? צי איז די נאַטור אַליין דען נישט אַ מיראַזש, אַ פֿאַרבלענדעניש פֿון אונזערע חושים, װעלכע נאַרן אונדז פּונקט אַזוי װי די כּישוף-לאַמטער פֿונעם פּערסישן קונצנמאַכער ? װוּ איז דער אמת ? און װוּ איז די ליגנט ? דו גלייבסט און װייסט — איך װיל נישט גלייבן, און קאָן נישט װיסן...

— צי מיינסטו, אַז יוליאַן װאָלט דיר דאַנקבאַר געװען, װען ער זאָל װיסן, אַז דו נאַרסט אים אָפּ ?

— יוליאַן זעט דאָס, װאָס ער װיל און װאָס ער דאַרף זעען. איך האָב אים געגעבן עקסטאַז. איך האָב אים געגעבן גלויבן און קראַפֿט. דו זאָגסט, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט ? זאָל זיין, פֿאַר אַ גרויסער זאַך טו איך עס און איך װאָלט עס נאָך צען מאָל געטון, װען עס זאָל נייטיק זיין. — איך האָב אים ליב. ביזן טויט װעל איך אים נישט פֿאַרלאָזן. איך װעל אים מאַכן גרויס, מעכטיק און פֿריי.

און מאַקסים האָט אַ קוק געטון אויף אַריבאַזיוסן מיט זיינע װוּנדערלעכע אויגן.

אַ שטראַל פֿון דער זון איז געפֿאַלן אויף דעם זקנס גרויער באָרד,

אויף זיינע גרזיע אריבערגעהאנגענע ברעמען; זיי האבן אנגעהויבן גלאנצן ווי זילבער; די קנייטשן אויפן שטערן זענען טיפער, טונקעלער געווארן; און אויף די דינע ליפן האט געשוועבט דאס צווייזייטיקע שמייכעלע, ווי בא א קלוגער, פארפירערישער פרוי.

XI.

יוליאן האט באזוכט זיין אומגליקלעכן ברודער גאללוסן, בשעת יענער איז דורכגעפארן דורך קאנסטאנטינאפאל און זיך דארט אפגעשטעלט.

גאללוס איז געווען ארומגערינגלט מיט א באנדע צביעותדיקע הויפלייט, וועלכע קאנסטאנציוס האט בכיון צוגעשטעלט צו אים: דא איז געווען דער כיסרער, העפלעכער פראנט, דער קוועסטאר לעאנטיוס, וועלכער האט זיך קונה שם געווען מיט דער פעיקייט אונטערצוהערן הינטער די טירן, אויסצופארשן די באדינערס; דער טריבון פון די סקוטארישע שילדן-טרעגערס, באינאבאודעס, וועלכער האט אויסגעזעען ווי א פארשטעלטער תלין; דער comes domesticorum, לוציליאן דעם קייסערס עטיקעט-מייסטער, און דער זעלבער סקודילא, וועלכער איז אמאל געווען מיליטערישער טריבון אין קאפאדאקישער צעזארעא און האט איצט געהאט א שטעלע באם קייסערלעכן הויף, א דאנק דער פראטעקציע פון עפעס אלטע פרויען.

גאללוס איז געווען געזונט, לעבנסלוסטיק, לייכטזיניק, ווי שטענדיק. ער האט מכבד געווען יוליאנען מיט אן אויסגעצייכנט נאכטמאל, צום מיינסטן האט ער הנאה געהאט פונם פעטן קאלכידער באזשאנט, אנגעפילט מיט פרישע טעבאנישע טייטלען. ער האט געלאכט ווי א קליין קינד און געהאלטן אין איין רעדן וועגן דעם אמאליקן לעבן זייערן אין מאצעללום.

פלוצלינג האט יוליאן אינמיטן שמועס א פרעג געטון דעם ברודער אויף דער פרוי זיינער, אויף קאנסטאנטינען. גאללוסעס פנים איז פארענדערט געווארן, ער האט ארצפגעלאזט די האנט מיטן פעטן באזשאנטענעם ביילק, וואס ער האט געוואלט לייגן אין מויל אריין: די אויגן זענען אים פארלאפן געווארן מיט טרערן.

— יוליאן, דו ווייסט נאך גארנישט? — זי איז געפארן צום

קייסער רעדן פאר מיר א גוט וואָרט און אויפן וועג, אין ביסיניש שטעטל צענע, איז זי פלוצלינג געשטאָרבן פון א פיבער. איך האָב געוויינט גאַנצע צוויי נעכט, ווען איך האָב מיך דערוווּסט...

מיט פחד האָט ער א בליק געטון צו דער טיר, זיך שנעל צוגע-בויגן צו יוליאַנען און אים איינגערוימט אין אויער:

— פון דעמאָלט אָן האָב איך אויפגעמאַכט מיט דער האַנט... זי וואָלט נאָך עפּעס געקאָנט אויפטון, זי אַליין וואָלט מיך נאָך אפשר געקאָנט ראַטעווען. ברודער, וואָס הייסטו. איז דאָס געווען א פרוי! וואָס הייסטו, א מערקווירדיקע פרוי! אָן איר בין איך א פאַרפאַלענער!... האָס הייס איך, וואָס קאָן איך טון, גאָרנישט. פאַרפאַלן... כ'בין אינגאַנצן אַפּהענגיק געוואָרן. וואָס ס'וועט זיין — וועט זיין.

מיט איין שלוק האָט ער אויסגעליידיקט א גאַנצן קופּעל ווין.

יוליאַנען איז געקומען אויפן זכרון גאַללוסעס ווייב, קאָנסטאַנטינע, דעם קייסער קאָנסטאַנציוסעס שוועסטער. אָן אַלטע, א מיאוסע; זי האָט גאַללוסן געשטויסן אויף די ערגסטע דרכים, אים געצווונגען צו די מיאוסטע, נאַרישסטע פאַרברעכנס צוליב דער מינדסטער קליינִיקייט, צוליב א פייערער שמאַכטע, א האַלזבאַנד פון פערל. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס דידאָזיקע פרוי האָט אַזוי נושא חן געווען בא זיין ברודער, מיט וואָס זי האָט אים אַזוי פעסט גענומען אין די הענט אריין.

— זי איז געווען א שיינע?

— וואָס רעדסטו? דו געדענקסט זי דען נישט? ניין, זי איז נישט געווען קיין שיינע, מ'קאָן זאָגן, אפילו א מיאוסע: א טונקעלע, א געשטופּלטע, נידעריקע, מיט העסלעכע ציין; זי האָט טאַקע קיינמאָל צווישן מענטשן נישט אויפגעעפנט דאָס מויל. מ'האָט אפילו געזאָגט, אַז זי איז מיר אומטריי, אַז זי זאָל זיך פלעגן איבערטון יעדע נאַכט אַזוי ווי מעסטאַלינע און לויפן אין שטאָל אַריין צו די פערד-יונגען. נו, וואָס-זשע איז? און איך בין איר דען טריי געווען? מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן נישט געשטערט. מ'זאָגט, אַז זי איז געווען א שלעכטע. — יאָ, רעגירן האָט זי געקאָנט, אמת. זי האָט פיינט געהאַט די מחברים פון די גאַסן-לידלעך, וועלכע פלעגן איר פאָרוואַרפן, אַז זי איז שלעכט דערצויגן, אַז זי האָט מאַגיערן פון א קעכין. אָ, זי האָט געקאָנט נקמה נעמען. אָבער שכל! שכל האָט זי געהאַט! אַזא שכל זעט מען גאָר-נישט! הינטער איר שוץ בין איך געווען זיכער ווי הינטער א מויער.

אוי, האָבן מיר אַמאָל געבראַוועט, מיר פלעגן אַרבעטן מעשים, געהען אַמאָל אַ לעבן — אַ מחיה !...

ער האָט געשמייכלט, דערמאַנענדיק זיך וועגן די לוסטיקע צייטן, מיט דער שפּיץ צונג האָט ער באַלעקט די נאַסע ליפּן פון דעם ערשט אויסגעטרונקענעם וויין :

— יאָ, געווען אַמאָל אַ לעבן ! וואָס פרעגסטו ! — האָט ער צוגע־געבן מיט אַ געוויסן שטאָלץ.

יוליאַן האָט זיך געוואָלט זעען מיטן ברודער, אויפוועקן אין אים דאָס געפיל פון חרטה, האַלטן פאַר אים אַ גאַנצע דרשה, לויט ליבאַ־ניוסעס שניט, וועגן גוטע מידות און גרויסע מעשים. ער האָט געגלייבט, אַז דעם ברודער פייניקט אפשר דאָס געוויסן צוליב די שרעקלעכע רציחות, וואָס ער האָט אָפּגעטון, זייענדיק צעזאַר, אָבער ער האָט דער־זעען פאַר זיך אַ רויקן, אויסגעפּאַשעטן אַטלעט. די צוגעגרייטע דרשה איז פאַרשטומט געוואָרן אויף יוליאַנס ליפּן. אַן עקל און אַן כעס האָט ער געקוקט אויף דערדאָזיקער „גוטמוטיקער חיה", ווי ער האָט דעם ברודער גערופן אין געדאַנק, און געטראַכט, אַז אים צו זאָגן מוסר איז פונקט אַזוי נאַריש, ווי מוסר זאָגן אַן אָנגעפרעסענעם אָגער.

ער האָט אויך געוואָרפן אַ בליק אויף דער טיר און שטילערהייט געפרעגט גאַלוסן :

— צוליב וואָס פאַרסטו קיין מעדיאָלאַן ?... דו ווייסט דען נישט ?...

— איך ווייס. איך ווייס אַלץ... נאָר וואָס.... שפּעט... פאַרפאַלן...

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אַרום זיין אייגענעם ווייסן האַלז :

— פאַרצויגן דער שטריק — פאַרשטייסט ? ער ציט אים איין אַלעמאָל ענגער און ענגער. ער וועט מיך אויסגראָבן פון אונטער דער ערד אַרויס. וווּ אַנטלויפט מען פאַר א י ם ? וווּ ? ס'לוינט גאָרנישט. פאַרפאַלן ! געענדיקט ! אָפּגעלעבט — ס'וועט שוין זיין גענוג...

— דו האָסט דאָך נאָך אין אַנטיוכיע צוויי לעגיאָנען ?

— קיין איינעם נישט. ער האָט בײַ מיר ביסלעכווייז צוגענומען די בעסטע זעלנער, און אַלץ פאַר מיין טובה וועגן, דו הערסט, אַלץ צוליב מיין טובה ! ווען דו זאָלסט וויסן, ווי ע ר זאָרגט זיך וועגן מיין גע־זונט, ווי ער בענקט נאָך מיר, ווי ער לעכצט מיך שוין צו זעען... יוליאַן, דאָס איז אַ שרעקלעכער מענטש ! דו ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז, זאָל דיך גאָט אָפּהיטן דערפון, זאָלסט קיינמאָל נישט

זויסן. ער זעט, וואָס עס טוט זיך ביין איילן אונטער דער ערד. ער ווייסט, וואָס איך קלער, וואָס איך טראַכט, אפילו וואָס איך האָב אין זין צו טראַכטן. דיך זעט ער אויך דורך־און־דורך... אַנטלויף, ברודער, אין עק וועלט אַריין. היינט איך — מאָרגן דו...

— אפשר וואָלסטו טאַקע ערגעץ אַנטלאָפן?

— ששש... שווייג... רעד נישט!...

אין גאַללוסעס אויגן האָט זיך אויסגעדריקט אַ קינדערישע, אַבער־גלויבישע שרעק.

— פאַרפאַלן... געענדיקט!... איך בין איצט ווי אַ פיש אויף דער אַנגל, ער ציט פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק, דאָס שטריקל קאָן זיך נאָך איבעררייסן, איך בין פאַרט אַ צעזאַר, מ'שטייַנסגעזאָגט, אַ ביסל אַ צו שווערער העכט. איך ווייס אָבער, אַז ס'איז פאַרפאַלן, כ'בין זיינער, פריער אָדער שפּעטער! כ'זע, וואָס דען, כ'זע נישט? כ'זע — און פונדעסטוועגן קריך איך צו אים אַליין אין די הענט אַריין אויס מורא. זינט איך לעב, האָב איך אייביק געהאַלטן אין איין ציטערן פון שרעק. גענוג! אָנגעברויעט, אָפּגעהוליעט — גענוג. ברודער, ער וועט מיך שעכטן אַזוי גרינג ווי אַ שוחט שעכט אַ הינדל. פריער וועט ער מיך אָבער פייניקן לאַנג, לאַנג. ס'וואָלט גלייכער געווען, ער זאָל באַלד מאַכן אַן עק!...

פּלוצלינג האָבן זיינע אויגן אויפגעשיינט:

— אַך! ווען זי וואָלט נאָך איצט געלעבט! זאָרג דיך נישט, זי וואָלט מיך נאָך געראַטעוועט! איך זאָג דאָך דיר — אַן אויסטערלישע פרוי, אַ וווּנדערלעכע פרוי געווען!...

דער טריבון סקודילאַ איז אַריינגעקומען אין טריקליניום, זיך געבוקט מיט גרויס דרך־ארץ און געמאָלדן, אַז מאָרגן וועט לכּבוד דעם צעזאַרס אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַרקומען אַ וועט־געיעג מיטן אָנטייל פון באַרימטן רייטער קאַראַקס. גאַללוס האָט זיך דערפרייט ווי אַ קליין קינד. ער האָט באַפוילן, מען זאָל צוגרייטן אַ לאָרבער־קראַנץ, כדי מאָרגן מיט די אייגענע הענט אים אַרויפצולייגן אויפן זיגערס קאָפּ. באַלד איז דער שמועס איבערגעגאַנגען אויף פערד, ווישטשיגעס, באַרימטע רייטערס.

גאַללוס האָט אָן אַ שיעור געטרונקען. די שרעק פון זיינע אויגן איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. ער האָט געלאַכט מיט אַ געזונט זאַרגלאָז געלעכטער, ווי אַ מענטש מיט אַ ריין געוויסן און מיט אַ געזיכערטן מאָרגן.

אָבער אין דער לעצטער מינוט, בשעתן געזעגענען זיך מיט יוליאנען, האָט ער אים אַרומגענומען און זיך צעוויינט; די בלויע אויגן זיינע האָבן אויסגעדריקט געהאַלטיקע אומבאַהאָלפנקייט און יאוש.

— זאָל דיר גאָט העלפן, זאָל דיר גאָט העלפן! — האָט ער זיך צעכליפּעט אפשר אויך טיילווייז אונטער דער ווירקונג פונעם אויסגעטרונקענעם ווײַן. — איך ווייס, דו אײנער האָסט מיך ליב געהאַט, — דו און קאָנסטאַנטינע...

דערנאָך האָט ער יוליאנען איינגערוימט אין אויער אַרײַן:

— דו וועסט אָפּשפּילן גליקלעכער פון מיר: דו קאָנסט מאַכן דעם אָנשטעל... איך בין אַ לעמעשקע... נו, זאָל דיר גאָט העלפן!...

יוליאַן האָט רחמנות געקריגן אויפן ברודער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז גאַללוסן וועט שוין נישט געלונגען זיך „אַראָפּצורייסן פונעם שטריקל", וואָס קאָנסטאַנציוס האָט אים פאַרלייגט אויפן האַלז. ער איז אַ פּאַרפאַלענער.

צומאָרגנס איז גאַללוס מיט דער זעלבער וואַך אַרויסגעפאָרן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

לעבן דעם שטאָטישן טויער האָט ער באַגעגנט דעם נייעם קוועסטאָר טאַורוס, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג באַשטימט געוואָרן קיין אַרמעניע. דערדאָזיקער טאַורוס, אַן אויפגעקומענע פיגור אין קייסער־לעבן הויף, האָט חוצפּהדיק אַ קוק געטון גאַללוסן אין די אויגן אַרײַן און זיך אפילו נישט פאַרנייגט.

דערווייל זענען פון קייסער געקומען אָן אַ שיעור בריוו, איינער נאָכן אַנדערן.

אין אַדריאַנאָפּאָל האָט מען גאַללוסן איבערגעלאָזט נישט מער ווי צען פּאָסט־וואָגנס: דאָס גאַנצע געפּעק, אויסער עטלעכע פּעקלעך בעטגעוואַנט און מלבושים, האָט ער געמוזט איבערלאָזן.

עס איז שוין געווען שפּעט־הערבסט. די וועגן זענען געווען בלאָטיק פון די כסדרדיקע גאָס־רעגנס. מען האָט זיך אָבער געאײַלט, מ'האָט דעם צעזאַר נישט דערלויבט זיך אָפּצורוען, זיך אויסצושלאָפן; ער האָט זיך שוין צוויי וואָכן נישט געבאָדן. דאָס ערגסטע אומגליק איז פאַר אים געווען די אומריינקייט, צו וועלכער ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעוויינען; דאָס גאַנצע לעבן פלעגט ער זיך צאַצקען מיט זיין געזונטן, פרישן, געצערטלטן קערפּער; איצט האָט ער מיט אַזאַ טרויער געקוקט אויף זיינע שמוציקע, נישט געפיילטע נעגל, אויף דעם פור־

פור פון זיינע קייסערלעכע מלבושים. וועלכער איז געווען פארשטויבט און פארבלאָטיקט.

סקודילאָ איז אויף קיין איינציקער מינוט נישט אָפּגעטרעטן פון אים און גאַללוס האָט געהאַט סיבות, פאַרוואָס מורא צו האָבן פאַר דעמדאָזיקן צופיל איבערגעגעבענעם באַגלייטער זיינעם.

ווען דער טריבון איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען קיין אנטיוכיע מיט עפּעס אַ שליחות פון קייסערלעכן הויף, האָט ער געהאַט עפּעס באַליידיקט דעם צעזאַרס ווייב קאָנסטאַנטינען מיט אַן אומפאַרזיכטיק וואָרט, צי מיט עפּעס אַ רמז; קאָנסטאַנטינע איז אריינגעפאַלן אין אַ ווילדער רציחה, וועלכע פלעגט בּאַ איר געוויינלעך זיך גרעניצן מיט משוגעת. מען האָט געשמועסט, אַז זי האָט דעם הוצפּהדיקן טריבון געהייסן אריינווארפן אין תפיסה אריין און אים געבן שמיץ, אנדערע ווידער האָבן זיך נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז דעם צעזאַרס ווייב, ווי אויפגעבראַכט זי זאָל נישט זיין, זאָל זיך האָבן דערוועגט צו טון אַזאַ זאַך, אַזוי באַליידיקן די קייסערלעכע מאַיעסטעט אין דער פּערזאָן פון אַ רוימישן טריבון. ווי עס זאָל נישט זיין, קאָנסטאַנטינע האָט זיך באַלד באַדענקט און אַרויסגעלאָזט סקודילאָן פון תפיסה. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט אין צעזאַרס הויף און זיך איינגאַנצן נישט געמאַכט ווייטנדיק, מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט די גאַנצע מעשה, אפילו נישט אָנגעשריבן קיין מסירה קיין מעדיאָלאַן; זיינע שונאים פלעגן שפּאַסן פון אים אונטער די אויגן, אַז ער האָט שטילערהייט אראָפּגעשלונגען די שמיץ. אפשר האָט דער טריבון מורא געהאַט, אַז דער שם פון אַ געשמיסענעם וועט אים שטערן צו מאַכן אַ הויכע קאַריערע.

איצט, בשעת דער גאַנצער רייזע פון אַנטיוכיע קיין מעדיאָלאַן, איז סקודילאָ געפאָרן מיטן צעזאַר אין איין קאַרעטע, נישט אָפּגעטרעטן פון אים קיין רגע, געפּאָרעט זיך אַרום אים מיט עפּעס אַזאַ פאַרדעכטיקער הכנעהדיקייט, געקוקט אים אונטערטעניק אין די אויגן אריין, נישט געלאָזט צורו במשך דער גאַנצער צייט, און זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ קראַנק, איינגעעקשנט קינד, וואָס מ׳טאָר נישט אָפלאָזן חלילה אויף קיין איינציקער מינוט פון אויג.

ווען זיי פלעגן מוזן דורכפאָרן אַ טייך, אָדער אַ געפערלעכן זומפּ, אין אילירע אַ שטייגער, פלעגט סקודילאָ צערטלעך, זאָרגעוודיק פעסט ארומנעמען דעם צעזאַר בּאַ דער טאַליע, און ווען גאַללוס פלעגט זיך וועלן באַפרייען פון זיין אָרעם, פלעגט ער אים ארומנעמען נאָך

פעסטער, נאָך צערטלעכער אין דערביי פאַרזיכערן אים, אַז ער וואָלט גיכער געשטאָרבן, איידער דעם צעזאַרס לעבן זאָל באַדראָט זיין פון דער מינדסטער געפאַר.

דער טריבון האָט עפעס אַזוי מאָדנע פאַרטראַכט געקוקט פון הינטן אויף גאַלליוסעס ווייסן, צאַרטן, מיידלערישן האַלז און אַזוי עקשנותדיק געשוויגן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן; — דער צעזאַר האָט געפילט דעמדאָזיקן בליק אויף זיך און עס פלעגט אים ווערן עפעס זייער נישט היימלעך. אָפטמאָל אין אַזעלכע מינוטן פלעגט ער זיך אויס־דרייען צו אים און עס פלעגט אים אָנכאַפּן אַ ווילדער חשק אָפּצולאָזן דעם ליבלעכן טריבון אַ פייערדיקן פּאַטש; נאָר דער אומגליקלעכער געפאַנגענער פלעגט תיכף קומען צו זיך און בעטן מיט אַ רחמנותדיקער שטימע, מ׳זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, ער וויל עפעס עסן. ער האָט געגעסן און געטרונקען מיטן גרעסטן אַפּעטיט, נישט קוקנדיק אויף זיין לאַגע.

אין נאָרִיק האָבן זיי באַגעגנט נאָך צוויי שלוחים פונם קייסער, די פּראָקוראַטאָרן בארבאַציאַ און אַפּאָדעמוס מיט אַ קאָהאָרטע זעלנער פון דעם קייסערס גוואַרדיע.

דעמאָלט האָט מען אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע: אויף באַנאַכט האָט מען אַרום פּאַלאַץ, וווּ גאַללוס האָט זיך אויפגעהאַלטן, אוועקגעשטעלט אַ וואַך, פּונקט ווי אַרום אַ תפיסה.

אינאָווענט איז בארבאַציאַ אַריין צום צעזאַר אין צימער, נישט געמאָלדן, אָן באַזונדערע צערעמאָניעס, און באַפוילן אים אויסצוטון תיכף די צעזאַרישע מאַנטיע און אָנטון אַ פּשוטע טוניק און אַ פּאַלודאַמענטום; דערביי האָט סקודילאָ אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פלייסיקייט, ער האָט אַזוי גיך אָנגעהויבן אַראָפּציען פון גאַללוסן די מאַנטיע, אַז ער האָט צעריסן דעם פּורפּור אויף איר.

צומאָרגנס האָט מען אַרייַנגעזעצט דעם געפאַנגענעם אין אַ פּשוטן הילצערנעם פּאָסט־וואָגן אויף צוויי רעדער — אַ קאַרפּענטע, ווי עס פלעגן אַרומפאָרן קלענערע באַאַמטע אין דינסט־אָנגעלעגנהייטן; אַזאַ קאַרפּענטע איז געווען אָן אַן איבערדעק. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, אַ נאַסער שניי איז געפאַלן. סקודילאָ האָט ווי געוויינלעך געהאַלטן גאַללוסן אַרומגענומען מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער באַטאַפּט ייַנע נייַע מלבושים.

— אַ פיין מלבוש, אַ דיקס, אַ וואַרעמס. לויט מיין מיינונג איז עס

אַ סך בעסער ווי דער פּורפּור. דער פּורפּור וואַרעמט נישט און דידאָזיקע מלבושים האָבן אַזאַ גוטן, וואַלענעם אונטערשלאַק...

אין פּלוצלינג האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דעם צעזאַרס מלבוש, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטאַפּן דעם אונטערשלאַק, און פון דאָרט אַרויסגעטלעפּט אַ קינזשאַל, וועלכן גאַללוס פלעגט שטענדיק טראָגן בײַ זיך אויפן האַרץ.

— זייער נישט שיין, זייער נישט שיין, — האָט סקודילאָ איס אָנגעהויבן מוסרן מיט אַ ליבלעכן טאָן. — מ׳קאָן זיך נאָך איינשניידן. אַ פיין שפּילעכל!

און ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם קינזשאַל אינמיטן וועג.

גאַללוסן פלעגט צייטנווייז ווערן נישט גוט, ביז צו חלשות. ער פלעגט דעמאָלט פאַרמאַכן די אויגן און שפּירן, ווי סקודילאָ נעמט אים אַרום וואָס אַמאָל מיט אַ גרעסערער צערטלעכקייט. עס פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז עס חלומט זיך אים עפּעס אַזאַ עקלהאַפטער חלום.

אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אין איסטריע, נישט ווייט פון דער פעסטונג פּאָללאַ, בײַם ברעג פון אַדריאַטישן ים. אין דער זעלבער שטאָט איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פאָרגעקומען דער שרעקלעכער מאָרד, — דאָ איז דערהרגעט געוואָרן דער יונגער העלד קריספּוס, קאָנסטאַנטין דעם גרויסנס זון.

דאָס אומעטיקע פּראָווינץ-שטעטל איז באַוווינט געווען פון בלויז זעלנער. אומענדלעכע רייען קאָשאַרן האָבן זיך געצויגן אָן אַן עק, אַלע אויפגעבויט לויט דעם זעלבן מוסטער, אין געשמאַק פון דיאָקלעציאַנס צייטן. אויף די דעכער פון די קאָשאַרן איז געלעגן שניי, דער ווינט האָט געוואָיעט אויף די פּוסטע גאַסן, דער ים האָט גערוישט.

גאַללוסן האָט מען אַוועקגעפירט אין אַ ליידיקער קאַזאַרמע אַריין.

מען האָט אים אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אַן אָפן פענצטער, די שאַרפע װינטערדיקע ליכטיקייט איז אים געפאַלן גלייך אין די אויגן אַריין. דער געניטסטער פונם קייסערס שפּיאָנען, עוזעביוס, אַ קליינער, איינגעשרומפּענער, העפלעכער אַלטיטשקער האָט מיט אַ שטיל, ליבלעך שטימעלע, ווי אַ גלח בשעת ווידוי, אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, רײַבנדיק זיך די הענט פון קעלט. גאַללוס איז געווען טויט-מיד, אַלץ, וואָס עוזעביוס האָט געוואָלט, האָט ער אים געזאָגט, נאָר בײַם וואָרט „מלוכה-פאַראַט״ איז ער בלאַס געוואָרן און אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— נישט איך! נישט איך! — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען נאַריש און אומבאַהאָלפן — קאָנסטאַנטינע איז שולדיק, אַלץ זי... ווען נישט זי, וואָלט איך גאָרנישט געטון... זי האָט געפאָדערט פון מיר אונטערשריפטן, האָב איך געגעבן. זי האָט געהייסן פאַראורטיילן צום טויט טעאָטילעסן, דאָמיציאַנען, קלעמאַציוסן, מאַנציוסן, אַלע איבעריקע — אַלץ זי. גאָט איז מיין עדות, איך בין נישט שולדיק... וואָס האָב איך געוווסט! אַלץ אירע פּלענער...

עוזעביוס האָט געקוקט אויף אים מיט אַ רויקן שמייכל:

— גוט, — האָט ער אַ זאָג געטון, — אַזוי וועל איך טאַקע איבערגעבן דעם קייסער, אַז זיין אייגענע שוועסטער קאָנסטאַנטינע, די פרוי פונם געוועזענעם צעזאַר, איז שולדיק געווען אין אַלעם. די אויספאָרשונג איז געענדיקט. פירט אים אַרויס, — האָט ער באַפוילן די לעגיאָנערן.

אין קורצן האָט דער קייסער קאָנסטאַנציוס אַרויסגעגעבן אַ טויט-אורטייל אויף גאַללוסן מיט דער מאָטיווירונג, אַז דאָס באַשולדיקן דעם קייסערס פאַרשטאָרבענע שוועסטער אין די אַלע מערדערייען, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרן אין אַנטיוכיע, איז מאַיעסטעט-באַליידיקונג.

ווען מ'האָט פאַרן צעזאַר אויסגעלייענט דעם טויט-אורטייל, איז ער געפאַלן אין חלשות, די וואַך-זעלנער האָבן אים אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט. דער אומגליקלעכער גאַללוס האָט ביז דער לעצטער מינוט געהאָפט אויף אַ באַגנעדיקונג. יעדנפאַלס איז ער זיכער געווען, אַז מ'וועט אים עטלעכע טעג, כאָטש עטלעכע שעה, איבערלאָזן מיט זיך אַליין, ער זאָל זיך קאָנען צוגרייטן צום טויט. עס האָבן זיך אָבער אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז דער טעבאַנישער לעגיאָן בונטעוועט זיך און פּלאַנט צו באַפרייען גאַללוסן. מען האָט דעריבער צוגעיאָגט מיטן אויספירן די טויט-שטראָף.

דאָס איז פאָרגעקומען פאַרטאָג. באַנאַכט איז אויסגעפאַלן אַ שניי און צוגעדעקט די שוואַרצע, געדיכטע בלאָטעס. אַ קאַלטע, טויטע זון האָט באַלויכטן דעם שניי; אַ שניידנדיקע ליכטיקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די ווייסע פריש-געקאַלכטע ווענט פון דער קאַזאַרמע, וווהין מ'האָט גאַללוסן אַריינגעפירט.

צו די זעלנער האָט מען קיין צוטרוי נישט געהאַט: זיי האָבן אים כמעט אַלע ליב געהאַט און רחמנות געהאַט אויף אים. מ'האָט געדונגען אַ תלין. דאָס איז געווען אַ שטאָטישער קצב, וועלכער פלעגט קעפּן צפּטמאָל גזלנים אָדער גנבים, וואָס זענען געווען פאַראורטיילט צום

טויט. דער באַרבאַר האָט זיך נישט געקאָנט אומגיין מיט קיין רוימישער שווערד, דעריבער האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסע ברייטע האַק, עפּעס אַזאַ מין צווייזייטיקע האַלעבאַרדע, מיט וועלכער ער איז געווינט געווען צו קוילענען אין שעכטהויז חזירים אָדער שעפּסן. דער קצב האָט געהאַט אַ גלייכגילטיק, נאַריש, פאַרשלאָפן פּנים, געווען איז ער אַ סלאַוו פון געבוירן. מען האָט אים נישט אויסגעזאָגט, אַז דער פאַרמשפּטער צום טויט איז דער צעזאַר גאַללוס, — ער האָט געמיינט, אַז ער דאַרף ווי געוויינלעך קעפּן אַ גנב.

פאַרן טויט איז גאַללוס געוואָרן מילד און רויק. ער האָט געלאָזט מיט זיך טון, אַלץ וואָס מ'האָט נאָר געוואָלט. אַן אומזיניקער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָך גאָר אַ פּיצל קינד: קינדווייז פלעגט ער זיך נישט לאָזן וואַשן, צוואָגן, באָדן, דערנאָך איז ער ביסלעכווייז צוגעוווינט געוואָרן, דאָס האָט אים גאָר אָנגעהויבן פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

נאָר אַזוי ווי ער האָט דערזעען דעם קצב, וואָס איז געשטאַנען און געשליפן די האַק אויפן שלייף־שטיין אַהין און צוריק, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע אבֿרים.

מען האָט אים אַריינגעפירט אין דעם צווייטן צימער; דאָרט האָט אַ ראַזירער אים גלאַט אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, אַראָפּגענומען די גאָלדענע לאָקן, מיט וועלכע דער צעזאַר האָט זיין גאַנץ לעבן שטאָלצירט. צוריק־צווועגס פון דעם ראַזירער איז אים אויף איין רגע אויסגעקומען צו בלייבן אַליין מיט סקודילאָן, אויג אויף אויג. פלוצלינג איז דער צעזאַר געפאַלן צו די פיס דעם ערגסטן שונא זיינעם.

— ראַטעווע מיך, סקודילאָ! איך ווייס, דו קאָנסט עס טון! געכטן באַנאַכט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון די זעלנער פונם טעבאַנישן לעגיאָן. לאָמיך אַרויס צו זיי, רעדן צו זיי אַ פּאָר ווערטער: זיי וועלן מיך שוין באַפרייען. אין אוצר פון דעם מיזעניִשן טעמפּל האָב איך ליגן מיין אייגן געלט דרייסיק טאַלאַנטן, קיינער ווייסט נישט פון דאָזיקן געלט. איך וועל עס דיר אָוועקגעבן. איך וועל דיר נאָך מער געבן. די זעלנער האָבן מיך ליב... איך וועל דיך מאַכן פאַר דעם גרעסטן, פאַר מיין בעסטן פריינט, וועסט זיין שני־למלך בײַ מיר, צעזאַר!...

ער האָט אים אַרומגעכאַפּט בײַ די קניען, משוגע פון פלוצלינגדי־קער האָפנונג. סקודילאָ האָט אויפגעציטערט, ער האָט דערפילט דעם צע־זאַרס ליפּן אויף זיין האַנט. דער טריבון האָט קיין וואָרט נישט געענט־

צערט, פאמעלעך אָועקגענומען די האַנט און אַ קוק געטון גאַללוסן גלייך אין פנים אַריין מיט אַ שמייכל.

מ׳האָט אים געצוווּנגען זיך אויסצוטון נאַקעט. די סאַנדאַלן האָט ער נישט געוואָלט אַראָפּנעמען, ווייל די פיס זענען אים געווען שמוציק. ווען ער איז שוין געשטאַנען נאַקעט, האָט אים דער קצב גענומען אַרונטערבינדן די הענט מיט אַ שטריק, ווי ער פלעגט געוויינלעך טון מיט די פאַרמשפּטע גנבים. סקודילאָ האָט גענומען צוהעלפן דעם קצב אין דער דאָזיקער מלאכה. אַזוי ווי גאַללוס האָט נאָר דערפילט די באַרירונג פונם טריבונס פינגער, האָט אים פלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ ווילדע רציחה; ער האָט זיך אַרויסגעריסן פונם תּלינס הענט, אַ כאַפּ געטון דעם טריבון מיט ביידע הענט באַם גאָרגל און אים אָנגעהויבן ווערגן. הויך־געוויקסיק, אינגאַנצן נאַקעט, האָט ער אויסגעזעען ווי אַ יונגע, שרעקלעכע, ווילדע חיה. מ׳האָט אים אָנגעכאַפּט פון הינטן און אים אָועקגעריסן פונם טריבון. ענדלעך איז געלונגען צו בינדן אים די הענט מיט די פיס.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אונטן, אין קאַזאַרמע־הויף, דערהערט דאָס געשריי פון די טעבאַנישע לעגיאָנערן: „זאָל לעבן דער צעזאַר גאַללוס!”

די תּלינים האָבן זיך אָנגעהויבן צואיילן. מ׳האָט אַריינגעשלעפּט אין צימער אַריין אַ גרויסן קלאָץ. גאַללוסן האָט מען אַנידערגעשטעלט פאַר דעם קלאָץ אויף די קניען. באַרבאַציאָ, באַינאָבאַודעס און אַפּאָדעמוס האָבן אים געהאַלטן באַ די הענט, באַ די אַקסלען און באַ די פיס. סקודילאָ האָט אים אָנגענומען באַם קאָפּ און אים צוגעבויגן צום קלאָץ. מיט אַ תּאוותדיקן שמייכל אויף די בלאַסע ליפּן האָט ער מיט ביידע הענט שטאַרק צוגעקוועטשט צום קלאָץ דעם אומבאַהאָלפענעם קאָפּ, ער האָט געשפּירט אונטער די פינגער, וואָס זענען אַזש קאַלט געוואָרן פון הנאה, די גלאַטיקע, ערשט נאָר־וואָס אָפּגעגאָלטע הויט, וועלכע איז נאָך פייכט געווען פונם ראַזירערס אייבזייפן, מיט תּענוג האָט ער געקוקט אויף דעמדאָזיקן ווייסן, פעטן, ווייכן, האַלז, ווי באַ אַ יונג מיידל.

דער קצב איז געווען אַ נישט געניטער תּלין. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַק און קוים עטוואָס איינגעהאַקט די הויט, דער קלאַפּ איז בכלל געווען נישט אויפן ריכטיקן אָרט. ווען ער האָט דאָס צווייטע מאָל אויפגעהויבן די האַק, האָט ער אַ געשריי געטון צו סקודילאָן:

— נישט אַזוי! מער אויף דער רעכטער זייט! בייג אַהער דעם קאָפּ! נאָך מער אויף רעכטס!

גאַללוס האָט פון דעמדאָזיקן געשריי אויפגעציטערט אינגאַנצן און אַ שרעקלעכן ברום געטון מיט אַן אוממענטשלעך קול, ווי אַן אָקס, וועלכן עס איז נישט געלונגען צו קוילענען מיט איין מאָל.

אַלע מאָל נעענטער, בולטער הערן זיך די געשרייען פון די זעלנער:

— זאָל לעבן דער צעזאַר גאַללוס!

דער קצב האָט הויך אַ הייב געטון די האַק און האַסטיק אַראָפּגעלאָזט. אַ שטראָם הייס בלוט האָט אַ שפּריץ געטון אויף סקודילאָס הענט. דער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן און זיך אַ קלאַפּ געטון אָן דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

אין דערזעלבער מינוט האָבן זיך די לעגיאָנערן אַריינגעריסן אין דער קאַזאַרמע.

באַרבאַציאָ, אַפּאָדעמוס און דער טריבון פון די שילדן-טרעגערס זענען אַנטלאָפן דורכן צווייטן טויער.

דער תּלין איז געשטאַנען ווי אַ צעמישטער. סקודילאָ האָט אים שנעל אַ זאָג געטון, אַז ער זאָל צונעמען דעם קאָפּ, ווייל קוים וועלן די לעגיאָנערן דערזעען, וועמען זיי האָבן דאָ געקעפּט, וועט מען די אַלע צערייסן אויף פּיצלעך.

— אַזוי, איז עס נישט קיין גנב געווען? — האָט דער תּלין אַרויסגעשטאַמלט פאַרווונדערט.

ער האָט נישט געהאַט באַ וואָס אָנצונעמען דעם גלאַט-אָפּגעגאָלטן קאָפּ, עטלעכע מאָל האָט ער אים געפּרווט נעמען אונטערן אָרעם, עס איז אים אָבער נישט געלונגען, דער גלאַטיקער קאָפּ האָט זיך אים כּסדר אַרויסגעגליטשט. ענדלעך איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה, אַריינגעשטעקט אים אַ פינגער אין מויל אַריין, פאַרבויגן דעם פינגער אינעווייניק, אין מויל, און אַזוי אַרויסגעטראָגן דעם זעלבן קאָפּ, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג מיט איין ווונק פון אַ ברעם געקאָנט צווינגען צו ליגן פאַר אים אין שטויב מיליאָנען מענטשלעכע קעפּ.

ווען יוליאַן איז געוווּיר געוואָרן וועגן ברודערס טויט, האָט ער אַ טראַכט געטון: „איצט האַלט עס באַ מיר".

XII.

אין אטען האט יוליאן געדארפט אננעמען דעם הייליקן אמט — ווערן א מאנאך.

עס איז געווען א פרילינג-מארגן. די זון איז נאך נישט געהאט אויפגעגאנגען. ער איז געשטאנען אויף די פיס בשעת דער גאנצער מארגן-תפילה אין קלויסטער און תיכף נאך דער גאטעס דינסט איז ער אוועק א ביסל שפאצירן לענגויס דעם ברעג פון טייך איליס, וועלכער איז געווען אויף עטלעכע סטאדיעס ווייט פארוואקסן מיט פלאטאן-ביימער און ווילדע ווייטרויבן.

דידאזיקע געגנט האט יוליאן שטארק ליב געהאט; עס איז געווען נישט ווייט פון אטען. דער טייך האט שטיל געריזלט איבער דער שטיי-נערנער דנא. פונדאנען האבן זיך פונדערווייטנס דורכן נעפל געוויזן די רויטלעך-אפגעבריגטע פעלזן פון אקראפאליס און די קאנטורן פון פאר-טענאן האבן זיך עטוואס געזילבערט אונטער דער מארגן-שיין.

יוליאן האט אויסגעטון די סאנדאלן און מיט די באָרוועסע פיס אריין אין טייך. עס האט געשמעקט מיט ווייטרויבן-בליעכץ; אין דעם-דאזיקן ריח האט זיך שוין געשפירט א טעם פון וויין — אזוי ווי אין די ערשטע קינדערישע טרוימען שפירט זיך שוין דאס פארגעפיל פון ליבע.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף די ווארצלען פון א פלאטאן-בוים און האלטנדיק די פיס אין וואסער, אויפגעעפנט דאס ביכל, וואס ער האט געהאט מיט זיך און אנגעהויבן לייענען.

סאקראטעס האט אינם דיאלאג גערעדט צו פעדרן:

„לאמיר גיין אהין, לענגויס דעם ברעג פון איליס, זיך אויסזוכן אן אפגעזונדערט ארט און זיך אוועקזעצן. צי דאכט זיך דיר נישט, פעדר, אז דא איז די לופט אויסטערליש ריין און שמעקנדיק. און אז אין דעם צווישערן פון די ציקאדעס אפילו פילט זיך עפעס די זיסקייט פון זומער. צוממיינסטן געפעלט מיר אבער דא דאס הויכע גראז".

יוליאן האט זיך ארומגעקוקט ארום זיך: אלץ איז דא געווען

פונקט ווי אַמאָל, ווי מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק; די ציקאַדעס האָבן אָנגעהויבן זייער צוויטשערן צווישן דעם הויכן שמעקנדיקן גראָז.

„אויף דערדאַזיקער ערד האָבן געטרעטן סאָקראַטעסעס פיס", האָט ער אַ טראַכט געטון; ער האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ צווישן דעם געדיכטן גראָז און אַ קוש געטון די ערד.

— גוט מאָרגן, יוליאַן! האָסט דיר געפונען אַ הערלעך אָרט, וווּ צו לייענען. מ'קאָן זיך צוזעצן לעבן דיר?

— זעץ דיך. עס שאַדט נישט. אַ דיכטער קאָן נישט שטערן די רו.

יוליאַן האָט אַ קוק געטון אויף דעם דאַרן מענטשל אין דעם אויס-טערליש לאַנגן מאַנטל. דאָס איז געווען דער דיכטער פּובליוס אָפּטאַציאַ-נוס פּאָרפירייוס. נישט ווילנדיק האָט יוליאַן אַ שמייכל געטון: דאָס קליינע, אויסגעדאַרטע, בלאַסע מענטשל האָט אים דערמאָנט פּלאַטאָנס אַ געוויסע לעגענדע, ווי פּאָעטן ווערן פאַרוואַנדלט אין ציקאַדעס — דער-דאַזיקער פּאָעט האָט אַלנפאַלס גאַנץ נאָענט דערפון.

פּובליוס האָט פּונקט ווי אַ ציקאַדע זיך געקאָנט באַגיין כמעט אָן עסן, אָבער די געטער האָבן אים נישט באַשאָנקען מיט דער אייגנשאַפט, ער זאָל נישט פילן קיין הונגער און קיין דורשט; זיין ערד-פאַרביק פּנים איז שוין לאַנג נישט געווען געגאָלט, די ליפּן, ווייס ווי מילך, האָבן געמאַכט אָן איינדרוק פון הונגעריקער מרהשחורה.

— וואָס טראַגסטו, פּובליוס, אַזאַ לאַנג מאַנטל? — האָט אים יוליאַן געפרעגט.

— נישט מיינס, — האָט דער דיכטער געענטפערט מיט אַ פילאָ-זאָפישער גלייכגילטיקייט — דאָס הייסט מיינס איז עס, נאָר נישט אויף לאַנג. פאַרשטייסטו מיך. איך וווין אין איין דירה מיט איינעם אַ בחור, הערפּעסטיאָ הייסט ער. ער לערנט זיך דאָ אין אַטען דיאַלעקטיק: ער וועט אַמאָל זיין אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, דערווייל איז ער אָרים, פּונקט אַזוי ווי איך, פּונקט ווי אַ לירישער דיכטער, מיט דעמדאָזיקן פאַרגלייך האָב איך דיר שוין אַלץ קלאָר געמאַכט, דאַכט זיך, מיר לעבן בשותפות. דאָס הייסט, מיר האָבן בשותפות פאַרזעצט אַלץ פון שטוב אַרויס, אַפילו די מלבושים, אַפילו די כלים, אַפילו דאָס טינטערל. מיר האָבן איבער-געלאָזט איין מאַנטל פאַרביידעס וועגן. אינדערפרי גיי איך אין גאַס אַריין און ער לערנט זיך דעמאָסטענעסן, אינאָוונט ווידער טוט ער אָן די כלאַמידע און איך זיץ אינדערהיים און שרייב געדיכטער. צום באַ-

דויערן, איז מיין חבר העפעסטיאַ אַ הויכער און איך בין אַ נידעריקער. נו, וואָס-זשע איז? גיי איך אין אַ לאַנג מלבוש ווי די פּאַרצייטישע פּראָיאַנערינס.

פּובליוס אַפּטאַציאַנוס האָט זיך צעלאַכט און זיין ערד-פאַרביק פּנים האָט איצט אויסגעזען ווי דאָס פּנים פון אַ פריילעך געוואָרענעם לוויה-קלאָגער.

— הערסטו, יוליאַן, — האָט ווייטער גערעדט דער דיכטער — איך וואַרט אַלץ אויפן טויט פון איינער, אַ היגער אַלמנה, זייער אַ רייכע, די איבערגעבליבענע יורשים וועלן באַ מיר געוויס נאָך איר טויט באַשטעלן אַן עפּיטאַפיע אויף איר מצבה, וועל איך פּאַקן באַ איר אַ שפּאַרע אַפּותיקה. צום אומגליק איז אָבער דידאָ-זיקע אַלמנה נאָך גאַנץ געזונט און אַן עקשנטע דערצו, זי וויל בשום אופן נישט שטאַרבן, נישט קוקנדיק אויף אַלע באַמיונגען פון די דאָקטוירים און פון אירע יורשים. ווען זי וואָלט נאָר אויסגעצויגן די פיס, קויף איך באַלד אַ ניי מאַנטל. יוליאַן, דו ווייסט וואָס, קום, איך וועל דיך ערגעץ פירן.

— וווהין?

— ווערסט קיין חרטה נישט האָבן. קום.

— וואָס? אַ סוד?

— פּויל דיך נישט, הייב דיך אויף און קום. פרעג נישט קיין שאלות. קום. כ'וועל דיר ווייזן אַ געטין...

— וואָס פאַר אַ געטין?

— אַרטעמיס די יעגערין.

— אַ בילד? אַ סטאַטוע?

— שענער ווי אַ בילד, שענער ווי אַ סטאַטוע. אויב דו ביסט אַ בעלן אויף עפּעס שיינס, נעם דאָס מאַנטל און קום מיט מיר!

דער דיכטער האָט געהאַט אַזאַ קאָמישע סודותדיקע מינע אויפן פּנים, אַז יוליאַן איז געוואָרן נייגיריק; ער האָט זיך אויפגעהויבן פון גרעט, אָנגעטון דאָס מאַנטל און געוואָלט גיין.

— איין באַדינג האָב איך — שווייגן און זיך גאָרנישט וווּנדערן. אַז נישט, וועט דער כישוף פאַרשווינדן. אין נאָמען פון די מוזעס קאַליאָפּע און עראַטאָ, פאַרלאָז דיך אויף מיר!... נישט מער ווי צוויי טריט פונדאַנען. כדי עס זאָל דיר נישט זיין לאַנגווייליק דער וועג, וועל

איך דיר דערווייל איבערלייענען די עפּיטאַפיע, וואָס כ'האָב שוין צוגע־גרייט פאַר דער אַלמנהס וועגן.

זיי זענען אַרויס אויפן זאַמדיקן וועג. די זון איז שוין דערווייל געהאַט אויפגעגאַנגען און אירע ערשטע שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן דער קופּערנער שילד אין דער האַנט פון דער געטין אַטענע איבערן אַקראָפּאָליס, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון; דער שפּיץ פון אַטענעס שפּיז האָט געפינקלט ווי אַ ברענענדיק ליכט.

בײַ די שטיינערנע ברעגן, אין וועלכע דער טײַך האָט געריזלט, אונטער די סוכות פון די פייגן־ביימער, אומעטום האָבן הויך געזונגען ציקאַדעס, ווי זיי וואָלטן קאָנקורירט מיט דער הייזעריקער, באַגייסטער־טער שטימע פונם דיכטער, וועלכער האָט געלייענט פאַר יוליאַנען זײַן עפּיטאַפיע.

פּובליוס אָפּטאַציאַנוס פּאָרפיריוס איז געווען אַ מענטש זייער אַ פעיקער, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל אין לעבן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער פאַרמאָגט זײַן אייגנס אַ גאַנץ פיין הייזל אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, נישט ווייט פון דער כאַלדעישער פאָרשטאָט, ער אַליין פלעגט זײַן הייזל רופן „דער הערמעס־טעמפּל“. זײַן פאָטער איז געווען אַ סוחר פון בירטן־אייל און איבערגעלאָזט דעם זון אַ גאַנץ נישקשהדיקע ירושה, און אָפּטאַציאַנוס וואָלט זיך געקאָנט לעבן גאַנץ בריוחדיק. אָבער זײַן האַרץ האָט נישט געקאָנט רוען. ער איז געווען אָן אָנהענגער פון דעם פאַרצייטישן העללעניזם און נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם זיג פון דעם, וואָס ער האָט אָנגערופן קריסטלעכע נאַרישקייט. איינמאָל האָט ער אָנגע־שריבן אַ געדיכט וועגן דער העללענישער גייסטיקער פרייהייט — דאָס געדיכט איז נישט געפעלן געוואָרן דעם קייסער קאָנסטאַנציוס. די ווערטער וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע האָבן דעם קייסער ווייניק געקימערט, ערגער איז געווען דאָס, וואָס אין דעם געדיכט איז געווען אַ רמז קעגן דעם קייסער אויך; דאָסדאָזיקע האָט קאָנסטאַנציוס נישט געקאָנט מוחל זײַן. אויף דעם דיכטערס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָס אומגליק: זײַן הייזל מיט דעם ביסל באַלעבאַטישקייט האָט מען קאָנפיסקירט, דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאַט, האָט מען אויך צוגענומען און דעם דיכטער בכבודו ובעצמו האָט מען פאַרשיקט אויף אַ ווילד אינזל אין אַרכיפּעלאַג. אויף דעמדאָזיקן אינזל האָט זיך נישט געפונען קיין שום זאַך אויסער שטיינער, ציגן און פיבער. אָפּטאַציאַנוס האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם נסיון, ער האָט אָנגעהויבן פאַרשעלטן די טרוימען זײַנע וועגן דער

פאַרצייטישער רוימישער פרייהייט און באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז צו פאַר־גלעטן די זינד זיינע.

אין די שלאָפלאָזע נעכט, בשעת דער פיבער האָט אים געוואָרפן, האָט ער אויף דעם איינזאַמען אינזל אָנגעשריבן אַ פּאָעמע לכבוד דעם קייסער מיט ווירגיליוסעס צענטאָנען: ער האָט אַרויסגענומען באַזונדערע שורות בײַ ווירגיליוסן און זיי אַזוי צונויפגעפלאָכטן צווישן זיך, אַז עס איז אַרויסגעקומען פון דעם אַ שפּיגל־נייע זאַך. דערדאָזיקער שכלדיקער אויפטו איז געפעלן געוואָרן אין קייסערלעכן הויף: אָפּטאַציאַנוס האָט צוגעטראָפן צום געשמאַק פון יענער צייט.

באַלד דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו נייע אויפטוען, גאָר אויסטערלישע: ער האָט אָנגעשריבן אַ דיפּיראַמב לכבוד קאָנסטאַנציוסן. דאָס געדיכט איז באַשטאַנען פון קורצע און לאַנגע שורות, די שורות זענען געווען אַזוי קאָמבינירט, אַז עס האָבן זיך באַקומען פון זיי גאַנצע בילדער: אַ פליט מיט אַ סך רערעלעך, אויף וועלכער פּאַסטוכער שפּילן, אַ וואַסער־אָרגל, אַן אַלטאַר, פון וועלכן עס גייט אַ רויך, דער רויך דאָס זענען געווען עטלעכע קורצע שורהלעך איבערן אַלטאַר. צום קינ־ציקסטן האָט ער געמאַכט פּירקאַנטיקע פּאָעמעס, וועלכע פלעגן באַשטיין פון 20 ביז 40 העקזאַמעטרן; טייל אותיות פלעגט ער שרייבן מיט רויטער טינט און דערפון פלעגט אויסקומען אינמיטן פון דער פּירקאַנטיקער שוואַרצער פּאָעמע אַ רויטער מאָנאָגראַם פון קריסטוסן, אַ בלימעלע, אָדער סתם אַ שיינע צאַצקע און די רויטע צאַצקעס אַליין פלעגן זיך ווידער באַזונדער לייענען, דאָסדאָזיקע פלעגט זיין עפּעס אַ ברכה, אָדער אַ גליק־ווונטש. צום וווּנדערלעכסטן אָבער פלעגן אויסקומען די לעצטע פיר העקזאַמעטרן: מ'האָט זיי געקאָנט לייענען אַהין, און צוריק, און פון אויבן אַראָפּ, און פון אונטן אַרויף, און אין דער ברייט, און אין דער קרום, און פון מיטן — ווי אַזוי מ'זאָל זיי נישט געווען לייענען, איז אַלץ אויסגעקומען אַ לויב פאַרן קייסער.

דער אָרימער פּאַרפּאַסער איז שיער נישט אַראָפּ פון זינען בײַ דערדאָזיקער אַרבעט. דערפאַר האָט ער אָבער אויסערגעוויינלעך אויסגע־נומען און דערגרייכט זיין ציל. קאָנסטאַנציוס איז אַריין אין התפעלות פון די געדיכטער, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָפּטאַציאַנוס האָט מיט זיין טאַלאַנט פאַרשעמט די גרעסטע דיכטער פון אַלטערטום. דער קייסער האָט צו אים אייגנהענטיק אָנגעשריבן אַ בריוו און פאַרזיכערט אים, אַז די מוזעס וועט ער שטענדיק שטיצן. „דער, וואָס שרייבט לידער אין

אונזער צייט — האָט ער פּאַרענדיקט דעם בריוו מיט אַ מליצה — דעם באַגלייט שטענדיק מיין גנעדיקע אויפמערקזאַמקייט, אַזוי ווי דאָס שטילע בלאָזן פון די צאַרטע ווינטעלעך".

פונדעסטוועגן האָט מען דעם דיכטער זיין פאַרמעגן נישט אָפּגעגעבן, מען האָט אים בלויז געגעבן עטוואָס געלט, דערלויבט צו פאַרלאָזן דאָס פּאָ שאָלטענע אינזל און באַזעצן זיך אין אַטען.

דאָ האָט ער געפירט זייער אַ טרויעריק לעבן: אַ געהילף פונם מינדסטן שטאָל-יונג אין צירק האָט געלעבט אין ווילטאָג אין פאַרגלייך מיט אים. ער האָט געמוזט גאַנצע טעג זיך רייבן אין די פּאָדערצימערן בא די גרויסע לייט, איניינעם מיט לוויה-איינאָרדנערס, יידישע הענדלער, איינאָרדנערס פון חתונות, ער פלעגט זיך מוזן באַמיען צו באַקומען עפּעס אַ באַשטעלונג: אָדער אויף אַ געגראַמטן חתונה-בילעט, אָדער אויף אַ מצבה-אויפשריפט, אָדער אויף אַ געקינצלט ליבעס-געדיכט. מ'פלעגט אים צאָלן מיט גראָשנס. אָבער פּאָרפיריוס איז נישט געפאַלן בא זיך, ער האָט געהאָפט, אַז אינקורצן וועט ער ווידמענען דעם קייסער אַזאַ קינציקן אויפטו, אַז מ'וועט אים אינגאַנצן שענקען זיין פריערדיקן חטא.

יוליאַן האָט געפילט אין דעם דיכטער, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער שפלות, איז די ליבע צו העללאַדע אויף קיין האָר אין אים נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. פּאָרפיריוס איז געווען אַ טיפער מבין אויף דער אַנטישער פּאָעזיע. יוליאַן האָט ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן.

זיי האָבן זיך אָראָפּגעדרייט פון שליאַך און צוגעגאַנגען צו דער הויכער שטיינערנער מויער פון דער גימנאַסטישער שול.

אַרום איז געווען פוסט. צוויי שוואַרצע שעפּסעלעך האָבן זיך געפּאַשעט אויפן גראָז. לעבן די ברייטע טרעפּ פאַרן טויער איז פון די שפּאַלטן אַרויסגעוואַקסן גראָז, מאַקעווקעס און בלאָז-בלימעלעך. פאַר די טרעפּ באַם פאַרמאַכטן טויער איז געשטאַנען אַ קאַטש מיט צוויי ווייסע פערד; זייערע גזשיוועס זענען געווען געשוירן פונקט ווי בא די פערד אויף די אַנטישע בילדער.

לעבן די פערד איז געשטאַנען אַ קנעכט. אַן אַלטיטשקער מיט אַ קיילעכדיקן פּליך איבערן גאַנצן קאָפּ מיט עטלעכע גרויע הערעלעך. דער אַלטיטשקער איז געווען אַ טויב-שטומער. אָבער אַ העפלעכער. ער האָט, חיוס אויס, געקענט אָפּטאַציאַנוסן, ווייל ער האָט צו אים ליבלעך גע-

טאַקלט מיטן קאָפּ, ווייזנדיק עפּעס אויף דעם פאַרמאַכטן טויער פון דער נימנאַסטישער שול.

— גיב מיר נאָר דיין בייטעלע, — האָט אַפּטאַציאַנוס זיך געווענדט צו יוליאַנען — איך וועל אַרויסנעמען אַ דינאַר אָדער צוויי און געבן דעמדאָזיקן אַלטן לץ אויף וויין.

ער האָט אַ וואָרף געטון אַ מטבע און דער טויב־שטומער האָט מיט דאַנקבאַרע, הכנעהדיקע מינעס אַן עפן געטון דאָס טויער און אַריינגע־לאָזט די צוויי חברים.

זיי זענען אַריין אין אַ האַלב־פינצטער לאַנג פּאָדערהויז.

צווישן די זיילן האָבן זיך געפונען געדעקטע גאַלעריעס — „קסיס־טעס" — ווו די אַטלעטן פלעגן זיך איבן; דידאָזיקע קסיסטעס פלעגן זיין שטענדיק אויסגעשאָטן מיט פריש זאמד, איצט זענען זיי געווען באַוואַקסן מיט ווילד קרויט. די צוויי פריינט זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויסן הויף.

יוליאַן איז געוואָרן זייער בייגיריק, — וואָס פירט ער אים עפּעס מיט אַזוי פיל פאַרזיכטיקייטן? אַפּטאַציאַנוס האָט אים געוויזן מיט אַ פינ־גער אויף די ליפּן — ער זאָל שווייגן.

ווייטער אַ הויף מיט אַן אַ שיעור טירן אין געדעקטע מאַרמאָרנע זאַלן אַריין, „עקוועדרעס", ווו די אַטענישע חכמים און באַרימטע רעד־נערס פלעגן האַלטן זייערע רעדעס. דאָרט ווו די באַרימטסטע לייט פלעגן אַמאָל דונערן פאַרן פאַרזאַמלטן המון, האָבן איצט געצוויטשערט ציקאַ־דעס די ערד, אויף וועלכער עס האָבן געטרעטן אַמאָל די גרעסטע העללענער, איז געווען מיט הויך גראָז באַוואַקסן, ווי אַ קבר פון אַמאָליקע צייטן, און בינען האָבן טרויעריק געזומט און געפלאַטערט צווישן די גראָזן. עס איז געווען שטיל און טרויעריק. פלוצלינג האָט זיך פון ערגעץ דערהערט אַ פרויען־שטימע, אַ קלאַפּ, ווייזט אויס אַ קוי־פערנער דיסק איז געפאַלן אויף מאַרמאָר — דערנאָך אַ געלעכטער.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערגנבענען, אַזוי ווי צוויי גנבים, צווישן די טונקעלע זיילן. איצט האָבן זיי זיך געפונען אין דער אַפּטיי־לונג, וועלכע רופט זיך „עלעאָטעזיאָן", ווו די פאַרצייטישע אַטלעטן פלעגן זיך באַשמירן מיט בוימל בשעת די געפעכטן.

פון צווישן די זיילן האָט זיך פלוצלינג געעפנט פאַר זיי אַ לענג־לעכדיקער, פירעקעכדיקער פלאַץ אָן אַ דאַך, דאָ פלעגט מען שפּילן אין

באלן און זיך פארהערן אין ווארפן מיט א דיסק ; דערדאזיקער פלאץ איז אויסגעשאטן געווען מיט פריש, בלאנקעדיק זאמד.

יוליאן האט א קוק געטון און אפגעטרעטן צוריק.

צוואנציק טריט פאר אים איז געשטאנען א יונג מיידל אינ־גאנצן א נאקעטע. זי האט געהאלטן אין דער האנט א קופערנעם דיסק.

יוליאן האט געמאכט א באוועגונג, ווי ער וואלט תיכף געוואלט צוריק ארויסגיין, אבער אין אפטאציאנוסעס אויגן, אויף דעם בלאסן פנים זיינעם האט ער געזען אזוי פיל יראת־הכבוד, אז יוליאן האט פאר־שטאנען, צוואס דער ליבהאבער פון אנטישער שיינקייט האט אים דא אהער געפירט ; ער האט דערפילט, אז דער מינדסטער זינדיקער געדאנק קומט אים נישט אויפן רעיון : זיין כוונה איז געווען א ריינע, א הייליקע. אפטאציאנוס האט פלוצלינג איינגערוימט יוליאנען אין אויער אריין.

— יוליאן, מיר געפינען זיך אצינד אין דער פארצייטישער ספאר־טע, מיט ניין הונדערט יאר צוריק. די געדענקסט פראפערציוסן ? די געדענקסט זיין געדיכט : „Ludi Laconum” ?

און ער האט אנגעהויבן שטיל דעקלאמירן מיט באגייסטערונג :

Multa tuac, Sparte, miramur jura palestrae,
Sed mage virginei tot bona gimnasii ;
Quod non infames exerceret corpore ludos
Inter luctantes nuda puella viros.

„ספארטע, מיר באוואונדערן די פארשידענע געזעצן פון דיינע גימנאסטישע שפילן, אבער צוממערסטן — די צניעותדיקע שול פון גימ־נאסטיק : ווייל דיינע נאקעטע מיידלעך און דיינע מענער־אטלעטן פאר־נעמען זיך נישט מיט קיין שענדלעכע שפילן”.

— ווער איז זי ? — האט יוליאן שטיל געפרעגט.

— איך ווייס נישט, איך האב מיך נישט באמיט געוויר צו ווערן...

— גוט. שווייג.

איצט האט ער שוין געקוקט גלייך, גיריק אויף יעדער באוועגונג פון דער דיסק־ווארפערין, אן א שום בושה, און געפילט, אז עס וואלט געווען נאריש און לעכערלעך זיך צו שעמען מיט עפעס.

דאָס נאַקעטע מיידל איז אָפּגעטרעטן עטלעכע טריט צוריק, זיך איינגעבויגן, אַרויסגעשטעלט דעם לינקן פוס, צעוויגט די רעכטע האַנט מיטן דיסק, און מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַ וואָרף געטון דאָס קופּערנע ראָד אַזוי הויך, עס האָט אַ פינקל געטון אונטער די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון, אַראָפּפאַלנדיק האָט עס זיך אַ קלאַפּ געטון אָן דעם פּיעדעסטאַל פון דעם ווייטסטן זייל. יוליאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט פאַר זיך נישט קיין לעבעדיק בילד, נאָר פידיאַסעס אַ מאַרמאָרנע פיגור.

— דער בעסטער וואָרף! — האָט אַ זאָג געטון אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל.

— מיררע, דערלאַנג מיר נאָר ווידער דעם דיסק, — האָט די דיסק-וואַרפערין אָפּגעענטפערט, — וועסט זען, אַז איך קאָן נאָך העכער וואַרפן! מעראָע, רוק דיך אָפּ, איך קאָן דיך נאָך פאַרוווּנדן אַזוי ווי אַפּאָללאָ האָט פאַרוווּנדעט היאַצינטן.

מעראָע, אַן אַלטע דינסט, אַן עגיפּטערין, דאָס איז געווען צו דערקענען פון איר טונקל פּנים און דעם פאַרשידנפאַרביקן קלייד, איז געשטאַנען אין אַ זייט און צוגעגרייט אין אַן אַלבאַסטערנער קרוג בשמים צו דער פאַרטאָגעדיקער וואַנע. יוליאַן האָט זיך ערשט איצט משער געווען, אַז דער טויב-שטומער קנעכט און די קאָטש מיט די ווייסע פערד געהערט צו דידאָזיקע ליבהאָבערינס פון די אַנטישע שפּילן.

נאָכן וואַרפן דעם דיסק, האָט זי גענומען בײַ דער בלאַסער מיררען מיט די שוואַרצע אויגן דעם אויסגעבויגענעם פײַלנבויגן, דאָס פײַלן-קעסטל, אַרויסגענומען אַ לאַנגע באַפעדערטע פײַל. דאָס מיידל האָט געצילט אין דעם שוואַרצן קרייז אַריין, וועלכער איז געווען אָנגעצייכנט אויפן צווייטן עק פּלאַץ, די אָנגעצויגענע סטרונע פון בויגן האָט אַ קלונג געטון; די פײַל האָט אָנגעהויבן פליפן און זיך אָנגעקלאַפּט אָן ציל; דערנאָך איז אַרויסגעפלויגן אַ צווייטע, אַ דריטע פײַל.

— אַרטעמיס די יעגערין! — האָט אָפּטאַציאַנוס אַרויסגעמורמלט.

פּלוצלינג האָט אַ צאַרטער ראָזער שטראַל פון דער אויפגייענדי-קער זון זיך אַ גליטש געטון איבער די מאַרמאָרנע זײַלן און געפאַלן אויפן מיידלס פּנים און אויף איר קליינער כמעט קינדערישער ברוסט.

זי האָט אַ וואָרף געטון אויף דער ערד די פײַלן מיטן בויגן, פאַר-בלענדט פונם שטראַל, האָט זי זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט.

איבער דער געביידע האָבן זיך געטראָגן שוואַלבן, זיי האָבן גע־פּישטשעט, זיך געדרייט אין דער לופט און פאַרזונקען געוואָרן אין הימל.

זי האָט אָפּגעדעקט דאָס פּנים, פאַרוואָרפן די הענט הינטערן קאָפּ, אירע האָר זענען בײַ די עקן געווען בלאַס־גאָלדענע, אַזוי ווי לויטערער האָניק אויף דער זונען־שיין, בײַ די וואָרצלען זענען זיי טונקעלער, גע־לער געווען. אירע ליפּן האָבן זיך האַלב־געעפנט מיט אַ שמייכל פון קינ־דערישער פרייד; די זון האָט זיך געגליטשט איבער איר נאַקעטן קער־פּער אַלץ נידעריקער און נידעריקער. זי איז געשטאַנען אַ ריינע, אַרומ־געהילט מיט דער ליכטיקייט ווי מיט דעם צניעהדיקסטן קלייד.

— מירע, — האָט דאָס מיידל אַרויסגערעדט פאַרטראַכט — טו נאָר אַ קוק אויפן הימל אַרויף. עס ווילט זיך אַזוי אַרײַנוואַרפן זיך אין דעמדאָזיקן הימל אַרײַן, פאַרטרינקען ווערן אין אים, אַזוי ווי דידאָזיקע שוועלבעלעך. דו געדענקסט, מיר האָבן אַמאָל געשמועסט, אַז מענטשן קאָנען נישט וויסן פון קיין גליק, ווייל זיי האָבן קיין פליגל נישט? אַז מ׳קוקט זיך צו צו דידאָזיקע שוועלבעלעך, כאַפּט אַרום אַזאַ קנאה... מ׳דאַרף זיין אַזוי לייכט, אינגאַנצן נאַקעט, ווי איך אַצינד, מ׳דאַרף אַוועק אַזוי טיף, ווייט אין הימל אַריין און פילן, אַז דאָס איז שוין אַזוי אויף שטענ־דיק, אַז עס וועט שוין מער גאָרנישט זיין, קיינמאָל נישט, נאָר הימל און זון און דער לייכטער, נאַקעטער קערפּער!...

זי האָט זיך אינגאַנצן אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן די הענט צום הימל, אַ זיפץ געטון, אַזויווי זי וואָלט געבענקט נאָך דעם, וואָס איז שוין אויף אייביק פאַרלוירן.

די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך געשלייכט ווייטער און ווייטער, זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו די היפטן שוין מיט אַ הייסער צערט־לעכקייט. דאָס מיידל האָט אַ ציטער געטון, אַ בושה האָט זי אַרומגע־כאַפּט, ווי עמעץ אַ לעבעדיקער, אַ ליידנשאַפטלעכער וואָלט דערזען איר נאַקעטקייט: מיט איין האַנט האָט זי זיך פלוצלינג פאַרשטעלט די ברוסטן, מיט דער צווייטער די היפטן, מיט דער זעלבער שעמעוודיקער באַוועגונג ווי אַפראָדיטע די געטין פון קנידער טעמפּל.

— מעראַ, גיב מיר דאָס קלייד, מעראַ! — האָט זי אַ געשריי געטון, אַרומקוקנדיק זיך מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן.

יוליאַן האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דער פאַלעסטרע; אין דער ברוסט האָט ער געפילט אַ פייער. דעם דיכטערס

פּנים איז געווען ערנסט, פייערלעך, ווי בײַ אַ מענטש, וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פון אַ הייליקן טעמפּל.

— ביסט נישט בייז אויף מיר? — האָט ער אַ פרעג געטון יוליאַנען.

— וואָס פאַלט דיר איין! פאַרוואָס עפּעס?

— אפשר איז דאָס פאַר אַ קריסט אַ זינד?... אַ נסיון?...

— כ׳האָב נישט געהאַט קיין נסיון.

— אַזוי איז גוט. איך האָב אויך אַזוי געמיינט.

זיי זענען צוריק אַרויס אויף דעם זאַמדיקן וועג; עס איז שוין געווען הייס. זיי זענען געגאַנגען אין שטאָט אַריין.

אַפּטאַציאַנוס האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, ווי שעמעוודיק, ווי מיאוס מיר זענען געוואָרן! מיר האָבן מורא פאַר אונזער העסלעכער, נעבעכדיקער נאַקעטקייט, מיר באַהאַלטן זי, ווייל מיר פילן זיך אומריין, מיאוס. אָבער אַמאָל! — יוליאַן, אַמאָל איז דאָך טאַקע אַזוי געווען! די ספּאַרטאַנישע מיידלעך פלעגן אַרויסגיין אויף דער פּאַלעסטרע נאַקעטע, שטאָלצע, אין די אויגן פון דער גאַנצער שטאָט, פון גאַנצן לאַנד. קיינער האָט פאַר קיין נסיונות נישט קיין מורא געהאַט. ריינע מענער האָבן געקוקט אויף ריינע פרויען, ריינע פרויען — אויף ריינע מענער. זיי זענען געווען ווי קינדער, ווי געטער. — און איצט! שוין! קיינמאָל וועט דאָס שוין מער נישט זיין, קיינמאָל נישט, — די פרייהייט, די ריינקייט, די פרייד פונם לעבן!

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שווער אַ זיפץ געטון. זיי זענען אַרויס אויף דער דרייפוס-גאַס. נישט ווייט פון אַקראָפּאָליס האָבן זיך די צוויי פריינט שטילשווייגנדיק צעשיידט.

יוליאַן איז אַריין אין שאָטן פון די געדעקטע פּראָפּילייען-זיילן. ער איז אַדורך די גאַלעריע פּאַיקילע מיט פּאַראַזיאַסעס בילדער פון דער מאַראַטאָנישער און דער סאַלאַמינער שלאַכט; דערנאָך איז ער פאַרביי-געגאַנגען דעם קליינעם טעמפּל פון דעם „אומבאַפליגלטן נצחון" און איז צוגעגאַנגען נאָענט צום פּאַרטענאָן.

עס איז געווען זיין מנהג, ער זאָל פאַרמאַכן די אויגן, כדי צו זען פאַר זיך ווי לעבעדיק דעם נאַקעטן קערפּער פון אַרטעמיס דער יעגערין, און ווען ער האָט זיי ווידער געעפנט, האָט דער מאַרמאָר פון פּאַרטענאָן, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט העלער ליכטיקייט, אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי לעבעדיק, גאָלדיק, ווי דער קערפּער פון דער געטין.

עס האָט אים עפּעס געצויגן פּאַר אַלעמען אין די אויגן, אָן שום מורא פאַרן טויט, אַרומצוגעמען מיט ביידע הענט דעמדאָזיקן מאַרמאָר, דאָס איז דערוואַרעמט פון דער געטלעכער זון, און קושן אים ווי דעם לעבעדיקן קערפּער פון אַ געטין.

נישט ווייט פון אים זענען געשטאַנען צוויי יונגעלייט אין שוואַרצע מלבושים, מיט בלאַסע, שטרענגע פּנימער. דאָס זענען געווען די צוויי מאָנאַכן גריגאָריוס פון נאַזיאַנז און באַזיליוס פון צעזאַרעאַ. די העלי־לענער האָבן מורא געהאַט פאַר זיי ווי פאַר די גרעסטע, פאַרביסנסטע שונאים. די קריסטן האָבן געהאָפט, אַז דידאָזיקע צוויי יונגעלייט וועלן זיין גרויסע פירערס פון דער קריסטלעכער קירך. זיי האָבן ביידע געקוקט אויף יוליאַנען.

— וואָס איז מיט אים עפּעס היינט? — האָט גריגאָריוס אַ זאָג געטון. — אָט אַזוי זעט אויס אַ מאָנאַך? זע נאָר דאָס גיין זיינס, די באַוועגונגען! זע נאָר ווי ער שמייכלט, ווי ער פאַרמאַכט די אויגן! — באַזיליוס, ווי קאָנסטו גלייבן אין זיין גאָטספאַרכטיקייט?

— איך האָב אָבער אַליין געזען, ווי ער האָט מתפלל געווען אין קלויסטער און געוויינט...

— צביעות!

— צוואָס־זשע קומט ער צו אונז, חברט זיך מיט אונז, פּלפּולט זיך איבער דער הייליקער שריפט?...

— ס'איז חוזק, אָדער צביעות! גלייב נישט! דאָס איז דעם יצר־הרע אַליין. געדענק, ברודער מיינער, וואָס איך זאָג דיר: די רוימישע אימפּעריע האָדעוועט אויס דעמדאָזיקן בחור אויף איר שויס ווי אַ שלאַנג. דאָס איז דער נ ח ש אַליין, די ס ו ט ר א ־ א ח ר א אַליין!

די צוויי מאָנאַכן זענען פאַרבייגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זיי זענען נישט באַצויבערט געווען נישט פון דער פּרעכטיקער, שטרענגער שטאָלצקייט פון די פרויען־פיגורן אין ערעכטעיאָן, נישט דער לאַכנדיקער ווייסער טעמפּל פון „אומבאַפליגלטן נצחון", נישט די פּראָפּי־לייען, נישט דער פּאַרטענאָן. זייערע פּנימער זענען געווען מרהשחורהדיק. אין איינציקן פאַרלאַנג האָבן זיי געהאַט — אומברענגען ביזן גרונט, אויסרייסן מיטן וואָרצל דידאָזיקע אַלע טייוולאָנישע טומאות.

אויף דער זון האָבן זיך פון ביידע מאָנאַכן אָפּגעשלאָגן צוויי שוואַרצע שאָטנס אויף דער ווייסקייט פונם מאַרמאָר.

— איך מוז זי זעען, — האָט יוליאַן געטראַכט באַ זיך, — איך מוז געוווּיר ווערן, ווער זי איז!

XIII.

— די געטער האָבן דערויף באַשאַפן די שטערבלעכע, כדי זיי זאָלן שיין רעדן.

— ווונדערלעך! ווונדערלעך שיין געזאָגט, מאַמערטין! חזר נאָכ־אַמאָל איבער. דו קאָנסט נאָך אַמאָל אַליין פאַרגעסן: איך וועל עס פאַר־שרייבן, — האָט דעם מאָדישן אַדוואָקאַט מאַמערטין געבעטן איינער פון זיינע בעסטע פריינט און הייסע אָנהענגער, דער לערער פון רעדנער־קונסט לאַמפּירידיוס. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טאָפּלט וואַקסן טאַוועלע און אַ שפּיציק שטאָלערן שטעקעלע, גרייט צום פאַר־שרייבן.

— איך זאָג, — האָט מאַמערטין ווידער אָנגעהויבן, אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלעמען באַם טיש מיט אַ געמאַכט חנדעלע: — איך זאָג, אַז די מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן דורך די געטער...

— ניין, ניין, נישט אַזוי האָסטו געזאָגט, מאַמערטין, — האָט אים לאַמפּירידיוס איבערגעשלאָגן די רייד — דו האָסט אַ סך שענער געזאָגט: די געטער האָבן באַשאַפן די שטערבלעכע.

— נו, יאָ, איך האָב געזאָגט: די געטער האָבן באַשאַפן די שטערב־לעכע בלויז דערויף, כדי זיי זאָלן שיין רעדן.

— איצט האָסטו צוגעלייגט דאָס וואָרט „בלויז“ — עס איז אַרויס־געקומען נאָך שענער: „בלויז דערויף“ —

און לאַמפּירידיוס האָט פאַרשריבן דעם אַדוואָקאַטס ווערטער, ווי מ'פאַרשרייבט די רייד פון עפּעס אַ נביא.

דאָסדאָזיקע איז פאָרגעקומען בשעת אַ חבריש מאָלצייט באַם רוימישן סענאַטאָר האָרטענזיוס. די דאַטשע, וווּ דאָסדאָזיקע מאָלצייט איז פאָרגע־קומען, איז געווען אין פּירעוס און האָט געהערט צו דער יונגער, רייכער אָרזינאַ; דער סענאַטאָר איז געווען איר אַפּטרופּוס.

דעם זעלבן טאָג האָט מאַמערטין פאַרטיידיקט אין געריכט דעם באַנקיר באַרנאַבע, ער האָט געהאַלטן אַ גלענצנדע רעדע. דער ייד באַר־נאַבע איז געווען אַ באַרוסטער שווינדלער. דער אַדוואָקאַט מאַמערטין

האָט אָבער געהאַט נישט בלויז אַ געוואַלטיקן רעדנער־טאַלאַנט, נאָר אַ חוץ דעם עפּעס אַזאַ מין קול, אַז איינע פון זיינע הייסע אָנהענגערינס, וואָס זענען געווען פאַרליבט אין אים, האָט איינמאָל געהאַט פאַרזיכערט: „איך הער קיינמאָל נישט וואָס מאַמערטין רעדט, עס איז לחלוטין נישט נייטיק צו וויסן וועגן וועמען ער רעדט, און וואָס עס האַנדלט זיך; איך בין פּשוט באַצויבערט פון זיין שטימע; דער עיקר, בשעת ער פאַרענ־דיקט די ווערטער עפּעס אַזוי שטיל, — ממש אַנטציקט צו ווערן: נישט קיין מענטשלעכע שטימע, נאָר אַ געטלעך געטראַנק, נעקטאַר, אַ זיפץ פון עאָלס געטלעכער האַרפע!"

פּשוטע, נישט געלערנטע מענטשן, עם־הארצים, האָבן פאַר דעם וווּכערניק באַרנאַבע נישט געהאַט קיין אַנדערן נאָמען, ווי: „דער בלוט־זויגער, וואָס פרעסט דאָס האָב־און־גוטס פון אלמנות און יתומים", פונ־דעסטוועגן האָבן אים די אַטענישע ריכטערס באַפרייט מיטן גרעסטן פאַר־גענינגן. דער אַדוואָקאַט האָט גענומען בײַ דעם ייד 50 טויזנט סעסטער־ציעס און האָרטענזיוס האָט לכּבֿוד אים געמאַכט אַ קליינעם חברישן באַל. איצט איז ער געווען אין דער בחינה. ער האָט אָבער געהאַט אַ טבֿע צו מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ קראַנקן און ליב געהאַט מ'זאָל אים כּסדר האַלטן אין איין צערטלען.

— אָך, איך בין אַזוי מיד פונעם היינטיקן טאָג, מיינע ליבע פריינט, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ רחמנותדיקן טאָן. — כ'בין פּשוט קראַנק. און וווּ איז ערגעץ אַרזינאָע?

— זי וועט באַלד אַריינקומען. אַרזינאָע האָט היינט באַקומען פון אַלעקסאַנדריע עפּעס פיזישע מכשירים, איז זי דערמיט פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. איך קאָן זי אָבער הייסן אַריינרופן, — האָט האָרטענזיוס פאַרגעלייגט.

— ניין, נישט נייטיק, — האָט דער אַדוואָקאַט פויל אַרויסגע־רעדט, — מ'דאַרף נישט. — נאָר זאָגט אַליין — אַזאַ אַבסורד! אַ יונג מיידל באַשעפטיקט זיך גאָר מיט פיזיק! וואָס פאַר אַ שייכות האָט איינס צום אַנדערן? אַריסטאָפאַנעס און עוריפּידעס האָבן נאָך פאַרצייטנס אָפּגעחוזקט פון געלערנטע פרויען. און מיט רעכט! האָרטענזיוס, דיין אַרזינאָע איז אַ קאַפּריזע! ווען זי זאָל נישט זיין אַזוי שיין, וואָלט זי מיט איר סקולפּטור און מאַטעמאַטיק צוזאַמען אויסגעזען כ'לעבן...

ער האָט נישט דערענדיקט און אַ קוק געטון אין פענצטער אַריין.

— וואָס קאָן איך טון ? — האָט האָרטענזיוס געענטפערט. — אַ געצערטלט קינד. אַ יתומה, אָן אַ פאָטער, אָן אַ מוטער. איך בין דאָך נאָר בלויז דער אפטרופּוס אירער, איך וויל זי מיט גאָרנישט קוועלן.

— יאָ, יאָ...

דער אַדוואָקאַט האָט שוין מער גאָרנישט געהערט.

— ליבע פריינט מיינע, איך פיל עפּעס...

— וואָס ? וואָס ? — האָבן מיטאַמאָל עטלעכע שטימען פאַרזאָרגט אַ פרעג געטון.

— איך פיל עפּעס... עס דאַכט זיך מיר, אַ צוג-ווינט !

— אפשר פאַרמאַכן די לאָדנס ? — האָט פאַרגעלייגט דער באַלעבאָס.

— ניין, מ'דאַרף נישט. עס וועט זיין ענג די לופט. איך האָב מיר אַזוי אָפּגעמאַטערט דעם האַלז. איבערמאָרגן דאַרף איך ווידער אַרויסטרעטן אין געריכט. דערלאַנגט מיר וועג די ברוסט-שאַל און אַ טעפּיכל אונטער די פיס. איך האָב מורא, איך זאָל נישט הייזעריק ווערן פון דער אָהנט-קילקייט.

העפּעסטיאַ, אַ יונגערמאַן, דערזעלבער מיט וועמען דער דיכטער אַפּאָאַציאַנוס האָט געוווינט אינאיינעם, לאַמפּירידיוסעס אַ שילער, און לאַמפּירידיוס אַליין האָבן זיך אַ לאָז געטון יעדערער באַזונדער זוכן מאַמערטינס ברוסט-שאַל.

דאָס איז געווען אַ פּרעכטיק-אויסגענייטע, דיקע, וואָלענע שאַל, מיט וועלכער דער אַדוואָקאַט פלעגט זיך קיינמאָל נישט שיידן : קוים טרעפט זיך די מינדסטע געפאַר צו פאַרקילן חלילה דעם האַלז.

מאַמערטין פלעגט זיך נאָכקוקן ווי דער געטרייסטער געליבטער אַ געצערטלטער פרוי. מ'איז שוין געווען צוגעוווינט צו דעמדאָזיקן. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, מיט אַזאַ אָפנהאַרציקער פשוטקייט, אַז דערמיט האָט ער יענעם אויך געצוווּנגען, מ'זאָל אים צערטלען און ליב האָבן.

— דעמדאָזיקן שאַל האָט פאַר מיר געשטריקט די מאַטראָנע פאַביאָלע — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל.

— דעם סענאַטאָרס פרוי ? — האָט האָרטענזיוס געפרעגט.

— יאָ. איך וועל אייך דערציילן וועגן איר אַן אַנעקדאָט. איינמאָל האָב איך עפּעס אָנגעשריבן אַ בריוול, אַ גאָרנישט, אַ קלייניקייט. באמת,

זייער אַ שיינס, נאָר מער נישט ווי אַ פינף שורהלעך, אויף גריכיש — דאָס בריוול האָב איך געשריבן צו אַ צווייטער דאַמע. אויך מיינס אַן אָנהענגערין, וועלכע האָט מיר געהאַט געשיקט עפּעס אַ קיישל ווייַנשלען. האָב איך איר אין דעמדאָזיקן בריוול געדאַנקט אין אַ שפּאַסיקן טאָן, נאָכמאַכנדיק פּליניוסעס סטיל. שטעלט־זשע אייַך פאָר, מיינע ליבע פריינט: פאַלט פּלוצלינג איין פּאַביאַלען — זי וויל אומבאַדינגט איבערלייענען דאָסדאָזיקע בריוול מיינס און עס איבערשרייבן אין איר זאַמלונג פון באַרימטע בריוו. נעמט זי און שיקט צוויי קנעכט, וועלכע טשאַטעווען אויף מיין שליח מיטן בריוועלע ביז נאַכט. אין מיטן דער נאַכט פּאַקן זיי אים אויף עפּעס אַ פּוסטן וועג: ער האָט געמיינט — גזלנים זענען אים באַפאַלן, מ'טוט אים אָבער גאָרנישט, מ'נעמט נאָר בייַ אים צו מיין בריוועלע און מ'גיט אים גאָר געלט. — און פּאַביאַלע האָט טאַקע די ערשטע איבערגעלייענט דאָס בריוועלע, זי האָט עס זיך אַפילו אויסגעלערנט פון אויסנווייניק!

— אַ שאלה אויף איר! איך קען זי גוט! אַ מערקווירדיקע פרוי, — האָט לאַמפּירידיוס אויסגעכאַפּט. — איך האָב געזען בייַ איר אַלע דיינע בריוו, זיי ליגן בייַ איר אין אַ געשניצט קעסטעלע פון ציטרינען־האָלץ, זי היט זיי אָפּ ווי די טייערסטע חפצים. זי קען אַלע בריוו פון אויסנווייניק, זי זאָגט, אַז זיי זענען שענער ווי די בעסטע געדיכטער. און זי איז פולקאָם גערעכט מיט איר טענה: „אויב אַלעקסאַנדער מוקדון האָט האָמערס פּאָעמעס געהאַלטן אין אַ צעדערן קעסטל, פאַרוואָס־זשע זאָל איך נישט האַלטן מאַרמעריטינס בריוו אין אַ קעסטעלע פון ציטריגען־האָלץ?“

— ליבע פריינט מיינע, דאָסדאָזיקע גענזענע לעבערל מיט דער שאַפראַנענער בראָט־יויך איז אַן עכט קונסט־ווערק! אדרבא, פּאַרזוכט, וועט איר אַליין זען, וואָס דאָס איז אַזוינס! האָרטענזיוס, ווער האָט עס געבראָטן די לעבערלעך?

— דער הויפּט־קוכער, דעדאַל.

— מ'דאַרף אים קרוינען מיט אַ לאָרבער־קראַנץ. דעדאַלן! ער איז אַן אמתער דיכטער דיין קוכער!

— ליבער גאַרגיליאַנוס, ווי קאָן מען אַ קוכער אָנרופן מיטן נאָמען דיכטער? — רופט זיך אָן דער לערער פון רעדנער־קונסט. — דאָס איז דאָך אַ באַליידיקונג פאַר די געטלעכע מוזעס — אונזערע באַשיצערינס!

— די מוזעס דאַרפן זיין צופרידן, לאַמפּירידיוס. איך מיין, אַז

גאַסטראָנאָמיע איז פּונקט אַזאַ קונסט ווי יעדע אַנדערע. מ׳דאַרף איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אָוועקוואַרפֿן די פֿאָראורטיילן!

גאַרגיליאַנוס, אַ רוימישער באַאַמטער פֿון פּרעפֿעקטס קאַנצעלאַריע, אַ מענטש אַ דיקער, אַן אָנגעפֿרעסענער, מיט אַ דרייפּאַכיקן, גלאַט געראַזירטן, אָנגעפּערפֿומירטן גוידער, מיט נידעריק אָפּגעשוירענע גרויע האָר אויפֿן קאָפּ, דורך וועלכע עס זעט זיך דורך דער רויטער, פֿעטער קאַרק, מיט אַ קלוג פּנים, — אָן דעמדאָזיקן מענטש האָט זיך אין אַטען קיין שום פֿיינע, אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפֿט נישט געקאָנט באַגיין. ער איז געווען אַ ליבהאָבער פֿון צוויי זאַכן: פֿון גוטע מאכלים און אַ גוטן סטיל; גאַסטראָנאָמיע און פּאָעזיע זענען בײַ דעמדאָזיקן מענטש געווען ענג צונויפֿגעקניפּט איינס מיטן אַנדערן.

— לאָמיר אַ שטייגער נעמען אַן אויסטער, — האָט ער אַ זאָג געטון, נעמענדיק אַן אויסטער־מושל צווישן די פֿעטע פֿינגער מיט די ריזיקע אַמעטיסטענע און רובינענע רינגען און צוטראָגנדיק דאָס געשמאַקע מאכל צום מויל.

— איך נעם אַ שטייגער אַן אויסטער און שלינג זי איין...

ער האָט זי איינגעשלונגען, פֿאַרמאַכט די אויגן און אַ לייכטן שמאָטשקע געטון מיט דער אייבערשטער ליפּ; דידאָזיקע ליפּ האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדער, זולל־וסובהדיק אויסזען: אַ גראָבע, אַ פֿאַרשפּיצטע, אַן אויסגעבויגענע, האָט זי געהאַט אַ פּנים פֿון עפּעס אַזאַ מין שנאָבעלע; זי פֿלעגט בײַ אים פּונקט אַזוי ציטערן סײַ דעמאָלט, ווען ער פֿלעגט הנאה האָבן פֿון אַנאַקרעאָנס אָדער מאָסכוסעס אַ פּערז, סײַ ווען ער פֿלעגט סמאַקעווען די יויך פֿון נאַכטיגאַל־צינגלעך.

— איך שלינג זי איין און איך פֿיל, — האָט גאַרגיליאַן ווײַטער פּאַמעלעך, מיט ישוב־הדעת געצויגן די ווערטער — איך פֿיל, אַז דאָס איז אַן אויסטער פֿון בריטישן ים, ניין, מײַנע ליבע פֿרײַנט, נישט פֿון אָסטישן און נישט פֿון טאַרענישן, נאָר פֿון בריטישן. איר ווילט, קאָן איך פֿאַרמאַכן די אויגן, און לויטן טעם טרעפֿן פֿון וועלכן ים עס שטאַמט יעדע אויסטער און יעדער פֿיש באַזונדער, איר ווילט?

— וואָס־זשע האָט דאָס צו טון מיט פּאָעזיע? — האָט אים מאַטערטין עטוואָס אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן די רייד, אים האָט געקרענקט, וואָס אין זײַן אָנוועזנהייט הערט מען גאַרגיליאַנוסעס רייד.

— שטעלט אײַך אָבער פֿאָר, מײַנע ליבע פֿרײַנט, — האַלט דער גאַסטראָנאָם רדיק ווײַטער זײַן דרשה — אַז איך בין שוין לאַנג נישט

געווען באַם ים, און איך האָב ליב דעם ים, איך בענק נאָך אים. און איך קאָן אײַך מבטיח זײַן, אַז אַ גוטע אויסטער האָט אַזאַ פֿרישן, געזאַלצענעם ים-ריח, אַז עס איז גענוג פֿאַר מיר אײַנצושלינגען איין שטיק, איך זאָל מיר תּיכּף פֿאַרשטעלן, אַז איך געפֿין מיך באַם ברעג פֿון אָקעאַן; איך פֿאַרמאַך די אויגן און זע די כוואַליעס, די פֿעלזן, איך שפּיר דאָס בלאָזן פֿונעם „געפֿלדיקן ים", ווי האָמער דריקט זיך אויס. ניין, זאָגט מיר אָפֿנהערציק, צי קאָן דער בעסטער פֿערז פֿון „אָדיסעע" אויפֿוועקן אין מיר אַזעלכע בולטע, אַזעלכע קלאָרע זכרונות וועגן ים, ווי דער געשמאַק פֿון אַ פֿרישער אויסטער? אָדער, לאָמיר אָננעמען, איך צעשנייד אַ פֿערזשעכע און פֿאַרזוך איר שמעקנדיקן זאַפֿט. זאָגט מיר, אדרבא, מיט וואָס איז דער ריח פֿון פֿײַלכן אָדער רויזן בעסער ווי דער טעם פֿון אַ פֿערזשעכע? דיכטער באַשרײַבן שטענדיק פֿאָרמען, פֿאַרבן, קלאַנגען. פֿאַרוואָס קאָן דען אַ טעם נישט זײַן אַזוי פּאָעטיש ווי פֿאַרב, קלאַנג, אָדער פֿאָרם? דאָס איז אַ פֿאָראורטייל, ליבע פֿרײַנט, אַ פֿאָראורטייל! דער טעם דאָס איז די גרעסטע מתּנה פֿון די געטער, וואָס מיר קאָנען נאָך ביז איצט נישט רעכט באַגרײַפֿן. די קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרשידענע טעמים שאַפֿט פּונקט אַזאַ דערהויבענע, אײדעלע האַרמאָניע, ווי די קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרשידענע טענער. איך שטעל פֿעסט, אַז עס איז פֿאַראַן נאָך אַ צענטע מוזע — די מוזע פֿון גאַסטראָנאָמיע.

— נו, לאָמיר זאָגן, פֿערזשעכעס, אויסטערן, דאָס קאָן נאָך מיטגיין, — האָט דער לערער פֿון רעדנער-קונסט לאַמפּירידיוס באַמערקט.— אָבער ווי קאָן מען געפֿינען קונסט אין אַ גענזן לעבערל מיט שאַמפּאַניער בראָט-יויך?

— לאַמפּירידיוס, פֿאַרוואָס-זשע געפֿינסטו קונסט נישט בלויז אין טעאָקריטעסעס אידיליעס, נאָר אויך אין פּלאַוטעסעס קאָמעדיעס, און די גראָבע מאַרק-וויצן פֿון זײַנע קנעכט?

— נו, וואָס-זשע?

— אָט זעסטו, ליבער פֿרײַנט; און איך געפֿין קונסט אין אַ גענזן לעבערל: איך בין גאַנץ ערנסט גרייט פֿאַר דידאָזיקע לעבערלעך צו באַשענקען דעם קוכער דעדאַל מיט אַ לאָרבער-קראַנץ, גלײַך ווי פּינדאַרן פֿאַר די אָלימפּישע אָדעס!

עס זענען אָנגעקומען צוויי נײַע געסט: יוליאַן און דער דיכטער פּובליוס. האָרטענזיוס האָט אָפּגעטרעטן יוליאַנען דעם אויבנאָן. דעם דיכטערס הונגעריקע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, ווען ער האָט דערזעען

אויפן טיש אַזוי פיל געשמאַקע מאכלים. פּובליוס איז איצט געגאַנגען אָנגעטון אַ נייע כלאַמידע, וועלכע איז געווען פּונקט לויט זיין חוקס. מסתם איז די רייכע אַלמנה שוין געשטאָרבן און ער האָט שוין באַקומען באַצאָלט פאַר זיין עפּיטאַפּיע.

דער שמועס איז געוואָרן נאָך לעבעדיקער.

דער לערער פון רעדנער-קונסט לאַמפּירידיוס האָט דערציילט, אַז איינמאָל איז ער אויס נייגיריקייט געגאַנגען אין רוים הערן אַ קריסטלעכן פּרעדיקער. יענער האָט גערדרשנט „קעגן די געצנדינערישע גראַמאַטיקערס". ער האָט אַזוי נעפּרעדיקט: די גראַמאַטיקערס אַכטן דעם מענטש נישט פאַר זיינע מעשים טובים, נאָר פאַרן גוטן סטיל. זיי האַלטן, אַז עס איז אַ קלענערע זינד צו דערהרגענען אַ מענטש, איידער אַרויסצורעדן דאָס וואָרט „homo" מיט אַ פאַרגרייזטן אַספּיראַט. לאַמפּירידיוס איז פון דעמדאָזיקן וויץ געווען העכסט אויפגעבראַכט און געטענהט, אַז די קריסטלעכע פּרעדיקערס האַסן אַזוי שטאַרק דעם שיינעם סטיל אין רעדן, ווייל זיי אַליין רעדן מיט אַ באַרבאַרישן סטיל; זיי ברענגען אום די אַנטישע רעדנער-קונסט, — מישן צונויף מעשים טובים מיט עם-הארצות, בא זיי איז פאַרדעכטיק יעדער איינער, ווער עס קאָן נאָר שיין רעדן. לויט לאַמפּירידיוסעס מיינונג קומט אויס, אַז אין דעם טאָג, ווען עס וועט אונטערגיין די אַנטישע רעדנער-קונסט, וועלן חרוב ווערן העללאַדע און רוים, און אַלע מענטשן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין שטומע בהמות. און די קריסטלעכע פּרעדיקער באַמיען זיך מיט אַלע כוחות צו דערפירן די מענטשהייט צו דעמדאָזיקן חורבן.

— ווער קאָן וויסן? — האָט מאַמערטין באַמערקט אין פאַרטראַכטקייט. — אפשר איז אַ פיינער סטיל גאָר וויכטיקער פון גוטע מידות. גוטע מידות קאָנען האָבן אפילו קנעכט, אפילו באַרבאַרן אויך.

העפּעסטיאָ האָט דערווייל אויסגעטייטשט דעם שכן זיינעם באַם טיש, וואָס ציצעראָ מיינט מיט די ווערטער: causam mendaciunculis adspergere.

— Mendaciunculis דאָס איז דער טייטש „קליינע ליגנט". ציצעראָ דערלויבט, ער עצהט אפילו צו באַנוצן זיך באַם רעדן מיט ליגנט — mendacunculis. ער לערנט אונז, אַז ליגנט איז דערלאָזובאַר, אויב עס פאַרשענערט נאָר דעם סטיל.

דערפון איז אַרויסגעקומען אַ וויכוח וועגן דעם, ווי אַזוי מ'דאַרף אָנהייבן אַ רעדע, צי מיט אַן אַנאַפּעסט, צי מיט אַ דאַקטיל.

יוליאַן האָט זיך געלאַנגווייליקט.

מען האָט זיך געווענדט צו אים. ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן די דאַקטילן און אַנאַפּעסטן.

ער האָט זיך אָפנהאַרציק מודה געווען, אַז ער האָט אין דידאַקטישע זאַכן קיין שום ידיעה נישט און אַז אים דאַכט זיך, אַז אַ רעדנער דאַרף זיך דער עיקר באַמיען וועגן אינהאַלט פון זיין רעדע, נישט וועגן אַזעלכע קלייניקייטן.

מאַמערטין, לאַמפּירידיוס און העפּעסטיאָ האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן: לויט זייער מיינונג קומט אויס, אַז דער אינהאַלט איז אַ קלייניקייט; דעם רעדנער דאַרף זיין אַלציינס, צי ער דאַרף רעדן פאַר, צי קעגן; נישט בלויז דער געדאַנק פון די ווערטער שפּילט אַ צווייטראַנגיקע ראָל, נאָר אפילו די ווערטער-פאַרבינדונג, די לאָגיק פונם זאַץ; דער עיקר זענען די קלאַנגען, די מוזיק, די האַרמאָניע באַם צונויפפלעכטן אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, אַן אות מיט אַן אות; עס איז נייטיק, אַז אפילו אַ באַרבאַר, וואָס פאַרשטייט נישט קיין איין וואָרט גריכיש, זאָל פילן די שיינקייט פון דעם רעדן.

— אָט, נעמט אַ שטייגער די צוויי פערזן פון פּראָפּערציוסן, — האָט גאַרגיליאַנוס זיך אָנגערופן, — וועט איר אַליין זען, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט דער קלאַנג אין פּאָעזיע און וואָס פאַר אַ קליינע ראָל עס שפּילט דער אינהאַלט. הערט:

> Et Veneris dominae volucres, mea turba, columbae
> Tinguunt Corgoneo punica rosta lacu.

ווי באַצויבערנדיק! אַן אמת געזאַנג! וואָס גייט מיך אָן דער געדאַנק פון די ווערטער? די גאַנצע שיינקייט ליגט אינם קלאַנג, אין דער קאָמבינאַציע פון די וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן. פאַר דידאַקטיקע קלאַנגען גיב איך אייך אַוועק יוועַנאַלס גוטע מידות און לוקרעציוסעס חכמה. הערט אייך נאָר גוט צו, ווי דאָס פליסט, ווי דאָס ריזלט אַזוי זיס:

Et Veneris dominae, mea turba, columbae!

און ער האָט מיט זיין אייבערשטער ליפּ אַ שמאָטשקע געטאָן מיט הנאה.

יעדער איינער האָט גענומען איבערחזרן די צוויי פערזן פּראָפּערציוסעס און זיך נישט געקאָנט אָנקוויקן צו דער זאַט. יעדנס אויגן האָבן

זיך צעשטראַלט. איינער האָט אָנגערעדט דעם אַנדערן צו דער אָרגיע פון וואָרט.

— הערט נאָר, הערט נאָר, — האָט סטערטין געוואָרקעט מיט זיין זיידענער, הייזעריקער שטימע, וועלכע איז ענלעך צו אַ געטלעכער האַרפע: —

— tinguunt Gorgoneo

— Tinguunt Gorgoneo! — האָט דער באַאַמטער באַם פּרע-פעקט געפּליסטערט מיט פאַרמאַכטע אויגן. — איך שווער איבער דער געטין פּאַללאַס, אַ געטלעכער תענוג! ווי איך וואָלט געטרינקען גע-דיכטן, פאַרעמען וויין, געמישט מיט אַטישן האָניק:

— Tinguunt Gorgoneo

— איר פילט, וויפיל מאָל עס חזרט זיך דאָ איבער דער קלאַנג G, — דאָס איז דאָך ווי דאָס וואָרקען פון אַ טורקלטויב. און ווייטער:

— punica rosta lacu

— ווונדערלעך! אומפאַרגלייכלעך! — האָט לאַמפּירידיוס געשעפּט נחת אין דער שטיל.

יוליאַנען איז עפּעס געוואָרן נישט היימלעך און גלייכצייטיק לע-כערלעך צו קוקן אויף דעם תאווהדיקן פאַרשיכורן זיך מיט קלאַנגען.

— די ווערטער מוזן האָבן גאָר ווייניק אינהאַלט, — האָט לאַמפּי-רידיוס ענדלעך אַרויסגערעדט מיט אַ חיכטיקער מינע — זיי מוזן שטראַ-מען, ריזלען, זינגען און נישט באַרירן דערביי נישט דאָס אויער, נישט דאָס האַרץ, — וואָס ווייניקער אינהאַלט, ערשט דעמאָלט שאַפט זיך די ריינע האַרמאָניע פון קלאַנגען.

יוליאַן האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער טיר, ווי ער וואָלט אויף עמעצן געוואַרט. עפּעס אַ ווייס שלאַנק געשטאַלט האָט זיך דאָרט פלוצלינג באַוויזן, ווי אַ שאָטן וואָלט דאָרט געשטאַנען.

די לאָדנס זענען געווען אינגאַנצן אויפגעפּראַלט, די שיין פון דער לבנה האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם רויטן ליכט פון די אייל-לאָמפּן און זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער מאָזאיק פון דער פּאָדלאָגע, וועלכע האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל, אויף די ווענט, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעמאָלט, ווי ענדימיאָנעס שלאָפט איין אונטער דער לבנהס צערט-לעכקייטן.

דאָס ווייסע געשטאַלט האָט זיך נישט גערירט. עס איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע; אַ פּאַרצייטישער אַטענישער פּעפּלום פון זילבערנער

ווייכער וואָל האָט אַרומגעהילט די געטאָקטע פיגור, די ברוסט איז געחען אונטערגעבונדן מיט אַ דינער גאָלדענער שנור; די שיין פון דער לבנה האָט באַלויכטן דעם פעפלום, דאָס פנים איז געבליבן אין שאָטן. דאָס געשטאַלט האָט געקוקט אויף יוליאַנען; יוליאַן אויפן געשטאַלט. זיי האָבן געשמייכלט איינער צום אַנדערן. קיינער האָט דעם שמייכל נישט באַמערקט. דאָס געשטאַלט האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף די ליפן און זיך איינגעהערט. וואָס מ׳רעדט דאָ אַזוי הייס באַם טיש.

מאַמערטין, וועלכער האָט לעבהאַפט געשמועסט מיט לאַמפּירידיוסן וועגן דעם גראַמאַטישן אונטערשיד צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן אַאָריסט. האָט פלוצלינג אויסגעשריגן:

— אַרזינאָע! קום זיך דערלעבט! דו האָסט פאַרלאָזט דיינע פיזישע מכשירים און די סטאַטועס דיינע און באַוויליקט צו קומען אַהער צו אונז?

זי איז צוגעקומען און מיט אַ באַשיידן שמייכעלע זיך באַגריסט מיט יעדן איינעם. דאָס איז געווען די זעלבע דיסק-וואַרפערין, וועלכע יוליאַן האָט מיט אַ חודש צוריק געהאַט געזעען אַ נאַקעטע אין דער פאַרלאָזטער פּאַלעסטרע. דער דיכטער אַפּאָליאַנוס, וועלכער האָט געקענט גאַנץ אַטען, האָט זיך באַקאַנט מיט האַרטענזיוסן און מיט אַרזינאָען און אַריינגעפירט יוליאַנען אין זייער הויז אַריין.

אַרזינאָעס פאָטער, דער אַלטער רוימישער סענאַטאָר העלווידיוס פּריסקוס, איז געשטאָרבן אין די לעצטע יאָרן פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן. די צוויי טעכטער זיינע פון אַ גערמאַנישער מלחמה-געפאַנגענער, אַרזינאָע און מירדע האָט העלווידיוס איבערגעגעבן פאַרן טויט אונטער דער אַפּטרופּסות פון זיין אַלטן פריינט קווינטוס האָרטענזיוס, וועלכן ער האָט זייער געאַכטעט פאַר זיין געוואַלטיקער ליבע צום פאַרצייטישן רוים און שנאה צום קריסטנטום. אַרזינאָעס אַ ווייטער קרוב, וועלכער איז געווען אַן אייגנטימער פון ריזיקע פורפור-וואַרשטאַטן אין צדון, האָט איר איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה.

זי איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אָן אַ שיעור פאַרערער. לויט איר קליידן זיך, לויטן פאַרקעמען זיך, לויט איר פּשוטער פיינער באַנעמונג, האָט מען זי געקאָנט האַלטן פאַר אַן עכטער גריכין, וועלכע זענען שוין צו יענער צייט געווען ווייניק בנמצא. אָבער אין טייל געזיכט-שטריכן האָט מען דערקענט אין איר די צפונדיקע אָפּשטאַמונג.

אַ געווויסע צייט האָט זיך אַרזינאָע פאַרנומען מיט וויסנשאַפט, זי

האָט שוין געאַרבעט אין אַלעקסאַנדרינישן מוזעום בא די דאָרטיקע באַרימטע געלערנטע; די פיזיק פון עפּיקורעסן, דעמאָקריטעסן און לוקרעציוסן האָט זי דעמאָלט צום מײַנסטן באַגײַסטערט; איר איז געפעלן דידאַזיקע װיסנשאַפט, װײַל זי באַפרײַט די נשמה „פון פחד פאַר געטלעכקײַט“. מיט דער זעלבער האַסטיקער כמעט קרענקלעכער לײַדנשאַפטלעכקײַט האָט זי זיך שפּעטער געװאָרפן צו סקולפּטור. דאָ אָהער קײן אַטען איז זי געקומען צו פאָרן שטודירן די מוסטער־װערק פון פידיאַסן, סקאָפּאַסן, פּראַקסיטעלעסן.

— אָ, איר רעדט נאָך אַלץ װעגן גראַמאַטיק? — האָט זיך העלװידיוס פּריסקוסעס טאָכטער געװענדט מיט אַ שמײכל צו די פאַרזאַמלטע געסט. — קװעלט אײַך נישט, רעדט װײַטער. איך װעל אײַך נישט שטערן, מיך הונגערט גאָר. כ'האָב מיר אָנגעהאָרעװעט אַ גאַנצן טאָג. ייִנגל, גיט מיר אָן אַ גלאָז װײַן.

— ליבע פרײַנט, — האָט אַרזינאָע דערנאָך צוגעגעבן, — איר זענט אַלע אומגליקלעכע מענטשן מיט אײַערע ציטאַטן פון דעמאָסטענעסן, מיט אײַערע געזעצן פון קװינטיליאַנוסן. געדענקט: די רעדנער־קונסט װעט אײַך נאָך אומברענגען. איך װאָלט אַמאָל געװאָלט זען אין מײַן לעבן כאָטש אײן מענטש, װעלכן עס זאָלן נישט אָנגײן נישט האָמער, נישט ציצעראָ, װעלכער זאָל רעדן און נישט טראַכטן בשעת מעשה װעגן אַספּיראַטן און אַקריסטן. — יוליאַן, לאָמיר אַרױסגײן אַ ביסל שפּאַצירן צום ים: איך קאָן הײַנט נישט פאַרטראָגן די װיכּוחים װעגן דאַקטילן און אַנאַפּעסטן...

— דו האָסט מיר צוגעטראָפן, אַרזינאָע, — האָט גאַרגיליאַנוס איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. שטענדיק, װען ער פלעגט זיך צופיל אָנפּרעסן, פלעגט ער, דערשפּירנדיק אַ צו גרױסע שװערקײט אין מאָגן, זיך אָנהײבן בונטעװען קעגן דער שײנער ליטעראַטור.

— װי נעראָס לערער, דער Litterarum intemperantia laboramus קלוגער סענעקאַ, פלעגט זיך אױסדריקן. יאָ, יאָ, דאָס איז אונזער גאַנץ אומגליק! „מיר לײַדן פון צופיל באַרעדעװדיקײט“. מיר סמען זיך אַלײן אָפּ...

ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג און זיך אָנגעהױבן גראַבלען אין די צײן מיט אַ צײנשטעכערל פון מאַסטיקסהאָלץ. אױף זײַן פעט, קלוג פּנים האָט זיך צעלײגט אַן אױסדרוק פון עקל און לאַנגװײליקײט.

XIV.

יוליאַן און אַרזינאָע זענען אַראָפּגעגאַנגען דורך דער ציפּרעסן־אַלעע צום ברעג פון ים. דער זילבערנער ים אונטער דער שיין פון דער לבנה האָט זיך געגרענעצט מיטן הימל. עס האָט זיך געהערט ווי די כוואַליעס שלאָגן זיך אָן אָן די קרייד־פעלזן בײַם ברעג. דאָ איז געשטאַנען אַ האַלבקײַלעכדיקע באַנק, איבער דער באַנק אַ סטאַטוע פון אַרטעמיס דער יעגערין, אין אַ קורצער טוניק, מיט אַ פײַלן־בויגן און אַ קעסטל מיט פײַלן, בײַ אירע פיס — צוויי הינט מיט שפּיציקע מאָרדעס; די געטין האָט אויסגעזען אין דער שיין פון דער לבנה ווי אַ לעבעדיקע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

זי האָט אים געוויזן אונדערווייטנס אויפן אַקראָפּאָליס מיט די קוים־באַמערקלעכע זײַלן פון פּאַרטענאָן און ווידער בײַגייט דעם שמועס, וואָס זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געפירט צווישן זיך:

— זע נאָר, ווי שיין דאָס איז! — און דו, יוליאַן, וואָלסט דאָס אַלץ געוואָלט צעשטערן?...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט.

— איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן דאָס פריערדיקע מאָל געשמועסט, — וועגן אייער הכנעה, וועגן אייער עניוות, — האָט אַרזינאָע ווייטער גערעדט שטיל, ווי פאַר זיך, — צי איז אַלעקסאַנדער, פיליפּס זון, געווען הכנעהדיק? און ווייניק גוטע מידות האָט ער געהאַט?

יוליאַן האָט געשוויגן.

— און ברוטוס, ברוטוס, דער מערדער פון יוליוס צעזאַרן? ווען ברוטוס וואָלט אונטערגעשטעלט די לינקע באַק, ווען מ׳וואָלט אים אַ פּאַטש געטון אין דער רעכטער, — מײַנסטו, וואָלט ער דען שענער געווען? איר, גליליער, האַלט דען ברוטוסן פאַר אַ רוצח? — פאַרוואָס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז דו מאַכסט נאָר אָן אָנשטעל, אַז דײַדאָזיקע שוואַרצע מלבושים, יוליאַן, פּאַסן זיך גאָרנישט צו דיר?...

זי האָט פּלוצלינג אויסגעדרייט צו אים דאָס פּנים באַגאָסן מיט לבנה־ליכט און אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

— וואָס ווילסטו פון מיר, אַרזינאַע? — האָט ער אַרויסגערעדט, בלאַס ווי קרייד.

— איך וויל, דו זאָלסט מיר זיין אַ שונא! — האָט דאָס מיידל ליידנשאַפטלעך אַרויסגערעדט. — דו ווילסט פאַר מיר פאַרבייגיין און נישט געבן זיך צו דערקענען. דו ווייסט, איך טראַכט מיר טיילמאָל: עס וואָלט שוין גלייכער געווען, אַז אַטען און רוים זאָלן אינגאַנצן צעשטערט ווערן ביזן גרונט, אַז ייער טויטער קערפּער זאָל אינגאַנצן פאַרברענט ווערן, איידער ער זאָל זיך אַזוי אַרומוואַלגערן נישט באַגראָבעגערהייט... דידאַ־זיקע אַלע לייט; די פריינט אונזערע: די גראַמאַטיקערס, די רעדנערס, די דיכטערס, די פאַרפאַסערס פון די ליבע־געזאַנגען פאַרן קייסער — אַ, דאָס איז דער נישט באַגראַבענער מת פון העללאַדע, פון רוים. מיט זיי איז שרעקלעך צו זיין אינאיינעם, פונקט ווי מיט אַ טויטן. יאָ, איר גליליער, מעגט טריומפירן! אין קורצן וועט זיך מער גאָרנישט געפינען אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר בלויז חורבות און מתים. און דו, יוליאַן... ניין, ניין! אוממעגלעך! עס גלייבט זיך מיר נישט, אַז דו זאָלסט זיין אינאיינעם מיט זיי — קענען מיר, קענען העללאַדע!...

יוליאַן איז געשטאַנען פאַר איר אַ בלאַסער, אַ שווייגנדיקער. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין. זי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט:

— זאָג מיר, זאָג, אַז דו ביסט מיין שונא! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרצווייפלונג און אַרויספאָדערונג אין טאָן.

— אַרזינאַע! צוואָס?...

— זאָג! רעד! איך וויל וויסן, דו פילסט דען נישט, ווי נאָענט מיר זענען איינער צום אַנדערן? אפשר האָסטו מורא?...

— אין צוויי טעג אַרום פאַרלאָז איך אַטען, — האָט יוליאַן שטיל אַרויסגערעדט. — זיי געזעגנט...

— פאָרסט אַוועק? צוואָס? וווהין?

— כ'האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון קאָנסטאַנציוסן. דער קייסער רופט מיך אַרויס צו זיך, אפשר צום טויט. מיר דאַכט זיך, אַז איך זע דיך שוין איצט דאָס לעצטע מאָל.

— יוליאַן, דו גלייבסט נישט אין אים? — האָט אַרזינאַע אויסגעשריגן, באַמיענדיק זיך אַריינצוקוקן אין מאַנאַכס אויגן.

— שטילער! שטילער! וואָס טוט זיך מיט דיר?...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, אָהערגעשליכט מיט שטילע טריט לענגאויס דער אַלעע, פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, אויף דעם וועג, אויף די ביימער, באַגאָסן מיט דער שיין פון דער לבנה, אויף די שוואַרצע שאָטנס צווישן די קוסטעס, אפילו אויפן ים, גלייך ווי ער וואָלט אומעטום אַרומגעזוכט מוסרים. דערנאָך איז ער צו־ריק צוגעגאַנגען צו דער באַנק, זיך אַנידערגעזעצט, און אַלץ נישט געקאָנט זיך באַרויקן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אָן דעם מאַרמאָרנער אָגלען, זיך צוגעבויגן האַרט צו איר אויער, אַזוי אַז זי האָט דערפילט זיין הייסן אָטעם, און אָנגעהויבן שטיל, גיך, אָפּגעהאַקט רעדן, ווי פון היץ:

— יאָ... גלייבן אין אים! אין אים גלייבן!... הער אויס, מיר אַליין האָב איך נאָך נישט דערוועגט צו זאָגן דאָס, וואָס איך זאָג דיר איצט. איך האָס אים, דעם גלילעער! — איך בין בלויז ליגנט, בלויז צביעות פון קינדווייז אָן. פון זינט איך געדענק מיך, טראָג איך אַ מאַסקע. די צביעות איז צוגעוואַקסן צו מיין נשמה, ווי דאָסדאָזי־קע שוואַרצע מלבוש צו מיין לייב: דו געדענקסט, — ווי דעם צענטאַור ניסעס פאַרסמט קלייד. הערקלעס האָט עס געריסן פון זיך צוזאַמען מיט שטיקער הויט, מיט שטיקער פלייש. אָבער אינגאַנצן אַראָפּרייסן עס פון זיך האָט ער נישט געקאָנט, ער איז דערשטיקט געוואָרן. אַזוי וועל איך אויך דערשטיקט ווערן אין דער גלילעישער צביעות!...

יעדעס וואָרט האָט ער אַרויסגעבראָכן פון זיך מיט אַ געוואַלטי־קער אָנשטרענגונג. אַרזינאָע האָט אויף אים אַ קוק געטון: זיין פּנים, אויסגעקרומט פון יסורים און האַס, האָט איר אויסגעוויזן פרעמד, כמעט שרעקלעך.

— באַרויק דיך, יוליאַן! — רעד דיר אויס דאָס האַרץ: איך וועל דיך בעסער פאַרשטיין ווי יעדער איינער.

— איך וויל אַלץ אַרויסזאָגן, איך קאָן אָבער נישט, — האָט ער אַ ביטערן שמייכל געטון. — איך האָב צו לאַנג געשוויגן. — פאַרשטייסטו מיך, אַרזינאָיע, ווער עס פאַלט צו זיי אַריין אין די הענט אַריין — איז פאַרפאַלן! — זיי צעקאַלעטשען אַזוי מיט זייער הכנעה, זיי לערנען שקרים, צביעות, ביינגן דעם רוקן, אַז עס איז אים שוין אוממעגלעך אויס־צוגלייכן, שוין אויף אייביק אוממעגלעך אויפצוהייבן דעם קאָפּ!...

דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין, אויפן שטערן זענען

אים די אַדערן אָנגעלאָפן געוואָרן, ער האָט פאַרקריצט די ציין פון מאַכט־לאָזער רציחה און אַרויסגערעדט הייזעריק:

— אַ געמיינהייט, אַ געמיינהייט, אַן אמתע גליליישע געמיינהייט — אַזאַ שונא צו זיין אַ מענטש, ווי איך בין אַ שונא קאָנסטאַנציוסן און אים מוחל זיין, וואַלגערן זיך בײַ זיינע פיס ווי אַ וואָרעם, נכנעדיק, קריסטלעך, אויסבעטן בײַ אים ווי אַ נדבה: „שענק נאָך איין יאָר, כאָטש נאָך איין־איינציק יאָר לעבן דעם נישטיקן קנעכט דיינעם, דעם מאָנאַך יוליאַן; און דערנאָך, — ווי דיר און די סריסים, די יועצים דיינע וועט געפעלן ווערן, גאָטגעליבטער קייסער מיינער!“ אָ, אַזאַ געמיינהייט!...

— ניין, יוליאַן, — האָט אַרזינאָע אויסגעשריגן, — אויב אַזוי, — וועסטו זיגן! די צביעות, — דאָס איז דיין כוח. דו געדענקסט אין עזאָפּוס משל דאָס אייזל אין דער לייבן־פעל? דאָ איז פאַרקערט, — אַ לייב אין אַן אייזל־פעל, אַ העלד אין אַ מאָנאַכישן מאַנטל!...

זי האָט זיך צעלאַכט.

— ווי זיי וועלן זיך דערשרעקן, די שוטים, ווען דו וועסט זיי פלוצלינג אַ וויַיז טון דיינע לייבן־נעגל. דאָס וועט זיין אַ געלעכטער און אַ שרעק צוזאַמען! — זאָג מיר, יוליאַן, דו ווילסט קומען צו דער מאַכט?

— מאַכט! — האָט ער אויסגעצויגן די הענט, פאַרשיכּורט מיטן קלאַנג פון דעמדאָזיקן וואָרט; ער האָט איינגעאָטעמט די לופט מיט דער פולער ברוסט:

— מאַכט! אָך, ווען איך באַקום די מאַכט כאָטש אויף איין יאָר, אויף אַ פּאָר חדשים, כאָטש אויף עטלעכע טעג, — אָ, איך וואָלט געלערנט די עניוותדיקע, די קריכערישע, די גיפטיקע באַשעפעניש, וועלכע רופן זיך קריסטן, דעם פשט פון זייער אייגענעם רבינס קלוגע ווערטער: „גיט דעם קייסער וואָס דעם קייסערס איז!“ יאָ, איך שווער בײַם גאָט פון דער זון, זיי וואָלטן בײַ מיר געוויר געוואָרן וואָס דער פסוק מיינט!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ; זיינע אויגן האָבן ביַיז געפינקלט; דאָס פּנים האָט בײַ אים אויפגעשיינט, ווי ער וואָלט פלוצלינג יינגער געוואָרן. אַרזינאָע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל.

באַלד האָט אָבער יוליאַן צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט

זיך אָנגעהויבן ארומקוקן אין אַלע זייטן מיט שרעק אין די אויגן, זיך צוריקגעזעצט אויף דער באַנק און פון געוווינהייט צונויפגעלייגט די הענט פון פאַרנט ווי א קרייץ אויפן מאַנאַכישן שטייגער.

— צוואָס זאָל איך מיך אַליין נאַרן ? דאָס וועט דאָך קיינמאָל נישט זיין. איך וועל אומקומען. דער כעס וועט מיך דערשטיקן. — די הערסט ; יעדע נאַכט, נאָך א גאַנצן טאָג שטיין אויף די קניען אין קלויסטער פאַר די קברים פון די גלילעישע מתים, קום איך אַהיים, א דערהרגעטער, א מידער וואַרף איך מיך אויף מיין געלעגער מיטן פנים אין קישן אַריין און וויין. און וויין, און בייס דאָס קישן, כדי נישט צו שרייען פון ווייטיק און כעס. אָ, אַרזינאָע, דו קענסט נאָך נישט דעם גאַנצן שוידערלעכן עיפּוש פון די גלילעער ! שוין צוואָנציק יאָר שטאַרב איך אַזוי און קאָן אַלץ נישט שטאַרבן, ווייל, פאַרשטייסטו מיך, מיר קריסטן זענען אַזויווי די שלאַנגען, נישטאָ אויף אונז קיין טויט : צעהאַק אונז אין צווייען, — וואַקסן מיר זיך ווידער צונויף ! פריער האָב איך געזוכט א טרייסט אין די תּורות און גוטע מידות פון די טעורגן און די חכמים. אומזיסט. איך בין נישט גוט און נישט קיין חכם. איך בין שלעכט, איך וואָלט געוואָלט זיין נאָך שלעכטער, איך וואָלט געוואָלט זיין שטאַרק און שרעקלעך ווי דער איינציקער ברודער מיינער, דער טייוול ! — פאַר-וואָס קאָן איך אָבער נישט פאַרגעסן, אז עס איז פאַראַן אַן אַנדערע וועלט, א וועלט פון שיינהייט, צוואָס האָב איך ד י ך דערזעען !...

מיט א פלוצלינגדיקער האַסטיקייט האָט אַרזינאָע פאַרוואָרפן אירע פרעכטיקע, נאַקעטע הענט אַרום זיין האַלז, אים צוגעצויגן צו זיך אַזוי שטאַרק, אַזוי נאָענט, אז ער האָט דערשפּירט דורכן קלייד די מיידלערישע פרישקייט פון איר קערפּער. זי האָט אים געפליסטערט אין אויער אַריין :

— און אפשר בין איך גאָר געקומען צו דיר, מיין ייִנגל, ווי די וואָרזאָגערין סיבילע דיר אָנזאָגן די בשורה פון מאַכט ? — דו איינער אַליין לעבסט צווישן א גאַנצער וועלט מיט טויטע. דו ביסט שטאַרק. און וואָס גייט דאָס מיך אָן, אז נישט קיין ווייסע שוואַנען-פליגל האָסטו. נאָר שרעקלעכע, שוואַרצע, און נעגל אויסגעקרומטע, בייזע ווי בא א רויב-פויגל ? — איך האָב ליב אַלע אָפּגעשטויסענע, דו הערסט, יוליאַן, איך האָב ליבער די איינזאַמע, די שטאָלצע אָדלערס ווי די ווייסע שוואַנען. דו זאָלסט נאָר זיין נאָך שטאַרקער, נאָך שלעכטער ! דו זאָלסט נאָר האָבן די דרייסטקייט שלעכט צו זיין ביז דער העכסטער מדרגה !

זאָג ליגנט אָן בושה: ס'איז גליכער צו זיין א צבועק, איידער צו זיין הכנעהדיק. שרעק דיך נישט פאַר דעם האַס אין דיר: דאָס איז דער שרעקלעכער כוח פון די פליגל דיינע. — דו ווילסט — לאָמיר שליסן א בונד: דו וועסט מיר געבן קראַפט און איך וועל דיר געבן שיינ־קייט? דו ווילסט, יוליאַן, דו ווילסט?...

דורך דעם לייכטן געוואַנט פון דעם פּאַרציימישן פּעפּלום אירן האָט ער ווידער, ווי דאָרט אין דער פּאַלעסטרע, געזעען די שלאַנקע פאָרמען פון דעם געטלעכן קערפּער פון אַרטעמיס דער יעגערין און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קערפּער לייכט זיך דורך א צאַרטער, א גאָלדענער, דורך דעם דורכזיכטיקן געוואַנט.

דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט. אין דעם לבנהדיקן נעפּל, וועל־כער האָט זיי אַרומגעהילט, האָט ער באַמערקט, ווי צו זיינע ליפּן גענע־נען זיך דרייסטע, שמייכלענדיקע ליפּן.

צום לעצט האָט ער ווידער א טראַכט געטון:

„איך וואָלט געדאַרפט אַוועקגיין. זי ליבט מיך נישט און וועט מיך קיינמאָל נישט ליבן, זי וויל בלויז דערגרייכן צו מאַכט. זי נאַרט מיך...

באַלד אָבער האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אומבאַהאָלפענעם שמייכל:

— זאָל זיין, זאָל זיין גענאַרט!...

און די קאַלטקייט פון צופיל ריינעם קוש, וואָס שטילט נישט די ליידנשאַפט, איז אים אַריינגעדרונגען טיף אין האַרץ, ווי די קעלט פון טויט.

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די געטלעכע בתולה אַרטעמיס אַליין וואָלט זיך אין דער דורכזיכטיקער שיין פון דער פאַרנעפּלטער לבנה אַראָפּגעלאָזט צו אים און קושט אים מיט פאַלשע קושן, ענלעך צו דער קאַלטער לבנה־שיין.

. . . .

צומאָרגנס האָבן ביידע פּריינס, באַזיליוס פון נאַזיאַנז און גרי־גאָריוס פון צעזאַרעאַ, באַגעגנט יוליאַנען אין איינעם פון די אַטענישע קלויסטערס.

ער איז געשטאַנען פאַר א הייליק בילד אויף די קניען און גע־שעפּטשעט א תפילה. ביידע מאַנאַכן האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַר־

ווונדערונג: זיי האָבן נאָך קיינמאָל אויף זיין פּנים נישט געזעען אַזאַ קלאָרקייט, אַזאַ ליכטיקייט, אַזאַ הכנעהדיקייט.

— ברודער מיינער, — האָט באַזיליוס שטיל איינגערוימט דעם צווייטן אין אויער אַריין, — מיר זענען אַ זינד באַגאַנגען: אין געדאַנק האָבן מיר חושד געווען אַ צדיק.

גריגאָריוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיי מיר מוחל, רבונו של עולם, אויב איך האָב אַ טעות געהאַט, — האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגערעדט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון יוליאַנען זיין פאָרשנדיקן בליק, — געדענק אָבער, ברודער באַזיליוס, וויפיל מאָל באַווייזט זיך דען אינם געשטאַלט פון אַ ליכטיקן מלאך דער שטן אַליין, דער פאָטער פון שקר און אַלדאָס בייז.

XV.

אויפן געשטעל פונם לאָמפּ, אין דער פאָרם פון אַ דעלפין, ליגט דאָס צווענגל צום קרויזן די האָר. דער פלאַם פונם לאָמפּ זעט אויס בלאַס, ווייל די פרימאָרגן-שטראַלן שלאָגן זיך אָפּ אָן די פאָרהענגלעך און פילן אָן דאָס טואַלעט-צימער מיט אַ געדיכטער, רויט-פיאָלעטער ליכטיקייט. די זיידענע פאָרהענגלעך זענען געפאַרבט מיט דער טייערסטער פּורפּור-פאַרב — מיט צורישן היאַצינט, דריי מאָל געפאַרבטן.

— היפּאָסטאַז? וואָס איז אַזעלכעס די געטלעכע היפּאָסטאַז פון דער דרייאייניקייט? דאָס קאָן קיין שום ילוד-אשה נישט תופס זיין. — אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן און געהאַלטן אין איין טראַכטן, ווייל איך האָב צו דעם ענין אַן אומגעהייערע ליידנשאַפט. כ'האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסטראַכטן, דער קאָפּ האָט מיר בלויז אָנגעהויבן ווי צו טון. — יינגל, דערלאַנג נאָר אַהער אַ האַנטוך און זייף.

אַזוי האָט גערעדט אַ מענטש מיט אַ הדרת-פּנימדיק אויסזעען מיט אַ מיטרע אויפן קאָפּ, ער האָט אויסגעזעען ווי עפּעס אַ כוהן-גדול אָדער אַן אַזיאַטישער מושל — דאָס איז דער הויפּט-ראַזירער פון דער הייליקער פּערזאָן דער קייסער קאָנסטאַנציוס. דאָס ראַזיר-מעסער שוועבט אין זיין האַנט מיט עפּעס אַ מין כישופדיקער לייכטקייט. ער אַרבעט באַם קייסערס פּנים, ווי ער וואָלט אָנגעריכט אַ הייליקע מעססע.

פון ביידע זייטן, אויסער עוזעביוסן, דעם הויפט-מייסטער פון זיין מאַיעסטעטס שלאָפצימער, דעם גרעסטן תקיף אין דער גאַנצער אימפעריע, אויטער די אָן אַ שיעור שלאָפצימער-הויפלייט, קוביקולאַרן, מיט פאַרשידענע כּלים אין די הענט, מיט שמירעכצן, האַנטוכער, וואַשׁשיסלען, שטייען צוויי יונגען — פאָכער-טרעגערס; במשך פון דער גאַנצער צייט פון דער הייליקער מעססע פון ראַזירן, פאָכען זיי מיט ברייטע, דינע פאָכערס, אין געשטאַלט פון זילבערנע זעקספליגלדיקע שׂרפים, וועלכע זעען אויס ווי ריפּידעס, מיט וועלכע גלחים טרייבן אָפּ די פליגל פון דעם הייליקן קרבן בשעתן אָפּריכטן אַ ליטורגיע.

דער ראַזירער האָט שוין אָפּגעגאָלט דעם קייסער די רעכטע באַק און נעמט זיך צו דער לינקער, ער זייפט זי איין מיט זייף צונויפגעמישט מיט אַראַבישן פּערפום, וועלכער טראָגט דעם נאָמען אַפּראָדיטן-שוים. ער שטייט בשעת מעשה צוגעבויגן צו קאָנסטאַנציוסן גאַר נאָענט און רוימט אים עפּעס אַן ין אויער אַזוי שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן:

— אָ, גאָט-געליבטער קייסער, בלויז דיין אַלץ אַרומנעמענדיקער פאַרשטאַנד איז ביכולת צו באַנעמען, וואָס עס זענען די דריי היפּאָסטאַזן — דער פאָטער, זון און הייליקער גייסט. האָרך נישט די בישאָפן. נישט ווי זיי ווילן, נאָר ווי דו ווילסט! אַטאַנאַזיוסן, דעם פּאַטריאַרך פון אַלעקסאַנדריע, דאַרף מען פאַרמשפּטן צום טויט, ער איז אַ מורד במלכות, אַ גאָטלעסטערער! דער רבונו של עולם אַליין, אונזער באַשעפער, וועט שוין מגלה זיין פאַר דיין הייליקייט, ווי אַזוי און אין וואָס מיר, דיינע טרייע קנעכט, דאַרפן גלייבן. לויט מיין מיינונג איז אַריוסעס באַהויפּטונג גערעכט, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען דער זון האָט נאָך נישט עקזיסטירט. דאָס זעלבע וועגן דער געטלעכער אידענטישקייט...

אינמיטן דעם ראַזירערס רייד כאַפּט קאָנסטאַנציוס דערווייל אַ בליק אין דעם ריזיקן שפּיגל פון געפּאָלירט זילבער, גיט זיך אַ טאַפּ מיט דער האַנט בײַ דער רעכטער באַק און שלאָגט איבער דעם ראַזירערס השתפּכות-הנפש:

— דאַכט זיך, עס איז עפּעס נישט גלאַטיק? האַ? אפשר וואָלסטו נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען מיטן מעסער? — וואָס זאָגסטו עפּעס, וועגן אידענטישקייט, דאַכט זיך?

דער ראַזירער, וועלכער האָט געהאַט באַקומען אַ טאַלאַנט אין גאָלד פון די הויף-בישאָפן אורזאַקיוס און וואַלענטוס, אַז ער זאָל צוגרייטן דעם קייסער צום נייעם רעליגיעזן צערעמאָניאַל, רוימט אים ווייטער איין

אין אויער אַריין שטיל, דייטלעך און גיך, גייענדיק מיט דעם ראַזיר־מעסער איבער קאָנסטאַנציוסעס פּנים, ווי ער וואָלט עס נישט געגאָלט, נאָר געגלעט.

אין דער זעלבער מינוט גייט צו צום קייסער דער נאָטאַריוס פּוילוס, לויטן צונאָמען קאַטענע, די קייט: דעמדאָזיקן צונאָמען האָט מען אים געגעבן, ווייל מיט זיינע מסירות פּלעגט ער אַרומוויקלען זיין קרבן ווי מיט אַ קייט. פּוילוסעס פּנים איז ווייבעריש, צאַרט, גלאַטיק; לויט זיין אויסזעען קאָן מען מיינען, אַז דאָס איז אַ מלאך, נישט קיין מענטש; זיינע אויגן שוואַרצע, מאַטע, מיט אַ געפל פאַרצויגן; דער גאַנג אַ שטילער, און אַלע באַוועגונגען אַזעלכע צאַרטע, עלאַסטישע, אַנגענעמע, ווי בּאַ אַ קאַץ. אויפן מאַנטל טראָגט ער אַ ברייטע טונקל־בלויע באַנד איבער דער גאַנצער ברוסט דורכן אַקסל אַריבערגעוואָרפן, דאָס איז אַ ספּעציעלער סימן פונם קייסערס גנאָד.

פּוילוס קאַטענע רוקט אָפּ דעם ראַזירער מיט אַ גראַציעזער הער־שערישער באַוועגונג, בייגט זיך צו צו קאָנסטאַנציוסעס אויער און רוימט אים איין:

— יוליאַנס אַ בריוו. איך האָב אים ערשט די היינטיקע נאַכט אָנגעטראָפן. באַוויליק אים אויפצוזשמעכן.

קאָנסטאַנציוס גיט שנעל אַ ריס אַרויס דעם בריוו פון קאַטענעס האַנט, עפנט אים אויף און הייבט אים אָן לייענען. ער איז אָבער אַנטוישט פונם אינהאַלט:

— נאַרישקייטן, — מורמלט ער אַרויס, — אַ מליצה־בריוו. ער שיקט עפּעס אַ געלערנטן סאָפיסט הונדערט ווינטרויבן און שרייבט אײַנ־איינוועגס אַ לויב־געזאַנג די ווינטרויבן און דער צאָל הונדערט.

— דאָס בריוול איז נישט אַזוי פּשוט, דאָ שטעקט עפּעס אַ קונץ! — באַמערקט דערויף קאַטענע.

— קיין שום באַווייזן? — פרעגט אים קאָנסטאַנציוס. — אַלץ נאָך קיין שום באַווייזן?

— קיין שום.

— אָדער ער איז זייער פיפיק, אָדער...

— וואָס האָט דיין אייביקייט געוואָלט זאָגן?

— אָדער אומשולדיק.

— ווי דיין אייביקייט וועט באַוויליקן, — האָט פּוילוס שטיל אַרויסגערעדט.

— ווי איך וועל באַווייזן ? — איך וויל נאָר געוועכטיקייט, בלויז געוועכטיקייט, צי ווייסטו דען דאָס נישט ?... איך דאַרף האָבן באַווייזן.

— האָב געדולד, ס'וועלן זיין באַווייזן.

עס באַווייזט זיך אַ צווייטער מסור, אַ יונגער פּערסיאַנער מיטן נאָמען מערקוריוס, לויטן אַמט אַ הויף־טיש־מייסטער, כמעט נאָך אַ יונג יינגל, מיט אַ געל פּנים און שוואַרצע אויגן. פאַר אים פלעגט מען פונקט אַזוי מורא האָבן ווי פאַר קאַטענען, מ'פלעגט אים רופן אין שפּאַס „דער מייסטער פון חלומות": ווען עמעץ פלעגט זעען עפּעס אין חלום, פלעגט שוין מערקוריוס געוויר ווערן וועגן דעם, און אויב דער חלום האָט געקאָנט האָבן עפּעס אַ שלעכטע באַדייטונג פאַר דער הייליקער פּערזאָן פונם קייסער, פלעגט ער וועגן דעם תיכף מודיע זיין. שוין נישט איין מענטש האָט טייער באַצאָלט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אומפאָרזיכטיק און געזעען אין חלום אַזעלכעס, וואָס מ'טאָר בכלל נישט זעען. די הויפלייט האָבן אָנגעהויבן פאַרזיכערן, אַז זיי ליידן אויף שלאָפלאָזיקייט און האָבן מקנא געווען די איינוווינער פונם לעגענדאַרישן לאַנד אַטלאַנטידע, וועלכע זעען נישט קיין חלומות אין שלאָף, ווי פּלאַטאָן באַהויפּטעט.

דער פּערסיאַנער רוקט אָפּ פון וועג די צוויי נעגרן די סריסים, וועלכע בינדן צו די בענדלעך פון קייסערס שיך מיט די אויסגענייטע גאָלדענע אָדלערס; די שיך דעם קייסערס זענען פון העל־גרינער לעדער, — פון אַזאַ פאַרב האָבן געמעגט זיין נאָר דעם קייסערס שיך אַליין. דער פּערסיאַנער פאַלט דעם געטלעכן הערשער צו די פיס, נעמט זיי אַרום, קושט זיי און קוקט אים אין די אויגן אַריין, ווי אַ געטרייער הונט, ווען ער לאַשטשעט זיך צום באַלעבאָס און דרייט מיטן וויידל.

— זאָל מיר דיין אייביקייט מוחל זיין! — רוימט אים דער קליינער מערקוריוס איין מיט אַ קינדערישער, נאַיווער איבערגעגעבנקייט. — איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געקומען צו לויפן צו דיר; גוידענציוסן האָט זיך געחלומט אַ שלעכטער חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער זעט דיך אין צעריסענע מלבושים און מיט אַ קראַנץ פון ליידיקע זאַנגען מיט די קעפּ אַראָפּ.

— וואָס באַדייט עס ?

— ליידיקע זאַנגען באַדיישן הונגער, און צעריסענער פּורפּור... איך האָב מורא אַרויסצוברענגען...

— קראַנקייט ?

— אפשר נאָך ערגערס. גוידענציוסעס ווייב האָט פאַר מיר מודה געווען, אַז איר מאַן איז שוין געווען בײַ טרעפּערס, ווער ווייסט, וואָס זיי האָבן אים געזאָגט...

— גוט, מיר וועלן עס שפּעטער איבערשמועסן. קום אַריין אינ־אָוונט.

— ניין, שוין! דערלויב מ'זאָל אים נעמען אויפן פאַרהער, גאַנץ לייכט, נישט אויף קיין פייער. — נאָך האָב איך — וועגן די טיש־טיכער...

— וועלכע טישטיכער?

— האָסט גאָר פאַרגעסן? אין אַקוויטאַניע אויף אַ סעודה זענען אויפן טיש געדעקט געווען צוויי טישטיכער מיט אַזעלכע ברייטע פּורפּור־רענער ראַנדן, אַז זיי זענען געווען פּונקט ווי אַ קייסערלעכע כלאַמידע.

— ברייטער פון צוויי פינגער? איך האָב דאָך אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז ביז צוויי פינגער מעג מען.

— אָ, אַ סך ברייטער! איך זאָג דאָך, פּונקט ווי אַ קייסערלעכע כלאַמידע. עס איז דען זיך פאַרצושטעלן אַזאַ גאָטלעסטערישקייט, אַ טיש־טוך מיט קייסערלעכן פּורפּור!...

מערקוריוס שיט אויס אין דער גיך אַלע מסירות, וואָס האָבן זיך בײַ אים געהאַט אָנגעזאַמלט:

— אין דאַפנע איז געבוירן געוואָרן אַ סאַרזעעניש — פורמלט ער גיך, שטאַמלענדיק — פיר אויערן, פיר אויגן, צוויי שפּיציקע ציין, אינ־גאַנצן אַ האָריקער; די וואָרזאָגערס טענהן, אַז דאָס איז אַ סימן אויף שלעכטס, אַז די הייליקע אימפּעריע זאָל צעטיילט ווערן.

— מיר וועלן שוין זען. שרייב אָן אַלץ מיט אַ סדר און ברענג עס צו טראָגן.

דער קייסער פאַרענדיקט זיין מאָרגן־טואַלעט. ער כאַפּט נאָך אַ קוק אין שפּיגל און נעמט נאָך אַ ביסל רויש אויף אַ דין פּענזעליקל פון אַ זילבערן מיסטעריעז קעסטעלע אַרויס, וואָס איז ענלעך צו אַ קליינעם אוהל אויף אַ קבר פון אַ קדוש, מיט אַ צלמל אויפן דעקל: קאָנסטאַנציוס איז געווען זייער פרום; אומעטום, אין יעדן ווינקל, אויף יעדער איינציק שמאָכטעלע האָבן זיך געפונען בײַ אים אָן אַ שיעור צלמימלעך און

קריסטוסעס איגיציאַלן; — דעם באַזונדערן מין אויסטערליש-טייערן רוזש, וועלכן מ׳האָט גערופן „פּורפּורדיסימאַ“, פלעגט מען מאַכן פון דעם ראַזן שוים, וואָס מ׳פלעגט אַראָפּנעמען פון דעם זודיקן זאַפט בשעתן קאָכן די פּורפּור-מושלען; מיטן פּענזעליקל איינגעטונקען אין דעמדאָזיקן רוזש גיט ער זיך נאָך אַ קינציקן שמיר איבער די ברוינע, איינגעדאַרטע באַקן. די סריסים ברענגען אַרויס פונעם צימער, וואָס רופט זיך „פּאָרפּיריע“, די קייסערלעכע מאַנטיע, וועלכע געפינט זיך שטענדיק אין דעמדאָזיקן צימער אין אַ פינפטורעמדיקער שאַנק, וואָס רופט זיך „פּענטאַפּירגיאָ“; די קייסערלעכע מאַנטיע איז אַ שטייפע, זי קאָן זיך כמעט נישט בייגן, זי איז זייער שווער פון די טייערע שטיינער און דעם גאָלד, מיט וועלכע עס זענען אויסגעזויצט די אויסגעהאַפטענע באַפליגלטע לייבן און שלאַנגען אויפן אַמעטיסטענעם פּורפּור-פעלד.

אין יענעם טאָג האָט אין הויפּט-זאַל פונעם מעדיאָלאַנער פּאַלאַץ געדאַרפט פאָרקומען אַ קאָנציליום, אַ קירך-אסיפה.

אויף דעמדאָזיקן קאָנציליום איז דער קייסער אַוועק דורך אַ גע־דעקטן מאַרמאָרנעם קאָרידאָר. די פּאַלאַץ-וואַך, די פּאַלאַטינען, זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, שטום ווי די סטאַטועס מיט אויפגעהויבענע שפּיזן, יעדע שפּיז פערצן איילן די לענג. פאָרויס איז געגאַנגען דער שאַץ-מייסטער פון זיין הייליקייט — דער Comes Sacrarum Largitionum — און געטראָגן דעם „לאַבאַרום“, קאָנסטאַנטינס גאָלדענע פאָן מיטן קריסטוס-מאָנאָגראַם, די פאָן האָט געפֿינקלט און גע־בלאַנקט. די לייב-וואַך, וועלכע מ׳האָט גערופן „שווייגערס“ — silentiarii — איז געלאָפן פאָרויס און מיט אַ צייכן מיט די הענט אויפגעפאָדערט יעדן צו יראת-הכבודיקער שטילקייט.

אין איינעם פון די זאַלן איז דעם קייסער אַקעגנגעקומען זיין פרוי, די קייסערין עוזעביע-אויפעליע. אַ פרוי שוין נישט קיין יונגע, מיט אַ בלאַס, מיד פנים, מיט דעליקאַטע, איידעלע שטריכן; טיילמאָל פלעגט אויפפלאַקערן אין אירע דורכדרינגלעכע אויגן אַ בייזער חוזק־שמייכל.

די קייסערין האָט צוגעפּעלייגט די הענט אויפן ברוסט-טוך, וואָס איז באַשאָטן געווען מיט רובינען און שאַפירן, וואָס יעדע פון זיי איז געשליפן געווען אין דער פאָרם פון אַ האַרץ, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און אַרויסגערעדט די געוויינלעכע מאָרגן-באַגריסונג:

— איך בין געקומען זיך אָנזעטיקן מיט דיין אָנבליק, גאָט־

געליבטער מאַן מײַנער. װי אַזוי האָט באַװיליקט צו שלאָפן דײַן הייליקייט ?

דערנאָך האָט זי אַ װוּנק געטון צו די צװײ הויף־מאַטראָנעס עפּראַזיניע און טרעאָפּאַניע, װעלכע האָבן זי אונטערגעהאַלטן אונטער די הענט. זיי האָבן זיך תּיכּף אָפּגערוקט אַ ביסל פון איר און זי האָט שטיל אַ זאָג געטון צום מאַן :

— היינט דאַרף זיך יוליאַן שטעלן פאַר דיר. זײַ צו אים גנעדיק. גלייב נישט די מוסרים. ער איז אַן אומגליקלעכער, אַן אומשולדיקער בחור. גאָט װעט דיך באַלוינען. אויב דו װעסט זײַן דערבאַרעמדיק צו אים.

— דו בעטסט פאַר אים ?

זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט מיט די בליקן.

— איך װייס, — האָט זי אַ זאָג געטון דערוויף, — דו גלייבסט מיר שטענדיק : גלייב־זשע מיר אויך דאָס איצטיקע מאָל. יוליאַן איז דיר אַ געטרייער קנעכט. זאָג מיר נישט אָפּ, זײַ צו אים גנעדיק...

און זי האָט געשאָנקען דעם מאַן אַזאַ שמייכל, װעלכער האָט איצט נאָך געהאַט אַ װירקונג אויף זײַן האַרץ.

אין דעם פּאָרטיק, װעלכער איז געװען אָפּגעטיילט פונם הויפּט־זאַל מיט אַ טעפּיך־פּאַרהאַנג, הינטער װעלכער דער קייסער פלעגט ליב האָבן אונטערצוהערן אַלץ, װאָס עס קומט פאָר אויף דעם קאָנציליום, איז צו אים צוגעקומען אַ מאַנאַך מיט אַ קרייץ אויסגעגאָלט אינמיטן קאָפּ, אין אַ טוניק פון גראָב טונקל געװאַנט, מיט אַ שנירל שװאַרצע פּאַטשערקעס אויף די לענדן. דאָס איז געװען יוליאַן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר קאָנסטאַנציוסן אויף די קניען, גע־פאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, אַ קוש געטון דעם זוים פון דער קייסערלעכער מאַנטיע און אַ זאָג געטון :

— איך באַגריס דעם װוּלטעטיקן, זיגרייכן, גרויסן, אייביקן קייסער אויגוסט קאָנסטאַנציוס. זאָל מיך דײַן הייליקייט באַשענקען מיט זײַן גנאָד !

— מיר זעען דיך גערן, זון אונזערער.

יוליאַנס פעטערן־זון האָט גנעדיק צוגעטראָגן די האַנט צו זײַנע ליפּן. ער איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו דערדאָזיקער האַנט, אויף װעלכער עס איז געװען דאָס בלוט פון זײַן פאָטער, פון זײַן ברודער — פון זײַן גאַנצער משפּחה.

דער מאַנאַך האָט זיך אויפגעשטעלט אַ בלאַסער און מיט ברענענ־דיקע אויגן געקוקט אויף זיין ערגסטן שונא. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסט אויפן הענטל פונם קינדשאַל, וועלכן ער האָט געהאַט פאַרבאָרגן הינטערן מאָנאַכישן מלבוש.

קאָנסטאַנציוסעס קליינע, גרויע אייגעלעך האָבן געלויכטן פון גאווה, בלויז פון צייט־צו־צייט האָט אין זיי אַ פינקל געטון געשייטע פאָרזיכ־טיקייט. ער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ קאָפּ קלענער פון יוליאַנען, אַ ברייטפּלייציקער, וואָרשיינלעך אַ געזונטער, אַ פעסטער, נאָר פיס האָט ער געהאַט העסלעכע, אויסגעקרומטע, ווי בײַ אַלטע רייטערס, די ברוינע הויט אויף די באַקן און אויף די שלייפן האָט געהאַט עפּעס אַזאַ אומ־אָנגענעמען גלאַנץ; די דינע ליפּן שטרענג צונויפגעפּרעסט, ווי בײַ אַ מענטש, וואָס האָט צום מייניסטן ליב אָרדנונג און פּינקטלעכקייט: אַזאַ אויסדרוק איז אָפט צו באַמערקן בײַ אַלטע לערערס פון שולן.

יוליאַנען איז דאָס אַלץ געווען אַזוי נמאס, אַזוי פאַרהאַסט. ער האָט געפילט, ווי עפּעס אַ בלינדע חיהשע רציחה כאַפּט אים ביסלעכווייז אַרום, אַז ער איז נישט בכוח אַרויסצורעדן קיין איינציק וואָרט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שווער געאָטעמט.

קאָנסטאַנציוס האָט אַ שמייכל געטון, ער האָט געמיינט, אַז דער בחור קאָן נישט אויסהאַלטן דעם קייסערלעכן בליק זיינעם, — אַז ער איז צעמישט פון דער געטלעכער גרויסקייט פונם רוימישן קייסער, און ער האָט אַרויסגערעדט גדלותדיק און גנעדיק:

— שרעק דיך נישט, בחור! גיי לשלום. אונזער גוטסקייט וועט דיר קיין שום שלעכטס נישט טון און אויף ווייטער נישט פאַרלאָזן דיין פאַריתומטקייט מיט אונזערע חסדים.

יוליאַן איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל, וווּ דאָס קאָנציליום איז פאָרגעקומען. דער קייסער איז צוגעגאַנגען האַרט צו דער פאָרטיערע, צוגעלייגט דאָס אויער און מיט אַ געשייטן שמייכל אויפן פּנים זיך אָנגעהויבן איינהערן.

ער האָט דערקענט דאָס קול פונם הויפּט־מייסטער איבער דער מלוכה־פּאָסט, גוידיענציוס, דער זעלבער, וועלכער האָט געהאַט דעם שלעכטן חלום.

— איין קאָנציליום נאָכן אַנדערן! — האָט זיך גוידיענציוס גע־קלאָגט פאַר עפּעס אַ גרויסן מאַן. — דאָ אין סירמיום, דאָ אין סאַרדיק, דאָ אין אַנטיוכיע, דאָ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מ'האַלט זיך אין איין שפּאַרן

און מ'קאָן בשום אופן נישט קומען צו קיין אויסגלייך וועגן דער „אידענטישקייט". עס איז דאָך אַ גאַנץ רחמנות אויף די פּאָסט־פערד! די בישאָפן פאָרן אַרום און צעבּרעכן שיער נישט די פיס, אַזוי קיין צייט האָבן זיי נישט, און אַלץ אויפן מלוכהשן חשבון. דאַ אַהין, דאַ אַהער, דאַ קיין מזרח, דאַ קיין מערב. און נאָך זיי גאַנצע מחנות פּרעסביטערן, גלחים, קלויסטער־באַאַמטע, שרייבערלעך. געלט פליט ווי האָלץ! צווישן צען פּאָסט־קלאַטשעס קאָן מען קוים אפשר געפינען איינע, וואָס די בישאָפן זאָלן זי נישט האָבן אויסגעמוטשעט. נאָך אַ פינף אַזעלכע קאָנציליומס איז אַן עק, — אַלע מיינע פערד וועלן האָבן אויסגעפּגרט און די רעדער פון די פּאָסט־וואָגנס וועלן זיך האָבן צעפאַלן אויף שטיקער. אויף מיין ערנוואָרט! און דאָס אַלץ איז דאָך אַרויסגעוואָרפן! זיי וועלן זיך דאָך קיינמאָל נישט אויסגלייכן נישט וועגן די היפּאָסטאַזן, נישט וועגן דער אידענטישקייט!

— פאַרוואָס־זשע, גוידיענציוס, דערלאַנגסטו נישט וועגן דעם קיין ראַפּאָרט דעם קייסער?

— איך האָב מורא, מ'וועט מיר נישט גלייבן, מקאָן מיך נאָך חושד זיין אין אפּיקורסות, אַז איך האָב קיין דרך־ארץ נישט פאַר די רעליגיעזע הצטרקותן.

אין דעם ריזיקן קיילעכדיקן זאַל מיט דעם געוועלבטן סופיט און מיט די זיילן פון גרינלעכן געשטרייפטן פריגישן מאַרמאָר איז געווען ענג, דושנע. די שטראַלן פון דער זון זענען משופּעדיק אַריינגעפאַלן אין די פענצטער, וועלכע האָבן זיך געפונען באַם סאַמע סופיט. דאָס גערויש פון די פאַרזאַמלטע איז ענלעך געווען צום זומען אין אַ בינשטאָק.

אויף אַ באַזונדערן פּיעדעסטאַל איז געשטאַנען אַ טראָן פאַרן קייסערס וועגן — מיט ליבן־פיס פון העלפאַנטביין — sella aurea — וועלכע זענען געווען פאַרלייגט איינער אויפן אַנדערן, ווי אויף די איינלייג־פּאַסטלן פון די פאַרצייטישע רוימישע קאָנסולן.

לעבן דעם ליידיקן טראָן איז געשטאַנען דער פּרעסביטער פּאַפּנוטיוס און מיט אַ צעהיצט, באַיוו פּנים געטענהט:

— איך, פּאַפּנוטיוס, אַזויווי איך האָב מקבל געווען פון די אבות. אַזוי האַלט איך עס אין געדענק! לויט דער קבלה פון דעם הייליקן פאָטער אונזערן, אַטאַנאַזיוס, דעם פּאַטריאַרך פון אַלעקסאַנדריע, דאַרף מען אָפּגעבן שבח דעם א י י נ צ י ק ן אין דער ד ר י י א י י נ י ק י י ט און דער ד ר י י א י י נ י ק י י ט אין דעם א י י נ צ י ק ן. דער פּאַ־

טער איז גאָט, דער זון איז גאָט און דער הייליקער גייסט איז גאָט, אָבער נישט קיין דריי געטער זענען פאַראַן, נאָר איין גאָט.

און ווי ער האָלט צעשמעטערט עפּעס אַן אומגעזעענעם שונא, האָט ער מיטן גאַנצן אימפּעט אַ קלאַפּ געטון מיט זיין ריזיקער פויסט פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער דלאָניע אַריין און אַלעמען אַרומגענומען מיט אַ טריומפירנדיקן בליק:

— אַזוי ווי כ׳האָב מקבל געווען, אַזוי האַלט איך עס אין געדאַנק!

— האַ? וואָס? וואָס רעדט ער דאָרט? — פרעגט האַזיוס, אַ הונ־דערטיעריקער זקן, וועלכער האָט נאָך אָנטיילגענומען אין ניצעיִשן קאָנ־ציליום. — ווי איז דאָ מיין הער-טרייבל?

אַן אומבאַהאָלפנקייט איז אויסגעדריקט אויף זיין פנים. ער איז טויב, כמעט אינגאַנצן בלינד, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד ביז די לענדן. עפּעס אַ גלח שטעלט אים צו דאָס הער-טרייבל צום אויער.

אַ בלאַסער, אויסגעדאַרטער מאַנאַך, אַ בעל-תשובה, שטייט הינטער פּאַפנוטיוסן און צופּט אים באַם קיטל מיט אַ תחנונימדיקער מינע:

— פּאָטער פּאַפנוטיוס! — באַמיט ער זיך אים איבערצושרייען.— אין וואָס גייט עס דען? — איבער איין איינציק וואָרט! אַלץ איבער איין איינציק וואָרט: „ענלעך" צי „אידענטיש".

און דער בעל-תשובה כאַפּט פּאַפנוטיוסן באַם קיטל און דערציילט אים, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַכן עס ווערן אָפּגעטון אין אַלעקסאַנדריע און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די אַריאַנער נייטן אַלעמען אָנטיילצונעמען אין די מעססעס אין זייערע קלויסטערן, און אויב איינער וויל נישט, עפּענען זיי יענעם אויף דאָס מויל מיט ספּעציעלע הילצערנע מכשירים, צוויי שטעקנס אַזעלכע מיט אַ שרויף אינמיטן, און שטופּן אים אַריין אין מויל אַריין מיט גע־וואַלט די האָסטיע; קינדער פייניקן זיי מיט ענוים קשים; פרויען צע־קוועטשן זיי די וואַרצלען פון די ברוסטן אָדער ברענען זיי אויס מיט אָנגעגליטע אייזנס; אינם קלויסטער פון די הייליקע אַפּאָסטאָלן איז צווישן די אַריאַנער און די אָרטאָדאָקסן פאָרגעקומען אַ פאָרמעלע שלאַכט, דער באַסיין אויף רעגן-וואַסער איז פול געוואָרן מיט בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן איבער די טרעפּ פון קלויסטער פונקט ווי אַ טייך; אין אַלעקסאַנדריע האָט דער פּרעפעקט סעבאַסטיאַנוס געשמיסן אַלע אָרטאָ־דאָקסישע בתולות מיט שטעכעדיקע פּאַלמען-צווייגן, אַ סך פון זיי זענען

געשטאָרבן פון די שמיץ און די נישט באַגראָבענע, פאַרשוועכטע קער־פּערס ליגן הינטער די טויערן פון דער שטאָט. — און דאָס אַלץ קומט פאַר איבער איין איינציק וואָרט, איבער אַ נאַרישקייט, איבער „אַ קיצו של יוד”.

— פאָטער פּאַפּנוטיוס, — האָט דער בלאַסער בעל־תשובה געהאַלטן אין איין טענהן, — איבער „אַ קיצו של יוד” ! און ועל כולם איז דאָך גאָרנישט דערמאָנט וועגן דעם איןביידע טעסטאַמענטן ! צוליב וואָס־זשע שפּאַרט מען זיך אַזוי, צוליב וואָס־זשע פּייניקט מען אַזוי איינער דעם אַנדערן ? באַדענק דיך, פאָטער, עס איז דאָך די גרעסטע זינד !...

— נו, וואָס־זשע דען ? — האָט אים פּאַפּנוטיוס אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן די רייד. — זיך אונטערגעבן דידאָזיקע פאַרשאָלטענע גאָטלעסטערער, דידאָזיקע כלבים, וועלכע האָבן אויסגעמייקעט פון זייער אַפּיקורסיש האַרץ, אַז ס'איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען דער זון האָט נישט עקזיסטירט.

— איין פּאַסטוך — איין סטאַדע, — האַלט זיך דער בעל־תשובה נישט־זיכער בײַ זיין מיינונג. — לאָמיר זיי אָפּטרעטן...

פּאַפּנוטיוס הערט אים שוין אָבער נישט. ער שרייט שוין איצט אַזוי הויך, אַז די אָדערן אויפן האַלז און אויף די שלייפן זענען אים אָנגעלאָפן, טייכן שווייס רינען אים אַראָפּ פון שטערן.

— זאָלן פאַרשטומט ווערן די גאָטלעסטערער ! עס וועט אַזוי נישט זיין ! עס וועט אַזוי נישט זיין ! אין חרם אַריין די מנוולדיקע אַריאַנישע אַפּיקורסות ! ווי איך האָב מקבל געווען פון די אבות, אַזוי האַלט איך עס אין געדאַנק !

דער הונדערטיעריקער האַזיוס שאָקלט צו מיטן גרויען קאָפּ אומבאַהאָלפן, מיט הסכמה.

— וואָס ביסטו עפּעס אַנטשוויגן געוואָרן, אַבבאַ דאָראָטעוס ? עפּעס נעמסטו היינט כמעט קיין אָנטייל נישט אין די וויכוחים ? שוין נמאס געוואָרן ? האַ ? — פרעגט דער פּרעסביטער פּיבע, אַ הויכער, אַ שיינער מאַנספּערשוין מיט געלאָקטע, לאַנגע, פּעך־שוואַרצע האָר, איינעם אַ רירעוודיקן, געלן אַלטיטשקן.

— כ'בין שוין הייזעריק, ברודער פּיבע, כ'וואָלט זייער געוואָלט כ'קאָן אָבער נישט. דאָ נישט לאַנג האָב איך מיר צופיל אָנגעשטרענגט דעם האַלז, דאָס איז געווען בשעת מ'האָט געלייגט אין חרם אַריין די פאַרשאָלטענע אַקאַקיאַנער : שוין צוויי טעג בין איך אַזוי הייזעריק.

— דו וואָלסט געדאַרפט, פּאַטער, רויִע אייער טרינקען: דאָס העלפט זייער.

אין צווייטן עק פון זאַל פירט אַ וויכוח דער אַנטיוכישער גלח אַעציוס, איינער פון די עקסטרעמסטע אַריאַנער. מ'האָלט אים פאַר אַ גאַטלאָזן, פאַר אַן אַטעיסט צוליב זיינע אַפּיקורסישע רייד וועגן דער געטלעכער דרייאייניקייט. זיין פּנים איז שטענדיק פריילעך, לצנותדיק. ער איז שוין אין זיין לעבן דורכגעקומען פאַרשידענע גלגולים: ער איז שוין געווען אַ קנעכט, דערנאָך אַ קאַטלער, דערנאָך אַ שוואַרצער אַרבעטער, אַ רעדנער, אַ רופא, אַ תּלמיד בײַ די פילאָזאָפן אין אַלעקסאַנדריע און איצט אַ גלח.

— גאָט דער פאַטער איז אייגנטלעך אינגאַנצן פרעמד גאָט דעם זון, — פּרעדיקט אַעציוס, הנאה האָבנדיק פון דעם פּחד, וואָס זיינע רייד רופן אַרויס בײַ די אַרומיקע. — עס איז פאַראַן אַ דרייאייניקייט. אָבער די היפּאָסטאַזן זענען פאַרשידן לויט זייער גרויסקייט. גאָט איז אומבאַגרייפלעך פאַרן זון, דערפאַר ווייל עס איז אוממעגלעך צו באַגרייפן דאָס, וואָס גאָט איז אַזעלכעס. אפילו זיך אַליין קאָן דער זון נישט באַגרייפן, ווייל דער, וואָס האָט אַן אָנהייב, קאָן נישט באַנעמען דעם, וואָס איז אָן אָן אָנהייב און אָן אַ סוף.

— האַלט איין די אַפּיקורסישע צונג! — שרייט אויס מיט צאָרן דער מאַרמאַריקישער בישאָף טעאָ. — איר זעט, ברידער מיינע, ווי ווייט עס קאָן דערגרייכן די טייוואָלאָנישע חוצפּה פון די אַפּיקורסים!

— מיט דיינע שיינע ריידעלעך, — ברומט אונטער אין אויפרעגונג דער פּאַמפּעאָפּאָליסער בישאָף סאָפראָניוס — פאַרפּירסטו די נאַיווע, בלינדע שעפעלעך.

— באַווייזט מיר פילאָזאָפישע רעיות, וועל איך איינשטימען מיט אייך. מיט אייערע געשרייען און זידלערייען באַווייזט איר נאָר אייער שוואַכקייט, — ענטפערט זיי אַעציוס געלאַסן.

— אין דער תּורה שטייט געשריבן, — הייבט סאָפראָנאַס אָן.

— וואָס גייט מיך אָן די תּורה? גאָט האָט געגעבן שכל דעם מענטש, ער זאָל דערקענען זיין ליבן נאָמען. איך גלייב אין דיאַלעקטיק, נישט אין דעם טרוקענעם טעקסט פון דער הייליקער שריפט. אדרבא, באַווייזט מיר אייער גערעכטיקייט, נאָר האַלט אייך אָן די קאַטעגאָריעס און סילאָגיזמען פון אַריסטאָטעלעסן.

און מיט אַ גאווהדיקן שמייכל אויף די ליפּן הילט ער זיך איין אין זיין גלחיש קיטל, ווי דיאָגענעס אין זיין ציניִשן מאַנטל.

טייל בישאָפן האָבן שוין ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו אַן אויסגלייך, איין צד האָט אָנגעהויבן מאַכן הנחות דעם צווייטן. פּלוצלינג מישט זיך אָבער אַריין אַן אָנהענגער פון די אַריאַנער, נאַרציזעס פון נעראָניאַדע; דערדאָזיקער מענטש איז געווען אַ בקי אין אַלע קאָנציליום-תקנות, אין אַלע סימבאָלן, אין אַלע קאַנאָנען; מען האָט אים אומעטום פיינט, מ׳באַשולדיקט אים אין ניאוף, זנות, גזילה, און נעמען שוחד, פונדעסטוועגן שעצט מען אים פאַר זיין לומדות.

— אפּיקורסות! — האָט ער אַ זאָג געטון צו די בישאָפן קורץ און שאַרף.

— וואָס פאַר אפּיקורסות? פאַרוואָס אפּיקורסות? — האָבן עטלעכע זיך אָנגערופן מיטאַמאָל.

— דאָסדאָזיקע איז ריינע אפּיקורסות, אַזוי איז נאָך באַשלאָסן געוואָרן אויפן קאָנציליום אין פּאַפלאַגאָניע.

נאַרציזעס האָט געהאַט קליינע, שיקלדיקע אייגעלעך מיט אַ בייזן גלאַנץ, אַ בייז, קרום שמייכעלע האָט אים שטענדיק געשפּילט אויף די דינע ליפּעלעך, זיינע גרוילעכע האָר זענען געווען האַרט און שטעכעדיק ווי חזיר-האָר. ער איז געשטאַנען און געשפּיזט די בישאָפן מיט זיינע קרומע, בייזע אייגעלעך.

— אהאַ! אין פּאַפלאַגאָניע! — האָבן די בישאָפן איבערגעחזרט אין פאַרלעגנהייט. — מיר האָבן דאָך שיער נישט פאַרגעסן וועגן דעם-דאָזיקן קאָנציליום. — וואָס-זשע טוט מען איצט?

נאַרציזעס האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט זיין בייז שמייכעלע און טריומפירט.

— רבונו של עולם, זינדיק זענען מיר! — האָט געליאַרעמט דער גוטמוטיקער, נאַיווער בישאָף עוזאָיוס. — איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט. עס שווינדלט מיר שוין אין קאָפּ: אידענטיש, נישט אידענטיש, ענלעך, נישט ענלעך, היפּאָסטאַזע, קאָנציליום — עס רוישט מיר שוין אין די אויערן פון די גריכישע ווערטער. איך גיי אַרום ווי אַ צעמישטער, איך ווייס אַליין נישט, אין וואָס איך גלייב יאָ און אין וואָס איך גלייב נישט, וואָס הייסט אפּיקורסות און וואָס נישט. רבונו של עולם, יעזוס קריסטוס, העלף אונז. מיר ווערן דאָך פאַרפּלאָנטערט עפּעס אין אַ טיִיִלאָגישער נעץ!

די געשרייען און דאָס גערודער זענען פּלוצלינג איינגעשטילט געוואָרן. אויף דער אַמבאָנע איז אַרויף דער בישאָף אורזאַקיוס פון צינגידאָניע, איינער פון דעם קייסערס הויף-ליבלינגען. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע פּאַרמעטענע מגילה. צוויי שנעל-שרייבערס האָבן זיך אַנידערגעזעצט בײַ צוויי אָפענע ביכער, כדי צו פאַרשרייבן די באַשלוסן פונם קאָנציליום. זיי האָבן אָפּגעשניצט צוויי פעדערן פון עגיפּ-טישע שטעקעלעך — קאַלאַמוס. אורזאַקיוס האָט אָנגעהויבן לייענען דעם קייסערס באַפעל צו אַלע בישאָפן:

„קאָנסטאַנציוס דער זיגער, דער טריומפאַטאָר, דער הויכגעלויב-טער און אייביקער אויגוסט — צו אַלע פאַרזאַמלטע בישאָפן אין מעדיאָלאַן".

אין דעם באַפעל האָט ער געפאָדערט פון קאָנציליום מיט גראָבע, מיאוסע ווערטער אַראָפּצוזעצן דעם אַלעקסאַנדרינישן פּאַטריאַרך אַטאַנאַזי-יוסן; ער האָט גערופן דעם איבעראַל געאַכטעטן, היילִיקן זקן „דער ניש-טיקסטער מענטש, דער פאַררעטער, דער מיטשותף פון דעם עזותדיקן, מיאוסן מאַקזענציוסן".

די הויף-אונטערלעקערס — וואַלענטוס, עוזעביוס, אַקזענטיוס האָבן אָנגעהויבן אונטערשרייבן דעם באַפעל. צווישן די איבעריקע האָבן זיך אָבער דערהערט אַ מורמלעריי:

— אַ פאַרשאָלטענער איפּטו! אַ שפּיצל! אַ קונצשטיק פון די אַריאַנישע קריסטוס-פיינט! מיר וועלן נישט לאָזן באַליידיקן דעם פּאַטריאַרך!

— דער קייסער רופט זיך אָן „אייביקער"! אויסער גאָט איז קיי-נער נישט אייביק! דאָס איז גאָטלעסטערונג!

די לעצטע ווערטער האָט קאָנסטאַנציוס בולט געהערט, שטייענדיק הינטער דער פּאָרטיערע.

ער האָט פּלוצלינג אָוועקגעשאַרצט דעם טעפּיך און אַריין אין זאַל, וווּ דאָס קאָנציליום איז פאַרגעקומען. די שפּיזנטרעגערס האָבן אים אַרומ-גערינגלט. דעם קייסערס פּנים איז געווען צאָרנדיק. אויפן זאַל איז גע-וואָרן טויט-שטיל.

— וואָס איז דאָרט? וואָס איז? — האָט זיך דערהערט פון דער שטילקייט אַרויס דעם בלינדן האַזיוסעס קול. זיין אַלט, געקנייטשט פּנים האָט אויסגעדריקט אומפאַרשטענדלעכן פּחד.

— הייליקע פאָטערס! — האָט דער קייסער אָנגעהויבן, איינהאַלטנ-

דיק דעם כעס. — דערלויבט מיר, דעם דינער פון בארמהערציקן גאט, צו דערווייזן מיט דער הילף פונם אייבערשטן מיין רעכטפארטיקייט. אטא־נאזיוס איז א מורד במלכות, א צעשטערער פון דער איינציקער, אומטייל־בארער וועלט־אימפעריע...

צווישן פארזאמלטן עולם האט זיך ווידער דערהערט א מורמלעריי.

קאנסטאנציוס איז אנטשוויגן געווארן און מיט פארוווּנדערונג אנגעקוקט די בישאפן. עמעץ פון צווישן עולם האט א געשריי געטון:

— די מנוולדיקע אריאנישע אפיקורסות אין חרם אריין!

— דאס גלויבן, קענען וועלכן איר שטעלט אייך אקעגן, — האט דער קייסער אפגעענטפערט. — איז אונזער גלויבן. אויב עס איז אן אפיקורסיש גלויבן, — פארוואס־זשע האט אונז דער רבונו של עולם געשענקט דעם נצחון איבער אונזערע אלע שונאים — איבער קאנסטאנען, בעטראניאנען, גאללוסן, איבערן עזותדיקן, מיאוסן מאקזענציוסן? פאר־וואס־זשע האט דער אלמעכטיקער גאט געגעבן אין אונזער הייליקער האנט אריין די מאכט איבער דער גאנצער וועלט?

די הייליקע פאטערס האבן געשוויגן. דעמאלט האט דער הויף־אונטערלעקער וואלענטוס, דער מורזישער בישאף, זיך א בוק געטון מיט חניפהשער הכנעה:

— גאט וועט אנטפלעקן דעם אמת דיין אייביקער חכמה, גאט־געליבטער הערשער אונזערער! דאס, אין וואס דו גלייבסט, קאן נישט זיין קיין אפיקורסות. נישט אומזיסט האט ציריל פון ירושלים געזעען אין טאג פון דיין נצחון איבער מאקזענציוסן א ווונדערלעכן צייכן אויפן הימל, — א צלם ארומגערינגלט מיט א רעגנבויגן.

— אזוי וויל איך! — האט אים קאנסטאנציוס איבערגעריסן און זיך אויפגעשטעלט פון טראן. — אטאנאזיוסן וועלן מיר ארפּזעצן אליין, מיט דער מאכט. וואס גאט האט אונז געשאנקען. און איר אלע בעט באם אייבערשטן, אז עס זאלן שוין ענדלעך אויפהערן די ריסערייען און מחלוקתן, אז עס זאל פארטיליקט ווערן דאס רשעות, די גאטלעס־טערנדיקע און מענטשנפיינטלעכע אפיקורסות פון די סאבעליאנער, די אנהענגער פונם אומווירדיקן אטאנאזיוס, און אז אין אלעמענס הערצער זאל אויפשיינען דער געטלעכער אמת...

פלוצלינג איז זיין פנים בלאס געווארן, די ווערטער זענען אים פארשטומט געווארן אויף די ליפן.

— וואָס איז דאָס ? ווי אַזוי האָט מען אים אַריינגעלאָזט ?...

קאָנסטאַנציוס האָט אָנגעוויזן אויף אַ הויכן זקן מיט אַ שטרענג, מאַיעסטעטיש פּנים ; דאָס איז געווען דער פאַרפאָלגטער, אַראָפּגעזעצטער בישאָף פון פּיקטאַביע, הילאַריוס, איינער פון די גרעסטע שונאים פונם קייסער, דעם אָנהענגער פון די אַריאַנער. ער איז אָן אַ דערלויבניש געקומען אויפן קאָנציליום ; ער האָט אפשר בדעה געהאַט דאָ אומצוקומען אויף קידוש השם.

דער זקן האָט אויפגעהויבן איין האַנט צום הימל, ווי ער וואָלט געשיקט אַ קללה אויפן קייסערס קאָפּ און זיין דונערדיקע שטימע האָט אָנגעהויבן הילכן אין דער טויט-שטילקייט פונם גאַנצן קאָנציליום.

— ברידער מיינע, אָט קומט קריסטוס, ווייל דער אַנטיקריסט האָט שוין די וועלט מנצח געווען. דער אַנטיקריסט דאָס איז קאָנסטאַנציוס ! ער שלאָגט אונז נישט איבערן רוקן, נאָר ער גלעט אונז איבערן בויך ; ער זעצט אונז אין קיין תפיסות נישט, נאָר ער פאַרנאַרט אונז אין זיינע פּאַלאַצן אַריין. — הער, קייסער : איך זאָג דיר דאָס, וואָס איך וואָלט געזאָגט נעראָנען, דעציוסן, מאַקסימיאַנען, יענע, וואָס האָבן עפנטלעך גערודפט די הייליקע קירך : דו ביסט אַ מערדער נישט פון מענטשן, נאָר פון געטלעכער ליבע ! נעראָן, דעציוס, מאַקסימיאַן האָבן מער געדינט דעם אייבערשטן ווי דו : אין זייערע צייטן האָבן מיר מנצח געווען די סטרא-אחרא ; אין זייערע צייטן האָט זיך געגאָסן בלוט פאַר קידוש-השם, דאָסדאָזיקע בלוט האָט געריייניקט די וועלט און די ביינער פון די קדושים האָבן מופתים באַוויזן. דו ביסט ערגער פון זיי, דו דערהרגעסט און קיין קידוש השם גיסטו נישט ! — רבונו של עולם, שיק אויף אונז אַן עפנטלעכן שונא, אַ פאַרפאָלגער נישט קיין פאַרשטעלטן, נישט קיין צביעותדיקן, ווי נעראָ, ווי דעציוס, כדי דאָס שרעקלעכע געצייג פון דיין געטלעכן צאָרן זאָל צוריק אויפוועקן צום לעבן דיין קירך, וואָס איז געשענדט געוואָרן דורך די צערטלעכקייטן פונם יודאָס, קאָנסטאַנציוס !...

דער קייסער האָט אין שרעקלעכער רציחה אויפגעהויבן די האַנט :

— כאַפּט אים ! אים און די איבעריקע מורדים ! — האָט ער אַרויסגערעדט, שטיקנדיק זיך און ווייזנדיק מיט דער האַנט אויף הילאַריוסן.

די פּאַלאַטינען און די שילדן-טרעגערס האָבן זיך אַ וואָרף געטון

אויף די בישאָפן. עס איז אַנטשטאַנען אַ מהומה. שווערדן האָבן אַ בלאַנק געטון אינדערלופטן.

די זעלנער האָבן אַרויסגעשלעפּט הילאַריוסן, אַראָפּרייסנדיק פון אים די מיטרע, דאָס קיטל, די עטרה.

דער המון האָט אין ווילדער שרעק זיך אָנגעהויבן שטופּן צו דער טיר, געטרעטן איינער אויפן אַנדערן, געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געפאַלן.

איינער פון די יונגעלייט, די שנעל-שרייבערס, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פענצטער. ער האָט געוואָלט דאָ אַרום אַרויסשפּרינגען אויפן הויף, אַ זעלנער האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט בײַ דער לאַנגער סוטאַנע און נישט אָפּגעלאָזט. דער טיש מיט די טינטערלעך האָט זיך אומגעקערט און די רויטע טינט האָט זיך צעגאָסן איבער דער בלויער יאַשמע־נער פּאָדלאָגע. דערזעענדיק די רויטע קאַלוזשע, האָט מען אָנגעהויבן שרייען:

— בלוט! בלוט! אַנטלויפט!

אַנדערע האָבן געליאַרעמט:

— אַ טויט די שונאים פונם גאָטספּאַרכטיקן אויגוסט!

פּאַפּנוטיוס האָט געדונערט מיט זיין לייבן־שטימע, בשעת צווי לע־גיאָנערן האָבן אים אַרויסגעשלעפּט:

— איך אָנערקען נאָר די ניצעישע תקנות! די אַריאַנישע אפּיקורסות אין חרם אַריין!

אַ סך האָבן געשריגן

— אידענטיש!

אַ סך ווידער:

— עס וועט אַזוי נישט זיין! ענלעך, נישט אידענטיש!

אַנדערע ווידער:

— נישט ענלעך, נייערט אַנאָמעאַן, אַנאָמעאָן!

— שווייגט איר, גאָטלעסטערער!

— חרם! איך רוף אויס אַ חרם!

— אין גיהנום אַריין!

— דאָס ניצעישע קאָנציליום!

— דאָס סאַרדיקישע קאָנציליום!

— דאָס פּאַפּלאַגאָנישע קאָנציליום

— חרם! חרם!

דער אַלטער האָזיוס זיצט אומבאַוועגלעך, פון אַלעמען פאַרגעסן, אויף זיין בכבודיק בישאָפיש אָרט און מורמלט שטיל פאַר זיך:

— יעזוס קריסטוס, גאָטס זון, זיי אונז מציל! ברידער מיינע, וואָס קומט דאָ פאָר?...

אומזיסט האָט ער אָבער אויסגעשטרעקט זיינע ציטערנדיקע הענט צו דעם ווילד־געוואָרענעם עולם, אומזיסט האָט ער געפרעגט אַלץ איינ־איינעם: „ברידער, ברידער, וואָס קומט דאָ פאָר אַזעלכעס?" — קיינער האָט נישט געזעען און נישט געהערט דעם זקן. און טרערן זענען אַראָפּ־גערינען איבער זיין הונדערטיעריק, געקנייטשט פנים.

יוליאַן האָט געקוקט אויף דעמדאָזיקן קאָנציליום מיט אַ נצחון־שמייכל און שטילערהייט געפרייט זיך אויף דעמדאָזיקן חורבן.

דעם זעלבן טאָג, שוין גאָר שפּעט אינאָווענט, זענען איבער אַ פּוסט, גרין פעלד שטיל געגאַנגען צוויי מאַנאַכן, פּרושים פון מעזאָפּאָ־טאַמיע, דאָס זענען געווען צוויי שליחים, וואָס די ווייטע בישאָפן פון סיריע האָבן געהאַט געשיקט צום קאָנציליום קיין מעדיאָלאַן. זיי זענען צוריקגעגאַנגען קיין מזרח.

זיי זענען קוים ניצול געוואָרן פון די זעלנערס הענט און איצט גייען זיי קיין ראַווענע, זיי איילן זיך צו אַ שיף, וואָס זאָל זיי וואָס גיכער אָפּפירן אַהיים, אין דער מדבר אַריין. אויף זייערע פנימער איז צו זעען אַ מידקייט, אַ טרויער. איינער פון זיי, אפרים, איז אַן אַלטער, דער צווייטער, פּימען, — אַ יונגערמאַן. אפרים דרייט אויס דאָס פנים צו פּימענען און זאָגט צו אים:

— שוין צייט אין דער מדבר אַריין, ברודער מיינער! עס איז שוין גלייכער צו הערן דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן און לייבן, איידער דאָס, וואָס מיר האָבן היינט געהערט אין די קייסערלעכע פּאַלאַצן. אָ, ליבער זון מיינער! וויל איז צו די שטומע! וויל איז צו די, וועלכע האָבן זיך אַרומגעצוימט מיט דער מדבר, ווי מיט אַ מויער פון שווייגן, וווהין עס קאָנען צו זיי נישט דערגרייכן די מחלוקתן פון די פּלפּולים איבער גאָטס וואָרט. וויל איז צו די, וועלכע פאַרשטייען די נישטיקייט פון ווערטער. וויל איז צו די, וועלכע האָבן נישט קיין וויכּוחים צווישן זיך. וויל איז צו דעם, ווער עס הקרנט זיך נישט איבער די געטלעכע סודות. גאָר ווינגט פאַר דיר, רבונו של עולם, ווי אַ האַרפע, וויל איז צו דעם, ווער

עס איז משיג, ווי שווער עס איז דיך צו דערקענען און ווי זיס עס איז דיך ליב צו האָבן, רבונו של עולם!

אפרים איז אנטשוויגן געוואָרן און פימען האָט אָפּגעענטפערט;

„אמן!"

די טיפע שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיי אַרומגענומען. זיי האָבן מונטער פאַרגרעסערט די שפּריין, גייענדיק קיין מזרח, לויט די שטערן, און פרייענדיק זיך פאַרויס מיט דער שטילקייט פון דער מדבר.

XVI.

אין אַ שיינעם, זוניקן טאָג האָבן זיך איבער די גאַסן פון מעדיאָלאַן געצויגן אָן אַ שיעור מענטשן צו דעם הויפּט-פּלאַץ.

עס האָט זיך דערהערט אַ דונער פון באַגריסונגען פונם ריזיקן המון — אין אַ טריומף-קאַרעטע, געשפּאַנט מיט אַ צוג שניי-ווייסע פערד, האָט זיך באַוויזן דער קייסער.

ער איז געשטאַנען אַזוי הויך, אַז דער המון פון דער גאַס, וואָס האָט געקוקט צו אים אַרויף, האָט געמוזט פאַרדרייען די קעפּ. זיינע קייסערלעכע מלבושים זענען געווען באַשאָטן מיט טייערע שטיינער און האָבן געבלענדט אויף דער זון. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם צעפּטער, אין דער לינקער דעם מאַכט-באַלעם, מיט אַ צלם אויף אים.

אומבאַוועגלעך ווי אַ סטאַטוע, שטאַרק געפּודערט און געשמינקט, האָט ער געקוקט פאַר זיך, דעם מינדסטן ריר נישט געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אַריינגעקוועטשט אין אַ קלעם. במשך דעם גאַנצן וועג, אפילו ווען די קאַרעטע פלעגט באַקומען אַ שטויס, אַ טרייסל, האָט ער זיך דעם מינדסטן באַוועג נישט געטון, — קיין ריר מיט אַ פינגער, קיין הוסט, קיין מרוג מיטן אויג. דידאָזיקע פאַרשטיינערטע אומבאַוועגלעכקייט האָט קאָנסטאַנציוס איינגעשטודירט נאָך לאַנגע יאָרן שווערע איבונגען און אָנשטרענגונגען. ער פלעגט שטאָלצירן מיט דערדאָזיקער קונסט זיינער און געהאַלטן זי פאַר אַן אומבאַדינגטן באַווייז פון רוימישן קייסערס געטלעכער מאַיעסטעט. אין דידאָזיקע מאָמענטן וואָלט ער פאַר ליבער גענומען צו שטאַרבן, איידער אַרויסצווייזן עפּעס אַ מענטשלעכע

שיגנשאפט: אפווישן דעם שווייס פון פנים, א נאָס טון, אויסשנייצן די נאָז, אָדער אויסשפייען.

ער איז דאָך געווען א נידעריקער, געהאַט צווי קרומע פיס, אָבער אין זיינע אייגענע אויגן האָט ער אויסגעזעען ווי א ריז. ווען די קאַרע-טע זיינע איז דורכגעפאָרן דורך דעם טריומף-טויער, נישט ווייט פון מאַק-סימיאַן הערקולס וואַרעם-בעדער, האָט ער איינגעבויגן דעם קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געקאָנט אָנשלאָגן אינעם טויער, דורך וועלכן עס וואָלט לייכט דורכגעגאַנגען א ציקלאָפּ.

אין ביידע זייטן פון די גאַסן זענען געשטאַנען פאַלאַטינער. זיי זע-נען געווען אָנגעטון אין גאָלדענע העלמען, אין גאָלדענע פאַנצערס; די צוויי רייען פון דער פּרעכטיקער ערן-וואַך האָבן געגלאַנצט ווי צווי בליצן.

ארום דער קייסערלעכער קאַרעטע האָבן געפלאַטערט פראַכטפולע פענער אין דעם געשטאַלט פון דראַקאָנס. דער פאָרפּורענער שטאָף האָט זיך געבלאָזן אויפן ווינט. די לופט האָט אָנגעפולט די אָפענע מיילער פון די דראַקאָנס, מיט א שניידנדיקן פייף. ענלעך צו דעם פייפן פון שלאַנ-גען, און די לאַנגע רויטע ווידלען פון די אויסטערלישע באַשעפענישן האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט.

אויפן הויפט-פלאַץ זענען צונויפגעזאַמלט געווען אַלע לעגיאָנען, וואָס זענען איינגעשטאַנען אין מעדיאָלאַן.

א דונער פון באַגריסונגען האָט מקבל פנים געווען דעם קייסער. קאָנסטאַנציוס איז געבליבן צופרידן: דער קלאַנג פון דידאַזיקע באַגרי-סונגען איז געווען פונקט אין דער מאָס, נישט צו הויך און נישט צו שטיל, פונקט לויט די פאַרשריפטן, וואָס זענען ספּעציעל וועגן דעם אַרויסגעגעבן געוואָרן: מ'פלעגט שטודירן מיט די זעלנער און מיט די בירגער, ווי אַזוי צו שרייען מיט א געפיל פון יראת הכבוד, נישט צו הויך און נישט צו שטיל, אַז עס זאָל אויסקומען ווי אַן אויסגעשריי פון פרייד.

צוגעבנדיק יעדער מינדסטער באַוועגונג, יעדן מינדסטן טריט א גדלותדיקע פייערלעכקייט, איז דער קייסער אַראָפּגעגאַנגען פון דער טריומף-קאַרעטע און אַרויף אויף א קאַטעדרע, וועלכע איז געווען אויפ-געשטעלט אינמיטן פלאַץ און באַהאַנגען אַרום מיט די עלטסטע זיגרייכע פענער און קופּערנע רוימישע אָדלערס.

עס האָט זיך ווידער דערהערט א בלאָז פון טרומייטערס, א סימן,

אז דער אימפעראַטאָר וויל האַלטן אַ רעדע פאַר זיין מיליטער. — אויפן גאַנצן פּלאַץ איז אַנטשטאַנען אַ טויט-שטילקייט.

Optimi reipublicae defensores ! — האָט קאָנסטאַנציוס אָנגעהויבן: — בעסטע פּאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק!

זיין רעדע איז געווען צעצויגן און פול מיט קינציקע חדר-מליצה.

יוליאַן, אָנגעטון אין פּרעכטיקע מלבושים, איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע, און דער ברודערן-מערדער האָט דעם לעצטן יורש פון קאָנסטאַנציוס כלאָר אָנגעטון די הייליקע צעזאַרישע פּאָרפּיריע. דורך דער דינער ויידענער מאַנטיע האָבן דורכגעשיינט די שטראַלן פון דער זון. בשעת דער קייסער האָט אויפגעהויבן די פּורפּורנע פּאָרפּיריע און זי אָנגעטון דעם קניענדיקן יוליאַנען, — און אַ בלוטיקע שיין איז געפאַלן אויף דעם נייעם צעזאַרס פּנים, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ טויטלע-כער בלאַסקייט. אין געדאַנק האָט ער איבערגעחזרט אַ פערז פון איליאַדע, וועלכער האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַ נבואה:

„די אויגן האָט צוגעדעקט דער פּורפּורנער טויט און דער מעכטיקער גורל“.

דערווייל האָט קאָנסטאַנציוס אים באַגריסט:

— Recepisti primaevus originis tuae splendidum florem, amatissime mihi omnium frater.

— ביסט נאָך אַזוי יונג, און שוין באַקומסטו די פּרעכטיקע פאַרב פון דיין קייסערלעכן שטאַם, געליבסטער ברודער מיינער.

איבער אַלע לעגיאָנען האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געשריי פון התלהבות. קאָנסטאַנציוס איז מרה-שחורהדיק געוואָרן: דאָס געשריי איז איבערגעשטיגן די פעסטגעשטעלטע נאָרמע; יוליאַנס פּנים איז געוויס געפעלן געוואָרן די זעלנער.

— זאָל לעבן דער צעזאַר יוליאַן! — האָבן זיי געשריגן אַלץ העכער און העכער און נישט געהאַלט אָנטשווייגן ווערן.

דער נייער צעזאַר האָט געענטפערט מיט אַ ברודערלעכן שמייכל.

יעדער זעלנער האָט געקלאַפּט מיט דער קופּערנער שילד אָן דער אייזערנער שטילפּ בײַ דער רעכטער קני. דאָס איז געווען אָנגענומען אַלס סימן פון פרייד.

יוליאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז מיט אים געשעט נישט דער ווילן פונעם קייסער. נאָר פון די געטער אַליין.

. . . .

יעדן אָוונט פלעגט קאָנסטאַנציוס האָבן אַ מנהג אַ פערטל שעה צו פאַרנעמען זיך מיט פיילן און לאַקירן די נעגל; דאָס איז געווען דער איינציקער צייט־פאַרטרייב, וועלכן ער פלעגט זיך דערלויבן, — בכלל איז ער אין זיין גאַנץ לעבן געווען איינגעהאַלטן, איינפאַך, גראָב, פון קיין שום לוקסוס, פון קיין שום איידל פאַרגעניגן האָט ער נישט געהאַלטן.

פיילנדיק זיך די נעגל מיט דינינקע פיילעכלעך, אָפּגלאַנצנדיק זיי מיט בערשטעלעך, האָט ער נאָך דעם זעלבן אָוונט מיט אַ פרייליכער מינע אַ פרעג געטון דעם געליבטן סריס זיינעם עוזעביוסן, דעם מייסטער פונעם קייסערלעכן שלאָפצימער:

— ווי מיינסטו, ער וועט גיך באַזיגן די גאַלן?

— איך מיין, אַז מיר וועלן גאָר אין קורצן באַקומען אַ ידיעה וועגן זיין מפּלה אויפן שלאַכט־פעלד, וועגן זיין טויט, — האָט עוזעביוס געענטפערט.

— עס וואָלט מיר זייער לייד געווען, — האָט קאָנסטאַנציוס באַמערקט דערויף. — איבעריקנס, איך האָב געטון אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט: אויב עס וועט אַזוי געשעען, וועט ער זיך אַליין שולדיק זיין...

ער האָט אַ שמייכל געטון, איינגעבויגן דעם קאָפּ און באַטראַכט די אָפּגעטאָקטע נעגל זיינע.

— דו האָסט מאַקזענציוסן גובר געווען, — האָט דער סריס דערווייל אַ זאָג געטון. — דו האָסט גובר געווען בעטראַניאָנען, קאָנסטאַנען, גאַללוסן, וועסט יוליאַנען אויך בייקומען. דעמאָלט וועט ערשט זיין איין סטאַדע און איין פּאַסטוך. גאָט אויבן און דו אונטן!

— יאָ, יאָ... אָבער אַ חוץ יוליאַנען איז דאָך נאָך פאַראַן אַטאַנאַזיוס. איך קאָן נישט איינרוען, ווי לאַנג ער איז נישט אין מיינע הענט, אַ לעבעדיקער, אָדער אַ טויטער.

— יוליאַן איז שרעקלעכער פון אַטאַנאַזיוסן, און דו האָסט אים היינט אָנגעטון דעם פורפור פון טויט. — וויפיל חסדים עס טוט מיט דיר די השגחה פּרטיות! מיט וועלכע אומבאַגרייפלעכע וועגן דער רבונו

של עולם צעשמעטערט די שונאים דיינע, אייביקער קייסער! — זאָל זיין געלויבט דער פאָטער, דער זון און דער הייליקער גייסט היינט און שטענדיק און אויף דור־דורות!

— אמן, — האָט געענטפערט דער קייסער, פאַרענדיקנדיק דאָס פוצן די נעגל און אויסקלייבנדיק דאָס לעצטע בערשטעלע.

ער איז צוגעגאַנגען צום לאַבאַרום, די אַלטע פאָן קאָנסטאַנטין דעם גרויסנס, וועלכע איז שטענדיק געשטאַנען אין קייסערלעכן שלאָף־צימער, זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר איר אויף די קניען און אַרויספּקוקנדיק צום קריסטוס־מאָנאָגראַם, אויסגעזעצט פון טייערע שטיינער, וועלכער האָט געפינקלט אין שיין פונם נר־תמיד, אָנגעהויבן תפילה טון. ער האָט אָפּגעזאָגט די באַשטימטע תפילות, זיך געבוקט צו דער ערד אַזוי פיל מאָל, וויפיל עס איז פאָרגעשריבן. זיינע תפילות צו גאָט זענען געווען שטענדיק פול מיט גלויבן און בטחון, ווי בכלל בּאַ אַ מענטש, וועלכער איז שטענדיק איבערצייגט אין זיין גערעכטיקייט.

ווען די פאַרשריפטלעכע דריי פערטל שעה תפילה האָבן זיך געענדיקט, איז ער אויפגעשטאַנען פון דער ערד מיט אַ לייכט הארץ.

די סריסים האָבן אים אויסגעטון. ער האָט זיך געלייגט אויפן פרעכטיקן בעט, וואָס זילבערנע כרובים האָבן אונטערגעהאַלטן מיט זייערע אויסגעשפּרייטע פליגל.

דער קייסער איז איינגעשלאָפן מיט אַן אומשולדיקן שמייכל אויף די ליפּן.

XVII.

אין אַטען, אין איינעם פון די עפנטלעכע זאַלן, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַרזינאָעס סקולפּטור — „דער זיגער אַקטאַוויוס מיט ברוטוסעס קאָפּ אין דער האַנט". די איינוווינער פון אַטען האָבן באַגריסט די טאָכטער פון סענאַטאָר העלווידיוס פּריסקוס אַלס די באַנייערין פון דער אַנטישער קונסט.

ספּעציעלע באַאַמטע, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אין געהיים אויסצושפּירן די שטימונגען, וואָס הערשן אין דער גאַנצער אימפּעריע, און וועלכע האָבן געטראָגן דעם עפנטלעכן נאָמען „אויסשפּירער" — האָבן מודיע געווען דער בעהעריקער מאַכט, אַז דידאַקטיקע סקולפּטור איז

מסוגל אויפצוזוכן באם פאלק ווידערשפעניקע, צופיל פרייע געפילן: אין ברוטוסעס קאפ האבן זיי איינגעפונען אן ענלעכקייט צו יוליאנס קאפ און איינגעזען דערין א פארברעכערישן רמז אויף דער טויט-שטראף, וועלכע איז ערשט נישט לאנג אויסגעפירט געווארן איבער גאללוסן; אין אקטאוויוסן האט מען זיך באמיט צו געפינען אן ענלעכקייט צו קאנסטאנציוסן.

דערדאזיקער ענין איז זיך פונאנדערגעוואקסן אין א גאנצער אויספארשונג וועגן מאיעסטעט-באליידיקונג און איז שיער נישט ארייננעפאלן צו פוילוס קאטעגן אין די הענט אריין. צום גליק איז פון דער קייסערלעכער קאנצעלאריע, פונם צערעמאניע-מייסטער אליין, אנגעקומען א שטרענגער באפעל תיכף אוועקצונעמען פונם עפנטלעכן זאל די פארברעכערישע סטאטוע און זי פארניכטן אין דער אנוועזנהייט פון קייסערלעכע באאמטע.

ארזינאע האט געוואלט אויסבאהאלטן איר קונסט-ווערק. הארטענזיוס איז אבער געווען אין אזא שרעק, אז ער האט געדראט דעם מיידל, אז ער וועט זי ארויסגעבן די שפיאנען.

זי האט באקומען א גוואלטיקן עקל צו דער מענטשלעכער געמיינהייט און דערלויבט צו טון מיט איר סטאטוע אלץ, וואס הארטענזיוס האט נאר געוואלט. מ'האט געדונגען שטיינער-קלאפערס און צעהאקט די סטאטוע אויף פיצלעך.

ארזינאע האט תיכף פארלאזט אטען. דער אפוטרופוס האט זי מיטגענומען מיט זיך קיין רוים, ווו זיינע פריינט האבן אים צוגעזאגט א גוטן פאסטן פון א קייסערלעכן קוועסטאר.

זיי האבן זיך באזעצט נישט ווייט פונם פאלאטינער-היגל. ארזינאע פלעגט גאנצע טעג נישט טון קיין האנט אין קאלט וואסער. די קינסטלערין האט איצט פארשטאנען, אז די אמאליקע, גרויסע, פרייע קונסט האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

ארזינאע האט זיך אפטמאל דערמאנט איר לעצטן שמועס מיט יוליאנען; די דאזיקע זכרונות זענען געווען איר איינציקער אינהאלט אינם לעבן. דאס כסדרדיקע ליידיקגיין און ווארטן אויף עפעס איז פאר איר געווען אומדערטרעגלעך. אפטמאל פלעגט זי באפאלן א ווילדער יאוש, זי פלעגט אין אזעלכע מינוטן טראכטן וועגן אנטלויפן קיין גאליע צום יונגן צעזאר און מיט אים איינעם אדער זיגן אדער אומקומען.

זי איז קראנק געווארן זייער ערנסט. א לאנגע צייט איז זי געלעגן

אין בעס. צו איר פלעגט אָפט קומען בשעת דער קראַנקייט איינער פון אירע געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע פריינט אַנאַטאָליוס, אַ זון פון אַ רייכן ראַדאָסער סוחר, דער צענטוריאָן פון דעם קייסערס לייב-וואַך.

ער פלעגט זאָגן אויף זיך אַליין, אַז ער איז אַ רוימישער צענטוריאָן צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש: ער איז אַריינגעטרעטן אויף מיליטער-דינסט, צוליב טוענדיק דעם פאָטער, וועלכער האָט עס געהאַלטן פאַרן גרעסטן גליק צו זעען זיין זון אין דעם גאָלדענעם פאַנצער פון אַ לייב-וואַך-צענטוריאָן. ער פלעגט צאָלן לאַ-ירחץ-געלט, כדי זיך אויסצוקויפן פון דער מיליטער-דינסט און ליבערשט פאַרברענגט די צייט אין לוקסוסדיקע רייזעס, לייענען ביכער, שטודירן קונסט און ליידיקגייערישע הוליאַנקעס. אָבער די טיפע לויטערקייט פון דער נשמה ווי בײַ די אַמאָליקע עפּיקורעער האָט אים געפעלט. ער פלעגט זיך באַקלאָגן פאַר די פריינט זיינע:

— איך לייד אויף אַ שטערבלעכער קרענק.

— וואָס איז דיין קרענק? — פלעגן זיי אים פרעגן אין שפּאַס.

— מיין קרענק איז דאָס, וואָס איר רופט אָן מיין שאַרפזיניקייט. מיר זעט דאָסדאָזיקע טיילמאָל אויס ווי אַ נעבעכדיק מאָדנע משוגעת.

אין זיינע דעליקאַטע, פרוילעכע שטריכן האָט זיך געזעען אַן אויסדרוק פון מידקייט און פוילקייט.

טיילמאָל פלעגט ער זיך עפּעס ווי אויסכאַפּן פון שלאָף: דעמאָלט פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אויף אַ געפערלעכן שפּאַציר אין אַ שיפל איבערן ים צוזאַמען מיט פישערס, אָדער פאַרפאַלן ווערן אין די קאַלאַבריער וועלדער אויף יאַגד קעגן ווילדע חזירים און בערן; ער פלעגט טראַכטן וועגן אָנטיילנעמען אין אַ פאַרשווערונג אויפן קייסערס לעבן, אָדער זיך באַמיען צו דערגיין בײַ די וואָרזאָגערס און מכשפים די געטלעכע סודות פון מיטרען אָדער יהוהן. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן מענטשן באַוווּנדערן זיין אומדערמידלעכקייט און דרייסטקייט.

באַלד פלעגט אָבער דורכגיין דידאָזיקע אויפגערייצטקייט און ער פלעגט זיך ווידער אומקערן צו זיין פריערדיק לעבן, נאָך שלעפעריקער, נאָך פוילער, נאָך אַפּאַטישער און נאָך טרויעריקער, נאָך לצנותדיקער ווי פריער.

— מ'קאָן פון דיר גאָרנישט מאַכן, אַנאַטאָליוס, — פלעגט אים אַרזינאָע זאָגן מיט אַ ליבלעכן פאָרוואורף, — דו ביסט אינגאַנצן אַזאַ ווייכער, אַזוי ווי אַן בײַנער.

גלייכצייטיק האָט זי אָבער געשפּירט עפּעס אַזאַ מין שיינקייט, אַזאַ מין חן אין דער נאַטור פון דעמדאָזיקן לעצטן עפּיקורעס; זי פלעגט ליב האָבן דעם טרויעריקן חוזק אין זיין מידן בליק, דעם חוזק פון דער גאַנצער וועלט און פון זיך אַליין. ער פלעגט זאָגן:

— דער חכם קאָן געפינען אַ טרייסט אין די טרויעריקסטע געדאַנקען, גלייך ווי די בינען קאָנען פון די ביטערסטע קרייטעכצער אַרויסציִען האָניק.

די שטילע שמועסן מיט אים פלעגן זיין פאַר אַרזינאָען ווי אַ היילנדיקער באַלזאַם אויפן האַרץ. זי פלעגט אים רופן אין לצנות „רופא מיינער".

אַרזינאָע איז געזונט געוואָרן, זי פלעגט שוין אָבער מער קיינמאָל נישט צוריקנעמען זיך צו איר קונסט; ווען זי פלעגט בלויז דערזען מאַרמאָר, פלעגט זיך באַ איר דערוועקן אַ געפיל פון ווייטיק.

אין יענער צייט האָט האָרטענזיוס צוגעגרייט פּרעכטיקע פאָלקס-שפּילן לכבוד זיין אָנקומען קיין רוים. די שפּילן האָבן געזאָלט פאָרקומען אינם פלאַוויוס-אַמפיטעאַטער. ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן, אין איין אַרומפאָרען זיך, — יעדן טאָג פלעגט ער באַקומען פון אַלע עקן וועלט טראַנספּאָרטן פערד, לייבן, איבערישע בערן, שאָטלענדישע הינט, קראָקאָדילן פון נילוס, געניטע דרעסירערס, יעגערס, רייטערס, פאָרשטעלערס, געאיבטע גלאַדיאַטאָרן.

עס האָט זיך שוין דערנענטערט דער טאָג פון דער פייערלעכקייט, און די לייבן פון טאַרענט זענען אַלץ נאָך נישט אָנגעקומען. זיי האָבן געזאָלט אָנקומען אין אַ ספּעציעלער שיף. די בערן זענען אָנגעקומען אויסגעדאַרטע, אויסגעמוטשעטע, מילדע ווי די שעפעלעך. האָרטענזיוס האָט נישט געקאָנט שלאָפן גאַנצע נעכט פאַר צרות.

די זאָקסישע געפאַנגענע, די גלאַדיאַטאָרן, שטאָלצע, שווייגנדיקע ריזן, פאַר וועלכע האָרטענזיוס האָט באַצאָלט אָן אַ שיעור געלט, האָבן אין איינציקע צוויי טעג דערשטיקט באַנאַכט איינער דעם אַנדערן אין תפיסה, האַלטנדיק פאַר אַ בזיון צו דינען אַלס שפּילעכל פאַר דעם רוימישן פעבל. דער סענאַטאָר איז געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג און צרות. ער איז שיער נישט געפאַלן אין חלשות פון דערדאָזיקער אומגעריכטער בשורה.

די גאַנצע האָפענונג האָט ער איצט געלייגט אויף די קראָקאָדילן.

— דו האָסט זיי געפּרוּווט צו געבן געהאַקט חזיר-פלייש? — האָט

ער געפרעגט דעם קנעכט, דעם ממונה איבער די קראָקאָדילן, וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט.

— כ'האָב זיי געגעבן. זיי עסן נישט.

— און רוי קאַלבס־פליש ?

— זיי עסן קיין קאַלבס פליש אויך נישט.

— און חייצענע חלה איינגעטונקען אין סמעטענע ?

— זיי ווילן אפילו קיין שמעק נישט טון. זיי דרייען אוועק די מאָרדעס און שלאָפן. זיי מוזן זיין אָדער קראַנק, אָדער זייער אָפּגעמוטשעט. מ'האָט זיי שוין געפרוווט אויפצורייסן די מאָרדעס מיט דרענגער און אַריינשטופּן אין זיי דאָס עסן, — עס העלפט נישט, זיי שפּייען צוריק אויס.

— איך שווער בײַ יופּיטערן, דידאַזיקע מיאוסע באַשעפעניש וועלן מיר דעם טויט מאַכן ! באַלד דעם ערשטן טאָג זאָל מען זיי אַרויסלאָזן אויף דער אַרענע. זיי קאָנען נאָך אַלע אויספּגרן פון הונגער, — האָט דער אומגליקלעכער האַרטענזיוס געזיפצט און געקרעכצט.

אַרזינאָע האָט געקוקט אויף אים און אים עטוואָס מקנה געווען : אים איז, לכל הפחות, נישט אַזוי אומעטיק ווי איר.

זי איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ באַזונדער צימער מיט די פענצטער אין ריזיקן גאָרטן אַריין. דאָ איז געזעסן איר זעכצניעריקע שוועסטער מיררע, אַ דאַרע, אַ שלאַנקע און שטיל געשפּילט אויף אַ לירע. אין דער שטילקייט פון דער לבנהדיקער נאַכט זענען די קלאַנגען געפאַלן ווי טרערן. אַרזינאָע האָט שטיל אַרומגענומען די שוועסטער. מיררע האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל אין די אויגן און נישט אויפגעהערט צו שפּילן.

פון הינטער די פענצטער האָט זיך דערהערט אַ פייף.

— דאָס איז ער ! — האָט מיררע אַ זאָג געטון, זיך אויפשטעלנדיק און איינהערנדיק זיך, — לאָמיר גיין.

זי האָט פעסט אַ דריק געטון אַרזינאָעס האַנט מיט איר פעסט, קינדעריש הענטל.

ביידע מיידלעך האָבן זיך איינגעהילט אין טונקעלע מאַנטלען און זענען אַרויסגעגאַנגען. דער ווינט האָט געיאָגט די וואָלקנס ; די לבנה האָט צייטנווייז אַרויסגעקוקט, צייטנווייז זי באַהאַלטן הינטער זיי.

אַרזינאָע האָט אויפגעשלאָסן דאָס קליינע טירל אין פּאַרקן פון סאַד.

דאָ־ס איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, איינגעהילט אין אַ האַלענער מאַנאַכישער פעלערינע.

— מיר האָבן נישט פּאַרשפּעקטיק, יוּווענטינוס ? — האָט אים מירדע אַ רעג געטאָן. — איך האָב אַזוי מורא געהאַט, אַז דו וועסט נישט קומען...

זיי זענען לאַנג געגאַנגען. פריער דורך אַ שמאָל, טונקל געסעלע, דערנאָך דורך עפּעס אַ ווייַנגאָרטן, שפּעטער זענען זיי אַרויס אויף אַ ליידיק פעלד, דאָ איז שוין געווען דער אָנהייב פון דער רוימישער קאַמפּאַניע. טרוקן ווילד־קרויט האָט געשאָרכט אונטער די פיס. אונטער דער שיין פון דער לבנה האָבן זיך געזען די חורבות פון דער ציגלענער וואַסער־לייטונג פון סעפּטימיוס טוליוסעס צייטן.

יוּווענטינוס האָט זיך אומגעקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— מ׳גייט אונז נאָך.

די מיידלעך האָבן זיך אויך אומגעקוקט. די שיין פון דער לבנה איז געפאַלן אויף זייערע פנימער און דער מענטש, וועלכער איז געגאַנגען הינטער זיי, האָט מיט פרייד אויסגעשריגן:

— אַרזינאָע ! מירדע ! קוים כ׳האָב אייך געפונען ! וווּהין גייט איר ?

— צו די קריסטן, — האָט אַרזינאָע געענטפערט. — קום מיט אונז מיט, אַנאַטאָליוס. דו וועסט זען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן.

— צו די קריסטן ? ס׳קאָן נישט זיין... דו פלעגסט דאָך זיי שטענדיק אַזוי האַסן ? — האָט דער צענטוריאָן אַרויסגערעדט פאַרוווּנדערט.

— מ׳ווערט עלטער, מיין פריינט, ווערט מען בעסער און גלייכגילטיקער צו אַ סך זאַכן, — האָט אים דאָס מיידל אָפּגעענטפערט. — דאָס איז אַ פאָראורטייל, נישט בעסער און נישט ערגער ווי אַלע אַנדערע פאָראורטיילן. און אויסער דעם, וואָס טוט מען דען נישט פאַר לאַנגווייליקייט ? — איך קום צו די קריסטן צוליב מירדען. דו ווייסט דאָך, איר געפעלן זיי...

— ווו איז־זשע דאָ דאָס קלויסטער ? דאָ איז דאָך אַ ליידיק פעלד ? — האָט אַנאַטאָליוס זיך אַרומגעקוקט אין ספקות.

— די קריסטלעכע קלויסטערס זענען צעשטערט און פאַרשוועכט געוואָרן דורך זייערע אייגענע ברידער, די אַריאַנער, וועלכע גלייבן אין קריסטוּסן אַנדערש ווי זיי. דו ביסט דאָך אָן אייַנגייער אין קייסערלעכן הויף, האָסטו דאָך מסתּמא אָנגעהערט וועגן זייערע וויכּוחים, וועגן „איזענ-

טישקייט" און „ענלעכקייט". איצט ריכטן אָפּ די קעגנערס פון די אַריאַ- נער זייערע תּפילות אין די זעלבע אונטערערדישע היילן, ווי אין די צייטן פון די ערשטע רדיפות אויף די קריסטן.

מירע און יוּווענטינוס זענען אַ ביסל געבליבן הינטערשטעליק, אַזוי אַז אַנאַטאָליוס מיט אַרזינאָען האָבן געקאָנט רעדן צווישן זיך בסוד.

— ווער איז עס יענער? — האָט דער צענטוריאָן שטיל אַ פרעג געטאָן אויף יוּווענטינוסן.

— ער שטאַמט פון אַן אַלטער פּאַטריצישער משפחה, פון די פּור- יוסעס. — האָט אַרזינאָע געענטפערט. — די מוטער וויל פון אים דווקא מאַכן אַ קאָנסול, ער טרוימט אָבער זיך אָפּצוקלאָזן אין אַ מדבר אַריין און דאָרט צו דינען גאָט... ער האָט די מוטער ליב, ער באַהאַלט זיך אָבער אויס פאַר איר, פּונקט ווי פאַר דעם ערגסטן שונא...

— פון דער פּוריוס-גזע — אַ מאָנאַך! שיינע צייטן! — האָט דער עפּיקורעער שטיל אָפּגעזיפצט.

זיי זענען דערווייל צוגעקומען צו די קאַטאַקאָמבעס — די פּאַר- צייטישע גרובנס פון קוואַרץ-שטיין, — און האָבן אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך מיט די שמאָלע שטיינערנע טרעפּלעך אין די טיפענישן פון אַ גרובן. די לבנה האָט באַלויכטן די רויטע גרודעס ערד פון וואולקאַנישער אָפּשטאַמונג. יוּווענטינוס האָט פון אַ האַלב-קיילעכדיקער נישע אין דער וואַנט אַרויסגענומען אַ קליין ליימערן אייל-לעמפּל מיט אַן אויערל, אויסגעהאַקט פייער און עס אָנגעצונדן. דאָס ציטערנדיקע, בלאַסע פלעמל האָט זיי באַלויכטן דעם ווייטערדיקן וועג. זיי זענען אַריין עפּעס אין אַ זייטיקן דורכגאַנג פונם טיפן גרובן. דער דורכגאַנג איז נאָך געווען אויס- געגראָבן דורך די פאַרצייטישע רוימער. ער איז געווען אַ ברייטער, אַ גרויסער און אַ משופּעדיקער, ער האָט זיך געצויגן אַראָפּ ביז דער סאַמע דעק פון דעם גרובן. דערדאָזיקער דורכגאַנג האָט זיך געקרייצט מיט אַ סך אַנדערע אונטערערדישע דורכגענג, וועלכע האָבן פאַרצייטנס געדינט די שטיינער-קלאַפּער צום איבערפירן דאָס אָנגעהאַקטע מאַטעריאַל.

יוּווענטינוס האָט זיי געפירט דורך אַ גאַנצן לאַבירינט אַזעלכע גאַלעריעס. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן פאַר עפּעס אַ צוגעדעקטן ברונעם. ער האָט אויפגעהויבן די הילצערנע דעק. עס האָט זיך דערפילט אַ פייכטקייט. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם ברונעם אַריין דורך משופּעדיקע טרעפּלעך.

בײַ דער סאַמער דעק פון דעם ברונעם האָבן זיי דערזעען אַ טיר. יוּווענטינוס האָט אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און אַ גרויער מאָנאַך, דער אײַנגאַנג־שומר, האָט זיי אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמאָלער, הויכער אונטערערדישער גאַלעריע, וועלכע איז געווען אויסגעגראָבן שוין נישט אין קיין האַרטער ערד, נאָר אין זאַמד.

ביידע קעגנאיבערדיקע ווענט פון דעמדאָזיקן קאָרידאָר זענען פון אויבן ביז אַראָפּ באַדעקט געווען מיט מאַרמאָרנע פּליטעס און פלאַכע ציגעלעך, מיט וועלכע עס זענען פאַרקלאַפּט געווען די אָנצאָליקע קברים.

עס זענען זיי אַקעגנגעקומען מענטשן מיט לעמפּלעך אין די הענט. אַנאַטאָליוס האָט זיך אָפּגעשטעלט און בײַ דער שײַן פונם צאַנקענדיקן לעמפּל איבערגעלייענט אויף איינער פון די פּליטעס: „דאָראָטעוס פעליקס זון ליגט דאָ אויף אַן אָרט אַ קילס, אַ ליכטיקס, אַ פרידלעכס" — „requiscit in loco refrigii, luminis, pacis"; אויף אַ צווייטער פּליטע איז געווען אויסגעקריצט: „ברידער, שטערט מיר נישט מײַן זיסן שלאָף".

דער אינהאַלט פון די אַלע מצבה־אויפשריפטן איז פול געווען מיט ליבע און פרייד. אויף איין מצבה איז אָנגעשריבן: „זאָפראָניע, די זיסע, די ליבע, לעב שטענדיק מיט גאָט", „Sophronia dulcis, semper vivis Deo" — און עטוואָס ווייטער: „Sophronia vivis" — „זאָפראָניע, די לעבסט", גלײַך ווי דער, וואָס האָט דאָס אָנגעשריבן, איז שוין ענדגילטיק זיכער, אַז קיין טויט איז נישטאָ.

אין ערגעץ ווערט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „באַגראָבן". נאָר „ליגט דאָ" — „dopositus". עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז טויזנטער, טויזנטער מענטשן, גאַנצע דורות, ליגן דאָ, זיי זענען אָבער נישט געשטאָרבן, נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ לײַכטן, רויִקן שלאָף און וואַרטן עפּעס אַזוי סודותפול אויף עפּעס.

אין די נישעס זענען געשטאַנען לעמפּלעך און דער פלאַם ווײַערער האָט עפּעס אַזוי טונקל, אַזוי צאַנקענדיק געברענט אין דער ענגער, אונטערערדישער לופט; לעבן די לעמפּלעך שטייען שיינע קרוגן מיט ווײַרויך. בלויז דער ריח פון פאַרפוילטע ביינער, וואָס האָט זיך געשפּירט דורך די שפּאַרעס פון די קברים, האָט דערמאָנט וועגן טויט.

די אונטערערדישע גאַלעריעס זענען געגאַנגען אַזוי עטלעכע שטאָק אַלעמאָל טיפער און טיפער. ווו־נישט־ווו האָט זיך געזעען אינם הויכן

טופיט אַ ברייטע עפענונג אויף לופט, אַ לומינאַריום, דידאַזיקע לעבער וענען אַרויסגעגאַנגען אויפן פוסטן קאַמפּאַניע-פעלד.

טײלמאָל פלעגט אַ שוואַכער שטראַל פון דער לבנה אַריינשײנען דורך אַזאַ עפענונג און זיך אָפּשלאָגן אָן אַ מאַרמאָרנער פּליטע מיט אָן אויפשריפט.

אין אַ ראָג פון איין אַזאַ מין אונטערערדישן דורכגאַנג האָבן זיי געזעען אַ באַגרעבער בײַ דער אַרבעט. מיט אַ פריילעך פּנים, אונטער-זינגענדיק, האָט ער געהאַקט מיט אַן אײַזערנעם קילאָף אין דער זאַמדיקער ערד, דאָס לאָך איז אַלע מאָל גרעסער, טיפער געוואָרן.

אַרום דעם הויפּט-אויפזעער איבער די באַגרעבערס, דעם פּאָסאָר, אַ מענטש אין הערלעכע מלבושים אָנגעטאָן, מיט אַן אײַנגעפּאַשעטן גוידער און אַ ביטרע שמייכל אויף די ליפּן, זענען געשטאַנען עטלעכע קריסטן. דערדאָזיקער פּאָסאָר האָט באַקומען בירושה אַזאַ גאַנצע גאַלעריע קאַטאַקאָמבעס און האָט געהאַט רעכט אין זײַן ירושה-חלק צו פאַרקויפן קרקעות צו באַגראָבן מתים; זײַן חלק איז געווען זייער אַ גוטס, עס זענען בײַ אים געלעגן די ביינער פון הייליקן לווירענציוס. דער פּאַרשוין איז שוין משוגע-רייך געוואָרן פון זײַן ירושה.

שמעון, אַ רייכער גאַרבער, אַ קאַרגער, שטייט און דינגט זיך מיט אים. אַרזינאָע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און זיך אָנגעהויבן אײַנהאָרכן:

— דאָס אָרט איז זייער ווייט פון הייליקן לווירענציוס? — פרעגט שמעון מיט חשד אין קול און טראַכטנדיק בשעת-מעשה וועגן דער ריזי-קער סומע, וואָס דער פּאָסאָר וויל פאַר דעם אָרט.

— נישט ווייט: זעקס איילן אַרונטער.

— איבער אים, צי אונטער אים? — וויל דער גאַרבער פּינקטלעך וויסן.

— רעכטס, אָט אַזוי, רעכטס, אַ ביסל זײַטיק. כ'זאָג דיר — שוין איינמאָל אַ גוט אָרט, — פאַר האַלב געלט גיב איך עס דיר אָפּ. וויפיל דו זאָלסט נישט האָבן אָנגעזינדיקט, איז אַלץ מכפּר אַזאַ קבר! אַ קלייניקייט! וועסט אַריין גלייך אין גן-עדן אַריין, גלייך צו די צדיקים.

און דער פּאָסאָר האָט מיט אַ געניטער האַנט אָנגעהויבן נעמען פון אים אַ מאָס אויפן קבר, פּונקט ווי אַ שניידער נעמט אַ מאָס אויף אַ

מלבוש. דער גאַרבער האָט אים נאָר געבעטן, ער זאָל אין זין האָבן צו מאַכן עטוואָס גרויסער, עס זאָל אים נישט צו ענג זיין צו ליגן.

דערווייל קומט צו עפּעס אַן אָרים-געקליידטע אַלטיטשקע;

— וואָס פאַרלאַנגסטו, באָבעשי?

— כ׳האָב צוגעברענגט געלט.

— וואָס הייסט צוגעברענגט?

— אויף אַ גליין קבר.

— אַהאַ, כ׳געדענק, כ׳געדענק. נו, ווילסטו נישט דאָס קרומע?

— ניין, טאַטעלעבן מיינער, כ׳וויל נישט, — ס׳ברעכן מיר שוין אַזוי אויך געבוג די ביינער...

אין די קאַטאַקאָמבעס פלעגן זייער טייער קאָסטן די פרייע ערטער לעבן די קדושים, יעדער שפּאַן ערד פלעגט אָפּקאָסטן גאָלד, מ׳האָט אַזש אָנגעהויבן מאַכן אַ ביסל קרומלעכע קברים, ווייל דער פּלאַן פון די קאַטאַקאָמבעס האָט אַנדערש נישט דערלויבט; אַזעלכע קרומע קברים פלעגן קויפן אָרימערע מענטשן.

— כ׳האָב מיך איבערגערעכנט, גאָט חייסט, ווי לאַנג עס קאָן מיר נאָך דאָ אויסקומען צו ליגן ביז תחית-המתים — האָט זיך די אַלטע פאַרענטפערט. — גיי לייג דיך אַריין אין אַ קרום קבר... באַלד אינאָנהייב איז נאָך אפשר גאָרנישט, אָבער אַז ס׳ווערט אָפּגעלעגן איין זייט, איז טאַקע שלעכט...

אַנאַטאָליוס האָט זיך צוגעהערט מיט אַנטציקונג:

— דאָס איז אויסערגעוויינלעך, אַ סך אינטערעסאַנטער ווי די געהיימנישן פון גאָט מיטרע — האָט ער איינגערוימט אַרויסגעזאָגן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. — אַ שאָד, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געוווסט וועגן דעם. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פריילעך בית-הקברות!

זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ בהרחבהדיקער קאַטאַקאָמבע. דאָ האָבן זיך געברענט אָן אַ שיעור לאָמפּן. אַ פּרעסביטער האָט אָפּגעריכט אַ גאָטעס-דינסט. אַלס אַלטאַר האָט געדינט די אייבערשטע פּליטע פון אַ הייליק קבר, וועלכעס האָט זיך געפונען אונטער דעם געוועלבטן סופיט.

אַ סך מענטשן אין לאַנגע, ווייסע קיטלען זענען געשטאַנען און תפילה געטון. אַלעמענס פּנימער זענען פול געווען מיט פריידיקער התפעלות.

מירדע האָט זיך געשטעלט אויף די קניען. זי האָט אַרויפגעקוקט מיט טרערן פון ליבשאַפט אין די קינדרישע אויגן צום בילד פונם גוטן פּאַסטוך, וואָס איז אויסגעמאָלט געווען אויפן סופיט.

דאָ אין די קאַטאַקאָמבעס איז ווידער באַנייט געוואָרן דער מנהג פון די ערשטע צייטן פון קריסטנטום: נאָכן ענדיקן די תפילה האָבן זיך די ברידער און שוועסטער באַגריסט צווישן זיך מיט „אַ קוש פון שלום". אַרזינאָע האָט נאָכגעטון דאָס, וואָס אַלע אַרום איר, — זי האָט זיך צעקושט מיט אַנאַטאָליוסן.

דערנאָך זענען זיי אַלע פיר צוריק אַרויפגעגאַנגען פון די אונטערשטע שטאָקן אויף די אייבערשטע, דאָרט האָט זיך געפונען אַ געהיימער גאַנג אין יוּווענטינוסעס הייל אַריין; דאָס איז געווען אַ פּאַרלאָזט פּאַרצייטיש געצנדינעריש קבר, אַ קאָלומבאַריום, אין דער זייט פונם אַפּיוס-שליאַך.

דאָרט האָט זיך יוּווענטינוס אויסבאַהאַלטן פון זיין מוטער, וועלכע האָט אים אַרומגעזוכט. ער האָט געזאָלט מיט אַ שיף אַוועק אין דער מדבר אַריין. אין דער צייט האָט די מוטער אים אַרומגעזוכט מיט דער הילף פון באַאַמטע. דאָ האָט ער געלעבט צוזאַמען מיט דעם הייליקן זקן דידימעס פון טעבאַידע, וועלכן ער האָט באַדינט און געווען אונטער זיין אויפזיכט.

דידימעס איז געשטאַנען אויף די קניען און געפלאָכטן אַ קיישל פון ווערבע-צווייגלעך. אַ שטראַל פון דער לבנה האָט באַלויכטן זיינע גרויע געדיכטע האָר פון קאָפּ און פון דער לאַנגער באָרד.

פון אויבן ביז אַראָפּ זענען אין די ווענט פונם קבר געווען אויסגעגראָבן קליינע נישעס, ווי די נעסטן אין אַ טויבן-שלאַק. אין יעדער נעסט אַזעלכער איז געשטאַנען אַן אורנע מיט אַש פון אַ פּאַרשטאָרבענעם.

מירדען האָט דער זקן זייער ליב געהאַט. זי האָט אים מיט יראת-הכבוד אַ קוש געטון אין דער ביינערדיקער האַנט אַריין און געבעטן, ער זאָל עפּעס דערציילן וועגן דעם לעבן פון די פּרושים אין דער מדבר.

קיין שום זאַך איז איר אַזוי נישט געפעלן, ווי דידאָזיקע וווּנדערלעכע, אויסטערלישע מעשיות. ער האָט מיט אַ ליב שמייכעלע אויפן בערונצלטן פּנים געגלעט מירדען איבער די האָר. אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אויף דער ערד אַרום דעם זקן.

ער האָט זיי דערציילט לעגענדעס וועגן די הייליקע גרויסע פּרושים פון טעבאַידע, ניטריע, מעסאָפּאָטאַמיע. מירעע האָט געקוקט אויף אים מיט צוויי פלאַקערנדיקע אויגן און צוגעדריקט צום האַרץ אירע דינע פינגער. דער שמייכל פונם בלינדן זקן איז פול געווען מיט קינדערישער צאַרטקייט און זיינע ייִדענע, ווייכע, גרויע האָר האָבן אַרומגערינגלט זיין קאָפּ ווי אַן אָרעאָל.

אַלע האָבן שטילגעשוויגן. עס האָט זיך געהערט פונדערווייטנס דאָס אייביקע גערויש פון רוים.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, וועלכע פירט אינעווייניק אין די קאַטאַקאָמבעס אַריין. יוּווענטינוס האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַ פרעג געטון:

— ווער איז דאָרט?

קיינער האָט נישט געענטפערט, עס האָט זיך בלויז ווידער דערהערט אַ קלאַפּ, אַזאַ שטילער, אַזאַ בעטנדיקער.

ער האָט פאָרזיכטיק אויפגעעפנט די טיר און איז אָפּגעטרעטן. אין קאָלומבאַריום איז אַריינגעקומען אַ הויכע פרוי אין אַ ווייסער לאַנגער הילע פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ פאַרשטעלט פּנים. זי איז געגאַנגען אַזוי, ווי זי וואָלט געווען קראַנק, אָדער זייער אַלט. אַלע האָבן זי אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג.

מיט איין מאַך מיט דער האַנט האָט זי אַרויפגעשאַרצט די הילע איבערן פּנים — און יוּווענטינוס האָט אַ געשריי געטון!

— מאַמע!

די פרוי איז געפאַלן דעם זון צו די פיס און האָט זיי אַרומגענומען.

פּאַסמעס גרויע האָר זענען איר געפאַלן איבערן אויסגעדאַרטן, בלייכן, רחמנותדיקן, אָבער אַלץ נאָך שטאָלצן פּנים.

יוּווענטינוס האָט אַרומגענומען דער מוטערס קאָפּ און איר אַ קוש געטון.

— יוּווענטינוס! — האָט אים דער בלינדער זקן אַ רוף געטון. יענער האָט נישט געענטפערט.

די מוטער האָט אָנגעהויבן רעדן צו אים שטיל, גיך, מיט פרייד, ווי זיי וואָלטן דאָ געווען אַליין:

— איך האָב שוין געמיינט, אַז איך וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זען, זון מיינער! איך האָב שוין געוואָלט אַוועקפאָרן קיין אַלעקסאַנ-

דריע, — אָ, איך וואָלט דיך דאַרט, אין דער מדבר, אויך געפינען. אָבער אמת, איצט איז שוין אַן עק, אויס מיט דעם אַלעם? זאָג מיר, אמת? וועסט שוין מער נישט אַוועק פון מיר? וואַרט צו, ביז איך וועל שטאַרבן. דערנאָך, טו, ווי דו ווילסט...

דער זקן האָט נאָכאַמאָל אַ רוף געטון:

— יוווענטינוס, דו הערסט צי ניין?

— אַלטער, — האָט די פרוי אַרויסגערעדט, אַ קוק טוענדיק אויפן בלינדן, — דו וועסט דאָך נישט אַוועקנעמען בײַ אַ מוטער איר אײנציקן זון! הער, — אפשר דאַרף מען, וועל איך אַוועק פונם גלויבן פון מײַנע עלטערן, איך וועל אָננעמען דעם גלויבן פון געקרייציקטן, איך וועל ווערן אַ מאַנאַשקע...

— פרוי, דו באַגרייפסט נישט די קריסטלעכע געזעצן! אַ מוטער קאָן קיין מאַנאַשקע נישט זיין, אַ מאַנאַשקע קאָן קיין מוטער נישט זיין.

— איך האָב אים געבוירן אין שרעקלעכע ווייען!...

— דו האָסט ליב נישט די נשמה, נאָר דעם קערפּער זיינעם.

די פרוי האָט געוואָרפן אויף דידימעסן אַ בליק פול מיט שרעקלעכן האַס:

— זייט פאַרשאָלטן, איר מיט אייערע פאַלשע, אויסגעטראַכטע רייד! — האָט זי אויסגעשריגן. — זייט פאַרשאָלטן, איר, וואָס רויבט צו זין בײַ מוטערס, וואָס פאַרפירט אומשולדיקע קינדער, איר מענטשן אין שוואַרצן, וואָס האָט מורא פאַר דער ליכטיקער שיין, איר קנעכט פון געקרייציקטן, וואָס האַסט דאָס לעבן, צעשטערערס פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט גרויס און הייליקס!...

איר פּנים איז אויסגעקרומט געוואָרן. נאָך פעסטער האָט זיך צוגע-דריקט מיטן גאַנצן קערפּער צו די פיס פון איר זון און אַרויסגערעדט, שווער אָטעמענדיק:

— איך ווייס, קינד מיינס... דו וועסט נישט אַוועקגיין פון מיר... דו קאָנסט נישט...

דער זקן דידימעס איז געשטאַנען בײַ דער אָפענער טיר פון קאָ-לומבאַריום מיטן וואַנדער-שטעקן אין דער האַנט.

— אין נאָמען פון לעבעדיקן גאָט, באַפעל איך דיר, זון מיינער, קום מיט מיר. פאַרלאָז זי! — האָט ער אַרויסגערעדט הויך און פייערלעך.

די פרוי האָט ארויסגעלאָזט דעם זון פון אירע אָרעמס און אַרויס-
געשטאָמלט קוים צו הערן:

— נו... פארלאָז... גיי... אויב דו קאָנסט...

די טרערן האָבן אויפגעהערט צו רינען איבער איר פּנים; די הענט זענען איר אומבאַהאָלפן אַראָפּגעפאַלן אויף די קניען.

זי האָט געוואַרט.

— העלף מיר, רבונו של עולם, — האָט יוווענטינוס געפּליסטערט, בלאַס ווי קרייד, מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל.

„דער, וואָס וויל נאָכגיין נאָך מ י ר, און פארלאָזט נישט פאָטער און מוטער, ווייב און קינדער, ברידער און שוועסטער, און אפילו דאָס לעבן אליין, דער קאָן נישט זיין קיין תּלמיד מ יי נ ע ר" — האָט דידימעס ארויסגערעדט. טאַפּנדיק מיט די הענט, איז ער אריינגעגאַנגען אין דער אָפענער טיר און צום לעצטן מאָל זיך אויסגעדרייט צום יונגנמאַן:

— בלייב בא דער וועלט, זון מיינער; געדענק: דו ביסט אוועק פון קריסטוס.

— פאָטער! איך גיי מיט דיר... רבונו של עולם, כ'גיי צו דיר! — האָט יוווענטינוס אויסגעשריגן און אוועק נאָכן זקן.

זי האָט די מינדסטע באַוועגונג נישט געמאַכט אים אָפּצושטעלן, קיין איין מוסקול אויף איר פּנים האָט זיך קיין ריר נישט געטון.

ווען זייערע טריט זענען אָבער פאַרשטומט געוואָרן, — איז זי אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אַן דעם מינדסטן וואָרט. אָן א זיפץ אפילו, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

— עפנט! — אין נאָמען פונם גאָטפאַרכטיקן קייסער קאָנסטאַנ-
ציוס! — עפנט!

דאָס זענען געווען דעם פּרעפעקטס זעלנער, וועלכע זענען גע-
קומען אויף דער מסירה פון יוווענטינוסעס מוטער, פּאַקן דאָ די מורדים במלכות, די סאַבעליאַנער, די שונאים פונם קייסער, וועלכע גלייבן אין דער „אידענטישקייט“.

די זעלנער האָבן מיט אייזערנע דרענגער געפּרוּווט אויפהאַקן די טיר פונם קאָלומבאַריום. די ווענט פון דער געביידע האָבן געציטערט אונטער די קלעפּ. די זילבערנע און גלעזערנע אורנעס מיטן אַש פון די טויטע האָבן טרויעריק געקלונגען. די זעלנער האָבן שוין געהאַט באַלד אויפגעריסן די טיר.

אַנאַטאָליוס, מירע, אַרזינאַ זענען אַריינגעלאָפן אין די אינעוויי-

ניקסטע גאַלעריעס, אין די טיפענישן פון די קאַטאַקאָמבעס אַריין. די קריסטן זענען געלאָפן איבער די שמאָלע אונטערערדישע קאָרידאָרן, ווי מוראַשקעס אין אַ צעשטערטן מוראַשניק. יעדער האָט געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען צו די געהיימע טירן און טרעפּ און אַרויס אויף דער פריי.

אַרזינאָע און מירדע האָבן נישט געקאָנט פּינקטלעך דעם פּלאַן פון די קאַטאַקאָמבעס. זיי זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און גאָר פלוצלינג אויסגעקומען אין דעם סאַמע אונטערשטן שטאָק, פינפציק איילן טיף אונטער דער ערד. עס איז זיי דאָ שווער געווען צו אָטעמען. זיי האָבן געפילט, אַז דער גרונט אונטער די פיס איז אַ פייכטער, אַ בלאָטיקער. די צאַנקענדיקע פלעמלעך פון די אייל-לעמפּלעך האָבן זיך געטוקט, ווי צום אויסגיין. די לופט איז געווען אַ פאַרסמטע פון דעם שרעקלעכן עיפּוש. מירדען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. זי איז געפאַלן אין חלשות.

אַנאַטאָליוס האָט זי אַ כאַפּ געטון אויף די הענט. זיי האָבן מורא געהאַט אַ ליאַדע מינוט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די זעלנער. עס האָט זיי געדראָט נאָך איין געפאַר: מ'האָט געקאָנט אײַנדרויסן פאַרשיטן די אַרויסגאַנג-היילן און זיי וואָלטן דאָ איבערגעבליבן באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

פלוצלינג האָבן זיי דערהערט יוווענטינוסעס שטימע:

— אַהער! אַהער!

ער איז געגאַנגען אײַנגעבויגן און געטראָגן אויף די פּלייצעס דעם זקן דידימעס.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי געווען בײַ אַ געהיימען דורכגאַנג אין די שטיינער-גרובנס און דורך אים אַרויס אויפן פרייען פעלד.

אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַהיימגעקומען, האָט אַרזינאָע תיכף אויסגעטון מירדען און זי געלייגט אין בעט אַריין. דאָס מיידל איז נאָך אַלץ געלעגן אין חלשות.

בײַ דער שוואַכער שיין פון דער אויפגייענדיקער זון איז די עלטערע שוועסטער געשטאַנען אויף די קניען און געקושט די דאַרע, וואַקסענע הענטלעך פונם ייִנגערן שוועסטערל. דאָס פאַרחלשטע שלאָפנדיקע מיידל האָט געהאַט עפּעס אַן אויסטערליש פּנים: ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי ווונדערלעך שיין, אַזוי צניעותדיק. דאָס גאַנצע קערפּערל אירס האָט עפּעס אויסגעזען אַזוי דורכזיכטיק, אַזוי איידל, ווי אַ דינע אַלעבאַסטערנע כּלי, דורך וועלכער עס שײַנט עפּעס אַרויס אַן אי-

געוויינקסט פייער. — דאָסדאָזיקע פייער האָט געזאָלט פאַרלאָשן ווערן אינאיינעם מיט מירעס לעבן.

XVIII.

אין די געדיכטע, זומפּיקע וועלדער לעבן דעם טייך רהיין, צווישן דער מיליטערישער באַפעסטיקונג מיטן נאָמען „Tres Tabernae” און דער רוימישער שטאָט ארגענטאָראַטום, וועלכע די אַלעמאַנער האָבן ערשט נישט לאַנג איינגענומען, גייען שפּעט באַנאַכט צוויי פאַרבלאָנדזשעטע וועלנער: איינער — אַראַהאַרי, אַן אומגעלומפּערטער ריז מיט פייערדיק-רויטע האָר און אַ קינדעריש-נאַיוו פּנים, אַ סאַרמאַט אין רוימישער דינסט; דער צווייטער — סטראַמביק, אַן אויסגעדאַרטער, איינגעשרומפּענער, אָפּגעברענטער סיריער.

צווישן די ריזיקע ביימער-שטאַמען, באַדעקט מיט מאָך און שוואָמען, איז פינצטער. די לופט איז וואַרעם. עס גייט אַ שטילער רעגן; עס שמעקט מיט פרישע ברעזענע בלעטלעך און נאַסע סאָסנע-נאָדלען; ווייט ערגעץ קוקעט אַ קוקעווקע. בײַ יעדן שאָרך, בײַ יעדן קנאַק פון אַן אויסגעטרוקנט צווייגל, ציטערט אויף סטראַמביק פאַר שרעק און קלאַמערט זיך אָן אין זיין חברס האַנט:

— פּעטער! פּעטער!

ער רופט דעם ריז אַראַהאַרין פּעטער, נישט ווייל יענער איז באמת זיין פּעטער, נאָר אויס פריינטשאַפט: פון צוויי פאַרשידענע עקן וועלט זענען זיי אָנגעקומען אין רוימישן מיליטער אַריין; דער אייבערווינער פון ווייטן צפון, דער צניעותדיקער באַרבאַר, דער פּרעסער, פאַראַכטעט פשוט דעם סיריער פאַר זיין פחדנישקייט, פאַר זיין ליידנשאַפטלעכקייט, פאַר זיין קנאַפּ עסן און טרינקען; ער איז אים מבזה, אָבער גלייכצייטיק האָט ער רחמנות אויף אים, ווי אויף אַ קליין קינד.

— פּעטער! — כליפּעט סטראַמביק נאָך מער רחמנותדיק.

— וואָס מאַזשעסטו דיך? טשעפּע דיך אָפּ.

— דאָ, אין דעמדאָזיקן וואַלד זענען פאַראַן בערן? ווי מיינסטו, פּעטער?

— פאַראַן. — ענטפערט אַראַהאַרי אומעטיק.

— און וואָס וועט זיין. אַז מיר וועלן באַגעגענען אַ בער? האַ?

— װעלן מיר אים דערהרגענען, אָפּציען די פעל, פאַרקױפן און פאַרטרינקען.

— נו, און אז ער װעט אונז, נישט מיר אים ? האַ ?

— פּחדן ! מ׳דערקענט באַלד אז דו ביסט אַ קריסט.

— פאַרװאָס מײנסטו, אז יעדער קריסט מוז זײן אַ פּחדן ? — װערט סטראָמביק ברוגז.

— דו האָסט דאָך מיר אַלײן געזאָגט. אז אין אײערע ביכער שטײט געשריבן : „אז מ׳גיט דיר אַ פּאַטש אין דער לינקער באַק אַרײַן — שטעל אונטער די רעכטע".

— נו, יאָ.

— זעסטו שױן ! אױב אַזױ, צװאָס טױג־זשע מלחמה צו האַלטן. דער שונא דערלאַנגט דיר אין באַק אַרײַן, שטעל אים אױף די צװײטע. פּחדנים זענט איר אַלע — נישט מער !

— דער צעזאָר יוליאַן איז דאָך אױך אַ קריסט. פונדעסטװעגן איז ער קײן פּחדן נישט. — פאַרטײדיקט זיך סטראָמביק.

— איך װײס, ברודערל — טענהט אַראַהאַרי אַלץ דאָס זײניקע, — אַז עס קומט צו אַ שלאַכט, זענט איר שטענדיק גרײט מוחל צו זײן די שונאים. איר האָט באַ מיר אַלע אַ פּנים, װי די אױסגעװײקטע הינער ! װי גרױס איז דען דײן גאַנצער בױך, נישט גרעסער װי מײן פױסט. דו עסט אױף אַ ציבעלקע, איז שױן גענוג פאַר דיר אױף אַ גאַנצן טאָג. דערפאַר האָסטו טאַקע אַזאַ בלוט אַזױ װי שיטערע בלאָטע.

— אױ, פּעטער, פּעטער, — קרעכצט סטראָמביק מיט פאַרװורף, — פאַרװאָס האָסטו מיך דערמאַנט װעגן עסן. עס ציט מיך שױן װידער באַם פּופּיק. מײן טײערער, גיב מיר אַ ציבעלקע : דו האָסט דאָך נאָך אײנס אין זעקל באַ דיר.

— האַלט דיך אַ ביסל אײַן. ס׳איז שױן די לעצטע שירײַם, מאָרגן װעלן מיר שױן סײ־װי אױסציען די פיס פאַר הונגער.

— אױ, ס׳ציט, כ׳קאָן נישט אױסהאַלטן ! גיב מיר אַ ביסן, אז נישט פאַל איך שױן דאָ אַנידער. װעסט מיך נאָך מוזן טראָגן אױף די פּלײצעס.

— כאַפּט דיך דער טײװל ! נאַ — פרעס !

— אױ, און אַ פּיצל ברױט ! אַ פּיצל ברױט אױך ! — בעט זיך סטראָמביק.

אַראַהאַרי שעלט אים מיט טױטע קללות, פונדעסטװעגן גיט ער

אים דאָס לעצטע איבערגעבליבענע שטיקל פון די זעלנערישע סוכאַרעס. ער האָט נעכטן איינאָווענט זיך אָנגעגעסן מיט חזיר-פעטס און אַרבעס-זופּ צעזעצטערהייט.

— שאַ! — טוט ער פּלוצלינג אַ זאָג און שטעלט זיך אָפּ. — אַ טרומייטער. נישט ווייט איז אַ מיליטערישער לאַגער. לאָמיר זיך נעמען מער אויף צפון-זייט. ווער האָט מורא פאַר אַ בער, פאַרן צענטוריאָן האָב איך מער מורא ווי פאַר אַכצן בערן, — גיט ער צו אין פאַרטראַכטקייט, נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן.

די זעלנער רופן אין שפּאַס דעמדאָזיקן פאַרהאַסטן צענטוריאָן „Cedo Alteram" — „דערלאַנג אַ נײַע" — ווײַל בשעת ער פלעגט שמײַסן אַ זעלנער און די רוט פלעגט באַ אים אין דער האַנט צעבראָכן ווערן, פלעגט ער אַ געשריי טון מיט אַ שײַנענדיק פּנים: Cedo Alteram! — דידאָזיקע צוויי ווערטער זענען געוואָרן דעם צענטוריאָנס צונאָמען.

— איך בין מער ווי זיכער, — שמייכלט דער באַרבאַר. — אַז „דערלאַנג אַ נײַע" וועט מײַן פעל אויסגאַרבן נישט ערגער ווי אַ גאַרבער אַן אָקסן-פעל. ביטער, ברודערל, זייער ביטער!

זיי ביידע זענען אָפּגעשטאַנען פון דעם איבעריקן מיליטער, ווײַל אַראַהאַרי האָט זיך ווי געווײנלעך אַזוי אַנגעשיכּורט אין עפּעס אַ צעראַבירט שטעטל, אַז ער האָט אָנגעווירן אַלע חושים און האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט רירן פונם אָרט, און סטראַמביקן האָט מען אָנגעהרגעט: דער קליינער סיריער האָט געוואָלט אויף כּוח נעמען עפּעס אַ שיין מיידל; דאָס איז געווען די זעכצניעריקע טאָכטער פון אַ דערהרגעטן באַרבאַר, אַ פראַנק; זי האָט אים אָבער דערלאַנגט אַזעלכע צוויי פּעטש, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און דערנאָך האָט זי אים גענומען טרעטן מיט אירע ריזיקע ווײַסע פיס...

— דאָס איז נישט קיין מויד, נאָר עפּעס אַ רוח, — האָט שפּעטער סטראַמביק געקרעכצט, — איך האָב איר קוים געגעבן אַ קליין קניפּעלע, האָט זי מיר שיער נישט איבערגעבראָכן אַלע ריפּן.

דאָס פייפן פונם טרומייטער הערט זיך אַלץמאַל נענטער:

אַראַהאַרי שמעקט אין דער לופט ווי אַ שפּיר-הונט. עס שפּירט זיך אַ רויך: מסתּמא זענען דאָ ערגעץ נישט ווייט צעלייגט די פייערן פון די רוימישע לאַגערן.

עס איז געוואָרן אַזוי פינצטער, אַז זיי האָבן קוים געזעען דעם וועג פאַר זיך; נישטאָ קיין וועג, קיין שטעג; אַן אומענדלעכער זומפּ. זיי שפּרינגען פון איין טרוקן אָרט אויפן צווייטן. אַ נעפּל האָט אַרומגעהילט די גאַנצע געגנט. פלוצלינג גיט עפּעס אַ פלי אַרויס פון אַ ריזיקן יאַדלע-בוים, מיט אַ געשריי און אַ מאָדנעם שאָרך. סטראַמביק ווערט בלאַס ווי דער טויט, ער איז נאָך מער איינגעשרומפּן געוואָרן פון שרעק. דאָס איז געווען עפּעס אַ ווילדער פויגל.

זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

סטראַמביק קריכט אַרויף אויף אַ בוים.

— אויף צפון-זייט זעען זיך פייערן. נישט ווייט פונדאַנען. אַ ביסל ווייטער עפּעס אַ ברייטער טייך.

— דער רהיין! דער רהיין! — שרייט אַראַהאַרי אויס — קום אַראָפּ, לאָמיר גיין גיכער!

זיי מוזן קלעטערן צווישן ריזיקע בערעזענע און יאַדלע-ביימער.

— פעטער! פעטער! ראַטעווע! — שרייט סטראַמביק — עמעץ שלעפּט מיך בײַ די פיס אין דעם זומפּ אַריין. וווּ ביסטו?

אַראַהאַרי העלפט אים צו, מיט גרויס מי שלעפּט ער אים אַרויס פון דער זומפּ, ער זידלט, שעלט, אָבער ער נעמט אים סוף-כּל-סוף אויף די פּלייצעס. ענדלעך דערפילט דער סאַרמאַט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס, דאָס זענען האַלב-פאַרפוילטע קלעצער פון אַ רוימישער גרעבליע.

דידאָזיקע גרעבליע פירט זיי צום שליאַך, וואָס יוליאַנס מיליטער אונטער דער אָנפירערשאַפט פון סעווערוסן האָט אויסגעהאַקט לענגויס דעם וואַלד.

די באַרבאַרן האָבן דעמדאָזיקן שליאַך פאַרלייגט מיט אָפּגעהאַקטע ביימער, כּדי אָפּצושניידן דעם וועג פאַר די רוימישע לעגיאָנען.

די צוויי חברים מוזן זיך אַדורכדראַפּען צווישן די ביימער, וואָס פאַרשטעלן דעם וועג. די פאַרפוילטע ליגנדיקע שטאַמען זענען באַוואַקסן מיט מאָך, באַדעקט מיט קלעביקער בלאָטע, אַז דער פוס רירט זיך צו זיי צו, צעקריכן זיי זיך פּשוט, אָדער צעשיטן זיך אויף שטויב. יעדער איינציקער טריט קומט אָן זייער שווער. — אַזוי זעט אויס דער וועג, וווּ יוליאַנס מיליטער, וואָס איז באַשטאַנען פון דרייצען טויזנט מאַן, האָט געמוזט דורכקומען אונטער דער שטענדיקער געפאַר פון אַן אָנפאַל מצד דעם שונא; אַלע מיליטערישע אָנפירערס האָבן יוליאַנען אין דעם

דאָזיקן שווערן צושטאַנד פאַרראַטן, געבליבן איז מיט אים איין סעווערוס.

סטראָמביק כליפּעט, קלאָגט, שעלט דעם חבר זיינעם:

— לאָמיך אָפּ, דו מיאוסער געצנדינער! כ'וועל מיך אַריינלייגן אין דער בלאָטע אַריין און שטאַרבן, וועל איך כאָטש דיין טריפה פּראַוף נישט אָנקוקן. אוי, דו פאַרשאָלטענע בריאה! מ'זעט באַלד אָן, אַז ס'האָט קיין צלם נישט אויפן האַלז. וועלכער קריסט האָלט זיך עס אַרומגע-שלעפּט אין מיטן דער נאַכט אויף אַזעלכע וויסטע וועגן? און וווּ דאָס לויפט? יוּו יאָגסטו דיך, גלייך צום צענטוריאָן אונטער די שמיץ! איך גיי נישט ווייטער!...

אַראַהאַרי שלעפּט אים באַגוואַלט און אַז דער וועג ווערט נאָר ווידער אַ ביסל בעסער, נעמט ער אים ווידער צוריק אויף די פּלייצעס; יענער לאָזט זיך נישט, שעלט, זידלט, קנייפּט, דראַפּעט אים.

אין אַ ווײַלע אַרום שלאָפט שוין סטראָמביק מיט אַן אומשולדיקן שלאָף אויף דעם „געצנדינערס" פּלייצעס.

אַרום האַלבענאַכט זענען זיי שוין געשטאַנען פאַרן טויער פונם רוימישן לאַגער, אַלץ אַרום איז שטיל. די הענגל-בריק איבערן טיפן ראָוו איז שוין פון לאַנג אויפגעהויבן.

די חברים האָבן געמוזט איבערשלאָפן די נאַכט באַם היגטערשטן טויער פונם לאַגער.

פאַרטאָג האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון אַ טרומייטער. אין דעם פאַרנעפּלטן וואַלד שמעקט מיט אָנגעברענטס, עס זינגט נאָך אויף ערגעץ-ווו אַ נאַכטיגאַל; ער ווערט באַלד אַנטשוויגן, — דער מיליטערישער גערודער אין לאַגער שרעקט אים איבער.

אַראַהאַרי האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער דערפילט תיכף דעם ריח פון געשמאַקן זעלנערישן באַרשטש און ער וועקט אויף סטראָמביקן. עס הונגערט זיי ביידע אַזוי שטאַרק, אַז זיי קוקן נישט אויף דעם פרישן בינטל ריטער, וואָס דער פאַרהאַסטער צענטוריאָן „דערלאַנג אַ נייע" האָט שוין געהאַלטן אין דער האַנט, זיי בייען גלייך אַריין אין לאַגער אַריין און זעצן זיך גלייך צום בשותּפותדיקן קעסל.

אין דעם ווייסט-געצעלט, באַם פּרעטאָריאַנישן טויער איז שוין יוליאַן געווען אויף די פיס.

פון דער צייט אָן, זינט ער איז אין מעדיאָלאַן געקרוינט געוואָרן פאַר צעזאַר, אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון דער קייסערין עוזעביע, —

האָט ער זיך מיט התמדה גענומען לערנען די מיליטערישע קונסט. ער האָט נישט בלויז שטודירט סטראַטעגישע חכמה אונטער סעווערוסעס האַנט, ער האָט געוואָלט אויך דערלערנען די מיליטערישע פּראַקטיק פון די פּשוטע זעלנער: אונטער די קלאַנגען פונם קופּערנעם טרומייטער פלעגט ער אין די אומעטיקע קאַסאַרן, אויפן מאַרס-פעלד לערנען זיך צוזאַמען מיט די פריש-אָנגעקומענע זעלנער. גיין אין דער ריי מיט געמאָסטענע זעל-נערישע טריט, שיסן פון אַ פיילן-בויגן, פון אַ שיס-פּראַצער, לויפן, אָנגעלאָדן מיט אַלע שווערע זעלנערישע מכשירים, איבערשפּרינגען איבער פּלויטן און גריבער. — די מאַנאַכישע צביעות האָט ביסלעכווייז אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דער איינגעבוירענער נייגונג צום פּשוטן, זעלנערישן לעבן פון דער גאַנצער פלאַסוויוס-משפּחה, די מיליטערישע אָפּשטאַמונג האָט זיך אויפגעוועקט אין זיין בלוט.

— אָ, געטלעכער יאַמבליק, אָ, פּלאַטאָ! ווען איר זאָלט זעען, וואָס פון אייער תּלמיד איז געוואָרן! — פלעגט ער אָפּטמאָל אויסשרייען, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון פּנים; און ווייזנדיק אויף זיין שווערן קו-פּערנעם פּאַנצער, פלעגט ער זאָגן צום לערער זיינעם:

— אמת, סעווערוס, דידאַזיקע מיליטערישע קליידונג פּאַסט מיר פּונקט אַזוי, ווי אַ קו אַ כאָמעט?

סעווערוס פלעגט דערויף גאָרנישט ענטפערן, ער פלעגט נאָר כיטרע אַ שמייכל טון; ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָסדאָזיקע זיפצן, דאָס קרעכצן איז נישט מער ווי אַזאַ מין אָנשטעל; באמת האָט דער צעזאַר שטאַרק הנאה געהאַט דערפון, וואָס ער מאַכט אַזעלכע פאָרשריטן אין דער מיליטערישער קונסט.

במשך עטלעכע געציילטע חדשים האָט ער באַקומען אַן אַנדער אויסזעען: ער איז העכער געוואָרן, פעסטער, געזונטער, מ'פלעגט כמעט נישט דערקענען, אַז דאָס איז דער אַמאָליקער „קליינער גריך". ווי מ'פלעגט אים רופן מיט חוזק אין קייסערלעכן הויף; בלויז די אויגן יול-יאַנס האָבן נאָך געהאַט אין זיך דעם זעלבן מאָדנעם, פיבערדיקן גלאַנץ, דעם בליק זיינעם האָט מען אויך איצט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אויב מ'האָט אים נאָר איין מאָל געזען.

פון טאָג-צו-טאָג האָט ער זיך געפילט אַלץ בעסער, אַלץ געזונטער, אַלץ שטאַרקער, נישט בלויז דער קערפּער, די נשמה איז אים אויך גע-שטאַרקט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערשפּירט דעם טעם פון פּשוטער ליבשאַפט פון פּשוטע מענטשן. די לעגיאָנערן איז

באלד אינאַנהייב געפעלן געוואָרן, וואָס דער צעזאַר, דעם הייליקן אויגוסטס פעטערן־זון לערנט זיך מיט זיי צוזאַמען אין די קאַשאַרן, וואָס ער שעמט זיך נישט מיט זיי און מיאוסט זיך נישט פון זייער לעבן. די האַרטע פנימער פון די עלטסטע זעלנער פלעגן אויפשיינען, ווען זיי פלעגן זעען, ווי דער יונגער צעזאַר מאַכט אַזוי פלינק אַלע זעלנערישע איבונגען. ער פלעגט צו זיי צוגיין, שמועסן מיט זיי, אויסהערן זייערע דערציילונגען וועגן די אַמאָליקע שלאַכטן, נעמען בא זיי עצות, ווי אַזוי אונטערצוברענגען דעם פאַנצער, כדי די רימענס זאָלן נישט רייבן דאָס לייב, ווי אַזוי באַם מאַרשירן צו שטעלן די פיס, כדי נישט אָפּצוגעמאַטערט צו ווערן אין גאַנג. צווישן די זעלנער האָבן זיך אַנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער קייסער קאָנסטאַנציוס האָט אַהערגעשיקט דעם נישט געניטן יונגן צעזאַר קיין גאַליע, כדי ער זאָל דאָ אומקומען, „מ'האָט אים געשיקט צו דער שחיטה" פלעגן זיי זאָגן, כדי פּטור צו ווערן פון אַ געפערלעכן קאָנקורענט, מ'האָט אויך געמורמלט, אַז די אָנפירערס פון מיליטער פאַרראַטן דעם יונגן צעזאַר, ווייל אַזוי באַפעלן דעם קייסערס סריסים. דידאָזיקע אַלע קלאַנגען האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט די ליבע פון די זעלנער צו יוליאַנען.

מיט פאַרזיכטיקער חניפהדיקייט, מיט קינציקער צביעות, וואָס ער האָט געירשנט פון די מאָנאַכישע צייטן, פלעגט ער זיך באַמיען מיט אַלע כוחות צו באַפעסטיקן די ליבשאַפט פון דעם מיליטער צו זיך און די שנאה צום קייסער. ווען ער פלעגט מיט זיי רעדן וועגן קאָנסטאַנציוסן, פלעגט ער אַראָפּלאָזן די אויגן מיט אַזאַ מין הכנעהדיקייט, ווי ער וואָלט געווען אַן אומגליקלעכער קרבן.

די זעלנער פלעגן אים ליב האָבן אויך פאַר זיין אומדערשראָקנקייט, פאַר זיין קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט געטראַכט בא זיך, אַז עס איז גלייכער צו שטאַרבן מיט אַ העלדישן טויט אויפן שלאַכט־פעלד, איידער מיט דעם שענדלעכן טויט, וואָס דער קייסער האָט פאַר אים מסתּם שוין צוגעגרייט, אַזוי ווי פאַרן ברודער זיינעם. און ער האָט ריזיקירט מיטן לעבן.

יוליאַן האָט זיך איינגעאָרדנט זיין לעבן לויטן מוסטער פון די אַמאָליקע רוימישע מיליטער־פירערס; די סטאָאישע חכמה, וועלכע ער האָט קינדווייז געלערנט באַם סריס מאַרדאָניוס, האָט אים אַ סך געהאָלפן דערצו.

ער איז געשלאָפן ווייניקער ווי דער מינדסטער זעלנער, און נישט

אויף קיין בעט, נאָר אויף אַ האַרטן טעפּיך מיט געדיכטע לאַנגע האָר — אַ סובורע. איין דריטל פון דער נאַכט האָט ער זיך אָפּגערוט, איין דריטל — זיך פאַרנומען מיט מיליטערישע און מלוכהשע ענינים, דאָס לעצטע דריטל — געלייענט.

ער פלעגט אומעטום האָבן מיט זיך די געליבטע ביכער זיינע. ער פלעגט זיך באַגייסטערן פאַר יעדער שלאַכט אָדער מיט מאַרקוס אַורעליוסן, אָדער מיט פּלוטאַרכן, אָדער מיט סוועטאָניוסן, אָדער מיט קאַטאָ צענזאָרן. בײַטאָג פלעגט ער זיך ווידער באַמיען אויסצופירן דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט בײַנאַכט בײַ די ביכער.

דאָס איז געווען פאַר דער באַרימטער היסטאָרישער שלאַכט הינטער אַרגענטאָראַטום. ווען יוליאַן האָט נאָר דערהערט דאָס שאַלן פון די טרומייטערס, האָט ער פלינק אָנגעטון די מיליטערישע מלבושים, גענומען דאָס געווער און געהייסן זיך דערלאַנגען דאָס פערד.

נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פאַרבאָרגן ווינקעלע אין זיין געצעלט. דאָרט איז בײַ אים געשטאַנען אַ קליינע פיגור פון גאָט מערקוריוס מיטן שטעקן פון שלום אין דער האַנט, אַ באַפליגלטער, גרייט צום אַוועקפליען. דער גאָט פון באַוועגונג, פרייד און מזל. יוליאַן האָט זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קניען און אַרויפגעוואָרפן אויפן דריי־פוס בײַם קליינעם אַלטאַר עטלעכע קערנדלעך ווייראַך. לויט דער ריכטונג פונם רויך האָט דער צעזאַר, וועלכער האָט שטאָלצירט מיט זיינע ידיעות אין טרעפער־קונסט, זיך באַמיט פאָרויס צו טרעפן, וואָס דער טאָג וועט אים ברענגען: גליק צי אומגליק. בײַנאַכט האָט ער דריי מאָל געהערט אַ געשריי פון אַ קראָ פון דער רעכטער זייט, — דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

ער איז אַזוי געווען איבערצייגט, אַז זיינע אומגעריכטע נצחונות אין גאַליע זענען נישט קיין נאַטירלעכע זאַך, אַז מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן אַלץ מער אַבערגלויביש.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונם געצעלט, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן מיטן פוס אָן דעם הילצערנעם לייסטל אָנשטאָט דער שוועל. דאָס פנים איז אים טרויעריק געוואָרן. אַלע סימנים זענען געווען נישט קיין גינסטיקע. ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן בײַ זיך אָפּצולייגן די שלאַכט אויף אַ צווייטן טאָג.

דאָס מיליטער איז אַרויסגעטרעטן. דער וועג דורכן וואַלד איז געווען אַ שווערער: די ביימער־שטאַמען, וואָס דער שונא האָט אָנגע־

וואַרפן אויפן וועג, זענען געווען אַ שווערע מניעה אין ווייטערדיקן מאַרש.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טאָג וועט זיין אַ הייסער. די רוימער זענען קוים געהאַט דורכגעגאַנגען אַ העלפט וועג, צום שונאס מיליטער, וואָס איז געשטאַנען באַם לינקן ברעג פון רהיין, לעבן דעם גרויסן ליידיקן פעלד הינטער דער שטאָט אַרגענטאָראַטום, איז נאָך געווען אַ מהלך פון איין-און-צוואַנציק טויזנט טריט, — און עס איז שוין געווען מיטאָג-צייט.

די זעלנער זענען געווען מיד

אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַרויס פון וואַלד, האָט זיי דער צעזאַר צונויפגעזאַמלט אַרום זיך, אויסגעשטעלט אין קרייז איבערן אַנדערן ווי די צושויער אין אַמפיטעאַטער; ער אַליין איז געשטאַנען אינמיטן פונם אינעווייניקסטן ראָד, די צענטוריעס און קאָהאָרטעס זענען געווען אויסגעשפרייט אַרום זייער פירער, ווי די שטראַלן אַרום דער זון. דאָס איז געווען אַן אַנגענומענער סדר פון אויסשטעלן דאָס מיליטער, ווען מ'האָט געוואָלט, אַז די גרעסטע צאָל זעלנער זאָלן הערן די ווערטער פון זייער פירער.

אין פשוטע, קורצע ווערטער האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז שוין איצט שפעט, אַז יעדער איז מיד און דאָס קאָן שטערן צום דערפאָלג, אַז עס איז גלייכער זיך צו באַפעסטיקן אַ לאַגער דאָ אויף דעמדאָזיקן אָרט, ווו זיי שטייען איצט, זיך אָפּרוען און צומאָרגנס מיט פרישע כוחות אַרויסטרעטן אין שלאַכט.

צווישן מיליטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ מורמלעריי. די זעלנער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די שפּיזן אין די שילדן אַריין, דאָס איז געווען אַ סימן פון אומגעדולדיקייט, זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען און פאָדערן, אַז מ'זאָל זיי תיכף פירן אין שלאַכט. דער צעזאַר האָט אינם אויסדרוק פון זייערע פנימער דערקענט, אַז מ'דאַרף זיך נישט אַקעגנשטעלן זייער פאַרלאַנג. ער האָט דערפילט אין זיי יענעם גרויזאַמען ציטער, וועלכער איז אים שוין גוט באַקאַנט געווען; דערדאָזיקער ציטער, האָט ער געוווסט, פירט צו די גרעסטע נצחונות און בא דער מינדסטער אומפאָרזיכטיקייט איז ער מסוגל צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אויפשטאַנד.

ער איז צוריק אַרויפגעשפרונגען אויפן פערד, געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, און דאָס מיליטער האָט גערירט ווייטער.

ווען די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אויף מערב-זייט.

זענען זיי צוגעקומען צום פֿעלד הינטער אַרגענטאָראַטום. צווישן דער בערגיקער געגנט איז געפֿלאָסן דער רהיין. צו דרום־זייט האָבן זיך געשוואַרצט די וועלדער אויף די וואָגעזן־בערג. וואַסער־שוואַלבן האָבן זיך געטראָגן איבער דער אויבערפֿלאַך פֿונם מאַיעסטעטישן גערמאַנישן טייך. ווערבעס זענען געשטאַנען און געשפּיגלט אין וואַסער זייערע בלאַסע צווייגן.

פֿלוצלינג זענען פֿונדערווייטנס ווי פֿון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן דריי רייטערס: דאָס זענען געווען באַרבאַרן.

די רוימער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן אין שלאַכט־אָרדנונג. יוליאַן, אַרומגערינגלט מיט זעקס הונדערט רייטערס, אַלע פּאַרקאָוועט אין אײַזן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, האָט אָנגעפֿירט מיטן רייטער־מיליטער אין רעכטן פֿליגל; אין לינקן פֿליגל איז געשטאַנען דאָס פֿוסגייער־מיליטער, אָנגעפֿירט פֿונם געניטן אַלטן מיליטער־פֿירער סעווערוס, וועמען דער יונגער צעזאַר איז געווען געהאָרכזאַם אין אַלעם. קעגן יוליאַנען האָבן די באַרבאַרן אַרויסגעשטעלט זייערע רייטערס. אין זייער שפּיץ איז געווען דער אַלעמאַנישער קעניג כנאָדאָמאַר אַליין. קעגן סעווערוסן — כנאָדאָמאַרס יונגער ברודערנזון, אַהענאַריק, מיט די פֿוסגייערס.

מלחמה־שופֿרות, מעשענע טרומייטערס, אויסגעבויגענע בוקצינעס האָבן אָנגעהויבן שאַלן; די הערב־פֿענער מיט די נעמען פֿון די קאָהאָרטעס, די פּורפּורענע דראַקאָנען, די מעשענע רוימישע אָדלערס, אין דער שפּיץ פֿון די לעגיאָנען, האָבן זיך צונויפֿגערוקט; פֿאַרויס זענען געגאַנגען מיט געמאָסטענע שווערע טריט, פֿון וועלכע די ערד האָט געציטערט, די האַקנטרעגערס און פּרימאָפּילאַרן מיט רויקע, שטרענגע פּנימער, געוווינטע צו נצחונות.

פֿלוצלינג האָט זיך סעווערוסעס לינקער פֿליגל אָפּגעשטעלט. די באַרבאַרן האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ גרובן, איצט זענען זיי אומגעריכט אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער באַהעלטעניש און אָנגעפֿאַלן אויף די רוימער. יוליאַן האָט דעמדאָזיקן איבערפֿאַל געזען פֿונדערווייטנס און זיך געאײַלט צו הילף. ער האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן די זעלנער און גערעדט דאָ צו איין קאָהאָרטע, דאָ צו דער צווייטער, נאָכמאַכנדיק יוליוס צעזאַרס שטאַרקן, געפּרעסטן סטיל. ווען ער פֿלעגט אַרויסרעדן: „exurgamus, viri fortes" אָדער „advenit socii, justum pugnandi jam tempus", פֿלעגט דערדאָזיקער זעקס־און־צוואַנציקיעריקער יונגערמאַן שטאָלץ אַ

טראַכט טון: „איצט בין איך ענלעך צו דעם־און־דעם, אָדער צו יענעם־און־יענעם העלד פֿון די אַלטערטימלעכע צייטן!“ אין גרעסטן ברען פֿון שלאַכט פֿלעגט ער זיך שטענדיק אין געדאַנק געפֿינען צווישן זיינע ביכער און פֿלעגט הנאה האָבן, וואָס אַלץ קומט פֿאָר פּונקט אַזוי, ווי עס איז באַשריבן באַ טיטוס ליוויוסן, פּלוטאַרכן, אָדער סאַלוסטיוסן. — דער אַלטער, געניטער סעווערוס פֿלעגט איבערלאָזן דעם צעזאַר אַ געוויסע פֿרייהייט אין דער אָנפֿירונג, אָבער פֿאָרט נישט אַרויסלאָזן פֿון די הענט די הויפּט־אָנפֿירונג איבערן גאַנצן מיליטער.

עס האָבן אָנגעהויבן פֿייפֿן די פֿיילן, באַרבאַרישע שפּיזן, וועלכע זיי האָבן געוואָרפֿן מיט ספּעציעלע לאַסאָס, ריזיקע שטיינער, מיט וועלכע זיי פֿלעגן שיסן פֿון ספּעציעלע שיס־מכשירים.

די רוימער האָבן ענלעך דערזעען פּנים־אל־פּנים דידאָזיקע שרעקלעכע, סודות־פֿולע צפֿון־מענטשן, די איינוווינער פֿון די ווילדע וועלדער אויף יענער זייט רהיין, וועגן וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעהערט אַזויפֿיל אויסטערלישע מעשיות. — זיי זענען געווען באַוואָפֿנט מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע געווער; טייל האָבן אויף די ריזיקע נאַקעטע פּלייצעס געהאַט פֿאַרוואָרפֿן נישט מער ווי אַ בערן־פֿעל; אַנשטאָט אַ העלם האָבן זיי געהאַט אויפֿן צעשויבערטן קאָפּ אַן אָפֿענע מאָרדע פֿון אַ חיה מיט בלאַנקענדיקע אויסגעשטשירעטע ציין; אַנדערע ווידער האָבן געהאַט קאָפּ־באַצירונגען פֿון הירשן־הערנער אָדער אָקסן־הערנער. די אַלעמאַנער האָבן לחלוטין קיין מורא נישט געהאַט פֿאַרן טויט און זיך געוואָרפֿן אין קאַמף אינגאַנצן נאַקעטע מיט דער בלויזער שווערד, אָדער שפּיז אין דער האַנט; זייערע געלע האָר זענען געווען פֿאַרקניפּט אינמיטן קאָפּ, פֿון דעמדאָזיקן קנופּ האָבן זיך די האָר צעראָפּגעלאָזט אויף די פּלייצעס ווי אַ לאַנגע גזשיווע, אָדער ווי אַזאַ מין צאָפּ; די לאַנגע בלאָנדע וואָנסעס זענען באַ זיי אַראָפּגעהאָנגען איבער די רויטע פּנימער. טייל פֿון זיי זענען געווען אַזוי ווילד, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט פֿון קיין אייזן, זייער געווער איז באַשטאַנען פֿון אַ שפּיז מיט אַ שפּיץ פֿון אַ פֿיש־ביין, דערדאָזיקער ביינערנער שפּיץ איז געווען איינגעטונקען אין שרעקלעכן סם און אַזאַ געווער איז געווען געפֿערלעכער ווי געווער פֿון אייזן: עס איז גענוג געווען צו באַקומען איין שטאָך מיט אַזאַ מין נאָדל, אַז דער מענטש זאָל תּיכּף שטאַרבן אין די שרעקלעכסטע יסורים; אַנשטאָט אַ פּאַנצער זענען זיי פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַדעקט געווען מיט פֿערדישע קאָפּיטעס, וועלכע זענען געווען צוגעבייט צו אַ לייוונטן מלבוש, וואָס זיי

האָבן געטראָגן אויף זיך, אין דידאָזיקע מלבושים האָבן די ווילדע וואַלד־מענטשן אויסגעזעען ווי עפּעס מאָדנע, שרעקלעכע חיות.

געווען זענען דאָ זאַקסן מיט בלאָס־בלויע אויגן: נישטאָ קיין דרייסטערע פון זיי אויפן ים, אָבער אויף דער יבשה זענען זיי נישט זיכער מיט זיך; געווען זענען אויך אַלטע סיקאַמברן מיט אָפּגעשוירענע האָר: זיי האָבן זיך די האָר אָפּגעשוירן אַלס סימן פון טרויער נאָך דער מפּלה, וואָס זיי האָבן געליטן; איצט לאָזן זיי זיך די האָר צוריק וואַקסן; עס זענען אויך געווען הערולן מיט גרינלעכע אויגן ווי דאָס וואַסער פון אָקעאַן, לעבן וועלכן זיי ווינען, בורגונדן, באַטאַוון, כאַרמאַטן, און נאָך, און נאָך האַלב־מענטשן, האַלב־חיות, אָן אַ נאָמען; די שרעקלעכע פּנימער זייערע פלעגן די רוימער אָנקוקן נאָר בלויז פאַרן טויט.

די פרימאָפּילאַרן האָבן צונויפגערוקט די שילדן זייערע און עס האָט זיך געשאַפן איין קופּערנע מויער, מיט קיין שום קלעפּ נישט דורכצוהאַקן, אַזוי האָבן זיי זיך אָנגעהויבן רוקן פאָרויס. די אַלעמאַנער האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף זיי מיט אַ שרעקלעך געשריי ווי דאָס ברילן פון טויזנטער בערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַטאַקע ברוסט צו ברוסט, שילד צו שילד. אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן איבערן טאָל און פאַרשטעלט די זון.

אין דערזעלבער מינוט האָבן זיך אין רעכטן פליגל פון דעם רוימישן מיליטער די אייזערנע רייטערס, די קליבאַנאַרן, אַ וואַקל געטון און אָנגעהויבן אַנטלויפן. פון זיי האָבן געקאָנט די הינטערשטע לעגיאָנען צעטרעטן ווערן, און די שלאַכט וואָלט געווען אַ פאַרשפּילטע. אויף יענעם אָרט האָט צווישן די מחנות פייַלן און שפּיזן געבלאַנקט אויף דער זון די פייערדיקע קאָפּ־באַצירונג פונם רייזיקן קעניג כנאָדאָמאַר.

יוליאַן האָט זיך געלאָזט צו יענעם אָרט צו און איז אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר: די באַרבאַרישע פוס־גייער, וואָס זענען בכיוון געגאַנגען צוזאַמען מיט די רייטערס, באַ זייערע פערד, זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער די רוימישע פערד און זיי אויפגעשאַרפּעט די בייכער מיט קורצע שווערדלעך; די פערד זענען אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד צוזאַמען מיט זייערע אין אייזן פאַרקאָוועטע רייטערס, וועלכע האָבן זיך שוין נישט געקאָנט אויפהייבן צוליב די שווערע אייזערנע מלבושים זייערע.

יוליאַן האָט זיך פאַרהאַלטן אינמיטן וועג: אייגס פון די ביידע —

אָדער ער וועט אָפּשטעלן די גנטלויפנדיקע רייטערס, אָדער ער וועט צעטרעטן ווערן פון זיי אויף טויט. מיטן צעזאָרס פערד האָט זיך צונויפּ־געשטויסן דאָס פערד פונם טריבון איבער די קליבאַנאַרן. ער האָט דער־זעען יוליאַנען און איז בלאָס געוואָרן פון חרפּה און שרעק. דאָס גאַנ־צע בלוט איז געקומען יוליאַנען אין פּנים אריין. ער האָט פּלוצלינג פאַרגעסן אַלע זיינע כּללים פון די ביכער ארויס. אַ כאַפּ געטון דעם טריבון באַם האַלז און אַ געשריי געטון מיט אַזאַ קול, וואָס האָט אים אַליין אויסגעזעען עפּעס ווילד־פרעמד:

— פּחדן!

און דער צעזאַר האָט אים אויסגעדרייט מיטן פּנים צום שונא.

אַלע אייזערנע רייטערס האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט — זיי האָבן דערקענט דעם צעזאַרס פּורפּורנעם דראַקאָן, וועלכער איז צעריסן געווען פון די שלאַכטן — און אַ חרפּה האָט זיי אַרומגענומען. אין איין רגע איז די אייזערנע מחנה אויסגעגלייכט געוואָרן און זיך צוריק גע־לאָזט מיט אימפּעט אויפן שונא.

אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם. יוליאַן האָט געקריגן מיט אַ שפּיז אין דער ברוסט אריין, אַ דאַנק דעם פּאַנצער איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון טויט; אַ פייל האָט אים אַ פייף געטון לעבן אויער און מיט די פעדערן אים אַ ראַץ געטון אין דער באַק.

אין דער זעלבער מינוט זענען אָנגעקומען צוהילף דעם אָפּגע־שוואַכטן רייטער־מיליטער די שרעקלעכע לעגיאָנען, וועלכע סעוועערוס האָט געשיקט צו דער געהעריקער צייט, די קאָרנוטן און די בראַקאַטן, די האַלב־ווילדע רוימישע פאַרבינדעטע. זיי האָבן געהאַט אַ מנהג צו זינגען זייער מלחמה־הימן — באַריט, ערשט אין די שווידערלעכ־סטע מינוטן פון שלאַכט און דער שרעקלעכסטער פאַרשיכּורונג פון קאַמף.

די קאָרנוטן און בראַקאַטן האָבן אָנגעהויבן זייער ליד אימהדיק און טרויעריק: די ערשטע טענער זענען געווען אַזוי שטיל, ווי דאָס באַנאַכטיקע שעפּטשען פון די בלעטער אין וואַלד, ביסלעכווייז אָבער איז דער ניגון געוואָרן אַלץ שטאַרקער און העכער, אַלץ פייערלעכער און גרויזאַמער, צום סוף איז דאָס ליד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איבהדיק וואָיען, ווי דאָס ברומען פון די כוואַליעס פון צעבושעוועטן אָקעאַן, ווען ער וואַרפט זיך אויף די פעלזן באַם ברעג. מיט דעמדאָזיקן ליד האָבן זיי זיך פאַרשיכּורט ביז משוגעת.

יוליאַן האָט שוין מער גאָרנישט געזעען אַרום זיך. ער האָט שוין מער נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַרום אים קומט פאָר. ער האָט באַר געפילט אַ שרעקלעכן דורשט און אַ ווייטיק אין דער רעכטער האַנט, וווּ ער האָט געהאַלטן די שווערד; ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין פון צייט. סעוועראָס האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין קאַלטבלוטיקייט אויף קיין איין מינוט, ער האָט אָנגעפירט מיט דער שלאַכט רויק, מיט ישוב הדעת.

פלוצלינג האָט דער צעזאַר באַמערקט, אַז דער ריזיקער כנאָמאַדאַר האָט זיך מיט זיינע רייטערס אַריינגעריסן אינמיטן פון די רוימישע לעגיאָנען, זיין פייערדיקע קאָפּ־באַצירונג ווייעט אין סאַמע מיטן פון די רוימישע זעלנער אַן אומפאַרשטענדלעכער פחד, אַ געוואַלטיקע פאַרצווייפלונג האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט אַ טראַכט געטון: „דאָס איז דער סוף, — אַלץ איז פאַרלוירן!" ער האָט זיך דערמאַנט די שלעכטע סימנים פון היינט אינדערפרי און זיך געווענדט צו די געטער מיט דער לעצטער תפילה:

— העלפט, אָלימפּישע געטער! אויב נישט איך, וועט־זשע דען וועט צוריק באַנייען אייער מאַכט אויף דער ערד!

אין סאַמע מיטן פונם מיליטער האָבן געקעמפט די אַלטע זעלנער פונם פעטולאַנטן־לעגיאָן — די „זידנדיקע", אַזוי האָט מען זיי גערופן פאַר זייער שרעקלעכער מוטיקייט; סעוועראָס האָט נישט אומזיסט אויסגערעכנט אויף זיי און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. איינער פון די פעטולאַנטן האָט אַ געשריי געטון;

— Viri fortissimi! מוטיקע מענער! לאָמיר נישט פאַרראַטן רוים און דעם צעזאַר! לאָמיר שטאַרבן פאַר יוליאַנען!

— זאָל לעבן דער צעזאַר יוליאַן! פאַר רוים! פאַר רוים!

און די אַלטע זעלנער, וואָס זענען גרוי געוואָרן אין די שלאַכטן, זענען ווידער געגאַנגען צום טויט, ערנסטע, רויקע.

יוליאַן האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן פון התפעלות געוואָרפן צו זיי, ער האָט געוואָלט אומקומען מיט זיי אינאיינעם. און ווידער האָט ער דערפילט ווי די קראַפט פון דער פשוטער ליבשאַפט, די קראַפט פון די פשוטע מענטשן הייבט אים אויף העכער.

אַ שרעקלעכע אימה האָט צעמגעכאַפּט די מחנות פון די באַרבאַרן; זיי האָבן זיך אַ וואַקל געטון און אָנגעהויבן אַנטלויפן.

און די מעשענע אַדלערס פון די לעגיאָנען מיט די שפּיציקע שנאָבלען, מיט די אויסגעשפּרייטע פליגל האָבן געבליצט אויף דער זון

דורך די וואָלקנס שטויב, זיי האָבן זיך ווידער אַמאָל אַ לאָז געטון אַנצו־זאָגן די ווילדע צפון־פעלקער די בשורה, אַז די אייביקע שטאָט רוים האָט ווידער אַמאָל אָפּגעהאַלטן אַ נצחון.

די אַלעמאַנען און די פראַנקן זענען אומגעקומען, קעמפנדיק ביזן לעצטן אָטעם.

אַ באַרבאַר שטייט מיט איין קני אין אַ גאַנצער קאַלוזשע בלוט. פון דער האַנט לאָזט ער אָבער אַלץ נישט אַרויס די שטומפּיק געוואָרענע שווערד, אָדער די צעבראָכענע שפּיז זיינע; אין זיין אויסגעלאָשענעם בליק זעט זיך נישט קיין שרעק, נישט קיין פאַרצווייפלונג, נאָר דורשט נאָך נקמה.

אפילו די, וועלכע מ'האָט שוין געהאַלטן פאַר דערהרגעטע, פלעגן אויפשטיין פון דער ערד. צעטרעטענע, האַלב־טויטע, זיי פלעגן זיך איינבייסן מיט די ציין אין די פיס פון זייערע שונאים מיט אַזאַ כעס, מיט אַזאַ האַס, אַז די רוימער פלעגן זיי נאָך אַ צייט נאָכשלעפּן נאָך זייערע פיס איבער דער ערד.

זעקס טויזנט צפון־גבורים זענען אין יענעם טאָג געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד און דערטרונקען געוואָרן אין רהיין.

אין יענעם אָוונט, ווען דער צעזאַר יוליאַן איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, אַרומגערינגלט מיט די שטראַלן פון דער פאַרבייגייענדיקער זון, ווי מיט אַן אָרעאָל, האָט מען צוגעפירט צו אים דעם קעניג כנאָדאָמאַר, וועלכן מ'האָט געפאַנגען אויפן רעכטן ברעג פונם טייך; ער האָט שווער געאָטעמט, שווייס אויסגעמישט מיט בלוט איז געווען אויף זיין דיק, בלאַס פנים; די הענט זענען בײַ אים געווען אונטערגעבונדן פון הינטן. מ'האָט אים אַנידערגעשטעלט אויף די קניען פאַרן זיגער — און דער זעקס און צוואַנציקיעריקער רוימישער צעזאַר האָט אַרויפגעלייגט זיין קליינע האַנט אויף דער געלער צעפלאָשעטער גזשיווע פונם באַרבאַרישן קעניג.

XIX.

עס איז געווען די צייט פון ווינטרויבן־שניט. א גאַנצן טאָג האָבן אויפן פרייליכן ברעג פון פּאַרטענאָפּעום אָפּגעהילכט אינדערלופטן די ליוב־געזאַנגען צום גאָט באַקכוס.

אין דעם באַליבטן שטעטל באַ יעדן רוימער, באַיע, נישט ווייט פון נעאַפּאָל, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט די היילנדיקע שוועבל־בעדער, אין באַיע, וואָס איז נאָך אין אויגוסטס צייטן באַזינגען געוואָרן פון די דיכטערס: „Nullus inorbe locus Baiis preeucet amoenis" זענען רייכערע לייט אַרומגעגאַנגען און זיך געקוויקט מיט דער דאָרטי־קער נאַטור, וואָס איז פּונקט אַזוי פּויל און פּונקט אַזוי ליידנשאַפטלעך ווי זיי אַליין.

קיין איינציק מאַנאַכיש קבר האָט נאָך נישט געהאַט געוואָרפן קיין שאָטן אויף דעמדאָזיקן זוניקן ברעג צווישן וועזוויוס־באַרג און דעם מיזענישן האַלבאינזל; דאָ האָט מען נישט פאַרלייקנט דאָס קריסטנטום, מ'האָט זיך בלויז אָפּגעפּטרט דערפון מיט אַ לצנות; די היגע זונות האָבן קיין תשובה נישט געטון, — דאָ האָבן זיך גיכער אָרנטלעכע פרויען געשעמט מיט זייער צניעות, ווי מיט אַן אָפּגעלעבטן מנהג.

ווען עס פלעגן דאָ אַהער דערגרייכן קלאַנגען וועגן דעם, אַז די סיבילעס זאָגן נביאות, אַז די וועלט גייט אונטער אין קורצן, וועגן דער צביעותדיקער פרומקייט און די מערדערייען פון קייסער קאָנסטאַנציוס, וועגן דעם, אַז די פּערסישע חילות רוקן זיך אָן פון מזרח־זייט, וועגן די מחנות באַרבאַרן, וועלכע דערנענטערן זיך פון צפון־זייט, וועגן די פּרושים און נזירים, וואָס האָבן פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע געשטאַלט אין די מדבריות פון טעבאַידע, — פלעגן די גליקלעכע איינוווינער פון דערדאָזיקער געגנט צומאַכן די אויגן, אַריינעטעמען דעם איידעלן געשמאַק פון די פאַלערנער ווינטרויבן און זיך קוויקן מיט די עפּי־גראַמען אין טיבולוסעס און פּראָפּערציוסעס סטיל, וועלכע זיי פלעגן ווידמען איינער דעם אַנדערן אַלס מתנה:

Calet unda, friget aethra,
Simul innatat choreis
Amathusium renidens,
Salis arbitra et vaporis
Flos siderum, Dione.

עפּעס אַזאַ מין זקנישער און גלייכצייטיק קינדערישער אויסדרוק איז געווען צו זעען אויף די פרײלעכע פּנימער פון דידאַזיקע לעצטע עפּיקורעער. נישט די געזאַלצענע דערפרישנדיקע ים-כוואַליעס, נישט דער קאָכעדיקער שטראַם פון די שװעבל-קוואַלן האָבן קיין היילונג נישט געברענגט די לאַבעריקע, אָפּגעלעבטע קערפּערס פון דידאַזיקע יונגעלײט, וועלכע האָבן צו צוואַנציק יאָר נישט געהאַט קיין איין האָר אויפן קאָפּ און קיין איין צאָן אין מויל. פריצײטיק אַלט געוואָרן צוליב דער אויסגעלאַסנקייט פון זייערע ווײדעס און טאַטעס, איבערגעזעטיקט מיט שיינער ליטעראַטור, מיט חכמה, מיט פרויען, מיט פאַרצײטישער העלדישקייט און מיט מאָדערנער פאַרדאָרבנקייט, זענען זיי געווען שאַרפזיניק און אומבאהאָלפן, בלאַס בלוט פון צו שפּעט געקומענע דורות איז געפלאָסן אין זייערע אָדערן.

אין איינעם פון די רויקסטע און בליענדיקסטע ווינקעלעך, צווישן באַיע און פּוטעאָלי, צווישן די פלאַכע, שוואַרצע צווייגן פון די עקזאָטישע סאָסנע-ביימער, האָבן זיך געווייסט די מאַרמאָרנע ווענט פון אַ גרויסאַרטיקער וויללע.

לעבן אַן אָפן פענצטער, פון וועלכן עס האָט זיך מער נישט געזעען נאָר הימל און ים, איז געלעגן מיררע אויף אַן אויפגעבעט געלעגער.

די בעסטע הייל-מומחים האָבן נישט געוווסט, וואָס איר שלאַפקייט איז; אַרזינאָע האָט געזעען, אַז די שוועסטער אירע צאַנקט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער, און זי האָט זי צהערגעברענגט פון רוים צום ים.

נישט קוקנדיק אויף דער שלאַפקייט, האָט מיררע געלעבט ווי אַן עכטע מאַנאַשקע, זי פלעגט פאַסטן, אַליין צורוימען איר צימער, טראָגן וואַסער, זי האָט אפילו געפּרוווט אַליין קאָכן און וואַשן וועש; זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט ליגן אין בעט, גאַנצע נעכט פלעגט זי פאַרברענגען אין תפילה טון. אַרזינאָע איז איינמאָל צופעליק געוווּר געוואָרן,

אז די קראַנקע שוועסטער אירע טראָגט אַ האַריק בעל־תשובה־העמד אויפן הוילן לייב. אין איר קליין שלאָפצימערל איז גאָרנישט געשטאַנען, אויסער אַ בעטל מיט אַ פשוטן הילצערנעם צלם צוקאָפּנס. דאָס צימערל מיט די ליידיקע ווענט האָט אויסגעזעען ווי אַ מאָנאַכישע צעלע. עס איז אוממעגלעך געווען צו צווינגען די קראַנקע צו אַן אַנדער לעבן.

אַרזינאַ האָט איצט שוין מער נישט געוווּסט פון קיין לאַנגווייליקייט. דאָ האָט זי געהאָפט און ווידער פלעגט זי באַפאַלן אַ יאוש. זי האָט פון שטענדיק אָן זייער ליב געהאַט די שוועסטער, אָבער איצט ערשט, אונטער דער דראָונג פון מירדעס טויט, האָט אַרזינאַ ערשט רעכט פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק ליב זי האָט די שוועסטער.

טיילמאָל פלעגט זי שעהן לאַנג קוקן אויף מירדעס איידל, אָפּגעצערט פנים, וואָס האָט געשטראַלט מיט עפּעס אַזאַ מין אויסטערלישער, רוחניותדיקער שיינקייט, אויף איר אויסגעדאַרטן קערפּער, וואָס איז פאַרצערט געוואָרן פון עפּעס אַן אינעווייניקסט פייער. ווען מירדע פלעגט נישט וועלן איינעמען די רפואות, אָדער טעום זיין פון עסן, וואָס די רופאים האָבן איר געהייסן געבן, פלעגט אַרזינאַ זאָגן מיט פאַרדראָס:

— איך זע דען נישט, מירדע? דו ווילסט דאָך אַליין שטאַרבן...

— וואָס איז דען דער חילוק — לעבן צי שטאַרבן, — פלעגט מירדע ענטפערן עפּעס מיט אַזאַ מין קלאָרקייט, אַז אַרזינאַ פלעגט נישט געפינען קיין ענטפער פאַר איר.

— דו האָסט מיך גאָרנישט ליב, — פלעגט זי בלויז ענטפערן און טרערן פון פאַרדראָס האָבן איר געשטיקט אין האַלז.

מירדע פלעגט זיך אָבער טוליען צו איר מיט אַן אומגעהייערער צערטלעכקייט:

— דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאַרשטעלן, ווי ליב איך האָב דיך. דו קאָנסט גאָרנישט באַגרייפן!...

זי פלעגט קיינמאָל נישט פאַרענדיקן אירע ווערטער און בלויז קוקן אויף איר מיט אַ לאַנגן, שטאַרן בליק, ווי זי וואָלט איר עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עס פעלט איר אויס מוט. אַרזינאַ ווידער האָט געפילט איר בליק, זי האָט פאַרשטאַנען זיין באַדייטונג, אָבער זי האָט קיינמאָל נישט פאַרפירט מיט איר קיין שמועס וועגן גלויבן, זי האָט פאַר איר מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן אירע ספקות און אפשר דערמיט צונעמען די האָפנונג, ווי אומזיניק זי זאָל נישט זיין.

מירדע איז פון טאָג־צו־טאָג אַלץ שוואַכער געוואָרן, זי איז אויס-

געגאַנגען ווי אַ ליכט, אָבער וואָס שוואַכער זי איז געוואָרן, אַלץ אַ גרעסערע פרייד האָט געשיינט אויף איר פּנים.

טײַלמאַל פלעגט צו זיי קומען יוווענטינוס; ער איז אַנטלאָפן פון רוים פאַר דער מוטער, וועלכע האָט אים אומעטום אַרומגעזוכט, און צוזאַמען מיטן זקן דידימעס געוואַרט אין נעאַפּאַל אויף אַ שיף קיין אַלעקסאַנדריע.

ער פלעגט פאַר זיי לייענען דאָס עוואַנגעליום, דערציילן די נסים פון די הייליקע פּרושים אין דער מדבר, וועגן די דריי פּרויען, וועלכע האָבן געזאָלט לעבן יאָרנלאַנג ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב, נאַקעט ווי אדם און חוה אין גן-עדן, אונטער אַ סוכה פון גרינע צווייגן, אויפן ברעג פון אַ קוועליק טײַכל און לויבן דעם בורא עולם באַטאָג און בײַנאַכט; זיי פלעגן זיך שפּייזן מיט די פּרוכטן, וואָס פייגל האָבן זיי געברענגט צו טראָגן, ווינטער האָט זיי די קעלט נישט געשאַדט, נישט זומער די היץ; דער רבונו של עולם האָט זיי געשיצט און געוואָרעמט מיט זיין חסד.

מיט קינדערישער פרייד פלעגט מירדע הערן די לעגענדע וועגן הייליקן הערמאַס, וועלכער האָט געוווינט אין אַ לייבן-הייל; דער לייב האָט מיט אים אַזוי גוט געלעבט, אַז ער פלעגט זיין אייזל פירן צום וואַסער עס אָנטרינקען, ער פלעגט אים לעקן די הענט. בשעת דער הייליקער פלעגט אים גלעטן איבער דער גזשיווע; נאָך דעם הייליקנס טויט האָט זיך דער לייב לאַנג אַרומגעבלאָנקעט בענקענדיק און שרייענדיק אַזוי יעמערלעך; און ווי ער איז צוגעקומען צום הייליקנס קבר, האָט ער עס אַרומגעשמעקט, זיך אַוועקגעלייגט און געלעגן דאָרט אַזוי לאַנג אומגעגעסן און אומגעטרינקען, ביז ער איז געפּגרט.

מירדע איז געווען געריהרט נאָך פון אַ צווייטער לעגענדע וועגן אַ פּרוש, וועלכער האָט אויסגעהיילט אַ היענעס בלינדע קינדערלעך, וואָס די אַלטע היענע האָט אים געברענגט אין זיין הייל אַריין און זיי אַוועקגעלייגט בײַ זיינע פיס.

אוי, האָט זי געוואָלט אַוועק אַהין, אין די פינצטערע, שטומע היילן אַריין, צו יענע הייליקע מענטשן! די מדבר האָט אין אירע אויגן אויסגעזען, ווי זי וואָלט געבליט ווי אַ גן-עדן.

טײַלמאַל, אין היץ, געפּלאָגט פון איר דורשט אַוועקצוגיין אין דער מדבר אַריין, פלעגט זי קוקן פונדערווייטנס אויף די ווייסע זעגלען פון די שיפן, וואָס זענען אַוועק ווייט, אַהין, מיטן ים.

— אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט אוועקפליען נאָך זיי, אהין, זיך אָנזאַפּן מיטן ריח פון דער מדבר!

טײַלמאָל פלעגט זי פּרוּוון אויפשטיין פון בעט, זי פלעגט זיך איינרעדן, אז עס איז איר שוין בעסער, אז זי וועט אינקורצן געזונט ווערן. טיף אין איר הארץ האָט געטליעט די האָפנונג, אז זי וועט צוזאַמען מיט יוּוועניטינוסן און דידימעסן אוועק פונדאַנען, ווען עס וועט אָנקומען א שיף, וואָס גייט אָפּ קיין אַלעקסאַנדריע.

אין יענער צייט איז דער צענטוריאָן אנאַטאָליוס געווען אין באַיע.

ער פלעגט אָפטמאָל איינאָרדנען אויספלוגן אין באַגילדעטע שיפלעך פון דער אַבערנער אָזיערע אין ים אַריין; צוזאַמען מיט אים זענען שטענדיק געווען לוסטיקע יונגעלייט און שיינע פרויען; ער פלעגט זיך קוויקן מיט דער אָפּשפיגלונג פון די שפּיציקע פּורפּורנע זעגלען אינם שלאָפנדיקן ים, — מיט די ניואַנסן פון די אָזוּנטיקע פאַרבן אויפן פעלזיקן קאַפּרי און דעם נעפּלדיקן איסכיום, וועלכע האָבן אויסגעזען פונדער־ווייטנס ווי דורכזיכטיקע אַמעטיסטן; ער פלעגט זיך פרייען מיט די לצנותן איבער די אָלימפּישע געטער, מיטן ריח פון די שמעקנדיקע ווײַנען, מיט די גוט־באַצאָלטע, אָבער דאָך זיסע צערטלעכקייטן פון די שיינע זונות.

פונדעסטוועגן, בשעת ער פלעגט אַרײַנקומען אין מירדעס מאַנאַ־כישער צעלע אַריין, פלעגט ער שפּירן, אז דידאָזיקע צווייטע זייט פונם לעבן איז אויך פאַר אים צוגענגלעך: די צניעותדיקע שיינקייט פון מירדעס פּנים האָט אים גערירט כמעט ביז טרערן; ער האָט געוואָלט גלייבן אין דעם, וואָס זי גלייבט; און ווען ער האָט געהערט יוּוועניטינוסעס דערציילונגען וועגן דעם לעבן פון די הייליקע פּרושים, האָט ער פאַרשטאַנען דאָס הימלישע גליק פון דידאָזיקע מענטשן.

איינמאָל איז מירדע אַנטשלאָפן געוואָרן באַם אָפענעם פענצטער. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי א זאָג געטון צו יוּ־וועניטינוסן מיט א שמייכל:

— עס האָט זיך מיר געחלומט עפּעס א וואונדערלעכער חלום.

— וואָס פאַר א חלום?

— איך געדענק נישט וואָס. — ווי מיינסטו, אַלע וועלן זײַן אין גן־עדן?

— אַלע צדיקים.

— צדיקים, רשעים!... ניין, איך מיין, — האָט מירדע געענט־פערט מיט דעם זעלבן פריידיקן שמייכל, נאָכדענקענדיק, ווי זי וואָלט זיך געהאַלט דערמאָנען דעם חלום, — ווייסט וואָס, יוווענטינוס, איך מיין, אַז אַלע, אַלע וועלן זיין אין גן־עדן, אַלע ביז איינעם, — קיין איין פאַרוואָגלטע נשמה וועט נישט בלייבן!

— אַזוי האָט געלערנט אָריגענוס: „Salvator meus laetari non potest donec ego iniquitate permaneo". „דער דערבאַרעמדיקער וועט נישט האָבן קיין פרייד, ווי לאַנג איך וועל זיין פאַרוואָגלט". — דאָס איז אָבער אפיקורסות.

— יאָ, יאָ, אַטאָ זוי דאַרף טאַקע זיין, — האָט ווייטער גערעדט מירדע, נישט הערנדיק, וואָס ער רעדט צו איר. — איצט האָב איך פאַר־שטאַנען: אַלע וועלן זיין מיט א י ם. אַלע! גאָט וועט נישט דערלאָזן, אַז דאָס מינדסטע באַשעפעניש זאָל פאַרוואָגלט ווערן.

— טיילמאָל ווילט זיך מיר אויך אַזוי גלייבן, — האָט יוווענטינוס אַרויסגערעדט. — מ׳טאָר אָבער נישט, איך האָב מורא...

— מ׳דאַרף נישט קיין מורא האָבן: אַז מ׳האָט ליב, איז קיין מורא נישט פאַראַן. איך האָב קיין מורא נישט.

— אין וואָס־זשע וועט זיין מיט א י ם? — האָט זי יוווענטינוס געפרעגט.

— מיט וועמען?

— מיט א י ם, וואָס מ׳טאָר אים נישט אָנרופן בּאַם נאָמען — מיט דעם ש ט אָ ל צ ן, מיט דעם שטן?

— ער אויך, ער אויך! — האָט מירדע אויסגעשריגן מיט איר אומדערשראָקענער אמונה. — אַזוי לאַנג ווי איין איינציקער אפילו וועט בלייבן נישט אין שויס פון גאָט, וועט קיינער נישט קאָנען זיין פול־שטענדיק גליקלעך. ליבע האָט דאָך קיין גרענעץ נישט, — ווי קאָן־זשע זיין אַנדערש? ווען אַלע באַשעפענישן וועלן זיך פאַרייניקן אין זייער ליבע, וועט אַלץ זיין מיט גאָט און גאָט וועט זיין מיט אַלעמען. טייערער מיינער, ליבער! ווי שיין דאָס לעבן איז! דערווייל ווייסן מיר עס נאָך נישט. מ׳דאַרף אָבער אַלץ ליב האָבן, אַלץ בענטשן, דו פאַרשטייסט, ברודער מיינער, וואָס מען מיינט — אַלץ דאַרף מען בענטשן!

— און דאָס שלעכטס?

— נישטאָ קיין שלעכטס, אויב קיין טויט איז נישטאָ.

דורכן פענצטער האָבן זיך געהערט די פריילעכע געזאַנגען פון

אַנאַטאָליוסעס חברים. זיי זענען געשוווּמען ווי געווייגלעך אין זייערע באַגילדטע שיפלעך מיט פּורפּורנע זעגלען, וואָס האָבן זיך געשלייכט איבערן אָוונטיקן טונקעלן ים-אויסגוס.

מירעלע האָט אַ וויַיז געטון אויף זיי פונדערוויַיטנס:

— דאָס איז אויך גוט, דאָס דאַרף מען אויך בענטשן, — האָט זי אַרויסגערעדט ווי פאַר זיך אַליין.

— די געצאַנדינערישע לידער? — האָט יוּווענטינוס אַ פרעג געטון אין פאַרלעגנהייט.

מירעלע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— יאָ, יאָ. אַלץ. אַלץ איז גוט. אַלץ איז הייליק. די שיינקייט איז גאָטס ליכט. וואָס האָסטו מורא, ליבער מיינער? אָ, ווי פריי מ'דאַרף זיין, בדי צו קאָנען ליבן. ליב איך און האָב קיין מורא נישט. אַלץ דאַרף מען ליבן. דו ווייסט נאָך נישט, וואָס פאַר אַ גליק דאָס לעבן איז.

זי האָט אָפּגעזיפצט מיט אַזאַ פאַרלייכטערונג, ווי עס וואָלט זי דערוואַרט עפּעס אַ לויטערע רויִקייט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— און וואָס פאַר אַ גליק עס איז דער טויט.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע געשפּרעך זייערס. עטלעכע טעג איז זי אָפּגעלעגן שטיל, מיט קיין אבר נישט געריִרט, די אויגן נישט געעפנט; זי האָט משמעות געליטן גרויסע יסורים: אירע שמאָלע ברעמען האָבן זיך פון צייט-צו-צייט אַזוי ציטערנדיק צונויפגעצויגן, באַלד אָבער איז צו איר צוריקגעקומען דער פריערדיקער, שוואַכער, מילדער שמייכל, — קיין איינציקער קרעכץ, קיין איינציקער זיפץ איז פון איר מויל נישט אַרויס. איינמאָל אינמיטן דער נאַכט האָט זי קוים רירנדיק מיט די ליפּן גערופן אַרזינאָען; די שוועסטער איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט. די קראַנקע האָט מיט גרויס מי אַרויסגערעדט, נישט עפענענדיק די אויגן:

— ס'איז טאָג?

— ס'איז נאָך נאַכט; נאָר ס'וועט באַלד טאָג ווערן, — האָט אַרזינאָע געענטפערט.

— איך הער נישט. — ווער ביסטו? — האָט מירעלע נאָך שטילער אַרויסגערעדט.

— איך בין עס, אַרזינאָע.

די קראַנקע האָט פּלוצלינג אויפגעעפנט די אויגן און שטאַר אָנגע-
קוקט די שוועסטער.

— מיר האָט זיך געדאַכט, — האָט זי מיט מי אַרויסגערעדט, —
אַז נישט דו ביסט עס, אַז איך בין דאָ אַליין.

און פּאַמעלעך מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, האָט מירדע צונויפגע-
לייגט די בלאַסע, דורכזיכטיקע הענט, איין דלאָניע צו דער אַנדערער
מיט אַ שטומעוודיק געבעט; די ליפּן האָבן באַ איר אַ ציטער געטון, די
ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן.

— פאַרלאָז מיך נישט, אַרזינאַ! ווען איך וועל שטאַרבן, מיין
נישט, אַז איך בין שוין מער נישטאָ אויף דער וועלט...

די שוועסטער האָט זיך צוגעבויגן צו איר; די קראַנקע האָט אָבער
קיין כּוח נישט געהאַט זי אַרומצונעמען מיט די הענט באַם האַלז, זי
האָט געפּרוווט און נישט געקאָנט. אַרזינאַ האָט דעריבער צוגעלייגט
דאָס פּנים צו אירע אויגן, און די קראַנקע האָט פּאַמעלעך געעפנט און
פאַרמאַכט די אויגן לעדלעך און מיט די לאַנגע ווייס געגלעטע דער שוועס-
טער איבער דער באַק: דאָס איז געווען אַזאַ מין צערטלעכקייט, וואָס זיי
האָבן נאָך איינגעפירט צווישן זיך פון קינדווייז אָן; אַרזינאַ האָט גע-
האַט אַ געפיל, ווי אויף איר באַק וואָלט אַ שמעטערלינג געפלאַטערט
מיט די פליגעלעך.

דידאָזיקע לעצטע צערטלעכקייט האָט אַרזינאַען אויפגעוועקט אין
זכרון דאָס גאַנצע לעבן זייערס, די גאַנצע ליבע זייערע. זי איז געפאַלן
אויף די קניען, און דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט זי
זיך צעוויינט אַזוי לייכט, אַזוי גוט, אַזוי זיס; עס האָט זיך איר געדאַכט,
אַז דאָס האַרץ צעגייט איר פון דידאָזיקע טרערן.

— ניין, ניין, ניין! — האָט זי געוויינט און זיך בשום אופן נישט
געקאָנט איינהאַלטן. — איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן; איך וועל זיין
מיט דיר שטענדיק, אומעטום!...

מירדעס אויגן האָבן פּלוצלינג אויפגעשיינט מיט אַן אומבאַשרייב-
לעכער פרייד; זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַזוי... דו?...

— יאָ, איך גלייב — איך וויל און וועל גלייבן! — האָט אַרזינאַ
אויסגעשריגן און זיך אַליין פאַרוווּנדערט, אַזוי אומגעריכט פאַר איר
אַליין זענען געווען דידאָזיקע ווערטער אירע; זיי האָבן זיך איר אויס-

געוויזן ווי עפּעס אַ נס, נישט ווי קיין איינרעדעניש און זי האָט זיי שוין מער נישט געוואָלט צוריקציען, דידאַזיקע ווערטער.

— איך וועל אַוועק אין דער מדבר אַנשטאָט דיר, מירע! — האָט זי הייטער גערעדט כּמעט מיט אַ וואַנזיניקער האַסטיקייט. — און אויב עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, מוז ע ר מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל קיין טויט נישט זיין, אַז מיר זאָלן שטענדיק זיין אייביקעם — שטענדיק!

מירע האָט אויסגעהאָרכט די שוועסטער און דערנאָך מיט אַ גליקלעכן שמייכל פון עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער בארויקונג צוגעמאַכט די אויגן.

— איצט איז גוט. איך וויל אַנטשלאָפן ווערן, — האָט זי שטיל אַרויסגעברענגט פון מויל.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אירע אויגן מער נישט געעפנט, זי האָט שוין מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דאָס פּנים אירס איז געוואָרן רויק און שטרענג ווי בײַ אַ טויטן. זי האָט אָבער נאָך געאָטעמט עטלעכע טעג.

ווען מ׳האָט איר צוגעטראָגן צו די ליפּן אַ בעכער מיט וויין, האָט זי אַראָפּגעשלונגען עטלעכע טראָפּנס.

קוים איז אָבער איר אָטעם געוואָרן שווערער, איינגעהאַלטענער, האָט זיך יוווענטינוס אַריבערגעבויגן איבער איר און געזאָגט עפּעס אַ שטילע תּפילה, אָדער געזונגען אַ הייליקן הימן; — און מירע פלעגט באַלד ווידער אָנהייבן אָטעמען לייכטער, רויקער, ווי דאָס וואָלט זי איינגעשלעפט.

איינמאָל, אין אַ קלאָרן אָוונט, ווען די זון האָט די אינזלען איסכיוס און קאַפּרי פאַרוואַנדלט אין דורכזיכטיקע אַמעטיסטן, — דער ים איז געשטאַנען שטיל, בארויקט און זיך פונדערווייטנס צונויפגעגאָסן מיטן הימל, און דער ערשטער שטערן איז נאָך נישט אַרויסגעקומען, אָבער זיך שוין געפילט אין דער אומענדלעכער הייך, — האָט יוווענטינוס אָנגעהויבן זינגען דעם פאַרנאַכטיקן הימן איבער דער שטאַרבנדיקער:

Deus, creator omnium
Polique rector vestiens
Diem decore lumine,
Noctem sopora gratia...

גאָט, באַשעפער פון אַלעם,
הימלישער מלך, דו באַקליידסט
די טעג מיט הערלעכע שטראַלן,
די נעכט מיט שאָטן-פּראַכט,
כדי צו קרעפטיקן די מידע אברים
צו ווייטערדיקער אַרבעט,
נאָך דער רו, צו פעסטיקן
דעם שוואַך געוואָרענעם גייסט,
צו באַפרייען אים פון פּחד און צער...

אונטער די טענער פון דעמדאָזיקן הימן האָט מירע אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן אָטעם. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווען זי האָט אויפגעהערט צו אָטעמען. לעבן און טויט זענען פאַר איר סיי-ווי אַלציינס געווען. איר לעבן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער אייביקייט, פּונקט ווי די וואַרעמקייט פון אָוונט גיסט זיך צונויף מיט דער קילקייט פון דער נאַכט.

אַרזינאָע האָט באַגראָבן די שוועסטער אין די קאַטאַקאָמבעס און מיט די אייגענע הענט אויסגעקריצט אויף דער מאַרמאָרנער מצבה: „Myrra, vivis — מירע, דו לעבסט".

זי האָט כמעט נישט געוויינט; אין איר נשמה האָט זי עפּעס געפילט אַזאַ גלייכגילטיקייט, כמעט אַ פאַראַכטונג צו דער וועלט און אַן אַנטשלאָסנקייט, ענלעך צו פאַרצווייפלונג. אויב זי גלייבט נאָך נישט אין גאָט, זאָל זי לכל הפּחות טוען אַלצדינג, כּדי אָנהייבן אין אים צו גלייבן.

זי האָט באַשלאָסן צו צעטיילן איר רייכטום צווישן אָרימעלייט און אַליין זיך אָוועקלאָזן אין דער מדבר אַריין.

אין דעם זעלבן טאָג, ווען אַרזינאָע האָט איבערגעגעבן דעם אַפּוטרופּוס אירן, האָרטענזיוסן, איר באַשלוס,— האָרטענזיוס איז דערפון געוואָרן העכסט אויפגעבראַכט, — האָט זי דערהאַלטן אַ קורץ בריוול פון צעזאַר יוליאַן פון גאַליע. דאָס בריוול איז עפּעס געווען מאָדנע, פאַרשטעלט;

„יוליאַן — צו דער איידעלער אַרזינאָע — פריי דיך!

„צי געדענקסטו נאָך, וואָס מיר האָבן געשמועסט אין אַטען בּאַ דער סטאַטוע פון דער געטין אַרטעמיס דער יעגערין? צי געדענקסטו

נאָך דעם בונד, וואָס מיר האָבן געהאַט געשלאָסן? — שטאַרק איז מיין שנאה, נאָך שטאַרקער איז די ליבע מיינע. אפשר וועט דער לייב אינקורצן שוין אַראָפּוואַרפן פון זיך די אייזל-פעל. דערווייל אָבער לאָמיר זיין ריין ווי די טייבעלעך און קלוג ווי די שלאַנגען, אין הסכם מיטן גלילעערס תורה".

XX.

די פאַרפאַסערס פון עפּיגראַמען באַם קייסערלעכן הויף, וועלכע פלעגן פריער יוליאַנען רופן „victorinus" — „זיגערל", האָבן זיך איצט געוווּנדערט, ווען עס פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן דעם צעזאַרס נצחונות אין גאַליע. דער שפּאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכן ערנסט. טייל האָבן זיך געסודעט וועגן דער מאַגיע, וועגן די געהיימע כוחות, וואָס העלפן דעם יונגן צעזאַר, וועלכער איז נאָענט באַפריינדעט מיט מאַקסימען פון עפעז.

יוליאַן האָט איינגענומען און צוריק פאַרייניקט צו דער אימפּעריע — אַרגענטאָראַטום, בראָקאָמאַגוס, דרייטאַבערנעס, סאַליזאָן, נעמעט, וואַנגיאָן, מאָהונטיאַק.

באַ זיין מיליטער איז ער געווען פאַרגעטערט. מיט יעדן שריט ווייטער, האָט ער זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז די אָלימפּישע געטער באַשיצן אים. ער האָט אָבער ווייטער נישט אויפגעהערט צו קומען אין די קריסטלעכע קירכעס און אין דער שטאָט וויענע באַם זיין ראַדאַן האָט ער בכיוון אָנטיילגענומען אין אַ פרייַלעכער גאָטעסדינסט.

אינמיטן פון חודש דעצעמבער איז דער זיגרייכער צעזאַר צוריקגעקומען נאָך לאַנגע, אומאויפהערלעכע שלאַכטן אין זיין באַליבט שטעטעלע באַם טייך סעקוואַנע לוטעציע-פּאַריז. דאָ האָט ער געוואָלט איבערווינטערן.

דאָס איז געווען אינאָווגוסט. דער צפונדיקער הימל האָט עפּעס אויסגעזען אַזוי מאָדנע אין די אויגן פון די דרום-מענטשן מיט זיין אויסטערלישער בלאַס-גרינלעכער פאַרב. דער פּריש-געפאַלענער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט פון די זעלנער.

פּאַריז-לוטעציע איז געווען אַ שטעטעלע אויף אַ קליין אינזעלע אינמיטן טייך, פון אַלע זייטן איז דאָס שטעטל געווען אַרומגערינגלט

מיט וואַסער. צווײ הילצערנע בריקן האָבן עס פֿאַרײניקט מיט בײדע ברעגן. די הײזער זענען געווען געבויט לויט אַן אײגנאַרטיקער גאַליש-רוימישער אַרכיטעקטור, מיט בריווחדיקע פֿאָדערהײזלעך פֿון סאַמע גלאָז, אַנשטאָט די אָפֿענע זײַלן-פֿאַרטיקס אין די דרום-לענדער. פֿון אַלע קוימענס אין דער גאַנצער שטאָט האָט געזעצט אַ רויך. די בײמער זענען געווען באַהויכט מיט אַ ווײסן פֿראָסט. אין די סעדער האָבן זיך באַ די ווענט צו דרום-זײט געטוליעט פֿײַגנבײמער, וואָס רוימער האָבן דאָ געהאַט פֿאַרזעצט, זאַרגפֿעליק אַרומגעוויקלטע מיט שטרוי און אַזוי אַרום באַוואָרנט פֿון פֿראָסט. אין יענעם יאָר איז געווען אַ שווערער ווינטער, כאָטש די ווינטן האָבן געבלאָזן פֿון ים און זיך באַמיט צו לינדערן די פֿרעסט. ריזיקע שטיקער אײַז זענען געשווומען איבער דער סעקוואַנע, זיך צונויפֿגעשטויסן אײנס מיטן אַנדערן מיט אַ הילכיקן קנאַל און צעטראַסקעט געוואָרן אויף שטיקלעך. די רוימישע און גריכישע זעלנער האָבן געקוקט אויף דעמדאָזיקן שפּיל מיט פֿאַרווונדערונג. יוליאַן האָט געקוקט מיט הנאה אויף די דורכזיכטיקע שטיקער אײַז, וועלכע האָבן געהאַט עפּעס אַ בלוילעך-גרינלעכן אָפּגלאַנץ און זיך דערמאָנט אָן די פּליטעס ווײסן פֿרײִשן מאַרמאָר פֿאַרצויגן מיט לײַכטע גרינלעכע אָדערלעך.

אין דערדאָזיקער טרויעריקער, וווּנדערלעכער שײנקײט פֿונעם צפֿון-לאַנד איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט עפּעס באַצויבערט און געצויגן זײַן האַרץ, ווי דערינערונגען פֿון דער ווײַטער, לאַנגפֿאַרגעסענער הײם.

מ׳איז צוגעריטן צום פּאַלאַץ — אַ ריזיקע געבײדע, וועלכע האָט זיך געשוואַרצט אויפֿן פֿאָן פֿונעם העלן פֿאַרנאַכטיקן הימל מיט די האַמעטנע ציגל-ווענט און טורעמס.

יוליאַן איז אַרײַן אין דער ביבליאָטעק. דאָ איז געווען קאַלט און פֿײַכט. מ׳האָט אײַנגעהײצט דעם ריזיקן קאַמין.

מ׳האָט דערלאַנגט עטלעכע בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען אין זײַן אָפּוועזנהײט. אײן בריוו איז געווען פֿון געטלעכן יאַמבליק פֿון קלײנאַזיע.

עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם. דער ווינט האָט אָנגעהויבן וואָיען אין קוימען. עס האָט אויסגעזען, ווי עמעץ וואָלט כּסדר געקלאַפּט אין די פֿאַרמאַכטע לאָדנס. יוליאַן האָט איבערגעלײענט דעם בריוו פֿון יאַמבליקן. עס האָט אויף אים אַ בלאָז געטון אַ ווינטל פֿון דרום, פֿון העללאַדע; ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און עס האָט זיך

אים געדאַכט, ווי די מאַרמאָרנע פּראָפּילייען שווימען אים אַדורך פאַר די אויגן איינגעהילט אין פינצטערניש. זיי ווערן צעגאַנגען און שיינען ווידער אויף, ווי עפּעס ליכטיקע זעונגען, ווי גאָלדענע וואָלקנס אויפן פאַרנאַכטיקן הימל.

ער האָט אַ ציטער געטון און זיך אויפגעשטעלט. דאָס פייער איז אויסגעגאַנגען. אַ מויז האָט געשאָרכט ערגעץ צווישן די פאַרמעטענע כתבים. עס איז אים באַפאַלן אַ חשק צו זעען אַ לעבעדיק, מענטשלעך פּנים. ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן זיין ווייב און עפּעס אַ מאָדנע שמייכעלע האָט אים אויסגעקרומט די ליפּן.

זי איז געווען דער קייסערין אוזעביעס אַ קרובה, געהייסן האָט זי העלענע, דער קייסער האָט זי געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט יוליאַנען, איידער ער איז אָפּגעפאָרן קיין גאַליע. יוליאַן האָט זי פיינט געהאַט; פון זייער חתונה אָן איז שוין געווען העכער אַ יאָר צייט, און ער האָט זי נאָך אַלץ נישט אָנגערירט, ער האָט זי אפילו רעכט נישט אָנגעקוקט פאַר דער גאַנצער צייט: זי איז ביז איצט געבליבן אַ בתולה.

פון קינדווייז אָן האָט העלענע געטרוימט צו ווערן „קריסטוסעס כלה"; דער געדאַנק וועגן חתונה האָבן האָט זי אַריינגעברענגט אין אַ שרעקלעכער אימה; ווען מ'האָט זי חתונה געמאַכט, האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענע. שפּעטער אָבער, ווען זי האָט געזעען, אַז יוליאַן פאַרלאַנגט נישט פון איר, זי זאָל לעבן מיט אים ווי מאַן און ווייב, האָט זי זיך ביסלעכווייז באַרויקט און געלעבט אין פּאַלאַץ ווי אַ מאָנאַשקע: שטענדיק איינע אַליין, אַ שווייגנדיקע, איינגעהילט פון קאָפּ ביז די פיס אין שוואַרצע מאָנאַכישע בגדים. זי האָט שטילערהייט, אין אירע געהיימע תפילות, אַ נדר געטון צו בלייבן אַ בתולה ביזן טויט אַריין.

עפּעס אַזאַ מין פאַרביסענע נייגיריקייט האָט אים יענע נאַכט געצוווּנגען דורכצוגיין אַלע פינצטערע ליידיקע זאַלן ביז צו איינעם פון די זייטיקע טורעמס, וווּ העלענע האָט געוווינט.

ער האָט נישט אָנגעקלאַפּט, אויפגעפּראַלט די טיר און אַריין אין איר טונקל־באַלויכטענע צעלע. דאָס מיידל איז געשטאַנען אויף די קניען פאַר אַ שטענדער מיט אַ גרויסן צלם.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די שיין פונעם לעמפּל און אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט אויף איר און געשוויגן. זי איז אַזוי פאַרטיפט געווען אין איר תפילה, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט, זי האָט אים נישט באַמערקט. ער האָט אַרויסגערעדט:

— העלענע.

די האָט אַ געשריי געטון און געווענדט אין זיין זייט דאָס בלאַסע פּנים.

ער האָט געהאָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק אויפן צלם, אויפן עוואַנגעליום, אויפן שטענדער:

— נאָר דו דאַווגסט? —

— יאָ, איך דאַוון — איך בעט פאַר דיר אויך, גאָטגעליבטער צעזאַר...

— פאַר מיר אויך? אַזוי! דו האַלטסט מיך, ווייזט אויס, פאַר אַ גרויסן זינדיקער? אמת, העלענע?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט ווידער אַ שמייכל געטון מיט דעם מאָדנעם, קרומען שמייכל.

— שרעק דיך נישט. זאָג. אין דיינע אויגן מוז איך זיין גאָר אַ גרויסער זינדיקער, האַ?

ער איז נאָענט צוגעגאַנגען צו איר און אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן. זי האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— זייער אַ גרויסער? — יאָ. אַזוי מיין איך, — זיי נישט בייז אויף מיר...

— זאָג מיר, מיט וואָס. אפשר וועל איך תשובה טון.

— מאַך נישט חוזק, — האָט זי אַרויסגערעדט נאָך שטילער, נאָך שטרענגער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן. — איך בין פאַר גאָט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דיין נשמה.

— דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיר?

— יאָ. מיר זענען אויף אייביק צונויפגעבונדן.

— מיט וואָס?

— מיט דער רעליגיעזער געהיימניש.

— מיט דער חתונה־צערעמאָניע? מיר זענען דאָך אָבער דערוויל צוויי פרעמדע מענטשן, העלענע?

— איך שרעק מיך פאַר דיין נשמה, יוליאַן, — האָט זי ווידער געזאָגט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין מיט אירע לויטערע נאַי־ווע אויגן.

ער האָט איר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און אַ קוק געטון אין איר בלאַס, מאַנאַכיש פּנים. אַ פראָסט האָט אים אַ הויך געטון פון דעמדאָזיקן צניעותדיקן פּנים, קיין טראָפּן בלוט איז נישט געווען צו

וגען דערין, בלויז די צאַרטע ראָזע ליפּעלעך פון איר שיינעם קליינעם מיילעכל, וואָס זענען געווען עטוואָס צעעפנט מיט אַן אויסדרוק פון קינדערישער שרעק און קינדערישער פאַרווונדערונג, האָבן זיך עפּעס אַזוי מאָדנע אונטערגעשיידט אויף איר טויט-בלאַס פּנים.

פלוצלינג האָט ער זיך צוגעבויגן און איידער זי האָט נאָך באַוויזן צו קומען צו זיך, האָט ער איר אַ קוש געטון אין די ליפּן אַריין.

זי איז אויפגעשפּרונגען, אַנטלאָפן אין צווייטן עק פון איר צעלע און פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים; ביסלעכווייז האָט זי פּאַמעלעך אַוועקגענומען די הענט פון די אויגן, אַ קוק געטון אויף אים מיט משוגענע אויגן פון שרעק, און פלוצלינג גיך אָנגעהויבן צלמען זיך און אים פונדערווייטנס:

— אַוועק, אַוועק, אַוועק, בייזער רוח! קדוש, קדוש, קדוש! אין נאָמען פון פאָטער און זון, — פאַרשווינד פונדאַנען, פאַרשווינד פון מיינע אויגן! שטיי אויף, גאָט, און זאָלן דיינע שונאים פאַרשוווּנדן ווערן!...

אַ כעס האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, איבערגעדרייט דעם שליסל, פאַרשלאָסן, דערנאָך צוריק צוגעגאַנגען צום ווייב:

— באַרויק דיך, העלענע, דו האָסט מיך אָנגענומען פאַר אַן א נ ד ע ר ן, איך בין נישט ד ע ר, וואָס דו האָסט געמיינט: איך בין אַ מענטש, גלייך מיט דיר. דו זעסט, איך בין אַ פּשוטער בשר ודם, נישט קיין רוח. איך בין דיין מאַן, די קריסטלעכע קירך האָט דאָך אונדז געגעבן איר ברכה.

פּאַמעלעך האָט זי זיך אויסגעווישט מיט איין האַנט די אויגן:

— זיי מיר מוחל... עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן... דו ביסט עפּעס אַזוי פלוצלינג אַריינגעקומען. איך האָב שוין נישט איינמאָל געהאַט זעונגען. ע ר שלעפּט זיך דאָ אַרום נאַכט באַ נאַכט. צוויי מאָל האָב איך א י ם געזעען; ע ר האָט מיר איינגערוימט עפּעס וועגן דיר. פון דעמאָלט אָן האָב איך מורא. — ער האָט מיר איינגערוימט, אַז אויף דיין פּנים... יוליאַן, וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי...

ווי אַ געפאַנגען פייגעלע האָט זי זיך געטוליעט צו דער וואַנט און געציטערט. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און זי אַרומגענומען.

— וואָס טוסטו? וואָס טוסטו?... לאָז אָפּ!...

זי האָט געוואָלט שרייען, רופן די באַדינערין:

— העלעפעריע! העלעפעריע!

— נארעלע! צי בין איך דען נישט דיין מאן?...

זי האט פלוצלינג אנגעהויבן צו וויינען אזוי שטיל, אזוי אומבאהאלפן:

— ברודער מיינער! דאס טאר נישט געשעען. איך האב א נדר געטון צו גאט; איך בין קריסטוסעס כלה. איך האב געמיינט, אז דו...

— דעם רוימישן צעזארס כלה קאן נישט זיי קריסטוסעס כלה!

— יוליאן, אויב דו גלייבסט אין א י ם...

ער האט זיך צעלאכט.

מיט די לעצטע כוחות האט זי זיך באמיט ארויסצורייסן פון אים:

— אוועק, שטן, אוועק!... רבונו של עולם, פארלאז מיך נישט!...

ער האט נישט אויפגעהערט צו לאכן און אנגעהויבן באדעקן איר ווייסן, איידעלן האלז-און-נאקן מיט פארעקשנטע, גיריקע, בייזע קושן.

עס האט זיך אים געדאכט, ווי ער וואלט א מארד באגאנגען. זי איז אזוי אפגעשוואכט געווארן, אז זי האט אים שוין נישט געקאנט שטעלן קיין ווידערשטאנד, אבער אירע ליפן האבן נישט אויפגעהערט צו בעטן אזוי הארציק, אזוי רחמנותדיק:

— האב רחמנות, האב רחמנות, ברודער מיינער!

מיט בייזע, צולהכעיסדיקע באוועגונגען האט ער אראפגעפליקט פון איר די שווארצע קריסטלעכע בגדים. זיין נשמה איז געווען ארומגענומען מיט א שרעקלעכער אימה, אבער קיינמאל אין זיין לעבן האט ער נאך נישט געפילט אזא מין תאוודיקע פארשיכורונג. — פלוצלינג האט אים דורך די צעריסענע קליידער א שלאג געטון אין די אויגן ארײַן דאס נאקעטע לייב. דעמאלט האט דער רוימישער צעזאר געווארפן א שפאטישן, ארויספאדערנדיקן בליק אין יענעם ווינקל אריין, וווּ עס האט געטליעט דאס קאגאנעקל איבערן תפילה-שטענדער און באלויכטן דעם שווארצן צלם.

XXI.

עס איז דורכגעגאַנגען העכער אַ יאָר צייט זינט דער שלאַכט בײַ אַרגענטאָראַטום. — יוליאַן האָט באַפרייט גאַליע פון די באַרבאַרן.

באַלד אינאָנהייב פרילינג, בשעת ער איז נאָך געווען אין לוטעציע אויף ווינטער-קוואַרטיר, האָט ער דערהאַלטן פונם קייסער אַ וויכטיקן בריוו, וועלכן עס האָט געבראַכט צו פירן דער טריבון פון די נאָטאַריער, דעצענציוס.

יעדער נצחון, וואָס יוליאַן האָט אָפּגעהאַלטן אין גאַליע, האָט קאָנסטאַנציוסן אויסגעזען ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, ווי אַ טויטקלאַפּ פאַר זיין גאווה: דאָסדאָזיקע נעבעכדיקע ייִנגל, דערדאָזיקער „צונג-באַלמעלאָכע", דידאָזיקע „מאַלפּע אין פּורפּור-קליידער", דאָסדאָזיקע לעכערלעכע „זיגערל" איז צום גרעסטן פאַרדראָס פון די הויף־לצים און חוזק-מאַכער אומגעריכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתדיקן, שרעקלעכן זיגער.

קאָנסטאַנציוס האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרגינען יוליאַנען, דערצו נאָך האָט ער אַליין געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער פון דעם פּערסישן מיליטער אין די אַזיאַטישע פּראָווינצן.

ער האָט אויסגעזען שלעכט. נישט געקאָנט שלאָפן, נישט עסן. צוויי מאָל האָט ער שוין באַקומען אַטאַקן — ער האָט געליטן אויף גאַלשטיינער. די הויף-מעדיקערס זענען געווען זייער באַאומרויקט.

טיילמאָל פלעגט ער אין די שלאָפלאָזע נעכט ליגן אויף דעם הערלעכן בעט אונטערן הייליקן לאַבאַרום. די פאָן פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן, די אויגן האָט ער געהאַלטן אָפן און געטראַכט:

„עוזעביע האָט מיך גענאַרט. ווען נישט זי, וואָלט איך געטון ווי פוילוס און מערקוריוס האָבן מיר געעצהט. איך וואָלט אים דערשטיקט, דאָסדאָזיקע ייִנגל, דידאָזיקע גיפטיקע שלאַנג פון דער פילאָזאָפן-נעסט. אַזאַ נאַרישקייט! אַליין נעמען און אויפהאָדעווען אויף דער אייגענער שויס אַזאַ שונא! — ווער קאָן וויסן, אפשר איז גאָר עוזעביע זיין געליבטע געווען?"...

די פּאַרשפּעקטיקטע אײַפערזוכט האָט זײַן קנאה געמאַכט נאָך מער װײַטיקלעך, נאָך מער שמערצלעך: אין עװזעביען זיך נוקם זײַן האָט ער שױן נישט געקאָט — זי איז שױן געהאַט געשטאָרבן; די צחייטע פרױ זײַנע, פױסטינע, איז געװען אַ נאַריש שײן ליאַלקעלע, ער האָט צו איר געפילט נישט מער װי פאַראַכטונג.

קאָנסטאַנציוס האָט זיך אין דער פינצטערניש געריסן די שיטערע האָר פון קאָפּ, װעלכע דער פריזירער פלעגט יעדן אינדערפרי אַזױ זאָרג־פעליק פאַרקרױזן, און געװײנט מיט ביטערע טרערן פון כעס.

צי האָט ער דען נישט פאַרטײדיקט די הײליקע קירך, נישט באַמיט זיך אױסצוראָטן דאָס אפּיקורסות? צי האָט ער דען נישט געבױט און באַצירט אָן אַ שיעור קלױסטערס, נישט אָפּגעריכט יעדן פרימאָרגן און יעדן אָװנט די געהעריקע צאָל תפילות, נישט געפאַלן כורעים, װי עס פאָדערן די הײליקע פאַרשריפטן? און װאָס־זשע? דאָס איז זײַן באַלױנונג? — דאָס ערשטע מאָל האָט דער הערשער פון דער ערד געהאַט תרעומות צום הערשער פון הימל. די תפילות פלעגן אים פאַרשטומט װערן אױף די ליפּן.

כדי כאָטש עטװאָס אײַנצושטילן דאָס קנאה־געפיל, האָט ער באַשלאָסן אָנצונעמען אױסערגעװײנלעכע מיטלען. אין אַלע גרעסערע שטעט פון דער גאַנצער אימפּעריע זענען פונאַנדערגעשיקט געװאָרן „טריומף־בריװ", באַצירט מיט לאָרבער־קרענץ, די בריװ האָבן מבשר געװען װעגן די נצחונות, װאָס דער קײסער קאָנסטאַנציוס האָט אָפּגעהאַלטן מיט גאָטס הילף, מ'האָט זײ געלײענט פאַרן המון אױף אַלע מאַרק־פּלעצער. פון דידאָזיקע בריװ האָט מען געקאָנט מײנען, אַז נישט יוליאַן, נאָר קאָנסטאַנציוס איז פיר מאָל אַריבערגעגאַנגען אױף יענער זײַט רחײן, אַז נישט יוליאַן, נאָר קאָנסטאַנציוס איז פאַרװונדעט געװאָרן בײַ אַרגענטאָראַטום און גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם קעניג כנאָדאָמאַר, אַז נישט יוליאַן האָט דורכגעמאַכט די געפערלעכע מאַרשן דורך זומפּן און שרעקלעכע װעלדער, דורכגעהאַקט װעגן, באַלאַגערט פעסטונגען, געליטן הונגער, דורשט, היץ און קעלט, געהאָרעװעט מער פון די פּראָסטע זעלנער און געשלאָפן װײניקער פון זײ — נאָר אַלץ קאָנסטאַנציוס, װעלכער האָט נאָר בשעת מעשה אױפן אַנדערן עק װעלט געליטן ביטערע מפּלות פון די פּערסישע חײלות. יוליאַנס נאָמען איז אפילו נישט דערמאָנט געװאָרן אין דידאָזיקע מיט לאָרבערן־באַקראַנצטע דעקרעטן, גלײַך װי עס װאָלט גאָר קײן צעזאַר אױף דער װעלט נישט געװען. דאָס פאָלק האָט גע־

יובלט און באגריסט דעם זיגרייכן קייסער קאנסטאנציוס, און אין אלע קלויסטערן האבן פרעסביטערס, בישאפן און פאטריארכן אפגעריכט פייערלעכע תפילות לכבוד דעם געזוגט און לאנגע יארן פונם קייסער און געדאנקט דעם אלמעכטיקן גאט פאר די נצחונות, וואס ער האט געשענקט קאנסטאנציוסן איבער די ווילדע בארבארן.

אבער די קנאה אין קייסערס הארץ האט זיך אלץ נישט איינגעשטילט.

און ער האט באשלאסן צוצונעמען בא יוליאנען די בעסטע זעלנער פון יעדן לעגיאן, — אומבאמערקלעך, ביסלעכווייז אפשוואכן אים, ווי ער האט אמאל געטון מיט גאללוסן, אים בהדרגהדיק ארייננארן אין זיין נעץ און דערנאך ערשט, ווען ער וועט אים שוין האבן צוגענומען דעם גאנצן כוח, דערלאנגען אים דעם לעצטן קלאפ.

צוליב דעם טאקע האט ער אוועקגעשיקט קיין לוטעציע איינעם פון די געניטסטע באאמטע, דעם טריבון פון די נאטארן דעצענציוסן, וועלכער האט תיכף געזאלט ארויסציען פונם צעזארס מיליטער די בעסטע שטיק-לעגיאנען — די הערולן, די באטאוון, די פעטולאנטן און די צעלטן — און זיי אוועקשיקן צום קייסער קיין אזיע; אויסער דעם האט ער געדארפט פון יעדן לעגיאן אויסקלויבן די בעסטע, די מוטיקסטע דריי הונדערט זעלנער; באזונדערס האט דער טריבון זינטולע באקומען א באפעל צו פארייניקן די בעסטע שילדנטרעגערס און הענטילן, שטעלן זיך אין דער שפיץ פון זיי און זיי אויך אוועקפירן צום קייסער.

יוליאן האט געווארנט דעצענציוסן, ער האט אים פארגעשטעלט די געפאר פון אן אויפשטאנד צווישן די לעגיאנען, וועלכע באשטייען פון בלויז בארבארן, אז זיי וועלן ליבערשט שטארבן, איידער איינשטימען צו פארלאזן זייער היימלאנד. דעצענציוס האט זיך גארנישט געמאכט פון די אלע ווארנונגען. ער איז געבליבן רויק, ערנסט, ווי עס פאסט פאר א הויכן באאמטן, זיין גלאט-געראזירט, געל, געשייט פנים האט אויסגעדרוקט אנטשלאסנקייט.

לעבן איינער פון די צוויי הילצערנע בריקן, מיט וועלכע דאס אינזל לוטעציע איז געווען פארייניקט מיטן ברעג, איז געשטאנען א לאנגע ריזיקע געביידע, דאס זענען געווען די הויפט-קאשארן.

נאך פונדערפרי אן האט צווישן מיליטער געהערשט אן אויפרודערונג. בלויז די שטרענגע דיסציפלין, וועלכע יוליאן האט געהאט איינגע-

פירט, האט נאך אויפגעהאלטן די זעלנער פון עפנטלעכע ארויסטרעטונגען.

די ערשטע אפטיילונגען פעטולאנטן און הערולן האבן נאך געהאט אפמארשירט באנאכט. זייערע ברידער, די צעלטן און באטאון האבן זיך אויך געגרייט אין וועג אריין.

דער טריבון זינטולע האט ארויסגעגעבן די באפעלן מיט א פעסטן, זיכערן טאן; פלוצלינג האט זיך דערהערט א געמורמל. איין נישט אונטערטעניקן זעלנער האט מען שוין געהאט פארשמיסן צום טויט. דעצעניוס האט זיך ארומגעפארעט מיט א פעדער הינטערן אויער און מיט א פאק פאפירן אין דער האנט.

אויפן קאשארן-הויף און אויפן וועג זענען אונטער דעם פארוואלקנטן פארנאכטיקן הימל געשטאנען מיט לייוונט געדעקטע פורן מיט ריזיקע רעדער, פאר די זעלנערס ווייבער און קינדער. די פרויען האבן געיאמערט, זיי האבן זיך געזעגנט מיט זייער היימלאנד. טייל פרויען האבן אויסגעצויגן די הענט צו די געדיכטע וועלדער און לידיקע סטעפעס; טייל זענען געפאלן צו דער ערד, געקושט זי מיט רחמנותדיקע געוויינען און גערופן די ערד „געטרייע מוטער", געיאמערט, אז זייערע ביינער וועלן פוילן אין א פרעמד לאנד; טייל האבן געווייטיקט שטיל, הכנעהדיק, זיי האבן בלויז מיטגענומען אין דער פרעמד אריין א שמאטקעלע מיט א ביסעלע ערד פון זייער טייערן היימלאנד. אן אויסגעדארטע צויג מיט ארויסשטארנדיקע ריפן האט געלעקט מיט דער צונג אן אקס פון א וואגן, וואס איז געשמירט געווען מיט חלב. פלוצלינג האט זי זיך אוועקגעשלייכט אין א זייט, אריינגעשטעקט די מארדע אין דער ערד אריין און אנגעהויבן וואיען. אלע ארומיקע האבן א ציטער געטון און זיך אומגעקוקט צו דער צויג. איין לעגיאנער איז אין כעס געווארן און איר א קאפע געטון מיטן פוס. זי האט אריינגערוקט דעם וויידל צווישן די פיס און אנטלאפן אין פעלד אריין מיט א קוויטש, דארט האט זי זיך אפגעשטעלט פונדערווייטנס און נאך העכער, נאך יעמערלעכער אנגעהויבן צו וואיען. — דאס אויסגעצויגענע יאמערן פונם הונט האט עפעס אנגעווארפן א וויסטע אימה אין דעם טרויעריקן, פארוואלקנטן אוונט.

דער סארמאט ארצהארי איז געווען איינער פון יענע זעלנער, וועלכע האבן געדארפט אוועקגיין פונם היימישן צפון-לאנד. ער האט זיך שוין געהאט געזעגנט מיט זיין פריינט סטראמביקן.

— פעטער, ליבער, געטרייער מיינער, בא וועמען לאזסטו מיך

איבער!... — האָט סטראָמביק געקלאָגט, זופנדיק בשעת מעשה דעם זעלנערישן באָרשטש, וואָס אראַהאַרי האָט אים איבערגעלאָזט; פאַר צרות האָט דער סאַרמאַט אָנגעוווירן דעם אַפּעטיט. סטראָמביק האָט גע־גאָסן ביטערע טרערן גלייך אין באָרשטש אַריין און געהאַלטן אין איין עסן, ביז אַפּעטיט האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרשטאַרקט.

— נו, נו, שווייג שוין, בהמה, — האָט אים אַראַהאַרי געטרייסט מיט זיינע געוויינלעכע פאַראַכטנדיקע, אָבער גלייכצייטיק ליבלעכע זידל־ווערטער, — אַן דיינע געוויינען איז שוין אַזוי אויך פאַראַן געגוג!... זאָג מיר נאָר בעסער, — דו שטאַמסט דאָך פון יענע קאַנטן, — וואָס פאַר אַ וועלדער זענען דאָרט פאַראַן אין יענע מקומות, — דעמבענע צי בערעזענע?

— וואָס רעדסטו, פעטער געטרייער? גאָט ווייסט וואָס דו רעדסט! וועלדער גאָר? זאַמד מיט שטיינער, מער גאָרנישט!

— נו? און אַז ס'איז אַ היץ, וווּהין באַהאַלט מען זיך דאָרט?

— מ'באַהאַלט זיך טאַקע נישט, — נישטאָ וווּ, פעטער געטרייער! מיט איין וואָרט — מדבר! און הייס איז דאָרט, אַ שטייגער ווי אין אַ באַק־אויוון. און קיין וואַסער איז אויך נישטאָ.

— וואָס? נישטאָ קיין וואַסער? און ביר איז דאָרט פאַראַן?

— ביר? וואָס רעדסטו? ווער ווייסט דאָרט וועגן ביר!

— זאָגסט ליגנט!

— זאָלן מיר ביידע אויגן אַרויסקריכן פון קאָפּ, אויב אין גאַנץ אַזיע, מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע איז מעגלעך צו געפינען כאָטש איין איינציק פעסל ביר, אָדער מעד?

— אויב אַזוי, ברודער, איז טאַקע שלעכט! הייס איז, קיין וואַסער איז נישטאָ, קיין ביר נישטאָ, קיין מעד נישטאָ! טאַקע ביטער! מ'טרייבט אונז, ווייזט אויס, אין עק וועלט אַריין, ווי אָקסן צו דער שחיטה.

— צום טייוול אויף די הערנער אַרויף, פּעטערלעבן, גלייך צום טייוול אויף די הערנער אַרויף!

און סטראָמביק האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו וויינען.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך פונדערווייטנס דערהערט אַ שטאַרק געררודער. מ'האָט עפּעס געשריגן, געליאַרעמט. ביידע חברים זענען אַרויס־געלאָפן פון די קאַשאַרן.

אויף דער בריק זענען געלאָפן מחנות זעלנער אין שטעטל אַריין.

די געשרייען זענען וואָס אַמאָל נענטער, בולטער געוואָרן. די קאָשאַר, וענען אויך אַרומגענומען געוואָרן מיט דער אויפגערעגטער שטימונג. זעלנער זענען געלאָפן פון אַלע זייטן, זיך פאַרזאַמלט אין קופּקעס, געשמועסט, געשריגן, געמאַכט מיט די הענט, עס האָבן נישט געהאָלפן די באַפעלן, די דראָונגען, אפילו די קלעפּ, וואָס די צענטוריאָנס האָבן געטיילט.

— וואָס איז געשען ? — פרעגט אַן אַלטער וועטעראַן מיט אַ פּינטל טרוקענע צווייגן אין די הענט, וועלכע ער טראָגט אין דער זעלנערישער קיך אַריין.

— מ'זאָגט, אַז מ'האָט שוין ווייטער צוואַנציק מענטשן פאַרשמיסן צום טויט.

— וואָס רעדסטו — צוואַנציק ? — הונדערט !

— מ'וועט יעדן איינעם שמייסן, אַזאַ באַפעל איז אַרויס !

פלוצלינג באַווייזט זיך אַ זעלנער מיט אַ בלאַס פּנים פון שרעק, אין צעריסענע מלבושים, ער לויפט און שרייט :

— גיכער, גיכער, לויפט אין פּאַלאַץ אַריין ! מ'האָט יוליאַנען געקוילעט !

דידאָויקע ווערטער פאַלן ווי אַ פונק אין טרוקן שטרוי אַריין. דער אויפשטאַנד האָט שוין פון עטלעכע טעג געטליעט, איצט איז ער אויסגעבראָכן ווי אַ שרפה. אַלעמענס פּנימער זענען ווילד, חיהשדיק געוואָרן, קיינער האָט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט פאַרשטאַנען, יעדער באַזונדער האָט געשריגן :

— ווו זענען די מערדערס.

— גיט זיי אַהער !

— קאַטעוועט ! קאַטעוועט ! צום טויט !

— ווער ? וואָס ? וועמען ?

— די שלוחים פון קייסער !

— נידער מיטן קייסער !

— נידער מיט קאָנסטאַנציוסן !

— מערדערס ! ווו איז יוליאַן ?

— אַזאַ פירער ! אַזאַ פאָטער !

מ'האָט אָנגעקריגן צוויי צענטוריאָנען, ז . . טטע-בעסטע, וועלכע זענען אונטערגעקומען אונטער די הענט, זיי זענען ביידע גאָט די נשמה שולדיק געווען. מ'האָט זיי אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און צע-

טרעטן מיט די פיס, מ׳האָט זיי געוואָלט צעפּליקן אויף פּיצלעך. בלוט האָט אַ שפּריץ געטון; דערזעענדיק בלוט, זענען די זעלנער נאָך ווילדער געוואָרן.

די מחנות זעלנער, וואָס זענען געקומען צו לויפן דורך דער בריק, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערנעענטערן צו די קאַשאַרן:

— זאָל לעבן דער קייסער יוליאַן, ערע דעם הייליקן אויגוסט יוליאַן!

— דערמאָרדעט! געקוילעט!

— שווייגט, נאַראָנים! דער קייסער יוליאַן לעבט, מיר האָבן אים גאָר-וואָס אַליין געזעען.

— דער צעזאַר לעבט!

— ער איז שוין נישט צעזאַר, נאָר קייסער!

— ווער האָט דאָ געזאָגט, אַז מ׳האָט אים געקוילעט?

— וווּ איז ער, דער מנוול, וואָס האָט דאָס געזאָגט?

— מ׳האָט אים געוואָלט דערהרגענען!

— ווער האָט געוואָלט?

— קאָנסטאַנציוס!

— נידער מיט קאָנסטאַנציוסן! נידער מיט די פאַרשאָלטענע סריסים!

עמעץ איז אין דער פינצטערניש זייער שנעל דורכגעריטן אויף אַ פערד. טייל האָבן אים דערקענט.

— דעצענציוס! דעצענציוס! האַלט אים! כאַפּט אים!

די פעדער האָט אים נאָך אַלץ געשטעקט הינטערן אויער, דאָס טינטערל האָט זיך אים געבאָמבלט בײַם גאַרטל. דער פאַרזאַמלטער המון האָט אים נאָכגעשיקט געלעכטערן און זידלערייען. ער איז נעלם געוואָרן אין דער פינצטערניש.

דער המון איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. אין דער פינצטערניש האָט דאָס צעבונטעוועטע מיליטער אויסגעזעען ווי אַ שטורעמדיקער ים. די רציחה פון המון איז תיכּף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קינדערישער פריידיקער התפעלות, ווען זיי האָבן פּלוצלינג דערזעען, אַז די פּעטולאַנטן-און הערולן-לעגיאָנען, וועלכע מ׳האָט נאָך פאַרטאָג געהאַט אַוועקגעשיקט, זענען צוריקגעקומען אויף צעבונטעוועטע. מ׳האָט זיך אַרומגענומען און געוויינט פאַר פרייד. אַזוי ווי נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג פון נאָענטע פריינט, טייל האָבן געוויינט, געשריגן, געיובלט. טייל האָבן געקלאַפּט מיט

די שווערדן אָן די שילדן. מ'האָט אָנגעהויבן אָנלייגן פייערן. עס האָבן זיך באַוויזן רעדנערס. סטראָמביק, וועלכער איז אַמאָל געהאַט געווען אַ לץ ערגעץ אין אַ באַלאַגאַן אין אַנטיוכיע, האָט דערפילט אַ צופלוס פון באַגייסטערונג. די חברים האָבן אים אַ הייב געטון אויף די הענט, ער האָט גענומען מאַכן מיט די הענט טעאַטראַלישע זשעסטן און אָנ-געהויבן:

Nos quidem ad orbis terrarum extrema ut noxii — ...pellimur et damnati — מ'שיקט אונז אין עק וועלט אַריין, אַזוי ווי פאַרמשפטע צום טויט, אַזוי ווי גנבים; אונזערע פאַמיליעס, וועלכע מיר האָבן אויסגעקויפט פון קנעכטשאַפט מיט אונזער אייגן בלוט, וועלן נידער אַרונטערפאַלן אונטערן יאָך פון די אַלעמאַנער...

ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווי פון די קאַשארן האָבן זיך דערהערט געוואַלטיקע געשרייען, ווי מ'וואָלט דאָרט געקוילעט אַ חזיר, און באַקאַנטע קלעפּ, ווי מ'וואָלט דאָרט עמעצן געשמיסן מיט רי-טער איבערן הויפן לייב: זעלנער האָבן געשמיסן דעם פאַרהאַסטן צענ-טוריאָן „Cedo Alteram". דער זעלנער, וועלכער האָט געשמיסן דעם עלטסטן זיינעם. האָט אַוועקגעוואָרפן פון דער האַנט די פאַרבלוטיקטע רוט, און אונטער די הילכיקע גלעכטערן פון די איבעריקע זעלנער אַ געשריי געטון, נאָכמאַכנדיק פּינקטלעך דעם צענטוריאָנס פרייליכע שטי-מע: „דערלאַנג אַ נייע!" — „Cedo Alteram!"

— אין פאַלאַץ אַריין! אין פאַלאַץ אַריין! — האָט דער עולם אָנגעהויבן שטורמען. — לאָמיר יוליאַנען קרוינען פאַר אויגוסט! לאָמיר אים אָנטון די קייסערלעכע דיאַדעם!

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צום פאַלאַץ, איבערלאָזנדיק ליגן אויפן הויף דעם האַלב-טויטן צענטוריאָן אין אַ קאַלוזשע בלוט. — גע-ציילטע שטערן האָבן אַרויסגעקוקט דורך די וואָלקנס אויפן הימל. דער טרוקענער, שרייענדיקער ווינט האָט אַלעמאָל אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב און געטראָגן איבערן פאַלאַץ.

די טויערן, די טירן און די לאָדנס פון פאַלאַץ זענען געווען פאַרהאַמערט, ווי די געביידע וואָלט געווען איינגאַנצן פּוסט.

יוליאַן האָט פאַרויסגעפילט, אַז עס וועט קומען צו אַן אויפשטאַנד און ער האָט נישט פאַרלאָזט דעם פאַלאַץ, נישט געוויזן זיך פאַר דעם מיליטער. ער איז די גאַנצע צייט פאַרנומען געווען מיט נביאות, מיט

גורל ווארפן. צוויי טעג און צוויי נעכט הארט ער שוין אויף נסים, אויף מופתים, אויף אן אָנווייזונג פון אויבן.

אין אַ לאַנג ווייט פּיטאַגאָרעיש מאַנטל, מיט אַ לעמפּל אין דער האַנט גייט ער איצט אַרויף אויף די שמאָלע טרעפּלעך צום העכסטן טורעם איבער דעם פּאַלאַץ. דאָרט וואַרט שוין אויף אים אַ פּערסישער מאַגיקער אין אַ שפּיציקער וואַטלאַקענער טיאַרע אויפן קאָפּ. ער פאַרשט די שטערן אויפן הימל. דאָס איז מאַקסימס געהילף, וועלכן דער באַרימטער מאַגיקער פון עפעז האָט אים דאָ אַהער צוגעשיקט, ער הייסט נאַהאַדאַרעס, דערזעלבער נאַהאַדאַרעס, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק פאַרויסגעזאָגט די צוקונפט דעם טריבון סקודילאַ אין סיראַקסעס קרעטשמע באַם אַרגעישן באַרג.

— נו, וואָס הערט זיך ? — פרעגט אים יוליאַן אין אויפרעגונג, קוקנדיק אויפמערקזאַם צום הימל אַרויף.

— מ'זעט גאָרנישט, — ענטפערט אים נאַהאַדאַרעס. — די וואָלקנס שטערן.

יוליאַן מאַכט מיט דער האַנט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג :

— קיין איין אָנווייזונג ! קיין איין סימן ! פּונקט ווי הימל און ערד וואָלטן זיך צוגויפגערעדט . . . אַט, אַ פלעדערמויז האָט דורכגעשוועבט.

— קוק נאָר, קוק, — אפשר וועסטו עפּעס דערקענען פון איר פליען ! קוק !

זי האָט כמעט זיך אָנגערירט אָן יוליאַנס באַק מיט איר קאַלטן, פאַרכישופטן פליגל און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— אַ נשמה, אַ נאָענטע נשמה, — האָט נאַהאַדאַרעס אַרויסגעמורמלט. — נאָך היינט באַנאַכט וועלן געשען גרויסע...

פונדערווייטנס האָבן זיך דערהערט נישט בולטע קולות פון מיליטער ; דאָס וואָיען פונם ווינט האָט פאַרטויבט די קלאַנגען.

— אַז עס וועט זיך עפּעס באַווייזן, קום תיכף צו גיין, — האָט יוליאַן אַ זאָג געטון און צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אין ביבליאָטעק אַריין.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן ריזיקן זאַל פון איין ווינקל אין אַנדערן, מיט גיכע, נערוועזע טריט. טייל מאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און זיך צוהערן. אים האָט זיך עפּעס אַלץ געדאַכט, אַז עמעץ גייט אים נאָך פון הינטן, אַ מאָדנע, איבערנאַטירלעכע קעלט האָט אים

נפעס כסדר געבלאָזן הינטן אין נאַקן אַריין. ער דרייט זיך אויס — נישטאָ קיינער; בלויז דאָס בלוט שלאָגט אים אַזוי שווער, אַזוי נערוועז, אַזוי אימהדיק אין די שלייפן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין איבערן זאַל, און ווידער דאַכט זיך אים, אַז עמעץ רוימט אים עפּעס איין אַזוי גיך, אַזוי שטיל אין אויער — ער קאָן אָבער נישט אויפכאַפּן וואָס.

א דינער איז אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז עפּעס אַן אַלטער מאַן איז געקומען צו פאָרן פון אַטען וועגן ווייער אַ וויכטיקן ענין, ער וויל זיך זעען מיטן צעזאַר. יוליאַן איז אויפגעשפּרונגען, אַ געשריי פון פרייד האָט זיך אים אַרויסגעריסן פון האַלז. ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר, מיינענדיק, אַז מאַקסים איז שוין אָנגעקומען. עס איז גאָר געווען דער היעראָפאַנט פון די עלעוזינישע געהיימנישן, וועלכן ער האָט טאַקע אויך אָפּגעוואַרט.

— פאָטער! — האָט דער צעזאַר אויסגעשריגן — ראַטעווע מיך! איך מוז תיכף וויסן דעם ווילן פון די געטער, קום שנעלער, — אַלץ איז גרייט.

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך שוין נאָענט פון פּאַלאַץ דער־הערט די מעכטיקע, פּאַרטויבנדיקע געשרייען פון מיליטער. ווי דאָס הילכן פון אַ דונער; די אַלטע שטיינערנע מויערן האָבן אַ ציטער געטון.

— דער טריבון פון דער פּאַלאַץ־וואַך איז אַריינגעלאָפן בלאַס פון שרעק:

— אַן אויפשטאַנד! די זעלנער ברעכן די טויערן אויף!

יוליאַן האָט באַפעלעריש אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— שרעקט אייך נישט! באַלד, באַלד! דאָ אַהער זאָל מען קיינעם נישט אַריינלאָזן...

ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם היעראָפאַנט בא דער האַנט און אים אָנגעהויבן שלעפּן נאָך זיך אַראָפּ דורך שמאָלע משופּעדיקע טרעפּ אין אַ פינצטערן קעלער אַריין. ער האָט פאַרשלאָסן נאָך זיך די אייזערנע טיר.

אין קעלער איז שוין אַלץ גרייט געווען: שטודקאַצן פאַר דער זיל־בערנער פיגור פון העליאָס־מיטרען, דעם גאָט פון דער זון; ווייראויך־פאַנען, הייליקע מכשירים מיט וואַסער, ווייַן און האָניק צום באַגיסן די קרבנות, מעל מיט זאַלץ צום באַשיטן זיי; שטייגלעך מיט פאַרשידענע

עופות צום פֿאַרזאָגן אויף זייערע געדערים: קאַטשקעס, טויבן, הינער, גענז, אָן אָדלער; אַ ווייס שעפּסעלע איז געלעגן געבונדן און רחמנות־דיק געמעקעט.

— שנעלער! שנעלער! איך מוז געוווירן ווערן דעם ווילן פֿון די געטער, — האָט יוליאַן געאײַלט דעם היעראָפּאַנט, דערלאַנגענדיק אים אַ שאַרפֿן חלף.

דער אַלטער האָט פּאַרסאַפּעט אין אײַלעניש אָפּגעריכט אַ תּפֿילה, באַגאָסן דעם מזבח, געשאָכטן דאָס שעפּעלע; אַ טייל פֿונם פֿלייש און פֿונם חלב האָט ער אַרויפֿגעלייגט אויף די קוילן פֿון מזבח און מיט פֿאַרשידענע השבעות אויף די ליפּן אָנגעהויבן באַקוקן די געדערים. מיט געניטע פֿינגער האָט ער אָנגעהויבן בודק זײַן די לעבער, דאָס האַרץ, די לונגען פֿון אַלע זייטן.

— אַ מעכטיקער מאַן וועט אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן, — האָט דער היעראָפּאַנט אַרויסגערעדט, אָנווייזנדיק אויף דעם וואָרעמען האַרץ פֿונם שעפּעלע. — אַ שרעקלעכער טויט...

— ווער? — האָט יוליאַן אַ פֿרעג געטון, — איך, צי ער

— איך ווייס נישט.

— דו ווייסט אויך נישט?

— צעזאַר, — האָט דער אַלטער אַרויסגערעדט, — אײַל דיך נישט. אין דער היינטיקער נאַכט באַשליס דיך אויף גאָרנישט. וואַרט צו ביז אינדערפֿרי: די סימנים זענען נישט קיין גינסטיקע, זיי זענען אַפֿילו...

ער האָט נישט דערענדיקט די ווערטער און זיך תּיכּף גענומען צום צווייטן קרבן — צו דער גאַנז, דערנאָך צום אָדלער. פֿון אויבן האָט זיך דערטראָגן אָהער דאָס גערודער פֿון המון, ווי דאָרט וואָלט געוועז עפּעס אַ שרעקלעכע פֿאַרצווייפֿלונג. עס האָבן זיך געהערט קלעפּ אין די אײַזערנע טויערן. יוליאַן האָט דאָס אַלץ נישט געהערט, ער האָט מיט ברענענדיקער נײַגיריקייט זיך צוגעקוקט צו די פֿאַרבלוטיקטע געדערים: אין די נירן פֿון דער געקוילעטער הון האָט ער געהאַלט דערגייין די סודות פֿון דער געטלעכקייט.

דער אַלטער פּריסטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטון:

— היינט זאָלסטו גאָרנישט אונטערנעמען: די געטער שווייגן.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט דער צעזאַר אויסגעשריגן מיט כּעס. — זיי האָבן געפֿונען אַ צייט צו שווייגן!...

נאָכהאַנדערס איז אַריינגעקומען מיט אַ גדלותדיקער מינע:

— יוליאַן, פֿריי דיך! די היינטיקע נאַכט באַשליסט דיין גורל. אייל דיך, וואַג, — אויב נישט היינט — איז קיינמאָל נישט...

דער מאַגיקער האָט אַ קוק געטון אויפֿן היעראָפֿאַנט, דער היעראָ־פֿאַנט אויפֿן מאַגיקער.

— היט דיך! — האָט דער פּריסטער אַרויסגערעדט מרה־שחורהדיק.

— וואַג! — האָט נאָכהאַנדערס אַ זאָג געטון.

יוליאַן איז געשטאַנען צווישן זיי ביידע, געקוקט דאָ דעם אין די אויגן אַריין, דאָ יענעם אין פֿאַרלעגנהייט. די פּנימער פֿון ביידע מכשפֿים זענען געווען שטרענג, נישט דורכדרינגלעך; זיי זענען ביידע געווען איינפֿערזיכטיק איינער אויפֿן אַנדערן.

— וואָס־זשע טוט מען? וואָס־זשע טוט מען? — האָט יוליאַן אַרויסגעמורמלט.

פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאַנט אין עפּעס, און אַ האָפֿנונג האָט אויפֿגעבליצט אין זיינע אויגן:

— וואַרט נאָר צו: איך האָב אַן אַלט סיבילליש ספֿר „מעגן סתּירות אין נביאָה". כ'וועל אַ קוק טון!

ער איז צוריק אַרויף אין ביבליאָטעק אַריין. אין קאָרידאָר איז אים אַקעגנגעקומען דער בישאָף דאָראָטעוס אין זיין גלחישער מאַנטיע מיטן צלם און דעם ווייַרויך־בעכער אין דער האַנט.

— וואָס איז דאָס? — האָט יוליאַן אַ פֿרעג געטון, אָפּשפּרינגענ־דיק אַ דערשטוינטער.

— איך גיי ווידוי זאָגן מיט דיין פֿרוי, צעזאַר, — זי האַלט באַ שטאַרבן.

דער בישאָף דאָראָטעוס האָט אַ קוק געטון אויפֿן צעזאַר אין דעם ווייסן פּיטאַגאָרעישן מאַנטל, אויף זיינע ברענענדיקע אויגן, אויף די פֿאַרבלוטיקטע הענט.

— דיין פֿרוי וואָלט דיך געוואָלט זען פֿאַרן טויט, — האָט דער בישאָף אַ זאָג געטון.

— גוט, גוט, נישט איצט, שפּעטער... אָ, אָלימפּישע געטער! נאָך

אַ שלעכטער סימן. פּונקט אין אַזאַ מינוט. אַלץ, וואָס זי טוט, איז נישט אין דער ריכטיקער צייט!...

ער איז אַריינגעלאָפן אין דער ביבליאָטעק, געגומען נישטערן צווישן די פאַרשטויבטע פאַרמעטענע מגילות. פּלוצלינג האָט ער דייטלעך דערהערט, ווי עמעץ רוימט אים איין אין אויער: „וואַג! וואַג! וואַג!"

— מאַקסים! דו ביסט דאָ? — האָט יוליאַן אַ געשריי געטון און זיך אויסגעדרייט.

אין צימער איז געווען פינצטער, ס'איז קיינער נישט געווען, דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט אַזוי גיך, אַז ער האָט צוגעדריקט די האַנט צו דער ברוסט עס איינצוהאַלטן; דער שטערן איז אים באַדעקט געווען מיט אַ קאַלטן שווייס.

— אָט, אויף דעם האָב איך געוואַרט, — האָט יוליאַן אַרויסגערעדט צו זיך, — אויף דעם. דאָס איז זיין קול. איצט גיי איך. אַלץ איז געענדיקט. דער גורל איז געוואָרפן!

די אייזערנע טויערן זענען איינגעפאַלן מיט אַ שרעקלעכן קנאַל. די זעלנער זענען אַריין אין פּאַדערהויז. עס האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון המון, ווי דאָס וואָיען פון עפּעס אַ שרעקלעכער חיה און אַ געטופּעריי פון אַן אַ שיעור פיס. דער רויטער פלאַם פון די ברענענדיקע שטורקאַצן האָט אַריינגעשיינט דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס, ווי אַן אָפּגלאַנץ פון אַ נאָענטער שרפה. מ'האָט נישט געטאָרט פאַרלירן קיין איינציקע מינוט. — יוליאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ווייסע פּיטאַגאָרעישע מלבוש, אָנגעטון דעם פּאַנצער, דעם צעזאַרישן פּאַלודאַמענטום, דעם העלם, אָנגעגאַרטלט די שווערד און אַרויס צו די הויפּטטרעפּ פון פּאַלאַץ. ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און פּלוצלינג זיך באַוויזן פאַרן מיליטער מיט אַ שטאָלץ, אויסגעלייטערט פּנים.

אַלע ספקות זענען פאַרשוואונדן: דורך טאָט איז זיין ווילן געשטאַרקט געוואָרן; קיינמאָל אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער נאָך נישט געשפּירט אין זיך אַזאַ אינערלעכע גבורה, אַזאַ לויטערן גייסט, אַזאַ קלאָרע ניכטערקייט. דער המון האָט דאָסדאָזיקע דערפילט אין דער זעלבער מינוט. זיין בלאַס פּנים האָט געהאַט אַ מאַיעסטעטיש, אַ שרעקלעך אויסזעען. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און דער ריזיקער המון איז געבליבן שטיין פאַרשטומט.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן: ער האָט זיך באַמיט איבערצוציינן די

זעלנער, אַז זיי זאָלן זיך באַרויקן, ער וועט זיי נישט פאַרלאָזן, אַז ער וועט נישט לאָזן זיי אַוועקפירן אין דער פרעמד אַריין, ער וועט בעטן פאַר זיי דעם „גאָטגעליבטן ברודער" זיינעם, דעם קייסער קאָנסטאַנציוס.

— נידער מיט קאָנסטאַנציוסן! — האָבן די זעלנער אַלע איינעם אָנגעהויבן שרייען. — נידער מיט דעם ברודערן-מערדער! דו ביסט קייסער! מיר ווילן נישט קיין אַנדערן! זאָל לעבן דער אומבאַזיגטער אויגוסט יוליאַן!

ער האָט קינציק געשפּילט זיין ראָל. ער האָט זיך אַזוי ווי פאַרוווּנדערט, דערנאָך אַפילו דערשראָקן: אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַוועקגעדרייט דאָס פּנים, אַרויסגעשטעלט די הענט פאָרויס, אויפגעהויבן די דלאָניעס, ווי ער וואָלט אָפּגעשטויסן פון זיך די מתנה, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיידיקט קעגן דעם שרעקלעכן פאַרברעכן. די געשרייען האָבן זיך פאַרשטאַרקט.

— וואָס טוט איר? — האָט יוליאַן אויסגעשריגן מיט געמאַכטער שרעק. — האָט רחמנות אויף מיר און אויף אייך אַליין! צי מיינט איר, אַז איך קאָן פאַרראַטן דעם ערלעכן קייסער?...

— דעם מערדער פון דיין פאָטער, פון גאַללוסן, דיין ברודער!... — האָבן געשריגן די זעלנער.

— שווייגט! שווייגט! — האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און פּלוצלינג אַראָפּגעלאָפן פון אַלע טרעפּ גלייך אין המון אַריין. — איר ווייסט דען נישט?... איר געדענקט דען נישט אונזער שבועה?... מיר האָבן דאָך אַלע געשוווירן בײַ גאָט...

יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אויסגערעכנט, קינציק צוגעטראַכט. די זעלנער האָבן אים אַרומגערינגלט. ער האָט אַ ריס געטאָן די שווערד פון דער שייד אַרויס, אויפגעהויבן זי אינדערלופטן און צוגעשטעלט זיך אַליין צום האַרץ:

— מוטיקע מענער! דער צעזאַר וועט גיכער שטאַרבן דאָ אויפן אָרט, איידער פאַרראַטן...

זיי האָבן אים אָנגעכאַפּט בײַ די הענט, אַרויסגעריסן די שווערד, געפאַלן צו די פיס, אַרומגענומען מיט טרערן אין די אויגן, צוגעשטעלט די שווערדן צו זייערע אייגענע ברוסטן.

— מיר ווילן שטאַרבן, — האָבן זיי געשטורעמט, — מיר ווילן שטאַרבן פאַר דיר!

טייל האָבן אויסגעצויגן די הענט צו אים און געיאָמערט:

— האָב רחמנות, האָב רחמנות, זיי אונזער פאָטער!

די גרייז-גרויע װעטעראַנען האָבן זיך געשטעלט אויף די קניען, אָנגענומען די הענט פון זייער פירער, ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט קושן, אַריינגעלייגט זיינע פינגער צו זיך אין מויל אַריין, געניצט אים אָנצוטאַפּן זייערע נאַקעטע יאַסלעס; זיי האָבן אים דערציילט וועגן זייער אומגעהייערער אויסגעמוטשעטקייט, וועגן די געוואַלטיקע שווערקייטן, וואָס עס איז זיי אויסגעקומען איבערצוטראָגן במשך די לאַנגע יאָרן מיליטער-דינסט, טייל פון זיי האָבן אַראָפּגענומען פון זיך דאָס אָנטון און אים געוויזן זייערע אַלטע נאַקעטע לייבער, די וווּנדן, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די שלאַכטן, די פּלייצעס מיט די שרעקלעכע העפטן פון די שמיץ.

— האָב רחמנות! האָב רחמנות! זיי אונזער אויגוסט!

אויפריכטיקע טרערן זענען יוליאַנען געקומען אין די אויגן אַריין: ער האָט ליב געהאַט דידאָזיקע האַרטע פּנימער, דעמדאָזיקן גוט באַקאַנטן קאָשאַרן-ריח, דידאָזיקע אומגעצוימטע התלהבות, אין וועלכער ער האָט געשפּירט זיין אייגענעם כּוח. אַז דער אויפשטאַנד איז באמת אַ געפערלעכער, האָט ער דערקענט לויט אַ גאַנץ באַזונדערן סימן: די זעלנער האָבן נישט איבערגעהאַקט איינער דעם אַנדערן, נישט געמישט זיך איינער אין דעם אַנדערנס רייד, נאָר אַלע איניינעם געשריגן איינס און דאָס זעלבע, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט. און ווען זיי פּלעגן שווייגן, פּלעגן זיי אויך אַלע איניינעם מיט איין מאָל אַנטשוויגן ווערן: אָדער עס פּלעגט אויסברעכן אַן אַלגעמיינער ליאַרם, אָדער עס פּלעגט פּלוצלינג אַנטשטיין אַן אַלגעמיינע שטילקייט.

ענדלעך האָט ער, אַזוי ווי אָן חשק, שטיל אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן אָן ווילן:

— געליבטע ברידער מיינע! קינדער מיינע! איך זעט דאָך — איך בין אייער אויף לעבן און טויט; איך קאָן אייך קיין שום זאַך נישט אָפּזאָגן...

— זאָל מען אים קרוינען! קרוינען מיט אַ דיאַדעם!

קיין דיאַדעם איז אָבער נישט געווען. סטראָמביק איז געפאַלן אויף אַ המצאה:

— זאָל דער אויגוסט הייסן אַהערברענגען זיין פרויס אַ שנור פּערל.

יוליאַן האָט נישט איינגעשטימט דערויף, ער האָט געזאָגט, אַז

ווייבעריש צירונג פּאַסט דאָ בכלל נישט צום ענין און עס וואָלט אַ חוץ דעם געווען אַ שלעכטער סימן פאַר דעם אָנהייב פונם נייעם קייסער.

די זעלנער האָבן זיך אָבער אַלץ נישט באַרויקט: זיי האָבן אומ־באַדינגט געוואָלט זען עפּעס אַ בלישטשענדיקע צאַצקע אויף זייער פירערס קאָפּ, אַנדערש האָט זיך זיי בשום אופן נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז ער איז טאַקע באמת קייסער.

עפּעס אַ ריזיקער לעגיאָנער האָט אַראָפּגעריסן פון זיין פערד די ברוסט־דעק פון מעשענע בלעכלעך און פאָרגעלייגט צו קרוינען דעם אויגוסט מיט דערדאָזיקער פערד־באַצירונג.

דאָסדאָזיקע איז אָבער נישט געפעלן געוואָרן דעם המון: פון דער בלעך האָט זיך געשפּירט אַ ריח פון פערד־שווייס.

מ׳האָט אומגעדולדיק אָנגעהויבן אַרומזוכן עפּעס אַן אַנדערע זאַך, וואָס זאָל טויגן פאַר אַ דיאַדעם. דער פאָן־טרעגער פונם פּעטולאַנטן־לעגיאָן, דער סאַרמאַט אַראַהאַרי, האָט אַראָפּגעריסן פון זיין האַלז די גרויסע מעשענע קייט, דעם סימן פון זיין מיליטערישן אַמט. יוליאַן האָט זיך די קייט צוויי מאָל אַרומגעוויקלט אַרום קאָפּ: די דאָזיקע קייט האָט אים געמאַכט פאַר רוימישן קייסער.

— אויף אַ שילד נעמט אים! אויף אַ שילד! — האָבן די סאָל־דאַטן אויסגעשריגן.

אַראַהאַרי האָט אים אונטערגעשטעלט זיין קיילעכדיקע שילד און הונדערטער הענט האָבן אויפגעהויבן אינדערלופטן דעם ניי־געקרוינטן קייסער. ער האָט דערזעען אַ ים קעפּ אין מעשענע העלמען, דערהערט דעם שטורעם פון די ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן דער קייסער יוליאַן, דער געטלעכער אויגוסט! Divus Augustus!

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער ווילן פונם גורל געשעט איצט.

דער פלאַם פון די שטורקאַצן איז בלאַסער געוואָרן, אויף מזרח־זייט האָבן זיך באַוויזן ווייסלעכע פּאַסן. די אומגעלומפּערטע ציגל־טו־רעמס פונם פּאַלאַץ האָבן זיך מרה־שחורהדיק געשוואַרצט. בלויז אין איין־איינציק פענצטער האָט זיך נאָך געררויטלט אַ פייערל. יוליאַן האָט זיך משער געווען, אַז דאָרט, הינטער יענעם פענצטער שטאַרבט מסתּם איצט זיין פרוי העלענע.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך ענדלעך דאָס מיליטער

איינגעשטילט, און יוליאַן איז אַריינגעגאַנגען אינם צימער, וווּ זיין פרוי איז געלעגן.

עס איז שוין געווען צו שפּעט. די געשטאָרבענע איז געלעגן אויפן שמאָלן מיידלערישן בעטל. אַלע זענען אַרום געשטאַנען אויף די קניען. אירע ליפּן זענען געווען שטרענג צונויפגעפּרעסט. פונם אויסגעדאַרטן מאָנאַכישן קערפּער האָט עפּעס געבלאָזן אַ צניעותדיקע קעלט. — יוליאַן האָט אָן דעם מינדסטן געפיל פון חרטה, נאָר מיט אַזאַ שווערער נייגי־ריקייט, אָנגעקוקט דאָס בלאַסע, באַרויקטע פּנים פון זיין ווייב און אַ טראַכט געטון: „צוואָס האָט זי מיך געוואָלט זען פאַרן טויט? וואָס האָט זי געוואָלט, וואָס האָט זי מיר געוואָלט צו זאָגן?“

XXII.

דער קייסער קאָנסטאַנציוס האָט פאַרבראַכט אין אַנטיוכיע זייער טרויעריקע טעג. אַלע האָבן געוואַרט אויף שלעכטע בשורות.

בײַנאַכט פלעגט ער זען שרעקלעכע חלומות: אין שלאָפצימער האָבן כסדר ביז איבערפרי געברענט פינף־זעקס גרויסע לאָמפּן, פונדעסט־וועגן פלעגט ער מורא האָבן פאַר דער פינצטערניש. גאַנצע שעהן פלעגט ער אָפּזיצן אַליין, זיך קיין ריר נישט טון, שווייגן און בײַ יעדן מינדסטן שאָרך אויפציטערן און זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן.

איינמאָל איז אים געקומען צו חלום דער פאָטער, קאָנסטאַנטין דער גרויסער. ער האָט געהאַלטן אויף דער האַנט עפּעס אַ שטאַרק קינד, אַ שלעכטס. קאָנסטאַנציוס האָט בײַ אים גענומען פון די הענט דאָס קינד, ער האָט עס געהאַלטן אויף דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן גלעזערנעם באַלעם; דאָס שלעכטע קינד האָט אָבער אַ שטויס געטון דעם באַלעם — ער איז אַראָפּגעפאַלן, צעבראָכן געוואָרן און קליינע שטעכעדיקע פיצלעך גלאָז האָבן זיך מיט אַזאַ ווייטיק אָנגעהויבן אַריינשטעכן אין קאָנסטאַנציוסעס לייב — אין די אויגן, אין האַרץ, אין מוח — זיי האָבן געפינקלט, געקלונגען, געקנאַקט, געברענט.

דער קייסער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שרעקלעכן פּחד, באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס.

ער האָט זיך אָנגעהויבן מישב זיין מיט טרעפערס, באַרימטע מכשפים, פותרי־חלומות.

אין אַנטיוכיע איז איינגעזאַמלט געוואָרן דאָס גאַנצע מיליטער, מ'האָט געמאַכט הכנות אַרויסצומאַרשירן קעגן יוליאַנען. טיילמאָל, נאָך אַ לאַנגער אַפּאַטיע, פלעגט דעם קייסער אַרומכאַפּן אַ חשק צו מעשים. אין הויף האָט מען זיין נערוועזע געאיילצקייט געהאַלטן פאַר אַן אומזין; מ'האָט זיך אָנגעהויבן סודען אויפן אויער וועגן עפּעס מאָדנע משוגענע אויפטועו און איינפאַלן פונם קייסער.

עס איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט, ווען דאָס מיליטער איז אַרויסגעטרעטן פון אַנטיוכיע.

מיטאָג־צייט האָט דער קייסער דערזעען אינמיטן וועג, אַ דריי טויזנט טריט נאָך אַנטיוכיע לעבן דעם דאָרף היפּאָצעפאַל, אַ מת אָן אַ קאָפּ; דער בר־מינן איז געלעגן מיט די פיס צו מערב־זייט אויף דער רעכטער זייט פון וועג, ווו קאָנסטאַנציוס איז דורכגעפאָרן. דער קאָפּ איז געלעגן אַ ביסל ווייטער. דער קייסער איז בלאַס געוואָרן און אַוועקגע־דרייט דאָס פּנים. קיינער פון דער גאַנצער סוויטע האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, יעדער איינער האָט אָבער בא זיך געטראַכט, אַז דאָס איז זייער אַ שלעכטער סימן.

אַזוי ווי זיי זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט טאַרסיס, האָט דער קייסער דערפילט עפּעס אַ מאָדנע שוואַכקייט אין גאַנצן קערפּער, עס האָט אים אָנגעהויבן שווידערן. ער האָט קיינעם נישט אויסגעזאָגט און געריטן ווייטער, אין דער האָפנונג, אַז עס וועט דורכגיין.

זיי האָבן מאַרשירט צום שטעטל מאָפּסוקרענע לעבן די טאַורוס־בערג — דעם לעצטן עטאַפּ פון דער פּראָווינץ ציליציע.

עטלעכע מאָל במשך דעם וועג האָט זיך אים אָנגעהויבן דרייען דער קאָפּ. סוף־כל־סוף האָט ער געמוזט אַראָפּגיין פון פערד און זיך אַריינזעצן אין אַ טראָג־בעטל. מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער סריס עוזעביוס דערציילט, אַז דער קייסער האָט, ליגנדיק אין טראָג־בעטל, אַלעמאָל אַרויסגענומען אַ טייערן שטיין, וועלכן ער פלעגט שטענדיק טראָגן בא זיך, מיט דעם פּאָרטרעט פון דער געשטאָרבענער קייסערין עוזעביע־אוירעליע און אים געקושט מיט גרויס צערטלעכקייט.

אויף איינעם פון די שייד־וועגן האָט ער אַ פרעג געטון, וווהין עס גייט דער צווייטער וועג, מ'האָט אים געענטפערט, אַז דערדאָזיקער וועג

פירט צום פאַרלאָזטן פּאַלאַץ פון די געוועזענע קאַפּאַדאָקישע מלכים — קיין מאַצעללום.

אַזוי ווי קאָנסטאַנציוס האָט דערהערט דעמדאָזיקן נאָמען, איז ער מרהשחורהדיק געוואָרן.

קיין מאָפּסוקרענע זענען זיי אָנגעקומען אין אָוונט. ער איז געווען מיד, דערשלאָגן.

אַזוי ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען אין דעם פּאַרויס צוגעגרייטן הויז, האָט אים איינער פון די הויפלייט צוליב אומפּאַרזיכטיקייט געמאָלדן, אַז צוויי שטאַפעטן פון די מערב-פּראָווינצן וואַרטן אויף אים; עוזעביוס האָט געהאַט פאַרבאָטן אים צו מעלדן וועגן דעם.

קאָנסטאַנציוס האָט באַפוילן, מ'זאָל זיי אַריינברענגען.

עוזעביוס האָט אים געבעטן אָפּצולייגן אַלע ענינים אויף מאָרגן. דער קייסער האָט אים אָבער פאַרזיכערט, אַז עס איז אים שוין בעסער, אַז דער פיבער איז אַדורך, אַז ער שפירט נישט מער ווי אַ לייכטע ווייטיק אין קאַרק.

מ'האָט אַריינגעפירט דעם ערשטן שליח; ער איז געווען בלאַס און איבגאַנצן געציטערט.

— רעד! — האָט קאָנסטאַנציוס אויסגעשריגן, דערשרעקנדיק זיך פאַרן אויסדרוק פון זיין פנים.

דער שליח האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן יוליאַנס אומדערהערטע חוצפּה: דער צעזאַר האָט אין די אויגן פונם גאַנצן מיליטער צעריסן דעם קייסערס בריוו; גאַליע, פּאַנאָניע און אַקוויטאַניע זענען אַריבער צום צעזאַר; די פאַררעטערישע לעגיאָנען פון די אַלע פּראָווינצן זענען אַלע צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד און מאַרשירן איצט קעגן קאָנ-סטאַנציוסן.

דער קייסער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, זיין פנים איז געווען אויסגעקרומט פון ווילדן כעס, ער האָט זיך געוואָרפן אויפן שליח, אים אַ שליידער געטון אויף דער ערד און אָנגעכאַפּט באַם גאָרגל:

— זאָגסט, ליגנט, ליגנט, ליגנט. דו ליידאַק! עס איז נאָך פאַר-האַן אַ גאָט, אַ מלך אין הימל, אַ באַשיצער פונם מלך אויף דער ערד. ער וועט נישט דערלאָזן אַזוינס, — איר הערט, איר אַלע פאַררעטערס, — ער וועט נישט דערלאָזן אַזוינס...

פּלוצלינג איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זיך פאַרשטעלט די-

אויגן מיט די הענט. דער שליח האָט זיך נישט טויט, נישט לעבעדיק אַרויסגעשלייכט דורך דער אָפענער טיר.

— מאָרגן, — האָט קאָנסטאַנציוס געמורמלט אָפגעהאַקט און צע־רודערט — מאָרגן אין וועג אַריין... גלייך, דורך די בערג... גיך, שנעל, קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל !...

עוזעביוס האָט זיך דערנענטערט צו אים און קנעכטיש זיך איינגע־בויגן אין דרייען:

— הייליקער אויגוסט, דער רבונו של עולם האָט דיך געזאַלבט פאַר זיין פאָרטרעטער אויף דער ערד, געשענקט דיר נצחונות איבער אַלע דיינע פיינט, איבער אַלע שונאים דיינע: דו ביסט בייגעקומען מאַקזענציוסן, קאָנסטאַנען, בעטראַניאַינען, גאַללוסן. דו וועסט בייקומען אויך דעם גאָטפּיינטלעכן...

קאָנסטאַנציוס האָט אים אָבער נישט געהערט, ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געמורמלט מיט אַן אומזיניקן שמייכל:

— הייסט עס — נישטאָ קיין גאָט. אויב דאָס אַלץ איז נאָר אמת, איז נישטאָ, הייסט עס, קיין גאָט, בין איך איינער אַליין. זאָל זיך עמעץ דערוועגן צו זאָגן, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט איבער דער וועלט, ווען עס קאָנען געשען אַזעלכע זאַכן. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם...

ער האָט אַלעמען אַרומגעקוקט מיט אַ פראַגע אין די פאַרנעפּלטע אויגן און אַרויסגעקריצט צווישן די ציין:

— רופט אַריין דעם אַנדערן.

עס איז צו אים צוגעגאַנגען דער הויף-מעדיק, אַ פּראַנט מיט אַ גלאַט־געראַזירט, חוצפּהדיק פּנים, מיט צוויי לויפנדיקע קאַצן־אייגעלעך, אַ ייד, וועלכער האָט יעדן געוואָלט איינרעדן, אַז ער איז אַ רוימישער פּאַטריציער. ער האָט אונטערטעניק באַמערקט דעם קייסער, אַז ער רעגט זיך צופיל אויף, דאָס שאַדט אים צום געזונט, אַז ער דאַרף זיך אָפּרוען. קאָנסטאַנציוס האָט אויף אים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי מ׳יאָגט זיך אָפּ פון אַן איינגעגעסענער פליג.

מ׳האָט אַריינגעפירט דעם צווייטן שליח. דאָס איז געווען דער טריבון פון די קייסערלעכע פערד־שטאַלן, זינטולע, וועלכער איז אַנט־לאָפן פון לוטעציע. ער האָט געבראַכט נאָך שרעקלעכערע ידיעות: די שטאָט סירמיום האָט יוליאַנען אַליין געעפנט די טויערן און אים אויפ־גענומען מיט פרייד, ווי דעם רעטער פון דער אימפּעריע; אין צוויי טעג

אַרום וועט יוליאַן אַרויסמאַרשירן אויפן גרויסן רוימישן שליאַך, וואָס פירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דעם שליחס לעצטע ווערטער האָט שוין דער קייסער נישט געהערט, אָדער נישט פאַרשטאַנען. דאָס פּנים איז אים געוואָרן עפּעס אַזוי מאָדנע שטייף, אומבאַוועגלעך. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַלע זאָלן אַרויסגיין. געבליבן איז נאָר עוזעביוס, מיט אים האָט ער זיך געוואָלט אַן עצה האַלטן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אָבער דערפילט, אַז עס ווערט אים נישט גוט און געהייסן, מ׳זאָל אים אַריינפירן אין שלאָפצימער. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געמאַכט עטלעכע טריט, פּלוצלינג האָט ער אַ הויכן קרעכץ געטון, אויפגעהויבן ביידע הענט צום קאַרק, ווי ער וואָלט דאָרט פּלוצלינג דערפילט אַ שרעקלעכע ווייטיק, און זיך אַ וואַקל געטון צום פאַלן. מ׳האָט אים קוים אונטערגעכאַפּט אונטער די אָרעמס.

ער האָט נישט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין: אין פּנים, אין יעדער באַוועגונג, אין די אָדערן, וואָס זענען אים כסדר אָנגעלאָפן אויפן שטערן, האָט מען אָנגעזעען, אַז ער שטרענגט זיך געוואַלטיק אָן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט; ענדלעך האָט ער אַרויסגערעדט וואָרט־בײַ־וואָרט, קוים צו דערהערן, ווי עס וואָלט אים געשטיקט אינעווייניק אין האַלז:

— כ׳וויל... רעדן... נאָר... כ׳קאָן... נישט...

דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער: ער האָט אָנגעווירן דאָס לשון; די רעכטע זייט קערפּער איז אים אינגאַנצן אָפּגענומען געוואָרן; די רעכטע האַנט און דער רעכטער פוס זענען אים באַכגעהאָנגען געליימט.

מ׳האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט אַריין.

אין זיינע אויגן האָט זיך געזעען אַן אומאויפהערלעכע שרעק און דער געדאַנק האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, געוואָלט עפּעס זאָגן, אַרויסגעבן מסתּם אַ וויכטיקע פאַראָרדנונג, פון זיין האַלז האָבן זיך אָבער אַרויסגעריסן שוואַכע קולות ווי פון אַ גוססדיקער חיה. מ׳האָט בשום אופן נישט געקאָנט טרעפן, וואָס ער מיינט און דער קייסער האָט אויף יעדן איינעם באַזונדער געקוקט מיט אַ קלאָרן, באַפעלערישן בליק. די סריסים, די מיליטער־פירערס, די הויפלייט, די קנעכט זענען געשטאַנען אַרום זיין בעט, אַלע האָבן געוואָלט טרעפן דעם ווילן פון זייער הערשער, קיינער האָט אָבער נישט געקאָנט.

טיילמאָל פלעגט אין זיין שטאַרן בליק אויפפלאַקערן אַ מאַכטלאָזער כּעס; אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן די הייזעריקע קלאַנגען פון זיין האַלז אַרויס אויף פּיל ווערן מיט רציחה.

ענדלעך האָט עוזעביוס זיך אָנגעשטויסן און אים צוגעטראָגן אַן אָנגעוועקסט שרייב-טאָוועלע. אַ פרייד האָט אויפגעבליצט אין דעם קייסערס אויגן. ער האָט פעסט און אומגעלומפּערט געגומען, ווי אַ קליין קינד, אין דער לינקער האַנט אַריין דעם מעשענעם סטילאָס. נאָך לאַנגע אָנ-שטרענגונגען איז אים ענדלעך געלונגען אויסצוקראַצן אויף דעם ווייכן געלן וואַקסענעם פלאַסטערל עטלעכע קאָטשערעס. די הויפלייט האָבן קוים מיט צרות איבערגעלייענט דאָס איינע וואָרט: „טויפן".

ער האָט געווענדט זיין אומבאַוועגלעכן בליק צו עוזעביוסן. אַלע האָבן זיך פאַרוואונדערט. וואָס קיינער פון זיי האָט פריער נישט פאַר-שטאַנען, וואָס ער וויל: דער קייסער האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים טויפן פאַרן טויט. ער האָט געטון ווי דער פאָטער זיינער קאָנסטאַנטין דער אַפּאָסטאָל-גלייכער. ער האָט אָפּגעלייגט די גרויסע געטלעכע טויף-צערעמאָניע אויף דער לעצטער מינוט, גלייבנדיק, אַז דאָסדאָזיקע וועט אים מכפּר זיין אַלע חטאים און זיין נשמה וועט ווערן דערפון „ווייסער ווי שניי".

מ'האָט געגומען אַרומזוכן אַ בישאָף. אין מאָפּסוקרענע איז אָבער קיין בישאָף נישט געווען. האָט מען זיך געמוזט באַגנוגענען מיט דעם אַריאַנישן פּרעסביטער פון דער אָרימער שטאָטישער קאַטעדראַלע. דאָס איז געווען אַ דערשראָקן קליין מענטשעלע, אַ דערשלאָגנס, מיט אַ פויגליש פּנימל, מיט אַ שפּיציקער רויטער נאָז ווי אַ שנאָבל און אַ שפּיציק בערדעלע. ווען מ'איז אים געקומען רופן צום קייסער, האָט דער פאָטער נימפידיאַנוס — אַזוי האָט ער געהייסן — שוין געהאַלטן באַם צענטן כּוס. ער האָט געטרונקען ביליקן רויט-וויין און איז געווען אַ ביסל בגילופין. מ'האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אַריינהאַקן אין קאָפּ אַריין, וואָס מ'וויל פון אים, ער האָט געמיינט, אַז מ'מאַכט פון אים חוזק. ווען ער האָט סוף-כּל-סוף פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף גיין טויפן דעם קייסער, איז ער שיער נישט אַראָפּ פון זינען פאַר שרעק.

דער פּרעסביטער איז אַריינגעקומען אין שלאָפצימער. דער קיי-סער האָט אַ קוק געטון אויף דעם בלאַסן, צום טויט דערשראָקענעם, ציטערנדיקן גלח מיט אַזאַ הכנעהדיקן, אַזאַ פריידיקן בליק, ווי ער האָט נאָך אין זיין גאַנץ לעבן נישט געקוקט אויף קיין שום מענטש אין דער

גאַנצער וועלט. מ'האָט זיך משער געווען, אַז ער האָט מורא צו שטאַרבן, איידער ער וועט ריין ווערן פון די זינד.

מ'האָט אָנגעהויבן אַרומזוכן אין דער גאַנצער שטאָט אַ גאָלדענע וואַנע, לכל הפחות אַ זילבערנע, מ'האָט אָבער נישט געקאָנט געפינען; אמת, עס האָט זיך עפּעס אויסגעזוכט אַ טייערע כּלי באַצירט מיט דימענטן, זי איז אָבער געווען זייער פאַרדעכטיק. אמאָל האָט מען זי גענוצט צו געהיימע מיסטעריעס. פונם גאָט דיאָניזאָס. ווי אַזוי-זשע נוצט מען אַזאַ כּלי צום קריסטלעכן טויפן? האָט מען טאַקע געשאַפט אַן אַלטע קופּערנע וואַנע, דערפאַר אָבער אַן אמת-קריסטלעכע, אַ פּשוטע, אַן אומגעלומפּערטע.

דידאַזיקע כּלי האָט מען אַוועקגעשטעלט לעבן קייסערס בעט; אָנגעגאָסן מיט וואַרעם וואַסער, דער דאָקטאָר, דער ייד, האָט געהאַלט אַריינשטעקן די האַנט און פּרוּוון די טעמפּעראַטור פונם וואַסער, דער קייסער האָט זיך אָנגעהויבן דערביי וואַרפן פון כּעס און אַרויסגעלאָזט פון האַלז יעמערלעכע קרעכצן: ער האָט מסתּם מורא געהאַט, דער ייד זאָל מיט זיין האַנט נישט טמא מאַכן דאָס וואַסער.

פון דעם קראַנקן האָט מען אַראָפּגעצויגן די הינטערשטע טוניק. צוויי געזונטע, יונגע לעגיאָנערן האָבן אים אויפגעהויבן פון בעט לייכט ווי אַ קליין קינד, און אים פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין.

איצט האָט ער שוין אָן שום גערירטקייט, מיט אַ מאָגער, אויסגעצויגן, טויט פּנים, מיט ברייט-געעפנטע, אומבאַוועגלעכע אויגן געקוקט אויף דעם בלאַנקעדיקן צלם אויסגעזעצט פון טייערע שטיינער איבער קאָנסטאַנטינס גאָלדענער פאָן, דעם הייליקן לאַבאַרום; זיין בליק איז נעווען שטאַר, אָן אַ שום אויסדרוק, ווי בא אַ פּיצל קינד, בשעת עס קוקט אויף אַ בלישטשענדיקער צאַצקע און קאָן דערפון די אויגן נישט אָפּרייסן.

די הייליקע צערעמאָניע האָט משמעות נישט באַרויקט דעם קראַנקן; ער האָט עפּעס אַזויווי אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם. דאָס לעצטע מאָל האָבן זיינע אויגן אויפגעבליצט, ווען עוזעביוס האָט אים ווידער דערלאַנגט אַ וואַקסן טאָוועלע מיט אַ סטילאָס. קאָנסטאַנציוס האָט נישט געקאָנט רירן מיט דער האַנט, ער האָט זיך שרעקלעך אָנגעשטרענגט און אָנגעצייכנט די ערשטע אותיות פונם נאָמען „יוליאַן".

וואָס האָט ער געמיינט? צי האָט ער געוואָלט מוחל זיין דעם שונא זיינעם, צי האָט ער געהייסן זיך נוקם זיין אָן אים?

דריי טעג האָט ער זיך נאָך געפּייניקט. די הויפּלייט האָבן זיך שטיל געסודעט צווישן זיך, אַז ער וויל שטאַרבן און קאָן נישט, און אַז דאָס איז אַזאַ שטראָף פון גאָט. פונדעסטוועגן האָבן זיי נאָך אַלץ פון געוווינהייט גערופן דעם שטאַרבנדיקן „געטלעכער אויגוסט", „הייליקער", „אייביקער".

ער האָט, ווייזט אויס, שווער געליטן. זיין הייזעריק קרעכצן האָט נישט אויפגעהערט במשך די דריי טעג אויף קיין איין מינוט, נישט באַטאָג און נישט באַנאַכט: דידאָזיקע רעגלמעסיקע, אומאויפהערלעכע קלאַנגען האָבן עפּעס אויסגעזען אַזוי, ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט שטאַמען פון קיין מענטשלעכן האַלז אַרויס.

די הויפּלייט פלעגן אַריינקומען און צוריק אַרויסגיין, וואַרטנדיק אויפן סוף.

בלויז דער סריס עוזעביוס איז נישט אָפּגעטרעטן פון זיין בעט נישט באַטאָג און נישט באַנאַכט.

דערדאָזיקער העכסטער באַאַמטער אין דער גאַנצער אימפּעריע, די נאָענטסטע פּערזאָן פונם אָפּשטאַרבנדיקן מאָנאַרך איז ענלעך געווען צו אַן אַלטער, דורכגעטריבענער זקנה, אַ מרשעת; ער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן אָן אַ שיעור מערדעריען; אַלע פעדים פון אַלע פאַרפלאָנטערטע סכסוכים, שפּיאָנערייען, מסירות, קלויסטער-מחלוקתן און הויף-אינטריגעס זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיינע הענט; — אָבער קיינער אין גאַנצן פּאַלאַץ האָט געוויס נישט אַזוי ליב געהאַט דעם הערשער, נישט געווען אים אַזוי איבערגעגעבן, ווי דערדאָזיקער געטרייער קנעכט.

באַנאַכט, ווען אַלע זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אָדער אַרויסגעגאַנגען, נישט קאָנענדיק מער פאַרטראָגן די שרעקלעך-לאַנגע יסורים פונם גוסס, איז עוזעביוס איינער אַליין געבליבן באַ זיין בעט; פאַריכט אים די קישנס, באַנעצט אים די פאַרטרוקנטע ליפּן מיט דעם אייז-קאַלטן געטראַנק; אָפּטמאָל פלעגט ער זיך שטעלן אויף די קניען באַם קייסערס בעט צופוסנס און שטיל שעפּטשען אַ תפילה. און אַז קיינער האָט נישט געזען, פלעגט עוזעביוס פאַמעלעך אויפהייבן אַ ברעג פון דער פּורפּורנער צודעק און קושן מיט טרערן אין די אויגן די געלע, פאַרשטאַרטע, אומגעלומפּערטע פיס פונם שטאַרבנדיקן קייסער.

איינמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קאָנסטאַנציוס האָט דידאָזיקע צערטלעכקייט באַמערקט און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט;

עפעס אזא מין ברודערלעך, ליבלעך געפיל האָט זיך אַדורכגעטראָגן צווישן דידאַזיקע צוויי פאַרדאַרבענע, אומגליקלעכע, איינזאַמע מענטשן.
עוזעביוס האָט צוגעמאַכט דעם קייסער די אויגן און דערזעען אויף זיין פנים, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געטראָגן אויף זיך אַ מכלומרשטע, געמאַכטע גדלותדיקייט, דעם אמתן, שרעקלעכן מאַיעסטעט פון טויט.
איבער קאָנסטאַנציוסן האָט זיך איצט געדאַרפט הערן דער פסוק, וועלכן מ'פלעגט זאָגן לויטן קריסטלעכן מנהג, ווען מ'פלעגט אַראָפּלאָזן אין קבר אַריין דעם שטערבלעכן קערפער פון די רוימישע קייסרים:
„שטיי אויף, מלך פון דער ערד און קום אויפן רוף פון מלך מלכי המלכים, און זאָל ער דיך משפטן".

XXIII.

נישט ווייט פון די בערג-שפאַלטן סוקאָס, אויף דער גרענעץ צווישן איליריע און טראַציע, זענען אין אַ פינצטערער נאַכט געגאַנגען אויף אַ שמאָל שטעגעלע אין אַ געדיכטן בוקן-וואַלד צוויי מענטשן. דאָס זענען געווען דער קייסער יוליאַן און דער מכשף מאַקסים.
די לבנה האָט געשיינט אויפן קלאָרן הימל און באַלויכטן מיט אַ מאָדנער שיין די האַרבסטיקע גאָלדענע און פורפורנע בלעטער. זעלטן ווען איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ שאָרך אַ געל בלאַט. עס האָט זיך געשפּירט אַ באַזונדערער פייכטער ריח פון שפּעט-האַרבסט, אַזוי פריש, אַזוי אויסטערליש-זיס און גלייכצייטיק אַזוי טרויעריק ווי די דערמאָנונג וועגן טויט. דער ווייכער שאָרך פון די טרוקענע בלעטער אונטער זייערע פיס האָט זיי אויסגעוויזן, ווי דאָ אין וואַלד וואָלט געהערשט אַ שטימונג פון עפּעס אַ קייסערלעכער לוויה.
— רבי, — האָט יוליאַן אַרויסגערעדט, — פאַרוואָס פאַרמאָג איך נישט אין מיר די געטלעכע לייכטקייט פון לעבן, — יענע פרייד, וועלכע מאַכט אַזוי הערלעך דאָס געשטאַלט פון די העללענער?
— דו ביסט קיין העללענער נישט.
יוליאַן האָט אַ זיפץ געטון.
— לײַדער! מיר שטאַמען אָפּ פון ווילדע באַרבאַרן, פון די מעדן, אין מיינע אָדערן פליסט צפון-בלוט. איך בין נישט קיין זון פון העללאַדע...

— פריינט מיינער, עס איז קיינמאָל קיין העללאַדע נישט געווען — האָט מאַקסים אַ זאָג געטון מיט זיין געוויינלעכן, צווייטייטיקן שמייכל.

— וואָס מיינסטו דערמיט ?

— יענע העללאַדע, וועלכע דו האָסט ליב, איז קיינמאָל נישט געווען.

— איז, הייסט עס, אומזיסט מיין גלויבן ?

— גלייבן — האָט מאַקסים געענטפערט — קאָן מען נאָר אין דעם, וואָס איז נישט פאַראַן, אָבער עס וועט אַמאָל זיין. דיין אויסגעטרוימטע העללאַדע וועט זיין אַמאָל, דאָס וועט זיין די מלוכה פון בלויז געטלעכע מענטשן.

— רבי, דו קאָנסט די מעכטיקע קונסט פון כישוף — באַפריי מיין נשמה פון דער שרעק !

— פאַרוואָס שרעקסטו דיך ?

— איך ווייס אַליין נישט... פון קינדהייט אָן שרעק איך מיך — אין שרעק מיך פאַר אַלץ — פאַרן לעבן, פאַרן טויט, פאַר זיך אַליין, פאַר דעם סוד, וואָס שוועבט אומעטום, פאַר דער פינצטערניש. איך האָב געהאַט אַן אַלטע אַם לאַבדע, זי האָט אויסגעזען ווי אַ מכשפה, — פלעגט זי מיר דערציילן מעשיות וועגן אונזער פלאַחיוס-משפחה ; זי האָט מיך אַזוי געשראָקן פון קינדהייט אָן. די נאַרישע ווייבערישע מעשיות קלינגען מיר יעדע נאַכט נאָך ביז איצט אין די אויערן, ווען איך בלייב איינער אַליין : די נאַרישע, שרעקלעכע מעשיות ווען מיך אומברענגען... איך וויל זיין פול מיט פרייד, ווי די פאַרצייטישע העללענער, איך קאָן אָבער נישט ! טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַ פחדן, נישט מער. — רבי ! רבי ! ראַטעווע מיך ! באַפריי מיך פון דער אייביקער חשכות, פון דעם אייביקן פחד !

— קום מיט מיר. איך ווייס, וואָס דיר פעלט, — האָט מאַקסים פייערלעך אַ זאָג געטון. — איך וועל דיך באַפרייען פון דער גלילעישער פעסט ; פון דעם גלגתא-שאָטן וועל איך דיך אָפּרייניקן מיט דער שטראַלנדיקער שיין פון גאָט מישרע ; איך וועל פון דיר אָפּוואַשן דאָס טויף-וואַסער מיט דעם הייסן בלוט פונם זונען-גאָט. אָ, זון מיינער, פריידיק זאָל דיין נשמה זיין ! איך וועל דיר געבן די גרויסע פרייהייט און די גרויסע פרייד, וואָס קיין שום מענטש אויף דער וועלט האָט נאָך נישט געהאַט.

זיי זענען אַרויס פון וואַלד און זענען צוגעקומען צו אַ שמאָל שטיינערדיק שטעגעלע, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין אַ פעלזן־באַרג, וועלכער איז געשטאַנען איבער אַן אָפּגרונט. אונטן ערגעץ האָט געראַשט אַ שטראָמיקער טייך. אַ שטיין פלעגט זיך צייטנווייז אָפּרייסן אונטער די טריט און אַראָפּפאַלן אין אָפּגרונט אַריין, אויפוועקנדיק אַרום אַ פאַרשלאָפן, הילכיק ווידערקול. דער שני האָט געבלאָנקט אויפן שפּיץ פון באַרג ראַדאָפּ.

יוליאַן און מאַקסים זענען אַריין אין אַ היייל. דאָ איז געווען אַ טעמפּל פון גאָט מיטרע, ווי עס פלעגן פאַרקומען אַזעלכע געהיימע גאָטעסדינסטן, וועלכע זענען פאַרבאָטן געוואָרן פונם רוימישן געזעץ. עס איז דאָ נישט געווען קיין שום לוקסוס, אויף די נאַקעטע שטיינערנע ווענט זענען בלויז געווען אויסגעקריצט די געהיימע סימנים פון זאַראַטוסטרעס תורה — דרייעקן, שטערן־געזעמלען, באַפליגלטע רוחות, פאַרפלאַנטערטע קרייזן. שטורקאַצן האָבן טונקל געלויכטן און פּריסטערס, היעראָפאַנטן אין לאַנגע ווונדערלעכע מלבושים האָבן זיך עפּעס אַרומגעדרייט ווי שאָטנס.

יוליאַנען האָט מען אויך אָנגעטאָן אַזאַ מין אָלימפּישע „סטאָלע"— אַ מלבוש מיט אויסגענייטע אינדישע דראַקאָנס, שטערן, זונען און גריפאָנען פון הינטער די הרי־חושך; אין דער רעכטער האַנט האָט מען אים געגעבן אַן אָנגעצונדענעם שטורקאַץ.

מאַקסים האָט אים מסביר געווען די ווערטער, וועלכע ער דאַרף זאָגן לויט די תקנות פון דער מיסטעריע, ענטפערנדיק אויף די פראַגן פון די היעראָפאַנטן. יוליאַן האָט זיך צוגעגרייט צו דער מיסטעריע, אויסגעחזרט פון אויסנווייניק די ענטפערן, כאָטש ער האָט נאָך דערווייל נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ווערטער.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דורך שמאָלע טרעפּ אין אַ טיפן, ענגן, לענגלעכדיקן גרוב אַריין; דאָרט איז געווען דושנע און פינצטער; פון אויבן איז דער גרוב צוגעדעקט געווען מיט אַ פעסטער הילצערנער בריק, מיט אַ סך לעכעלעך ווי אין אַ זיפּ.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון קאָפּיטעס איבער דער הילצערנער בריק: די פּריסטער האָבן אויסגעשטעלט אינדערהייך דריי שוואַרצע אָקסן, דריי ווייסע און איינעם אַ רויטן, ווי פייער, מיט אָפּגעגילדטע הערנער און אָפּגעגילדטע קאָפּיטעס. די היעראָפאַנטן האָבן אָנגעהויבן זינגען אַ הימן. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס טרויעריקע רע־

זען פון די אָקסן, וועלכע די פּריסטערס האָבן געהאַקט מיט צווייזייטיקע העק. זיי זענען געפאַלן אויף דער בריק און געפּגרט; די בריק האָט אַלעמאָל אויפגעציטערט פונם פאַלן פון אַ צווייטער בהמה. די ווענט פון דער הייל האָבן געציטערט פון די געשרייען, וואָס עס האָט אַרויסגע־לאָזט דער פייערדיקער אָקס, וועלכן די פּריסטערס האָבן גערופן גאָט מיטרע.

דאָס בלוט איז דורכגערונען דורך די לעכלעך אין דער הילצער־נער זיפּ און געפאַלן אויף יוליאַנען ווי אַ וואַרעמער רויטער טוי.

דאָסדאָזיקע איז געווען איינע פון די גרעסטע געצנדינערישע מיס־טעריעס — טאַוראָבאָליע, די אָקסן־שחיטה לכּבוד דער זון.

יוליאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אייבערשטע מלבושים און געבליבן אין דער בלויזער הינטערשטער טוניק. ער האָט אָנגעשטעלט דעם קאָפּ, די הענט, דאָס פּנים, די ברוסט, דעם גאַנצן קערפּער אונטער די וואַרעמע שטראָמען בלוט, אונטער די טראָפּנס פון שרעקלעכן, לעבעדיקן רעגן.

דעמאָלט האָט מאַקסים, דער העכסטער פּריסטער, אַ זאָג געטון, שאָקלענדיק מיטן שטורקאָץ אין דער האַנט:

— דיין נשמה ווערט ריין־געוואַשן מיט דעם אויסלייז־בלוט פון דעם זונען־גאָט, מיט דעם ריינסטן בלוט פון דעם אייביק־פריידיקן האַרץ פון דעם זונען־גאָט, מיט דער אָוונט־שיין און מאָרגן־ליכט פון דעם זונען־גאָט. — צי האָסטו מורא פאַר עפּעס, בן־אדם?

— איך האָב מורא פאַרן לעבן, — האָט יוליאַן געענטפערט.

— דיין נשמה ווערט באַפרייט פון יעדן שאָטן, פון יעדן פּחד, פון יעדער קנעכטשאַפט מיטן געטלעכן ווין פון פרייד, מיטן רויטן ווין פון דער שטראַליקער פרייד פון גאָט מיטרע־דיאָניזאָס. צי האָסטו מורא פאַר עפּעס, בן־אדם?

— איך האָב מורא פאַרן טויט.

— דיין נשמה ווערט אַ טייל פון זונען־גאָט, — האָט דער היעראָ־פאַנט אויסגערופן. — דער אומבאַגרייפלעכער, אומפאַרגלייכלעכער גאָט מיטרע מאַכט דיך פאַר זיין זון — בלוט פון זיין בלוט, פלייש פון זיין פלייש, גייסט פון זיין גייסט, ליכט פון זיין ליכט. — צי האָסטו מורא פאַר עפּעס, בן־אדם?

— איך האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא, — האָט יוליאַן

געענטפערט, א פאַרבלוטיקטער פון קאָפּ ביז די פיס. — איך בין אַזוי ווי ע ר.

— נעם־זשע צו דעם קראַנץ פון פרייד, — און מאַקסים האָט אים מיט אַ שפּיץ פון אַ שווערד אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ אַ קראַנץ פון אַקאַנטוס־בלעטער.

— נאָר די זון איז מיין קראַנץ! — האָט יוליאַן אויסגעשריגן און אַראָפּגעריסן דעם קראַנץ פון זיין קאָפּ.

ער האָט אים אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און ווידער אויסגעשריגן:

— נאָר די זון איז מיין קראַנץ!

דערנאָך האָט ער אים צעטרעטן מיט די פיס און אויפהייבנדיק די הענט צום הימל, אויסגעשריגן צום דריטן מאָל:

— פון היינט אָן ביזן טויט אריין איז נאָר די זון מיין קראַנץ!

די מיסטעריע איז געווען געענדיקט. מאַקסים האָט אַרומגענומען דעם תלמיד. אויפן זקנס ליפּן האָט געשוועבט דאָס שטענדיקע שמייכעלע, אַזאַ צווייִדייטיקס, אָן אומגלויביקס.

ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען אויף דעם זעלבן שטעגל אין וואַלד, האָט זיך דער קייסער געווענדט צום מכשף:

— מאַקסים, מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז דעם עיקר פאַרשווייגסטו...

און ער האָט אויסגעדרייט צו אים דאָס בלייכע פּנים מיט די רויטע פלעקן פונם מיסטעריע־בלוט, וועלכעס מ'האָט על־פּי־דין נישט געטאָרט אָפּוואַשן.

— וואָס ווילסטו דען וויסן, יוליאַן?

— וואָס וועט געשעען מיט מיר?

— דו וועסט זיגן.

— און קאָנסטאַנציוס?

— קאָנסטאַנציוס איז נישטאָ.

— וואָס הייסט דאָס?...

— וואַרט צו. די זון וועט באַשיינען דיין מזל.

יוליאַן האָט מער נישט געוואָגט צו פרעגן. זיי האָבן ביידע געשוויגן, ביז זיי זענען צוריקגעקומען צום לאַגער.

אין געצעלט האָט יוליאַנען געוואַרט אַ שליח פון קליינאַזיע. דאָס איז געווען דער טריבון זינטולע.

ער האָט זיך געשטעלט אויף די קניען און אַ קוש געטון דעם ברעג פון יוליאַנס קייסערלעכן פּאַלודאַמענטום.

— געלויבט זאָל זיין דער הייליקער אויגוסט יוליאַן!

— די קומסט פון קאָנסטאַנציוסן, זינטולע?

— קאָנסטאַנציוס איז נישטאָ.

— ווי הייסט?

יוליאַן האָט אַ ציטער געטון און אַ קוק געטון אויף מאַקסימען, וועלכער איז געשטאַנען פולשטענדיק רויק.

— עס איז געשעען דער ווילן פון אַלמעכטיקן גאָט, — האָט זינטולע פאַרגעזעצט, — דיין שונא איז געשטאָרבן אין דער שטאָט מאָפּסוקרענע, נישט ווייט פון מאָצע.

צומאָרגנס אינאָוונט איז דאָס גאַנצע מיליטער געווען צונויפגעזאַמלט אויף איין פּלאַץ. אַלע האָבן שוין געוווּסט וועגן קאָנסטאַנציוסעס טויט.

דער אויגוסט קלאַודיוס פלאַוויוס יוליאַן איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ באַרג, אַזוי אַז דאָס גאַנצע מיליטער האָט אים געקאָנט זעען, — אָן אַ קרוין, אָן אַ שווערד, אָן אַ פּאַנצער, — אָנגעטון בלויז אין פּורפּור פון קאָפּ ביז די פיס; כדי צו באַהאַלטן די סימנים פונם בלוט, וואָס מ'האָט נישט געטאָרט אָפּוואַשן, האָט ער זיך די פּורפּור-הילע אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ און פאַרשטעלט דאָס פּנים. אין דעמדאָזיקן אויסטערלישן מלבוש איז ער גיכער ענלעך געווען צו אַ כּהן-גדול, ווי צו אַ קייסער.

הינטער אים, פון יענער זייט באַרג, איז געשטאַנען דער האַרבסטיקער וואַלד מיט די רויטע פאַרוועלקטע בלעטער: איבערן קייסערס קאָפּ האָט זיך געגעלט די פאַרוועלקטע קרוין פון אַקליאַן-בוים אין דער בלויקייט פונם פאַרנאַכטיקן הימל. ער האָט געזויסט [?] און געבלאַנקט ווי אַ גאָלדענע פאָן.

ביז צום סאַמע ראַנד פונם הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט דער טראַצישער טאָל; איבער אים האָט זיך געצויגן דער פאַרצייטישער רוימישער שליאַך, אויסגעפלאַסטערט מיט ברייטע ווייסע מאַרמאָרנע פּליטעס — אַ גלאַטער, אַ באַגאָטענער מיט זונען-שיין, ווי אַ טריומף-וועג, האָט ער זיך געצויגן ביז צו די כוואַליעס פון פּראָפּאָנטידישן ים, ביז צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צום צווייטן רוים.

יוליאַן האָט געקוקט אויפן מיליטער. ווען די לעגיאָנען האָבן פאַר

אים פאַרביימאַרשירט, זענען איבער די מעשענע העלמען, איבער די פאַנצערס, איבער די אַדלערס דורכגעלאָפן רויטע בליצן, די שפּיצן פון די שפּיזן איבער די קאַהאָרטעס האָבן זיך געלויכטן אַזוי ווי אָנגעצונדענע ליכט.

לעבן דעם קייסער איז געשטאַנען מאַקסים. ער האָט זיך צוגע-בויגן צו יוליאַנס אויער און אים איינגערוימט:

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ רום! דיין שעה איז געקומען, אייל דיך.

ער האָט אַ וויז געטון אויף דער קריסטלעכער פאָן, דער הייליקער הערב-פאָן, וואָס איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרן פאַר דעם רוימישן חייל לויטן געשטאַלט פון יענעם פייערדיקן צייכן, וואָס קאָנסטאַנטין דער אַפּאָסטאָל-גלייכער האָט געזען אויפן הימל מיט דער אויפשריפט: „דער-מיט וועסטו מנצח זיין".

די טרומייטערס זענען אַנטשוויגן געוואָרן. יוליאַן האָט אַרויסגע-רעדט מיט אַ הויכער שטימע:

— קינדער מיינע! די מי אונזערע איז געענדיקט. לאָמיר דאַנ-קען די אָלימפּישע געטער פאַרן נצחון.

דידאָזיקע ווערטער האָבן בלויז דערהערט די פאָדערשטע רייען זעלנער, צווישן וועלכע עס זענען געווען די מערהייט קריסטן; עס איז אַנטשטאַנען אַ גערודער.

— איר הערט? ער לויבט נישט דעם רבונו של עולם, נאָר די אָלימפּישע געטער גאָר, — האָט זיך איין זעלנער אָנגערופן.

— דו זעעסט דעם אַלטן מיט דער ווייסער באָרד? — האָט אַ צווייטער אַ וויז געטון זיינס אַ חבר.

— ווער איז ער?

— דאָס איז דער אשמדאי אַליין אין געשטאַלט פון מאַקסים דעם מכשף: ער האָט עס פאַרפירט דעם קייסער.

דידאָזיקע רייד פון די זעלנער, די קריסטן, זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן שטיל, אויפן אויער, דערווייל אָבער האָבן די איבעריקע זעל-נער, פון די ווייטערדיקע רייען, וועלכע האָבן נישט דערהערט דעם קייסערס ווערטער, געיובלט:

— זאָל זיין געלויבט דער געטלעכער אויגוסט! ערע! ערע צו אים!

און פון אַלע פיר עקן פון ריזיקן פּלאַץ האָבן זיך אַלעמאָל העכער געטראָגן די מעכטיקע געשרייען:

— ערע! ערע! ערע!

די בערג, די ערד, די לופט, דער וואַלד האָבן אַ ציטער געטון פון די שטימען פון המון.

— זעט נאָר, זעט, מ׳בייגט אַראָפּ דעם הייליקן לאַבאַרום. — האָבן מיט ציטערניש באַמערקט די קריסטלעכע זעלנער.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

די אַלטע פאָן, וואָס קאָנסטאַנטין דער גרויסער אַליין האָט גע-הייליקט, האָט מען איינגעבויגן צום קייסערס פיס.

פון וואַלד איז אַרויסגעקומען אַ זעלנער, אַ שמיד, מיט אַ פייער-פאָן, מיט אַ פּאַרריסטער צוואַנג און אַ קעסעלע מיט בליי אין די הענט; דאָס אַלץ האָט מען נאָך פון פריער געהאַט צוגעגרייט.

דער קייסער, בלאַס, נישט קוקנדיק אויפן אָפּשיין פון פורפור און זון, האָט פון דער שטאַנג פון דער הייליקער פאָן אַראָפּגעריסן דעם גאָלדענעם צלם און דעם קריסטוס-מאָנאָגראַם אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער. דאָס גאַנצע מיליטער איז פאַרשטומט געוואָרן, אַלץ אַרום איז ווי אָפּגעשטאָרבן געוואָרן. די פּערל, די שמאַראַגדן, די רובינען האָבן זיך צעשיט אויף דער ערד און דער דינער גאָלדענער צלם איז אַריינ-געטרעטן געוואָרן אין דער פייכטער ערד אַריין אונטער דעם סאַנדאַל פונעם רוימישן קייסער.

מאַקסים האָט אַרויסגענומען פון אַ פּרעכטיק קעסטעלע אַ קליין זילבערן פיגורל פון מיטרע-העליאָסן, דעם גאָט פון דער זון, איינגע-וויקלט אין בלויע זיידענע וויקעלעך.

דער שמיד איז צוגעגאַנגען, במשך עטלעכע רגעס אויסגעגלייכט די האָטשיקלעך אויף דעם אָרט, וווּ דער צלם איז געווען, און צוגעלייט אויף דעמזעלבן אָרט די פיגור פון גאָט מיטרע.

נאָך איידער דאָס מיליטער האָט באַוויזן צו קומען צו זיך פון אימה, האָט זיך די פאָן פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן אויפגעהויבן און געפלאַטערט איבערן קייסערס קאָפּ, באַצירט מיטן בילד פון אַפּאָלאָ.

אַן אַלטער זעלנער, אַ פרומער קריסט, האָט זיך אָוועקגעדרייט, פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן, כדי נישט צו זען די דאָזיקע נידערטרעכטיקייט.

— אַ שרעקלעכע גאָט-לעסטערונג, — האָט ער אַרויסגערעדט, בלאַס ווי קרייד.

— אַן אומגליק! — האָט אַ צווייטער איינגערוימט זיין חבר אין אויער — דער קייסער איז אָפּגעטרעטן פון דער קריסטלעכער קירך.

יוליאַן האָט זיך געשטעלט אויף די קניען פאַר דער פאַן, אויס־געצויגן די הענט צו דער זילבערנער פיגור און אויסגעשריגן:

— געלויבט איז די אַלמעכטיקע זון, דער גאָט איבער אַלע געטער! היינט בוקט זיך דער רוימישער קייסער צום אייביקן גאָט העליאָס, דעם גאָט פון ליכטיקייט, דעם גאָט פון פאַרשטאַנד, דעם גאָט פון פרייד און אָלימפּישער שיינקייט!

די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אַן דעם אומברחמנותדיקן פּנים פונם דעלפישן געץ; זיין קאָפּ איז געווען אַרומגערינגלט מיט זילבערנע, שפּיזיקע שטראַלן; ער האָט געשמייכלט.

די לעגיאָנען זענען געשטאַנען פאַרשטומט. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך אַזש געהערט דאָס שאָרכן פון די טויטע, פאַר־טרוקנטע בלעטער, וואָס פאַלן אין וואַלד.

סיי אינם רויט־בלוטיקן אָפּשיין פון דעם אָוונט, סיי אינם פּורפּור פונם לעצטן געצנדינערישן כּוהן־גדול, סיי אין דער רויטקייט פונם וועלקנ־דיקן וואַלד, סיי אין אַלץ אַרום האָט זיך געפילט עפּעס אַזאַ שרעקלעכע, אַזאַ פּרעכטיקע, אַזאַ טרויעריקע מאַיעסטעטישקייט פון טויט.

עפּעס אַ זעלנער פון די פאָדערשטע רייען האָט אַרויסגערעדט אַזוי דייטלעך, אַז יוליאַן האָט דערהערט און אַ ציטער געטאָן:

— אַנטיקריסט!

צווייטע טייל

I.

לעבן די פערד־שטאַלן, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער היפּאָדראָם, האָט זיך געפונען אַ צימער, אַזאַ מין גאַרדעראָבע פאַר די שטאַל־לייט, ריי־טערינס, פאָרשטעלערס און קוטשערס. אפילו באַטאָג האָבן זיך דאָ אויך געדרויכערט אייל־לעמפּלעך, אָנגעהאָנגענע באַם סופיט. אין דער ענגער לופט, דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון פערד־מיסט, האָט זיך געפילט אַ וואַ־רעמקייט ווי אין אַ שטאַל.

ווען מ'פלעגט פאַרשאַרצן די פאָרהאַנג באַם אַרייננגאַנג, האָט זיך אַריינגעריסן די בלענדנדיקע ליכטיקייט פון טאָג. עס האָבן זיך געזען פונדערווייטנס די ליידיקע בענק פאַר די צושויער באַגאָסן מיט זונען־שיין, די הערלעכע טרעפ, וואָס פאַרייניקן די קייסערלעכע לאָזשע מיט די אינעווייניקסטע צימערן פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסנס פּאַלאַץ, די שפּי־ציקע, שטיינערנע עגיפּטישע אָבעליסקן, און אינמיטן פון דעם געלן, צו־געגלעטן זאַמד, אַ ריזיקער מזבח פון דריי צונויפגעוויקלטע קופּערנע שלאַנגען: זייערע פלאַכע קעפּ האָבן אונטערגעהאַלטן אַ דעלפישן דריי־פוס פון פּרעכטיקער אויסאַרבעטונג.

טיילמאָל פלעגט זיך הערן פון דער אַרענע דאָס קנאַקן פון אַ בייטש, געשרייען פון רייטערס, פּאָרסקען פון צעהיצטע פערד, שאָרכן פון רעדער איבערן ווייכן זאַמד, ענלעך צום שאָרכן פון פליגל.

דאָס איז נישט געווען קיין אמתדיק געיעג, נאָר איבונגען, צוגריי־טונגען צו די שפּילן, וואָס האָבן געזאָלט קומען אין היפּאָדראָם ערשט אין עטלעכע טעג אַרום.

אין איין ווינקל שטייט אַ נאַקעטער אַטלעט, באַשמירט פון קאָפּ

ביז די פיס מיט בוימל און באַדעקט מיט גימנאַסטישן שטויב, מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק אויף די לענדן, ער הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ אייזערנע געוויכטן; פּאַרוואָרפנדיק הויך דעם קאָפּ, בייגט ער אַזוי שטאַרק אויס די פּלייצע, אַז די ביינער קנאַקן אים אין די געלענקן, דאָס פּנים ווערט בלוי און די גראָבע אָדערן בלאָזן זיך אָן אויפן דיקן האַלז.

עס גייט צו אים צו עפּעס אַן עלעגאַנט-געקליידעטע פרוי, אַ יונגע, עס באַגלייטן זי צוויי דינסטן; איר פּנים איז איידל, יחסניש, אָבער שוין אַ ביסל אָפּגעבליאַקעוועט. דאָס איז אַן אלמנה פון אַ רוימישן סענאַטאָר, וועלכע איז געקומען פון אַלעקסאַנדריע; זי איז אַ פרומע קריסטין, אַלע קלעריקן און מאָנאַכן האַלטן פון איר אַן עולם ומלואו פאַר די גרויסע געלטער, וואָס זי איז מנדב אויף די בזירישע קלויסטערן און די פעטע נדבות, וואָס זי טיילט בהרחבהדיק. אינאָנהייב פלעגט זי האַלטן בסוד אירע ליבעס-פּאַסירונגען, באַלד איז זי אָבער געוווירן געוואָרן, אַז פאַריייניקן די ליבע צו דער קירך מיט דער ליבע צום צירק איז דאָ איינע פון די פיינסטע אַריסטאָקראַטישע מידות. יעדער האָט דעריבער געוווּסט, אַז סטראַטאָניקע איז אַ שונא אַלע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּראַנטלעך, וועלכע זענען אָנגעקרויזט, אָנגעשמינקט, אויסגעבאַלעוועט און קאַפּריזנע פּונקט ווי זי אַליין. אַזאַ טבע האָט זי שוין געהאַט: בײַ איר זענען געווען צונויפגעמישט די טייערסטע אַראַבישע פּערפומען מיט דעם קיצל-דיקן ריח פון שטאַל און צירק; נאָך הייסע טרערן פון חרטה און היסטערישן תשובה טון בײַ געניטע גלחים האָט דידאָזיקע מיניאַטורע, איידעלע פרוי, ווי אַ קליין איידל ליאַלקעלע געמוזט האָבן די ברוטאַלע צערטלעכקייטן פון אַ באַרימטן פערד-אַנטרייבער.

סטראַטאָניקע קוקט זיך צי צו דעם אַטלעטס איבונגען מיט דער געניטקייט פון אַן אמתער מבינטע. דער גימנאַסטיקער האָט אַן ערנסטע מינע אויפן אָקסענעם פּנים זײַנעם, און קוקט זיך אפילו נישט אים אויף איר. זי רוימט עפּעס איין איינעם פון אירע דינסטן אין אויער אַרײַן, און באַטראַכט מיט אַ גוטמוטיקער באַוווּנדערונג דעם אַטלעטס מעכטיקע, נאַקעטע פּלייצע, זי קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקן, ווי די שרעקלעכע, ריזי-קע מוסקולן זײַנע באַוועגן זיך הינטער דער האַרטער, ברוינער הויט אויף די מעכטיקע אַקסלען בשעת ער בייגט זיך אויס, ציט אַרײַן די לופט אין די לונגען, ווי אין אַ ריזיקן בלאָז-זאַק אַרײַן, און הייבט אויף די אייזערנע געוויכטן איבערן חיהשדיק-שיינעם, אידיאָטישן פּנים.

די פאַרהאַנג טוט זיך פלוצלינג אַ שאַרץ אַוועק, דער עולם צו-

שויער טוט זיך אַ רוק אָפּ, און צוויי ווייסע קאַפּאַדאָקישע קליאַטשעס, אַ ווייסע און שוואַרצע, טוען אַ שפּרונג אַריין אין שטאַל אַריין צוזאַמען מיט אַ יונגער רײַטערין, וועלכע טאַנצט פֿלינק אַריבער פֿון איין פֿערד אויפֿן צווייטן מיט עפּעס אַ מאָדנעם גאַרגלדיקן קוויטש.

דאָס לעצטע מאָל מאַכט זי נאָך אַ קאָזשעליק אינדערלופֿטן און שפּרינגט אַראָפּ אויף דער ערד, אַ פֿעסטע, אַ גלאַטיקע. פּונקט ווי די קליאַטשעס אירע; איר נאַקעטער קערפּער פּערלט זיך פֿון קליינע טראָפּנס שווייס. עלעגאַנט שפּרינגט צו איר צו אַ פֿראַנטיש־אָנגעטוענער, יונגער היפּאָדיאַקאָן זעפּירינוס, ער איז אַ גלח אין דער קאַטעדראַלע פֿון די הייליקע אַפּאָסטאָלן, אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון צירק, אַ מבֿין אויף פֿערד און אַ שטענדיקער באַזוכער פֿון די געיעגן; ער פֿלעגט איינשטעלן גרויסע סומעס פֿאַר די „בלויע" קעגן די „גרינע". אָנגעטון גייט ער אַ פּאָר סקריפּענדיקע שטיוועלעך פֿון סאַפֿיאַן־לעדער מיט רויטע אָפּצאַסן. די באַקן אָנגעפּודערט, די אויגן אונטערגעשמינקט. די האָר פֿאַרקרויזט — ער האָט גיכער אַ פּנים פֿון אַ יונג קאָקעטקעלע, איידער פֿון אַ גלח. הינטער אים שטייט אַ קנעכט, אָנגעלאָדן מיט כלערליי פּעקלעך, זעקלעך, קעסטלעך מיט געוואַנט — דאָס אַלץ האָט ער נאָר־וואָס איינגעקויפֿט אין די מאָדע־מאַגאַזינען.

— קראָקאַלע, נאַ, אָט האָסטו דעם זעלבן פּערפֿום, וואָס כ'האָב דיר אייערנעכטן צוגעזאָגט.

מיט אַן עלעגאַנטן רעווערענס דערלאַנגט דער היפּאָדיאַקאָן דער רײַטערין אַ גרויסאַרטיק סלאָיקל, פֿאַרחתמעט מיט בלויען טריוואַקס.

— אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעלאָפֿן איבער אַלע מאַגאַזינען. קוים געקריגן. ריינסטער ניירד! ערשט נעכטן אָנגעקומען פֿון אַפּאַמעע.

— און דאָס וואָס איז? — איז קראָקאַלע נײַגעריק.

— זײַדנוואַרג — אַלץ די נײַעסטע מוסטערן, — פֿאַרשידענע דאַמען־שמאַכטעס.

— אַלץ פֿאַר דײַנערס וועגן?...

— פֿאַרשטייט זיך, אַלץ פֿאַר מײַן ערלעכער, גאָטספֿאָרכטיקער שוועסטער, דער פֿרומער מאַטראָנע בלעזיללע. מ'מוז דאָך עפּעס טון פֿאַר יענעמס וועגן אויך. זי פֿאַרלאָזט זיך אויף מײַן געשמאַק אין אויסוואַל פֿון פֿאַרשידענע מוסטערן. פֿונדערפֿרי אָן לויף איך אַלץ אַרום פֿאַר אירעטוועגן. כ האָב שוין קיין פּיס נישט. כ'האָב אָבער חלילה קיין

תרעומות נישט, ניין, חלילה. בלעזיללע איז כ'לעבן אזא גוטע, אזא, פשוט געזאָגט, א הייליקע פרוי!...

— אמת, אָבער צום באַדויערן אַן אלטע, — צעלאַכט זיך קראַקאָלע. — נע, ייִנגל, וויש דאָרט אָפּ דעם שווייס פון דער קאָרער קליִאַטשע מיט פרישע פייגן-בלעטער.

— אַלטקייט האָט זיך אירע באַזונדערע מעלות, — ענטפערט איר דער היפּאָדיאַקאָן, רייבנדיק זעלבסטצופרידן אײנע אין דער אַנדערער די ווייסע געצערטלטע הענט מיט די בריליאַנטענע רינגען.

דערנאָך פרעגט ער זי שטיל אויפן אויער:

— ווען? הייַנט אינאָוונט?

— כ'ווייס נישט, באמת. אפשר... וואָס-זשע וועסטו מיר ברענגען?

— וואָס האָסטו מורא? מיט ליידיקע הענט וועל איך געוויס נישט קומען. הערסט, האָב איך א שטיקל לילאַ פורפור-שטאָף, צורישע אויסאַרבעטונג! א מוסטער, אריסטערליש!

ער פאַרקריטשעט די אויגן, טראָגט צו צוויי פינגער צו די ליפּן, גיט א שמאַטשק מיט צופרידנקייט:

— א צאַצקע, נישט קיין שטאָף!

— ווו האָסטו געקויפט?

— פאַרשטייט זיך, בא סירמיקן אין מאַגאַזין, לעבן די קאָנסטאַנציוס-בעדער, וואָס מיינסטו עפּעס! אַן אריסטערליש שטיקל סחורה! מ'וואָלט דערפון געקאָנט מאַכן אפילו א לאַנגן טאַראַנטינדיאָן. שטעל דיר פאָר, וואָס עס איז אויסגעבייט אויף די קאַנטן פון דעמדאָזיקן שטיקל שטאָף? אדרבא, טרעף וואָס?

— פיגוראַנען זאָל איך וויסן? בלומען? חיות?

— נישט קיין בלומען און נישט קיין חיות, נאָר מיט גאָלד-שפּין און אַלערליי זיידענע ליצן איז אויסגעבייט די גאַנצע לעבנסבאַשרייבונג פון דעם ציניקער דיאָגענעס, דעם אָרימען חכם, וועלכער האָט געוווינט אין א פאַס!

— אָך, דאָס מוז זיין שיין! — ווערט די רייטערין נתפּעל. — קום-זשע צו גיין אומבאַדינגט! געדענק, זאָלסט אומבאַדינגט קומען. כ'וועל וואַרטן אויף דיר.

זעפירינוס כאַפּט א בליק אויפן וואַסער-זייגער — די קלעפּסידרע, אין איינער פון די וואַנט-נישעס און הייבט זיך אַן איילן:

— ס'איז שוין אַזוי שפּעט! כ'דאַרף נאָך צולויפן צו אַ פּראָצענטניק פאַר אַ צווייטער מאַטראַנעסוועגן, צום גאָלדשמיד, צום פּאַטריאַרך, אין קלויסטער אַריין, צו דער אָוונט־תּפילה, אַ גוטן טאָג, קראַקאַלע!

— געדענק, כ'וואַרט אויף דיר, — שרייט אים נאָך די רייטערין און דראָט אים נאָך מיטן פינגער: — דו, שטיפער, דו!

דער היפּאָדיאַקאָן מיטן קנעכט, אַנגעלאָדן מיט די פּעקלעך, לויפט אַרויס, סקריפּענדיק מיט די סאַפיאַנענע שטיוועלעך.

עס לויפן אַריין אַ חבֿרה שטאַל־לייט, רייטערס, טענצערינס, גימנאַסטיקערס, פויסט־שלעגערס, דרעסירערס פון ווילדע חיות. מיט אַן אייזערנער שאַטקע אויפן פּנים שטייט דער גלאַדיאַטאָר מורמילאָן און גליט אָן אַ דיקע אייזערנע שטאַנג צום דרעסירן אַ לייב, וואָס מ'האָט נאָר־וואָס געבראַכט צו פירן פון אַפריקע; הינטער דער וואַנט הערט זיך דאָס ברומען פונם לייב.

— ווערסט מיך פּריצייטיק ברענגען אין קבֿר אַריין און דיך אַליין אין גיהנום אַריין. אוי, אייניקל, אייניקל! — אַך־אַך־אַך! די זייטן טוען מיר ווי! נישטאָ שוין קיין כּוח!

— דאָס ביסטו, זיידע גניפאָן? וואָס קרעכצסטו נאָר אַלץ? — פרעגט אים קראַקאַלע מיט פאַרדראָס.

גניפאָן, אַן אַלטיטשקער מיט צוויי שפּיציקע, שטענדיק פאַרטרערטע אייגעלעך, וועלכע שפּיזן אים אַרויס פון הינטער די גרייז־גרויע ברעמען אַפּער, וואָס באַוועגן זיך כּסדר ווי צוויי הייסע מייזלעך, מיט אַ טונקלבלויער נאָז, ווי אַ צייטיקע פלוים; אויף די פיס טראָגט ער אַ פּאָר פאַרלאַטעטע לידישע הויזן; אויפן קאָפּ — אַ פריגיש, וואַלאַקן היטל, ענלעך צו אַ שקאַרפּיץ, נאָר דער שפּיץ פון דעמדאָזיקן שקאַרפּיץ איז פאַרבויגן און עס הענגען פון אים אַראָפּ צוויי לאַפּן איבער די אויערן.

— ביסט ווידער נאָך געלט געקומען? — בייזערט זיך קראַקאַלע — ווידער שיעור?

— דאָס זענען זינדיקע רייד, אייניקל מיינס! זינדיקע רייד! איך בין פאַר גאָט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין נשמה! רעכן דיך כאָטש אַליין איבער, צוואָס דו האָסט מיך געבראַכט! איך וווין איצט אין דער טייטלבוים־פאָרשטאָט, אין אַ קעלער־שטיבל בא אַ געצן־מאַכער. יעדן טאָג זע איך, ווי ער האַקט אויס פון מאַרמאָר, גאָט זאָל מיר מוחל זיין, די וויסטע פאַרשאָלטענע פּרצופֿים. דו מיינסט, עס איז אַ קלייניקייט? אַזאַ פרו-

מער קריסט ווי איך! אַ קלייניקייט מיינסטו? האַ? אינדערפרי, כ'האָב נאָך רעכט די אויגן נישט אויפגעעפנט, — זיצט ער שוין — טוק-טוק, טוק-טוק — קלאַפּט מיטן האַמער און פונם שטיין קומען באַ איט אַרויס איינס-באַ-איינס די מיאוסע ווייסע שדים, די פאַרשאָלטענע געטער — מיט אַזעלכע גרימאַסן, ווי זיי וואָלטן געלאַכט פון מיר! ווי איז מעגלעך נישט צו זינדיקן אין אַזאַ מצב, מוז מען טאַקע אַנטלויפן אין שענק אַריין און מאַכן אַ כוסה! אַך-אַך-אַך! רבונו של עולם, זיי מיר מוחל די זינד מיינע! איך וואַלגער מיך אין דעם געצנדינערישן געמויזעכץ, ווי אַ חזיר אין מיסט. איך ווייס דאָך, אַלץ וועט פאַררעכנט ווערן, ביזן לעצטן קווינט. — און ווער איז שולדיק אין דעם אַלעם. איך פרעג דיך אַליין? — דו! דו ביסט שולדיק! באַ דיר וואַלגערט זיך דאָס געלט אונטער אַלע בעטן און פאַרן אָרימען ייִדן דיינעם...

— הער אויף מיט די ליגנט, גניפאָן! — בייזערט זיך דאָס מיידל,— עס הייבט זיך נישט אָן! ביסט נישט אָרים, נאָר קאַרג ביסטו! האָסט פאַרגראָבן אונטערן בעט אַן אוצר...

גניפאָן הייבט אָן אין שרעק צו מאַכן מיט די הענט:

— שוייג! שוייג!

— דו ווייסט, וווהין איך גיי איצט? — הייבט ער באַלד אָן, כדי צו פאַרטרייבן דעם פריערדיקן שמועס.

— מסתם, אין שענק אַריין, וווהין דען!

— ניין, דווקא נישט אין שענק אַריין, אויף נאָך אַ מיאוסער, אויף נאָך אַן ערגער אָרט, — אין דער טומאה אַריין פון גאָץ דיאָניזאָס אַליין! ווייסטו שוין! די טומאה איז שוין פון דעם הייליקן קייסער קאָנסטאַנטינס צייטן פאַרשאָטן מיט גרוז, מיט מיסט. מאָרגן דאַרף מען די מיאוסע טומאה צוריק עפענען, אַזוי האָט באַפוילן דער אויגוסט יוליאַן. האָב איך מיך אָנגעדונגען אויסצורייניקן די טומאה פון דעם אָנגעהאָרפּענעם מיסט. איך ווייס, אַז צוליב דעם וועל איך אַריינגעשליידערט ווערן אין כף-הקלע און מיין נשמה וועט ברענען אין פינצטערן גיהנום. וואָס זאָל איך אָבער טון. כ'האָב קיין ברירה נישט! דער יצר-הרע פון געלט! ווייל איך בין נאַקעט און באָרוועס, הונגעריק און דורשטיק, מיין אייגן אייניקל וויל מיך נישט אונטערהאַלטן אויף דער עלטער. אָט צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט!

— טשעפּע דיך אָפּ, גניפאָן, עס איז מיר שוין נמאס דיינע רייד

צו הערן. נאַ — און טראָג דיך שוין אָפּ. שיכורעהייט זאָלסטו דיך מער נישט דערוועגן צו ווייזן פאַר מיינע אויגן!

זי וואַרפט אים צו עטלעכע קליינע מטבעות, דערנאָך שפּרינגט זי אַרויף אויף אַ געלן ווילדן אילירישן אָגער, און שטייענדיק אויף דעם פערדס רוקן, טוט זי אַ קנאַק מיט דער לאַנגער בייטש און פליט ווידער אַרויס אויפן היפּאָדראָם.

גניפאָן טייטלט איר נאָך מיטן פינגער, טוט אַ קנאַק מיט דער צונג פאַר נחת און אַ זאָג אַרויס מיט שטאָלץ:

— אויף מיינע אייגענע הענט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן!

דער רייטערינס פעסטער, נאַקעטער קערפּער גלאַנצט אויפן זונען־שיין און אירע צעפלאָשעטע געלע האָר זענען פון דעם זעלבן קאָליר וואָס דעם אָגערס פעל.

— העי, זאַטיק, — שרייט גניפאָן צו אַן אַלטן באַדינער, וואָס שאַרט צונויף פון דער ערד דאָס פערד־מיסט אין אַ געפלאָכטן קיישל אַריין, — קום מיט מיר רייניקן דעם דיאָניזאָס־טעמפּל. דו ביסט דאָך אַ מומחה אין דערדאָזיקער מלאכה. וועסט קריגן דריי אָבאָלן. גוט?

— מהיכי־תיתא. קום, — ענטפערט אים זאַטיק, — וואַרט נאָר איין רגע, כ'וועל נאָר צורעכט מאַכן דאָס לעמפּעלע פאַר דער געטין.

דאָס איז געווען די געטין היפּאָנע, די באַשיצערין פון שטאַלן, פערדס־לייט און פערדס־מיסט. פּרימיטיוו אויסגעשניצט פון האָלץ, פאַר־רויכערט, פאַרשמוציקט, העסלעך, אַזוי ווי אַ צעקאַליעטשעטע שייטל האָלץ, שטייט זי אין אַ ווינקל אין אַ פייכטער, פינצטערער נישע. דער קנעכט זאַטיק איז דערצויגן געוואָרן צווישן פערד און געהאַלטן דידאָ־זיקע געטין פאַר דעם גרעסטן הייליקטום, געדאַוונט פאַר איר מיט הייסע טרערן, יעדן טאָג אַנידערגעשטעלט פאַר אירע העסלעכע, שוואַרצע פיס פרישע פיילכן־בלימלעך, געגלייבט, אַז זי היילט אים אויס פון אַלע קרענק, אַז זי איז זיין געטלעכע באַשיצערין אויף לעבן און טויט.

גניפאָן מיט זאַטיקן זענען אַרויס אויפן קאָנסטאַנטינוס־פאָרום, אַ קיילעכדיקן פּלאַץ מיט צוויי רייען זיילן און אַ טריומף־טויער. אינ־מיטן פּלאַץ איז אויף אַ מאַרמאָרנעם פּיעדעסטאַל געשטאַנען אַ ריזיקער פּאָרפירענער סלופּ און אויפן שפּיץ פון דעם סלופּ, העכער צוואַנציק איילן איבער דער ערד, האָט געפונקלט אַ בראָנזענע סטאַטוע פונם גאָט אַפּאָלאָ, פידיאַסעס אַרבעט. דידאָזיקע סטאַטוע איז צוגערויבט געוואָרן אין איינער פון די פריגישע שטעט. דער קאָפּ פונם זונען־גאָט איז געווען

אָפּגעהאַקט און מיט אַן עם-האַרצישער געשמאַקלאָזיקייט איז צום קערפּער פונם העלענישן גאָט צוגעשטוקעוועט געווען דער קאָפּ פונם קריסטלעכן קייסער קאָנסטאַנטין; דער קאָפּ פונם קייסער איז געווען ארומגענומען מיט אַן אָרעאָל פון גאָלדענע שטראַלן; אין דער רעכטער האָט האָט אַפּאָלאָ-קאָנסטאַנטין געהאַלטן דעם סצעפּטער, אין דער לינקער — דעם מאַכט-באַלעם. צופוסנס בא דער ריזיקער סטאַטוע איז געשטאַנען אַ קליינע קריסטלעכע קאַפּליצע, אַזאַ מין פּאַלאַדיום. נאָך ערשט נישט לאַנג, ווען קאָנסטאַנציוס האָט געלעבט, האָט מען אין דערדאָזיקער קאַפּליצע אָפּגעריכט תפילות. די קריסטן פלעגן זיך פאַרענטפערן, אַז אין דעם בראָנזענעם קערפּער פונם גאָט אַפּאָלאָ, אינם סאַמע האַרץ פון דעם זונען-גאָט, איז פאַרבאָרגן אַ גרויסע קמיע, אַ שטיקל פון הייליקן צלם, אויף וועלכן קריסטוס איז געקרייציקט געוואָרן. דאָס שטיקל פונם צלם האָט די הייליקע העלענע געזאָלט ברענגען פון ירושלים. — דער קייסער יוליאַן האָט באַפוילן צו פאַרמאַכן דידאָזיקע קאַפּליצע.

זאָטיק מיט גניפאָנען זענען אַריין אין אַ לאַנגער, שמאָלער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן גלייך ביז צו די „כאַלצעדאָנישע טרעפּ“, נישט ווייט פונם פאָרט. טייל געביידעס האָט מען ערשט צוגעמויערט, טייל האָט מען איבערגעמויערט, ווייל דער גרינדער פון דערדאָזיקער ריזן-שטאָט, קאָנסטאַנטין, האָט באַפוילן שנעל אויפצובויען די שטאָט, אַזוי אַז די צו שנעל אויפגעבויטע הייזער האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן איינצופאַלן.

אונטן זענען געגאַנגען מענטשן אַהין און צוריק, בא די געוועלבן האָבן זיך געפּאָרעט קונים. קנעכט, טרעגערס; קאַרעטעס זענען געפאָרן. און אויבן, אויף די הילצערנע רושטאָוואַניעס, האָבן געקלאַפּט האַמערס, געסקריפּעט אייזנס, געקריצט זעגן, איבערשניידנדיק האַרטע, גרויסע שטיינער; אַרבעטער האָבן מיט שטריק אַרויפגעצויגן אינדערהייך ריזיקע בעלקעס, אָדער פירעקעכדיקע שטיקער פּראָקאָנעזישן, בלישטשענדיקן, בלוילעכן מאַרמאָר; עס האָט זיך געשפּירט אַ פייכטקייט פון פרישע געביידעס, און נישט-פאַרטרוקנטער וואַפּנע; אויף די קעפּ האָט זיך אַראָפּגעשאָטן אַ ווייסער שטויב; ערטערווייז האָבן צווישן די שניי-ווייסע, פריש-אויסגעקאַלכטע ווענט געפינקלט פונדערווייטנס, אין דער טיפעניש פון די געסלעך, די העל-בלויע, שמייכלענדיקע כוואַליעס פון מאַרמאָר-ים, מיט די זעגלען, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פליגל פון מעוועס.

גניפּאַן האָט צופעליק אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער פון אַ געשפּרעך צווישן צוויי אַרבעטער, וועלכע זענען ביידע געווען פאַרשמירט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַלבאַסטער-ליים, וואָס זיי האָבן צעמישט אין אַ גרויס שאַף.

— צוואָס האָסטו אָנגענומען דעם גליליִישע גלויבן ? — האָט איינער געפרעגט.

— זאָג אַליין, — האָט אים דער צווייטער געענטפערט, — בא די קריסטן זענען פאַראַן נישט צוויי מאָל אַזוי פיל, נאָר אפשר פינף מאָל אַזוי פיל ימים-טובים. אַ נאַר בין איך ! פאָלג מיך, ווער אויך אַ קריסט, אַ פריי לעבן בא די קריסטן, אַלע פאַר טעג אַ יום-טוב !

אין ראָג גאַס האָט דער המון צוגעדריקט גניפּאָבען און זאָטיקן צו דער וואַנט. איבמיטן גאַס זענען דורכגעפאָרן עפּעס גרויסע פורן און פאַרשטעלט דעם גאַנצן וועג ; פורמאַנעס האָבן געשריגן, בייטשן האָבן געקנאַקט, קללות און זידלערייען האָבן זיך געטראָגן אינדערלופטן. צוואַנציק פאַר געזוגטע אָקסן האָבן, איינגעבויגן די קעפּ אונטערן שווערן יאָך, געשלעפּט עפּעס אַ ריזיקן וואָגן מיט מגושמדיקע שטיינערנע רעדער, ענלעך צו מילשטיינער. אויפן וואָגן איז געלעגן אַ יאַשמענער זייל, די ערד האָט געציטערט אונטער דער שווערער משא.

— וווּהין פירט מען דאָס ? — האָט גניפּאַן אַ פרעג געטון.

— פון דער קאַטעדראַלע פון הייליקן פּוילוס צום טעמפּל פון דער געטין הערא ; די קריסטן האָבן צוגערויבט דעמדאָזיקן זייל ; איצט פירט מען אים צוריק אַריבער אויפן פריערדיקן אָרט.

גניפּאַן האָט דערזען אויף דער שמוציקער וואַנט, לעבן וועלפער ער איז געשטאַנען, עפּעס אָנגעמאָלט מיט קרייד, און אויסגעשפּיגן פון כעס און אויפרעגונג. דאָס האָבן געצנדינערישע גאַסן-יינגלעך אָנגעמאָלט אַ מענטש מיט אַן אייזל-קאָפּ הענגט אויף אַ צלם.

לעבן איינעם פון די גרעסטע מאַרק-פּלעצער האָבן זיי דערזען הענגען דאָס בילד פון קייסער יוליאַן מיט אַלע סימנים פון זיין קייסער-לעכער מאַכט און איבער אים אין די וואָלקנס דער באַפליגלטער גאָט העמערס מיטן שלום-שטעקן אין דער האַנט ; דאָס בילד איז געווען אַ פרישס, די פאַרב איז נאָך נישט געווען אויסגעטרוקנט.

לויט די רוימישע געזעצן איז יעדער איינער, ווער עס פלעגט פאַרבייגיין פאַרן הייליקן בילד פונעם אויגוסט, מחויב געווען אײַנצובייגן דעם קאָפּ און זיך בוקן

דער אַגאַראַנאָם, דער אָרדנונג-היטער אויפן מאַרק, האָט פאַרהאַלטן אַן אַלטיטשקע מיט אַ קײשל בוראַקעס און קרויט.

— איך בוק מיך נישט צו קײן געטער, — האָט די אַלטיטשקע געוויינט. — מײנע פאָטער און מוטער זענען נאָך געווען קריסטן.

— דו מוזסט דיך בוקן נישט צום גאָט, נאָר צום קײסער, — לאָזט זי דער אַגאַראַנאָם נישט אָפּ.

— דער קײסער איז דאָך אָבער אײנײנעם מיטן גאָט. ווי קאָן איך מיך בוקן צו אים באַזונדער?

— נישט מײן עסק! מ'הײסט — בוק דיך. און אַז דו וועסט דיך בוקן צום גאָט, מײנסטו, וועט דיר דער קאָפּ אַראָפּפאַלן?

גניפאָן האָט גיך אוועקגעשלעפּט זאַטיקן.

— אַ טײוולאָניש שפּיצל! — האָט דער אַלטער געוואָרטשעט צו זיך. — אָדער בוק דיך צום געץ הערמעס, אָדער מ'וועט דיך באַשטראָפן פאַר מאַיעסטעט-באַלײדיקונג. אַזוי טויג נישט און אַזוי טויג נישט. אַך-אַך! אַנטיקריסטוסעס צײטן! דער טײוול האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן... עס וועלן זיך ווידער אָנהײבן שרעקלעכע רדיפות ווי פאַרצײטנס... אַך-אַך! אַלץ פאַר די זינד... זאַטיק, דו הערסט, כ'בין דיך, כ'לעבן, מקנא: דו האָסט דיר דײן מיסט-געטין און ס'איז דיר ווויל און ליכטיק.

זיי זענען צוגעקומען צום דיאָניזאָס-טעמפּל. בשכנות מיטן טעמפּל האָט זיך געפונען אַ קריסטלעך נזירים-הויז, אַלע טירן, אַלע לאָדנס זענען אין דעמדאָזיקן הויז געווען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט מיט אײזערנע שטאַבעס; ווי מ'וואָלט דאָ מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם. די געצנדינער האָבן באַשולדיקט די קריסטלעכע מאָנאַכן, אַז זיי האָבן אויסגערויבט און פאַרשוועכט דעם דיאָניזאָס-טעמפּל.

גניפאָן און זאַטיק האָבן אינעווייניק, אינם טעמפּל, דערזען אַ גאַנצע מחנה שלאָסערס, טשעסלערס, שטײנער-קלאַפּערס. אַלע האָבן געאַרבעט אין אײליקײט, מ'האָט געדאַרפט אויף מאָרגן ברענגען דעם טעמפּל אין פולשטענדיקער אָרדנונג.

מ'האָט אויפגעהאַקט די צעפוילטע ברעטער, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרקלאַפּט די פירקאַנטיקע עפענונג אין דאַך. אַ שטראַל פון דער זון איז אַרײן אין דער טונקלקײט.

— זעט נאָר דאָס ביסל שפינוועבס!

צווישן די קאָרינטישע קרוינען פון די מאַרמאָרנע זײלן זענען

נאָכגעהאָנגען גאַנצע נעצן, שטיקער און צוויטן פאַרשטויבטע שפינוועבס. מ'האָט אַרויסגעזעצט בעזימס אויף לאַנגע שטעקנס און אָנגעהויבן עס אַראָפּצושאַרן. אַ דערשראָקענע פלעדערמויז איז אַרויסגעפלויגן פון אַ ווינקל און אָנגעהויבן אַרומפליען, נישט קאָנענדיק זיך געפינען קיין אָרט אין דער ליכטיקייט. זי האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ווענט, שאָרכנדיק מיט די נאַקעטע פליגל.

זאַטיק האָט צונויפגעשאַרט די קופּעס מיסט און זיי אַרויסגעטראָגן אין אַ געפלאָכטן קיישל.

— אַזעלכע מנוולים, זעט נאָר דאָס ביסל מיסט, וואָס מ'האָט דאָ אָנגעמאַכט! — האָט דער אַלטער געברומט אונטער דער נאָז און געשאָלטן די קריסטן, וואָס האָבן פאַראומהייליקט דעם טעמפּל.

מ'האָט געבראַכט אַ בינטל פאַרזשאַווערטע שליסלען און אויפגעעפנט דעם אוצר פונם טעמפּל. דאָס, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ ווערט, האָבן די מאַגאַכן צוגערויבט; די טייערע שטיינער פון די קרבנות-מכשירים זענען געווען אַרויסגענומען; די גאָלדענע און פורפּורנע ברעגן פון די פּריסטערלעכע מלבושים אָראָפּגעריסן. ווען מ'האָט אויפגעוויקלט עפּעס אַ פּרעכטיקן מיסטעריעזן מאַנטל, איז אַרויסגעפלויגן פון אינעווייניק אַ גאַנצע מחנה גאָלדפאַרביקע מילן. אויף דער דנאָ פון אַן אייזערנעם ווייַרויך-בעכער האָט גניפאָן באַמערקט אַ ביסל אַש, — אַן איבערבלייבעכץ פון דעם מור, וואָס דער לעצטער פּריסטער האָט גערייכערט בעת דעם לעצטן קרבן פאַרן גאָט דיאָניזאָס, נאָך איידער עס האָט געזיגט דער ג ל י ל ע ר.

פון דעם גאַנצן ביסל ברוך. פון די פאַרשטויבטע שמאַטעס און די צעבראָכענע כלים, האָט זיך געשפּירט אַ ריח פון טויט און צעפוילונג, פון שטויב און שימל און נאָך עפּעס אַזאַ מין טרויעריק-צאַרטער גערוך — אַזוי ווי ווייַרויך פון פאַרשוועכטע געטער. אַ זיסער אומעט האָט זיך פאַרגנבעט אין גניפאָנס האַרץ אַריין: ער האָט זיך עפּעס דערמאַנט און אַ שמייכל געטון; אפשר זענען אים אויפגעשווומען אויפן זכרון די קינדער-יאָרן, די באַטעמטע גערשטענע פלעצעלעך מיט האָניק און קימל, די ווייסע פעלד-מאַרגאַריטקעלעך און די געלע בלאָז-בלימעלעך, וועלכע ער פלעגט אײַנעם מיט דער מוטער ברענגען צום באַשיידענעם אַלטאַר פון דער דאָרפישער געטין; ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט מיט די קינדערישע ליפּעלעך שעפּטשען אַ תפילה נישט צום ווייטן, הימלישן ג אָ ט, נאָר צו די קליינע, ערדישע געטעלעך פון פשוטן בוקן-האָלץ,

וואָס גלאַנצן פון דער באַרידונג פון די מענטשלעכע הענט, צו די היי־מישע, קרובישע פנאָטן. — עס איז אים אַ רחמנות געוואָרן אויף די געשטאָרבענע געטער, און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער גנעפינט זיך, אָוועקגעטריבן פון זיך די געדאַנקען, זיך איבערגעצלמט און אַרויסגעמורמלט: „אַלך דער יצר־הרע, דער פאַרשאָלטענער יצר־הרע!"

אַרבעטער האָבן דערווייל געברענגט צו טראָגן אַ שווערע מאַרמאָרנע פּליטע, אַ פּאַרצייטישן באַרעליעף, וואָס איז מיט אַ סך יאָרן צוריק אַרויסגעגנבעט געוואָרן פונדאַנען, איצט איז ער געפונען געוואָרן אין אַ שבתותדיק שטיבל בײַ אַ ייד, אַ שוסטער. דער באַרעליעף האָט געדינט דעם שוסטער פאַר אַ מויער אונטערצושפּאַרן דעם אויוון, וועלכער האָט געהאַלטן בײַ אײַנפאַלן. די אַלטע וועבערין פּילאַמענע, אַ פרומע קריסטין, האָט שרעקלעך פײַנט געהאַט די שוסטערין: די פאַרשאָלטענע יידישקע פלעגט פסדר אַרויסלאָזן איר אייזל אין דער העבעריִנס גאָרטן אַרײַן. אַ סך יאָרן האָט זיך געפירט אַ מלחמה צווישן בײדע שכנטעס. ענדלעך האָט די קריסטין געזיגט: זי האָט אָנגעוויזן די אַרבעטער, אַז בײַ איר יידישער שכנטע געפינט זיך אײַנגעמויערט אין אויוון אַ מאַרמאָרנער באַרעליעף. מ'האָט דעם אויוון צעלייגט און דעם באַרעליעף אַרויסגענומען. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר דער שוסטערין. די אומגליקלעכע איז געשטאַנען מיט אַ קאָמשערע אין דער האַנט, געררופן דעם רבונו של עולם, ער זאָל נקמה נעמען אין די גויים, געריסן זיך די שיטערע גרויע האָר פון קאָפּ און מוראדיק געיאָמערט איבער די איבערגעקערטע פענדלעך און דעם צעוואָרפענעם אויוון. די קליינע קינדער אירע האָבן אַלע אײַנײנעם געפּישטשעט ווי פײגעלעך אין אַ צעשטערטער נעסט. דעם באַרעליעף האָט מען פונדעסטוועגן צוריקגעטראָגן אויף דעם אַמאָליקן אָרט.

פּילאַמענע האָט אים געוואַשן; ער איז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן פון שטינקעדיקע כאַדזעס; די פעטע יידישע מאכלים האָבן אינגאַנצן פאַראומרייניקט דעם ווייסן פענטעליקאַנישן מאַרמאָר. די קריסטלעכע וועבערין האָט פלייסיק געריבן מיט אַ נאַסער שמאַטע דעם איידעלן באַרעליעף, — און ביסלעכווייז האָבן זיך פון הינטער די שיכטן שטינקעדיקער ליך־סאַדזע אָנגעהויבן באַווייזן די שטרענגע, געטלעכע געשטאַלטן פון דעם אַטישן קונסט־בילד: דיאָניזאָס, אַ יונגער, אַ נאַקעטער, אַ צנישנוריקער, ליגט אָנגעלענט אויף איין האַנט, די אַנדערע האַנט

איז אָרָפּגעהאָנגען, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעמאָטערט פון דער סעודה, אין דער אָראָפּגעהאָנגענער האַנט האָלט ער אַן איבערגעדרייטן בעכער, פון וועלכן עס גיסט זיך ווײַן, אַ פּאַנטער לעקט אויס דעם פאַרגאָסענעם ווײַן, און דער גאָט, וועלכער שענקט פרייד יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש, קוקט מיט אַ גוטמוטיקן, קלוגן שמייכל, ווי די הייליקע קראַפט פון ווײַן באַזיגט די ווילדע קראַפט פון דער שרעקלעכער חיה.

די אַרבעטער האָבן אַרויפגעצויגן מיט שטריק דעם מאַרמאָרנעם באַרעליעף, כדי אים צו באַפעסטיקן אויפן פריערדיקן אָרט.

פאַר דער סטאַטוע פון גאָט דיאָניזאָס איז אויף אַ הילצערנער טאָפּלטער לייטער געשטאַנען אַ גאָלדשמיד און אַרײַנגעפּאַסט אין די טונקעלע אויגן-לעכער פון גאָטס פּנים צוויי בלויע דורכזיכטיקע שאַפּירן: דאָס זענען געווען דעם גאָט דיאָניזאָס אויגן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט גניפאָן געפרעגט מיט שרעק און נײַגיריקייט.

— זעסט דען נישט? אויגן.

— טאַקע, טאַקע... און וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיינדלעך?

— שטיינדלעך. פון אַ קלויסטער גענומען.

— און די מאָנאַכן האָבן געלאָזט?

— מ׳האָט זיי דען געפרעגט? דער לייטזעליקער אויגוסט יוליאַן האָט באַפוילן — האָט מען גענומען. דעם גאָטס ליכטיקע אויגן האָבן דאָרט באַצירט אַ בילד פון געקרייציקטן. אַזאַ רציחה! זיי האָבן אַ פול מויל מיט אָרנטלעכקייט און ערלעכקייט און אַז עס קומט צו מעשים — זענען זיי אַליין די ערגסטע רויבערס, די גרעסטע גנבים. — זיי, אדרבא, ווי די שטיינדלעך פּאַסן זיך אַקוראַט אַרײַן אויפן פריערדיקן אָרט.

דער גאָט איז צוריק זעעוודיק געוואָרן און מיט גלאַנציקע שאַפּירענע אויגן אַ קוק געטון אויף גניפאָנען. דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעדרייט און בשתיקה זיך איבערגעצלמט, אַרומגעכאַפּט מיט אַן אויסטערלישן פּחד. עס האָט אים געפּײַניקט אַ געפיל פון חרטה. אַפּקערנדיק דעם שטויב, האָט ער לויט זײַן געוווינהייט געהאַלטן אין איין וואָרטשען צו זיך אַליין!

— אוי, גניפאָן, גניפאָן, אוי, דו נעבעכדיק מענטשל, אוי, דו מיאוסער הונט! וואָס האָסטו געטון אויף די עלטערע יאָרן דײַנע? פאַרקויפט די נשמה דעם טייוול פאַר דער פאַרשאָלטענער מטבע! אוי, אין פײַער וועסטו ברענען, אין סמאָלע וועסטו דיך פּרעגלען, אָך-און-וויי

איז צו דיין עלטער! אוי, גניפאַן, גניפאַן, דעם קערפּער מיט דער נשמה האָסטו דיר טמא געמאַכט מיט דעם געצנדינערישן טיבוּפת! וואָלסט גליי־כער אויסגערונען געוואָרן, איידער דו ביסט נאָך געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט!...

— וואָס ברומסטו דאָרט, ייִדעשי? — האָט אים די וועבערין פּי־לאַמענע אַ פרעג געטון.

— אוי, דאָס האַרץ טוט מיר וויי! דאָס האַרץ...

— ביסט אפשר אַ קריסט? האַ?

— אַ קריסט? אָך־און־ווי איז צו מיין לעבן! כ'בין ערגער פון אַ ייִד, — נישט קיין קריסט בין איך, נאָר אַ קריסטוס־פאַרקויפער!

פונדעסטוועגן האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט אָפּצוקערן דעם שטויב.

— דו ווילסט, קאָן איך דיך אָפּריייניקן פון אַלע זינד. עס זאָל אויף דיר קיין שפּרענקעלע נישט בלייבן. זעסט דאָך, איך בין אויך אַ קריסטין, פונדעסטוועגן האָב איך גאָר קיין מורא נישט. דו מיינסט, אַז איך בין אַזאַ נאַר? ווען איך זאָל נישט האָבן קיין עצה דערצו, וואָלט איך פאַר קיין שום געלט נישט געגאַנגען צו אַזאַ אַרבעט.

גניפאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט אָפענע מויל און אויערן.

די וועבערין האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט זי נישט אונטער און אָנגעהויבן אים איינרוימען שטיל, ווי אַ מוראדיקן סוד:

— איך האָב אַ מיטל! יאָ! איך האָב באַקומען פון איינעם, אַ הייליקן זקן, אַ שטיקעלע האָלץ פון מצרים, דאָס שטיקעלע האָלץ איז פון אַ בוים, וואָס הייסט מיטן נאָמען פּערסיס; דערדאָזיקער בוים וואַקסט אין הערמאָפּאָליס. ווען יעזוס אַלס קליין קינד איז צוזאַמען מיט דער הייליקער מוטער אַריינגעריטן אויפן אייזל דורך די טויערן פון דערדאָ־זיקער שטאָט, האָט זיך דער בוים פּערסיס אַראָפּגעבויגן ביז צו דער ערד, פון דעמאָלט אָן איז דער בוים געוואָרן הייליק, מ'באַווייזט מיט אים נסים, מ'היילט אויס קראַנקע. האָב איך, הייסט עס, אַ שטיקעלע פון אָט דעמדאָזיקן בוים און פון מיין שטיקעלע קאָן איך דיר אויך אָפּטרעטן אַ פּיצעלע. אַזאַ ברכה שטעקט אין דעם, אַזאַ ברכה, אַז מ'לייגט אַריין באַנאַכט אַ פּיציטשקעלע האָלץ אין דעם גרעסטן שאַף וואַסער, ווערט צומאָרגנס אינדערפרי דאָס גאַנצע שאַף מיט וואַסער הייליק. אַ געטלעכע קראַפט גייט אַריין אין דעם. הער־זשע, וועסטו דיך אָפּוואַשן מיט דעמדאָזיקן וואַסער פון קאָפּ ביז די פיס, וועט נישט בלייבן אויף

דיר קיין שפור פון דער גאַנצער געצנדינערישער טומאה, וועסט דערפילן אזא לייכטקייט אין אַלע אברים, אזא ריינקייט. אין די הייליקע ספרים שטייט אויך געשריבן: „וועסט דיך אָפּוואַשן מיט באָד־וואַסער, וועסטו ווערן ווייסער ווי דער שניי״.

— האַרצעדיקע! — האָט גביפאָן אויסגעשריגן, — ראַטעווע מיך, איך בין דאָך אומגליקלעך. גיב מיר אַ פּיצעלע פון דעם הייליקן האָלץ!

— עס איז זייער טייער. פאַר דיר וועל איך אָבער מאַכן אַ הנחה, גיב אַהער אַ דראַכמע, גיב איך דיר אַ שטיקל.

— וואָס רעדסטו, מומעשי, ביסט חסר־דעה! זינט איך לעב, האָב איך נאָך אַזוי פיל געלט נישט געהאַט! גיב מיר אַ פּיצל פאַר פינף אָבאָלן.

— דו קאַרגע בריאה! — האָט די העבערין אויסגעשפיגן מיט רציחה. — ער זשאַלעוועט אַ דראַכמע? די נשמה דיינע איז בא דיר קיין דראַכמע נישט ווערט?

— ווען איך זאָל וויסן אויף זיכער, אַז ס׳וועט העלפן! — האָט זיך גביפאָן געבעטן מיט פאַרצווייפלונג. — אפשר איז די טומאה אַזוי צוגעוואַקסן צו מיין לייב, אַז ס׳וועט שוין גאָרנישט העלפן?

— ס׳וועט העלפן! — האָט די אַלטע אים פאַרזיכערט מיט אַן אייזערנער פעסטקייט, — איצט דרייסטו דיך אַרום, ווי אַ שטינקעדיקער הונט. און אַזוי ווי דו וועסט נאָר נעמען אויפן לייב דאָס הייליקע וואַסער, וועלן אַלע קרעץ אַראָפּפאַלן פון דיין נשמה און זי וועט אָנהייבן לויכטן ווי אַ ריין, אומשולדיק טייבעלע.

II.

יוליאַן האָט איינגעאָרדנט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ פּראָצעסיע לכבוד דעם גאָט באַקכוס. ער אַליין איז געזעסן אין אַ רייטוואָגן געשפּאַנט מיט ווייסע פערד; אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טירס מיט אַ צעדערשישקע פונאויבן, דעם סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט, אין דער אַנדערער — אַ בעכער, אַרומגעוויקלט מיט בליושטש; די זונען־שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין דער קרישטאָלענער דנאָ, געפינקלט און געבלענדט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער בעכער איז פול מיט זונען־ליכט, ווי מיט

ווײַן. לעבן דעם רײַטוואָגן זענען געגאַנגען דרעסירטע פּאַנטערעס, וואָס זענען ספּעציעל געבראַכט געוואָרן פֿון אינזל זערענדיב. די באַקכאַנטינס האָבן געזונגען, געקלאַפּט אין די פּויקן, געטרייסלט מיט די אָנגעצונדענע שטורקאַצן; צווישן די וואָלקנס רויך האָט מען געזען, ווי יונגעלײַט מיט הערנער פֿון אַ באָק צוגעבונדן צום שטערן, אַזוי ווי בײַ די פֿאַונען, גיסן ווײַן אין בעכערס אַרײַן פֿון קרוגן אַרויס; זיי שטויסן איינער דעם אַנדערן, לאַכן; דער רויטער ווײַן פֿלעגט אָפֿטמאָל נישט אַרײַנטרעפֿן אין אַ בעכער אַרײַן און זיך צעשפּריצן אויף אַ נאַקעטן אַקסל פֿון אַ באַקכאַנטין. אויף אַן אייזל איז געריטן אַ גראָבבײַכיקער זקן, דער קייסערלעכער שאַך־מײַסטער, אַ גרויסער שווינדלער און אַ שוחד־נעמער. ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם גאָט סילען.

די באַקכאַנטינס האָבן געזונגען, טײַטלענדיק אויפֿן יונגן קייסער מיט די פֿינגער:

באַקכוס, דו זיצסט אַרומגערינגלט
מיט אַן אײביק־בלאַנקענדיקן וואָלקן!

טויזנטער שטימען האָבן אונטערגעהאַלטן דאָס כאָר־געזאַנג פֿון „אַנטיגאָנע“:

קום צו אונדז, אָ, צעוס־זון!
אָ, קום, דו פֿירער־גאָט
פֿון די פֿלאַמענדיקע מחנות
צפֿונדיקע שטערן!
מיט רוישן, לידער און געשרייען,
מיט אַ המון מיידלעך,
משוגענע פֿון געטלעכער פֿרייד,
וואָס לויבן באַקכוסן מיט טענץ, —
קום צו אונדז, פֿריידיקער גאָט!

פּלוצלינג האָט יוליאַן דערהערט אַ געלעכטער, אַ מיידלערישן קוויטש און אַ ציטערדיק קול פֿון אַן אַלטן מאַן:

— דו, דו, קעצעלע מײַנס!...

דאָס האָט אַ פּריסטער, אַ שטיפֿערישער אַלטיטשקער, אַ קניפּ געטון אַ באַקכאַנטין אין נאַקעטן, ווײַסן העלדזל אַרײַן. יוליאַן איז אָנגעברוגזט

געוואָרן און צוגערופן צו זיך דעם אַלטן לץ. דער פּריסטער איז צוגע־לאָפן, אונטערטאַנצנדיק און צוהינקענדיק.

— ליבער פּרינץ, — האָט אים יוליאַן איינגערוימט אין אויער אריין, — האַלט דיך ווי עס געהער צו זיין, מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר דיין עלטער און דעם אַמט דיינעם.

דער פּריסטער האָט אים אָבער אָנגעקוקט מיט אַזאַ פאַרוואונדערטער מינע, אַז יוליאַן איז נישט ווילנדיק אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך בין אַ מענטש אַ פּשוטער, נישט קיין געלערנטער — האָב איך די העזה צו מעלדן דיין מאַיעסטעט, — פילאָזאָפיע פאַרשטיי איך קנאַפּ. אָבער איך האַלט ערלעך די געטער. פרעג באַ וועמען דו ווילסט. אין די צייטן פון די ערגסטע רדיפות מצד די קריסטן, בין איך טריי געבליבן די געטער. דערפאַר אָבער, — נו, וואָס זאָל מען טון? כע־כע־כע! אַזוי ווי כ'דערזע נאָר אַ שיין מיידעלע, — קאָן איך מיך נישט איינהאַלטן, דאָס גאַנצע בלוט ווערט אין מיר אויפגעקאָכט! — איך בין דאָך אַן אַלטער באָק...

דערזעענדיק דעם קייסערס אומצופרידענע גרימאַסע, האָט ער זיך פלוצלינג פאַרהאַקט אינמיטן די רייד, אָנגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטע מינע און באַקומען נאָך אַ נאַרישער פּנים.

— ווער איז דאָס מיידל? — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון.

— יענע מיטן קויש הייליקע כלים אויפן קאָפּ?

— יאָ.

— אַ פּראָסטיטוטקע פון דער כאַלצעדאָנישער פאָרשטאָט.

— וואָס? און דו האָסט דערלאָזט, אַז אַ זונה זאָל זיך מיט אירע אומריינע הענט צורירן צו די הייליקע כלים פון גאָט באַקכוס?

— בעטלעכער אויגוסט, דו האָסט דאָך אָבער אַליין געהייסן איינ־אָרדנען די פּראָצעסיע. וועמען האָט מען־זשע געזאָלט נעמען? אַלע אַריס־טאָקראַטישע פרויען זענען גליליעערינס. און קיין איינע פון זיי וואָלט נישט געוואָלט גיין האַלב־נאַקעט אין צוג...

— הייסט עס, זענען זיי אַלע?...

— ניין, ניין, נישט אַלע! עס זענען פאַראַן טענצערינס, קאָמע־דיאַנטקעס, רייטערינס פון צירק. זע נאָר, ווי פריילעך זיי זענען, און זיי שעמען זיך גאָרנישט. דאָס האָט דאָס פאָלק ליב. פאַרלאָז דיך אויף מיר, איך בין געניט אין דידאָזיקע זאַכן! דאָס פאָלק האָט דערפון שטאַרק הנאה... אָ, יענע איז אַן אמתע אַריסטאָקראַטקע.

דאָס איז געווען אַ קריסטין, אַן אַלטע בתולה, וועלכע האָט בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין חתן. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ הויכן פּאַרוק, ענלעך צו אַ העלם, פון גערמאַנישע האָר, וועלכע זענען באַרימט געווען אין יענע צייטן; דער ריזיקער פּאַרוק איז אינגאַנצן באַשאָטן געווען מיט גאָלד-פּודער; אינגאַנצן איז זי געווען באַהאָנגען מיט צירונג און טייערע שטיינער, ווי אַ געץ; אויף איר אויסגעמאָגערטער, נאַקעטער, זקנישער ברוסט האָט זי געהאַלטן אין איין אַרויפּציען אַ טיגער-פעל, די גאַנצע העסלעכע ברוסט אירע איז געווען אָנגעפּודערט, זי איז געגאַנגען און געשמייכלט און געמאַכט חנדלעך.

יוליאַן האָט ביט עקל זיך צוגעקוקט צו די פּנימער.

שטריק-טענצערס, שיכּורע לעגיאָנערן, גאַסנפּרזיען, פערד-יונגען פון צירק, אַקראָבאַטן, פּויסט-שלעגערס, קלאָונען האָבן געמאַכט ווילדע שפּיק אַרום אים.

די פּראָצעסיע איז אַריין אין אַ זייטיק געסל. איינע פון די באַקכאַנטינס איז אַריינגעלאָפן אינמיטן וועג אין אַ שמוציקער גאַרקיך אַריין; פון דאָרטן האָט אַרויסגעזעצט אַ שוידער דאַמף פון געפּרעגלטע פיש און פּאַרדומפּענעם אייל. די באַקכאַנטין האָט אַרויסגעבראַכט פון דער גאַרקיך פאַר דריי אַבאָלן פעטע פּלעצלעך און זיי אָנגעהויבן עסן מיט אַפּעטיט, באַלעקנדיק זיך; ווען זי האָט אָפּגעגעסן, האָט זי אָפּגעווישט די הענט מיט דעם זיידענעם, פּורפּורנעם קלייד, וואָס מ'האָט איר אַרויסגעגעבן ספּעציעל אויף דער פייערונג פון דער קייסערלעכער גאַרדעראָבע.

די כאָר-געזאַנגען פון סאַפּאָקלעסן זענען שוין נמאס געוואָרן, און פּטלעכע הייזעריקע שטימען האָבן אויפגעזונגען אַ גאַסן-לידל.

יוליאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז עפּעס אַ נאַרישער, אַ העסלעכער חלום.

עפּעס איינער, אַ שיכּורער צעלט, האָט זיך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן; זיינע חברים האָבן אים אויפגעהויבן. צווישן עולם האָט מען געפּאַקט צוויי קעשענע-גנבים, וועלכע האָבן קינציק געשפּילט די ראָל פון פאַונען, וואָס נעמען מכּלומרשט אָנטייל אין דער פּראָצעסיע; די גנבים האָבן זיך פאַרטיידיקט; עס איז אַרויסגעקומען אַ געשלעג. צום בעסטן האָבן זיך אויפגעפירט די ווילדע חיות, די פּאַנטערס, אויסער דעם, זענען זיי שענער געווען פון אַלע אַרום.

ענדלעך אין די פּראָצעסיע צוגעקומען צום טעמפּל. יוליאַן איז אַראָפּגעגאַנגען פונם רייטוואָגן.

„צי וועל איך טאַקע באמת, — האָט ער געטראַכט, — צוגיין צום אַלטאַר פון גאָט דיאָניזאָס צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן מיאוסן ערב־רב?"

אַ שוידער פון עקל איז אים דורכגעלאָפן איבערן לייב. ער האָט געקוקט אויף די חיתשדיקע, ווילדע פּנימער, אויף די מאָגערע קערפּערס, אָפּגעלעבטע פון זנות, וואָס זענען אויס ווי מתים דורך דעם פּודער און דער שמינקע, אויף די נעבעכדיקע מענטשלעכע באַקעטע לייבער, וואָס זענען פאַרשענדט פון אַנעמיע, שקראָפּול, תעניתים און שרעק פאַרן קריסטלעכן גיהנום; די אַטמאָספער פון שאַנד־הייזער און שענקען האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן; דורך דעם געריך פון ווייררויך, האָט אים געשלאָגן אין פּנים אַריין אַ דאַמף פון פאַרפּוילטע פיש און זויערן ווייַן. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים געצויגן הענט מיט ביטעס, אָנגע־שריבן אויף פּאַפּירוס־בויגנס.

— מ'האָט מיר צוגעזאָגט אַ שטעלע פון אַ קוטשער, האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון קריסטלעכן גלויבן, איצט גיט מען מיר נישט די צוגעזאָגטע שטעלע!

— פאַרלאָז אונז נישט, לייטזעליקער קייסער, באַשיץ אונז, העלף, האָב רחמנות! מיר זענען אַוועק פונם קריסטלעכן גלויבן, דיר צוליב. אויב דו וועסט אונז פאַרלאָזן, ווער־זשע דען וועט אונז העלפן?

— מיר ליגן באַם טייוול אין די נעגל! — שרייט פּלוצלינג איינער אויס אין פאַרצווייפלונג.

— שווייג, בהמה, וואָס רייסטו דיר דעם גאָרגל!

און דער כאָר הייבט ווידער אָן זינגען:

מיט רוישן, לידער און געשרייען,
מיט אַ המון מיידלעך,
משוגענע פון געטלעכער פרייד,
וואָס לויבן באַקכוסן מיט טענץ, —
קום צו אונז, פריידיקער גאָט!

יוליאַן איז אַריינגעגאַנגען אין טעמפּל און אַ קוק געטון אויף דער מאַרמאָרנער סטאַטוע פון גאָט דיאָניזאָס; זיין בליק האָט זיך אָפּגערוט

פון דער מענטשלעכער העסלעכקייט. קוקנדיק אויפן ליכטיקן געשטאַלט פון דעם געטלעכן קערפּער.

ער האָט שוין נישט באַמערקט דעם ערב־רב אַרום זיך; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז איין מענטש צווישן אַ גאַנצער סטאַדע מילדע חיות.

דער קייסער איז צוגעטרעטן מקריב זיין דעם קרבן. דער עולם האָט געקוקט מיט פאַרווונדערונג, ווי דער רוימישער קייסער, דער כּוהן־גדול, דער Pontifex Maximus, האָט פלייסיק געטון דאָס, וואָס עס טון געוויינלעך באַדינערס, קנעכט — געהאַקט האָלץ, געטראָגן אויף די פּלייצעס בינטלעך צווייגן, געשעפּט וואַסער פון קוואַל, גערייניקט דעם אַלטאַר, אַרויסגעשאַרט דאָס אַש, צעבלאָזן דאָס פייער.

אַ שטריק־טענצער האָט שטילערהייט איינגערוימט זיין שכן:

— זע נאַר, ווי ער פאַרעט זיך. ער האָט ליב די געטער זיינע!

— וואָס דען, — האָט באַמערקט אַ פּויסט־שלעגער, איבערגעטון אין אַ סאַטיר, אויסגלייכנדיק די ציגן־הערנער אויפן קאָפּ, — זעלטן עמעצער האָט אַזוי ליב טאַטע־מאַמע, ווי ער האָט ליב די געטער.

— איר זעט. ער צעבלאָזט דאָס פייער, ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן, — האָט אַ צווייטער שטיל געלאַכט. — בלאָז, בלאָז, נאַרעלע, ס'איז סיי־ווי אומזיסט. שפּעט זיך דערמאָנט: דיין פעטער קאָנסטאַנטין האָט נאָך אויסגעלאָשן דאָס פייער!

דאָס פייער האָט אויפגעפלאַמט און באַלויכטן דעם קייסערס פּנים. ער האָט איינגעטונקען דעם הייליקן פּענזל פון פערדס־האָר אין אַ פלאַכן זילבערנעם בעכער און באַשפּריצט דעם עולם מיטן קרבן־וואַסער. טייל האָבן זיך פאַרקרומט, טייל האָבן אַ ציטער געטון, דערפילנדיק די קאַלטע טראָפּנס וואַסער אויפן פּנים.

ווען אַלע צערעמאָניעס זענען פאַרענדיקט געוואָרן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעגרייט פאַרן עולם אַ פילאָזאָפישע רעדע.

— מענטשן! — האָט ער אָנגעהויבן. — דער גאָט דיאָניזאָס דאָס איז דער גרויסער פּרינציפּ פון פרייהייט, וועלכער פליעט אין אייערע הערצער. דיאָניזאָס צערייסט אַלע ערדישע קייטן, ער שפּעט אָפּ פון די שטאַרקע, באַפרייט די קנעכט...

ער האָט אָבער דערזען אויף די אַרומיקע פּנימער, אַזאַ דער־שטוינונג, אַזאַ לאַנגווייליקייט, אַז די ווערטער זענען אים פאַרשטומט גע־

וואַרן אויף די ליפּן; אין האַרץ האָט ער דערפילט אַ שרעקלעכע נודנעקייט, אַ געוואַלטיקן עקל.

ער האָט אַ ווונק געטון און די שפּיזן־טרעגערס האָבן אים אַרומגערינגלט. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין אומצופרידן.

— איך גיי גלייך אַוועק אין אַ קלויסטער אַריין און וועל תשובה טון! אפשר וועט מען מיר נאָך מוחל זיין, — האָט איין פּאַון אַ זאָג געטון, אַראָפּרייסנדיק פון זיך מיט כּעס די צוגעקלעבטע באָרד מיט די הערנער.

— אומזיסט־אומנישט פאַרקויפט דעם טייוול די נשמה! — האָט זיך אָנגערופן אַ פּראָסטיטוטקע מיט פּאַרדראָס.

— ווּעמען טויג די נשמה דיינע, — קיין צוויי אָבאָלן וואָלט מען פאַר איר נישט געגעבן.

— מ'האָט אונז באַשווינדלט! — האָט אויסגעשריגן אַ שיכּורער פּאַרשוין. — אַ שמיר געגעבן איבער די ליפּן און פאַרטיק. פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן!

אין דעם קודש־הקדשים האָט דער קייסער זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, די הענט, אויסגעטון די הערלעכע דיאָניזאָס־מלבושים און אָנגעטון אַ פּשוטע, שניי־ווייסע, פרישע פּיטאַגאָרעישע טוניק.

די זון האָט זיך געזעצט. ער האָט געוואַרט, עס זאָל פינצטער ווערן, כּדי אומבאַמערקט צוריקצופאָרן אין פּאַלאַץ אַריין.

דורכן הינטערשטן טויער פונם טעמפּל איז ער דערווייל אַרויס אין דעם הייליקן דיאָניזאָס־וועלדל. דאָ האָט געהערשט אַ שטילקייט; בינען האָבן בלויז געזומט און אַ לויטער קוועלעכל האָט געשלאָגן.

עס האָבן זיך דערהערט טריט. יוליאַן האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס איז געווען איינער פון מאַקסימס געליבטסטע תּלמידים, דער יונגער אַלעקסאַנדרישער מעדיקער, אָריבאַזיוס. זיי זענען ווייטער געגאַנגען צוזאַמען איבערן פאַרוואַקסענעם שטעגל. די זון האָט דורכגעלויכטן דורך די ברייטע גאָלדפאַרביקע ווייַנטרויבן־בלעטער.

— זע, — האָט יוליאַן באַמערקט מיט אַ שמייכל, — דאָ לעבט נאָך דער גאָט פּאַן.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן שטילער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— אָריבאַזיוס, דו האָסט געזען?...

— יאָ, — האָט דער געלערנטער געענטפערט. — דו ביסט אפשר נאָר אַליין שולדיק, יוליאַן. וואָס האָסטו דען געוואָלט?

דער קייסער האָט געשוויגן.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ חורבה, אַרומגעוויקלט מיט בליושטש: דאָס איז געווען אַ קליינער טעמפּל פון גאָט סילען, וועלכן די קריסטן האָבן הרוב געמאַכט. שטיקער מאַרמאָר האָבן זיך געוואַלגערט צווישן געדיכטן גראָז. איין־איינציקער זייל מיט אַ צאַרטער קרוין פון אויבן, ענלעך צו אַ ווייסער ליליע, איז איבערגעבליבן אומבאַרירט. דער אָפּשיין פון דער פאַרגייענדיקער זון האָט זיך געלאָשן אויף דעמדאָזיקן זייל.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיקער מאַרמאָר. עס האָט געשמעקט מיט מיענטע, פיאַלון און קימל. יוליאַן האָט צעשפּרייט דאָס גראָז און געוויזן אַריבאַזיוסן אויף אַ צעשעדיקטן פּאַרצייטישן באַרעליעף:

— אַריבאַזיוס, אָט אַזוינס האָב איך געוואָלט!...

אויפן באַרעליעף איז געווען אויסגעמאָלט אַן אַלטערטימלעכע הייליקע פּראָצעסיע אין צעטן..

— אָט, וואָס איך האָב געוואָלט — אַזאַ שיינקייט האָב איך געוואָלט! פאַרוואָס ווערן די מענטשן העסלעכער פון טאָג־צו־טאָג, ווו זענען די אַמאָליקע מענטשן, די הדרת־פּנימדיקע זקנים, די שטאָלצע, שטרענגע מענער, די פּרעכטיקע יונגעלייט, די הערלעכע, ריינע פרויען אין די ווייסע, בלאַנקענדיקע קליידער? ווו איז אַהינגעקומען יענע קראַפט, יענע פרייד? גלילעער! גלילעער! וואָס האָסט איר געטון מיט דער וועלט?...

מיט אויגן פול אומבאַגרענעצטער ליבע און טרויער האָט ער געקוקט אויפן באַרעליעף צווישן דעם הויכן גראָז.

— יוליאַן, — האָט אים אַריבאַזיוס שטיל געפרעגט, — דו גלייבסט מאַקסימען?

— איך גלייב אים.

— אַלץ?

— וואָס מיינסטו דערמיט?

יוליאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן.

— איך מיין, יוליאַן, אַז דו ליידסט אויף דער זעלבער קרענק, וואָס דיינע פיינט, די קריסטן.

— וואָס פאַר אַ קרענק?

— דאָס גלייבן אין נסים.

יוליאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אויב עס זענען נישטאָ קיין נסים, קיין געטער, איז מיין גאַנץ לעבן אַן אומזין. — נאָר לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דעם. און פאַר מיין ליבע צו די פאַרצייטישע צערעמאָניעס און מנהגים. האָב מיר קיין פאַריבל נישט. איך ווייס נישט, צי דו וועסט מיך פאַרשטיין. די אַלטע, נאַרישע לידלעך רירן מיך ביז טרערן. איך האָב ליבער דעם אָוונט ווי דעם טאָג, דעם האַרבסט ווי דעם פרילינג. איך האָב ליב אַלץ, וואָס גייט אַוועק. איך האָב ליב דעם גערוך פון וועלקנדיקע בלומען. וואָס זאָל איך טון, ליבער פריינט מיינער? אַזאַ מענטש בין איך! איך וויל האָבן אַרום מיר אַ זיסן טרויער און גאָלדפאַרביקע, פאַרכישופטע חשכות. אין דער ווייטער, פאַרנעפּלטער פאַרגאַנגענהייט איז פאַראַן פאַר מיר עפּעס אַזאַ אומבאַשרייבלעכע שיינקייט, עפּעס אַזאַ הערלעכקייט, וועלכע איז אין ערגעץ נישט פאַראַן. ווי ליב פאַר מיר איז דער אָפּגלאַנץ פון דער פאַרגייענדיקער זון אויף אַלטן, פאַרגעלטן מאַרמאָר. צעשטער מיר נישט מיין ליבע צו דעם, וואָס איז נישט פאַראַן! דאָס וואָס איז אַמאָל געווען, איז הערלעכער פון דעם, וואָס איז היינט פאַראַן. איבער מיין נשמה האָבן זכרונות אַ גרעסערע שליטה ווי האָפנונגען...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט פאַרטראַכט, מיט אַ צאַרטן שמייכל, ערגעץ ווייט, אַנגעלענט מיטן קאָפּ אָן דעם איבערגעבליבענעם זייל מיט דער פּרעכטיקער קרוין, ענלעך צו אַ ווייסער, צעבראָכענער ליליע; דער לעצטער שטראַל פון דער זון איז שוין אויך אונטער־געגאַנגען.

— דו רעדסט ווי אַ קינסטלער, — האָט זיך אָריבאַזיוס אָנגע־רופן. — די טרוימען פון אַ דיכטער זענען אָבער געפערלעך, ווען אין זיין האַנט געפינט זיך דער גורל פון דער וועלט. דער, וועלכער רעגירט איבער מענטשן, מוז זיין עפּעס טער ווי אַ דיכטער.

— וואָס איז דען פאַראַן גרעסערס ווי אַ דיכטער?

— אַ באַשעפער פון אַ נייַ לעבן.

— נייעס! נייעס! — האָט יוליאַן אויסגעשריגן. — איך שרעק מיך טיילמאָל פאַר אייערע נייעס. עס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז אייער נייעס איז אַזוי קאַלט, אַזוי אומברחמנותדיק, ווי דער טויט. איך זאָג דאָך דיר, מיין האַרץ ציט צו דעם אַלטן! די גלילעער זוכן אויך נייעס און צע־שטערן די אַלטע הייליקטימער. גלייב מיר — נייעס איז נאָר פאַראַן אין דעם אַלטן, אָבער נאָך נישט אויסגעוועפּט, אין דעם געשטאָר־

בענעם, אָבער אומשטערבלעכן, אין דעם פֿאַרװועכטן, אָבער אַלץ נאָך הערלעכן!

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט מיט אַ בלאַס שטאָלץ פּנים, מיט ברע־נענדיקע אויגן.

— זיי מיינען — העללאַדע איז געשטאָרבן! טון אַלע עקן וועלט ציען שוואַרצע מאַנאַכן, ווי קראָען, צום ווייסן מאַרמאָרנעם קערפּער פֿון העללאַדע און פּיקן אים גיריק. ווי אַ נבלה. און פֿרייען זיך, און קראַקען: — „געשטאָרבן העללאַדע!“ העללאַדע קאָן אָבער נישט שטאַרבן. העללאַדע געפֿינט זיך דאָ. — אין אונזערע הערצער. העללאַדע איז די געטלעכע שיינקייט פֿונם מענטש דאָ אויף דער ערד. זי וועט אויפֿוואַכן, — און חיי וועט זיין דעמאָלט צו די גלילעישע קראָען!

— יוליאַן, — האָט אַריבאַזיוס אַרויסגערעדט, — איך שרעק מיך פֿאַר דיר: דו ווילסט אויפֿטון אוממעגלעכס. קראָען פּיקן נישט קיין לעבעדיקן קערפּער, און טויטע קאָנען נישט לעבעדיק ווערן. וואָס וועט זיין, קייסער, אויב דער נס וועט נישט געשען?

— איך שרעק מיך פֿאַר גאָרנישט: מיין מפּלה וועט מיין נצחון זיין, — האָט דער קייסער אויסגעשריגן מיט אַזאַ פֿרייד, אַז אַריבאַזיוס האָט נישט ווילנדיק אַ ציטער געטון, פּונקט ווי דער נס וואָלט תּיכּף געדאַרפֿט געשען. — ערע די פֿאַרשטויסענע! ערע די באַזיגטע!

— אָבער איידער איך וועל באַזיגט ווערן, איידער איך וועל אומקומען, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ האָפֿערדיקן שמייכל — וועלן מיר זיך נאָך ראַנגלען! איך וואָלט נאָר געוואָלט איינס, אַז די פֿיינט מיינע זאָלן ווערט זיין, איך זאָל זיי האַסן, נישט פֿאַראַכטן. אינדעראמתן, האָב איך ליב די פֿיינט מיינע דערפֿאַר, ווייל איך קאָן זיי באַזיגן. אין מיין האַרץ ברויזט אַ דיאָניזאָס־פֿרייד. הײַנט שטייט אויף דער פֿאַרצייטישער טיטאַן און צעשמעטערט די קייטן און פּראָמעטעוסעס פֿייער פֿלאַקערט ווידער־אויף אויף דער ערד. דער טיטאַן קעגן דעם גלילעער. איך גיי, און איך וועל געבן די מענטשן אַזאַ פֿרייהייט, אַזאַ שמחה, וועגן וועלכער זיי האָבן אפֿילו נישט געהאַט די העזה צו טרוימען. גלילעער, דיין הערשאַפֿט וועט ווי אַ שאָטן פֿאַרשווינדן. פֿרייט אייך, פֿעלקער, פֿרייט אייך מענטשלעכע דורות. איך בין דער אַנזאָגער פֿון לעבן. איך בין דער באַפֿרייער, איך בין דער אַנטיקריסט!

III.

פון דעם שכנותדיקן קלויסטער, ווו די טויערן און די לאַדנס זענען פאַרהעמערט און פאַרריגלט געווען, האָבן זיך געהערט די תפילות פון די מאַנאַכן; אינדרויסן האָבן זיך געטראָגן די געזאַנגען און דאָס גערויש פון דער באַקכאַנישער פראַצעסיע. די מאַנאַכן האָבן געוואָלט פאַרטויבן די קלאַנגען פון דרויסן און אַלע אינייבעם האָבן טרויעריק געיאָמערט:

„פאַרוואָס האָסטו אונז, גאָט, פאַרשטויסן ביז צו ענד?

„צעברויזט האָט זיך ד יי ן צאָרן אויף די שעפעלעך ד יי נ ע.

„געמאַכט האָסטו אונז צו שאַנד און שפּאָט באַ די שכנים אונזערע,

„למשל ולשנונה באַ יעדן אויף דער צונג,

„ללעג ולקלס באַ יעדן מענטש".

אַ נייעם, אַן אומגעריכטן פּשט האָבן באַקומען די ווערטער פון דניאל הנביא: „האָסט אונז איבערגעגעבן, גאָט, צו אַ מלך אַן אַפּטריניקן, דעם פאַלשסטן אויף דער גאַנצער ערד".

שפּעט באַנאַכט, ווען אויף דער גאַס איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן, זענען זיך די מאַנאַכן פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע צעלעס אַריין.

דער ברודער פאַרטעניוס האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געהאַט אַ בלאַס, ליבלעך פּנים; ווען ער פלעגט רעדן מיט אַ מענטש, האָט זיך אין זיינע גרויסע, אומשולדיקע אויגן, ווי באַ אַ יונג מיידל, אויסגעדרוקט עפּעס אַזאַ מין טרויעריקע פאַרטראַכטקייט; איבעריקנס, פלעגט ער רעדן זייער חייניק, אומפאַרשטענדלעך, ווי דאָס רעדן וואָלט אים זייער שווער אָנגעקומען, און די רייד זיינע פלעגן שטענדיק זיין עפּעס אַזוי קינדעריש, אַזוי אומדערהאַרטעט, אַז מ'האָט געמוזט שמייכלען הערנדיק אים; טיילמאָל פלעגט ער אָנהייבן לאַכן אָן אַ שום סיבה, און ווען די שטרענגע מאַנאַכן פלעגן אים פרעגן: „וואָס שמייכלעסטו די ציין? דאָס איז דאָך אַ פרייד פאַרן שטן?" — פלעגט ער שעמעוודיק פאַרענטפערן, אַז ער לאַכט פון „זיינע אייגענע געדאַנקען"; —

דאָסדאָזיקע האָט אַלעמען נאָך מער איבערצייגט, אַז ער איז נישט בײַ די קלאָרע געדאַנקען.

דער ברודער פּאַרטעניוס איז אָבער געווען אַ גרויסער קינסטלער, — ער האָט געקענט בּאַמאָלן די שער־אותיות פון די הייליקע ספרים מיט פאַרשידענע געמעלן. זײַן קונסט האָט אײַנגעשאַפן דעם קלויסטער נישט בלויז געלט, נאָר אויך כּבוד און רום אין די ווײַטסטע מדינות. ער אַליין האָט וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט, און ווען ער וואָלט אפילו געקאָנט באַגרײַפן, וואָס עס הייסט אַזוינס כּבוד, רום, וואָלט ער זיך גיכער דער־שראָקן, ווי דערפרייט.

דאָס מאָלן האָט אים אָפטמאָל געקאָסט אַ סך שווערע מי, ווײַל יעדע מינדסטע קלייניקייט האָט ער געמוזט מאַכן אַזוי פולקאָם, ווי עס קאָן נאָר מעגלעך זײַן; ער האָט דאָס אָבער נישט געהאַלטן פאַר קיין אַרבעט, נאָר פאַר אַן אָפּרו; ער פלעגט נישט זאָגן: איך וועל גיין אַר־בעטן, נאָר בעטן דעם משגיח איבערן מאַנאַסטיר, דעם זקן פּאַמפּילוס, וועלכער האָט אים צערטלעך ליב געהאַט: „פאָטער, דערלויב מיר זיך אָפּצורוען".

ווען ער פלעגט פאַרענדיקן די מינדסטע אײַנצלהייט, דאָס קלענ־סטע דריידעלע פון אַ געמעל, פלעגט ער פאַטשן מיט די הענט פון שמחה און זיך אַליין לויבן. ער האָט אַזוי ליב געהאַט די אײַנזאַמקייט און שטילקייט פון דער נאַכט, אַז ער האָט זיך צוגעוווינט צו מאָלן בײַ דער שײַן פון אַ לעמפּל; די פאַרבן פלעגן אפילו אַרויסקומען זייער מאָדנע, אָבער דאָס האָט לחלוטין קיין שאָדן נישט געבראַכט די וווּנ־דער־שיינע מאָלערייען.

אין דער קליינינקער צעלע מיט דעם נידעריקן געוועלבטן סופיט האָט פּאַרטעניוס אָנגעצונדן דאָס ליימערנע לעמפּעלע, אָנידערגעשטעלט עס אויפן שרעגעלע לעבן די סלאָיקלעך, דינע פּענזליקלעך, קעסטעלעך מיט פאַרבן, צינאָבער, צעלאָזט זילבער און גאָלד. ער האָט זיך איבערגע־צלמט, פאַרזיכטיק אײַנגעטונקען דעם פּענזל און אָנגעהויבן מאָלן די ווײדלען פון צוויי פּאַוועס אויף אַ שער־בלעטל; די גאָלדענע פּאַוועס אויפן שמאַראַגדענעם פעלד האָבן געטרונקען פון אַ טורקוס־קוואַל; זיי האָבן אויפגעהויבן די שנאָבלען און אויסגעצויגן די העלזער, ווי עס טוען געוויינלעך עופות בײַם טרינקען.

אַרום און אַרום זענען געלעגן שטיקער פּאַרמעט מיט נישט־פאַר־ענדיקטע געמעלן.

דאָס איז געווען אַ גאַנצע וועלט, אַן איבערנאַטירלעכע: אַרום די באַשרײַבענע בלעטער האָבן זיך געוויקלט עפּעס לופטיקע, פֿאַרכּישופֿטע געביידעס, ביימער, געוויקסן, חיות. פּאַרטעניוס האָט וועגן גאַרנישט געטראַכט, בשעת ער האָט געשאַפֿן זײַנע וועלטן, נאָר אַ לויטערקייט און אַ געטלעכע פֿרייד פֿלעגט שוועבן אויף זײַן בלאַס פּנים. העלאַדע, און אַשור, און פּערסיע, און אינדיע, און ביזאַנטיע, און די פֿאַרנעפּלטע בילדער פֿון די צוקונפֿטיקע וועלטן — אַלע פֿעלקער און אַלע דורות האָבן זיך אַזוי פּשוט, אַזוי אײַנפֿאַך צונויפֿגענומען און פֿאַרייניקט אין דעמדאָזיקן מאַנאַכישן גן־עדן, וואָס האָט אַזוי געבלאַנקט מיט אַלע קאָלירן פֿון אַלע טײַערע שטיינער אַרום די שער־בלעטלעך און התחלות פֿון דער הייליקער שריפֿט.

יוחנן המטביל גיסט וואַסער אויף קריסטוסעס קאָפּ. און דערלעבן שטייט דער געצבדינערישער גאָט ירדן מיט אַן אײַנגעבויגענער קרוג, פֿון וועלכער עס רינט וואַסער; גאַסטפֿרײַנטלעך, ווי אַן אַלטער באַלעבאָס פֿון די דאָרטיקע מקומות, האַלט ער גרייט אַ האַנטוך פֿאַרן נצרים וועגן, ער זאָל זיך אָפּווישן דערמיט נאָך דער תּפֿילה.

דער ברודער פּאַרטעניוס האָט זיך אין זײַן האַרציקער פּשוטקייט נישט געשראָקן פֿאַר די געצנדינערישע געטער; זיי האָבן אים פֿאַרשאַפֿן עפּעס אַזאַ מאָדנע פֿרייד און אויסגעזען אין זײַנע אויגן, ווי זיי וואָלטן שוין פֿון לאַנג געהאַט אָנגענומען דאָס קריסטנטום. אויף די באַרג־שפּיצן פֿלעגט ער אויסקוקן אַ נאַקעטן באַרג־גאָט; ווען ער האָט געמאָלט, ווי ווי די יידן גייען איבער דעם ים־סוף, האָט באַ אים אַ פֿרוי מיט אַ וועסלע פֿאַרגעשטעלט דעם י ם, אַ נאַקעטער מאַנספּערשוין, דער גאָט וואַטאַס, האָט געזאָלט פֿאַרשטעלן דעם אָפּגרונט, וואָס שלינגט אײַן פּרעהן מיט זײַן גאַנץ חיל; אויפֿן צווייטן ברעג איז געזעסן די מ ד ב ר, אין געשטאַלט פֿון אַ טרויעריקער פֿרוי מיט אַ געלער, זאַמד־פֿאַרביקער טוניק.

ווו־נישט־ווו, אין דעם אויסגעבויגענעם האַלז פֿון אַ פֿערד, אין דעם, ווי דער גוטמוטיקער גאָט פֿון די בערג ליגט אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן, אָדער ווי דער גאָט ירדן דערלאַנגט קריסטוסן דאָס האַנט־טוך, האָט דורכגעשײַנט די העלענישע קונסט, די שיינקייט פֿונם נאַקעטן קערפּער.

אין יענער נאַכט האָט דעררדאָזיקער „שפּיל" נישט געשאַפֿן דעם קינסטלער קיין פֿרייד.

זייגע שטענדיק אומדערמידלעכע פינגער האָבן געציטערט; אויף זייגע ליפּן האָט נישט געשוועבט דאָס שטענדיקע שמייכעלע. — ער האָט זיך איינגעהערט, אויפגעעפנט דאָס שיפלעדל אינם שענקעלע פון ציפּריסן־האָלץ, אַרויסגענומען אַ שאַרפע אָל, וואָס האָט גענוצט צום איינבינדן ספרים, זיך איבערגעצילט און פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט דאָס פלעמל פונם לעמפעלע, שטילינקערהייט אַרויסגעגאַנגען פון דער צעלע.

אין קאָרידאָר איז געווען שטיל. דושנע; עס האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון אַ פליג, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין שפּינוועבס.

פאַרטעניוס איז אַראָפּ אין קלויסטער אַריין. אַ נר־תמיד האָט שטיל געצאַנקט פאַר אַן אַלטפּרענקיש צווייזייטיק בילד פון העלפאַנט־ביין. צוויי גרויסע לעגגלעכדיקע שאַפירן פון יעזוסעס אָרעאָל זענען אַרויסגענומען געוואָרן דורך די געצנדינער און צוריק אַוועקגעטראָגן געוואָרן אויפן פריערדיקן אָרט אין דיאָניזאָס־טעמפּל אַריין.

די שוואַרצע, אומגעלומפּערטע לעכער אין דעם העלפאַנטביין, וואָס איז צוליב אַלטקייט עטוואָס געלבלעך געוואָרן, האָבן אין פאַרטעניוסעס אויגן אויסגעזען, ווי וווּנדן אויף אַ לעבעדיקן קערפּער, און דידאָזיקע וווּנדן האָבן נישט געלאָזט רוען דעם קינסטלערס האַרץ.

— רבונו של עולם, העלף! — האָט ער שטיל אַרויסגעמורמלט, צורירנדיק זיך צו יעזוסעס האַנט.

אין ווינקל פון קלויסטער האָט ער אָפּגעזוכט אַ שטריקענע לייטער, וואָס די מאָנאַכן באַנוצן צום אָנצינדן די לאָמפּן באַם סופית. ער האָט גענומען די לייטער און אַוועק דורך דעם שמאָלן פינצטערן קאָרידאָר צו דער טיר אויף דער גאַס אַרויס. לעבן דער טיר אויף אַ בינטל שטרוי האָט געשנאָרכט דער דיקער מאָנאַך, דער איינגאַנג־שומר האָריציוס. — פאַרטעניוס האָט זיך דורכגעשאַרט פאַרביי אים ווי אַ שאָטן. דער שלאָס האָט אַ סקריפּ געטון. האָריציוס האָט עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ פינטל געטון מיט די שלאָפנדיקע אויגן און צוריק אָנידערגעפאַלן אויפן שטרוי.

פאַרטעניוס ! אָס זיך אַריבערגעכאַפּט איבער דעם נידעריקן פאַרקאַן. די גאַס איז געווען ליידיק, פוסט. אויפן הימל האָט געשיינט אַ גאַנצע לבנה. דער ים האָט געדרישט.

ער איז צוגעגאַנגען צום דיאָניזאָס־טעמפּל פון יענער זייט, ווו דער שאָטן איז געפאַלן, און פאַרוואָרפן אַרויף די שטריקענע לייטער, זי האָט

זיך פאַרשפּעט באַ אַ קופּערנעם געזימס אין ווינקל פון דעם טעמפּל. די לייטער איז געבליבן הענגען אויף אַ פוס פון אַ באַפליגלטן ספינקס. דער מאַנאַך האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן דאַך.

ערגעץ זייער ווייט האָבן הענער אָנגעהויבן קרייען די ערשטע אשמורה, אַ הונט האָט אַ ביל געטון. דערנאָך איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן; בלויז דער ים האָט גערוישט. ער האָט אַריבערגעוואָרפן די לייטער און זיך אַראָפּגעלאָזט אינעווייניק אין טעמפּל אַריין.

דאָ האָט געהערשט אַן אימהדיקע שטילקייט. די אויגן-אַפּלען פון גאָט, די צווי דורכזיכטיק-בלויע, לענגלעכדיקע שאַפירן, האָבן געלויכטן באַ דער שיין פון דער לבנה, אַזוי שרעקלעך, ווי לעבעדיקע, און גע-קוקט גלייך אויפן מאַנאַך.

פּאַרטעניוס האָט אַ ציטער געטון און זיך איבערגעצלמט.

ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן מזבח. ערשט נישט לאַנג האָט דאָ יוליאַן, דער כוהן-גדול, צעבלאָזן דאָס פייער אויף אים. פּאַרטעניוס האָט דערפילט אונטער די פיס די וואַרעמקייט פון נאָך נישט אָפּגעקילטן אַש. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם די אַל. דעם גאָטס אויגן האָבן געפינקלט האַרט לעבן זיין פנים. פּאַרטעניוס האָט דערזען דיאָניזאָסעס זאַרגלאָזן שמייכל, זיין גאַנצן מאַרמאָרנעם קערפּער, באַגאָסן מיט לבנה-שיין, און פאַרגאַפט געבליבן פון זיין אַנטישער שיינקייט.

באַלד האָט ער זיך אָבער גענומען צו דער אַרבעט, באַמיענדיק זיך מיט דעם שפּיץ פון דער אָל אַרויסצונעמען די שאַפירן. זיין האַנט האָט קעגן זיין אייגענעם ווילן געשוינט דעם איידעלן מאַרמאָר.

ענדלעך איז די אַרבעט פאַרטיק געוואָרן. דער בלינד געוואָרענער דיאָניזאָס האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט די שוואַרצע אויגן-לעכער. פּאַרטעניוסן האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער פּחד: עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמעץ שפּירט אים נאָך. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון מזבח, צוגעלאָפן צו דער שטריקענער לייטער, זיך שנעל אַרויפגעכאַפּט אינדערהייך, אַריבערגעוואָרפן די לייטער אויף דער אַנדערער זייט, נישט נאָכגעקוקט אפילו, צי זי הענגט פעסט. און זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן; די לייטער האָט זיך אינמיטן אָפּגעטשעפּעט און ער איז צוזאַמען מיט איר אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. אַ בלאַסער, אַ צעשויבערטער, אַן אויסגעשמירטער מיט בלאָטע, האָט ער זיך געלאָזט לויפן דורך דער פוסטער גאַס, ווי אַ גנב, נישט אַרויסלאָזנדיק פון דער פאַרקוועטשטער האַנט די שאַפירן.

דער שומר בײַ דער טיר האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אויפגעכאַפּט. פּאַרטעניוס האָט עטוואָס אויפגעעפֿנט די טיר, דורכגעשליכט זיך און אַרײַן אין קלויסטער. ווען ער האָט אַ קוק געטון אויפֿן קריסטוס־בילד, האָט ער זיך צוריק באַרויקט. ער האָט געפּרוווט אַרײַנפּאַסן דיאָניזאָסעס שאַפּירנע אויגן אין די טונקעלע לעכער אַרײַן: זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אַרײַנגעפּאַסט אויפֿן אַלטן אָרט און ווידער אָנגעהויבן מילד צו שײַנען אין יעזוסעס אָרעאָל.

פּאַרטעניוס איז צוריק אַרײַן אין דער צעלע, פֿאַרלאָשן דאָס לעמפּל און זיך געלייגט שלאָפֿן. פּלוצלינג האָט ער זיך אין דער פֿינצטערניש אײַנגעגאַנצן אײַנגעקורטשעט און אָנגעהויבן לאַכן שטיל, פֿאַרשטיקט, ווי אַ קליין שטיפעריש קינד, וואָס פֿרייט זיך מיט אַן אָפּגעטון שפּיצל און שרעקט זיך גלײַכצײַטיק, מ׳זאָל נישט געוווירן ווערן דערפֿון. מיט דעמדאָזיקן געלעכטער אין דער נשמה איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

די פֿאַרטאָגעדיקע כוואַליעס פֿון פּראָפּאָנטידע־ים האָבן געגלאַנצט דורך די קראַטן פֿונם קליינעם פֿענצטערל, ווען פּאַרטעניוס האָט זיך אויפגעכאַפּט. טויבן זענען געשטאַנען אויפֿן פֿענצטער, געוואָרקעט און געקלאַפּט מיט די טונקל־בלויע פֿליגל. דאָס געלעכטער פֿון בײַנאַכט איז אים נאָך געלעגן אויף דער נשמה.

ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן אַרבעט־טישל און מיט פֿרייד געוואָרפֿן אַ בליק אויף דעם נישט פֿאַרענדיקטן בילד אַרום אַ שער־אות. דאָס איז געווען דאָס גן־עדן, ווו אדם און חוה זיצן אויף דער לאָנקע.

אַ שטראַל פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון איז אַרײַנגעפֿאַלן דורכן פֿענצטערל און זיך אָפּגעשלאָגן אויף דעם בילד און עס האָט אָנגעהויבן גלאַנצן מיט אַן אמתדיקער גן־עדן־פּראַכט — מיט גאָלד, פּורפּור און הימל־בלוי.

פּאַרטעניוס האָט, אַרבעטנדיק, אַליין נישט באַמערקט, אַז ער גיט צו אדם הראשונס נאַקעטן קערפּער דעם גאָט דיאָניזאָסעס אַלטערטימלעכע, אָלימפּישע שײנקייט.

IV.

דער באַרימטער סאָפיסט, דער הויף-לערער פון רעדנער-קונסט, העקעבאָליוס האָט אָנגעהויבן זיין רעגירונגס-קאַריערע פון די סאַמע ני-דעריקסטע שטאַפלען. ער איז געווען אַ שמש אינם אשתרות-טעמפּל אין היעראַפּאָליס. ווען ער איז אַלט געוואָרן זעכצען יאָר, האָט ער צוגע-גנבעט עטלעכע טייערע חפצים פון טעמפּל און אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנ-טינאָפּאָל. ער איז דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, אַרומגעבלאָנקעט איבער שטעט און דערפער מיט גאָטספאַרכטיקע וואַנדרער, דאָ מיט אַ באַנדע גזלנים, קאַסטרירטע פּריסטערס פון דער פּולברוסטיקער געטין דינדימענע, וואָס איז זייער באַליבט באַם פּראָסטן המון, און וועלכע מען פלעגט אַרומפירן איבער די דערפער אויף אַן אייזל.

צום סוף איז ער אַריינגעפאַלן אין דער שול פונם רעטאָריקער פּראָערעזיוס און אין קורצן אַליין געוואָרן אַ לערער פון רעטאָריק.

אין די לעצטע יאָרן פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן, ווען די קריסט-לעכע רעליגיע איז געוואָרן אַ הויף-מאָדע, האָט העקעבאָליוס אָנגענו-מען דאָס קריסטנטום. די גייסטלעכע האָבן געפילט צו אים אַ באַזונדערע נייגונג, און ער האָט פון זיי אויך זייער שטאַרק געהאַלטן.

העקעבאָליוס פלעגט אָפט בייטן די אמונה און שטענדיק אין דער ריכטיקער צייט, ער פלעגט שטענדיק דערשמעקן, פונוואַנען דער ווינט בלאָזט: דאָ איז ער פון אַריאַנישן גלויבן איבערגעגאַנגען צום אָרטאָ-דאָקסישן, דאָ ווידער צוריק פון אָרטאָדאָקסישן צום אַריאַנישן; און יעדעס מאָל איז אַזאַ מין איבערגאַנג געווען פאַר אים אַ העכערער שטאַפל אויף דער לייטער פון זיין רעגירונגס-קאַריערע. די גייסטלעכע פלעגן אים פאַרזיכטיק אונטערשטופּן און ער ווידער האָט זיי אויך גע-האָלפן קריכן אויף דער געזעלשאַפטלעכער לייטער.

זיין קאָפּ איז געוואָרן גרייז-גרוי; די דיקקייט פונם לייב וואָס אַ יאָר אָנגענעמער; די קלוגע רייד וואָס אַמאָל הניפהדיקער, זיסער, און די באַקן זיינע האָבן געבליט מיט אַ זקנישער פרישקייט. אויגן האָט ער געהאַט ליבלעכע, נאָר טיילמאָל פלעגט אין זיי אויפפלאַקער אַ בייזער'

שפּיונדיקער הוזק און חוצפּהדיקער, אייז-קאַלטער שכל; אין אַזאַ מאָמענט פלעגט ער תּיכּף אַראָפּלאָזן די ברעמען — און דער פונק פלעגט מאָמענ-טאַל פאַרלאָשן ווערן. דאָס גאַנצע אויסזעען פון דעם באַרימטן סאָפיסט האָט ביסלעכווייז באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג פון קירכלעכער הדרת-פּנימדיקייט.

ער האָט שטרענג געהאַלטן פון אַלע תּעניתים און איז גלייכצייטיק געווען אַ ראַפינירטער גאַסטראָנאָם: די באַטעמטע תּענית-מאכלים בײַ זײַן טיש זענען געשמאַקער געווען ווי די טייערסטע פליישיקע געריכטן, פּונקט ווי העקעבאָליוסעס פרומע קריסטלעכע לצנותן זענען געווען שאַר-פער און מער געפעפערט ווי די ציניששטע געצנדינערישע וויצן. בײַ אים האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַ מין קיל געטראַנק פון בוראַקעס-ראַסל מיט געווירצן: טייל מענטשן פלעגן פאַרזיכערן, אַז דאָסדאָזיקע געטראַנק איז געשמאַקער פון ווײַן; אָנשטאָט געווײַנלעך ווייצן-ברויט, האָט ער דערפינדן ספּעציעלע תּענית-פּלעצלעך פון אַזעלכע זאָמען, וואָס וואַקסן אין די מדבריות, מיט וועלכע דער הייליקער פּאַכאָמיוס האָט זיך געזאָלט שפּייזן, בשעת ער האָט אָפּגעריכט גלות אין מצרים.

בייזע צינגער פלעגן טענהן, אַז העקעבאָליוס איז אַ גרויסער ליב-האָבער פון שיינעם מין. מ'האָט דערציילט אַזאַ מעשה: אײנמאָל האָט אַ יונגע פרוי, בשעתן מתוודה זײַן זיך בײַם גלח, מודה געווען, אַז זי האָט פאַראַטן דעם מאַן. — „אַ גרויסע זינד! מיט וועמען?" — האָט זי דער גלח שטרענג אַ פרעג געטון. — „מיט העקעבאָליוסן, הייליקער פאָטער". דעם גלחס פּנים איז אויסגעלייטערט געוואָרן: „מיט העקעבאָליוסן! ס'שאַדט נישט, ער איז אַ געטלעכער מענטש, געטריי דער הייליקער קירך. טו תּשובה, טאָכטער מײַנע, גאָט וועט דיר מוחל זײַן".

אין די צייטן פון קייסער קאָנסטאַנציוס האָט ער באַקומען די שטעלע פון הויף-רעטאָריקער מיט אַ גרויסן געהאַלט, אַ סענאַטאָרישן טיטול און אַ בכבודיקע בלויע באַנד אויף דער ברוסט — אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג פאַר די העכסטע באַאַמטע.

אין דער זעלבער מינוט אָבער, ווען ער האָט זיך שוין געגרייט צו מאַכן דעם לעצטן שריט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אומגעריכטער דונער: קאָנסטאַנציוס איז געשטאָרבן, אויפן טראָן איז אַרויף דער קריסטנפיינט יוליאַן. העקעבאָליוס האָט זיך גישט פאַרלוירן; ער האָט געטון דאָס זעלבע, וואָס אַנדערע האָבן געטון, נאָר קלוגער פאַר אַנדערע, און דער

ציקר, פונקט אין דער ריכטיקער צייט, נישט צו פרי, און נישט צו שפעט.

באַלד אין די ערשטע טעג, ווען יוליאַן איז אַרויף אויפן טראָן, האָט ער איינגעאָרדנט אין פּאַלאַץ אַ טעאָלאָגישן וויכּוח. דער יונגער פילאָזאָף, דער באַרימטער געלערנטער צעזאַריוס פון קאַפּאַדאָקיע, אַ ברודער פונם באַרימטן קריסטלעכן מפורש באַזיליוס דער גרויסער, — אַ מענטש, וועלכער איז איבערצײַגעכטעט געווען פאַר זיין אמתן, ערלעכן כאַראַקטער, — איז אַרויסגעטרעטן אַלס פאַרטיידיקער פון דער קריסט־לעכער אמונה קעגן דעם קייסער. יוליאַן האָט אין דידאַקטיקע וויסנשאַפט־לעכע וויכּוחים דערלאָזט יעדע פרייהייט פון וואָרט און אפילו הנאה געהאַט, ווען מ'האָט זיך מיט אים אַליין געשפּאַרט, פאַרגעסנדיק ווער ער איז.

דער וויכּוח איז געווען אַ הייסער, די פאַרזאַמלונג פון די סאָפיסטן, רעטאָריקער, גלחים, מאָנאַכן, מיסיאָנערן — אַ צאָלרייכע.

אַלע, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אינם וויכּוח, פלעגן געוויינלעך קאַפּיטולירן פאַר יוליאַנען, אויב מען האָט זיך נישט אונטערגעגעבן די רעיות פונם העללענישן פילאָזאָף, האָט מען זיך איבערצייגט פונם רוימישן קייסערס מאַיעסטעט.

דאָס מאָל איז אָבער געווען אַנדערש ווי אַלע מאָל: צעזאַריוס האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט זיידענע לאָקן, מיט אַן אומדערשראָקענעם בליק פון די ליכטיקע, נאַיווע אויגן. פּלאַטאָס פילאָזאָפיע האָט ער אָנגערופן „די קינציק־געפלאָכטענע חכמה פונם שטן" און איר אַנטקעגנגעשטעלט די געטלעכע חכמה פון עוואַנגעליום. יוליאַן האָט זיך געביסן די ליפּן, אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און קוים געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט.

דער וויכּוח, ווי יעדע ערנסטע דיסקוסיע, האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

דער קייסער האָט פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג מיט אַ פילאָזאָפישן הויך־שמייכל, מיט אַ ליבלעכער מינע אויפן פּנים, מיט עפּעס אַזאַ מין טרויעריקן אויסדרוק, ווי ער וואָלט אַלעמען מוחל געווען, — באמת איז אים אָבער געווען זייער ביטער אויפן האַרץ.

אין דער זעלבער מינוט איז צו אים צוגעקומען דער הויף־רעטאָ־ריקער העקעבאָליוס; יוליאַן האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קעגנער קיינס.

העקעבאָליוס איז געפאַלן אויף די קניען און אָנגעהויבן זיך
מתוודה זיין און תשובה טון: שוין פון לאַנג טראָגט ער זיך אַרום מיט
ספקות, נאָר דעם קייסערס באַווייזן האָבן אים ענדגילטיק איבערצייגט;
ער פאַרשעלט פון איצט אָן דאָס מרה-שחורהדיקע גלילעישע אָבערגלויבן,
זיין הארץ האָט זיך צוריק אומגעקערט צו די זכרונות פון דער קינד-
הייט, צו די ליכטיקע אָלימפּישע געטער.

דער קייסער האָט אויפגעהויבן דעם אַלטן רעטאָריקער און פון
התפעלות נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט; ער האָט אים נאָר פעסט
צוגעדריקט צום האַרץ און אים אַ קוש געטון אין די ווייכע, גערויזירטע
באַקן און אין די פוכקע רויטע ליפּן אַריין.

מיט די בליקן האָט ער אַרומגעזוכט צעזאַריוסן, כדי זיך אָנצו-
זעטיקן מיטן אָפּגעהאַלטענעם נצחון.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט יוליאַן נישט אָפּגעלאָזט פון זיך
העקאָבאָליוסן, געהאַלטן אין איין דערציילן, צי יאָ צו דער זאַך, צי
נישט צו דער זאַך, וועגן דעם, ווי דער אַלטער קריסט איז עפּעס על-
פּי-נס דורך אים איבערצייגט געוואָרן, ער האָט שטאָלצירט מיט אים,
ווי אַ כּוהן מיט דעם יום-טובדיקן קרבן, ווי אַ קינד מיט אַ ביי-
שפּילעכל.

ער האָט אים געוואָלט געבן אַ בכבודיקן אַמט באַם קייסערלעכן
הויף, העקאָבאָליוס האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם אומפאַרדינטן
כבוד, ער וויל צוגרייטן זיין האַרץ אויפצונעמען די העלענישע מידות-
טובות דורך תשובה און חרטה, אָפּרייניקן די נשמה פון דער גלילעישער
טומאה דורך דער דינסט צו איינעם פון די אַלטע אָלימפּישע געטער.
יוליאַן האָט אים איבערגעגעבן דעם אַמט פון העכסטן פּריסטער איבער
ביטוניע און פאַפלאַגאָניע. די פּערזאָן, וועלכע האָט געטראָגן אַזאַ טיטול,
פלעגט הייסן באַ די געצנדינער „אַרצי-פּריסטער".

דער אַרצי-פּריסטער העקעבאָליוס האָט רעגירט איבער צוויי געדיכט-
באַפעלקערטע אַזיאַטישע פּראָווינצן און געגאַנגען אויף זיין נייעם וועג
מיט דעם זעלבן דערפאָלג ווי אויף אַלע פריערדיקע וועגן זיינע.
ער האָט מיטגעהאָלפן אָפּצושמדן אַ סך גלילעער אויף דער העלענישער
אמונה.

ער איז געוואָרן הויפּט-פּריסטער אינם באַרימטן טעמפּל פון דער
צדונישער געטין אשתרות, דער זעלבער צו וועלכער ער האָט קינדוויי
געדינט. דער טעמפּל איז געשטאַנען פונקט אינמיטן וועג צווישן כאַלצע-

דאָן און ניקאָמעדיע, אויפן הויכן ברעג לעבן פראָפּאָנטידישן ים; דאָס אָרט האָט געהייסן גרגריה. דאָ אהער פלעגט מען קומען פון אַלע עקן וועלט בּוקן זיך צו דער געטין אַפראָדיטע־אשתרות, דער געטין פון טויט און תאווה.

V.

אין איינעם פון די גרויסע זאַלן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַלאַץ האָט זיך יוליאַן פאַרנומען מיט מלוכה־ענינים.

צווישן די פּאָרפירענע זיילן פונם געדעקטן קאָרידאָר האָט געשיינט דער בלאָס־בלויער ים. דער קייסער איז געזעסן בּאַ אַ קיילעכדיקן מאַרמאָרנעם טיש, אויף וועלכן עס זענען געלעגן פּאַפּירוס־און פּאַרמעט־מגילות. שנעלשרייבערס זענען געזעסן מיט אָראָפּגעבויגענע קעפּ און געסקריפּעט מיט די עגיפּטישע שטעקעלעך, די פּענעס. די פּנימער פון די באַאַמטע זענען געווען פאַרשלאָפן: זיי זענען נישט געוווינט געווען אויפצושטיין אַזוי פרי. עטוואָס ווייטער האָבן שטילערהייט געשמועסט צווישן זיך דער נייער אַרצי־פּריסטער העקעבאָליוס מיטן באַאַמטן יוניוס מוירקיוס, אַ יונגערמאַן אַ פראַנט, מיט אַ געל, דאַר פּנים, קלוגע אויגן און דעליקאַטע קנייטשן אַרום די דינע ליפּן.

יוניוס מוירקיוס איז געווען אַן אויסנאַם פון אַלע אַרומיקע, וועלכע זענען געווען זייער אַבערגלויביש; ער איז געווען איינער פון די לעצטע תלמידים פונם גרויסן לצנות־טרייבער לוקיליאַן, דעם שעפער פון די אָפּחוזקנדיקע דיאַלאָגן, וועלכע שפּעטן פון אַלע הייליקטימער פון אָלימפּ און גלגתא, פון אַלע לעגענדעס פון העלאַדע און רוים.

מיט אַן אייגנאַרטיקער שטימע האָט יוליאַן דיקטירט אַ באַפעל צום הויפּט־פּריסטער פון גאַלאַטיע, אַרזאַקיוסן:

„דו זאָלסט נישט דערלויבן די פּריסטער צו באַזוכן עפנטלעכע פאַרווײלונגען, צו טרינקען אין די שענקען, צו באַשעפטיקן זיך מיט נבזהדיקע מלאכות; די געהאָרכזאַמע באַלוין, און די ווידערשפּעניקע באַשטראָף. אין יעדער שטאָט זאָלסטו איינאָרדענען הכנסת־אורחים־הייזער, ווו עס זאָלן געניסן פון אונזער גאַסטפריינטלעכקייט נישט בלויז העלענער, נאָר אויך קריסטן, און יידן, און באַרבאַרן. צום צעטיילן צווישן די אָרימע אין גאַלאַטיע באַשטימען מיר יערלעך דרייסיק טויזנט מעסטלעך ווייץ און זעכציק

סויזנט הון ווײן; א פינפט חלק זאָלסטו צעטײלן צווישן די אָרימעלײט, וואָס וויגעז באַ די טעמפּלען; די רעשט — צווישן היימלאָזע וואָגדערער און בעטלער: עס איז אַ חרפּה צו פאַרלאָזן די העלפּענער אָן מאַטעריעלער הילף, ווען באַ יידן זענען להלוטין נישט פאַראַן קײן אָרימעלײט און די נאַטלאָזע בלילעער שפּײזן די זײעריקע און די אונזעריקע, כאָטש זײ סוען, ווי יענע לייט, וואָס פאַרנאַרן קינדער מיט נאַשערייען: זײ הייבן אָן מיט הכנסת־אורחים, מיט רחמנות, מיט אײנלאַדונגען אויף ליבעס־אַחוגען, וועלכע זײ רופן אָן מיסטעריען, און ביסלעכווייז ציען זײ ארײן די גלויביקע אין זײער גאָטלעסטערנדיקער טומאה, און ענדיקן מיט תעניתים, שמיץ, זעלבסטפּײניקונג, גיהנום־שרעק, משוגעת און שרעקלעכן טויט; אַזוי זעט אויס דער וועג פון דידאָזיקע מענטשן־פייגט, וואָס רופן זיך אַליין ליבנדיקע ברידער. דו זאָלסט זײ באַזיגן מיט רחמנות אין נאָ־מען פון די אײביקע געטער. זײ מודיע אין אַלע שטעט און דערפער, אַז אַזוי איז מיין ווילן; קלער אויף די בירגער, אַז איך בין שטענדיק גרייט זײ צו העלפן אין יעדער זאַך, צו יעדער שעה. נאָר אויב זײ ווילן געניסן פון מיין באַזונדערער געפעליקייט, — זאָלן זײ ווי אײנער זיך ווענדן מיטן הארץ און מיטן געדאַנק צו דער געטין דינדימענע, דער מוטער פון אַלע געטער, — און זי זאָל ליבן און אכפּערן ביז אײביק".

די לעצטע ווערטער האָט ער צוגעשריבן אײגנהענטיק.

דערווייל האָט מען אים צודערלאַנגט פרישטיק — פּשוט ווייצן־ברויט, פרישע אײלבירטן, לײכטן ווייסן ווײן. יוליאַן האָט געטרונקען, געגעסן און זיך נישט אָפּגעריסן פון דער אַרבעט; נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעדרייט, אַ ווייז געטון אויפן גאָלדענעם טעלער מיט די אײלבירטן און אַ פרעג געטון דעם אַלטן באַליבטן קנעכט זײנעם, וועלכן ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון גאַליע, וואָס פלעגט אים שטענדיק באַדינען באַם עסן:

— צו וואָס עפּעס גאָלד? ווו איז דער פריערדיקער, דער לײמערנער?

— זײ מיר מוחל, קייסער, — ער איז צעבראָכן געוואָרן.

— אויף פּיצלעך?

— ניין, בלויז די ראַנד.

— ברענג־זשע אים אַרײן.

דער קנעכט איז אַרויסגעלאָפן און אַרײנגעבראַכט אַ לײמענעם טעלער מיט אַן אָפּגעהאַקטער ראַנד.

— נישקשה. ער קאָן נאָך לאַנג דינען, — האָט יוליאַן אַ זאָג גע־טון מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

— איך האָב באַמערקט, מיינע פריינט, אַז צעבראָכענע כּלים דינען בעסער און לענגער ווי נייע. איך בין מודה. דאָס איז מיין שוואַכקייט: איך האָב עפּעס אַ באַזונדערע נייגונג צו אַלטע זאַכן; אין זיי זע איך עפּעס אַ באַזונדערן חן, ווי אין אַלטע גוטע פריינט. איך שרעק מיך פאַר אַלץ וואָס איז ניי. איך קאָן נישט אָנקוקן קיין פרישע זאַכן; עס איז מיר שטענדיק אַ שאָד דאָס אַלטע, מעג עס זיין שלעכט, אָפּגענוצט; דאָס אַלטע איז אָבער אַזוי באַקוועם, אַזוי נאָענט...

ער האָט זיך צעלאַכט פון זיינע אייגענע רייד:

— זעט איר, וואָס פאַר אַ געדאַנקען עס שווימען טיילמאָל אַרויף צוליב אַ ליימענער צעבראָכענער כּלי!

יוניוס מוריקוס האָט אַ צי געטון העקעבאָליוסן באַם אַרבל:

— הערסט די רייד? אין זיי שטעקט זיין גאַנצע נאַטור: ער ציטערט צוגלייך איבער זיינע צעבראָכענע טעלער, ווי איבער זיינע האַלב־טויטע געטער. דו זעסט, אָט וואָס עס באַגלייט דעם גורל פון דער וועלט!...

יוליאַן האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגעסן; פון עדיקטן און געזעצן איז ער אַריבער צו פּראָיעקטן וועגן דער צוקונפט: אין אַלע שטעט פון דער גאַנצער אימפּעריע האָט ער בדעה געהאַט איינצואָרדענען שולן, קאַטעדרעס, פאַרלעזונגען, וווּ עס זאָלן אויסגעטייטשט ווערן די העל־לענישע דאָגמען, וווּ עס זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן מיסטער־תּפילות, עפּי־טעמיעס, פילאָזאָפישע דרשות, אויפבויען היימען פאַר ליבהאָבער פון צניעות, פאַר מענטשן, וועלכע ווילן ווידמען זייער לעבן אויף געטלעכע רעיונות.

— ווי געפעלט עס דיר? — האָט מוריקוס איינגערוימט העקע־באָליוסן אויפן אויער: — קלויסטערן לכּבוד די געטער אַפראָדיטע און אַפּאָלאָ. פון מינוט צו מינוט ערגער!...

— אַזוי, מיינע ליבע פריינט. דאָס אַלץ וועלן מיר דערפילן מיט דער הילף פון די געטער, — האָט דער קייסער פאַרענדיקט. — די גלילעער ווילן איינרעדן דער וועלט, אַז נאָר צו זיי אַליין געהער דאָס געפיל פון מיטלייד; דאָסדאָזיקע געפיל געהער אָבער צו יעדן פילאָזאָף, אין וואָס פאַר אַ געטער ער זאָל נישט גלייבן. איך קום פרעדיקן דער

וועלט אַ נייע ליבע, נישט קיין אַבערגלויבישע, נישט קיין קנעכטישע, נאָר אַ פרייע, אַ פריידיקע, ווי דער אָלימפּישער הימל!...

ער האָט יעדן איינעם אַרומגעקוקט מיט אַ פאָרשנדיקן בליק. אויף די געזיכטער פון די באַאַמטע האָט ער נישט געזעען דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט.

אין זאַל איז אַריינגעקומען אַ דעלעגאַציע פון די קריסטלעכע לערער פון פילאָזאָפיע און רעטאָריק. ערשט נישט לאַנג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן עדיקט, וועלכער פאַרווערט די גליליִישע לערער צו לערנען העללענישע רעדנער-קונסט; די קריסטלעכע רעטאָריקער האָבן געזאָלט אָדער זיך אָפּזאָגן פון קריסטנטום, אָדער פאַרלאָזן די שולן.

מיט אַן איינגעוויקלטן פּאַפּירוס אין דער האַנט איז צום קייסער צוגעגאַנגען איינער פון דער דעלעגאַציע, אַן אויסגעדאַרט, דערשראָקן מענטשל, ענלעך צו אַן אויסגעקראָכענעם פּאַפּוגיי, אים האָבן באַגלייט צוויי אומגעלומפּערטע בחורים מיט רויטע באַקן, תּלמידים זיינע.

— האָב רחמנות, גאָט-געליבטער אויגוסט!

— ווי הייסטו?

— פּאַפּיריאַנוס, אַ רוימישער בירגער.

— זעסטו, מיין ליבער פּאַפּיריאַנוס, איך ווינטש דען אייך שלעכטס? אדרבא. בלייבט אייך גליליִער געזונטערהייט.

דער אַלטער איז געפאַלן דעם קייסער צו די פיס און אַרומגענומען זיינע קניען.

— פערציק יאָר לערן איך גראַמאַטיק. איך קען נישט ערגער ווי אַנדערע האָמערן און העזיאָדן...

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט דער אויגוסט אַרויסגערעדט, באַקומענדיק אַ ברוגזע מינע.

— זעקס קינדער, גרויסער קייסער, — איינס קלענער פונם אַנדערן. נעם מיר נישט צו דאָס שטיקל ברויט. די תּלמידים האָבן מיך ליב. פרעג זיי, אדרבא... צי לערן איך זיי עפּעס שלעכטס?...

פּאַפּיריאַנוס האָט מער נישט געקאָנט רעדן, טרערן האָבן אים געשטיקט; ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף זיינע צוויי תּלמידים, וועלכע האָבן נישט געוווּסט ווו אַהינצוטון די הענט. זיי זענען געשטאַנען מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן און זייערע פּנימער האָבן געפלאַמט.

— ניין, מיינע ליבע פריינט! — האָט דער קייסער שטיל אָבער פעסט אַרויסגערעדט. — דאָס געזעץ איז גערעכטיק. איך האַלט פאַר

אָן אומזין, אַז קריסטלעכע לערער פון רעטאָריק זאָלן לערנען העמערן און גלייכצייטיק אָפּלייקענען די זעלבע געטער, אין וועלכע האָמער האָט געגלייבט. אויב איר האַלט, אַז אונזערע חכמים האָבן דערציילט נישט געשטויגענע מעשיות — גייט-זשע אין אייערע קירכן [illegible] און לערנט דאָרט מיטן עולם מתיהן, לוקאַסן! בעמט אין אַכט, גלילעער, אַז איך טו דאָס פאַר אייער אייגענער טובהס וועגן...

צווישן דער דעלעגאַציע האָט איינער אַ ברום געטון אונטער דער נאָז:

— פאַר אונזער אייגענער טובהס וועגן וועלן מיר אויסשטאַרבן פאַר הונגער!

— איר האָט מורא זיך טמא צו מאַכן מיט אָלימפּיש קרבן-פלייש און קרבן-וואַסער, איר קריסטלעכע לערער — האָט דער קייסער ווייטער גערעדט קאַלטבלוטיק, — ווי-זשע האָט איר קיין מורא נישט טמא צו ווערן פון אַזוינס, וואָס איז נאָך געפערלעכער ווי פלייש און וואַסער, פון פאַלשער חכמה? איר זאָגט: „ווויל איז צו די אָרימע אין גייסט". זייט-זשע-טאַקע באמת אָרים אין גייסט. איר מיינט מסתם, אַז איך קען נישט אייער תורה? אָ, איך קען זי בעסער ווי איר אַליין! איך זע אין דער גלילעישער תורה אַזאַ טיפקייט, פון וועלכער איר האָט גאָר קיין אָנונג נישט. יעדער דאַרף זיך נעמען צום זייניקן: לאָזט איבער פאַר אונז אונזער נישטיקע חכמה, אונזער אָרימע העלעניש וויסנשאַפט. צוואָס טויגן אייך דידאַזיקע פאַרפעסטעטע קוואַלן? איר פאַרמאָגט דאָך אַ העטויגן בערע חכמה. מיר האָבן דאָס מלכות פון דער ערד, איר אָבער האָט דערפאַר דאָס מלכות פון הימל. רעכנט אייך נאָר איבער, דאָס מלכות פון הימל, — דאָס איז נישט קיין קלייניקייט פאַר אַזעלכע ענוותדיקע, פאַר אַזעלכע הכנעהדיקע מענטשן, ווי איר זענט. אונזער דיאַלעקטיק רעגט בלויז אָן צו אַפּיקורסישע געדאַנקען. באמת, זייט פשוט, ווי קליינע קינדער. צי שטייט דען נישט העכער פון פּלאַטאָס אַלע דיאַלאָגן די געבענטשטע עם-הארצות פון די כפר-נחומער פישערס? די גאַנצע חכמה פון די גלילעער באַשטייט דאָך פון איין וואָרט: גלייב! ווען איר זאָלט באמת זיין ערלעכע קריסטן, וואָלט איר געבענטשט מיין גזירה. איצט אָבער בונטעוועט זיך אין אייך נישט אייער גייסט, נאָר דער זינדיקער קערפּער, וואָס לעכצט עבירות צו טון. — דאָס איז אינגאַנצן, וואָס איך האָב אייך געהאַט צו זאָגן און איך האָף, אַז איר וועט מיר מוחל

זיין און אָנערקענען, אַז דער רוימישער קייסער היט אָפּ איירע נשמות פון זינד, בעסער ווי איר אַליין.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם עולם רעטאָריקער אַ רויקער, אַ צופרידענער פון זיין אייגענער רעדע.

פאַפּיריאַנוס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קניען און זיך גע־ריסן די שיטערע גרויע האָר פון קאָפּ.

— פאַרוואָס ? הייליקע גאָט מוטער, פאַרוואָס קומט אונז דאָסדאָ־זיקע אומגליק ?

ביידע תּלמידים, זעענדיק די צרות פון זייער מדריך, האָבן זיך אויסגעווישט די אַרויסגעזעצטע אויגן מיט די רויטע, אומגעלומפּערטע פויסטן.

VI.

יוליאַן האָט געדענקט די אומענדלעכע קריגערייען צווישן די אָר־טאָדאָקסן און אַריאַנער, וועלכע זענען פאָרגעקומען אויפן קאָנציליום אין מעדיאָלאַן אין קאָנסטאַנציוסעס צייטן. ער האָט באַשלאָסן מיט אַ ספּע־ציעלן צוועק צונויפצורופן אַ קירך־אַסיפה, ווי עס פלעגן טון זיינע קריסט־לעכע פאָרגענגער קאָנסטאַנטין דער גרויסער און קאָנסטאַנציוס.

איינמאָל האָט ער אין אַן אָפנהאַרציק געשפּרעך איבערגעגעבן די פריינט זיינע, אַז אַנשטאָט געוואַלט־טאַטן און רדיפות האָט ער גאָר בדעה צו פּראָקלאַמירן פרייהייט פון גלויבן פאַר די גלייביקער, באַפרייען פון פאַרשיקונג די דאָנאַטיסטן, סעמיאַריאַנער, מאַרציאָניטן, מאָנטאַניסטן, צע־ציליאַנער און אַנדערע קריסטלעכע סעקטאַנטן, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן לויט די באַשלוסן פון די קאָנציליומס אין די צייטן פון די קייסרים קאָנסטאַנטין און קאָנסטאַנציוס. ער איז זיכער געווען, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסער מיטל אומצוברענגען דאָס קריסטנטום. „איר וועט זען, מיינע פריינט, האָט דער קייסער געזאָגט, — אַזוי ווי זיי וועלן זיך נאָר אומקערן אויף זייערע פריערדיקע מקומות, וואָס פאַר אַ מחלוקת עס וועט אויפפלאַקערן צווישן די בעלי־רחמנים, ווי זיי וועלן צערייסן איינער דעם אַנדערן, פּונקט ווי די ווילדע חיות, און וועלן פאַרשענדן דעם נאָ־מען פון זייער גרויסן ר ב י נאָך ניכער, ווי איך וואָלט דאָס געקאָנט דערגרייכן מיט די ערגסטע עינויים !“

ער האָט פֿונאַנדערגעשיקט עדיקטן און בריוו אין אַלע עקן פֿון דער רוימישער אימפּעריע, אַז עס איז דערלויבט די פֿאַרשיקטע מאָנאַכן אומצוקערן זיך אַהיים אָן שום מורא. ער האָט פּראָקלאַמירט פֿרייהייט פֿון גלויבן. גלייכצייטיק זענען די גרעסטע און קלוגסטע לערער פֿון קריסטנטום איינגעלאַדן געוואָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף אַ געוויסער באַראַטונג וועגן קירכלעכע אָנגעלעגנהייטן. די גרעסטע טייל פֿון די איינגעלאַדענע האָבן נישט געוווּסט דעם ציל, נישט דעם צוזאַמענשטעל און די פֿולמאַכטן פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער זיי ווערן איינגעלאַדן, ווייל אין די בריוו איז וועגן דעם אַלעם דערמאָנט געוואָרן מיט אַ בכּיוונדיקער אומקלאָרקייט. טייל האָבן זיך אָבער משער געווען די צילן פֿונעם אָ פּ ט ר י נ י ק ן, און אונטער דעם אויסרייד פֿון שלעכטן געזונט-צושטאַנד אָדער צו ווייטער שטרעקע, אינגאַנצן נישט געקומען אויף דער איינלאַדונג.

דער לויטערער בלויער הימל איז געווען טונקל אין פֿאַרגלייך מיט די צוויי רייען ווייסע מאַרמאָרנע זיילן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם ריזיקן הויף, דאָס קאָנסטאַנציוס-אַטריום. ווייסע טויבן האָבן זיך געטוקט אין הימל ווי שניי-פֿליטערלעך מיט אַ פֿריידיקן, זיידענעם גערויש פֿון די פֿליגל. אינמיטן דעם הויף האָט פֿון צווישן די פֿינקלענדיקע פֿאָנטאַן-שפּריצן אַרויסגעשיינט די סטאַטוע פֿון דער געטין אַפֿראָדיטע; דער פֿייכטער מאַרמאָר האָט זיך געזילבערט ווי לעבעדיק. די מאָנאַכן האָבן, פֿאַרבייגייענדיק לעבן דער סטאַטוע, זיך אַוועקגעדרייט, באַמיט נישט צו קוקן אויף איר; זי איז אָבער געווען אומעטום צווישן זיי, אַ צאַרטע, אַ שיינע, ווי דער יצר-הרע אַליין.

מיט אַ באַהאַלטענער כּוונה האָט יוליאַן אויסגעוויילט דאָסדאָזיקע אָרט פֿאַר דער קירך-אסיפֿה. די טונקעלע מלבושים פֿון די מאָנאַכן האָבן דאָ אויסגעזען נאָך טונקעלער, די אויסגעמאָגערטע, אויסגעפּייניקטע, פֿאַרביטערטע פּנימער פֿון די פֿאַרשיקטע סעקטאַנטן האָבן אויסגעזען נאָך מער פֿאַראומערט; ווי שוואַרצע, העסלעכע שאָטנס האָבן זיי זיך געשלייכט איבערן מאַרמאָר, באַגאָסן מיט זונען-ליכט.

עס איז זיי דאָ אַלעמען עפּעס אַזוי אומבאַקוועם געווען, יעדער באַזונדער האָט זיך באַמיט אויסצוזען גלייכגילטיק, אפֿילו זעלבסטצופֿרידן, מאַכנדיק אָן אָנשטעל, ווי ער וואָלט כּלומרשט נישט דערקענט דעם שכן — דעם שונא זיינעם, וועלכן ער האָט פֿאַראומערט די יאָרן, אָדער יענער האָט אים פֿאַרסמט דאָס לעבן; גלייכצייטיק אָבער האָט

איינער אויפן אנדערן בגנבה געוואָרפן בליקן, פול מיט פאַרביטערונג, מיט האַס.

— הייליקע גאָטס מוטער! וואָס איז דאָ אַזוינס? ווּהין זענען מיר אריינגעפאַלן? — האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן דער דיקער סעבאַסטישער בישאָף, עוסטאַפיוס. — לאָזט מיך, לאָזט מיך אַרויס!...

— באַרויק דיך, ליבער פריינט, — האָט אים איינגעשטילט דער פירער פון די קייסערלעכע שפּיזנטרעגערס, דער באַרבאַר דאַגאַלאַיף, פאַרשטעלנדיק פאַר אים העפלעך די טיר.

— איך נעם נישט קיין אָנטייל אין דער אפּיקורסישער אסיפה. לאָזט מיך!

— לויטן פאַרלאַנג פונם גנעדיקן קייסער זענען אַלע געקומען אויפן קאָנציליום... — האָט אים דאַגאַלאַיף געענטפערט, פאַרהאַלטנדיק דעם בישאָף ליבלעך אָבער פעסט.

— נישט קיין קאָנציליום איז דאָס, נאָר אַ גולנישע הייל! — האָט עוסטאַפיוס געשטורעמט.

צווישן די קריסטן האָבן זיך געפונען טייל לוסטיקע פאַרשוינען, וועלכע האָבן חוזק געמאַכט פון עוסטאַפיוסעס פּראָווינצער אויסזעען, פון זיין אַסטמע און דעם צו שאַרפן אַרמענישן אַקצענט. ער איז ענדלעך, אַ דערשראָקענער, שטיל געבליבן, זיך פאַרריקט ערגעץ אין אַ ווינקל און געשעפּטשעט שטיל, אין פאַרצווייפלונג:

— רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט מיר דאָס?...

עוּאַנדרעס פון ניקאָמעדיע האָט אויך געהאַט חרטה, וואָס ער איז דאָ אהערגעקומען און נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך דעם יונגן מאָנאַך יוּוענטינוּסן, דידימעסעס תלמיד, וועלכער איז נאָר-וואָס אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

עוּאַנדרעס איז געווען אַ גרויסער דאָגמאַטיקער, אַ מענטש מיט אַ טיפן, דורכדרינגלעכן שכל; איבער די ביכער האָט ער זיין געזונט אָנגעווירן, געעלטערט געוואָרן פאַר דער צייט; די ראיה זיינע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן; אין די קורצזיכטיקע אויגן איז געווען עפּעס אַזאַ אויסדרוק פון כסדרדיקער אָפּגעמאַטערטקייט. זיינע געדאַנקען זענען שטענדיק פאַרנומען געווען מיט פאַרשידנאַרטיקע אפּיקורסותן, זיי האָבן אים נישט געלאָזט איינרוען, געפייניקט אין חלום און אויף דער וואָר, אָבער גלייכצייטיק געצויגן אים צו זיך מיט זייערע פאַרכירעריש קינציקע המצאות און שפּיצלעך. ער האָט זיי געזאַמלט במשך לאַנגע יאָרן

אין אַ ריזיקן כּתבֿ־יד, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „קעגן די אַפּיקורסים”; ער פֿלעגט זיי זאַמלען מיט דער זעלבער התמדה, ווי טייל ליבהאָבער זאַמלען אויסטערלישע חפצים. מיט גיריקייט פֿלעגט ער אויסזוכן אַלעמאָל נייע, באַשאַפֿן אין זיין פֿאַנטאַזיע אַפּילו נישט געשטויגענע און זיי מיט ברען און התלהבות אַליין צוניכט מאַכן און זיך גלייכצייטיק פֿלאַנטערן אין זיי. טיילמאָל פֿלעגט ער בעטן בײַ גאָט פּשוטע אמונה, אָבער גאָט האָט אים מיט קיין פּשוטקייט נישט באַשאָנקען. אין טאָגטעגלעכן לעבן איז ער געווען נעבעכדיק, צוטרוילעך, אומבאַהאָלפֿן, ווי אַ פּיצל קינד. שלעכטע מענטשן האָבן אים זייער לייכט געקאָנט אָפּנאַרן; וועגן זיין פֿאַרחושטקייט פֿלעגט מען דערציילן אָן אַ שיעור לעכערלעכע מעשיות.

אויף דערדאָזיקער אומגעלומפּערטער פֿאַרזאַמלונג איז ער אויך געקומען צוליב זיין פֿאַרחושטקייט, אַ ביסל האָט אים אַהער געצויגן אויך די האָפֿנונג צו פּאַקן עפּעס אַ נייע אַפּיקורסות. איצט האָט דער בישאָף עוואַנדרעס זיך די גאַנצע צייט געקרימט מיט אַ פֿאַרדריסלעכער מינע אויפֿן פּנים און זיך פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט די קורצזיכטיקע אויגן פֿון דער בלענדנדיקער זון און דעם גלאַנצעדיקן מאַרמאָר. ער האָט זיך שלעכט געפֿילט און געוואָלט וואָס גיכער צוריק אַוועק אין זיין טונקעלער צעלע, צו זיינע ביכער, צו די כּתבֿ־ידן. יוּווענטינוּסן האָט ער נישט אָפּגעלאָזט פֿון זיך, אָפּגעהוזקט פֿון די פֿאַרשידענע אַפּיקורסישע סעקטעס און געוואָרנט אים קעגן דער יצר־הרע, וואָס שטעקט אין זיי.

אינמיטן דעם זאַל איז דורכגעגאַנגען אַ געזעצטער זקן, מיט ברייטע באַקנביינער, מיט אַ קרוין געדיכטע גרויע האָר אויפֿן קאָפּ; דאָס איז געווען דער זיבעציקיעריקער בישאָף פּורפּוריוס, אַן אַפֿריקאַנער דאָנאַטיסט, וועמען יוליאַן האָט באַפֿרייט פֿון פֿאַרשיקונג.

נישט קאָנסטאַנטינען, נישט קאָנסטאַנציוסן איז נישט געלונגען אונטערצודריקן דאָס דאָנאַטיסטישע אַפּיקורסות. טייכן בלוט זענען פֿאַרגאָסן געוואָרן צוליב דעם, וואָס מיט פֿינפֿציק יאָר צוריק איז אין אַפֿריקע נעגעבן געוואָרן סמיכה דאָנאַטוסן אַנשטאָט צעציליאַנען, אָדער פֿאַרקערט צעציליאַנען אַנשטאָט דאָנאַטוסן, — דאָסדאָזיקע האָט קיינער נישט געוווסט געגוי; אָבער די דאָנאַטיסטן און די צעציליאַנער האָבן איינער דעם אַנדערן געדורסט און עס איז אוממעגלעך געווען צו מאַכן אַ סוף צו דער בלוטיקער מלחמה צווישן דידאָזיקע צוויי קריסטלעכע סעקטעס,

וועלכע האט אויפגעפלאקערט נישט צוליב צוויי מיינונגען, נאר איבער צוויי נעמען.

יווענטינוס האט באמערקט, ווי א צעציליאנישער בישאף איז דורכגעגאנגען פארביי פורפוריוסן און נישט ווילנדיק אנגערירט מיטן ברעג פון זיין סוטאנע דעם דאנאטיסטס מלבוש. יענער האט זיך האסטיק אפגעריקט, אויפגעהויבן מיט צוויי פינגער מיט א מינע פון עקל די פאלע פון זיין מלבוש, אזוי אז יעדערער זאל זעען, און זי עטלעכע מאל אפגעשאקלט פון דער טומאה, וואס דעם צעציליאנערס בארירונג האט איבערגעלאזט אויף איר. עואנדרעס האט דערציילט יווענטינוסן, אז ווען א צעציליאנער קומט אמאל צופעליק אריין אין א דאנאטיסטישער קירך, טרייבן זיי אים ארויס און דערנאך וואשן זיי גוט אפ דאס ארט, וו ער איז געשטאנען, מיט געזאלצן וואסער.

הינטער פורפוריוסן איז ווי א געטרייער הונט נאכגעגאנגען דער דיאקאן לעאנע, זיין לייב-היטער, א האלב-ווילדער, ריזיקער אפריקאנער, א שווארצער, א שרעקלעכער, מיט א צוגעפלאטשטער נאז, גראבע ליפן, א.ן א שטעקן אין דער האנט; ער האט געהערט צו דער סעקטע זעלבסטפייניקער. צו דערדאזיקער סעקטע האבן געהערט די איינוווינער פון די העטולישע דערפער; מ'האט זיי גערופן צירקומצעליאנען. זייער עובדה איז באשטאנען אין ארומלויפן איבער די וועגן מיט געווער אין די הענט, יעדן איינעם, וועמען זיי פלעגן טרעפן, האבן זיי געשטופט געלט אין דער האנט אריין און געשריגן: „דערהרגעט אונז, אז נישט דערהרגען מיר אייך!" די צירקומצעליאנען פלעגן זיך אין נאמען פון קריסטוסן קוילענען, פארברענען, דערטרינקען, אבער נישט אויפהענגען, ווייל יהודה איש קריות האט זיך אויפגעהאנגען. טיילמאל פלעגן זיי מחנותווייז זיך אראפווארפן אין אן אפגרונט מיטן געזאנג פון קאפיטלעך תהילים; זיי האבן געהאלטן, אז זעלבסטמארד אין נאמען פון גאט וואשט אפ פון דער נשמה אלע זינד. דער פראסטער המון פלעגט זיי האלטן פאר הייליקע מארטירער. פארן טויט פלעגן זיי זיך אנטון כלערליי תענוגים — עסן, טרינקען, מאניס זיין פרויען. א סך פון זיי האבן נישט באנוצט קיין שווערדן, ווייל קריסטוס האט פארבאטן זיך באנוצן מיט א שווערד, דערפאר אבער האבן זיי מיט א רויק געוויסן „על פי דין" אויסגעהרגעט די אפיקורסים און געצנדינער מיט ריזיקע דרענגער; בשעת דידאזיקע שחיטות פלעגן זיי שרייען: „געלויבט איז גאט!" פאר דעמדאזיקן געשריי פלעגן די רויקע איינוווינער פון די אפריקאנישע

שטעט און דערפער מער מורא האָבן ווי פאַר דעם שאָדן פונם שונאס חילות און דעם ברומען פון די לייבן.

די דאָנאַטיסטן האָבן געהאַלטן די צירקומצעליאָנען פאַר זייערע וואָפן־טרעגער און לייב־היטער; דידאַזיקע העטולישע דאָרפסלייט האָבן זייער קנאַפּ פאַרשטאַנען די טעאָלאָגישע מחלוקתן, די געלערנטע דאָנאַ־טיסטן פלעגן זיי דעריבער אָנווייזן, וועמען מ׳דאַרף דערהרגענען „על פי דין״.

עוּאַנדרעס האָט יוּוועֶנטינוּסן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ שיינעם יונגנמאַן מיט אַ צאַרט, נאַיוו פּנים פון אַ יונג מיידל: דאָס איז געווען אַ קאַיניט.

געבענטשט זאָלן זיין די שטאָלצע, — האָבן געפּרעדיקט די קאַיניטן, — געבענטשט זאָלן זיין די ווידערשפּעניקע ברידער אונזערע: קאַין, חם, די איינוווינער פון סדום און עמורה — דאָס געזינדל פון דער העכסטער חכמה און פאַרבאָרגענעם שׂכל! קומט צו אונז, אַלע געפּלאָגטע, אַלע צעבוּנטעוועטע, אַלע באַזיגטע! געבענטשט זאָל זיין יהודה איש קריות. ער איז דער איינציקער פון אַלע אַפּאָסטאָלן, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דעם העכסטן וויסן, וואָס רופט זיך גנאָזיס. ער האָט פאַרקויפט קריסטוסן, כדי קריסטוס זאָל שטאַרבן און אויפשטיין תחית המתים, ווייל יהודה איש קריות האָט געוווּסט, אַז קריסטוסעס טויט וועט אויסלייזן די וועלט. ווער עס וויל אַריינדרינגען אין אונזער חכמה, דער מוז ברעכן אַלע צוימען, וואַגן צו דערגרייכן אַלץ ביזן לעצטן שטאַפּל, דער מוז פאַראַכטן דאָס גשמיות, נישט שרעקן זיך פאַרן חומר, זיך אַריינלאָזן אין אַלע זינד, אין אַלע קערפּערלעכע תענוגים, און אַזוי אַרום דערגייך ביז צו דער העכסטער מדרגה פון עקל צום גשמיות — צו דער לעצטער מדרגה פון רוחניות.

— יוּוועֶנטינוּס, אָט דערדאָזיקער מענטש האַלט זיך אָן אַן ערך העכער פון די שׂרפים און כּרובים, — האָט עוּאַנדרעס אָנגעוויזן אויף אַ שלאַנקן יונגן עגיפּטער, אָנגעטון לויט דער לעצטער ביזאַנטישער מאָדע, מיט אָן אַ שיעור טייערע רינגען אויף די געצערטלטע ווייסע פינגער, מיט אַ געשייט שמייכעלע אויף די דעליקאַטע, אָנגעפאַרבטע ליפּן, ווי בײַ אַ זונה; דאָס איז געווען דער וואַלענטיניאַנער קאַסיאָדאָר.

— אַלע קריסטן, — האָבן די וואַלענטיאַנער געלערנט, — האָבן אַ נשמה, גלייך ווי אַלע איבעריקע בעשעפענישן, נאָר קיין גייסט האָבן

זיי נישט, בלויז מיר אַליין, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין די סודות פֿון פֿלעראַן און גנאָזיס, זענען ראוי צו הייסן מיטן נאָמען מענטש; אַלע איבעריקע זענען חזירים און הינט.

קאַסיאַדאָר האָט געלערנט די תּלמידים זיינע:

— איר דאַרפֿט אַלעמען קענען און אייך קענען דאַרף קיינער נישט. פּאָר מענטשן, וועלכע זענען נישט באַהאַוונט אין אונזערע סודות, זאָגט אייך אָפּ פֿון גנאָזיס, שווייגט, זייט מבֿזה אַלע רעיות, זייט מבֿזה יעדער גלויבן, זייט מבֿזה קידוש השם. זייט דורכגעדרונגען מיט ליבע צו שווייגן און סודות. זייט אומבאַגרייפֿלעך און אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר די שונאים, ווי איבערנאַטירלעכע כּוחות. געוויינלעכע קריסטן דאַרפֿן האָבן מעשׂים טובֿים, כּדי אויסצולייזן די נשמה. מיר, וועלכע פֿאַרמאָגן די העכסטע געטלעכע דערקענטעניש, רופֿט זיך גנאָזיס, מיר דאַרפֿן נישט קיין מעשׂים טובֿים. מיר זענען די קינדער פֿון ליכט. זיי זענען קינדער פֿון פֿינצטערניש. מיר האָבן נישט קיין מורא פֿאַר זינד, ווייל מיר ווייסן: דעם קערפּער גיב קערפּערלעכס, דעם גייסט — גייסטיקס. מיר געפֿינען זיך אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז מיר קאָנען נישט זינקען; וויפֿיל חטאים מיר זאָלן נישט באַגיין, בלייבן אונזערע נשמות ריין אין די זינד, ווי גאָלד אין דער בלאָטע.

אַ פֿאַרזיכטיקער, שיקלדיקער אַלטיטשקער מיט אַ פּנים פֿון אַ ליידנשאַפֿטלעכן פּאַון, דער אַדמיט פּראַדיקוס, האָט געפּריידיקט, אַז זיין תּורה מאַכט דעם מענטש אַזוי נאַיוו, אַזוי אומשולדיק, ווי אדם הראשון אין גן־עדן: די אַדמיטן פֿלעגן אָפּרעכטן געהיימע ליטורגיעס אין זייערע קלויסטערן, אין וועלכע מ'פֿלעגט פֿריער איינהייצן ווי אין אַ באָד, די אָנגעהיצטע קלויסטערן האָבן בײַ זיי געטראָגן דעם נאָמען גן־עדן; פּונקט ווי אדם מיט חוהן, איידער זיי האָבן געגעסן פֿון עץ־הדעת, האָבן זיי זיך נישט געשעמט מיט זייער נאַקעטקייט און פֿאַרזיכערט, אַז אַלע מענער און פֿרויען זענען בײַ זיי אויסטערליש צניעותדיק; די צניעותדיקייט פֿון דידאַזיקע גן־עדנדיקע פֿאַרזאַמלונגען איז אָבער געווען זייער אַ צווייפֿלהאַפֿטע.

אויף דער פּאָדלאָגע, לעבן דעם אַדמיט פּראַדיקוס, איז געזעסן אַ בלאַסע פֿרוי מיט גרייז־גרויע האָר, אין בישאָפֿישע מלבושים, מיט אַ הערלעך־שיין, שטרענג פּנים, און האַלב־אַראָפּגעלאָזטע מידע ברעמען; דאָס איז געווען די נביאהטע פֿון די מאָנטאַניסטן. די אויסגעמאַטערטע סריסים מיט די געלע פּנימער פֿלעגן זיך באַציִען צו איר מיט יראת־

הכבוד, קוקן אויף איר מיט בענקלעכע, פארליבטע אויגן, רופן זי „הימלישע טויב". נאך לאנגע יארן מאטערניש פון בענקשאפט נאך אומעגלעכער ליבע, האבן זיי געפרעדיקט, אז דאס מענטשלעכע מין דארף אונטערגיין און דעריבער מוז מען גובר זיין די תאווה. אויף די אפגעברענטע פעלדער פון פריגיע, לעבן דער חרובער שטאט פעפוז, פלעגן דידאזיקע פארבענקטע טרוימער זיצן מחנותווייז, אנגעווענד דעם בליק אויף איין איינציק פינטעלע באם האריזאנט, פונוואנען עס האט זיך געדארפט באווייזן דער אויסלייזער; אין די פארנעפלטע אוונטן האבן זיי איבער די גרויע פעלדער, צווישן די וואלקנס, אין די אנגעגליטע גאלדענע פאסן, געזעען די געטלעכע פראכט, דאס מלכות השמים, דאס נייע ציון, ווי עס נידערט אראפ פון הימל, און זיי פלעגן שטארבן מיט דער האפנונג, אז דאס מלכות פון גאט וועט סוף-כל-סוף אראפנידערן אויף די פארברענטע חרבות פון דער שטאט פעפוז.

טיילמאל פלעגט די נביאהטע אויפהייבן די מידע ברעמען, ווענדן דעם פארנעפלטן בליק ערגעץ ווייט און ארויסמורמלען אויף ארמייש:

— מרן אתא! מרן אתא! — גאט קומט! גאט קומט!

און די בלייכע סריסים פלעגן זיך צובייגן צו איר און זיך איינהארכן.

יווענטינוס האט געהערט עזאנדרעסעס דערקלערונגען און געטראכט, אז דאס איז עפעס ענלעך צו א קאשמאר; עס האט אים פארפרעסט באם הארץ פון ביטערקייט און רחמנות.

פלוצלינג איז שטיל געווארן. אלעמענס אויגן האבן זיך געווענדט אין איין ריכטונג. אין צווייטן עק פון אטריום איז אויף א מארמארנער טריבונע ארויפגעשטיגן דער קייסער יוליאן. ער איז געווען איינגעהילט אין א פשוטער ווייסער כלאמידע פון א פארצייטישן פילאזאף; זיין פנים איז געווען שטאלץ, מלכותדיק; ער האט זיך באמיט אויסצוזעען גלייכגילטיק, אבער אין זיינע אויגן פלעגט נישט ווילנדיק אויפפלאקערן א פונק פון פארביסענער פרייד:

— זקנים און לערער! — האט ער זיך געווענדט צו דער פארזאמלונג, — מיר האבן באוויזן אונזער חסד צו אונזערע אונטערטאנער, וועלכע גלייבן אינם געקרייציקטן גלילער. מיר האבן צו זיי ארויסגעוויזן אונזער געפעליקייט און רחמנות: ווייל צו בלאנדזשענדיקע דארף מען האבן נישט קיין שנאה, נאר מיטלייד, און פארעקשנטע דארף מען דערנענטערן צום אמת מיט גוטע רייד, מיט מוסר, נישט מיט קלעפ, באליי-

דיקונגען און קערפּערלעכע שטראָף. הכּלל, מיר האָבן אייך דאָ אהער געררופן מיטן צוועק, צו ברענגען שלום אויף דער וועלט, אָפּצושטעלן די מחלוקתן, וואָס הערשן אין אייער קירך. אונטער אונזער שוץ און אַפּטרופּסות, האָפן מיר, וועט אייך געוויס געלונגען צו ווייזן אַ ביישפּיל פון יענע גרויסע מידות, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צו אייער הויכן באַרוף, אמונה און חכמה...

די פאַרויס צוגעגרייטע רעדע האָט ער געהאַלטן מיט גראַציעזע, צוגעפּאַסטע באַוועגונגען, ווי אַ געניטער רעדנער פאַר אַ פאָלקס-פאַר-זאַמלונג. אין די ווערטער זיינע, וועלכע זענען פול געווען מיט די בעסטע כּוונות, איז געלעגן באַהאַלטן אַ געפערלעכער גיפט: צווישן אַנדערן האָט ער אויך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן די נאַרישע, דערני-דערנדיקע רייסערייען צווישן די גלילער אויפן באַרימטן מעדיאָלאַנער קאָנציליום, אין די צייטן פון קייסער קאָנסטאַנציוס; ער האָט אויך דער-מאָנט מיט אַ ביז שמייכעלע וועגן טייל חוצפּהדיקע אויפהעצער, וועלכע באַדויערן, וואָס מ׳קאָן שוין היינט נישט רודפן די קעגנער, וואָס מ׳קאָן מער נישט פּייניקן און מאָרדן די אייגענע גלויבנס-ברידער. און וועלכע העצן דעם המון מיט נאַרישע מעשיות, גיסן בוימל אויפן פייער פון מחלוקת און פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט ברידער-האַס און ברידער-מאָרד: די-יעניקע זענען שונאים פון דער מענטשהייט, זיי זענען גורם די גרעסטע מענטשלעכע פּלאָג — הפקרות. און דער קייסער האָט אומגעריכט געענדיקט זיין רעדע כּמעט מיט אַן אָפענעם חוזק.

— אייערע ברידער, וועלכע זענען בעת די צייטן פון די קייסרים קאָנסטאַנטין און קאָנסטאַנציוס פאַרשיקט געוואָרן דורך די קאָנציליומס, האָבן זיך אומגעקערט פון זייער פאַרשיקונג, ווילנדיק שענקען פרייהייט אַלע בירגער פון דער רוימישער אימפּעריע. — גלילער, לעבט-זשע פון איצט אָן בשלום, לויטן געבאָט פון אייער רבי. און כּדי פולשטענדיק צו באַזייטיקן די מעגלעכקייט פון ווייטערדיקע רייסערייען, באַפעלמעכטיקן מיר אייך, קלוגע מדריכים, צו פאַרגעסן יעדע מיינונגס-פאַרשידנהייט, יעדע שנאה, זיך פאַרייניקן אין ברידערלעכער ליבע און קומען צו אַ געוויסן הסכּם אין דער קירך, כּדי פעסטצושטעלן פאַר אַלעמען בשותּפותדיקע דאָגמען פון אייער אמונה. צוליב דעם טאַקע האָבן מיר אייך דאָ אהערגערופן; אין אונזער הויז, לויטן ביישפּיל פון אונזערע פאָר-גייער קאָנסטאַנטין און קאָנסטאַנציוס; איר זאָלט דאָ אורטיילן און פעסטשטעלן מיט דער מאַכט, וואָס איז אייך געגעבן געוואָרן דורך דער

קירך. און מיר גייען אוועק, מיר לאָזן אייך איבער פולשטענדיקע פריי־הייט און דערוואַרטן אייערע באַשלוסן.

איידער עס האָט נאָך ווער פון דער פאַרזאַמלונג באַוויזן צו זיך צו קומען, אָדער דאָס מויל צו עפענען, איז יוליאַן אַרויס פון אַטריום, אַרומגערינגלט מיט זיינע פריינט, די פילאָזאָפן.

אַלע האָבן געשוויגן; עמעץ האָט אַ שווערן זיפץ געטון; אין דער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט דער פריידיקער, זיידענער גע־רויש פון די טויבן־פליגל אין הימל און דאָס שפריצן פונם פאָנטאַן אויפן מאַרמאָר.

פלוצלינג האָט אויף דער זעלבער מאַרמאָרנער טריבונע, אויף וועלכער דער קייסער האָט נאָר־וואָס גערעדט, זיך באַוויזן דער גוטמו־טיקער זקן מיט דעם פּראָווינצער אויסזעען, מיטן אַרמעגישן אַקצענט, פון וועלכן אַלע האָבן ערשט נישט לאַנג חוזק געמאַכט; זיין פּנים איז רויט געווען, די אויגן האָבן געפלאַקערט. דעם קייסערס רעדע האָט טיף באַליידיקט דעם אַלטן סעבאַסטישן בישאָף. פלאַמענדיק פון אייפער צו דער אמונה, איז עוסטאַפיוס אַרויסגעטרעטן פאַר דער פאַרזאַמלונג.

— פאָטערס און ברידער! — האָט ער אַ געשריי געטון און אין זיין שטימע האָט זיך געפילט אַזאַ קראַפט, אַז קיינעם איז איצט מער נישט איינגעפאַלן חוזק צו מאַכן פון אים.

— לאָמיר זיך פונאַנדערגיין בשלום. דער, וועלכער האָט אונז דאָ אַהערגערופן אויף שאַנד און שפּאָט, ווייסט נישט פון די קירך־קאַנאָנען, נישט פון די קאָנציליום־תקנות, — ער האָט אפילו דעם נאָמען קריס־טוסעס. לאָמיר־זשע נישט פאַרשאַפן קיין פרייד די שונאים; לאָמיר זיך אָפּהאַלטן פון צאָרנדיקע רייד. איך באַשווער אייך אין נאָמען פון אַל־מעכטיקן גאָט, ברידער, לאָמיר זיך פונאַנדערגיין שווייגנדיק!

ער האָט גערעדט מיט אַ הויכער שטימע, מיט אויפגעהויבענע אויגן צו די לאָזשעס, וועלכע זענען געווען פאַרהאָנגען פאַר די זונען־שטראַלן מיט רויטע פאָרהאַנגען; דאָרט, אין דער טיפעניש, צווישן די מאַרמאָר־זיילן, האָט זיך באַוויזן דער קייסער מיט זיינע פריינט, די פילאָזאָפן. אַ שושקעריי פון פאַרוווּנדערונג און שרעק האָט זיך דער־הערט צווישן די פאַרזאַמלטע. יוליאַן האָט אַ קוק געטון עוסטאַפיוסן גלייך אין פּנים אַריין. דער אַלטער בישאָף האָט אויסגעהאַלטן דעם בליק און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דער קייסער איז בלאַס געוואָרן.

אין דער זעלבער מינוט האָט דער דאָנאַטיסט פּורפּוריוס ברוטאַל

אָװעקגעשטופּט דעם בישאָף און פאַרנומען זײַן אָרט אויף דער טריבונע.

— האַרכט אים נישט! — האָט פּורפּוריוס אַ געשרײַ געטון. — צעגײט אײַך נישט, גײט נישט קעגן דעם קײסערס װילן. די צעציליאַנער זענען אין כּעס דערפֿאַר, װײַל ער איז אונזער אויסלײזער...

— נײן, ברידער!... — האָט זיך עוסטאַפּיוס געבעטן באַ אים.

— מיר זענען נישט אײַערע ברידער, — גײט אַװעק, פֿאַרשאָלטענע! מיר זענען דער רײַנער װײץ פֿון רבונו של עולם, און איר זענט דאָס טרוקענע שטרוי, װאָס איז באַשטימט געװאָרן פֿון גאָט אין פֿײַער אַרײַן!...

און װײַזנדיק מיט דער האַנט אויפֿן קײסער, דעם גאָט־אַפּטריניקן, האָט פּורפּוריוס װײַטער גערעדט מיט אַ זיגנעדיקן, פֿײַערלעכן טאָן, גלײַך װי ער װאָלט אויף אים געשיקט אַ קירכלעכע ברכה:

— געלויבט זאָל זײַן דער געבענטשטער, לײַטזעליקער, קלוגער אויגוסט! אָטערן און עקדישן װעסטו צעטרעטן, לײבן און שלאַנגען װעסטו דערדריקן, װײַל ס׳איז פֿאַרזאָגט געװאָרן די מלאכים אין הימל, זײ זאָלן דיך אָפּהיטן אויף אַלע װעגן דײַנע. געלויבט זאָלסטו זײַן!

די פֿאַרזאַמלונג איז אויפֿגערודערט געװאָרן; טײל האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף פֿאָלגן עוסטאַפּיוסעס עצה און זיך פֿונאַנדערגײן. אַנדערע װידער האָבן געפֿאָדערט אַ װאָרט. זײ האָבן נישט געװאָלט דורכלאָזן די איצטיקע געלעגנהײט, אפֿשר די אײנציקע אין גאַנצן לעבן, אַרויסזאָגן זײערע געדאַנקען פֿאַר אַן עולם מענטשן. די פּנימער זענען צעהיצט געװאָרן, די געשרײען זענען אַלעמאָל העכער געװאָרן.

— זאָל זיך נאָר איצט דערװעגן אַ צעציליאַנער אַרײַנצוקומען צו אונז אין קירך אַרײַן, — האָט פּאָרפּיריוס געפּײערט. — װעלן מיר אים אַרויפֿלײגן די הענט אויפֿן קאָפּ, נישט כּדי אים אויסצוװײלן פֿאַר אַ מנהיג, נאָר כּדי צו צעשפּאַלטן אים דעם מוח!

טײל האָבן אינגאַנצן פֿאַרגעסן צװאָס זײ זענען דאָ אַהערגעקומען און אָנגעהויבן פֿירן צװישן זיך טעאָלאָגישע װיכּוחים; אָנגעהויבן רופֿן יעדערער צו זיך, אויסכאַפּן אײנער באַם אַנדערן די צוהערער, פֿאַרנאַרן די יונגע, נישט געניטע גלחים.

דער באַזילידיאַנער טריפֿאָגוס, װעלכער איז געקומען צו פֿאָרן פֿון מצרים, איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַן עולם בײגירײקע,

וועלכע ער האָט געוויזן אַ קמיע פון דורכזיכטיקן כריזאָליט מיט אַ געהיימ־בישפולער אויפשריפט „אַבראַקסאַ".

— דער, ווער עס וועט באַגרייפן דאָס וואָרט „אַבראַקסאַ" — האָט טריפאָנוס גערופן דעם עולם — יענער וועט באַקומען די העכסטע פרייהייט, ער וועט ווערן אומשטערבלעך, ער וועט מעגן געניסן פון אַלע ווינדיקע תענוגים און וועט בלייבן ריין, אומשולדיק. „אַבראַקסאַ" איז בגמטריה 365. דאָס איז די צאָל עולמות העליונים. איבער די 365 ספירות, איבער די צבאות עאָן־גייסטער, מלאכים און שרפים, איז פאַראַן יענע אומאויסגעשפּראָכענע חשכות, וועלכע איז העכער פון דער ליכטיקייט, אַן אומבאַוועגלעכע, אַן אומגעבוירענע...

— אַן אומאויסגעשפּראָכענע חשכות האָסטו אין דיין נאַרישן מוח! — האָט אַן אַריאַנישער בישאָף אַ געשריי געטון און זיך אָנגעהויבן רייסן צו טריפאָנען מיט געביילטע פויסטן.

דער גנאָסטיקער איז תיכף אַנטשוויגן געוואָרן, אַרויפגעצויגן אויף די ליפּן אַ פאַראַכטנדיקן שמייכל, פאַרזשמורעט די אויגן און אויפגעהויבן אַ פינגער אינדערהייך.

— די גרויסע חכמה! אהאַ! די גרויסע חכמה! — האָט ער קוים צו דערהערן אַרויסגערעדט און אַוועקגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך אַרויס־געגליטשט פון אַריאַנערס הענט.

די פאַרליבטע סריסים האָבן אונטערגעהאַלטן די פעפּוזישע נביאה־טע אונטער די אָרעמס, זי האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי הויך זי איז גע־ווען, אַ שרעקלעכע, אַ בלאַסע, מיט צעשויבערטע האָר, מיט פאַרנעפּלטע, האַלב־משוגענע אויגן און אָנגעהויבן באַגייסטערט צו וואָיען, בישט זעענ־דיק און בישט הערנדיק גאָרנישט.

— מרן אתא! מרן אתא! — גאָט קומט! גאָט קומט!

די תלמידים פונם הייליקן בחור עפּיפאַנעס, אַזאַ מין געצנדינערי־שער האַלבער גאָט, אָדער אַ קריסטלעכער קדוש, וועלכן זיי האָבן פאַר־געטערט אין די קעפאַלאָנישע געבעט־הייזער, האָבן געראָפן:

— ברידערלעכקייט און גלייכקייט! קיין שום אַנדערע געזעצן זע־נען נישט פאַראַן. צעשטערט, צעשטערט אַלץ! זאָלן אַלע מענטשן האָבן אַלץ בשותפות, דאָס פאַרמעגן, די ווייבער, ווי גראָז, ווי וואַסער, ווי לופט און זון!

די אָפיטן, וועלכע בוקן זיך צו שלאַנגען, האָבן אויפגעהויבן אַ קו־

פערנעם צלם, אַרומגעוויקלט מיט אַ דרעסירט שלענגל פון טייך נילוס:

— די שלאַנגענע חכמה, — האָבן זיי געפּרעדיקט, — גיט דעם מענטש די דערקענטעניש פון גוטס און שלעכטס. אָ, דאָס איז דער משיח, דער אָפיאָמאָרפאָס. — דער שלאַנגענאַרטיקער! האָט קיין מורא נישט, — אַ י ם האָרכט; פאַרזוכט די פרוכטן פון עץ־הדעת — און איר וועט זיין גלייך צו די געטער!

מיט געשיקטקייט פון אַ קונצנמאַכער האָט איינער אַן אָנגעפּערפו־מירטער פּראַנט מיט געקרויזטע האָר געדרייט אינדערלופטן אַ דורזיכטי־קע גלעזערנע כלי מיט וואַסער; דאָס איז געווען אַ מאַרקאָזיאַנער, אַ געניטער פרויען־פאַרפירער, ער האָט גערופן דעם עולם צו זיך:

— זעט! זעט! אַ נס! דאָס וואַסער וועט באַלד אָנהייבן זידן און פאַרוואַנדלט ווערן אין בלוט.

די קאָלאַרבאַזיאַנער האָבן שנעל געציילט אויף די פינגער און אויפגעוויזן, אַז אַלע פּיטאַגאָרעישע ספירות, אַלע סודות פון הימל און ערד, געפינען זיך אין די אותיות פונעם גריכישן אַלף־בית:

— אַלף און ת — דער אָנהייב און דער סוף. און צווישן זיי די געטלעכע דרייאייניקייט — בית, גימל, דלת — פאָטער און זון און הייליקער גייסט. איר זעט, ווי פשוט דאָס איז.

די פאַביאָניטן, די זולל־וסובהדיקע קאַרפּאָקראַציאַנער, די אויסגע־לאַסענע באַרבעלאָניטן, האָבן געפּרעדיקט אַזעלכע עקלדיקע זאַכן, אַז פרומע לייט האָבן געהאַלטן אין איין שפייען און זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. טייל האָבן געווירקט אויפן עולם מיט יענער צוציונגס־קראַפט, וועלכע עס פאַרמאָגט איבער דעם מענטשלעכן שכל נאָר אויסטערליש משוגעת.

יעדער איינער איז זיכער געווען אין זיין גערעכטיקייט. אַלע קעגן איינעם, איינער קעגן אַלע.

אַפילו די נישטיקע סעקטע ראָגאַציאַנער, אַ פאַרוואָרפענע ערגעץ אין די ווייטסטע אַפריקאַנישע מדבריות, האָט אויך פאַרזיכערט, אַז ווען קריסטוס וועט ווידער אַראָפּקומען אויף דער ערד, וועט ער די אמתע פאַר־שטענדניש פון עוואַנגעליום געפינען נאָר בײַ זיי, אין די עטלעכע דער־פער פון דער רוימישער מויריטאַניע, — מער אין ערגעץ נישט אויף דער גאַנצער וועלט.

צואַנדרעס פון ניקאָמעדיע האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אַן יוועניטינוסן

און אין אײלעניש פֿאַרצײכנט אויף זײנע װאַקסענע טאָװעלעך די נײַ־טעקסטעס, פֿון װעלכע ער האָט נאָך ביז איצט נישט געװוּסט. ער איז גע־װען אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿון דעם אַרומיקן, װי אַ זאַמלער פֿון זעלטענע חפֿצים.

בשעת מעשה האָט פֿון די אײבערשטע מאַרמאָרנע לאָזשעס דער קײסער אַראָפּגעקוקט אויף דעם װיסטן געזינדל, זײַן בליק איז פֿול געװען מיט גיריקער, באַפֿרידיקטער שנאה, ער איז געװען אַרומגערינגלט מיט זײַנע חכמים אין די װײַסע פּאַרצײַטישע מלבושים. אַלע זײַנע נאָענטסטע פֿרײַנט זענען דאָ געװען: דער פּיטאַגאָרעער פּראָקלעס, נימפֿידיאַנוס, עוגעניוס פּריסקוס, עדעזיוס, דער גרײַז־גרויער רבי יאַמבליק דער געט־לעכער, דער הדרת־פּנימדיקער העקעבאָליוס, דער אַרציפּריסטער פֿון דער געטין דינדימענע; זײ האָבן נישט געלאַכט, נישט חוזק געמאַכט, אַ פֿול־שטענדיקע רויִקײט איז געװען אויסגעגאָסן אויף זײערע פּנימער, װי עס פּאַסט פֿאַר אמתע חכמים; טײלמאָל פֿלעגט איבער זײערע שטרענג־צו־נויפֿגעפּרעסטע ליפּן דורכשװעבן נישט מער װי אַ רויִקער שמײכל פֿון באַדויערן. דאָס איז געװען אַ יום־טובֿ פֿון דער העללענישער חכמה. זײ האָבן אַראָפּגעקוקט אויפֿן װילדן קאָנציליום, װי געטער קוקן אַראָפּ אויף די קריגערײען פֿון מענטשן, װי ליבהאָבער פֿון צירק קוקן אויף דער אַרענע, װוּ װילדע חיות פֿרעסן אײנס דאָס אַנדערע. אינם שאָטן פֿון די פּורפּורנע פֿאָרהאַנגען איז זײ געװען קיל און נחתדיק.

און אונטן האָבן די גלילעער זיך באַגאָסן מיט שװײס, לײגנדיק אײנער דעם אַנדערן אין חרם אַרײַן און געפּרעדיקט אַלע איבײנעם.

אינמיטן דעם טומל איז דער יונגער קאַיניט מיטן הערלעכן, צאַרטן, מײדלערישן פּנים, מיט די טרויעריקע, קינדעריש־ליכטיקע אויגן, אַרויפֿ־געשפּרונגען אויף דער טריבונע און אויסגעשריגן מיט אַזאַ באַגײסטער־טער שטימע, אַז אַלע האָבן זיך אויסגעדרײט און פֿאַרשטײנערט געװאָרן:

— געבענטשט זאָלן זײַן די אומגעהאָרכזאַמע, די װידערשפּעניקע קעגן גאָט! געבענטשט זאָל זײַן קאַין און יהודה איש קריות, די אײנ־װוינער פֿון סדום און עמורה! געבענטשט זאָל זײַן דער פֿאָטער זײערער, דער גײסט פֿון שאול און פֿינצטערניש!

דער צעיושעטער אַפֿריקאַנער פּורפּוריוס, װעלכן מ׳האָט די גאַנצע צײַט נישט געלאָזט קומען צום װאָרט, האָט אויסגעלאָזט צו אים זײַן ביטער האַרץ, ער האָט זיך אַ װאָרף געטון אויפֿן קאַיניט און אויפֿגע־

הויבן די האַריקע מוסקולירטע האַנט, כדי צו „פאַרשטאָפּן דאָס מויל דעם אפּיקורס".

מ'האָט אים צוגעהאַלטן און זיך באַמיט אים צו באַרויקן:

— פאָטער, עס פּאַסט נישט!

— לאָזט מיך! לאָזט מיך! — האָט פּורפּוריוס געשריגן, אַרויס־רייסנדיק זיך פון זייערע הענט. — עס איז שוין איבער דער טבע! אַזאַ מיאוסער מנוול! באַ־זשע דיר, דו קאַיִנישע זרע!

און דער דאָנאַטיסט האָט אַ שפּיי געטון דעם קאַיִניט גלייך אין פּנים אַריין.

אַלץ האָט זיך אויסגעמישט איינעם. עס וואָלט געוויס אויסגעבראָכן אַ געשלעג, ווען די שפּיזנטרעגער וואָלטן נישט צוגעלאָפן. די רוימישע לעגיאָנערן האָבן אָנגעהויבן פונאַנדערנעמען די קריסטלעכע גלחים און נעטענהט צו זיי:

— שטילער, שטילער! אין פּאַלאַץ טאָר מען נישט. עס פעלן אייך דען קלויסטערס צום שלאָגן זיך?

פּורפּוריוסן האָט מען געכאַפּט איף די הענט און געוואָלט אים אָוועקשלעפּן.

ער האָט אַ געשריי געטון:

— לעאָנע! דיאַקאָן לעאָנע!

דער ווילדער לייב־היטער זיינער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף די זעלנער, צוויי האָט ער אָניזערגעשליידערט אויף דער ערד, באַפרייט פּורפּוריוסן און איבער די קעפּ פון די קעמפנדיקע סעקטאַנטישע גלחים האָט אָנגעהויבן פאָכען און שניידן די לופט דער שרעקלעכער דראָנג אין דעם צירקומצעליאָנס האַנט.

— געלויבט איז גאָט! — האָט דער אַפריקאַנער געוואָיעט, זוכנ־דיק אַ קרבן מיט די ווילדע אויגן.

פּלוצלינג האָט זיך דער דראָנג אומעכטיק אַראָפּגעלאָזט אין זיינע אָפּגעשוואַכטע הענט. אַלע זענען פאַרשטיינערט געוואָרן. אין דער שטיל־קייט האָט זיך דערהערט אַ קוויטשיק געשריי פון אַ האַלב־משוגענעם סריס, דער פּערפּוזער נביאהטעס אַ באַגלייטער. ער איז געפאַלן אויף די קניען, זיין פּנים איז געווען אויסגעקרומט פון אימה. ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף דער טריבונע:

— דער שטן, דער שטן, דער שטן!

אויף דער מאַרמאָרנער טריבונע, איבער די קעפּ פונם עולם

גלילעער איז געשטאַנען דער קייסער יוליאַן מיט די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, אַ רויקער, אַ מאַיעסטעטישער, אין זיינע אויגן האָט געפלאַקערט אַ גרויזאַמע פרייד. ער האָט אין דערדאָזיקער מינוט אויסגעזען טאַקע ווי דער שטן אַליין.

— אָט אַזוי דערפילט איר דאָס געבאָט פון ליבע, גלילעער! — האָט ער אַרויסגערעדט בּאַ דער טויט-שטילקייט פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אַרומגעכאַפּט געווען מיט אַ שרעקלעכע אימה. — איצט זע איך שוין, וואָס פאַר אַ ווערט אייער ליבע האָט. באמת, זענען די ווילדע חיות אין וואַלד מער בּאַרמהערציק, ווי איר גלילעישע רודף-שלומניקעס. איצט וועל איך רעדן צו אייך מיט די ווערטער פון אייער אייגענעם ר ב י ן: „ווי צו אייך, איר געזעץ-קענער, וואָס האָט אייך צוגענומען דעם שליסל פון תורה-קענטעניש: אַליין גייט איר נישט אַריין און אַנדערע שטערט איר. ווי צו אייך, איר סופרים און פרושים!"

אַנגעזעטיקט זיך מיט דער שטילקייט, האָט ער צוגעגעבן רויק און לאַנגזאַם:

— אויב איר אַליין קאָנט נישט רעגירן איבער זיך — זאָג איך אייך איצט און וואָרן אייך פאַר ערגערע בּאַלגן: מיך זאָלט איר האָרכן, גלילעער, און מיר זאָלט איר אונטערטעניק זיין!

VII.

ווען יוליאַן איז פון קאָנסטאַנטינוסעס אַטריום אַראָפּגעגאַנגען דורך די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ און אַוועק אין דעם קליינעם טעמפּל פון דער געטין פון גליק טיוכע, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דעם פּאַלאַץ, כּדי דאָרט מקריב צו זיין אַ קרבן, איז צו אים אינמיטן וועג צוגעקומען אַן אייבגעהויקערטער, גרייז-גרויער זקן, דער כאַלצעדאָנישער בּישאָף מאַריס. דעם זקנס אויגן זענען אויסגערונען פון אַלטקייט; אַ יינגל, אַ וועג-ווייזער, האָט געפירט דעם בּלינדן בּאַ דער האַנט.

די טרעפּ האָבן געפירט אַראָפּ צום פּלאַץ אויגוסטעיאָן; אונטן איז געשטאַנען אַ גרויסער המון. מיט אַ הערשערישער האַנט-בּאַוועגונג האָט דער בּישאָף פאַרהאַלטן דעם קייסער און אָנגעהויבן מיט אַ זקנישער שטימע, אָבער קלאָר און פעסט:

— הערט אייך צו, איר אַלע פעלקער, שבטים, לשונות און מענטשן

פון יעדער עלטער, וויפיל ס'איז פאַראַן אַצינד און וויפיל ס'וועט זיין אויף דער וועלט! הערט מיך אויס, איר געטלעכע כוחות און מלאכים, וועלכע וועלן אינקורצן פאַרטיליקן דעם פייניקער! נישט דער מלך פון אמור, נישט עוג מלך הבשן וועט אראָפּגעוואָרפן ווערן, נאָר דער נחש, דער אָפּטריניקער, דער גייציקער פאַרשטאַנד, דער ווידערשפּעניקער נבוכדנצר, דער שרעקלעכער שונא, דער ערגסטער קעגנער, וועלכער האָט אָנגעטון דער וועלט אָן אַ שיעור יסורים, וועלכער האָט גערעדט מיט גאווה. פאַרנעם, הימל, מיינע רייד און הער דיך צו, ערד! איך דו נעם אויף מיין נביאה, קייסער, ווייל גאָט אַליין רעדט איצט צו דיר דורך די ליפּן מיינע. גאָטס וואָרט ברענט מיר מיין האַרץ און איך קאָן נישט שווייגן. — געציילט זענען די טעג דיינע. אַ קליינע צייט וועט פאַרביי — און דו וועסט אומקומען, פאַרשווינדן ווערן, ווי דער שטויב, געיאָגט פונם ווינט, ווי דער טוי, ווי דער פייף פון אַן אָפּגעלאָזטער פייל, ווי דער הילך פון אַ דונער, ווי דער פאַרשווינדנדיקער בליץ. דער קאַסטאַלישער קוואַל וועט אויף אייביק פאַרשטומט ווערן, — מ'וועט פאַרבייגיין און אָפּלאַכן פון אים. אַפּאָלאָ וועט צוריק ווערן אַ טויטער געץ, דאַפנע — אַ בוים, וואָס איז באַווייַנט געוואָרן אין אַ משל, — און מיט קברים-גראָז וועלן פאַרוואַקסן ווערן די צעשטערטע טומאות, אַ, די נישטיקע גאווה פון סנחריב מלך אשור! אַזוי זאָגן מיר פאָר, מיר, גלילעער, מיר נבזהדיקע מענטשן, וועלכע בוקן זיך צום געקרייציקטן, מיר, תלמידים פון די כפר-נחומער פישערס, וועלכע זענען אַליין אויך עם-הארצים, מיר, אויסגעפייניקטע פון תעניתים, האַלב-טויטע, וועלכע וואַכן בחינם און רעדן נאַרישע, פּוסטע רייד בשעת אונזערע וואַך-נעכט, דאָך וואַרפן מיר אייך אַראָפּ און פאַרטיליקן אייך. „ווו זענען די סופרים, ווו זענען די מפורשים פון היינטיקן דור?” איך זינג דאָסדאָזיקע ליד פון נצחון לויט די ווערטער פון איינעם פון אונזערע אומפאַרשטענדיקע. קום אַהער מיט דיינע קייסערלעכע, מיט דיינע סאָפיסטישע רייד, מיט דיינע אייזן-פעסטע סילאָגיזמען און ענטימעמען! לאָמיר זען, ווי אַזוי עס רעדן אויך אונזערע אומגעלערנטע פישערס. זאָל מוטיק אויפזינגען דוד, וואָס ער האָט מיט זיינע סודותדיקע שטיינדלעך אומגעברענגט דעם גאוותדיקן גלית, מיט זיין עניוות בייגעקומען אַלעמען און מיט די רוחניותדיקע, זיסע ניגונים אויסגעהיילט שאולן, ווען דער בייזער רוח האָט אים געפּלאָגט. מיר דאַנקען דיר, רבונו של עולם! אַצינד ווערט דיין הייליקע קירך גערייניקט דורך רדיפות. עס קומט דער אויסלייז-

ו ע ר! עס קומט דער ח ת ן! בואי כלה! ציגדס אָן מנורות! טוט אָן דעם דינער פון גאָט אומבאַפלעקטע קליידער, — איך גיי צו דיר, קריסטוס! טוט מיר אָן די חתונה-מלבושים!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט זינגענדיק, ווי די ווערטער פון אַ תּפילה. דער דערשיטערטער המון האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ צושטימונגס-געוויש. עמעצער האָט אויסגערופן:

— אמן!

דער קייסער האָט אויסגעהערט די לאַנגע רעדע ביזן סוף, רויק, קאַלטבלוטיק, ווי עס וואָלט זיך לחלוטין נישט געהאַנדלט וועגן אים; בלויז אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן האָט זיך טיילמאָל געזען אַ שאָטן פון אַ שמייכל.

— שוין, דו האָסט געענדיקט, אַלטער? — האָט ער אים רויק געפרעגט.

— נאָט אייך מיינע הענט! בינדט מיך! פייניקט! פירט מיך צום טויט! רבונו של עולם, איך נעם אָן די יסורים באהבה!

דער בישאָף האָט אויפגעהויבן די פאַרטונקלטע בלינדע אויגן צום הימל.

— דו מיינסט, מסתם, ליבער מענטש, אַז איך וועל דיך הייסן פירן צום טויט? — האָט יוליאַן אַרויסגערעדט. — האָסט אַ טעות. גיי דיר בשלום, איך האָב נישט קיין בייז האַרץ אויף דיר.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? וואָס רעדט ער עפּעס? — האָט מען זיך געפרעגט צווישן המון.

— וועסט מיך נישט ברענגען צו קיין נסיון! כ'וועל נישט אָפּטרעטן פון קריסטוסן! אַוועק, דו שטן, פון מיר! — תּליינים, פירט מיך צום טויט! איך בין דאָ!

— דאָ זענען נישט פאַראַן קיין תּליינים, פריינט מיינער. דאָ זענען פאַראַן בלויז גוטע מענטשן, פונקט אַזוי ווי דו. באַרויק דיך! דאָס לעבן איז פשוטער און לאַנגווייליקער, ווי דו מיינסט. איך האָב דיך אויסגעהערט, ווי אַ ליבהאָבער פון רעדנער-קונסט, אפילו פון גלילעישער. אַלץ האָט זיך אין דיין רעדע געפונען, אַלץ — סנחריבס גאווה, דער מלך פון לאַנד אמור, דודס שטיינדלעך און גלית הפלשתי! נישטאָ אין אייערע רייד קיין פשוטקייט. לייענט אונזער דעמאָסטענעסן, לייענט פּלאַטאָנען, און דער עיקר האָמערן. זיי זענען באמת געווען פשוט ווי די קינדער און קלוג ווי די געטער. יאָ, לערנט אייך, גלילעער, בא זיי די געטלעכע

רויקייט! גאָט איז דאָך נישט אין קיין שטורעם, נאָר אין אַ קול דממה דקה. אַט דאָס איז מיין גאַנצע לעקציע פאַר דיר. דאָס איז מיין גאַנצע נקמה — ווייל דו אַליין האָסט דאָך נקמה פאַרלאַנגט פון מיר.

— זאָל דיך גאָט דערשלאָגן, גאַטלעטטערער! — האָט מאַריס ווי־דער אָנגעהויבן.

— גאָט וועט מיך נישט מאַכן בלינד אין מיין צאָרן און דיך נישט זעעוודיק, — האָט דער קייסער אָפּגעענטפערט.

— איך דאַנק דעם רבונו של עולם פאַר מיין בלינדקייט, — האָט דער אַלטער אויסגעשריגן, — איך דאַנק אים, ווייל איך זע נישט דאָס פאַרשאָלטענע פרצוף פונם אַ פּ ט ר י נ י ק ן.

— וויפיל רשעות! וויפיל רשעות — אין אַזאַ שוואַכן גוף! איר, גלילעער, האַלט אין איין רעדן וועגן ליבע, — און וויפיל האַס עס ליגט אין יעדן וואָרט אייערן! ערשט נאָר־וואָס בין איך אַרויס פון אַ פאַרזאַמ־לונג, וווּ דיינע ברידער זענען גרייט געווען אין נאָמען פון גאָט צו צע־רייסן איינער דעם צווייטן ווי די ווילדע חיות, און איצט ביסטו ווידער דאָ מיט דיינע גיפטיקע, ווילדע רייד. פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שנאה? צי בין איך דען נישט אויך אייער ברודער? אָ, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי רויק, ווי גוט מיין האַרץ איז אין דער איצטיקער מינוט! איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס און איך וועל בעטן בא די אָלימפּישע געטער, זיי זאָלן ווייכער מאַכן דיין האַרט, פינצטער, ליידנדיק האַרץ, בלינדער מאַן. גיי דיר בשלום און געדענק, אַז נישט בלויז גלילעער קאָנען מוחל זיין.

— גלייבט אים נישט, ברידער! דאָס איז דעם שטנס אויפטו, דעם טייוולס נסיון! דו האָסט געזעצן, רבונו של עולם, ווי דער אַ פּ ט ר י־נ י ק ע ר! אָ, גאָט פון ישראל, — פאַרשווייג אים נישט!

יוליאַן האָט מער נישט געלייגט קיין אַכט אויף די קללות פונם בלינדן, ער איז דורכגעגאַנגען צווישן המון אין זיין פּשוטן ווייסן מאַנטל, וואָס האָט געבלאַנקט אויף דער זון, אַ רויקער, אַ מיושבדיקער, ווי אַ פאַרצייטישער העללענישער חכם.

VIII.

עס איז געווען אַ שטורעמדיקע נאַכט. זעלטן ווען אַ שטראַל פון דער לבנה האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די שנעל שוועבנדיקע וואָלקנס, און זיך מאָדנע צונויפגעגאָסן מיט די כּסדרדיקע בליצן. אַ וואַרעמער ווינט, דורכגעזאַפּט מיט אַ געזאַלצענעם ריח פון פוילע ים-געוויקסן, האָט געפּאַטשט אין פּנים אַרײַן מיט די טראָפּנס פון משופּעדיקן רעגן און געשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

צו אַן אײַנזאַמער חורבה אויפן ברעג פון באָספּאָר איז צוגעריטן אַ רײַטער. אין די אַלטערטימלעכע צײַטן, בשעת די טראָיאַנער האָבן נאָך דאָ געלעבט, האָט דידאָזיקע געבײַדע געדינט פאַר אַ וועכטערטורעם; איצט איז פון איר געבליבן נישט מער ווי אַ קופּע שטיינער, באַוואַקסן מיט ווילד-גראָז און עטלעכע האַלב-חרובע ווענט. אונטן איז געשטאַנען אַ קליין שטיבעלע, אַ מקום-מקלט אין אַ שלעכט וועטער פאַר פאַרבלאָנדזשעטע פּאַסטוכער און וואַנדערער.

דער רײַטער האָט אָנגעבונדן דאָס פערד אונטער דער שויך פון דעם האַלב-אײַנגעפאַלענעם סופּיט, פונאַנדערגעשפּרייט דאָס הויכע, שטעכעדיקע ווילד-גראָז און אָנגעקלאַפּט אין אַ נידעריק טירל:

— עפן, מעררעאַ! איך בין עס!

די טיר האָט זיך געעפנט און ער איז אַרײַן אינעווייניק אינעם האַלב-חרובן טורעם.

ער איז צוגעקומען צו אַן אָרט, וווּ עס האָט טונקל געברענט אַ שטורקאָץ. די שײַן פונם פלאַם איז אים געפאַלן אויפן פּנים. דאָס איז געווען דער קייסער יוליאַן.

זיי זענען ווײַטער געגאַנגען. די אַלטע האָט אויסגעצייכנט געקענט די גאַנצע געגנט, זי האָט אים געפירט בײַ דער האַנט.

זי האָט פונאַנדערגעשפּרייט די האַרטע שטעכעדיקע פאַרטרוקנטע דערנער און אָפּגעזוכט עפּעס אַ נידעריקן אַרײַנגאַנג אין אַ שפּאַלט צווישן פעלזן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּקלעטערן דורך שמאָלע טרעפּלעך. דעם ים האָט זיך געפונען גאָר נאָענט; דאָס פּאַטשן פון די כוואַליעס

האָט געטרייסלט די ערד; די שטיינערנע מויערן האָבן אָבער געשיצט פונם ווינט. די עגיפּטערין האָט אויסגעהאַקט פייער.

— נאַדיר, מיין הער, דאָס לעמפּל און דעם שליסל. זאָלסט אים צוויי מאָל איבערדרייען. דאָס טויער פון מאָנאַסטיר איז נישט פאַרשלאָסן. אויב דער שומר וועט דיך באַגעגענען, שרעק דיך נישט. ער איז איבערגעקויפט. נאָר זע, האָב קיין טעות נישט: אין אייבערשטן קאָרידאָר די דרייצענטע צעלע לינקס.

יוליאַן האָט געעפנט די טיר און אָנגעהויבן קלעטערן איבער די משופּעדיקע ברייטע טרעפּ פון פאַרצייטישע קיזל-שטיינער. באַלד איז דידאָזיקע אונטערערדישע הייל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ שמאָלן דורכגאַנג, אַז ווען דאָ וואָלטן זיך באַגעגנט צוויי מענטשן, וואָלטן זיי זיך נישט געקאָנט אויסמיידן. אַ געהיימער דורכגאַנג האָט פאַרייניקט דעם אַמאָליקן וועכטער-טורעם מיט דער פעסטונג אויף דעם קעגנאיבערדיקן ברעג פונם ים-אויסגוס, וואָס איז איצט געווען אַ פאַרלאָזטע חורבה, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ קריסטלעכער מאָנאַסטיר.

יוליאַן איז אַרויס פון דער אונטערערדישער הייל און האָט דערזען, אַז ער געפינט זיך הויך איבער דער אויבערפלאַך פונם ים, צווישן שפּיציקע פעלזן, אויסגעשטשערבעטע און צעפּרעסטע פונם כּסדרדיקן צושלאָגן פון די ים-כוואַליעס; ער האָט אָנגעהויבן אַרויפקלעטערן אויף שמאָלע טרעפּלעך, אויסגעהאַקט אין אַ פעלז. אַרויפקומענדיק, האָט ער דערזען אַ ציגל-פאַרקאַן. די ציגל זענען נישט רעגלמעסיק געווען צונויפגעלייגט, אויף טייל ערטער האָבן זיי אַרויסגעשטאַרט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די אַרויסשטאַרנדיקע ציגל מיט די הענט, אָנגעשפּאַרט מיט די פיס און פאַמעלעך אַריבערגעכאַפּט זיך אויף דער אַנדערער זייט אין אַ קליין גערטנדל, מיט וועלכן דער מאָנאַסטיר איז אַרומגערינגלט געווען.

ער איז אַרויס אויף אַ ציכטיקן הויף. אַלץ האָט דאָ געאָטעמט מיט מנוחה. די ווענט זענען געווען אַרומגעוואַקסן מיט טיי-רויזן: אין דער וואַרעמער, ערב-שטורעמדיקער לופט האָבן די בלומען אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ שטאַרקן, צעטומלענדיקן ריח.

די לאָדנס זענען בײַ איין פענצטער אין דער נידער נישט געווען צוגעמאַכט. יוליאַן האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער און אַריינגעקראָכן אינעווייניק.

עס האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין די דעמפּיקע לופט

פון מאַנאַסטיר. עס האָט זיך געשפּירט אַ פייכטקייט, ווייראויך־דאַמף, מויקי־צואה, הייל־קרייטעכצער און פרישע עפּל, וואָס די שפּאַרזאַמע מאָנאַכינס האָבן אָנגעלייגט אין די קעלערס אַריין.

דער קייסער איז אַראָפּ אין לאַנגן קאָרידאָר; פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן צוויי רייען טירן.

ער האָט אָפּגעציילט די דרייצענטע לינקס און שטילערהייט אויפגעשלאָסן די טיר. די צעלע איז געווען באַלויכטן מיט אַ שוואַכער שיין פון אַן אַלאַבאַסטערן נאַכט־לעמפּעלע. עס האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין אַן איינשלעפערנדיקע וואַרעמקייט. ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

אויף אַ נידעריק געלעגער מיט אַ שניי־ווייסער קאָלדרע איז געלעגן אַ מיידל אין אַ טונקעלער מאָנאַכישער טוניק. זי איז מסתם אַנטשלאָפן געוואָרן בשעת תּפילה, און נישט באַוויזן זיך אויסצוטון; דער שאָטן פון די לאַנגע וויעס איז איר געפאַלן אויף די בלייכע באַקן; די ברעמען זענען געווען צונויפגעקבייטשט שטרענג און מאַיעסטעטיש, ווי בײַ אַ טויטער.

ער האָט דערקענט אַרזינאָען.

זי האָט זיך שטאַרק געענדערט. בלויז די האָר זענען געבליבן די זעלבע, בײַ די וואָרצלען טונקל־גאָלדיק, בײַ די עקן העל־געל, ווי האָניק בײַ דער שיין פון דער זון.

אירע וויעס האָבן אַ ציטער געטון. זי האָט אָפּגעזיפצט.

פאַר זיינע אויגן האָט פּלוצלינג אַ פינקל געטון דער שטאָלצער קערפּער פון אַרטעמיס דער יעגערין, באַגאָסן מיט זונען־שיין, אַ בלענדנדיקער, ווי דער גאָלדפאַרביקער מאַרמאָר פון פּאַרטענאָן. און אויסציענדיק די הענט צו דער מאָנאַכין, וואָס איז געשלאָפן אונטער דער שוין פונם שוואַרצן קרייץ צוקאָפּנס, האָט יוליאַן אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַרזינאָע!

דאָס מיידל האָט געעפנט די אויגן, אַ קוק געטון אויף אים רויק, אָן פאַרוווּנדערונג, אָן שרעק, ווי זי וואָלט זיך גערעכנט אויף אים. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען, אַ ציטער געטון און אַדורכגעפירט מיט דער האַנט איבערן פּנים.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר.

— שרעק דיך נישט. זאָג מיר איין וואָרט — גיי איך שוין אַוועק.

— צוואָס ביסטו געקומען ?
— איך האָב געוואָלט וויסן, צי ס'איז אמת...
— יוליאַן, אַלץ איינס... מיר וועלן איינער דעם אַנדערן סיי־ווי ניט פאַרשטיין.
— איז עס אמת, אַרזינאַע ? דו גלייבסט אין א י ם ?
— זי האָט נישט געענטפערט.
— דו געדענקסט יענע נאַכט אין אָטען, — האָט דער קייסער ווייטער גערעדט, — דו געדענקסט, ווי דו האָסט מיך, דעם גליליישן מאַנאַך, געוואָלט ברענגען צו אַ נסיון, פּונקט אַזוי, ווי איך טו איצט מיט דיר ? אַרזינאַע, דער פּריערדיקער שטאָלץ, די פריערדיקע קראַפט זע איך אויף דיין פּנים, נישט די קנעכטישע הכנעה פון די גלילעער ! פאַרוואָס נאַרסטו מיך ? צי קאָן זיך דען אַ האַרץ אַזוי בייטן ? זאָג מיר דעם אמת.
— איך וויל מאַכט, — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.
— מאַכט ? דו געדענקסט נאָך אונזער בונד ! — האָט ער אויסגעשריגן מיט פרייד.
זי האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ :
— אָ, ניין !... איבער מענטשן — לויגנט זיך נישט. דו ווייסט עס אַליין. איך וויל מאַכט איבער זיך אַליין.
— און דערויף גייסטו אַוועק אין דער מדבר אַריין ?
— יאָ. און נאָך צוליב עפּעס — צוליב פרייהייט...
— אַרזינאַע, דו האָסט נאָך אַלץ ז י ך ליב, קיינעם נישט, נאָר זיך !
— איך וואָלט געוואָלט ליב האָבן אי זיך, אי יענעם, ווי ע ר האָט געבאָטן. איך קאָן אָבער נישט : איך האָס אי זיך, אי יענעם.
— עס איז גלייכער איינגאַנצן נישט צו לעבן, איידער אַזוי ! — האָט יוליאַן אויסגעשריגן.
— מ'דאַרף זיך איבערדייבערן, — האָט זי פּאַמעלעך אַרויסגערעדט, — מ'דאַרף מנצח זיין אין זיך נישט בלויז דאָס ווידערגעפיל צום טויט, נאָר אויך דאָס ווידערגעפיל צום לעבן — דאָס איז אַ סך שווערער, ווייל דאָס לעבן איז שרעקלעכער ווי דער טויט. דערפאַר אָבער, אויב דו וועסט אָפּהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון איבער זיך, וועט פאַר דיר לעבן און טויט זיין אַלצאיינס — און דעמאָלט קומט די פרייהייט !

אירע דינע ברעמען האָבן זיך געקנייטשט מיט דער עקשנותדיקייט פון אומבאַזיגלעכן ווילן.

יוליאַן האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרצווייפלונג:

— וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. — איר זענט דאָך אַלע פייניקער און געפייניקטע. צוואָס מוטשעט איר זיך אַליין? צי זעסטו דען נישט, אַז אין דיין האַרץ געפינט זיך נישט קיין שום אַנדער געפיל, אויסער כעס און יאוש...

זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ בליק פול מיט האַס:

— צו וואָס ביסטו אַהערגעקומען? איך האָב נישט געשיקט נאָך דיר. גיי דיר פונדאַנען. וואָס גייען מיך אָן דיינע געדאַנקען? עס זענען פאַר מיר גענוג מיינע אייגענע געדאַנקען, מיינע אייגענע יסורים!... צווישן אונז איז אַ תהום, וועלכן קיין לעבעדיקער מענטש קאָן נישט אַריבערטרעטן. דו זאָגסט: איך גלייב נישט. נאָר איך וויל גלייבן, דו הערסט? — איך וויל און וועל גלייבן. איך וועל אויספייניקן דאָס לייב מיינס, איך וועל עס אויסטרוקענען מיט הונגער און דורשט, עס וועט אויפהערן פילן, ווי אַ טויטער שטיין. נאָר דער עיקר איז דער שכל! מ'דאַרף אים אָפּטייטן אינגאַנצן, ווייל ער איז דער שטן אַליין. ער איז ערגער פון אַלע פאַרלאַנגען. איך וועל אים אָבער אָפּטייטן. דאָס וועט זיין דער לעצטער, דער העכסטער זיג! און דעמאָלט וועט קומען די פרייהייט. און דאַן וועלן מיר זען, צי וועט זיך נאָך עפּעס וואַגן צו בונטעווען אין מיר, צי וועט נאָך עפּעס וואַגן צו זאָגן: איך גלייב נישט.

זי האָט צונויפגעלייגט די דלאָניעס איינעם און אויסגעצויגן די הענט צום הימל מיט אַ האָפנונגסלאָזער תפילה:

— רבונו של עולם, זיי דערבאַרעמדיק איבער מיר! ווו-זשע ביסטו, רבונו של עולם, הער מיך אויס און דערבאַרעם דיך איבער מיר!

יוליאַן איז געפאַלן פאַר איר אויף די קניען, אַרומגענומען איר קערפּער מיט די הענט, מיט געוואָלט זי צוגעצויגן צו זיך אויף דער ברוסט; זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט מיט נצחון:

— אַ, אַרדינאַ, איצט זע איך שוין, — דו האָסט געוואָלט אַוועק פון אונז, דו האָסט געוואָלט, אָבער נישט געקאָנט. קום מיט מיר, קום — און מאָרגן וועסטו זיין די פרוי פונם רוימישן קייסער, די הערשערין איבער דער גאַנצער וועלט. ווי אַ גנב בין איך אַהער אַריינגעגאַנגען און וועל אַרויסגיין פונדאַנען ווי אַ זיגער, מיט מיין רויב אין דער האַנט. אַ, דאָס וועט זיין אַן אמתער נצחון איבער די גליליער!

אַרױנאָעס פּנים איז רױק און טרױעריק געװאָרן. זי האָט אַ קוק געטון אױף יוליאַנען מיט רחמנות און אים גישט אָפּגעשטױסן פֿון זיך:

— אומגליקלעכער, אומגליקלעכער, ביסט דערזעלבער װי איך! װוהין רזפסטו מיך? דו װײסט דאָך אַלײן נישט װוהין! צו װעמען איז דײן האָפֿנונג געװענדט? די געטער דײנע זענען דאָך מתים. פֿון דער־דאָזיקער פּעסט, פֿון דעם שרעקלעכן געדוך פֿון צעפֿױלונג אַנטלױף איך דאָך אין דער מדבר אַרײן. גײ אַװעק פֿון מיר. איך קאָן דיר נישט העלפֿן. גײ אַװעק!

זײנע אױגן האָבן אױפֿגעפֿלאַמט פֿון כעס און תאווה.

זי האָט אָבער אַרױסגערעדט נאָך רױקער, מיט נאָך מער רחמנות צו אים, אַזױ אַז זײן האַרץ איז פֿאַרציטערט געװאָרן און אַ שודער האָט אים אַרומגעכאַפּט, װי פֿון אַ שטערבלעכער באַלײדיקונג:

— צװאָס נאַרסטו דיך אַלײן? צי ביסטו דען נישט פּונקט אַזאַ אומגליקלעכער, אַזאַ פֿאַרלױרענער, װי מיר אַלע? רעכן דיך אַלײן איבער: װאָס זענען דײנע הכנסת־אורחים־הײזער, דײן צדקה, דײן רחמנות, די דרשות פֿון די העלעניש פּריסטער. דאָס אַלץ איז דאָך נאָכגעמאַכט די גליליער, דאָס אַלץ איז דאָך נײעס, די פֿאַרצײטישע חכמים, די העלדן פֿון העלאַדע האָבן דאָך נישט געװוסט פֿון דעם. יוליאַן, יוליאַן, דײנע געטער זענען דען די אַמאָליקע אָלימפּ־געטער, די שטראַלנדיקע, די אומברחמנותיקע — די שרעקלעכע אײנװױנער פֿון הימל־רױם, װאָס האָבן הנאה פֿון קרבנות־בלוט און קוױקן זיך מיט מענטשלעכע יסורים? בלוט און מענטשלעכע יסורים דאָס זענען דאָך דער נעקטאַר און די אַמבראָזיע פֿון די געטער. דײנע געטער זענען שױן אָבער אָנגעשטעקט מיטן גלױבן פֿון די כפֿר־נחומער פֿישערס, זײ זענען שװאַכינקע, גוטינקע, קראַנקע, שטאַרבנדיקע פֿון גרױס רחמנות צו די מענטשן; און װײסטו פֿאַרװאָס? װײל רחמנות צו מענטשן איז פֿאַר געטער שטערבלעך!

דער שטורעם־װינט האָט זיך אײנגעשטילט. דורכן פֿענצטער האָט זיך געזען, װי דורך די דורכגעריסענע װאָלקנס שײנט דער אומענד־לעך־בלױער הימל מיט עפּעס אַזאַ טרױעריק־גרינלעכן אָפּגלאַנץ, אױף יענעם אָרט, װו עס שטאַרבט אין הימל אַפֿראָדיטעס הערלעכער שטערן.

דער קײסער האָט געפֿילט אַ שװערע אָפּגעמאַטערטקײט. ער האָט איבער זיך געמאַכט געװאַלטיקע אָנשטרענגונגען אױסצוזען גלײכגילטיק, יעדעס

וואַרט, וואָס אַרזינאָע האָט אַרויסגערעדט, איז אים אָבער אַריינגעדרונגען טיף אין האַרץ און געמאַכט שמערצליכע ווונדן.

— אַזוי, — האָט זי ווייטער אומבאַרחמנותדיק גערעדט, — קראַנקע זענט איר, שוואַכע, צו שוואַך זענט איר פאַר אייגענער הכמה. דאָס איז די קללה, וואָס הענגט איבער אייך, צו שפּעט געקומענע העללענער! איר האָט נישט קיין כּוח נישט אויף גוטס, נישט אויף שלעכטס צו טון. איר הענגט צווישן טאָג און נאַכט, צווישן לעבן און טויט. אייער האַרץ איז דאָ און דאָרט; פון איין ברעג זענט איר אָפּגעשווומען, צום צווייטן נישט צוגעקומען. איר גלייבט יאָ און גלייבט נישט. איר בייט אייך כּסדר, איר וואַקלט אייך כּסדר, איר ווילט און קאָנט נישט, ווייל איר קאָנט נישט שטאַרק וועלן. שטאַרק, מעכטיק זענען נאָר יענע, וועלכע זעען נאָר איין אמת און זענען בלינד פאַר אַלע אַנדערע אמתן... זיי וועלן אייך מנצח זיין, ווייל איר זענט צווייאיק, שכלדיק און שוואַך...

יוליאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט גרויס מי, ווי ער וואָלט געווידבן מי יודע וויפיל, און אַ זאָג געטון:

— נישט אמת, אַרזינאָע. מיין האַרץ ווייסט נישט פון קיין שרעק, מיין ווילן איז פעסט און שטאַרק. די איבערנאַטירלעכע כּוחות פון גורל פירן מיך. אויב עס איז מיר באַשערט צו פרי צו שטאַרבן, ווייס איך, אַז מיין טויט וועט הערלעך זיין אין די אויגן פון די געטער. זיי געזעגנט. דו זעסט, איך גיי אַוועק פון דיר אָן צאָרן, אַ טרויעריקער און אַ רויקער, ווייל פון איצט אָן ביסטו פאַר מיר, גלייך ווי געשטאָרבן.

IX.

איבערן טויער פון דער הויפּט־געביידע פונם אַפּאָללאָ־שפּיטאָל פאַר אָרימעלייט, וואַנדערער און קאַלעקעס, אויפן מאַרמאָרנעם קאַרניז איבערן טויער איז אויסגעהאַקט געווען אויף גריכיש אַ פערז פון האָמערן:

אַלע שטאַמען מיר פון צעוסן — אָרימע וואַנדערער.
איך גיב אייך גאָר ווייניק, נאָר מיט ליבע איז מיין גאָב.

יוליאַן איז אַריין אין די אינעווייניקסטע זאַלן; אַ ריי שלאַנקע

יאַנישע זיילן האָט אַרומגערינגלט דעם בריווהדיקן הויף: דידאַזיקע געבײדע איז אַמאָל געווען אַ פּאַלעסטרע.

דער אָוונט איז געווען אַ מילדער, אַ רויקער, אַ נחתדיקער, די זון איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען. אָבער פֿון די שפּיטאָל־זאַלן, פֿון די אינעווייניקסטע צימערן האָט זיך דערטראָגן אַן עקלהאַפֿט געשטאַנק.

דאָ האָבן זיך אין איין קופּע צונויפֿגעשלאָגן קינדער און אַלטע לייט, קריסטן און געצנדינער, קראַנקע און געזונטע, קאַלעקעס פּאַרזעענישן, עפּילעפּטיקער, הינקענדיקע, מצורעים, באַדעקט מיט אייטערנדיקע קרעץ, געשוואָלענע פֿון וואַסער־קרענק, אויסגעדאַרטע פֿון שווינדזוכט, — מענטשן מיטן שטעמפּל פֿון אַלע קרענק און אַלע יסורים אויפֿן פּנים.

אַ האַלב־נאַקעטע זקנה, אַרומגעוויקלט מיט צעפּליקטע שמאַטעס, מיט אַ טונקעלער הויט, ענלעך צום קאָליר פֿון פֿאַרטרוקנטע בלעטער, האָט זיך געקראַצט, מיט דער פּלייצע, וואָס איז באַדעקט געווען מיט געשווירן און מכּות, אָן דעם צאַרטן מאַרמאָר פֿון אַ יאָנישן זייל.

אינמיטן הויף איז געשטאַנען אַ סטאַטוע פֿון אַפּאָלאָ דעם פּיטישן מיט אַ פֿיילנבויגן אין די הענט און מיט אַ קעסטל פֿיילן אויף דער פּלייצע.

באַם פּיעדעסטאַל פֿונם זונען־גאָט איז געזעסן אַן איינגעשרומפּן פֿאַרזעעניש, מיט אַ פּנים פֿון אַ זקן, אָדער פֿון אַ פּיצל קינד; מיט די הענט האָט עס געהאַלטן אַרומגענומען די אויפֿגעשטעלטע קניען, די גאָמבע צווישן זיי, עס האָט געשאָקלט פּאַמעלעך אַהין און צוריק מיט אַן אידיאָטישן אויסדרוק אויפֿן פּנים און געזונגען מיט אַ טרויעריקן ניגון:

— יעזוס קריסטוס. גאָטס זון, דערבאַרעם דיך איבער אונז זינדיקע!

דער הויפּט־אויפֿזעער פֿון שפּיטאָל, מאַרקוס אויזאָניוס, איז אַרײַנגעקומען אַ בלאַסער, אַ ציטערנדיקער.

— גנעדיקער, לייטזעליקער קייסער, אפשר וועסטו באַווילִיקן אַרײַנצוגיין אין מיין וווינונג? — דאָ איז זייער אַ שלעכטע לופֿט. מ׳קאָן זיך אויך לייכט אָנשטעקן: דאָ איז די אָפּטיילונג פֿאַר מצורעים.

— דו ביסט דער הויפּט־אויפֿזעער?

אויזאָניוס האָט זיך באַמיט נישט צו אָטעמען, אויס מורא זיך אָנצושטעקן מיט צרעת. ער האָט זיך שטילשווייגנדיק אַ בוק געטון ביז צו דער ערד.

— צי טיילט מען די קראַנקע יעדן טאָג ברויט מיט וויין ?
— אַלץ, ווי דער לייטזעליקער אויגוסט האָט באַפוילן.
— אַזאַ שמוץ דאָ איז !
— דאָס איז אַלץ פון די גלילער. זיי האַלטן פאַר אַ זינד צו באָדן זיך : בשום אופן קאָן מען זיי נישט צווינגען דערצו...
— הייס אַריינברענגען די ביכער מיט די חשבונות, — האָט יוליאַן באַפוילן.
דער אויפזעער איז געפאַלן אויף די קניען :
— גרויסער קייסער, אַלץ איז אין אָרדנונג, עס איז אָבער געשען אַן אומגליק : די ביכער זענען פאַרברענט געוואָרן...
דעם קייסערס פנים איז שטרענג געוואָרן.
אין דער זעלבער מינוט האָבן זיך דערהערט געשרייען צווישן דער צונויפגעשלאָגענער מאַסע חולאים :
— אַ נס ! אַ נס ! אַ פאַראַליזירטער איז אויפגעשטאַנען !
יוליאַן האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען, ווי אַ מענטש פון ריזיקער וווּקס מיט אַ פנים אַ וואַגזיניקס פון אומגעריכטער פרייד, מיט הענט אויסגעצויגן צו אים, מיט קינדערישער אמונה אין די אויגן, האָט זיך אויפגעשטעלט פונם פאַרפוילטן שטרוי-געלעגער.
— איך גלייב ! איך גלייב ! — האָט דער פאַראַליזירטער אַרויסגערעדט. — דו ביסט אַ גאָט, וואָס האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד ! דיין פנים איז ווי דאָס פנים פון אַ גאָט ! ריר מיך אָן, הייל מיך אויס, קייסער !
— אַ נס ! אַ נס ! — האָבן די קראַנקע געליאַרעמט. — געלויבט זאָל זיין דער קייסער ! געלויבט זאָל זיין דער היילנדיקער גאָט אַפאָללאָ !
— ריר דיך צו צו מיר ! זאָג אַ וואָרט און איך וועל געזונט ווערן ! — האָבן אַנדערע געשריגן.
די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך אַריינגעשלייכט דורכן אָפענעם טויער און באַלויכטן מיט אַ צאַרטער שיין דאָס מאַרמאָרנע פנים פונם גאָט אַפאָללאָ. דער קייסער האָט אויף אים אַ קוק געטון און אַלץ, וואָס ס'איז פאַרגעקומען דאָ אין שפיטאָל, האָט באַ אים אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ גאָט-לעסטערונג : דעם גאָטס ליכטיקע אויגן דאַרפן נישט קוקן אויף דידאָזיקע מיאוסקייטן. און יוליאַנען האָט אָנגעכאַפּט אַ חשק אויסצורייניקן די פאַרצייטישע פאַלעסטרע, ווו די העללענער האָבן אַמאָל

געאיבט זייערע פּרעכטיקע קערפּערס מיט פרייע, געטלעכע שפּילן, אויסרייניקן דאָס מקום־קדוש פון דעמדאָזיקן מיאוסן גלילעישן און געצנדינעישן ערב־רב, פון דעמדאָזיקן עפּושדיקן מענטשלעכן פּוילעכץ. אָ, ווען דער פּאַרצייטישער גאָט זאָל פּלוצלינג לעבעדיק ווערן, — זיינע אויגן האָלטן אויפגעפלאַקערט, זיינע פיילן וואָלטן אָנגעהויבן פייפן און דורכגעלעכערט די אַלע קאַליקעס און עפּילעפּטיקער און אויסגערייניקט די ענגע לופט.

שנעל און שוויגנדיק האָט ער פאַרלאָזט דאָס אַפּאָללאָ־שפּיטאָל, פאַרגעסנדיק וועגן די רעכנונגס־ביכער. ער האָט שוין איצט געוווסט אויף קלאָר, אַז אויזאָניוס, דער הויפּט־פאַרוואַלטער, איז אַ גנב, אַז די מסירה איז ריכטיק, נאָר אַזאַ מידקייט, אַזאַ עקל צו אַלץ און אַלעמען האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אויסצופאָרשן און פעסטצושטעלן די שווינדלערייען.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין פּאַלאַץ אַריין, איז שוין געווען שפּעט אינאָוונט. ער האָט צוויסן געטון, אַז ער וועט היינט קיינעם נישט אָננעמען און איז אַוועק אויף זיין באַליבט אָרט, אויף אַ הויכער פּלאַטפאָרם, אַרומגערינגלט מיט זיילן, באַם ברעג פון באָספאָר.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַרנומען מיט קליינע, נישטיקע, לאַנגווייליקע ענינים. עס זענען דורך אים אַנטדעקט געוואָרן אָן אַ שיעור מיסברויכן. דער קייסער האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז זיינע בעסטע פריינט נאַרן אים אָפּ. דידאָזיקע אַלע העללענישע געלערנטע, דיכטער, רעטאָריקער, וועמען ער האָט געגעבן אין די הענט אַריין די מאַכט איבער דער וועלט, האָבן נישט ערגער געגנבעט און געגזלט דאָס מלוכה־פאַרמעגן, ווי די קריסטלעכע סריסים און בישאָפן אין קאָנסטאַנציוסעס צייטן. די הכנסת־אורחים־הייזער, די פילאָזאָפן־היימען, ענלעך צו די קריסטלעכע מאָנאַכטירן, די שפּיטאָלן לכבוד אַפּאָללאָ און אַפראָדיטע זענען געווען נישט מער ווי אַ קוואַל פון הכנסה פאַר געשיקטע גנבים; נישט בלויז גלילעער, נאָר אפילו געצנדינער האָבן געקוקט אויף די אַלע אויפטוען, ווי אויף אַ לעכערלעכן, העסלעכן קאַפּריז פונם קייסער.

ער האָט געשפּירט אַ ווייטיק אין אַלע אברים, ווי פון שווערער, פרוכטלאָזער אָפּגעמאַטערטקייט. ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זיך צוגעלייגט אויף דעם איינלייג־בעט.

— מ׳דאַרף דאָס אַלץ אַרומטראַכטן רויק, שטיל, געלאַסן, —

האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, קוקנדיק אין פאַרנאַכטיקן הימל אַריין.

די געדאַנקען זענען אים אָבער נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

אַ גרויסער שטערן האָט געבלישטשעט אין טונקעלן, אומענדלעכן בלויען הימל-רוים. יוליאַן האָט צוגעלענט די ברעמען און דורך די וויעס האָט צו אים געפינקלט אַ שטראַל פון דעם שטערן, אַריינגעדרונגען טיף אין האַרץ, ווי אַ צערטלעכקייט פון אַ קילער האַנט.

ער האָט אַ ציטער געטון און דערפילט, אַז עמעץ געפינט זיך דאָ מיט אים אין צימער. די לבנה-שיין איז געפאַלן צווישן די ווילן. אַ הויכער זקן מיט אַ לאַנגער, שניי-ווייסער באָרד, מיט טיפע קנייטשן אויפן פּנים, וואָס איז פול געווען נישט מיט צער, נאָר מיט שטאַרקן ווילן און טיפן פאַרשטאַנד, איז געשטאַנען איבער זיין בעלעגער. יוליאַן האָט זיך אויפגעזעצט און אַרויסגעמורמלט:

— רבי! דו ביסט עס?...

— יאָ, יוליאַן, איך בין געקומען שמועסן מיט דיר אויג-אויף-אויג.

— איך הער.

— זון מיינער, דו וועסט אומקומען, ווייל דו האָסט דיך אַליין פאַרראַטן.

— דו אויך, מאַקסים, דו ביסט אויך קעגן מיר!

— געדענק יוליאַן: די גאָלדענע גן-עדן-עפּעלעך זענען אייביק גרין און אייליק. רחמנות — דאָס איז די ווייכקייט און זיסקייט פון אי-בערגעשטאַנענע, פוילנדיקע פּירות. דו ביסט אַ פּאַסטער, אַ צניעותדיקער, אַ טרויערנדיקער, אַ בעל-רחמנות. און דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ שונא פון קריסטנטום. — דו ביסט אַליין אַ קריסט. — זאָג מיר, מיט וואָס ווילסטו באַזיגן דעם געקרייציקטן?

— מיט דער קראַפט פון די געטער — מיט שיינקייט און פרייד.

— האָסטו גענוג כוח?

— איך האָב.

— אַזויפיל, כדי צו קאָנען פאַרטראָגן דעם נאַקעטן אמת?

— יאָ.

— ווייס-זשע — זיי זענען נישטאָ.

יוליאַן האָט מיט שרעק אַ קוק געטון אין ר'בינס רויקע, קלוגע אויגן אַריין.

— וועמען מיינסטו דאָס: „זיי זענען נישטאָ״? — האָט ער גע-פרעגט מיט אַ פאַרציטערטער שטימע, בלאַס ווי קרייד.

— איך מיין דערמיט, אַז קיין געטער זענען נישטאָ. דו ביסט איי-נער אַליין.

מאַקסימס תלמיד האָט גאַרנישט געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

אַ טיפע ליבע, אַ צאַרטע, אַ מילדע, האָט אויפגעשיינט אינם ר'בינס אויגן. ער האָט געלייגט זיין האַנט אויף יוליאַנס אַקסל:

— טרייסט דיך, מיין זון. דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען. איך האָב דיך בלויז געוואָלט אויספּרווון. די געטער זיינען פאַראַן. זעסט שוין, ווי שוואַך דו ביסט. דו קאָנסט נישט זיין אַליין. די געטער זענען פאַראַן— זיי זענען מיט דיר. נאָר וויסן זאָלסטו: נישט דו וועסט פאַררייניקן דעם אמת פונם געשמידטן טיטאַן מיטן אמת פון געקריי-ציקטן גליליער. דו ווילסט, קאָן איך דיר זאָגן, ווי אַזוי ער וועט זיין, יענער, דער אומבאַקאַנטע, וואָס וועט קומען און שלום מאַכן צווישןביידע וועלטן.

יוליאַן האָט נאָך אַלץ געשוויגן אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער.

— ער וועט אָנקומען, — האָט מאַקסים געזאָגט, — ווי אַ בליץ פון די וואָלקנס אַרויס, ער וועט מיט זיך טראָגן די בלענדנדיקע ליכ-טיקייט און דעם גרויזאַמען טויט. ער וועט זיין שרעקלעך און אומדער-שראָקן. אין אים וועלן זיין פאַרייניקט גוטס און שלעכטס, הכנעה און גאווה, ווי ליכט און שאָטן גיסן זיך צונויף אין דער פאַרטאָגעדיקער דע-מערונג. און די מענטשן וועלן אים בענטשן נישט בלויז פאַר זיין רחמנות, נאָר אויך פאַר זיין אומברחמנותדיקייט: אין איר וועט זיין געטלעכע שיינקייט און געטלעכע גבורה.

— רבי, — האָט דער קייסער אויסגעשריגן, — דאָס אַלץ זע איך אין דיינע אויגן. זאָג מיר, אַז דו ביסט עס יענער, וועל איך פאַר דיר פאַלן אין שטויב, בענטשן דיך און גיין נאָך דיר אין עק וועלט אַריין!...

— ניין, זון מיינער. איך בין נאָר אַן אָפּגלאַנץ פון זיין ליכטי-קייט, אַן אָטעם פון זיין גייסט. איך בין נאָך נישט ער. איך בין די האָפנונג, איך בין דער בשורה-אָנזאָגער.

— פאַרוואָס-זשע פאַרבאָרגסטו דיין געשטאַלט פון דער וועלט ? באַווייז דיך צו די מענטשן, זיי זאָלן דיך דערקענען, ווער דו ביסט...

— מיין צייט איז נאָך נישט געקומען, — האָט מאַקסים געענטפערט, — איך בין שוין נישט איינמאָל געקומען אויף דער וועלט, און איך וועל נאָך קומען נישט איינמאָל. מענטשן האָבן מורא פאַר מיר, זיי רופן מיך אָדער דער גרויסער חכם, אָדער דער בעל-נסיון, אָדער דער מכשף — אָרפעוס, פיטאַגאָראַס, מאַקסים פון עפעזוס. איך האָב אָבער קיין נאָמען נישט. איך גיי אַדורך די וועלט מיט פאַרשטומטע ליפּן, איך גיי פאַרביי דעם המון מיט אַ פאַרהילט פנים. ווייל וואָס האָב איך דען צו זאָגן דעם המון ? זיי וועלן באַלד אפילו דאָס ערשטע וואָרט מיינס נישט פאַרשטיין. דער סוד פון ליבע און פרייהייט איז פאַר זיי שרעקלעכער ווי דער טויט. זיי זענען אַזוי ווייט פון מיר, אַז זיי קרייציקן מיך אפילו נישט און פאַרשטיינערן מיך נישט, ווי זיי טוען מיט זייערע נביאים, זיי דערקענען מיך בלויז נישט. איך לעב אין די קברים און שמועס מיט די מתים, איך הייב מיך אויף אין הימל-רוים און שמועס מיט די שטערן. איך וואַנדער אין די מדבריות און הער מיך צו, ווי עס וואַקסט דאָס גראָז, ווי עס קרעכצן די ים-כוואַליעס, ווי עס שלאָגט דאָס האַרץ פון דער ערד. איך האָרך מיך צו — צי איז נאָך נישט געקומען די צייט, אָבער די צייט איז נאָך נישט געקומען, — און איך גיי ווידער אַוועק, ווי אַ שאָטן, מיט פאַרשטומטע ליפּן, מיט אַ פאַרהילט פנים.

— גיי נישט אַוועק, רבי, פאַרלאָז מיך נישט !

— שרעק דיך נישט, יוליאַן ; איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן ביזן סוף. איך האָב דיך ליב, ווייל דו מוזסט אומקומען צוליב מיר, געליבטער זון מיינער, — און קיין רעטונג פאַר דיר איז נישטאָ. — איידער איך וועל קומען אויף דער וועלט און נתגלה ווערן פאַר מענטשן, וועלן נאָך אַ סך אָנקומען, אַ סך גרויסע, אָפּגעשטויסענע, צעבונטעוועטע קעגן גאָט, מיט אַ שיף, צווייאיק האַרץ, געלעכטע פון מיין חכמה, אַזעלכע אָ פּ ט ר י-נ י ק ע, אַזוי ווי דו. די מענטשן וועלן דיין נאָמען מיט אַ קללה באַגלייטן, אָבער פאַרגעסן וועלן זיי דיך קיינמאָל נישט, ווייל מיין חותם ליגט אויף דיר, ווייל דו ביסט דורך מיר באַשאַפן געוואָרן, ווייל דו ביסט אַ קינד פון מיין חכמה. מענטשן פון שפּעטערדיקע, קומענדיקע דורות וועלן אין דיר דערקענען מיך, אין דיינע ספקות וועלן זיי מיינע

האָפנוּנגען זעען, און אין דיין חרפה מיין גרויסקייט, ווי די זון זעט זיך אַרויס פונם נעפּל.

— אָ, געשלעכער, — האָט יוליאַן אויסגעשריגן, — אויב דיינע ווערטער זענען שקר, לאָז מיך אומקומען פאַר דעמדאָזיקן שקר, ווייל דיין שקר איז שענער, ווי דער אמת אַליין!

— אַמאָל האָב איך דיך געבענטשט צום לעבן און רעגירן, קייסער יוליאַן; איצט בענטש איך דיך צום טויט און אויף אומשטערבלעכקייט. גיי, און שטאַרב פאַר דעם אומבאַקאַנטן, פאַר דעם קומענ־דיקן, פאַרן אַנטיקריסט.

מיט אַ פייערלעכן, שטילן שמייכל אויף די ליפּן, ווי אַ פאָטער בענטשט אַ זון, האָט דער אַלטער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף יוליאַנס קאָפּ, אים אַ קוש געטון אין שטערן און געזאָגט:

— איצט וועל איך צוריק פאַרשווינדן אין דער אונטערערדישער חשכות, און קיינער וועט מיך נישט דערקענען. זאָל דער גייסט מיינער רוען אויף דיר.

X.

אין גרויס־אַנטיוכיאַ, אין דער הויפּטשטאָט פון סיריע, אין אַ געסל, נישט ווייט פון דער הויפּטגאַס זינגאָן, האָבן זיך געפונען די טער־מען, די שפּאַטישע שוויץ־בעדער. די בעדער זענען געווען לוקסוסדיקע, פאַר רייכע לייט. אַ סך מענטשן פלעגן באַזוכן די בעדער בלויז דערויף, כדי צו דערוויסן זיך די לעצטע שטאָט־נייעס.

צווישן דער גאַרדעראָבע און דעם קיל־צימער האָט זיך געפונען אַ פּרעכטיקער זאַל, אויסגעפלאַסטערט מיט קאָלירטן מאַרמאָר און מאָזאַיק, דאָס איז געווען דער זאַל צום שוויצן.

פון די שכנותדיקע זאַלן האָט זיך געהערט דאָס פליסן פון וואַסער אין די אָפּהילכנדיקע וואַנעס אַריין, אין די ריזיקע באַסיינען, דאָס פּליעס־קען און די געלעכטערן פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט גע־באָדן.

ברוינלייביקע קנעכט, נאַקעטע באָד־יונגען זענען אַרומגעלאָפן, גע־פּאַרעט זיך, אויפגעשרויפט סלאָיען מיט שמעקעדיקע בשמים. אין אַנטיו־כיאַ זענען דידאָזיקע בעדער געווען די בעסטע פרייד פון לעבן, די

העכסטע ראַפינירטסטע פאַרווייַלונג: נישט אומזיסט האָט די טירישע הויפּטשטאָט געשמט מיט אירע וואַסערן, וועלכע זענען געווען מחיהדיק ריין, און אַזוי דורכזיכטיק, אַז אַ פולע כלי מיט וואַסער האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען ליידיק.

פון צווישן דעם מילך־ווייסן דאַמף, וואָס האָט געזעצט פון די מאַרמאָרנע אָנגעגליטע לופטן, האָבן זיך אין דעם שוויץ־זאַל געזען רויטע נאַקעטע לייבער. טייל זענען געזעסן, טייל זענען געווען אָנגעלענט; איבער טייל זענען געשטאַנען באָד־דינערס און זיי איינגעריבן מיט בוימל. אַלע האָבן געשמועסט און געשוויצט מיט ערנסטע פּנימער. די שיינקייט פון די פאַרצייטישע סטאַטועס, וואָס זענען געשטאַנען אַרום בײַ די ווענט אין ספּעציעלע נישעס, די אַנטינאָעס־און אַדאָניס־סקולפּטורן האָבן בולטער געמאַכט די איצטיקע העסלעכקייט פון די לעבעדיקע מענטשלעכע לייבער.

פון אַ הייסער וואַנע איז אַרויסגעקומען אַ דיקער זקן, אַ מאַיעסטעטישע פיגור, נאָר אַ העסלעכע — דאָס איז געווען דער סוחר בוזיריס, וועלכער האָט געהאַלטן אין זײַנע הענט דעם גאַנצן האַנדל מיט תבואה אין אַנטיוכיאַ. אַ שלאַנקער יונגערמאַן האָט אים דרך־ארצדיק אונטערגעהאַלטן אונטערן אָרעם. כאָטש ביידע זענען געווען נאַקעט, פונדעסטוועגן האָט מען תיכף געקאָנט דערקענען, ווער פון זיי עס איז דער פּאַטראָן און ווער דער קליענט.

— לאָז צו נאָך אַ ביסל דאַמף! — האָט בוזיריס אַרויסגערעדט מיט אַ באַפעלעריש, הייזעריק קול: לויט דעם טאָן פון זײַנע ווערטער האָט מען לייכט געקאָנט תופס זײַן מיט וויפיל מיליאָנען דער דאָזיקער תבואה־סוחר אָפּערירט.

מ׳האָט אויפגעעפנט צוויי קופערנע קראַנען: אַ וואָלקן קאָכעדיקער דאַמף האָט זיך אַרויסגעריסן מיט אַ סיק פונם מאַרמאָרנעם לופט און אַרומגעהילט דעם אַלטן מיליאָנער. אַזוי ווי אַן אוריסטעטלישער גאָט אַרומגערינגלט מיט אַן ענן־הכבוד איז ער געשטאַנען אינמיטן דעם וואָלקן, נעסאַפּעט, געקרעכצט פון תענוג און זיך געפּאַטשט מיט די פעטע דלאָניעס אין רויטן, פליישיקן בויך אַריין, וועלכער האָט אָפּגעהילכט ווי אַ פויק.

דער געוועזענער אויפזעער איבער די הכנסת־אורחים־הייזער און שפּיטאָלן לכבוד דעם גאָט אַפּאָלאָ, דער באַאַמטער פון דער קוואַסטור לאַרקוס אויזאָניוס איז געזעסן אויף דער ערד; ער איז געווען אַ פּיצל

מענטשעלע, אַ דאַרס, און האָט לעבן דעם פעטן ריז, דעם תבואה־סוחר, אויסגעזעען ווי אַן אָפּגעצופּט, געפּרוירן הינדעלע.

דער לצנות־טרייבער יוניוס מורריקוס האָט בשום אופן נישט געקאָנט שוויצן, זיין מוסקולירטער, ביינערדיקער גוף, דאַר ווי אַ שטעקן און דורכגעזאַפּט מיט גאַל, האָט בשום אופן נישט געקאָנט נעמען אויף זיך קיין שווייס.

גאַרגיליאַנוס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער מאָזאַיק אַ פעטער, אַ לאַבעריקער, אַ ווייכער ווי אַ שטיק טייג, אַ רידיקער, ווי אַ געקיילט חזיר: אַ פּאַפּלאַגאָנישער קנעכט האָט, שווער אָטעמענדיק פון אָנשטרענגונג, איינגעריבן זיין פעטע פלייצע מיט אַ נאַס טיכל.

דער רייך־געוואָרענער פאַעט פּובליוס פּאָרפיריוס אָפּאָציאַנוס האָט מיט אַ טרויעריקער פאַרטראַכטקייט געקוקט אויף זיינע אייגענע פיס, וועלכע זענען געווען אויסגעקרומט פון פּאָדאַגרע.

— איר ווייסט, מיינע פריינט, וואָס פאַר אַ בריוו די ווייסע אָקסן האָבן געשריבן צום רוימישן קייסער? — האָט דער דיכטער אַ פרעג געטון.

— מיר ווייסן נישט. דערציילט.

— נישט מער ווי איין־איינציקע שורה: „קיים וועסטו באַזיגן די פּערסן — זענען מיר פאַרלוירן“.

— דאָס איז אַלץ?

— וואָס דאַרף מען דען מער?

גאַרגיליאַנוסעס ווייטער גוף האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען אינגאַנצן פון געלעכטער:

— איך שווער בײַ דער געטין פּאַללאַס, קורץ און שאַרף! קוים וועט ער צוריקקומען פון פּערסיע מיט נצחון, וועט ער מקריב זיין פאַר די געטער אַזוי פיל ווייסע אָקסן, אַז זיי וועלן ווערן אַ גרעסערע זעלטנהייט ווי דער עגיפּטישער אַפּיס. קנעכט, רייב די זייטן! שטאַרקער!

און דער חזיר־גוף זיינער האָט זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און אַנידערגעפּלאַצט אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַזאַ קלאַנג, ווי מ'וואָלט אַנידערגעוואָרפן אַ פּעקל נאַסע וועש.

— כע־כע־כע! — האָט זיך יוניוס צעלאַכט מיט אַ דין, גאַליק געלעכטערל. — מ'זאָגט, אַז פון אינדיע, פון אינזל טאַפּראָבאַן האָט מען געבראַכט צו פירן אַן אַ שיעור ווייסע, אויסטערלישע עופות אַזש פון

הינטער די הרי־חושך, פון שנייאיקן סציטן־לאַנד האָט מען געבראַנגט ווילדע שקלאַפֿן. און אַלץ פֿאַר די געטערסוועגן. ער פֿאַשעט זיי, די אָלימפּישע. זיי זענען נעבעך אויסגעמאָגערט, אויסגעהונגערט אויף פֿון קאָנסטאַנטינס צייטן אָן!

— די געטער פֿרעסן און זויפֿן און מיר פֿאַסטן. שוין דריי טעג, ווי מ'קאָן נישט קריגן אויפֿן מאַרק קיין איין קאַלכידער באַזשאַנט, קיין איין לייטישן פֿיש, — האָט זיך גאַרגיליאַנוס אָפּגערופֿן.

— אַזאַ שנעק! — האָט דער תּבואה־סוחר אַריינגעברומט אינמיטן.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן דרך־ארצדיק און זיך אויסגעדרייט צו אים.

— אַזאַ שנעק! — האָט בוזיריס איבערגעחזרט נאָך גדלותדיקער און נאָך הייזעריקער. — איך זאָג אייך, ווען מ'זאָל אייער רוימישן קייסער אַ קוועטש טון בײַ די ליפּעלעך, אָדער בײַם נעזל, וועט אָנהייבן רינען מילך, ווי בײַ אַ צוויי־וואָכעדיק זויג־קינד. עס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו וואַרפֿן דעם פּרייז פֿון תּבואה, האָט ער פֿאַרווערט צו פֿאַרקויפֿן פֿאַר דעם פּרייז, וואָס מיר האָבן באַשטימט, און דערצו נאָך אַראָפּגעבראַנגט 400.000 קערך תּבואה פֿון מצרים...

— נו? און דער פּרייז איז טאַקע געפֿאַלן?

— הערט־זשע. האָב איך אָפּגעמאַכט מיט די סוחרים; מ'האָט פֿאַרמאַכט די שפּייכלערס, — איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — פֿאַרפֿוילט זאָל די תּבואה ווערן און אונזערס מוזן מיר אויספֿירן. דאָס ברויט פֿון מצרים האָט מען אויפֿגעגעסן און מיר פֿאַרקויפֿן נישט. זאָל מען אַ ביסל הונגערן! ער האָט אָנגעמאַכט, זאָל ער אויפֿעסן!

בוזיריס האָט מיט גדלות זיך אַ פּאַטש געטון אין בויך אַריין מיט ביידע הענט.

— גענוג דאַמף. גיס! — האָט דער סוחר באַפֿוילן און דער יונגער, שיינער קנעכט, מיט די לאַנגע לאָקן, ענלעך צו אַ פּאַרצייטישן העלד, האָט אויפֿגעשטאָפּט איבערן מיליאָנערס קאָפּ אַ קליין קריגעלע מיט טייערע אַראַבישע בשמים. דער שמעקנדיקער בוימל האָט זיך אָנגעהויבן ניסן איבערן רויטן, פֿאַרשוויצטן קערפּער און בוזיריס האָט זיך מיט הנאה איינגעריבן דאָס גאַנצע לייב. דערנאָך האָט ער מיט אַ גדלותדיקער מינע אָפּגעווישט די דיקע פֿינגער ווי אָן אַ האַנטוך אָן די גאָלדענע

לאָקן פונם קנעכט, וועלכער האָט ספּעציעל צראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— מיין חשובער הער האָט באַוויליקט ריכטיק צו באַמערקן, — האָט זיך דרך־ארצדיק פאַרנייגט און צוגעשטימט דער קליענט, דער טעלערלעקער באַם מיליאָנער, — דער קייסער יוליאַן איז טאַקע נישט מער ווי אַ שנעק. ערשט נישט לאַנג האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פּאַשקוויל אויף די אַנטיאָכישע בירגער אונטערן נאָמען „דער שונא פון דער באָרד", דאָרט ענטפערט ער אָפּ אויף די זידלערייען פון המון מיט נאָך מיאוסערע זידלערייען, ער איז מודיע גאַנץ אָפן: „איר לאַכט פון מיין פּשוטקייט, פון מיין באָרד? לאַכט אייך וויפיל איר ווילט! איך בין גרייט אַליין פון זיך צו לאַכן. איך וועל פאַרט נישט אָנווענדן נישט קיין געריכטן, נישט קיין מסירות, נישט קיין תפיסות, נישט קיין טויט־שטראָף". נו, איך פרעג אייך אַליין? — פּאַסט דאָס פאַר אַ רוימישן קייסער?

— דער קייסער קאָנסטאַנציוס, זכרונו לברכה, — האָט אים איבער־געשלאָגן איינמיטן דער מיליאָנער, — אָ, דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ קייסער! מ'האָט באַלד דערקענט אין שטעל, אין קוק, אין די מלבושים, אַז דאָס איז אַ קייסער. און דערדאָזיקער, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, אַ מפּילע פון די געטער זיינע, אַ מאַלפּע מיט קורצע פיסלעך, אַ בער מיט קרומע לאַפּעס, קריכט אַרום איבער די גאַסן, נישט געוואַשן, נישט געגאָלט, נישט געקעמט, מיט פלעקן פון טינט אויף די פינגער. אַ מיאוסע זאַך צו קוקן. ביכלעך, תורות, פילאָזאָפיעס! — וואַרט, וואַרט, מ'וועט דיך שוין אָנלערנען פאַר דיינע פרייע געדאַנקען. מיט אַזעלכע זאַכן שפּילט מען זיך נישט. די מאַסע דאַרף מען האַלטן אָט אַזוי, פעסט! אַז מ'צעלאָזט זיי — קומט דאָס ערגסטע אומגליק אויף דער וועלט.

מאַרקוס אויזאָניוס, וועלכער האָט ביז איצט געשוויגן, האָט אַרויס־גערעדט פאַרטראַכט:

— אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, נאָר פאַרוואָס נעמט ער בא אונז אַוועק די גרעסטע לעבנס־פרייד — דעם צירק, דעם גלאַדיאַ־טאָרן־קאַמף? מיינע ליבע פריינט, בלוט פאַרשאַפט דעם מענטש לייטזע־ליקייט. דאָס איז אַ הייליקע פרייד. אָן בלוט איז נישטאָ קיין שמחה, נישטאָ קיין נחת אויף דער וועלט. דער ריח פון בלוט, דאָס איז דער ריח פון רוים...

אויפן געזיכט פון לעצטן גליד פון דער אויזאָניוס־גזע האָט אויפ־

עפלאמט עפעס אַ שוואַך מאָדנע געפיל. ער האָט מיט אַ פראַגע אין די אויגן אַרומגעקוקט אַלעמען מיט זיין זקניש־קינדערישן בליק.

גאַרגיליאַנוסעס ריזיקער גוף האָט זיך אָנגעהויבן רירן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע; ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעשטעלט אויף אויזאַניוסן די אויגן:

— גוט געזאָגט: דער ריח פון בלוט דאָס איז דער ריח פון רוים! רעד ווייטער, מאַרקוס, רעד ווייטער, — דו ביסט היינט אין דער בחינה.

— איך רעד, מיינע פריינט, דאָס, וואָס איך פיל. בלוט איז אַזאַ נחת פאַרן מענטש, אַז אפילו די קריסטן האָבן זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן בלוט: מיט בלוט ווילן זיי רייניקן די וועלט. יוליאַן באַגייט אַ פעלער: ער נעמט צו באַם פאָלק דאָס קוויקן זיך מיטן צירק און דערמיט נעמט ער צו זיין העכסטן תענוג פון בלוט. דער המון וואָלט אים אַלץ מוחל געווען, נאָר דאָסדאָזיקע נישט...

די לעצטע ווערטער האָט מאַרקוס אַרויסגערעדט מיט אַ באַגייסטערטער שטימע. פלוצלינג האָט ער זיך אָנגעהויבן באַטאַפּן דעם נאַקעטן קערפּער און זיין פּנים האָט אויפגעשיינט.

— דו שוויצסט? — האָט אים גאַרגיליאַנוס אַ פרעג געטון מיט טיפער פאַראינטערעסירונג.

— דאַכט זיך, איך שוויץ, — האָט אויזאַניוס געענטפערט מיט אַ שטיל, נחתדיק שמייכעלע, — רייב, רייב גיך די פּלייצע, ווי לאַנג איך בין נאָך נישט אָפּגעקילט, — רייב!

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט. דער באָד־יונג האָט אָנגעהויבן איינרייבן זיינע נעבעכדיקע, אַנעמישע גלידער, וועלכע זענען באַצויגן געווען מיט אַ בלאַס־בלוילעכער הויט, ווי באַ אַ טויטן.

פון די פאַרפירענע בישעס, דורך דעם מילך־ווייסן דאַמף נעפּל האָבן די פאַרצייטישע העללענישע סטאַטועס געקוקט אויף די העסלעכע לייבער פון די ניי־אויפגעקומענע מענטשן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויף דער גאַס פאַרן באָד צונויפגעזאַמלט אַ המון ליידיקגייערס.

באַנאַכט האָט גאַנץ אַנטיוכיאַ געפינקלט מיט אָנגעצונדענע פייערן, צום מיינסטן די הויפּט־גאַס זינגאָן, וועלכע האָט דורכגעהאַקט די שטאָט גלייך אויף אַ שטח פון 36 סטאַדיעס, באַצירט מיט פּאָרטאַלן, טאָפּלטע רייען זאַלן און פּרעכטיקע מאַגאַזינען: פאַר די טרעפּ פונם באָד האָבן

געבראָכענע גאַסן־פּאַקעלן, דער ווינט האָט צעבלאָזן דעם פלאַם פון די ריז־יקע שטורקאַצן און באַלויכטן דעם פאַרשידנאַרטיקן המון. די סאַדזע איז געפלויגן פון די אייזערנע שטורקאַצן און געלייגט זיך אויף אַלץ אַרום.

צווישן עולם האָבן זיך געהערט לצנותן אויפן קייסערס חשבון. גאַסן־ייִנגלעך זענען ארומגעלאָפן און געזונגען חוזק־לידלעך. אַן אַלטע אַר־בעטערין האָט געכאַפּט איינעם פון זיי, פאַרריסן אים דאָס העמדל איי־בערן קאָפּ אַריבער און געשמיסן אין נאַקעטן הינטן אַריין מיט אַ הילכי־קער זויל פון אַ סאַנדאַל:

— גאַדיר! גאַדיר! וועסט שוין וויסן, דו קליין שדל, ווי צו זינ־גען פּאַסקודנע לידלעך!

דאָס ברוינלייביקע ייִנגל האָט הילכיק געקוויטשעט.

אַן אַנדער ייִנגל איז אַרויפגעקראָכן אַ צווייטן אויף די אַקסלען און געמאָלט מיט קויל אויף דער ווייסער וואַנט אַ קאַריקאַטור — אַ ציגנבאָק מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ קייסערלעכן דיאַדעם אויפן קאָפּ. אַ ייִנגל עטוואָס עלטער פון יענעם, משמעות אַ שול־ייִנגל, מיט אַן אָנגענעם, כיטרע פּנים האָט אונטער דער קאַריקאַטור אונטערגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „דאָס איז דער רשע יוליאַן".

באַמיענדיק זיך נאָכצומאַכן אַ גראָב מענעריש קול, האָט ער זיך אָנגעהויבן וואַקלען ווי אַ בער פון איין פוס אויפן אַנדערן און גע־ריטשעט:

דער קצב גייט,
דער קצב גייט,
אַ שאַרף מעסער טראָגט ער,
מיט דער באָרד שאָקלט ער,
מיט דעם לאַנגן ווייסן ראָק,
מיט דער באָרד פון אַ ציגנבאָק.

אַן אַלטער מאַן אין טונקעלע מלבושים, משמעות, אַ קירך־באַאַמ־טער, איז פאַרבייגעגאַנגען. זיך אָפּגעשטעלט, צוגעהערט זיך צום לידל, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אייפגעהויבן די אויגן צום הימל און זיך געווענדט צו אַ קנעכט, אַ לאַסט־טרעגער:

— פון קינדערס מיילער גייט ארויס דער אמת. — צי האבן מיר נישט בעסער געלעבט אין די צייטן פון „קוף"-„כאף" ?

— וואס הייסט „קוף" און "כאף" ?

— פארשטייסט נישט ? מיטן גריכישן אות „קוף" הייבט זיך אן דער נאמען קאנסטאנציוס, און א „כאף" איז דאס ערשטע אות פון ווארט „כריסטוס". נישט קאנסטאנציוס און נישט כריסטוס, מיין איך דערפיס צו זאגן, האבן די איינוווינער פון אנטיוכיא קיין שום שלעכטס נישט געטון, נישט ווי די פארשידענע שלעפערס, די פילאזאפן...

— וואס אן אמת, האט זיך אונז א סך בעסער געלעבט אין די צייטן פון „קוף"-„כאף" !

עפעס א שיכורער פארשוין האט אונטערגעכאפט דעם וויץ און מיט א לוסטיקער מינע אויפן פנים זיך געלאזט צעטראגן דידאזיקע חכמה איבער אלע גאסן.

— אין די צייטן פון „קוף"-"כאף" האט זיך נישט שלעכט געלעבט ! — האט ער געשריגן. — זאל לעבן „קוף"-„כאף" !

דערדאזיקער וויץ איז באלד אויפגענומען געווארן דורכן המון, ער איז געווארן א גאנגבאר ווערטל אין אנטוכיא. דעם עולם איז עס געפעלן געווארן צוליב דעם אומבאשטרייטלעכן אומזין פון די ווערטער.

נאך א גרעסערע הייטערקייט האט געהערשט אין דער שענק אנטקעגנאיבער די שטאטישע בעדער. דידאזיקע שענק האט געהערט צום קאפאדאקישן ארמענער סיראקס: שוין פון לאנג האט ער געהאט איבערגעטראגן זיין האנדל פון דער קרעטשמע אין דער געגנט פון צעזארעא לעבן מאצעללום קיין אנטיוכיא.

פון די ציגן-לעדערנע לאגלען, פון די גרויסע ליימענע קרוגן האט זיך געגאסן דער וויין אין די צינערנע בעכערס. גלייך ווי אומעטום, האט מען דא אויך געשמועסט נאר וועגן קייסער. מיט א ספעציעלער באַרעדעוודיקייט האט זיך צום מיינסטן אויסגעצייכנט דער סירישער זעלנער סטראמביק, דער זעלבער, וועלכער האט אנטייל גענומען אין דער מלחמה, וואס יוליאן האט געפירט קעגן די צפון-בארבארן אין גאליע. לעבן אים איז געזעסן זיין שטענדיקער באגלייטער און בעסטער פריינט, דער ריויקער סארמאט אראהארי.

סטראמביק האט זיך דא געפילט ווי א פיש אין וואסער. צום מיינסטן אויף דער גאנצער וועלט האט ער ליב געהאט פארשידענע בונטן און אויפשטאנדן.

ער האָט געוואָלט איצט האַלטן אַ רעדע.

אַן אַלטע שמאַטע־קלויבערין איז אַריינגעקומען און געבראַכט אַ נייעס:

— מיר זענען געקוילעט! אַלע זענען געקוילעט איינס־באַ־איינס! אַ שטראָף פון גאָט! די שכנטע האָט ערשט דערציילט אַזאַ זאַך, אַז מ׳האָט מויל און אויערן אויפגעשטעלט.

— וואָס? וואָס? דערצייל־זשע! דערצייל!

— אין עזה איז דאָס פאָרגעקומען, האַרצעדיקע, אין עזה. די געצנדינער זענען אָנגעפאַלן אויף אַ פרויען־מאָנאַסטיר, אַרויסגעשלעפּט די מאָנאַכינס, אויסגעטון נאַקעט, צוגעבונדן צו סלופּעס אינמיטן מאַרק, אויפגעשניטן די בייכער, אַרויסגענומען די געדערים, באַשיט מיט גערשטן און געוואָרפן פאַר די חזירים!

— איך האָב אַליין געזען, — האָט צוגעגעבן אַ יונגער וועבער מיט אַ בלאַס, עקשנותדיק פּנים — איך האָב אַליין געזען, ווי אין העליאָפּאָליס האָט אַ געצנדינער אויפגעפרעסן אַ רויע לעבער פון אַ דערהרגעטן גלח.

— אַ געמיינהייט! — האָט ביין אַרויסגעבראָמט אַ קאָטליאַר.

טייל האָבן זיך איבערגעצלמט.

דערנאָך האָט צוגעהאָלפן סטראַמביקן אַרויפקריכן אויפן קלעביקן טיש מיט אַ טאָלוושע ווייַן אינדערמיט. ער האָט זיך געווענדט צום עולם אין דער שענק מיט אַ מאַיעסטעטישער מינע, ווי אַן עכטער רעדנער. דערהאַרי האָט די גאַנצע צייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געטייטלט אויף אים מיט שטאָלץ.

— בירגער! — האָט סטראַמביק אָנגעהויבן, ווי לאַנג נאָך וועלן מיר ליידן? צי ווייסט איר, אַז יוליאַן האָט אַ נדר געטון, אַז ווען ער וועט מנצח זיין די פּערסישע חילות, וועט ער צונויפנעמען אַלע הייליקע לייט און וואַרפן זיי פאַר די ווילדע חיות? צי ווייסט איר, אַז ער וועט פון די קלויסטערן מאַכן שפייכלערס און פון די הייליקע אַלטאַרן פערדשטאַלן...

אין שענק האָט זיך אַריינגעקאַטשעט אַ הויקערדיקער אַלטיטשקער, בלאַס פון שרעק; דאָס איז געווען דער שמאַטע־קלויבערינס מאַן, אַ גלעזער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן דער שענק, אַ פּאַטש געטון מיטביידע הענט אין די קניען און אַרומגעקוקט אַלעמען מיט פאַריאושטע אויגן:

— איר האָט שוין געהערט ? אזא מעשה ! צוויי הונדערט טויטע אין די ברונעמס און קאַנאַלן !

— ווען ? ווו ? וואָס פאַר א טויטע ? וועלכע ?

— ששש... שאַט ! — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן מאַכן צו זיי מיט די הענט און ווייטער דערציילט מיט א שטילן, סודותדיקן טאָן. — מ׳זאָגט, אַז דער אַ פּ ט ר י נ י ק ע ר פרוווט פאַרויסטרעפן דעם אויס־גאַנג פון דער פּערסישער קריג אויף די געדערים פון לעבעדיקע מענטשן...

און דערנאָך האָט ער צוגעגעבן, שטיקנדיק זיך פון תענוג :

— אין די קעלערס פון אַנטיוכישן פּאַלאַץ האָט מען געפונען קאַסטנס מיט ביינער. די ביינער זענען פון מענטשן ! — אין דער שטאָט קאַרדע, נישט ווייט פון עדעססע, האָט מען אין אַן אונטערערדישער טומאה געפונען א טויטן קערפּער פון א מעוברתדיקער פרוי, — זי איז געהאָנגען באַ די האָר, דער בויך איז באַ איר געווען אויפגעשניטן און דאָס קינד אַרויסגענומען ; יוליאַן האָט כּישוף געטון איבער דער לעבער פון נאָך נישט געבוירענעם קינד, און דאָס אַלץ טוט ער, כּדי מלחמה צו האַלטן מיט די פּערסיאַנער און מנצח צו זיין די קריסטן...

— הערי, דו, גלוטורין, זאָג נאָר, דו מוזסט דאָך וויסן ? מ׳געפינט טאַקע באמת מענטשן־ביינער אין די קאַנאַלן ? — האָט א שוסטער א פרעג געטון.

גלוטורין, א ריניקער פון די קאַנאַלן, איז געשטאַנען באַ דער טיר, ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין ווייטער, ווייל עס האָט זיך פון אים געשפּירט א שלעכטער ריח. ווען דער שוסטער האָט אים געשטעלט די פראַגע, האָט ער ווי געוויינלעך אָנגעהויבן פינטלען מיט די אַנגעשוואָלענע אויגן :

— ניין, חשובע מענטשן, — האָט ער מילד געענטפערט. — פּיצ־לעך קינדער, עופהלעך, פלעגט מען אַמאָל געפינען ביינער פון אייזלען, פון קעמלען, אָבער פון מענטשן ? — ניין, נישט געזען...

ווען סטראָמביק האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן, האָט דער קאַנאַל־ריניקער געקוקט אויף דעם רעדנער מיט יראת הכבוד, זיך געקראַצט דעם פוס אָן דעם קאַנט פון דער טיר און זיך צוגעהערט מיט אַן אויס־טערלישן תענוג.

— ברידער ! לאָמיר זיך נוקם זיין ! — האָט דער רעדנער געדו־

נערט. — לאָמיר שטאַרבן פאַר דער פרייהייט, ווי די פאַרצייטישע רוימער!...

— וואָס שרייסטו אַזוי: — איז דער שוסטער פּלוצלינג אין כעס געוואָרן. — נישקשה, מ׳קען דיך גוט, אַז ס׳קומט צו עפּעס, באַהאַלטסטו דיך אין אַ מויזן־לאָך אַריין. זע נאַר, ווי ער רעדט זיך אַזוי שיין!...

— פּחדנים, פּחדנים זענט איר! — האָט אויסגעשריגן אינמיטן אַן אָנגעפּאַרבטע, אָנגעפּודערטע פרוי מיט אַ פאַרשידנפאַרביק קליידל, אַ גאַסן־זונה, וועלכע הייסט בײַ אירע באַקאַנטע מיט אַ פּשוטן צונאָמען „וועלפּעכע".

— צי ווייסט איר, — האָט זי ווייטער גערעדט מיט כעס און פאַראַכטונג, — וואָס די הייליקע מאַרטירער מאַצעדאָניוס, טעאָדולעס און טאַטיאַנוס האָבן געענטפערט די תּליינים?

— מען ווייסט נישט. זאָג, וועלפּעכע!

— כ׳האָב אַליין געהערט. אין דער שטאָט מירע, אין פריגיע, זענען דריי יונגעלייט מאַצעדאָניוס, טעאָדולעס און טאַטיאַנוס אַריינגעגאַנגען באַנאַכט אין אַ העלענישער טומאה און צעשמעטערט די געצן. דער פּראָקאָנסול אַמאַכיוס האָט זיי געהייסן כאַפּן, אַריינלייגן אין אײַזערנע פאַנען און אונטערהייצן אַ פייער אונטער זיי. וואָס־זשע האָבן געזאָגט די קדושים: „אויב דו ווילסט, אַמאַכיוס, פאַרזוכן געבראָטן פלייש, דריי אונז איבער אויף דער צווייטער זייט, מיר זאָלן נישט זיין רוי און אונזער פלייש זאָל דיר גוט שמעקן". און אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט און אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין. און אַ סך מענטשן האָבן געזען, ווי אַ מלאך איז צו זיי אַראָפּגעפלויגן פון הימל מיט דריי קרוינען. — אוודאי, איר וואָלט אַזוי נישט געענטפערט? איר ציטערט פאַר דער פעל. עס עקלט מיך צו קוקן אויף אייך!

די וועלפּעכע האָט אויסגעשפּיגן מיט פאַראַכטונג.

פון דער גאַס האָבן זיך דערהערט געשרייען.

— אפשר צעשמעטערט מען שוין דאָרט די געצן? — האָט זיך דער גלעזער דערפרייט.

— ברידער, פאָרויס! — האָט סטראָמביק אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט. ער האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון טיש, נאָר ער האָט זיך אויסגעגליטשט און וואָלט געווים אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, ווען זיין

געטרייער פריינט אַראַהאַרי זאָל אים נישט געווען כאַפּן אין זיינע מעבי־טיקע אָרעמס אַריין.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר. פון דער הויפּט־גאַס זינגאָן איז געגאַנגען אַ ריזיקער המון, אָנגעפּראַפּט דאָס שמאָלע געסל, און זיך אָפּגעשטעלט פאַר די בעדער.

— דער זקן פּאַמבע, דער זקן פּאַמבע! — האָט איינער דעם אַנ־דערן איבערגעגעבן די פרייליכע בשורה. — ער איז געקומען פון דער מדבר שטראָפן דאָס פאָלק, די גרויסע לייט אַראָפּזעצן און די קליינע מענטשעלעך אויסלייזן!

XI.

דער הייליקער זקן האָט געהאַט אַ פּשוט פּנים מיט צווי ברייטע באַקן־ביינער; אינגאַנצן איז ער געווען באַוואַקסן מיט האָר; אָנשטאָט אַ טוניק איז ער געווען אָנגעטון אין אַ פאַרלאַטעטן לייוונטענעם זאַק, אָנשטאָט אַ כלאַמידע — אַ פאַרשטויבטע שעפּסן־פעל, מיט אַ קעזנזעקל אויפן קאָפּ; אין גאַנג האָט ער געקלונגען אָן די שטיינער מיטן לאַנגן געקאָוועטן שטעקן. צוואַנציק יאָר האָט זיך שוין פּאַמבע נישט געוואַשן, דערפאַר וויל ריינקייט פונם קערפּער האָט ער געהאַלטן פאַר אַ זינד, ער האָט געגלייבט, אַז עס איז פאַראַן אַ באַזונדערער שד, אַ ממונה איבער ריינקייט. אין אַ שרעקלעכער מדבר, אין כאַליבאַנישער בערגאַ, אויף מזרח־זייט פון אַנטיוכיאַ, ווו אויף דער דעק פון די אויסגעטרוקנטע ברונעמס בעכטן זיך שלאַנגען און עקדישן, האָט ער געלעבט אין איינעם פון אַזעלכע ברונעמס. שפּייזנדיק זיך יעדן טאָג מיט פינף שטענגלעך פון אַזאַ מין באַזונדערער געוויקס, וואָס האָט געהאַט אַ מעליקן, זיסלעכן טעם, ער איז שיער נישט געשטאָרבן פון דערדאָזיקער זעלבסטפּייניקונג. זיינע תּלמידים האָבן אים אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין ברונעם אַריין שפּייז. ער האָט זיך צום סוף מותּר געמאַכט אויפצועסן יעדן טאָג אַ האַלב מעסטל אַרבעס געווייקט אין וואַסער. די ראיה איז אים קאַליע געוואָרן, די הויט האָט זיך אים באַדעקט מיט קרעץ. דעמאָלט האָט ער זיך מותּר געמאַכט צו באַשמעלצן די אַרבעס מיט עטוואָס בוימל, אָבער זיך כּסדר באַשולדיקט אין נאָכגעבן דעם זינדיקן מאָגן.

פּאַמבע האָט זיך דערוווּסט פון זיינע תּלמידים, אַז קריסטוסעס

שעפעלעך רודפט דער בייזער וואָלף, דער אַנטיקריסט, דער קייסער יוליאַן, האָט ער פאַרלאָזט די מדבר און זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַנטיוכיאַ, כדי צו שטאַרקן די אָפּגעשוואַכטע אין דער אמונה.

— הערט, הערט, — דער הייליקער זקן רעדט!

פּאַמבאָ איז אַרויף אויף די טרעפּ פאַר די בעדער, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אייבערשטער מאַרמאָרנער פּלאַטפאָרם, לעבן די ברעבענדיקע שטורקאַצן, אַרומגעוויזן מיט דער האַנט פאַר דעם המון אויף די געצנדינערישע טעמפּלען, די טערמען, מאַגאַזינען, פּאַלאַצן, געריכטסגעביידעס, דענקמעלער.

— אַ שטיין אויף אַ שטיין וועט נישט בלייבן! אַלץ וועט פאַרשווינדן ווערן, אַלץ וועט אונטערגיין: אַ פייער וועט אויפפלאַקערן און פאַרצערן די וועלט. די הימלען וועלן זיך איינוויקלען מיט אַ גערויש, ווי אַ פאַרברענטע מגילה. עס קומט דער שרעקלעכער יום-הדין פון קריסטוסן, דאָס מוראדיקע בילד! וווהין זאָל איך מיין בליק ווענדן? מיט וואָס זאָל איך מיין אויג אָנקוויקן? צי מיט דעם בילד, ווי אַפראָדיטע, די געטין פון ליבע, מיט איר קליינעם זון עראָס ציטערן אין זייער נאַקעטקייט פאַרן געזיכט פון געקרייציקטן? צי ווי צעוס מיט זיינע פאַרלאָשענע דונערן און די איבעריקע אָלימפּישע געטער אַנטלויפן פאַר די דונערן פון אייבערשטן? קוועלט, מאַרטירערס! פרייט איך, געפּלאָגטע! ווו זענען אַהינגעקומען אייערע ריכטער — די רוימישע עלטסטע און די פּראָקאָנסולן? זיי ברענען אויפן פייער, אויף אַ פלאַם, וואָס איז שטאַרקער און שרעקלעכער, ווי די פלאַמען, אויף וועלכע מ'האָט די קריסטן געברענט. די פילאָזאָפן, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייער נישטיקער חכמה, ווערן רויט פון בושה פאַר זייערע אייגענע תלמידים, בשעת זיי פלאַקערן אין גיהנום, און עס קאָן זיי שוין גאָרנישט העלפן, נישט אַריסטאָטעלעס מיט זיינע סלאָגיזמען, נישט פּלאַטאָן מיט זיינע באַווייזן! און יאָמערן וועלן די טראַגישע אַקטיאָרן, ווי זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געיאָמערט אין קיין שום טראַגעדיע, נישט אין סאָפאָקלעסעס און נישט אין עסכילאָסעס! און די שטריק-טענצער וועלן שפּרינגען אין גיהנום-פייער מיט אַזאַ געשיקטקייט, ווי קיינמאָל נישט אין זייער לעבן! — דעמאָלט וועלן מיר, פּראָסטע מענטשן, עם-הארצים, אויפציטערן פאַר תענוג, מיר וועלן זאָגן צו די מעכטיקע, צו די קלוגע, צו די שטאָלצע: אָט זעט, דאָס איז דער אויסגעלאַכטער, דער געקרייציקטער, דער זון פון אַ סטאָליאַר און אַ טאָג-אַרבעטערין, דאָס איז דער מלך פון יהודה

באַדעקט מיט פּורפּור און גצקרויגט מיט אַ דערנער־קרוינץ! דאָס איז דער מהלל־שבתניק, דער שומרונער, דאָס איז דער מטורף! דאָס איז דער, וועמען איר האָט געבונדן אין דער פּרעטאָריע, וועמען איר האָט געשפּיגן אין פּנים אַריין, וועמען איר האָט אָנגעטרונקען מיט גאַל און עסיק! און מיר וועלן הערן אַלס ענטפער אייער יאָמער און ציינער־קריצן, און לאַכן וועלן מיר פאַר פרייד און אָנפילן אונזערע הערצער מיט תענוג. — העי, קום, רבונו של עולם, ישו הנוצרי!

גלוטווריך, דער רייניקער פון די שטאָטישע אָפּטריטן, איז געפאַלן אויף די קניען, און פינטלענדיק מיט די אָנגעשוואָלענע אויגן, ווי ער וואָלט געזען פאַר זיך קריסטוסן, ווי ע ר קומט אָן, האָט ער אויסגעצויגן צו א י ם די הענט. דער קאַטליאַר איז געשטאַנען מיט פעסט צונויפגעדריקטע פויסטן, ווי אַן אַקס גרייט אַ שרעקלעכן שפּרונג צו טון. דער וועבער, אַ בלאַסער, אַן אויסגעצויגענער אינגאַנצן, איז געשטאַנען און געציטערט מיטן גאַנצן לייב, אַ וואַנזיניקער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיין פּנים און ער האָט געמורמלט: „רבונו של עולם, העלף!“ אויף די האַרטע פּנימער פון די שלעפּערס און שוואַרצע אַרבעטער האָט זיך אויסגעדרוקט אַזאַ פרייד פון נקמה פון שוואַכע איבער שטאַרקע, פון קנעכט איבער הערן. די זונה, די וועלפּעכע, האָט אויסגעשטשירעט די ציין, געלאַכט שטיל אין זיך. און אַן אומגעשטילטער דורשט נאָך נקמה האָט געפלאַמט אין אירע שיכּורע, גרויזאַמע אויגן.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון געווער, געמעסיקטע, שווערע, זעלנערישע טריט. פון אַ זייטיקער גאַס האָבן זיך באַוויזן רוימישע זעלנער — די נאַכט־וואַכט. פאָרויס איז געגאַנגען דער פּרעפעקט פונעם מזרח־געביט סאַלוסטיוס סעקונדוס. זיין קאָפּ איז געווען אַ טיפּישער קאָפּ פון אַ רוימישן באַאַמטן, אַ פּירקאַנטיקער, מיט אַן אָדלער־נאָז, מיט אַ ברייטן פליכטוואַטן שאַרבן, מיט אַ קלוגן, רויקן, גוטמוטיקן בליק; אַן איינפאַכע סענאַטאָרישע מאַנטיע האָט אַרומגעהילט זיין מעכטיקן קערפּער; אין זיין גאַנצער פיגור האָט זיך נישט געזען קיין שום גדלותדיקייט, נאָר אַ פּשוטקייט און אַן איידלקייט פון אַ מיוחס אַ פּאַטריציער.

פון הינטער דעם קיילעכדיקן דאַך פון פּאַנטעאָן, וואָס איז אויפגעמויערט געווען דורך אַנטיוכוס סעלעוקאָס, איז פּאַמעלעך אַרויסגעשווומען די ריזיקע בלוט־רויטע לבנה; דראָענדיקע בליצן האָבן אָפּגע־

שיינט אויף די מעשענע רוימישע שילדן, אויף די העלמען און פאנצערס.

— גייט אייך פונאנדער, בירגער, — האָט זיך סאַלוסטיוס געווענדט צום המון. — לויטן באַפעל פונם לייטזעליקן אויגוסט זענען פאַרבאָטן נאַכט-פאַרזאַמלונגען אויף די גאַסן.

די מאַסע האָט אויפגערודערט און אָנגעהויבן שטורמען; די גאַסן-יינגלעך האָבן אָנגעהויבן פייפן; אַ קוויטשעדיק חוצפּהדיק שטימעלע האָט אָנגעהויבן זינגען אַ לידל:

קוי-קאַ-רע-קו!
ווי צו די אָרימע הענדעלעך,
ווי צו די ווייסע עקסעלעך,
דער קייסער וועט זיי ברענגען שפּעטער
אַ קרבן פאַר די מיאוסע געטער!

עס האָט זיך דערהערט אַ פּלינקער, גרויזאַמער בראַזג פון געווער: די רוימישע לעגיאָנערן האָבן אַלע איינעם אַרויסגעצויגן די שווערדן פון די שיידן, גרייט זיך צו וואַרפן אויפן המון.

דער זקן פּאַמבע האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן אייזערנעם שפּיץ פון זיין שטעקן אָן די מאַרמאָרנע פּליטעס און אַ געשריי געטון:

— שלום-עליכם, העלדיש מיליטער פונם שטן, שלום-עליכם, די קלוגער רוימישער מיליטער-פירער! איר האָט זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט די אַמאָליקע צייטן, ווען איר האָט אונדז געבערענט און געבראָטן, פאַרצייטישע פילאָזאָפיעס געלערנט, און מיר האָבן פאַר אייך גאָט געבעטן. נו, מהיכי-תיתא — ברוכים הבאים!...

די לעגיאָנערן האָבן אויפגעהויבן די שווערדן. דער פּרעפעקט האָט זיי אָפּגעהאַלטן מיט אַ האַנט-באַוועגונג.

ער האָט געזען, אַז די מאַכט איבערן המון איז אין זקנס האַנט.

— מיט וואָס דראָט איר אונדז, נאַראָנים? — האָט פּאַמבע ווידער אָנגעהויבן, ווענדנדיק זיך צו סאַלוסטיוסן. — וואָס קאָנט איר אונדז טון? עס איז גענוג פאַר אונדז איין פינצטערע נאַכט און אַ צוויי-דריי שטורקאַצן, נקמה צו נעמען פון אייך. איר האָט מורא פאַר די אַלעמאַנער און פּערסישע חיילות; מיר זענען געפּערלעכער פון די אַלעמאַנער און פּערסער אינאיינעם! מיר געפינען זיך אומעטום, צווישן אייך, מיר

זענען אָן אַ צאָל, אונז קאָנט איר נישט באַזיגן! מיר האָבן נישט קיין פּאַטערלאַנד, קיין גרענעצן; מיר אָנערקענען איין־איינציקע רעפּובליק — די וועלט! מיר זענען ערשט נעכטיקע — און שוין פּילן מיר אָן די גאַנצע וועלט — אייערע שטעט און פעסטונגען, אייערע אינזלען און מוניציפּיומס, די ראַטמאַנשאַפטן, די לאַגערן, די טריבונאַטן, די דע־קוריומס, די פּאַלאַצן, דעם סענאַט, דעם פאָרום — בלויז די טעמפּלען לאָזן מיר נאָך איבער פאַר אייך. אָ, וואָלטן מיר אייך אויסגעראָטן איינס בײַ איינס, ווען נישט אונזער מידת־הרחמים, אונזער עניוות, ווען מיר וואָלטן נישט פאַר ליבער גענומען געהרגעט צו ווערן, איידער צו דער־הרגענען! מיר דאַרפן נישט קיין פייער, נישט קיין שווערד: מיר זענען אַזויפיל, אַז עס וואָלט גענוג געווען, מיר זאָלן אייך פאַרלאָזן, מיר זאָלן אַוועק פון אייך, און איר וואָלט אונטערגעגאַנגען, אייערע שטעט וואָלטן פאַר־וויסט געוואָרן, איר וואָלט פאַרציטערט געוואָרן פון אייער איינזאַמקייט — די וועלט אייערע וואָלט פּוסט און ליידיק געווען; דאָס לעבן וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, דער טויט וואָלט זיינע פליגל אויסגעשפּרייט. געדענקט־זשע: די רוימישע אימפּעריע האַלט זיך נאָר אַ דאַנק אונזער קריסטלעכער גרויסלדיקייט.

אַלעמענס אויגן זענען געווענדט געווען אויף פאַמבען; קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי אַ מענטש אין אַ לייוונטענער, אָפּגעטראָגענער כלאַמידע פון אַ וואַנדערנדיקן פילאָזאָף, מיט אַ געל אויסגעדאַרט פּנים, מיט צעשויבערטע האָר און אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד איז צוגעקומען אַרומגערינגלט מיט עטלעכע באַגלייטער, ער איז שנעל דורכגעגאַנגען אינמיטן פון די רוימישע לעגיאָנערן, וועלכע האָבן אים מיט יראת־הכבוד געמאַכט אַ וועג. ער האָט זיך צוגעבויגן צום פּרעפעקט סאַלוסטיוס און אים איינגערוימט אין אויער:

— וואָס וואַרטסטו נאָך?

— אַז איך וועל צוואַרטן, — האָט סאַלוסטיוס געענטפערט, — וועלן זיי זיך אַליין פונאַנדערגיין. די גליליער פאַרמאָגן שוין אַזוי אויך צופיל מאַרטירער, צוואָס טויג נאָך נייע צוצוגעבן! זיי לויפן דאָך צום טויט, ווי בינען צום האָניק.

דער מענטש אין די מלבושים פון אַ פילאָזאָף, איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס און באַפוילן מיט אַ שטאַרקער, פעסטער שטימע, ווי אַ מילי־טער־פירער, וואָס איז געוווינט צו באַפעלן:

— צעטרייבט דעם המון! כאַפּט די אויפהעצערס!

אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט. עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון אימה:

— דער אויגוסט! דער אויגוסט יוליאַן!

די זעלנער האָבן זיך געוואָרפן אויפן המון מיט די גאָלע שווערדן; די ערשטע איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד די אַלטע שמאַטע-קלויבערין. אונטער די פיס פון די לעגיאָנערן האָט זי געצאַפּלט און געקוויטשעט. טייל האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. פריער פאַר אַלע איז נעלם געוואָרן דער קליינער סטראָמביק. עס איז אַנטשטאַנען אַ מהומה. שטיינער האָבן אָנגעהויבן פליען. דער קאַטליאַר, באַשיצנדיק פּאַמבען, האָט געוואָרפן אַ שטיין די לעגיאָנערן, און געטראָפן דער וועלפּעכע, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן. זי האָט אַ שוואַכן געשריי געטון און געפאַלן אויף דער ערד, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, מיינענדיק, אַז זי קומט אום אויף קדוש השם.

אַ זעלנער האָט אָנגעכאַפּט גולטורינען. נאָר דער אַפּטריטן-רייניקער האָט זיך אים איבערגעגעבן אין די הענט מיט אַזאַ גרייטקייט, אַז עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, ווי דער אָפּגעריסענער, הונגעריקער, דערשלאָגענער פּאַרשוין גייט צום טויט ווי צו דער גרעסטער שמחה, און באמת, וואָס קאָן דען זיין בעסער פאַר אים ווי דער גורל פון אַ מאַרטירער, אויף וועלכן יעדער קוקט מיט דרך-ארץ? פון זיינע צעריסענע שמאַטעס האָט אָבער אַזוי שרעקלעך געשטונקען, אַז דער לעגיאָנער האָט אים מיט עקל אַרויסגעלאָזט פון די הענט.

אינמיטן המון שטייט אַריינגעקוועטשט אַ פאַרבלאָנדזשעטער אָני-טרייבער מיט זיין אייזל, אָנגעלאָדן מיט הייבטלעך קרויט. די גאַנצע צייט האָט ער זיך מיט אַ צעעפנט מויל צוגעהערט צום הייליקן זקנס רייד. אַזוי ווי ער האָט דערזעען די זעלנער, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, האָט זיך אָבער דאָס אייזל איינגעשפּאַרט און זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. אומזיסט האָט דער אָנטרייבער געקאַטעוועט דאָס אייזל מיט אַ שטעקן, געשריגן דערויף, עס האָט צעשפּרייט די הינטערשטע פיס, אַראָפּגעלאָזט די אויערן, אויפגעשטעלט דעם וויידל און געדעוועט, פאַרטויבנדיק אַלץ אַרום.

און נאָך לאַנג האָט דאָס רעווען פונם אייזל געהילכט איבערן המון און פאַרטויבט די קרעכצן פון די גוססדיקע, די קללות פון די זעלנער, די תפילות פון די קריסטן.

דער געלערנטער מעדיקער אָריבאַזיוס, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן דעם קייסערס באַגלייטער, האָט זיך דערנענטערט צו אים:

— יוליאַן, וואָס טוסטו? צי פּאַסט דאָס פאַר דיין חכמה?...

דער אויגוסט האָט אויף אים אַזאַ קוק געטון, אַז ער האָט זיך פאַרהאַקט און אַנטשוויגן געוואָרן אינמיטן.

יוליאַן איז נישט בלויז געענדערט געוואָרן, ער איז לעצטנס שטאַרק געעלטערט געוואָרן: אויף זיין בלייך, אויסגעדאַרט פּנים איז געלעגן דער שרעקלעכער, קרענקלעכער אויסדרוק, וועלכן ס'איז צו זען אויף די פּנימער פון קראַנקע, וואָס ליידן אויף לאַנגזאַמע, אומהיילבאַרע קרענק, אָדער וואָס טראָגן זיך כּסדר אַרום מיט איין-איינציקן אַלץ פאַרכאַפּנדיקן געדאַנק, וועלכער איז זייער נאָענט צו משוגעת.

אין די פיבערדיק-פאַרקוועטשטע הענט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּירוס-מגילה, זיינס אַן אייגענעם עדיקט, וועלכן ער האָט אומבאַוווסטזיניק געריסן און געקנוידערט מיט די פינגער. ענדלעך האָט ער גרוייזאַם אַ קוק געטון אַריבאַזיוסן גלייך אין די אויגן אַריין און אַרויסגערעדט מיט אַ טויבער, פאַרשטיקטער שטימע:

— אַוועק פון מיר, און איר אַלע, שוטים, אויך אַוועק פון מיר מיט אייערע עצות! איך ווייס אַליין, וואָס איך טו. מיט די אויסוווּרפן, וועלכע גלייבן נישט אין די געטער, טאָר מען נישט רעדן, ווי מיט מענטשן, נאָר אויסראָטן זיי, ווי די ווילדע חיות... אַ גרויס אומגליק וועט זיין, אויב עטלעכע צענדליק גלילער וועלן אויסגעהרגעט ווערן דורך דער האַנט פון איין העללענער!

אָריבאַזיוסן איז דורכגעפלויגן דער געדאַנק: „ווי ענלעך ער איז איצט צו זיין פעטערן-זון קאָנסטאַנציוס אין די מאָמענטן פון צאָרן".

יוליאַן האָט אויסגעשריגן צום המון מיט אַ שטימע, וואָס האָט אים אַליין אויסגעזעען פרעמד און שרעקלעך:

— דערווייל בין איך נאָך, אַ דאַנק די געטער, קייסער איבער דער וועלט! האָרכט-זשע מיך, גלילער! איר קאָנט אייך חוזק מאַכן פון מיין באָרד, פון מיינע מלבושים, אָבער נישט פון דעם רוימישן געזעץ. געדענקט: איך שטראָף אייך איצט נישט פאַר אייער גלויבן, נאָר פאַרן בונטעווען זיך. — שמידט אים אין קייטן, דעם אויסוווּרף!

ער האָט אַ וויַז געטון אויף פאַמבען מיט דער ציטערנדיקער האַנט. צוויי בלאָנדע באַרבאַרן מיט בלויע אויגן האָבן געכאַפּט דעם זקן.

— זאָגסט ליגנס, גאָטלעסטערער! — האָט פּאָמבע טריומפירנדיק געליאַרעמט. — פאַר גלייבן אין קריסטוסן שטראָפסטו אונז! פאַרוואָס זשע באַגנעדיקסטו מיך איצט נישט, ווי דו האָסט אַמאָל געטון מיט מאַריסן, דעם בלינדן כאַלדעישן בישאָף? פאַרוואָס טוסטו נישט לויט דיין שטענדיקן מנהג, פאַרוואָס הילסטו נישט איין דיין צאָרן אין אַ ליבלעך מלבוש, דיין כּעס אין עניוותדיקע, זיסע רייד? ווו איז אַהינגעקומען דיין פילאָזאָפיע? שוין אַוועק יענע צייטן? ביסט שוין צו ווייט פאַרקראָכן? האַ? — ברידער, האָט קיין מורא נישט פאַרן רוימישן קייסער, נאָר פאַר גאָט אין הימל!...

איצט האָט שוין קיינער נישט געהאַט אין זינען צו אַנטלויפן. די מאַרטירער האָבן אייבער דעם אַנדערן אָנגעשטעקט מיט מוט און אומגעשראָקן געגאַנגען צום טויט. די באַטאַווישע און צעלטישע לעגיאָנערן האָבן מיט אימה געקוקט אויף די פריידיקע, מילדע, וואַנזיניקע פּנימער, וועלכע האָבן אונטערגעשטעלט די העלזער אונטער דער שווערד. אונטער די קלעפּ פון די שפּיזן און שווערדן האָבן זיך אפילו אַרונטערגעוואָרפן קליינע קינדער. יוליאַן האָט געוואָלט אָפּשטעלן די שחיטה. עס איז שוין אָבער צו שפּעט געווען: „די בינען זענען געפלויגן צום האָניק". ער האָט בלויז אויסגעשריגן מיט יאוש און פאַראַכטונג:

— אומגליקלעכע! אויב דאָס לעבן איז אייך נמאס געוואָרן: איז דען שווער צו געפינען שטריק צום הענגען זיך, וואַסערן צום טרינקען זיך!...

און פּאָמבע, אַ געבונדענער, געטראָגן אין דער לופטן, האָט געשריגן מיט נאָך גרעסערער שמחה:

— טויט אונז! דערהרגעט אונז, רוימער, וועלן מיר זיך נאָך שטאַרקער מערן! די קייטן זענען אונזער פרייהייט, די שוואַכקייט איז אונזער כּוח! אונזער נצחון איז דער טויט!

XII.

פערציק סטאַדיעס ווייט פון אַנטיוכיע, שטראָם־אַראָפּ באַם טייך אָראָנטעס, האָט זיך געפונען דער באַרימטער דאַפנע־וואַלד, וועלכער איז געהייליקט געווען צום גאָט אַפּאָללאָ.

די דיכטער דערציילן, אַז איינמאָל איז אַ נימפע, אַ בתולה, אַנטלאָפן פון אַפּאָללאָס פאַרפאָלגונגען פונם פענעוס־ברעג ביז צו די ברעגן פון אָראָנטעס, זי איז שוין געווען אָפּגעמאַטערט און דער גאָט האָט זי שוין געהאַלטן באַ אָניאָגן. האָט זי זיך געווענדט מיט אַ בקשה צו איר מוטער לאַטאָ, וועלכע האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ לאָרבער־בוים, אַ דאַפנע, און אַזוי אַרום געראַטעוועט איר אומשולד פון דעם גאָטס תאווה. פון דעמאָלט אָן האָט אַפּאָללאָ צום ליבסטן פון אַלע ביימער דעם בוים דאַפנע און מיט די שטאָלצע לאָרבער־בלעטער, וועלכע לאָזן נישט דורך די שטראַלן פון דער זון און ווערן פון דער זון אייביק געצערטלט, באַקראַנצט ער די לירע און די לאָקן זיינע; דער גאָט פעבוס קומט אָפט אויף דעם אָרט, וווּ די נימפע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בוים, אין דעם געדיכטן לאָרבער־וואַלד אַריין אין טאָל באַם ברעג פון אָראָנטעס און טרויערט און אָטעמט אַריין דעם מחיהדיקן דופט פון די טונקעלע בלעטער, וועלכע ווערן באַלויכטן און דערוואַרעמט, אָבער דאָך נישט באַזיגט פון דער זון. אַ סודותדיקער אומעט באַהויכט דעם לאָרבער־בוים אפילו אין די הייסטע זומער־טעג. דאָ האָבן מענטשן אויפגעשטעלט פאַר אים אַ טעמפל און יעדעס יאָר אָרדנען זיי איין הייליקע פייערלעכקייט־פּאַנעגיריעס, לכבוד דעם גאָט פון דער זון.

יוליאַן איז נאָך כעלות אַרויסגעפאָרן פון אַנטיוכיע און בפיוונקיינעם נישט געזאָגט קיין וואָרט: ער האָט געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, ווי אַזוי די אַנטיוכישע איינוווינער פייערן דעם הייליקן יום־טוב פון גאָט אַפּאָללאָ. אויפן וועג האָט ער געטראַכט וועגן דעם יום־טוב און געטרוימט וועגן די גרויסע מאַסן מתפללים, וועגן די כאָר־געזאַנגען לכבוד דעם זונען־גאָט, וועגן די נסכים, די וואָלקנס ווייררויך, די בחורים און בתולות, וועלכע גייען אַרויף אויף די טרעפּ פונם טעמפל אין ווייסע מלבושים, אַלס סימבאָל פון צניעותדיקער יוגנט.

דער וועג איז געווען אַ שווערער. פון דער שטיינערנער מדבר באַרעאַ האָט געבלאָזן אַ הייסער ווינט. די לופט איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַן עסנדיקן ריח פון אָנגעברענטס, עס האָט ערגעץ נישט ווייט גע־ברענט אַ וואַלד און אַ בלויער נעפּל האָט זיך געצויגן פון די וואַקלדיקע שפּאַלטן אינם באַרג קאַזיאַ. דער שטויב האָט געקיצלט אין די אויגן, אין האַלז און געקריצט צווישן די ציין. דורך דעם עסנדיקן רויכיקן נעפּל האָט די זונען־שיין אויסגעזען טונקל־רויט, קרענקלעך.

נאָר באַלד ווי דער קייסער איז אַריין אין געהייליקטן וואַלד פון אַפּאָלאָ דעם דאַפנישן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שמעקנדיקע פרישקייט. עס האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָסדאָזיקע גן־עדן זאָל זיך גע־פינען עטלעכע טריט פונעם אָנגעגליטן וועג. דער וואַלד האָט געהאַלטן אַכציק סטאַדיעס אַרום־און־אַרום. דאָ, אונטער די געדיכטע קרוינען פון די ריזיקע לאַרבערן, וועלכע זענען זיך דאָ צעוואַקסן במשך אַ סך יאָר־הונדערטער, האָט געהערשט אַן אייביקע אָוונט־דעמערונג.

דער קייסער איז פאַרוווּנדערט געבליבן פון דער פּוסטקייט: נישט קיין מתפּללים, נישט קיין קרבנות, נישט קיין ווייַרויך — קיין שום הכנות צום יום־טוב. ער האָט אַ טראַכט געטון, מסתּם איז דער עולם בײַם טעמפּל, און ער איז ווייטער געגאַנגען.

אָבער מיט יעדן טריט ווייטער איז דער וואַלד געוואָרן פּוסטער, די אויסטערלישע שטילקייט איז נישט געשטערט געוואָרן פון קיין מינדסטן שאָרך, ווי אויף אַ פאַרוואָרלאָזט בית־עולם. אפילו קיין פייגל האָבן נישט געזונגען; זעלטן פלעגן זיי אַהערקומען צו פליען: דער שאָטן פון די לאַרבער־ביימער איז געווען צו טונקל. אַ ציקאַדע־ווערעמל האָט אַ צווי־טשער געטון צווישן גראָז, נאָר ס׳איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, ווי עס וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן אייגענעם קול. בלויז אויף אַ שמאָל פּאַסיקל פון דער זון האָבן געראַיעט און געזשומט קליינע פליגעלעך עפּעס אַזוי אומעטיק, שלעפעריק, און נישט געוואַגט אַרויסצופליען פונם שטח, וואָס איז באַלויכטן געווען פונם זונען־שטראַל, אין דעם אַרומיקן שאָטן אַריין.

יוליאַן איז אַרויס אויף די ברייטערע אַלעען, צווישן די סאַמע־טענע ריזיקע וועגנט פון די אַלטע ציפּרעס־ביימער, וועלכע האָבן גע־וואָרפן פון זיך אַ קויל־שוואַרצן, כמעט נאַכטיקן שאָטן. אַ זיסלעכער, דראָענדיקער ריח האָט זיך געטראָגן פון זיי.

פאַרבאָרגענע אונטערערדישע וואַסערן האָבן געגעבן יניקה דעם

ווייכן מעך. אומעטום האָבן געריזלט קוועלעכלעך, קאַלטע, ווי ערשט צוגעוואַקסענע שניי, גאָר קלאָנגלאָזע און פון טרויער פאַרשטומטע, ווי אַלץ אַרום אין דעמדאָזיקן פאַרפֿישופֿטן וואַלד.

אויף איין אָרט זענען פון אַ פעלזן־שפּאַלט באַוואַקסן מיט מעך אַרויסגעריזלט איינציקע, לאַנגזאַמע טראָפּנס, לויטערע ווי קרישטאָל, און געפאַלן איינער נאָכן אַנדערן. דער טיפער מעך האָט אָבער איינגעזאַפּט אין זיך די טראָפּנס; זיי האָבן אויסגעזען, ווי שטילע טרערן פון שטומער ליבע.

עס האָבן זיך אים געטראָפן גאַנצע לאַנקעס, באַוואַקסן מיט ווילדע נאַרציסן, מאַרגאַריטקעס, ליליעס. דאָ זענען געווען אַ סך שמעטערלינגען, אָבער נישט קיין העל־פאַרביקע, נאָר שוואַרצע. אַ שטראַל פון דער מיטאָגעדיקער זון האָט קוים עטוואָס דורכגעדרונגען דעם געדיכטן דאַך פון די לאָרבער־און ציפּרעס־ביימער און ער האָט אויסגעזען בלאַס, כמעט ווי אַ לבֿנה־שטראַל, אַזוי טרויעריק און צערטלעך, ווי ער וואָלט דורכגעדרונגען דורך שוואַרץ געוואַנט, אָדער דורכן רויך פון לוויה־שטורקאַצן.

עס האָט אויסגעזען, ווי פעבוס וואָלט אויף אייביק בלאַס געוואָרן פון אומגעהייערן טרויער נאָך דאַפנען, וועלכע איז אונטער די הייסע קושן פונם גאָט געבליבן ווי פריער טונקל, נישט דורכדרינגלעך, ווי פריער באַהאַלטן אונטער אירע צווייגן אין אָוונט־קילקייט און אייביקן שאָטן. און אין גאַנצן וואַלד, אין יעדן ווינקעלע, האָט געהערשט אַ פאַרוואָרלאָזטקייט, אַ שטילקייט, דער זיסער טרויער פונם פאַרליבטן גאָט.

די מאַרמאָרנע מאַיעסטעטישע זיילן און טרעפּ פונם דאַפנישן טעמפּל, וועלכער איז אויפגעבויט געוועזן נאָך אין די צייטן פון די דיאַדאָכן, האָבן אַ בליץ געטון פאַר די אויגן, זייער בלענדנדיקע ווייסקייט האָט זיך נאָך מער אָפּגעשלאָגן צווישן די שוואַרצע ציפּרעס־ביימער, — און יוליאַן האָט נאָך אַלץ קיינעם נישט באַגעגנט.

ענדלעך האָט ער דערזען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, וואָס איז געגאַנגען אויף אַ שטעגל, געדיכט פאַרוואַקסן פון ביידע זייטן מיט היאַצינטן. דאָס איז געווען אַ שוואַך קינד, מסתּמא אַ קראַנקס; מאָדנע האָבן אויסגעזען די שוואַרצע, טיף שײַנענדיקע אויגן אויף דעם ווייסן פּנימל, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַן עפּעס העללענישע שיינקייט; די גאָלדענע האָר האָבן זיך צאַרט געלאָקט אויפן ייִנגלס צאַרטן העלדז און אויף ווײַנע שלייפן האָבן זיך אָנגעזען קליינע בלוילעכע אָדערלעך, ווי בײַ

דורכזיכטיקע בלעטעלעך פון בלומען, וואָס זענען אויפגעהאַדעוועט גע־וואָרן אין דער פינצטער.

— צי ווייסטו נישט, קינד מיינס, ווו עס זענען דאָ די פּריסטער, דער עולם? — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון.

דאָס ייִנגל האָט גאָרנישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט גע־הערט.

— הער נאָר, ייִנגעלע, צי וואָלסטו מיך נישט געקאָנט פירן צום הויפּט־פּריסטער פון גאָט אַפּאָללאָ?

דאָס קינד האָט געשמייכלט שטיל און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

דאָס ייִנגל האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף די ליפּן, דערנאָך אויף ביידע אויערן און נאָכאַמאָל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ שוין אָן אַ שמייכל.

יוליאַן האָט אַ טראַכט געטון: „מסתּם אַ טויב־שטומער פון גע־בוירנהייט".

דאָס ייִנגל האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די בלאַסע ליפּן און זיי־טיק אַ קוק געטון אויפן קייסער.

— אַ שלעכטער סימן! — האָט יוליאַן שטיל אַרויסגערעדט.

און עס איז אים כּמעט באַפאַלן אַן אימה אין דער שטילקייט, פּוסטקייט און חשכות פונם אַפּאָללאָ־וואַלד אייגער אַליין מיט דעמדאָזיקן טויב־שטומען ייִנגל, וואָס האָט אים געקוקט אַזוי דורכדרינגלעך אין די אויגן אַריין און אַזוי סודותדיק געלויכטן מיט זיין קליין פּנימל, ווי אַ קליינער גאָט.

ענדלעך האָט דאָס ייִנגל אַ וויַיז געטון דעם קייסער צווישן די ביימער, פון דאָרט האָט זיך באַוויזן אַן אַלטיטשקער אין פאַרלאַטעטע, איינגעריכטע מלבושים, לויט וועלכע יוליאַן האָט דערקענט, אַז ער איז אַ פּריסטער. דער אַלטיטשקער איז געווען איינגעהויקערט, זייער אַלט און איז געגאַנגען, עטוואָס וואַקלענדיק זיך, ווי אַ מענטש, וועלכער האָט אויסגעטרונקען אַן איבעריקע כּוסה. ער האָט געהאַלטן אין איין לאַכן צו זיך אַליין און האָט עפּעס געברומט אונטער דער נאָז. ער האָט געהאַט אַ רויטע נאָז און אַ גלאַטיקן, קיילעכדיקן פּליך איבערן גאַנצן קאָפּ, אַרום־און־אַרום באַוואַקסן מיט קליינע־גרויע קרייזעלעך, אַזעלכע לייכטע און דינינקע, אַז זיי האָבן כּמעט שטייענדיק אַרומגערינגלט זיין פּליך; אין די האַלב־בלינדע, פאַרטרערטע אייגעלעך האָט זיך באַמערקט אַן

אויסדרוק פון געשייטער גוטמוטיקייט. ער האָט געטראָגן אַ היפּשן גע־פלאַכטענעם קויש.

— דו ביסט אַן אַפּאָללאָ־פּריסטער? — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון.

— איך בין עס בכבודי ובעצמי! מיין נאָמען איז גאָרגיוס. און וואָס פאַרלאַנגסטו עפּעס, ליבער מענטש?

— צי קאָנסטו מיר נישט אָנווייזן, וווּ ס'איז דאָ דער הויפּט־פּריס־טער פונם טעמפּל און די מתפּללים?

גאָרגיוס האָט צום ערשט גאָרנישט געענטפערט, נאָר פריער אַוועק־געשטעלט דעם קויש אויף דער ערד; דערנאָך אָנגעהויבן רייבן מיט דער דלאָניע דעם הוילן קאָפּ; צום סוף זיך אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אונטער די לענדן, איינגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט און כיטרע פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג.

— און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט זיין דער הויפּט־פּריסטער אַליין? — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ פויזע נאָך יעדן וואָרט. — און וואָס מיינסטו דאָס מיטן וואָרט מתפּללים, זון מיינער, — זאָלן דיך די אָלימפּישע געטער באַשירעמען?

עס האָט זיך פון אים געפילט אַ ריח פון וויין. יוליאַן האָט אים געוואָלט מאַכן אַ פאַרוואורף, דערדאָזיקער הויפּט־פּריסטער האָט אים אויס־געזעען צופיל אומאָנשטענדיק:

— דו ביסט שיכור, ווייזט אויס!...

גאָרגיוס איז לחלוטין נישט נתפּעל געוואָרן, ער האָט זיך נאָר אָנגעהויבן שטאַרקער צו רייבן דעם הוילן שאַרבן און מיט נאָך אַ כיטרער שמייכעלע פאַרזשמורעט די אויגן.

— שיכור בין איך אפילו נישט, נאָר אַ פּינף כוסהלעך לכבוד יום־טוב האָב איך יאָ אַריינגעכאַפּט!... וואָס איז דען דאָס ווונדער? מ'טרינקט דען פאַר נחת, פאַר צרות טרינקט מען דאָך! אַזוי, אַזוי, זון מיינער, זאָלן דיך די אָלימפּישע געטער באַשירעמען!... נו, און דו אַליין ווער ביסטו? לויטן אָנטון, דאַכט זיך, אַ וואַנדערנדיקער פילאָזאָף, אָדער אַ לערער אין אַ שול אין אַנטיוכיע? האַ?

דער קריסער האָט אַ שמייכל געטון און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ער האָט חשק געהאַט ווייטער אויסצופרעגן דעם פּריסטער.

— דו האָסט געטראָפן, אַ לערער.

— אַ קריסט?

— ניין, אַ הערלענער.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש, — יענע, די גאַטלאָזע קריסטן, קומען אויך אַמאָל אַהער...

— און דו האָסט מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט, אַלטער, ווו דער עולם איז? צי האָט מען אַ סך קרבנות צוגעשיקט פון אַנטיוכיע? און דער כאָר איז גרייט?

— קרבנות? וואָס נאָך וואָלסטו געוואָלט? — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן לאַכן, אַ וואַקל טוענדיק זיך אויף די פיס און שיער נישט אומפאַלנדיק. — נו, ברודער, דאָסדאָזיקע האָבן מיר שוין לאַנג פאַר די אויגן נישט געזען — פון קאָנסטאַנטינס צייטן אָן!...

גאַרגיוס האָט האָפנונגסלאָז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און דערנאָך אַ פייף געטון:

— פאַרשטייט זיך! די מענטשן האָבן פאַרגעסן אין די געטער... ווער רעדט גאָר פון קרבנות, עס פעלט טיילמאָל אויס אַ ביסעלע מעל — אַ קרבן־פּלעצעלע פאַר גאָט אַפּצובאַקן — קיין קערנדל ווייריך, קיין טראָפּן בוימל אַ לעמפּעלע אָנצוצינדן: כאַטש נעם און צערייס דיך! — אַזוי, אַזוי, זון מיינער, זאָלן דיך די אָלימפּישע געטער באַשירעמען! אַלץ האָבן די מאָנאַכן צוגענומען. אַלץ די מאָנאַכן. און זיי קריגן זיך נאָך צווישן זיך, פון וויילטאָג, פון צופיל גוטס... שלעכט מיט אונז! ביטערע צייטן! עק וועלט... און דו האָסט נאָך אַ טענה צו מיר, פאַרוואָס איך כאַפּ אָן איבעריקע כוסה. נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן, מיין טייערער, פאַר צרות נעמט מען זיך צום טרונק. ווען נישט די כוסה, וואָס מ׳כאַפּט אַמאָל, וואָלט איך מיך שוין לאַנג געהאַט אויפגעהאַנגען!...

— ווי איז דאָס מעגלעך, קיין איין הערלענער איז נישט געקומען אויף יום־טוב! — האָט יוליאַן געפרעגט.

— קיין איינער נישט, אַ חוץ דיר, זון מיינער! איך בין דער פּריסטער און דו — דער עולם. וועלן מיר טאַקע ביידע איבערנעם ברענען דעם קרבן.

— האָסט דאָך נאָר־וואָס געזאָגט, אַז דו האָסט קיין קרבן נישט.

גאַרגיוס האָט מיט זעלבסטצופרידנקייט זיך אַ גלעט געטון איבערן הוילן שאַרבן.

— קיינער האָט טאַקע נישט געבראַכט, האָב איך מיר אַן אייגענעם קרבן אַליין געשאַפן. דריי טעג האָבן מיר ביידע געהונגערט, איך

און עבּפּאַריאַ, — ער האָט אַ ווייז געטון מיט דער האַנט אויף דעם טויב-שטומען יינגל, — און מיר האָבּן אָנגעזאַמלט אויף אַ קרבן פאַרן גאָט אַפּאָללאָ. נאַ, זע!

ער האָט אויפגעהויבּן דאָס דעקל פונם קויש: אַ געפּענטעטע גאַנז האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אָנגעהויבּן שרייען און זיך באַמיט אַרויס-צושפּרינגען פון קויש.

— כע-כע-כע! דאַכט זיך, אַ גאַנץ פיין קרבּנדל? — האָט דער אַלטער אַ שמייכל געטון מיט שטאָלץ. — אַ גאַנז, כאָטש נישט קיין יונגע, נישט קיין פעטע, אָבער פאָרט אַן עוף, אַ הייליק עוף! דער דאַמף פון אַ געבּראָטענער גאַנז איז אַ תענוג פאַר גאָט. הײנטיקע צייטן איז אַזאַ קרבּן אויך אַ גרויסע זאַך. אַפּאָללאָ וועט צופרידן זיין!...

געטער האָבּן ליבּ געגנזס, — האָט ער צוגעגעבּן מיט אַ געשייטן, דורכ-דרינגלעכן בּליק, פאַרזשמורענדיק דאָס לינקע אויג.

— דו בּיסט שוין לאַנג פּריסטער? — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון.

— לאַנג. אַ יאָר פערציק אַוודאי, און אפשר נאָך מער.

— דאָס איז דיין זון? — האָט דער קייסער געוויזן אויפן יינגל, וואָס איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיי פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט גע-וואָלט טרעפן, וועגן וואָס זיי שמועסן.

— ניין, נישט קיין זון, איך בּין עלנט ווי אַ שטיין — אָן אַ קינד, אָן אַ רינד. עבּפּאַריאַ איז מיין געהילף אין בּאַדינען דעם טעמפּל.

— ווער-זשע זענען די עלטערן זיינע?

— ווער דער פאָטער איז — ווייס איך נישט, און קיינער ווייסט נישט. די מוטער זיינע איז די גרויסע סיבּיללע דיאָטימע, וועלכע האָט יאָרן לאַנג געלעבּט דאָ, בּאַ דעמדאָזיקן טעמפּל. זי האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, נישט אויפגעהויבּן דעם שלייער איבּער איר פּנים אין דער אָנוועזנהייט פון מאַנספאַרשוינען, בּכלל געווען ריין און צניעותדיק, ווי אַ ווענטאַלקע. ווען זי האָט געבּוירן דאָס קינד, האָבּן מיר זיך זייער פאַרוווּנדערט און נישט געוווּסט, וואָס צו טראַכטן. איין אַלטער היעראָפאַנט, אַ גרויסער חכם, אַ הונדערטיעריקער זקן האָט אונז אָבּער געזאָגט...

דאָ האָט גאָרגיוס מיט אַ סודותדיקער מינע פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט דאָס מויל און איינגערוימט יוליאַנען אויפן אויער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דאָס יינגל זאָל נישט דערהערן:

— דער היעראָפאַנט האָט געזאָגט, אַז דאָס קינד איז נישט פון

קיין מענטש, נאָר פון גאָט, וואָס האָט באַפרוכפּערט די סיביללע, בשעת זי איז געשלאָפן אינעווייניק, אין טעמפּל. — דו זעסט דען נישט, ווי שיין ער איז?

— אַפּאָללאָס זון אַ טויב-שטומער? — האָט יוליאַן מיט פאַרוווּנ-דערונג אַרויסגערעדט.

— וואָס איז דען דאָס וווּנדער? — האָט אים גאָרגיוס אָפּגעענט-פערט. — ווען אין די הייַנטיקע צייַטן וואָלט אַ זון פון אַ גאָט און אַ נביאהטע נישט געווען טויב-שטום, וואָלט ער געשטאָרבן פון האַרצווייטיק. און אַזוי, זעסטו דען נישט, ווי דאַר, ווי בלייך ער איז...

— ווער ווייסט? — האָט יוליאַן אַרויסגעמורמלט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, — אפשר ביסטו גערעכט, אַלטער, — אין די הייַנטיקע צייַטן איז גלייַכער פאַר אַ נביא צו זיין טויב-שטום...

פּלוצלינג איז דאָס ייִנגל צוגעגאַנגען צו יוליאַנען, אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט, אַרייַנגעקוקט אין די אויגן אַרייַן מיט אַ טיפן, מאָדנעם בליק און אים אַ קוש געטון אין דער האַנט אַרייַן.

יוליאַן האָט אַ ציטער געטון.

— זון מייַנער! — האָט דער אַלטיטשקער אַרויסגערעדט מיט אַ פרייערלעכן, פריידיקן שמייכל, — זאָלן דיך די אָלימפּישע געטער באַשיי-רעמען! — דו ביסט מסתם אַ גוטער מענטש. מייַן ייִנגל איז קיינמאָל נישט ליבלעך צו קיין שלעכטע, זינדיקע מענטשן. פון מאַנאַכן אַנטלויפט ער, ווי פון אַ מגפה. מיר דאַכט זיך, אַז ער זעט און הערט בעסער ווי מיר ביידע, נאָר ער קאָן נישט אַרויסרעדן. טייַלמאָל מאַכט זיך, באַמערק איך, ווי ער זיצט אַזוי אייַנער אַליין אין טעמפּל; גאַנצע שעהן זיצט ער אָפּ און קוקט אויף דער אַפּאָללאָ-סטאַטוע, ווי ער וואָלט שטום גע-רעדט מיט גאָט...

עבפאָריאָס פּנים איז מרה-שחורהדיק געוואָרן; ער איז פאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען פון זיי.

גאָרגיוס האָט זיך אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט אין פּליך אַרייַן מיט פאַרדראָס, זיך אַ כאַפּ געטון צום קויש און אַרויסגערעדט:

— זע נאָר, זע נאָר, ווי איך האָב מיך פאַררעדט! די זון איז שוין אַזוי הויך. שוין צייַט מקריב צו זיין דעם קרבן. קום.

— וואַרט נאָר צו, אַלטער, — האָט דער קייסער אַ זאָג געטון, — איך האָב דיך געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן: צי האָסטו געהערט, אַז דער

אויגוסט יוליאַן האָט בדעה צוריק צו באַנייען דאָס גלויבן אין די פּאַר־צייטישע געטער?

— וואָס דען? אוודאי האָב איך געהערט! — האָט דער פּריסטער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — וואָס וועט ער אָבער אויפטון?... ס׳וועט דערפון גאָרנישט זיין. בחינם אַלץ. איך זאָג דיר: געענדיקט!

— און דו גלייבסט אין די געטער! — האָט יוליאַן אויסגע־שריגן: צי איז דען מעגלעך, אַז די אָלימפּישע געטער זאָלן אויף אייביק פאַרלאָזן די מענטשן?

דער אַלטער האָט שווער אָפּגעזיפצט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— זון מיינער, — האָט ער צום סוף אַרויסגערעדט, — דו ביסט נאָך יונג. כאָטש איך זע פריצייטיקע גרויע האָר אויף דיין קאָפּ און קנייטשן אויף דיין שטערן; נאָר אין יענע צייטן, ווען מיינע ווייסע האָר זענען נאָך שוואַרץ געווען און יונגע מיידלעך פלעגן זיך נאָך פאַרקוקן אויף מיר, געדענק איך, זענען מיר איינמאָל געשוווּמען אויף אַ שיף נישט ווייט פון טעסאַלאָניק און דערזעען פונם ים דעם באַרג אָלימפּ; דער באַרג איז צופוסנס און אינמיטן אַרומגעהילט געווען מיט אַ נעפּל, און די שנייאיקע שפּיצן זענען געהאָנגען און געשוועבט אינמיטן דער העלעכקייט פון הימל און ים, אַזוי אומדערגרייכלעך, אַזוי שטראַלנדיק. און איך האָב געטראַכט בא זיך: אָט דאָ וווינען די געטער! — און מיין האַרץ האָט זיך געקוויקט פון געטלעכער שמחה. אָבער אויף דער זעלבער שיף איז געפאָרן אַן אַלטער מאַן, אַ בייזער לצנות־טרייבער, ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַן עפּיקורעער. האָט דערדאָזיקער אַלטער אַ וויַיז געטון אויפן באַרג און געזאָגט: „ליבע פריינט, מיט אַ סך יאָרן צוריק זענען רייזנדע אַרויף אויפן שפּיץ פון אָלימפּ. זיי האָבן גע־זעען, אַז ער איז אַן איינפאַכער באַרג, ווי אַלע אַנדערע בערג: עס איז דאָרט גאָרנישט פאַראַן, אויסער שניי, אייז און שטיינער“. אַזוי האָט דער עפּיקורעער געזאָגט און זיינע ווערטער זענען מיר טיף אַריינגעדרונגען אין האַרץ און מיין גאַנץ לעבן געדענק איך זיי...

דער קייסער האָט אַ שמייכל געטון:

— אַלטער, דיין אמונה אין די געטער איז אַ קינדערישע. אויב די געטער זענען נישט פאַראַן אויפן אָלימפּ, צי קאָנען זיי דען נישט זיין העכער, אינם געביט פון די אייביקע אידעען, אינם געביט פון גייסטי־קער ליכטיקייט?

גאַרגיוס האָט נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָפנונגס-
לאָז אַ קראַץ געטון דעם פליך.

— עס קאָן אפשר מעגלעך זיין... אָבער פונדעסטוועגן איז אַן
עק, געענדיקט. ליידיק געוואָרן דער אָלימפּ!

יוליאַן האָט שווייגנדיק מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטון אויף
אים.

— פאַרשטייסטו מיך, אָט וואָס, — האָט גאַרגיוס אַרויסגערעדט, —
די ערד האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פון זיך שוואַכע און דערצו נאָך
בייזע מענטשן; די געטער זענען אין כעס געוואָרן אויף זיי, אָבער זיי
לאָכן זיך אויס פון זיי, עס לוינט זיי נישט אומצוברענגען פון דער
וועלט: זיי וועלן סיי-ווי אַליין אויסשטאַרבן פון קרענק, רשעות און פּיין.
די געטער איז נמאס געוואָרן צו קוקן אויף די מענטשן, זענען זיי
אַוועק...

— דו האַלטסט, גאַרגיוס, אַז דער מענטשלעכער מין מוז אונטער-
גיין?

דער פּריסטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— אָך-אָך-אָך. זון מיינער. זאָלן דיך די אָלימפּישע געטער באַ-
שירעמען פון בייז! — אַלץ ווערט ערגער, אַלץ גייט צו גרונט. די
ערד ווערט געעלטערט, די טייכן פליסן פאַמעלעכער. די בלומען שמעקן
שוין נישט אַזוי אום פרילינג. ערשט נישט לאַנג האָט מיר אַן אַלטער שיף-
פאַרער דערציילט, אַז צושווימענדיק צו סיציליע זעט מען שוין מער
נישט דעם באַרג עטנע פון אַ טאָג מהלך, ווי מ'פלעגט אים אַמאָל זען:
די לופט איז געדיכטער, טונקעלער געוואָרן; די זון קעלטער און זי
לייכט שוואַכער... עס דערנענטערט זיך דער אונטערגאַנג פון דער
וועלט...

— זאָג מיר, גאַרגיוס, פאַר דיינע יאָרן זענען געווען בעסערע
ציַיטן ווי היינט?

דער אַלטער איז אויפגעלעבט געוואָרן און זיינע אויגן האָבן זיך
אָנגעצונדן מיט אַ פייערל פון גוטע זכרונות:

— ווען איך בין נאָר-וואָס געהאַט אָנגעקומען אַהער, אין די
ערשטע יאָרן פון קאָנסטאַנטינוס-קייסער, — האָט ער מיט פרייד אַרויסגע-
רעדט, — פלעגן דאָ יעדעס יאָר אָפּגעריכט ווערן גרויסע פאַנעגיריעס
לכבוד דעם גאָט אַפּאָללאָ. וויפיל פאַרליבטע בחורים און בתולות פלעגן
זיך צונויפזאַמלען דאָ. אין דעמדאָזיקן וואַלד!... און ווי שיין די לבנה

האָט דעמאָלט געשיינט, ווי הערלעך די ציפּרעסן האָבן געשמעקט, ווי זיס די נאַכטיגאַלן האָבן געזונגען! ווען זייער טרעלן פֿלעגט אַנטשוויגן ווערן, פֿלעגט די לופֿט פּלאַטערן פֿון קושן און ליבעס-זיפֿצן, ווי פֿון דעם שאָרכן פֿון אומגעזעענע פֿליגל... אָט אַזעלכע צייטן זענען אַמאָל געווען!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אין טרויעריקער פֿאַרטראַכטקייט.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך בולט דערהערט פֿון דער טיפֿעניש פֿון וואַלד אַ געזאַנג ווי פֿון קריסטלעכע תּפֿילות.

— וואָס איז דאָס? — האָט יוליאַן אַ ציטער געטאָן.

— די מאָנאַכן: יעדן טאָג דאַווענען זיי דאָ בײַ די רעשטלעך פֿון עפּעס אַ גלילעישן מת...

— וואָס? אַ גלילעישער מת? דאָ, אין דעם הייליקן אַפּאָללאָ-וואַלד?

— יאָ. זיי רופֿן אים — דער מאַרטירער באַבילע. נאָך מיט צען יאָר צוריק האָט דעם קייסער יוליאַנס ברודער, דער צעזאַר גאַללוס, אַריבערגעפֿירט דעמדאָזיקן באַבילעס ביינער פֿון אַנטיוכיע אַהער, אין דאַפֿנישן וואַלד אַריין און אויפֿגעשטעלט אַ פּרעכטיקן אוהל איבער זיין קבֿר. פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיך אויסגעלאָזט בײַ אונז די נבֿיאות: דער טעמפּל איז פֿאַרשוועכט געוואָרן און אַפּאָללאָ האָט אים פֿאַרלאָזט...

— אַ גאָט-לעסטערונג! — האָט דער קייסער אויסגעשריגן.

— אין דעם זעלבן יאָר, — האָט דער אַלטער ווייטער דערציילט, — האָט די בתולה די סיביללע געבוירן דאָס טויב-שטומע יינגל, מ'האָט דאָס פֿאַרשטאַנען, אַלס אַ שלעכטן סימן. דאָס וואַסער פֿונם קאַסטאַלישן קוואַל האָבן זיי פֿאַרשטאָפּט מיט אַ שטיין און עס האָט אָנגעווירן די נבֿיאהשע קראַפֿט. נאָר איין איינציקער הייליקער קוואַל איז ריין געבליבן, מ'רופֿט אים „די טרערן פֿון דער זון" — דו זעסט, דאָרט איז ער, ווו דאָס יינגל זיצט. ער טריפֿט אַרויס פֿונם מעכטיקן שטיין טראָפּנווייז. מ'זאָגט, אַז דאָס באַוויינט העליאָס די נימפֿע, וואָס איז אין אַ לאָרבער-בוים פֿאַרוואַנדלט געוואָרן... עבפאָריאָ זיצט דאָ אָפּ גאַנצע טעג...

יוליאַן האָט זיך אומגעקוקט. דאָס יינגל איז געזעסן אומבאַוועגלעך לעבן דעם מאָכיקן שטיין און אונטערגעהאַלטן די האַנט, אין וועלכער עס זענען אַריינגערונען די לאַנגזאַם פֿאַלנדיקע טראָפּנס. אַ שטראַל פֿון דער זון האָט זיך דורכגעשלייכט דורך די לאָרבער-ביימער און די פּאַמעלעך רינענדיקע טרערן האָבן געפֿינקלט אַזוי שטיל, אַזוי לויטער, די שאָטנס

האָבן זיך עפעס מאָדנע באַוועגט; און יוליאַנען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז צווי דורכזיכטיקע פליגל פלאַטערן הינטער דעם געטלעך-שיינעם יינגלס פלייצעס; ער איז אַזוי בלייך געווען, אַזוי טרויעריק און אַזוי שיין, אַז דער קייסער האָט אַ טראַכט געטון: „דאָס איז עראָס אַליין, דער קליינער, פאַרצייטישער ליבעס-גאָט, אַ קראַנקער, אַ שטאַרבנדיקער אין דער איצטיקער צייט פון גליליִשער מרה-שחורה. ער זאַמלט צונויף די לעצטע טרערן פון ליבע, די לעצטע טרערן פונם גאָט וועגן דאַפנע, דער אומגעקומענער שיינהייט".

דער טויב-שטומער איז געזעסן אומבאַוועגלעך; אַ גרויסער, שוואַרצער שמעטערלינג, אַ צאַרטער, ווי אַ לוויה-סימבאָל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ. ער האָט אים נישט געפילט און זיך קיין ריר נישט געטון. ווי אַ דראָענדיקער שאָטן האָט דער שמעטערלינג געפלאַטערט איבער זיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. און די גאָלדענע טרערן פון דער זון זענען איינע נאָך דער אַנדערער פאַמעלעך געפאַלן אין דעם יינגלס האַנט אַריין און איבער אים האָבן געווירבלט די קלאַנגען פון קלויסטער-געזאַנג, ווי אַ האָפנונגסלאָזער לוויה-הימן; די קלאַנגען זענען אַלץ העכער, אַלץ דייטלעכער געוואָרן.

פלוצלינג האָבן זיך פון הינטער די ציפּרעס-ביימער דערהערט אַנדערע שטימען גאָר נאָענט:

— דער אויגוסט איז דאָ!...

— אַליין געפאָרן קיין דאַפנע?

— אוודאי! היינט איז דאָך די גרויסע אַפּאָללאָ-פאַנעגיריע. — איר זעט, ער איז דאָ! — יוליאַן, מיר זוכן דאָך דיך פון פאַרטאָג אָן!

דאָס זענען געווען די גריכישע סאָפיסטן, געלערנטע, רעטאָריקער — יוליאַנס שטענדיקע באַגלייטער: סיי דער בעל-תענית דער נעאָ-פיטאַגאָרעער פּריסקוס פון עפיר, סיי דער גאַליקער סקעפּטיקער יוניוס מויריקוס, סיי דער קלוגער סאַלוסטיוס סעקונדוס, סיי דער ערגייציקסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט, דער באַרימטער אַנטיוכישער רעטאָריקער ליבאַניוס.

דער אויגוסט האָט זיך נישט אומגעקוקט צו זיי, אפילו נישט געענטפערט אויף זייער באַגריסונג.

— וואָס איז מיט אים עפעס היינט? — האָט יוניוס שטיל געפרעגט פּריסקוסן אויפן אויער.

— מסתם איז ער בייז, וואָס מ'האָט קיין שום הכנות נישט געמאַכט

צו דעם יום־טוב. מיר האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן ! קיין איינציקן קרבן נישט צוגעגרייט...

יוליאַן האָט זיך געווענדט צום געוועזענעם קריסטלעכן רעטאָריקער העקעבאָליוס, דעם היינטיקן הויפּט־פּריסטער פון דער געטין אשתּרות :

— גיי אַהין אין דער קאַפּליצע אַריין און זאָג דאָרט די גלילעער, וואָס ריכטן אָפּ זייער תּפילה איבער די טויטע ביינער, אַז זיי זאָלן תּיכף אַהערקומען.

העקעבאָליוס איז אַוועקגעגאַנגען צו דער קאַפּליצע, וועלכע האָט זיך געפונען הינטער דיביימער, פונוואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג.

גאַרגיוס האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם קויש מיט דער גאַנז. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט אַן אָפן מויל און אַרויסגעזעצטע אויגן. טיילמאָל פלעגט ער זיך אָננעמען מיט אַ געוואַלטיקן מוט און פּרווון אַ רייב טון דעם גלאַטיקן פליך. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט צופיל אויסגעטרונקען און אַז דאָס אַלץ, וואָס ער זעט, חלומט זיך אים. אַ קאַלטער שווייס איז אים אַרויסגעקומען אויפן שטערן, ווען ער האָט זיך דערמאַנט, וואָס ער האָט דאָ אָנגעפּלאַפּלט פאַר דעמ־דאָזיקן „לערער" וועגן אויגוסט יוליאַן און וועגן די געטער. די פיס זע־נען אים אונטערגעהאַקט געוואָרן פאַר שרעק. ער איז געפאַלן אויף די קניען.

— זיי מיר מוחל, קייסער ! פאַרגעס מיינע חוצפּהדיקע רייד : איך האָב נישט געוווּסט...

אייבער פון די אונטערלעקערס די פילאָזאָפן האָט געוואָלט אָפּ־שטויסן דעם אַלטן :

— אַוועק, דו שוטה ! וואָס קריכסטו ?

יוליאַן האָט אים אָפּגעהאַלטן :

— באַליידיק נישט דעם פּריסטער ! — שטיי אויף, גאַרגיוס. נאַדיר מיין האַנט. שרעק דיך נישט. אַזוי לאַנג ווי איך לעב, וועט קיינער אייך קיין שלעכטס נישט טון, נישט דיר, נישט דיין יינגל. בלויז מיר ביידע זענען געקומען צו דער פאַנעגיריע, בלויז מיר ביידע האָבן ליב די אַלטע געטער — לאָמיר־זשע זיין גוטע פריינט און מקבל־פּנים זיין דעם יום־טוב פון דעם זונען־גאָט מיט אַ פריילעך האַרץ !

דאָס קלויסטער־געזאַנג איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. אויף

דער ציפּרעסן־אַלעע האָבן זיך באַוויזן בלאַסע, דערשראָקענע פּנימער פֿון מאָנאַכן, דיאַקאָנס און דער גלח אַליין, וועלכער האָט אין איילעניש פֿאַרגעסן אויסצוטון דאָס קיטל. זיי האָט אַהער געפֿירט העקעבאָליוס. דער פּרעסביטער, אַ דיקער מענטש מיט אַ קופּער־רויט פּנים, האָט זיך געוואַקלט אין גאַנג. געפּרייכט, געבלאָזן פֿון זיך און געווישט דעם שווייס פֿון שטערן. ווען ער איז צוגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן אויגוסט, זיך געבוקט ביז צו דער ערד, און אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט אַרויסגעזונגען מיט זיין טיפֿער, אָנגענעמער שטימע, פֿאַר וועלכער די מתפּללים פֿון זיין פּאַראַפֿיע האָבן אים באַזונדערס ליב געהאַט:

— זאָל דער מענטשנליבנדער אויגוסט זיך דערבאַרעמען איבער די אומווירדיקע קנעכט זיינע!

ער האָט זיך נאָך טיפֿער פֿאַרנייגט און ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן קרעכצנדיק, האָבן אים צוויי יונגע געשיקטע קלויסטער־שמשים, מיט גלע, וואַקסענע פּנימער, אָנגענומען אונטער די אָרעמס און אים געהאָלפֿן זיך אויפֿשטעלן. איינער פֿון זיי האָט אין איילעניש פֿאַרגעסן אַוועקצולייגן דעם וויירויך־בעכער, אַ לייכטער שטראָם וויירויך האָט זיך געשלענגלט פֿון די גליענדיקע קוילן. עבּפּאַריאָ האָט דערזעען פֿונדערווייטנס די מאָנאַכן און איז אַנטלאָפֿן. יוליאַן האָט אַ זאָג געטון:

— גליליִער! איך באַפֿעל אייך אָפּצורייניקן דעם הייליקן אַפּאָלאָוואַלד פֿון די טויטע ביינער — ביז מאָרגן אין אָוונט. קיין געוואַלט באַנוצן ווילן מיר נישט, נאָר אויב אונזער ווילן וועט נישט דערפֿילט ווערן, וועלן מיר זיך אַליין באַמיען, אַז דער גאָט העליאָס זאָל פּטור ווערן די פֿאַרשווערישע שכנות פֿון דעם גלילעישן מת: איך וועל דאָ אַהערשיקן מיינע זעלנער, זיי וועלן אויסגראָבן די ביינער, פֿאַרברענען זיי און דאָס אַש צעשפּרייטן אויפֿן ווינט. אַזוי איז אונזער ווילן, בירגער!

דער פּרעסביטער האָט שטיל אַ הוסט געטון, פֿאַרשטעלנדיק זיך מיט דער האַנט דאָס מויל, דערנאָך האָט ער אַרויסגעזונגען מיט אַ הכנעהדיקער שטימע:

— לייטזעליקער קייסער, דאָסדאָזיקע טוט אונז זייער לייד, דערפֿאַר ווייל די הייליקע עצמות רוען שוין דאָ פֿון אַ סך יאָרן לויטן ווילן פֿונעם צעזאַר גאַללוס. נאָר זאָל זיין, ווי דיין לייטזעליקייט פֿאַרלאַנגט. איך וועל מודיע זיין דעם בישאָף.

צווישן המון האָט זיך דערהערט אַ געמורמל. אַ יינגל האָט זיך

נאָהאַלטן צווישן די לאַרבער־ביימער און אָנגעהויבן זינגען דאָס לידל:

דער קצב גייט,
דער קצב גייט,
אַ שאַרף מעסער טראָגט ער,
מיט דער באָרד שאָקלט ער,
מיט דעם לאַנגן ווייסן ראָק,
מיט דער באָרד פון אַ ציגנבאָק, —
שטריק פון איר צו פלעכטן!

עמעץ האָט אָבער דעם שטיפער דערלאַנגט אַזאַ זעץ, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן מיט אַ געוויין.

דעם פּרעספּיטער האָט זיך געדאַכט, אַז די אָנשטענדיקייט פאָדערט פון אים זיך כאַפּן מיט אַ וואָרט איינצושטעלן פאַר די הייליקע ביינער, האָט ער ווידער אַ הוסט געטון אין דער דלאָניע אַריין און אָנגעהויבן:

— אויב דיין מאַיעסטעט באַווילִיקט דאָסדאָזיקע צו באַשטימען צוליב דעם געץ...

ער האָט שנעל אויסגעבעסערט:

— צוליב דעם העללענישן גאָט העליאָס...

דעם קייסערס אויגן האָבן אַ בליץ געטון:

— דעם געץ! — אָט אַזוי זענען אויס אייערע רייד. איר האַלט אונז פאַר פּשוטע נאַראָנים, באַהויפּטנדיק, אַז מיר פאַרגעטערן די טויטע סטאַטועס — דאָס מעש, דעם שטיין, דאָס האָלץ! אייער אַלע פּרעדיקער ווילן אַזוי איינרעדן אי יענעם, אי אונז, אי זיך אַליין. דאָס איז אָבער שקר! מיר פאַרגעטערן נישט דאָס טויטע האָלץ, נישט דאָס מעש, נישט דעם שטיין, נאָר דעם גייסט, דעם לעבעדיקן גייסט פון שיינקייט אין אונזערע סטאַטועס, די בילדער פון דער ריינסטער געטלעכער הערלעכקייט. נישט מיר זענען געצנדינער, נאַר איר! איר רייסט זיך און בייסט זיך צוליב „אָמאָוזיאָס" און „אָמאָיוזיאָס", צוליב איין איינציקער „י", — איר קושט די פאַרפוילטע ביינער פון פאַרברעכער, וואָס זענען פאַרמשפט געוואָרן צום טויט פאַר עובר זיין די רוימישע געזעצן, איר רופט דעם ברודערן־מערדער קאָנסטאַנציוס „אייביקייט", „הייליקייט"! פאַרגע־

טערן א פרעכטיקע סקולפטור פון פידיאַסן איז דען נישט פאַרשטענדלעכער, ווי בוקן זיך צו צוויי הילצערנע ליסטלעך, איבערגעלייגט איינס אויפן אַנדערן ווי אַ שתי־וערב — דעם שענדלעכן געצייג פון טויט־שטראָף? וואָס זאָל איך, צי רויט ווערן פון חרפה פאַר אייך, צי רחמנות האָבן אויף אייך, צי האַסן אייך? דאָסדאָזיקע, וואָס איר טוט, גרענעצט מיט שאַנד און משוגעת — קינדער פון פאַרציייטישע העללענער. וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך פלאַטאָנען און האָמערן, זאָלן שטרעבן ווהין? — צו אַזאַ מנוולדיקייט! — צום פאַרשטויסענעם פאָלק, וואָס איז כמעט פאַרטיליקט געוואָרן דורך אַספּיזיאַנוסן און טיטוסן, — צום פאַרגעטערן אַ נעשטאָרבענעם ייד!... און איר האָט נאָך די העזה אונדז צו באַשולדיקן אין געצנדינערײַ!

דער פרעסביטער האָט די גאַנצע צייט גלייכגילטיק געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף יוליאַנען, מיט מידקייט און לאַנגווייליקייט, זיך אויסגעגלייכט די זיידענע שוואַרצע באָרד מיט די זילבערנע פעדעם אינמיטן און זיך געווישט די גרויסע טראָפּנס שווייס פון ברייטן גלאַנצנדיקן שטערן.

דער קייסער האָט ענדלעך אַ זאָג געטאָן צום פילאָזאָף פּריסקוס:

— ליבער פריינט, ביסט געניט אין די פאַרצייטישע העללענישע מנהגים: ריכט אָפּ די דעלאָסישע מיסטעריען, וואָס פאָדערן זיך אָפּצורייניקן דעם טעמפּל פון דער פאַרשוועכערישער נאָענטקייט מיטן גלילעישן מת. זאָלסט אויך תיכף באַפעלן אַראָפּצונעמען דעם שטיין פון קאַסטאַלישן קוואַל, זאָל דער גאָט אַפּאָללאָ צוריקקערן אויף זיין ווינאָרט, זאָל צוריק באַנייט ווערן די פאַרצייטישע נביאות.

דער פרעסביטער האָט פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך מיט גאָך אַ טיפערן נויג, מיט אַזאַ הכנעה, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט אַ געוואַלטיקע עקשנות.

— זאָל געשען לויט דיין ווילן, מעכטיקער אויגוסט! מיר זענען דיינע קינדער — דו ביסט אונזער פאָטער. אין דער הייליקער שריפט ווערט געזאָגט: יעדעס באַשעפעניש זאָל אונטערטעניק זיין דער מאַכט, וואָס רעגירט: ווייל עס איז נישטאָ קיין מאַכט, וואָס זאָל נישט זיין פון גאָט...

— הונפים! — האָט דער קייסער אויסגעשריגן. — איך קען אייך, איך קען אייער הכנעהדיקייט, אייער געהאָרכזאַמקייט. שטייט־זשע אויף קעגן מיר און קעמפט ווי מענטשן! אייער הכנעהדיקייט, דאָס איז אייער

שלאנגען-גיפט. איר בייסט מיט אייער גיפט דעם, פאר וועמען איר וואלגערט זיך אין שטויב. א גוט ווארט האט געזאגט וועגן אייך אייער אייגענער ר ב י, דער גליל עער: ווי צו אייך, איר סופרים און פרושים, וואס איר זענט געגליכנט צו אפגעקאלכטע קברים, וואס פון אויסנווייניק זעען זיי אויס שיין, און פון איבעווייניק זענען זיי פול מיט טויטע ביינער און אלערליי טומאה. — באמת, איר האט אנגעפילט די וועלט מיט אפגעקאלכטע קברים און טומאה! איר בוקט אייך צו טויטע ביינער און דערווארט פון זיי א ישועה; ווי ווערעם פון קברים לעבט איר מיט פוילעכץ. צי האט אייך דאס ישו הנוצרי געלערנט? צי האט ער אייך געהייסן האסן אייערע ברידער, וועלכע איר רופט אפיקורסים, סעקטאנטן, דערפאר ווייל זיי גלייבן נישט פונקט אזוי ווי איר? — זאלן-זשע פאלן אויף אייערע קעפ די ווערטער פון געקרייציקטן, ארויסגעזאגט דורך מיין מויל: ווי צו אייך, איר סופרים און פרושים, חונפים! שלאנגען, געבוירן פון עקדישן, ווי אזוי וועט איר אנטרינען פון משפט אין גיהנום?

ער האט זיך אויסגעדרייט און געוואלט אוועקגיין, פלוצלינג זענען אבער פון המון ארויסגעטרעטן צוויי אלטע לייט, א מאן און א פרוי, און געפאלן צו זיינע פיס.ביידע זענען געווען אין ציכטיקע ווייסע מלבושים, הדרת-פנימדיקע, אויסטערליש ענלעכע איינער צום אנדערן, מיט גוטמוטיקע, לייטזעליקע געזיכטער, אין וועלכע עס האט זיך געזעען עפעס אזא מין קינדעריש-רחמנותדיקער אויסדרוק. ארום זייערע קורצזיכטיקע אויגן זענען געווען גוטמוטיקע, שטראלנדיקע קנייטשעלעך, זיי זענען ענלעך געווען צו די בילדער פון פילאמענע און באוצידעס.

— ראטעווע אונז, גרויסמוטיקער, ערלעכער קייסער! — האט דער אלטער גיך-גיך געשטאמלט מיט זיין אנציינדיק מויל. — א הייזל האבן מיר אן אייגנס אין דער פארשטאט. לעבן בארג סטאורינוס, מיר לעבן שוין דארט צוואנציק יאר צייט, קיינעם האבן מיר נישט באעוולט. גאט געבענטש. פלוצלינג קומען צו גיין דעקוריאנען מיט עטלעכע טעג צוריק...

דער אלטיטשקער האט פארצווייפלט א פאטש געטון מיט די הענט, די אלטיטשקע האט אויך נאכגעטון דאס זעלבע: בכלל האט זי אומבא-ווּסטזיניק נאכגעמאכט יעדע באוועגונג זיינע.

— קומען די דעקוריאנען און זאגן: דאס הייזל איז נישט אייערס. — וואס הייסט — נישט אונזערס? גאט איז מיט אייך! מיר וווינען שוין דא צוואנציק יאר צייט! — איר וווינט, אבער קיין רעכט האט איר נישט:

דער גרונט, אויף וועלכן דאָס הייזל שטייט, געהער צום גאָט עסקולאַפּוס און דער פונדאַמענט איז געמויערט פון די שטיינער פונם טעמפּל. אייער שטיקל גרונט מוז מען באַ אייך צונעמען און צוריק אָפּגעבן דעם גאָט. — וואָס איז דאָס אַזעלכעס? האָב רחמנות, ליכטיקער פאָטער!...

דאָס אַלטיטשקע פּאָרפאָלק איז געשטאַנען פאַר אים אויף די קניען, ציכטיקע, מילדע, ליבע, ווי די קליינע קינדער, און געקושט זיינע פיס מיט טרערן אין די אויגן. יוליאַן האָט באַמערקט באַ דער אַלטיטשקער אויפן האַלז אַ בורשטינען צלמל.

— קריסטן?

— יאָ.

— איך וואָלט זייער גערן דערפילט אייער ביטע. נאָר וואָס קאָן מען טון? די ערד געהער צום גאָט עסקולאַפּוס. איבעריקנס, איך וועל אייך הייסן באַצאָלן אַ געהעריקע סומע אַנטשעדיקונג.

— מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף נישט! — האָבן זיך די אַלטיטשקע אָנגעהויבן בעטן רחמים. — עס גייט אונז נישט אין געלט; מיר זענען צו אונזער היים צוגעוווינט. דאָרט איז אונז אַלץ אַזוי היימיש, יעדעס גרעזעלע אַזוי ליב!...

— דאָרט איז אונז אַלץ אַזוי היימיש, — האָט די אַלטיטשקע איבערגעחזרט ווי אַ ווידערקול, — אונזער ווייַנגאָרטן, אונזערע איילבירטן, די הינדעלעך, דאָס קועלע און דאָס חזירל, — אַלץ איז דאָרט אונזערס. אויך אונזער גאַניקל, אויף וועלכן מיר זיצן שוין אַזוי צוואַנציק יאָר צייט יעדן אָוונט און וואַרעמען אונזערע אַלטע ביינער אויף דער זון...

דער קייסער האָט מער נישט געהערט, ער האָט זיך געווענדט צום עולם, וואָס איז דערשראָקן געשטאַנען אָפּגערוקט אַ ביסל פונדערווייטנס:

— לעצטנס באַלעגערן מיך די גלילעער מיט ביטעס, מ׳זאָל זיי צוריקגעבן די צוגענומענע קלויסטער-נחלאות. אַ שטייגער, די וואַלענטיאַנער פון דער שטאָט עדעססע קלאָגן זיך אויף די אַריאַנער, אַז זיי האָבן באַ זיי צוגענומען זייערע קירך-נחלאות. כדי אַ סוף צו מאַכן צו דידאָזיקע קריגערייען, האָבן מיר אַ טייל פון די גיטער אַוועקגעגעבן אונזערע גאַלילישע וועטעראַנען, דאָס איבעריקע צוגענומען אין מלוכה-אוצר אַריין. אַזוי וועלן מיר אויך ווייטער טון. איר וועט אפשר פרעגן: מיט וועלכע רעכט? אָבער איר אַליין זאָגט דאָך, אַז ס׳איז לייכטער אַ קעמל דורכצוקריכן דורך אַן איירל פון אַ נאָדל, איידער אַ רייכן אַריינצוגיין אין

מלכות השמים! נו, זעט איר, האָב איך מיך אונטערגענומען אייך צו העלפן אויסצופירן דידאָזיקע שווערע מצווה. אויף דער גאַנצער וועלט איז דאָך באַוווּסט, אַז איר, גליליער, האַלט שטאַרק פון אָרימקייט. פאַר־וואָס־זשע האָט איר נאָך טענות צו מיר? אמת, איך נעם בײַ אייך צו דאָס פאַרמעגן, וואָס איר האָט צוגעריבט בײַ אייערע אייגענע ברידער, די סעקטאַנטן, אָדער בײַ העלענישע טעמפלען, אָבער דערמיט פיר איך אייך אַרויף אויפן וועג פון דער געבענטשטער אָרימקייט, וועלכער פירט גלייך אין גן־עדן אַרײַן...

אַ בייזער שמייכל האָט אויסגעקרימט זײַנע ליפּן.

— מיר לײַדן אַן עוולה! אַן אומרעכט! — האָבן די אַלטיטשקע לײַט געיאָמערט.

— נו, וואָס־זשע איז דאָ דער מער! — האָט יוליאַן געענט־פערט. — איר דאַרפט זיך פרייען מיט די עוולות, מיט די רדיפות, ווי ישו הנוצרי האָט אייך געלערנט. וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָבן דען די אַלע צײַטווײַליקע צרות אין פאַרגלײַך מיטן אייביקן גן־עדן?...

דער אַלטיטשקער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ אַרגומענט; ער איז צעטומלט געוואָרן און אַרויסגעשטאַמלט מיט דער לעצטער האָפענונג:

— מיר זענען דיר געטרײַע קנעכט, גרויסער אויגוסט! מײַן זון דינט אַלס געהילף־סטראַטעג אין אַ ווײַטער פעסטונג אויף דער רוימישער גרענעץ, די עלטסטע זענען צופרידן פון אים...

— אויך אַ גליליער?

— יאָ.

— נו, זייער גוט, וואָס דו האָסט עס מיר אַליין געזאָגט: פון הײַנטיקן טאָג אָן וועלן אונזערע עפנטלעכע שונאים, די גליליער, קיין שום העכערע פאָסטנס אין דער גאַנצער אימפּעריע מער נישט פאַרנע־מען, בפרט קיין מיליטערישן אַמט. אויך אין דעמדאָזיקן פרט בין איך מער אין הסכם מיט אייער ר ב י ן, דעם געקרייציקטן, ווי איר אַליין. צו איז דערלאָזבאַר, אַז משפטן לויט די רוימישע געזעצן זאָלן די תלמידים פון י ע נ ע ם, וועלכער האָט געלערנט: „משפט נישט, כדי איר זאָלט נישט געמשפט ווערן", אָדער אַז קריסטן זאָלן באַקומען פון אונדז אַ שווערד אין דער האַנט אַרײַן צום פאַרטיידיקן די אימפּעריע, ווען זייער ר ב י וואָרנט זיי: „דער, וואָס נעמט אַ שווערד — וועט פון אַ שווערד אומקומען", און אויף אַ צווייט אָרט וואָרנט ער פונקט

אזוי בולט: „שטעלט אייך נישט אקעגן דעם בייזן מיט געוואלט"? אט דעריבער נעמען מיר צו בא די גליילעער דאס רוימישע געריכט, די רוימישע שווערד, מיר זארגן אזוי ארום זייערע נשמות צו ראטעווען, זאלן זיי לייכט, אן שום מניעה, נישט באוואפנט און הילפלאז, אויסגעטון פון אלץ, וואס האט א שייכות מיט דער זינדיקער ערד, גלייך ארייננטרעטן אין מלכות השמים!...

מיט א שטום איבערלעך געלעכטער, וואס איז איצט געווען די איינציקע באפרידיקונג פון זיין האס, האט ער זיך אויסגעדרייט און מיט גיכע טריט צוגעגאנגען צום אפאללא-טעמפל.

דאס אלטיטשקע פארפאלק האט אנגעהויבן וויינען און אויסגעצויגן צום אים די הענט:

— קייסער, דערבארעם זיך איבער אונז! מיר האבן נישט געווסט... נעם צו אונזער הייזל, אונזער גרונט, אלץ, וואס מיר פארמאגן, נאר אויף אונזער זון האב רחמנות!...

די פילאזאפן האבן צוזאמען מיטן קייסער געוואלט ארייגגיין אין טעמפל, נאר ער האט זיי פארהאלטן מיט א האנט-באוועגונג:

— אליין בין איך געקומען אויף דער פייערונג: אליין וועל איך אויך דעם קרבן מקריב זיין.

— קום ארייז מיט מיר, — האט ער זיך געווענדעט צום פריסטער. — פארמאך די טיר, קיינער זאל נישט אריינגיין Procul este profani. — אומגלויביקע, ארויס פונדאנען!

דאס טויער האט זיך פארמאכט פאר דער נאז פון זיינע פריינט, די פילאזאפן.

— אומגלויביקע! ווי געפעלט אייך דאסדאזיקע? — האט גארגיליאנוס ארויסגערעדט אין פארלעגנהייט.

ליבאנוס האט שווייגנדיק א קוועטש געטון מיט די אקסלען און זיך אנגעברוגזט.

יוניוס מויריקוס האט מיט א סודותדיקער מינע אוועקגענומען עטלעכע מאן אין א ווינקל אריין און זיי עפעס איינגערוימט שטיל, ווייזנדיק מיט א פינגער אויפן שטערן:

— איר פארשטייט?

אלע האבן זיך פארוואונדערט:

— אזוי?...

ער האט גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער:

— דאָס פּנים בלאַס, די אויגן ברענענדיק, די האָר צעשויבערט, דער גאַנג וואַקלענדיק, די רייד פאַרפּלאָנטערט. און נאָך — די איבער־געטריבענע אויפגערעגטקייט, די אכזריותדיקייט. און ענדלעך, דידאָזיקע אומגעלומפּערטע מלחמה מיט די פּערסיאַנער, — איך שווער באַ דער געטין פּאַללאַס, דאָס זענען דאָך אַלץ בולטע סימנים פון משוגעת!...

די גוטע פריינט האָבן זיך נאָך ערגער צעוויפגעדריקט און אָנגע־הויבן איינרוימען איינער דעם אַנדערן רכילותן מיט שיינענדיקע פּנימער.

סאַלוסטיוס איז געשטאַנען אָפּגערוקט אין אַ זייט און געקוקט אויף זיי מיט אַ שמייכל פול מיט עקל.

יוליאַן האָט דערזעען עבפאַריאָן אינעווייניק אין טעמפּל. דאָס ייִנגל האָט זיך דערפרייט מיט אים און די גאַנצע צייט בשעת דער גאָ־טעסדינסט געקוקט דעם קייסער אין די אויגן אַריין און געשמייכלט צו אים מיט ליבשאַפט און צוטרוי, ווי זיי ביידע וואָלטן עפּעס געהאַט אַ בשותּפותדיקן סוד צווישן זיך.

די ריזיקע סטאַטוע פון אַפּאָללאָ דעם דאַפנישן, באַלויכטן פון דער זון, איז געשטאַנען אינמיטן דעם טעמפּל, דער גוף פון העלפאַנט־ביין, די מלבושים פון גאָלד, ווי פידיאַסעס צעוס־סטאַטוע אין אָלימפּיע. דער גאָט איז געשטאַנען עטוואָס איינגעבויגן און געגאָסן פון אַ בעכער אַ נסך־קרבן פאַר דער מוטער־ערד, קיבעלע, מיט אַ געבעט, זי זאָל אים צוריקגעבן די נימפע דאַפנע.

אַ לייכט וואָלקנדל האָט דורכגעשוועבט, שאָטנס האָבן זיך אָנגע־הויבן רוקן איבער דעם גאָלד־פאַרביקן, פאַרצייטישן העלפאַנט־ביין, און יוליאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גאָט בייגט זיך אַראָפּ צו זיי מיט אַ באַוויליקונגס־שמייכל, אָננעמענדיק דעם לעצטן קרבן פון די לעצטע גלויביקע — דעם אַלטיטשקן פּריסטער, דעם אָפּטריניקן קייסער און דער סיביללעס טויב־שטומען זון.

— דאָס איז מיין באַלוינונג, — האָט יוליאַן מתפּלל געווען צו גאָט מיט קינדערישער פרייד, — און איך וויל קיין אַנדערע באַלוינונג נישט, אַפּאָללאָ! איך דאַנק דיר דערפאַר, וואָס איך בין פאַרשאָלטן און פאַרשטויסן, ווי דו, דערפאַר, וואָס איך לעב איינזאַם און שטאַרב איינ־זאַם, ווי דו. דאָרט ווו דער המון איז מתפּלל, — איז קיין גאָט נישט פאַראַן. דו ביסט דאָ אין דעמדאָזיקן פאַרשוועכטן טעמפּל. אָ, גאָט, אויס־געלאַכטער פון די מענטשן, דו ביסט היינט שענער, ווי דעמאָלט, ווען

מענטשן האָבן זיך געבוקט צו דיר! אינם טאָג, וואָס איז פאַר מיר און באַשטימט געוואָרן דורך דער געטין פון גורל, לאָמיך אוועק צו דיר, באַהעפטן זיך מיט דיר, אָ, גאָט פון פרייד, לאָמיך שטאַרבן און זיך צו־נויפגיסן מיט דיר, אָ, זון, — ווי עס שטאַרבט איצט אויף דיין אַלטאַר דאָס פייער פונם לעצטן קרבן און גיסט זיך צונויף מיט דיין געטלע־כער שיין!

אַזוי האָט דער קייסער מתפלל געווען, און שטילע טרערן זענען געראָנען איבער זיינע באַקן, שטילע טראָפנס בלוט פון קרבן זענען גע־פאַלן ווי טרערן אויף די אויסגעלאָשענע קוילן פון מזבח.

XIII.

אין דאַפנישן וואַלד איז פינצטער געווען. דער הייסער ווינט פון דער מדבר האָט געטריבן די וואָלקנס אויפן הימל. קיין איינציקער טראָפן רעגן איז נישט געפאַלן אויף דער ערד, וואָס איז פאַרשרפעט געווען פון דער זון. די לאָרבער־ביימער האָבן געשאָקלט מיט די שוואַרצע צווייגן, וואָס זענען אויסגעצויגן געווען צום הימל אַרויף, ווי הענט פון מתפללים. די רידיקע ווצנט פון די ציפּרעס־ביימער האָבן געראַשט און זייער רוישן איז ענלעך געווען צו אַ שמועס פון צעבייזערטע זקנים.

צוויי מענטשן זענען פאַרזיכטיק געגאַנגען אין דער פינצטערניש, נישט ווייט פון אַפּאָללאָ־טעמפּל. אַ נידעריקער מיט גרינע קאַצן־אויגן, וואָס האָבן דורכגעבויערט די נאַכט־שאָטנס, האָט געפירט אַ הויכן.

— אַי־אַי־אַי, ברודערל! מיר וועלן נאָך דעם קאַרק צעברעכן ער־גער אין אַ גרוב...

— דאָ זענען דאָך קיין גריבער נישט פאַראַן. וואָס האָסטו אַזוי מורא? ביסט עפּעס איינגאַנצן געוואָרן ווי אַ נקבה, פון זינט דו ביסט אַ קריסט געוואָרן!

— ווי אַ נקבה! מיין האַרץ פלעגט פון קיין שרעק נישט וויסן, ווען איך פלעג איינער אַליין אַנטקעגנגיין אַ בער מיט אַ שפּיז אין דער האַנט. דאָ איז אָבער עפּעס אַנדערש! אַי, ברודערל, וועסט זען, מיר וועלן זיך דערשפּילן! אויף איין תליה וועלן מיר נאָך ביידע הענגען!...

— נו, נו, שווייג שוין, דו נאַר איינער!

דער בידעריקער האָט ווידער אָנגעהויבן שלעפּן דעם הויכן, וועלכער האָט געטראָגן אַ בינט שטרוי איף די פּלייצעס און אַ לאָפּעטע אין דער האַנט.

זיי האָבן זיך אונטערגעגנבעט צו דער הינטערשטער וואַנט פונם טעמפּל.

— אָ דאָ! צום ערשט מיט דער לאָפּעטע. די אינעווייניקסטע טייל, די הילצערנע, נעם מיט דער האַק, — האָט דער בידעריקער שטיל איינגערוימט, אָנטאַפּנדיק צווישן די קושאַקעס אַ לאָך אין דער וואַנט, וואָס איז קוים עטוואָס פאַרוואָרפן געווען מיט ציגל.

דאָס רוישן פון דיביימער, דאָס פייפן פונם ווינט האָט פאַרטויבט די קלעפּ פון דער לאָפּעטע און דער האַק. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געשריי, ענלעך צו אַ קינדעריש געוויין.

ער הויכער האָט אַ ציטער געטון און אויפגעהערט צו אַרבעטן.

— וואָס איז דאָס?

— אַ רוח! אַ בייזער רוח! — האָט דער בידעריקער אַ געשריי געטון מיט שרעק אין די ברייט געעפנטע גרינע קאַצן-אויגן און האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם הויכנס מלבושים. — אײַ-אײַ, פעטער געטרייער, ראַטעווע מיך!...

— דאָס איז אַ נאַכט-פויגל. שרעק דיך נישט!

דער ריזיקער נאַכט-פויגל האָט אַ פּאַטש געטון מיט די פליגל און אַוועקגעפלויגן מיט אַן אויסגעצויגן קינדעריש געוויין.

— לאָמיר אויפהערן, — האָט דער הויכער אַ זאָג געטון, — ס'וועט זיך סיי-ווי-סיי נישט אָנצינדן.

— פאַרוואָס זאָל עס זיך נישט אָנצינדן? דאָס געהילץ איז פאַרפוילט, אויסגעטרוקנט, עס שיט זיך דערפון פּרוכנע; ריר עס אָן מיט אַ פינגער, צעפאַלט עס זיך. פון איין פונקט וועט עס אויפפלאַקערן. נו, נו, פעטערלעבן, האַק, שטיי נישט!

דער בידעריקער האָט אומגעדולדיק אונטערגעשטויסן דעם הויכן.

— איצט שטופּ אַריין דאָס שטרוי אין לאָך אַריין. אָט אַזוי, נאָך, נאָך. לכבוד דעם פאָטער און זון און הייליקן גייסט!...

— וואָס דרייסטו דיך, וואָס צאַפּלסטו, ווי אַ שלענגל? וואָס שטשירעסטו די ציין? — איז דער הויכער אין כעס געוואָרן.

— כע-כע-כע! — פאַרוואָס זאָל איך נישט לאַכן, פעטערלעבן? איצט פרייען זיך אפילו די מלאכים אין הימל. נאָר געדענק, ברודער:

טאָמער פּאַקט מען אונז, נעם אַלץ אויף דיר! איך ווייס פון גאָרנישט...
אַ פרײַלעך שרפהלע וועט זײַן. נאַדיר אַ פײַער־שטײַן, האַק אויס פײַער.

— טראָג דיך אָפּ צו אַלדי רוחות! — האָט אים דער הויכער אַ שטויס געטאָן פון זיך. — וועסט מיך נישט אַרײַננאַרן, דו פאַרשאָלטענע שלאַנג. טפו זאָלסטו ווערן! צינד אַליין אונטער...

— אַהאַ, ווילסט דיך אויסדרייען פונם עסק?... פאַרפאַלן, ברודער!

דער נידעריקער האָט אָנגעהויבן ציטערן פון רציחה און אָנגעכאַפּט דעם ריז בײַ דער געלער באָרד.

— איך וועל דיך סײַ־ווי מסרן! מיר וועט מען שוין גלייבן...

— נו, נו, טשעפּע דיך אָפּ, שדל!... גיב אַהער דאָס פײַער־אײַזן! פאַרפאַלן, אָנגעהויבן — מוז מען ענדיקן.

עס האָבן זיך גענומען שיטן פונקען. דער קלײנער האָט זיך באַקוועם אײַנגעלייגט אויפן בויך און איז נאָך מער ענלעך געוואָרן צו אַ קליין שלענגל. פײַערדיקע צינגלעך האָבן אָנגעהויבן לעקן דאָס שטרוי, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט סמאָלע. אַ רויך האָט אַ זעץ געטאָן. דאָס שטרוי האָט אָנגעהויבן קנאַקן. עס האָט אַרויסגעזעצט אַ פלאַם און באַלויכטן מיט אַ רויטן אָפּגלאַנץ דעם ריז אַראַהאַריס דערשראָקענע פּנים און דעם קלײנעם סטראָמביקס פרײַלעכע מאַלפּע־פּנימל. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ העסלעך שדל: געפּאַטשט מיט די הענט, געשפּרונגען, געלאַכט, ווי אַ שיכורער, אָדער אַ משוגענער.

— אַלץ וועלן מיר צעשטערן, אַלץ צעשטערן, לכבוד דעם פּאָטער און זון און הייליקן גייסט! כע, כע, כע! זע נאָר, זע, ווי די שלענגעלעך פײַער טאַנצן, ווי זיי שפּרינגען! הא?... אַ פרײַלעך פײַערל? הא, פּעטערלעבן?...

אין זײַן לײַדנשאַפטלעך שעפּטשען האָט זיך געפילט די אייביקע מענטשלעכע ווילדקייט — די שמחה פון צעשטערונג.

אַראַהאַרי האָט אַ וויַיז געטון אויף דער פינצטערניש און אַרויסגערעדט:

— דו הערסט?

דער וואַלד איז פּוסט געווען ווי פריער; אין וואָיען פונם ווינט, אין רוישן פון די בלעטער האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, ווי זיי וואָלטן געהערט מענטשלעכע קולות, מענטשלעכע ווערטער. אַראַהאַרי איז פלוצלינג אויפגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפן.

סטראָמביק האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער פּאָלע און געקוויטשעט:

— פּעטערל! פּעטערל! נעם מיך אויף די פּלייצעס. דו האָסט דאָך לאַנגע פיס. קוים פּאַקט מען מיך, וועל איך דיך אויסגעבן.

אַראַהאַרי האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט.

סטראָמביק איז ווי אַ וויעוויורקע אַרויפגעשפּרונגען אויפן סאַרמאַטס פּלייצעס. דער קליינער סיריער האָט אים פעסט צוגעדריקט די זייטן מיט די ציטערנדיקע קניען, אים אַרומגענומען מיט די הענט בײַם האַלז, כּדי נישט אַראָפּצופאַלן. נישט קוקנדיק אויף דער שרעק, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן פון וואַנזיניקן געלעכטער און אַלע מאָל שטיל אַרויסגעקייכט, ווי פון עפּעס אַ שטיפעריש שפּיצל.

די אונטערצינדער זענען שוין אַרויס פון וואַלד. איצט זענען זיי געלאָפן איבערן פעלד, וו פאַרשטויבטע, איינצלנע, אויסגעטרוקנטע זאַנגען האָבן זיך צוגעטוליעט צו דער פאַרשרפעטער ערד. צווישן די וואָלקנס, בײַם ראַנד פון שוואַרצן הימל, האָט זיך געזעען אַ פּאַסיקל פון דער אונטערגײ־ענדיקער לבנה. דער ווינט האָט אימהדיק געוואָיעט. דער קליינער סטראָמביק איז געזעסן איינגעקורטשעט בײַם ריז אויף די פּלייצעס און מיט זיינע גרינע קאַצן־אויגן איז ער ענלעך געווען צו אַ ביין רוח, אָדער אַ גילגול, וואָס רייט אויף זיין קרבן. אַ שרעקלעכע אימה האָט אַרומגעכאַפּט אַראַהאַרין: עס האָט זיך אים פּלוצלינג אויסגעדאַכט, אַז נישט סטראָמביק, נאָר דער שטן אַליין, אין געשטאַלט פון אַ ריזיקער קאַץ, זיצט בײַ אים אויף די פּלייצעס, דראַפּעט אים דאָס פּנים, קוויטשעט, לאַכט, און טרייבט אים אין אָפּגרונט אַריין. דער ריז האָט אָנגעהויבן שפּרינגען אין פאַרצווייפלונג, באַמיענדיק זיך אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די שרעקלעכע קאַץ; די האָר האָבן זיך אים קאַפּויער געשטעלט, און ער האָט אָנגעהויבן וואָיען פון שרעקלעכן פּחד. ווי אַ שוואַרצער, ריזיקער, טאָפּלטער שאָטן אויפן בלאַסן פּאַס פון האָריזאָנט זענען זיי געפלויגן איבערן טויטן פעלד, באַוואַקסן מיט עטלעכע פאַרשטויבטע זאַנגען, וואָס האָבן זיך צוגעטוליעט צו דער פאַרשרפעטער, פאַרשטיינערטער ערד.

* * *

* * *

אין דער זעלבער צייט האָט יוליאַן אין שלאָפצימער פונם אַנטיוכישן פּאַלאַץ געהאַט אַ געהיים געשפּרעך מיטן פּרעפעקט פון די מזרח־פּראָווינצן סאַלוסטיוס סעקונדוס.

— גנעדיקער קייסער, פונוואַנען וועלן מיר אָבער נעמען ברויט פאַר אַזוי פיל מיליטער ?

— איך האָב פונאַנדערגעשיקט שיפן קיין סיציליע, מצרים, אַפּוליע, — אומעטום, וווּ עס איז היי־יאָר געווען אַ גערעטעניש, — האָט דער קייסער געענטפערט. — איך זאָג דיר, ברויט וועט זיין.

— און געלט ? — האָט סאַלוסטיוס ווייטער געפרעגט. — אפשר איז צוועקמעסיקער אָפּצולייגן אויף איבעראַיאָר, צוצוואַרטן ?...

יוליאַן איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער מיט גרויסע שפּרייזן : פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן אַלטן מיליטער־פירער.

— צוואַרטן ! — האָט ער אין כעס אויסגעשריגן. — איר האָט אייך אַלע עפּעס ווי צונויפגערעדט. צוואַרטן ! ווי קאָן איך איצט וואַרטן, וועגן, מעסטן, איבערלייגן זיך. די גליליער וואַרטן דען ? פאַרוואָס פאַרשטייסטו מיך נישט ! איך מוז אויפטון אוממעגלעכס. איך מוז צוריקקומען פון פּערסיע אַ שרעקלעכער, אַ גרויסער, אָדער אינגאַנצן נישט צוריקקומען. קיין פּשרה איז נישטאָ פאַראַן. קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ. וואָס האַלט איר אין אַ״ין רעדן וועגן צוועקמעסיקייט, וועגן ישוב־הדעת ? דו מיינסט, אַז אַלעקסאַנדער מוקדון האָט איינגענומען די וועלט מיט ישוב־הדעת ? צי פאַר אַזעלכע מיושבדיקע מענטשן ווי דו האָט דער דאָזיקער יונגערמאַן, אָן אַ סימן פון אַ באָרד, נישט אויסגעזען ווי אַ משוגענער, ווען ער איז מיט אַ הייפעלע מוקדונער אַרויסגעטרעטן קעגן דעם הערשער איבער גאַנץ אַזיע ? ווער־זשע האָט אים געשענקט דעם נצחון ?...

— איך ווייס נישט, — האָט דער פּרעפעקט געענטפערט אויסמיידנדיק, מיט אַ לייכט שמייכעלע. — איך מיין, דער העלד גופא...

— נישט ער אַליין, נאָר די געטער ! — האָט יוליאַן אויסגעשריגן. — די הערסט, סאַלוסטיוס, די געטער קאָנען מיר אויך שענקען אַ נצחון, נאָך אַ גרעסערן ווי אַלעקסאַנדרן ! איך האָב אָנגעהויבן אין גאַליע און וועל פאַרענדיקן אין אינדיע. איך וועל דורכמאַרשירן די גאַנצע וועלט פון זון־אונטערגאַנג ביז זון־אויפגאַנג, ווי דער גרויסער מוקדונער, ווי דער גאָט דיאָניזאָס. מיר וועלן זען, וואָס די גליליער וועלן דעמאָלט זאָגן ; מיר וועלן זען, ווי די זעלבע, וועלכע חוזק אָפּ פונם העלענישן חכמס פּשוטע מלבושים, צי זיי וועלן אָפּחוזקן פונם רוימישן קייסערס שווערד, ווען ער וועט האָבן באַזיגט גאַנץ אַזיע !...

זיינע אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט מיט אַ פיבערדיקן גלאַנץ. סאַלוסטיוס האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט פאַרשוויגן. ווען יוליאַן האָט ווידער אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צימער מיט גרויסע, נערוועזע שפּרייזן, האָט דער פּרעפעקט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און זיינע אַלטע קלוגע אויגן האָט זיך געזעען אַ שיין פון רחמנות.

— דאָס מיליטער דאַרף זיין גרייט צום אַרויסמאַרשירן, — האָט יוליאַן ווייטער גערעדט. — אַזוי וויל איך, דו הערסט? קיין שום אויס־רייד, קיין שום אָפּהאַלט. דרייסיק טויזנט מאַן. דער אַרמענישער מלך אַרזאַקיוס האָט אונז צוגעזאָגט זיין מיטהילף. ברויט איז דאָ. וואָס־זשע פעלט דען נאָך? איך דאַרף האָבן די זיכערקייט, אַז צו יעדער מאָמענט קאָן איך אַרויסטרעטן קעגן די פּערסישע חילות. דערפון איז אָפּהענגיק נישט בלויז מיין רום און די ישועה פאַר דער רוימישער אימפּעריע, נאָר אויך דער זיג פון די אייביקע געטער איבערן ג ל י ל ע ע ר!...

דאָס ברייטע פענצטער איז אָפן געווען. דער הייסער, שטויביקער ווינט האָט זיך אַלעמאָל אַריינגעריסן און אַ וואַקל געטון די דריי דינע פייער־צונגען אינעם דריי־קנויטיקן לאָמפּ. די חשכות פונם הימל האָט דורכגעשניטן אַ פאַלנדיקער שטערן, ער האָט אויפגעבליצט און איז פאַר־לאָשן געוואָרן. יוליאַן האָט אַ ציטער געטון: דאָס איז געווען אַ שלעכ־טער סימן.

מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר; עס האָבן זיך דערהערט שטימען.

— ווער איז דאָרט? קומט אַריין, — האָט דער קייסער אַ זאָג געטון.

דאָס זענען געווען זיינע פּריוואַט די פילאָזאָפן. פאָרויס איז געגאַנ־גען ליבאַניוס; זיין פּנים איז געווען נאָך מער גאַוודיק און אָנגעבלאָזן ווי שטענדיק.

— צוואָס זענט איר געקומען? — האָט יוליאַן קאַלט אַ פרעג געטון.

ליבאַניוס האָט זיך געשטעלט אויף די קניען מיט דעם זעלבן גאַוודיקן אויסדרוק אויפן פּנים.

— באַפריי מיך, אויגוסט! איך קאָן מער נישט לעבן באַם הויף. יעדן טאָג לייד איך עוולות...

ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן עפּעס מתנות, געלט־געשאַנקען, מיט וועלכע מ׳האָט אים פאַרטיילט, וועגן אומדאַנקבאַרקייט, וועגן זיינע

פאַרדינסטן, וועגן די הערלעכע פּאַנעגיריקעס, מיט וועלכע ער האָט גודיס געמאַכט דעם נאָמען פון רוימישן קייסער.

יוליאַן האָט נישט געהערט זיינע רייד, נאָר געקוקט אויף דעם באַרימטן רעדנער און געטראַכט: „דאָס איז דער זעלבער ליבאַניוס, וועמענס ווערק איך האָב אַזוי געשלונגען אין די יונגע יאָרן? ווי קליינלעך ער איז! ווי פּוסט!“

דערנאָך האָבן אַלע איבעריקע אָנגעהויבן רעדן איינער נאָכן אַנדערן: קריגן זיך, שרייען, באַשולדיקן איינער דעם אַנדערן אין אַפּיקורסות, אין געלטגייציקייט, אין זנות, אויסבייטלען איינער אויפן אַנדערן די באַרישסטע רכילותן; — דאָס איז געווען אַ העסלעך היימיש מחלוקת נישט פון קיין חכמים, נאָר פון טעלערלעקערס, וואָס זענען משוגע געוואָרן פון ווילטאָג, וואָס זענען גרייט צו צעפּליקן איינער דעם אַנדערן פון פּוסטער גאווה, בייזקייט און לאַנגווייליקייט.

ענדלעך האָט דער קייסער שטיל אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס האָט זיי געצווונגען זיך צו באַדענקען:

— רביס מיינע!

אַלע זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַן איבערגעשראָקענע סטאַדע פלאַפּלענדיקע פייגל.

— רביס מיינע, — האָט דער קייסער נאָך אַמאָל איבערגעחזרט מיט אַ ביטערן שמייכל, — איך האָב אייך אויסגעהאָרכט גענוג; איצט דערלויבט אויך מיר אייך צו דערציילן אַ משל. — אַ מלך פון מצרים האָט אַמאָל געהאַט געלערנטע מאַלפּעס, וועלכע האָבן געקאָנט טאַנצן דעם פּירישן מלחמה־טאַנץ; מ'האָט זיי אויסגעשלייערט אין העלמען, אַנגעטון מאַסקעס, באַהאַלטן די וויידלען אונטער קעניגלעכע פּורפּורמלבושים און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס זענען נישט קיין מענטשן. לאַנג איז דידאָזיקע פאַרווייַלונג געפעלן געוואָרן. אָבער איינמאָל האָט איינער פון די צוקוקער אַרויפגעוואָרן אויף דער סצענע אַ זשמעניע ניס. וואָס־זשע איז געשען? די אַרטיסטן האָבן צעפּליקט דעם פּורפּור, די מאַסקעס, אַרויסבאַוויזן די וויידלען, זיך געשטעלט אויף אַלע פיר, אָנגעהויבן קוויטשען און זיך גענומען בייסן צווישן זיך איבער די ניס. — אַזוי איז אויך מיט טייל מענטשן, — זיי טאַנצן ווירדיק דעם פּירישן חכמה־טאַנץ — ביז דעם ערשטן מתנהלע. עס איז גענוג פאַר זיי צו וואַרפן אַ פּאָר ניס, ווי די חכמים ווערן פאַרוואַנדלט אין מאַלפּעס; זיי ווייזן אַרויס די וויידלען,

קוויטשען און בייסן איינער דעם אַנדערן. ווי געפעלט אייך דערדאָזיקער משל, רבים מיינע ?

אַלע זענען געשטאַנען פאַרשטומט.

פלוצלינג האָט סאַלוסטיוס פּאַמעלעך אָנגענומען דעם קייסער בא דער האַנט און אַ וויַז געטון צום אָפענעם פענצטער.

איבער די שוואַרצע פאַלבן פון די וואָלקנס איז פּאַמעלעך געקראָכן אַ רויטער אָפשיין, געיאָגט פונם שטאַרקן ווינט.

— אַ שׂרפה ! אַ שׂרפה ! — האָבן זיך אַלע אויפגערודערט.

— אין יענער זייט טייך, — האָבן טייל געפּרוווט טרעפן.

— נישט אין יענער זייט טייך, נאָר אין דער פאַרשטאָט האַראַנ־דאַמאַ ! — האָבן זיך אַנדערע אָנגערופן.

— ניין, ניין, — אין הַעזיר, אין יידישן קוואַרטאַל !

— נישט אין העזיר און נישט אין האַראַנדאַמאַ, — האָט עמעץ אויסגעשריגן מיט יענער אומגעצוימטער פרייד, וועלכע באַהערשט דעם המון בשעת אַ שׂרפה, — נאָר אין דאַפנישן וואַלד !

— דער אַפּאָלאָ־טעמפּל ! — האָט דער קייסער שטיל אַרויסגע־רעדט, און פלוצלינג האָט אים דאָס גאַנצע בלוט אַ שלאָג געטון צום האַרץ.

— די גליליער ! — האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ שרעק־לעך קול און זיך געוואָרפן צו דער טיר, דערנאָך אַראָפּ פון די טרעפּ.

— קנעכט ! שנעלער ! אַ פערד און פופציק לעגיאָנערן !

אין עטלעכע רגעס אַרום איז אַלץ געווען גרייט. מ׳האָט אַרויס־געפירט אויפן הויף אַ שוואַרצן אַגער, וועלכער האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב, אַ ווילדן, מיט בייזע, שיקלדיקע, מיט בלוט אָנגעגאָסענע אויגן.

יוליאַן איז געפלויגן איבער די גאַסן פון אַנטיוכיע און הינ־טער אים פופציק לעגיאָנערן. דער המון איז אין שרעקלעכן פחד זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. עמעצן האָט מען אומגעוואָרפן, עמעצן צעטרעטן. די געשרייען זענען פאַרטויבט געוואָרן דורכן אָפּהילכן פון די פאַדקאָ־וועס, דורכן קלינגען פון געווער.

זיי זענען אַרויס אויסער דער שטאָט. העכער צוויי שעה האָט גע־דויערט דער גאַלאָפּ. דריי לעגיאָנערן זענען געבליבן אינמיטן וועג : זייערע פערד זענען געפאַלן.

דער אָפּשיין פון דער שׂרפה איז אַלעמאָל העלער געוואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פּילן דער רויך. די פעלדער מיט די פאַרשטויבטע זאַנגען זענען באַגאָסן געווען מיט אַ רויטער שײַן. מענטשן האָבן געשטראַמט פון אַלע זײַטן, נײַגיריקע, ווי נאַכט־שמעטערלינגען, וואָס ציען צו פײַער; דאָס זענען געווען די אײַנוווינער פון די אַרומיקע דערפער און פון די אַנטיוכישע פאַרשטעט. יוליאַן האָט באַמערקט אַ שׂמחה אין די שטימען און אויף די פּנימער, ווי די אַלע מענטשן וואָלטן געלאָפן עפּעס אויף אַ פריילעכן יום־טוב.

פײַערדיקע צונגען האָבן ענדלעך אויפגעשײַנט צווישן וואָלקנס געדיכטן רויך איבער די שוואַרצע ביימער פון דאַפנישן וואַלד.

דער קייסער איז אַרײַנגעריטן אין הייליקן וואַלד אַרײַן. דאָ האָט געבושעוועט אַ ריזיקער המון מענטשן. טייל האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט וויצן און געלאַכט. די שטילע אַלעען, וואָס זענען אַזוי פיל יאָרן פאַרלאָזט געווען, זענען איבערגעפולט געוואָרן מיט מענטשן. דער המון האָט פאַראומהייליקט דעם וואַלד, געבראָכן די צווײַגן פון די אַלטע לאָרבער־ביימער, פאַרבלאָטיקט די קוואַלן, געטרעטן די צאַרטע, שלאָפנדיקע בלומען. די נאַרציזן און ליליעס האָבן שטאַרבנדיק געקעמפט מיטן לעצטן אָטעם קעגן דער שטיקנדיקער היץ פון דער שׂרפה, קעגן די אויסאָטעמונגען פונעם המון...

— אַ נס פון גאָט! אַ נס פון גאָט! — האָט זיך איבערן המון געטראָגן אַ פריידיק געמורמל.

— איך האָב אַליין געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, ווי אַ דונער האָט אַ זעץ געטון און אָנגעצונדן דעם דאַך!...

— ניין, נישט קיין דונער — ס'איז ליגנט: די ערד האָט אויפגעעפנט דאָס מויל און אַרויסגעשפּיגן אַ פײַער אינעווייניק אין דער טומאה, פונקט אונטערן געץ!...

— וואָס דען! אַ קלייניקייט? אַזאַ נבלה אָפּגעטון! באַזמרויקט די הייליקע עצמות! זיי האָבן געמיינט, ס'וועט זיי אַזוי גלאַטיק אָפּגיין. נאַ־זשע דיר איצט! — באַדיר איצט אַן אַפּאָללאָ־טעמפּל, באַדיר נביאות פון די קאַסטאַלישע וואַסערן! אַ מצווה, אַ מצווה אויף זיי!...

יוליאַן האָט דערזען צווישן המון אַ נקבה, אַ האַלב־נאַקעטע, אַ צעשויבערטע, מסתם איז זי נאַר־וואָס אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. זי האָט זיך אויך געפרייט מיט דער שׂרפה מיט אַ תּענוגדיקן, נאַרישן שמייכל אויפן פּנים, בײַ דער ברוסט האָט זי געוויגט אַ זויג־קינד; אויפן קינדס

אייגעלעך האָבן געבלישטשעט טרערן; עס האָט מסתּם ערשט געוויינט, איצט אָבער איז עס אַנטשוויגן געוואָרן און מיט גיריקייט געזייגט די ברוינע, דיקע ברוסט, שמאַטשקענדיק און צוהאַלטנדיק זי מיט איין הענטל, דאָס צווייטע הענטל, אַ דיקס, מיט גריבעלעך באַ די פינגערלעך, האָט עס געהאַלטן אויסגעצויגן צום פייער, ווי עס וואָלט געוואָלט נעמען אין הענטל אַריין די בלישטשענדיקע, שיינע צאַצקע.

דער קייסער האָט איינגעהאַלטן דאָס פייער: עס איז אוממעגלעך געווען ווייטער אַ טריט צו מאַכן; עס האָט געזעצט אין פּנים אַריין אַ היץ ווי פון אַ באַק-אויוון, די לעגיאָנערן האָבן געוואַרט אויף זיין באַפעל. ער האָט אָבער נישט געהאַט וואָס צו באַפעלן: עס איז קלאָר געווען ווי דער טאָג, אַז דער טעמפּל איז פאַרפאַלן.

דאָס איז געווען אַ הערלעך בילד. די געביידע האָט געפלאַקערט פון אויבן ביז אַראָפּ; די אינעווייניקסטע טיילן, די דורכגעפוילטע ווענט, די אויסגעטרוקנטע באַלקנס, די קראָקוועס, די קלעצער, די פאַליעס, — אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גליענדיקע גלאָווניעס; אַלע-מאָל איז אַן אַנדער שטיק אַראָפּגעפאַלן מיט אַ קנאַק און אַ שרעקלעכער פאָנטאַן פונקען האָט אַ שפּריץ געטון ביז אין הימל אַריין. דער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אַ דראָענדיקער, אַ בלוטיק-רויטער; די פלאַמען האָבן געלעקט די וואָלקנס מיט לאַנגע פייערדיקע צונגען, געפלאַטערט אויפן ווינט און געקנאַקט, ווי אַ שווערע בלוטיקע פאָרהאַנג.

די בלעטער פון די לאָרבער-ביימער האָבן זיך איינגעקורטשעט פון דער היץ, ווי פון ווייטיק, און זיך איינגעוויקלט ווי מגילות. די שפּיצן פון די ציפּרעס-ביימער האָבן זיך אָנגעכאַפּט און געברענט מיט העלע פעכיקע פלאַמען, ווי ריזיקע שטורקאַצן; דער ווייסער רויך, וואָס האָט געזעצט פון זיי, האָט אויסגעזעען, ווי דער רויך פון קרבן-ווייררויך; טראָפּנס זשיווצע זענען געדיכט אַראָפּגערונען, גלייך ווי די הונ-דערט-יעריקע ביימער, וועלכע זענען פון קליינערהייט אָן באַפריינדעט געווען מיטן טעמפּל, וואָלטן באַוויינט דעם גאָט מיט זייערע גאָלדענע טרערן.

יוליאַן האָט מיט אַ שטאַרן בליק געקוקט אויף דער שׂרפה. ער האָט געוואָלט עפּעס באַפעלן די לעגיאָנערן, אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון דער שייד, אַ צי געטון דאָס פערד באַ דער צוים, אַזוי אַז עס האָט

זיך אַ שטעל געטון אויף די הינטערשטע פיס, פאַרקריצט די ציין און אַרויסגעמורמלט אין הילפלאָזער רציחה:

— אויסוואורפן ! אויסוואורפן !...

פּענדערווייטנס האָט זיך דערהערט דאָס וואָיען פונם המון. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין יענער זייט געפינט זיך דער אוצר פון טעמפּל מיט די כלים צום מקריב זיין די קרבנות און עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז די גלילער ראַבירן איצט דעם הייליקן אוצר. ער האָט אַ ווונק געטון צו די זעלנער און זיי זענען אַוועקגעריטן אַהין, אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ טרויעריקע פּראָצעסיע.

עטלעכע רוימישע וואַך-לייט, וועלכע זענען משמעות נאָר-וואָס אָנגעקומען פון שכנותדיקן דערפל דאַפנע, האָבן געטראָגן אַ טראָג-בעטל אויף די אַקסלען.

— וואָס איז דאָס ? — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון.

— די גלילער האָבן פאַרשטיינערט דעם פּריסטער גאָרגיוס, — האָבן די רוימער געענטפערט.

— און דער אוצר ?

— ער איז גאַנץ. דער פּריסטער האָט זיך געשטעלט בײַ דער טיר און נישט געלאָזט פאַרשוועכן די הייליקטימער. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז אַ שטיין האָט אים צעשפּאָלטן דעם מוח און ער איז אַני-דערגעפאַלן. דערנאָך האָט מען דערהרגעט דאָס ייִנגל. דער גליליִשער המון האָט זיי צעטרעטן מיט די פיס און אָנגעהויבן אויפרייסן די טיר, מיר זענען אָבער אָנגעקומען באַצייטנס און דעם המון פונאַנדערגעיאָגט.

— ער לעבט ? — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון.

— ער אָטעמט קוים.

דער קייסער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד. מ'האָט פּאַמעלעך אַוועקגעשטעלט דאָס טראָג-בעטל. ער איז צוגעגאַנגען, זיך אַריבערגע-בויגן און פאָרזיכטיק אַוועקגעשאַרצט דעם ברעג פון דער באַקאַנטער, פאַרלאַטעטער, איינגעריכטער פּריסטערישער כלאַמידע, וועלכע האָט צוגעדעקט ביידע קערפּערס.

אויף פרישע לאָרבער-צווייגלעך איז געלעגן דער אַלטיטשקער; די אויגן פאַרשלאָסן ; די ברוסט האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן. יוליאַנס האַרץ איז פאַרפרעסט געוואָרן פון ווייטיק און רחמנות, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף דער רויטער שיכור-נאָז, וועלכע האָט ערשט נישט לאַנג אויסגעזעען אין זיינע אויגן אַזוי אומאָנשטענדיק ; — ער האָט זיך

דערמאָנט די מאָגערע גאַנז אין געפלאַכטענעם קויש, דעם לעצטן קרבן פאַרן גאָט אַפּאָללאָ. אויף די שיטערע שניי-ווייסע האָר זיינע האָבן געבלישטשעט טראָפּנס בלוט און די שאַרפע שוואַרצע לאָרבער-בלעטער האָבן ווי אַ קראַנץ אַרומגענומען דעם פּריסטערס קאָפּ.

לעבן אים, אויף דעם זעלבן טראָג-בעטל, איז געלעגן דאָס קליינע קערפּערל פונם טויב-שטומען יינגל. דאָס פּנים זיינס, באַדעקט מיט אַ טויטער בלאַסקייט, איז נאָך שענער געווען, ווי לעבעדיקערהייט; אויף די צונויפגעפּלאָנטערטע גאָלדענע לאָקן האָבן זיך געזעען רויטע בלוט-פלעקן; ער איז געלעגן מיט דער האַנט אונטער דער באַק, ווי ער וואָלט לייכט געדרימלט. יוליאַן האָט אַ טראַכט געטון:

„אַזוי דאַרף אויסזעען דער זון פון דער ליבעס-געטין, דער גאָט עראָס, וועלכן די גלילעער האָבן פאַרשטיינערט".

און דער רוימישער קייסער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען באַם מאַרטירער פאַר די אָלימפּישע געטער. נישט קוקנדיק אויף דער צעשטערונג פונם טעמפּל, נישט קוקנדיק אויף דעם אומזיניקן טריומף פון דעם וויסטן ערב-רב, האָט יוליאַן געפילט אין דעמדאָזיקן טויט די אָנוועזנהייט פון גאָט. זיין האַרץ איז צעגאַנגען געוואָרן פון ווייטיק, אפילו דער האַס איז פאַרשוואונדן. מיט טרערן פון גערירטקייט האָט ער זיך צוגעבויגן און אַ קוש געטון דעם הייליקן אַלטיטשקן אין דער האַנט אַריין.

דער גוסס האָט אויפגעעפנט די אויגן:

— וווּ איז דאָס יינגל? — האָט ער שטיל געפרעגט.

יוליאַן האָט פאַרזיכטיק אָנגענומען זיין האַנט און אַרויפגעלייגט אויפן יינגלס גאָלדענע לאָקן.

— ער איז דאָ — לעבן דיר.

— ער לעבט? — האָט גאַרגיוס געפרעגט, אָנרירנדיק דעם קינדס האָר מיט דער לעצטער צערטלעכקייט.

ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געווען, אַז ער האָט נישט געקאָנט אויס-דרייען צו אים דעם קאָפּ. יוליאַן האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו זאָגן דעם גוסס דעם גאַנצן אמת. דער פּריסטער האָט געווענדט צום קייסער זיין בליק, פול מיט תחנונים:

— קייסער, איך טרוי אים אָן נאָר דיר, פאַרלאָז נישט...

— זיי רויק, אַלץ וואָס איך וועל קאָנען, וועל איך טון פאַר דיין יינגל.

אזוי האָט יוליאַן גענומען אונטער זיין השגחה דעם, פאַר וועמען דער רוימישער קייסער אפילו האָט שוין גאָרנישט געקאָנט טון, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס.

גאָרגיוס האָט נישט אַוועקגענומען זיין פאַרשטאַרטע האַנט פון דעם יינגלס לאָקן. פלוצלינג האָט זיין פנים אויפגעשיינט. ער האָט געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר ער האָט באַוויזן בלויז אַרויסצושטאַמלען עטלעכע ווערטער:

— אַט זענען זיי! אָט זענען זיי!... איך האָב געוווּסט... פרייט אייך!...

ער האָט מיט שטאַרע, ברייט געעפנטע אויגן געקוקט פאַר זיך, אַ זיפץ געטון, זיך פאַרהאַקט אינמיטן זיפץ — און זיין בליק איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

יוליאַן האָט צוריק פאַרדעקט דעם פאַרשטאַרבענעמס פנים.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ פייערלעך קלויסטער-געזאַנג. דער קייסער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען: דורך דער הויפּט-אַלעע פון די ציפּרעס-ביימער האָט זיך געצויגן אַ ריזיקע פּראָצעסיע. פאָרויס, פאַרן אַנצאָליקן המון מענטשן זענען געגאַנגען אַלטע גלחים אין גאָלד-געוועבטע קיטלען, אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער, הדרת-פנימדיקע דיאַקאָנס מיט קלינגענדיקע וויירויך-בעכערס, שוואַרצע מאָנאַכן מיט וואַקסענע ליכט, מענער און פרויען אין לאַנגע מלבושים, קינדער מיט פאַלמען-צווייגלעך אין די הענט; — הויך, איבער די קעפּ פון המון, אויף אַ פּרעכטיקן קאַטאַפאַלק האָט געבלאַנקט דער אָרון פון הייליקן באַבילאַ; דער אָפּגלאַנץ פון דער שרפה האָט זיך געשפּיגלט אין דעם בלאַסן זילבער פון אָרון. דאָס זענען געווען די הייליקע עצמות, וועלכע מ'האָט איצט לויטן באַפעל פונם קייסער געדאַרפט אַרויספירן פון דאַפנע קיין אַנטיוכיע. דאָס פאַרטרייבן דעם אָרון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נצחון-פּראָצעסיע.

„וואָלקן און חושך אַרום א י ם" — האָט דאָס מעכטיקע געזאַנג פון די גלילער פאַרטויבט דאָס וואָיען פון ווינט און פייער און זיך געטראָגן צום הימל, וואָס איז באַלויכטן געווען פון דער שרפה. — „וואָלקן און חושך אַרום א י ם".

„אַ פייער גייט פאָרויס פאַר א י ם און פאַרברענט אַרום די שונאים ז יי נ ע".

„בערג צעגייען ווי וואקס פארן געזיכט פון ג אָ ט, פאַרן געזיכט פונם ג אָ ט פון דער גאַנצער וועלט".

און יוליאַן איז בלאַס געוואָרן, דערהערנדיק די חוצפּהדיקע פרייד, וואָס האָט געקלונגען אינם לעצטן פּסוק:

„זאָלן פאַרשעמט בלייבן די, וואָס דינען צו די געצן, וואָס ליבן די עבודה־זרה. זאָלן אַלע געטער זיך בוקן פאַר אים!"

ער איז אַרויף אויפן פערד, אַרויסגעצויגן די שווערד און אַ געשריי געטון:

— זעלנער! פאָרויס נאָך מיר!

ער האָט זיך געוואָלט אַריינשניידן אינמיטן פון דער פּראָצעסיע, צעטרייבן דעם המון, אומוואַרפן דעם ארון מיט די עצמות, פונאַנדערוואַרפן די טויטע ביינער. נאָר עפּעס אַ האַנט האָט אָנגעכאַפּט זיין פערד בײַ דער צוים.

— אַוועק! — האָט ער אויסגעשריגן אין ווילדער רציחה און אויפגעהויבן די שווערד, זי אַראָפּצולאָזן אויף יענעמס קאָפּ; נאָר זיין האַנט איז תּיכּף צוריקגעפאַלן: פאַר אים איז געשטאַנען דער קלוגער אַלטער סאַליסטיוס סעקונדוס מיט אַ טרויעריק פּנים. ער האָט באַוויזן באַצייטנס אָנצוקומען פון אַנטיוכיע.

— קייסער! פאַל נישט אָן אויף קיין אומבאַוואָפנטע. באַדענק דיך!...

יוליאַן האָט צוריק אַריינגעלייגט די שווערד אין דער שייד.

דער מעשענער העלם האָט אים געקוועלט און געברענט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אָנגעגליט. ער האָט אים אַראָפּגעריסן, אַוועקגעשלײַדערט אויף דער ערד און אָפּגעווישט די גרויסע טראָפּנס שוויס. דערנאָך איז ער אָן די לעגיאָנערן, אײנער אַליין, אין בלויזן קאָפּ, צוגעריטן צום המון און אָפּגעשטעלט די פּראָצעסיע מיט אַ צייכן פון דער האַנט.

מ'האָט אים תּיכּף דערקענט. דאָס געזאַנג איז פאַרשטומט געוואָרן.

— בירגער פון אַנטיוכיע! — האָט יוליאַן כּמעט רויק אַרויסגערעדט, איינהאַלטנדיק דעם צאָרן מיט אַ געוואַלטיקער אָנשטרענגונג. — איר זאָלט וויסן: די אויפהעצער און אונטערצינדער פונם אַפּאָללאָ־טעמפּל וועלן אָן שום רחמנות באַשטראָפט ווערן. איר לאַכט פון מיין באַרמהערציקייט, ווען מיר זעען, ווי איר וועט לאַכן פון מיין צאָרן, דער רוימי־

שער קייסער וואָלט געקאָנט אָפּמעקן פון דער ערד די גאַנצע [illegible] אייערע, אַז עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן, עס זאָל אויף אייביק פאַרגעסן ווערן דאָס גרויסע אַנטיוכיע. נאָר איך גיי בלויז אַוועק פון אייך. איך מאַרשיר איצט אַרויס קעגן די פּערסישע חילות. און אויב די געטער וועלן באַשערן זאָגן איך וועל צוריקקומען אַ זיגער, — וועט ווי זיין צו אייך, אויפהעצער! ווי צו דיר, נוצרי, סטאָליאַרן־זון!...

ער האָט אויפגעהויבן די שווערד צום הימל.

פּלוצלינג האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי עפּעס אַן אויסטערלישקול, אַזוי ווי נישט קיין מענטשלעכס, וואָלט דייטלעך אַרויסגערעדט הינטער אים:

— אַ קבר גרייט שוין פאַר דיר דער נוצרי, דער סטאָליאַרן־זון.

יוליאַן האָט אַ ציטער געטון, זיך האַסטיק אויסגעדרייט, אָבער קיינעם נישט געזעען. ער האָט זיך אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים.

— וואָס איז דאָס? זאָל זיך מיר האָבן געדאַכט? — האָט ער שטיל און פאַרוואונדערט אַרויסגערעדט.

אין דערזעלבער מינוט האָט זיך אינעווייניק, אין דעם ברענענדיקן טעמפּל, דערהערט אַ שרעקלעכער קנאַל — אַ טייל פונם הילצערנעם דאַך איז איינגעפאַלן און אַרויף אויף דער ריזיקער סטאַטוע פון גאָט אַפּאָללאָ. די סטאַטוע איז אַראָפּגעפאַלן פון פּיעדעסטאַל; דער גאָלדענער בעכער, פון וועלכן אַפּאָללאָ האָט געגאָסן זיין אייביקן נסך־קרבן פאַר דער מוטער ע ר ד, האָט רחמנותדיק אַ קלונג געטון. אַ פייערדיקער סנאָפּ פונקען האָט אַ שפּריץ געטון ביז צו די וואָלקנס. אַ שלאַנקע זייל פון פאָדערשטן פאָרטאַל האָט זיך אַ וואַקל געטון און די קאָרינטישע קרוין פון דער זייל האָט זיך מיט אַ צאַרטער גראַציע איינגעבויגן, ווי אַ ווייסע ליליע, אָפּגעבראָכן פון איר שטענגל, און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. יוליאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט פאַלט איין דער גאַנצער ברענענדיקער טעמפּל און צעקוועטשט אים אונטער זיינע חורבות.

און דוד המלכס תהילים־געזאַנג האָט, אַכפּערנדיק דעם גאָט פון ישראל, זיך מעכטיק געטראָגן צום באַנאַכטיקן הימל און פאַרטויבט דאָס וואָיען פון די פלאַמען און דאָס פאַלן פונם געץ:

„זאָלן פאַרשעמט בלייבן די, וואָס דינען צו די געצן, וואָס לויבן די עבודה־זרה. זאָלן אַלע געטער זיך בוקן פאַר אים!"

XIV.

יוליאַן האָט דעם גאַנצן ווינטער פאַרבראַכט אין צוגעאייליטע הכנות צו דער מלחמה. אין אָנהייב פרילינג, דעם 5-טן מערץ, איז ער אַרויסגעטרעטן פון אַנטיוכיע מיט אַן אַרמיי פון 65 טויזנט מאַן.

דער שניי אויף די בערג האָט שוין אָנגעהויבן צעגיין. אין די סעדער האָבן די הוילע מאַנדל-ביימער, אָן איין בלאַט, זיך שוין אָנגעהויבן באַדעקן מיט דורכזיכטיקע ווייסע און ראָזע בליטן. די זעלנער זענען געגאַנגען אויף דער מלחמה פריילעך, ווי אויף אַ שמחה.

אין דער סאַמאָזאַטער ווערף איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פלאָט פון 1200 שיפן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן פון צעדערן, סאָסנעס און דעמבן, וואָס זענען אויסגעהאַקט געוואָרן אין די בערג-שפּאַלטן פון טאַורוס; דער דאָזיקער פלאָט איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפן טייך פרת און איז געשטאַנען געאַנקערט בײַ דער שטאָט קאַליניקע.

יוליאַן האָט שנעל מאַרשירט דורך היעראַפּאָליס קיין קאַררע, דער-נאָך ווייטער אויף דרום-זייט, לענגאויס דעם טייך פרת, צו דער פּערסי-שער גרענעץ צו. אויף צפון-זייט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ צווייטע אַרמיי פון דרייסיק טויזנט מאַן אונטער דער אָנפירונג פון די צוויי מי-ליטער-פירער פּראָקאָפּיוס און סעבאַסטיאַנוס. זיי האָבן זיך געדאַרפט פאַרייניקן מיטן אַרמענישן מלך אַרזאַקיוס, פאַרוויסטן אַנאַדיאַבען און כיליוקום, דורכגיין קאָרדוען און זיך צונויפטרעפן מיט דער הויפּט-אַרמיי בײַם ברעג פון חדקל, אונטער די מויערן פון דער פעסטונג קטעסיפאָן.

אַלץ, ביז דער מינדסטער קלייניקייט, האָט דער קייסער אַרומגע-טראַכט, אויסגערעכנט, פאַרויסגעזען מיט אַ געזאַלטיקער ליבשאַפט צו דער זאַך. ווער עס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף מיליטער-קונסט, האָט זיך בישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דער געניאַלקייט, אויסגערעכנטקייט און פשוטקייט פון דעמדאָזיקן פּלאַן.

אין אָנהייב אַפּריל זענען זיי אָנגעקומען צו דער לעצטער רוימי-שער פעסטונג צירצעזיום, וועלכע דיאָקלעציאַנוס האָט אויפגעשטעלט

אויף דער גרענעץ פון מעסאָפּאָטאַמיע, באַם צוזאַמענגוס פון די טייכן עבור און פרת. מ'האָט אַראָפּגעלאָזט אויפן טייך אַ פּאָנטאָן-בריק פון טראַטווע. יוליאַן האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל אַריבערצוגיין די גרענעץ צוזאַמען אינדערפרי.

שפּעט אין אָוונט, ווען אַלץ איז שוין גרייט געווען, איז ער צוריקגעקומען אין זיין געצעלט, אַ מידער, אַ פריילעכער, ער האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפל און זיך געוואָלט נעמען צו זיין באַליבטער אַרבעט, וועלכער ער פלעגט יעדן אָוונט ווידמען אַ טייל פון זיין פרייער אָפּרו-צייט — אַ גרויס פילאָזאָפיש ווערק: „קעגן די קריסטן". ער האָט עס געשריבן כאַפּנדיק, אונטערן קלאַנג פון טרומייטער-שאַלן, זעלנערישע לידער און וואַך-אויסרופן. יוליאַן האָט זיך געפרייט מיטן געדאַנק, אַז ער קעמפט מיטן גליל עער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען — אויפן שלאַכט-פעלד און אין בוך, מיט דער רוימישער שווערד און מיט דער העלענישער חכמה. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט די „שריפטן פון די הייליקע פּאָטערס", מיט די ספרים וועגן די קירכלעכע קאַנאָנען און די תקנות פון די קאָנציליומס. אויף די בלייזן פון די אַלטע צעפּליקטע מגילות פון נייעם טעסטאַמענט, וועלכן ער האָט שטודירט מיט דער זעלבער התמדה ווי פּלאַטאָן און האָמערן, זענען פונם קייסערס האַנט געווען צוגעשריבן גיפטיקע באַמערקונגען.

דער קייסער האָט אַראָפּגענומען די פּאַרשטויבטע מיליטער-בגדים, זיך אָפּגעוואַשן, זיך געזעצט צום איינלייג-טישל, איינגעטונקען דאָס פאַרשפּיצטע שטעקעלע אינם טינטערל און געוואָלט אָנהייבן שרייבן. נאָר זיין איינזאַמקייט איז געשטערט געוואָרן: צוויי שליחים זענען אָנגעקומען אין לאַגער — איינער פון איטאַליע, דער צווייטער פון ירושלים. יוליאַן האָט זיי ביידע אויסגעהאָרכט.

די ידיעות, וואָס זיי האָבן געבראַכט, זענען געווען נישט קיין פריילעכע: אַן ערד-ציטערניש האָט חרוב געמאַכט די פּראַכטיקע שטאָט ניקאָמעדיע אין קליינאַזיע; די איינוווינער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען שיעור נישט אויסגעגאַנגען פון אימה צוליב די שרעקלעכע אונטערערדישע דונערן; די סיבילישע ספרים פאַרווערן אַריבערצוגיין די רוימישע גרענעץ במשך אַ יאָר צייט.

דער שליח פון ירושלים האָט געבראַכט אַ בריוו פונם הויכן באַאַמטן אַליפּיוס פון אַנטיוכיע, וועמען יוליאַן האָט באַפולמעכטיקט צוריק אויפצובויען דאָס בית-המקדש. להיפך זיינע פּאָליטעיסטישע איבערגיי-

נונגען האָט דער פאַרערער פון די אָלימפּישע געטער באַשלאָסן צוריק אויפצושטעלן דאָס בית־המקדש פונם איינציקן גאָט פון ישראל, כּדי צו באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט דעם שקר פון דער עוואַנגעלישער נביאה: „קיין שטיין אויף קיין שטיין וועט דאָ נישט בלייבן; אַלץ וועט דאָ חרוב ווערן". די יידן האָבן זיך מיט שמחה אָפּגערופן אויף יוליאַנס אויפרוף. פון אַלע עקן וועלט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען נדבות אויף דעם צוועק. דער פּלאַן פון נייעם בית־המקדש איז געווען אַ גראַנדיעזער. מ'האָט זיך אין איילקייט גענומען צו דער אַרבעט. די העכסטע השגחה איבער דער גאַנצער אַרבעט האָט יוליאַן איבערגעגעבן זיין פריינט, דעם קאָמעס אַליפּיוס פון אַנטיוכיע, דעם געוועזענעם פּראָקוראַטאָר פון בריטאַניע.

— וואָס איז געשען? — האָט דער קייסער צערודערט אַ פרעג געטון, קוקנדיק פון הינטערן שטערן אַפּער אויף דעם שליחס מרה־שחורהדיקן פּנים און נישט אויפהתמענענדיק דעם בריוו.

— אַ גרויס אומגליק. לייטזעליקער אויגוסט!

— זאָג. שרעק דיך נישט.

— אַזוי לאַנג ווי די אַרבעטער האָבן אָפּגערייניקט דאָס מיסט און צענומען די איבערגעבליבענע חורבות פון בית־המקדש, איז אַלץ געגאַנגען כּשורה; נאָר אַזוי ווי מ'איז צוגעטרעטן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער געביידע, — האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פייער פון די קעלערס, אין געשטאַלט פון פייערדיקע קוילן און פאַרברענט די אַרבעטער. אויפן צווייטן טאָג איז מען לויטן באַפעל פונם קאָמעס אַליפּיוס ווידער צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. און דער נס האָט זיך ווידער איבערגעחזרט. דאָס דריטע מאָל אויך אַזוי. די קריסטן טריומפירן, די העללענער זענען אין גרויס שרעק; קיין שום אַרבעטער וויל מער נישט אַראָפּגיין צו דער אַרבעט. פון דעם, וואָס איז שוין אויפגעבויט געוואָרן, איז קיין זכר נישט געבליבן, — אַלץ איז ווידער חרוב געוואָרן...

— זאָגסט ליגנט, אויסוווּרף איינער! דו ביסט מסתם אַליין אַ גליליער... — האָט דער קייסער אויסגעשריגן אין שרעקלעכער רציחה און אויפגעהויבן די האַנט, אַ קלאַפּ צו טון דעם שליח, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים אויף די קניען. — נאַרישע ווייבערישע רכילות! דער קאָמעס אַליפּיוס האָט נישט געקאָנט אויסזוכן קיין קלוגערן שליח?

ער האָט שנעל אַראָפּגעריסן די חתימה פונם בריוו, אויפגעעפנט אים און איבערגעלייענט. דער שליח האָט געזאָגט אמת; אַליפּיוס האָט

וואָרט באַ וואָרט באַשטעטיקט זײַנע רייד. יוליאַן האָט זײַנע אייגענע אויגן נישט געגלייבט: ער האָט צוגעטראָגן דעם בריוו צום לאָמפּ און נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם איבערגעלייענט. פּלוצלינג איז אים דאָס גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַרײַן. ער האָט פאַרבי̇סן די ליפּן ביז בלוט, צעקנוידערט דעם בריוו אין דער האַנט און אים אַ וואָרף געטון צו אַריבאַזיווסן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אים:

— נאַ, לייען, — דו גלייבסט דאָך נישט אין קיין נסים. אָדער דער קאָמעס אַליפּיוס איז אַראָפּ פון זין אָדער... ניין, — דאָס קאָן נישט זײַן!...

דער יונגער אַלעקסאַנדרישער געלערנטער האָט אויפגעהויבן דעם בריוו מיט אַ רויקער, גלייכגילטיקער לאַנגזאַמקייט, מיט וועלכער ער פלעגט געוויינלעך אַלץ טון.

— קיין שום נסים זענען דאָ נישט פאַראַן, — האָט ער אַ זאָג געטון און געווענדט צו יוליאַנען זײַן לויטערן בליק. — די געלערנטע ווייסן שוין לאַנג פון דערדאָזיקער דערשײַנונג: אין די קעלערס פון אַלטע, פאַרלאָזטע געבײַדעס, וועלכע זענען פאַרשאָטן און צו וועלכע עס קאָן נישט צוקומען במשך אַ סך יאָרהונדערטער קיין פרישע לופט, זאַמלען זיך אָפּטמאָל צונויף געדיכטע גאַזן אַזעלכע, וועלכע צינדן זיך לייכט אָן. אַז מ׳גייט אַראָפּ אין אַזאַ פאַרלאָזטן קעלער מיט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ, קומט פאָר אַן אויפרייס; דאָס פייער דערהרגעט די מענטשן, וועלכע געפינען זיך נאָענט פונם אויפרייס. פאַר עם-הארצים זעט דידאָזיקע דערשײַנונג אויס ווי אַ נס; אָבער אויך אין דעמדאָזיקן פאַל, ווי בכלל אין אַלע אַנדערע, פאַרטרײַבט דאָס ליכט פון דער וויסנשאַפט די פינצטערקייט פונם אַבערגלויבן און באַפרייט דעם מענטשלעכן שכל פון אומזיניקן פחד. — אַלץ אויף דער וועלט איז הערלעך, ווײַל אַלץ איז פשוט און אומבאַטירלעך.

ער האָט רויק אַוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש און אויף די דינע, עקשנותדיקע ליפּן זײַנע האָט דורכגעשוועבט אַ זעלבסטצופרידן שמייכעלע.

— יאָ, יאָ, פאַרשטייט זיך, — האָט יוליאַן אַרויסגערעדט מיט אַ ביטער געלעכטער, — מען מוז זיך דאָך מיט עפּעס טרייסטן! אַלץ איז פאַרשטענדלעך, אַלץ איז נאַטירלעך, אַלץ איז פשוט. איינס איז נאָר אַ וואונדער, וואָס דאָס אַלץ איז קעגן מיר — הימל, און ערד, און פייער, און וואַסער, און דאַכט זיך, אפילו די געטער אַליין!...

אין געצעלט איז אריינגעקומען סאַלוסטיוס סעקונדוס.

— גרויסער אויגוסט, די עטרוסקישע אויגורן, וועמען דו האָסט געהייסן פרעגן דעם ווילן פון די געטער, בעטן דיך, דו זאָלסט זיך אויפהאַלטן און דעם מאָרגנדיקן טאָג נישט אַריבערטרעטן די גרענעץ: די הייליקע נביאישע עופות ווילן בשום אופן נישט פאַרזוכן די שפּייז זייערע, נישט קוקנדיק אויף די תפילות פון די אויגורן, זיי זיצן מיט אָנגעבלאָזענע פעדערן, און פּיקן נישט דעם גערשטן, — דאָס איז אַ שלעכטער סימן!

יוליאַן האָט צאַרניק צונויפגעצויגן די ברעמען. פּלוצלינג אָבער האָט זיך אין זיינע אויגן באַוויזן אַ פריילעכער פונק און אומגעריכט האָט ער זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז אַלע האָבן אים אָנגעקוקט אין שטומער פאַרחידעשונג:

— אַזוי גאָר! זיי פּיקן נישט? האַ? נו, וואָס-זשע טוט מען מיט די גאַרישע עופות? אפשר זאָל איך מיך דערשרעקן פאַר זיי און צוריק אַהיימלויפן קיין אַנטיוכיע צו דער גרויסער פרייד, צו דער גרויסער שמחה פון די גליליער? — הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, פריינט מיינער, גיי צוריק געשווינד צו די עטרוסקישע טרעפערס און גיב זיי איבער אונזער ווילן: מ'זאָל אַלע הייליקע עופות אַריינוואַרפן אין טייך אַריין, — זאָלן זיי זיך אָנטרינקען, אפשר וועלן זיי שוין נאָכדעם וועלן עסן!...

— גנעדיקער אויגוסט, צי זאָל איך פאַרשטיין פון דיינע ווערטער, אַז מאָרגן אינדערפרי טרעטסטו אומבאַדינגט אַריבער די גרענעץ?

— יאָ! — און איך שווער בײַ אונזערע צוקונפטיקע נצחונות, איך שווער בײַ דער גרויסקייט פון אונזער אימפּעריע, — קיין שום הייליקע עופות וועלן מיך נישט איבערשרעקן, — נישט קיין וואַסער, נישט קיין פייער, נישט די ערד, נישט דער הימל, נישט די געטער אַליין! פאַרפאַלן. דער גורל איז געוואָרפן. — פריינט מיינע, צי איז דען אויף דער גאַנצער וועלט פאַראַן נאָך אַזאַ געטלעכע זאַך ווי דער מענטשלעכער ווילן? צי איז דען אין אַלע סיבּיללישע ספרים פאַראַן אַ מעכטיקערע זאַך ווי די-דאָזיקע דריי ווערטער: א ז ו י ו י ל א י ך! — איך פיל שטאַרקער ווי ווען עס איז די פאַרבאַשטימונג פון מיין גורל. ביז איצט האָבן מיך פאַרשידענע נביאות אַרומגעפלאָכטן ווי מיט אַ נעץ, איך בין זייער קנעכט געווען; איצט האָב איך נישט וואָס צו פאַרלירן. אויב די געטער וועלן מיך פאַרלאָזן, וועל איך אויך...

ער איז פלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ מאָדנע שמייכל אויף די ליפּן. דערנאָך, ווען אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען, — איז ער צוגעגאַנגען צו דער קליינער זילבערנער סטאַטוע פון גאָט מערקוריוס מיט אַן אַלטאַר לעבן אים און געוואָלט, ווי געוויינלעך, אָפּריכטן די אָוונט-תּפילה און אַרויפוואַרפן אויפן אַלטאַר עטלעכע קערנדלעך ווייַרויך; נאָר ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט מיט דעם זעלבן מאָדנעם שמייכל, אַוועקגעגאַנגען פון דער סטאַטוע, אַנידערגעלייגט זיך אויף דער לייבן-פעל, וועלכע האָט אים געדינט פאַר אַ געלעגער און, פאַרלעשנדיק דעם לאָמפּ, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ רויִקן, פעסטן שלאָף, ווי מענטשן ווערן געוויינלעך אַנטשלאָפן פאַר אַ גרויס אומגליק.

כּעלות האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פריילעך, מונטער. אין לאַגער האָט זיך שוין געהערט אַ גערודער; די טרומייטערס האָבן געשאַלט.

יוליאַן איז אַרויף אויפן פערד און אַוועקגעריטן צום ברעג פון טייך עבור.

דער אַפּריל-פרימאָרגן איז געווען פריש. קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן. אַ קילקייט האָט בלויז געווייעט פון דער אויבערפלאַך פונם גרויסן אַזיאַטישן טייך. דער פרת איז געווען פריילינגדיק אויסגעגאָסן, פון די טורעמס אויף דער פעסטונג צירצעזיום ביזן רוימישן לאַגער, אויף אַ מהלך פון צען סטאַדיעס, האָבן זיך איבערן שפּיגל פון טייך געצויגן עטלעכע רייען מיליטערישע שיפן. פון קסערקסעס צייטן אָן האָט מען נאָך אַזאַ ריזיקן פלאָט נישט געזען.

די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן אַ שפּראָץ געטון פון הינטער דער פּיראַמידע אויפן קבר פון קייסער האַדריאַנוס, דעם באַזיגער פון פּערסיע, וועלכער איז דאָ אויף דעמדאָזיקן ברעג דערהרגעט געוואָרן דורך פיליפּן פון אַראַביע. די ראַנד פון דער זון האָט אויפגעשטראַלט איבער דער שטילער מדבר, ווי אַן אָנגעגליטע קויל, און אַלע שפּיצן פון די מאַסטן אויף אַלע שיפן זענען מיט איינמאָל רויז געוואָרן.

דער קייסער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַכט אָפּטיילונגען צו פינף טויזנט מאַן יעדערע האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפגיין מיט מעסיקע שווערע טריט, אונטער וועלכע די ערד האָט געציטערט און אָפּגעהילכט. דאָס רוימישע מיליטער האָט אָנגעהויבן מאַרשירן איבער דער בריק, אַריבער אויף דער פּערסישער גרענעץ.

דאָס פערד האָט יוליאַנען אַריבערגעטראָגן אויפן קעגנאיבערדיקן

ברעג, אויף אַ זאַמדיק בערגל — דאָס איז שוין געווען דעם שונאס לאַנד.

אין דער שפּיץ פון אַ קאָהאָרטע פּאַלאַטינער איז געריטן דער צענטוריאָן פון די שילדנטרעגער, אַנאַטאָליוס, אַרזינאָעס פּאַרערער.

אַנאַטאָליוס האָט אַ קוק געטון אויפן קייסער. אויף יוליאַנס פּנים איז פאָרגעקומען אַ געוואַלטיקע ענדערונג: דער חודש צייט, וועלכן ער האָט פאַרבראַכט אין מיליטערישן לאַגער, אויף דער פרישער לופט, האָט אים זייער גוט געדינט; אין דעם ענערגישן פּנים מיט די אָפּגעברענטע באַקן מיטן יונגן, מוטיקן בליק, אין וועלכן עס האָט געגלאַנצט די יוגנט פרייד, איז שווער געווען צו דערקענען דעם גריבלער, דעם פילאָזאָף מיטן געלן, אויסגעמאָגערטן פּנים, מיט דער מרה־שחורה אין די אויגן, מיט די צעשויבערטע האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד, מיט דער איילעקער פאַרלוירנקייט אין יעדער באַוועגונג, מיט די טינט־פלעקן אויף די פינגער און אויף דער ציניִשער טאָגע — דעם רעטאָריקער יוליאַן, פון וועמען די אַנטיאָכישע גאַסן־ייִנגלעך האָבן חוזק געמאַכט.

— הערט, הערט: דער קייסער רעדט.

עס איז שטיל געוואָרן; עס האָט זיך נאָר בלויז געהערט דאָס שטילע קלינגען פון געווער, דאָס פּליעסקען פון וואַסער אָן די שיפן און שורכן פון די זיידענע פענער.

— מוטיקע זעלנער! — האָט יוליאַן אָנגעהויבן מיט אַ דערהויבענער שטימע. — איך זע אויף אייערע פּנימער אַזאַ אומדערשראָקנקייט, אַזאַ גבורה, אַז איך קאָן מיך נישט איינהאַלטן פון דער פרייִדיקער באַגריסונג. געדענקט, חברים: דער גורל פון דער וועלט ליגט אין אונזערע הענט, מיר דאַרפן צוריק באַנייען דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון דער רוימישער אימפּעריע. שטאַרקט־זשע אייערע הערצער, זייט גרייט צו אַלעם: קיין צוריקקער איז פאַר אונז נישטאָ! — איך וועל גיין פאָרויס. פאַר אייך, אומעטום, צווישן אייערע רייען, רייטנדיק און צופוס. איך וועל אָנטיילנעמען אין אַלע שוועריקייטן, אין אַלע געפאַרן, צוגלייך מיטן מינדסטן פון אייך, ווייל פון הייַנטיקן טאָג אָן זענט איר מער קיין קנעכט נישט, קיין געצווונגענע זעלנער, נאָר חברים מיינע, קינדער מיינע! — נאָר אויב עס איז מיר באַשערט צו פאַלן אין שלאַכט, וועל איך גליקלעך זיין דערמיט, וואָס איך שטאַרב פאַר רוים, גלייך ווי די גרויסע העלדן — די סצעוואָלאַס, די קורציוס און די הערלעכע זין פון

דער דעציוס-גזע. זייט-זשע מוטיק, חברים! געדענקט: נאָר שטאַרקע זיגן!

ער האָט אַרויסגעצויגן די שווערד פון דער שייד און אַ חייז געטון מיט איר אין דער ריכטונג פון דער ווייטער מדבר-ראַנד.

די זעלנער האָבן אויפגעהויבן און צונויפגערוקט די שילדן מיט אַן אויסגעשריי:

— ערע דעם זיגרייכן קייסער!

די קריגס-שיפן האָבן אָנגעהויבן שניידן די כוואַליעס פון טייך, די רוימישע אָדלערס האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן איבער די קאָהאָרטעס, און דאָס ווייסע פערד האָט געטראָגן דעם קייסער אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון.

בלויז דער קאַלטער, בלויער שאָטן פון האַרדיאַנוסעס פּיראַמידע איז געפאַלן אויף דעם גאָלדענעם גלאַטן זאַמד; באַלד האָט יוליאַן גע-מוזט אַריינרייטן פון דעם פרימאָרגנדיקן זונען-שיין אונטער דעמדאָזיקן ריזיקן, דראָענדיקן שאָטן פון דעם איינזאַמען קבר.

XV.

דאָס מיליטער איז געגאַנגען לענגויס דעם לינקן ברעג פון טייך פרת.

דאָס פלאַכלאַנד, אַ ברייטס, אַ גלאַטס ווי דער ים, איז באַדעקט געווען מיט זילבער-פאַרביק ווילדקרויט. קיין ביימער האָט מען נישט געזען. די קושאַקעס און גראָזן האָבן געהאַט אַ בשמים-ריח. טיילמאָל פלעגט זיך באַם ראַנד פון הימל באַווייזן אַ סטאַדע ווילדע אייזלען, אויפהייבנדיק אַ שטויב. שטרויסן פלעגן פאַרביילויפן. דאָס פעטע, באַ-טעמטע פלייש פון סטעפּ-דראַכוועס האָט זיך געדעמפט צום אָונט-עסן אויף די זעלנערישע שייטערן. די געלעכטערן און לידער פלעגן נישט אַנטשוויגן ווערן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער מאַרש האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַציר. מיט אַ לופטיקער לייכטקייט, כמעט נישט אָנרירנדיק די ערד, האָבן זיך דורכגעטראָגן שלאַנקפיסיקע גאַזעלן; זיי האָבן געהאַט טרויעריקע, צאַרטע אויגן, ווי שיינע פרויען. די מדבר האָט אויפגענומען די מיליטער-לייט, וועלכע האָבן געזוכט רום, רויב און בלוט מיט שטומער

צערטלעכקייט, אויסגעשטערנטע נעכט, שטילן מאָרגנרויט, שמעקנדיקן נעפּל, דורכגעזאָפּט מיט אַ ריח פון ביטערן ווילדקרויט.

זיי זענען געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער און נישט געפונען קיין שונא.

נאָר אַזוי ווי זיי זענען דורכגעגאַנגען, — האָט זיך די שטילקייט ווידער פאַרשלאָסן איבערן פלאַכלאַנד, אַזוי ווי דאָס וואַסער איבער אַ דערטרונקענער שיף, און די שטרענגלעך פון די גראָזן, וואָס זענען צוגעכרעטן געוואָרן דורך די פיס פון די זעלנער, האָבן זיך שטיל צוריק אויפגעהויבן.

מיטאַמאָל איז די מדבר גרויזאַם געוואָרן. וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל. אַ רעגן האָט אַ גאָס געטון. אַ בליץ האָט דערהרגעט אַ זעלנער, וועלכער האָט געפירט די פערד אַנטרינקען.

עבדע אַפּריל האָבן זיך געשטעלט די הייסע טעג. די חברים האָבן מקנא געווען דעם, וועמ ס'איז געגאַנגען אין שאָטן הינטער אַ קעמל, אָדער אַן אָנגעלאָדענער פור מיט אַ לייוונטענער בויד. די זעלנער פון ווייטן צפון, די גאַלן און סציטן, זענען געפאַלן, געטראָפן פון אַ זונענשלאַג. דאָס פלאַכלאַנד איז געוואָרן טרויעריק, פּוסט, ווו-נישט-ווו באַדעקט בלויז מיט בינטלעך פאַרשרפּעט גראָז. די פיס זענען געזונקען אין זאַמד.

עס פלעגן קומען פלוצימדיקע שטורעם-ווינטן מיט אַזאַ כוח, אַז זיי האָבן אויסגעריסן פענער, געצעלטן; מענטשן און פערד זענען געפאַלן פון די פיס. באַלד דערנאָך איז ווידער אַנטשטאַנען אַ טויט-שטילקייט, וועלכע האָט די אָנגעשראָקענע זעלנער אויסגעזען שרעקלעכער ווי דער ערגסטער שטורעם-ווינט. די געלעכטערן און געזאַנגען זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער די זעלנער זענען געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער און קיין שונא נישט באַגעגנט.

אין אָנהייב מאַי זענען זיי אַריין אין די פּאַלמען-וועלדער פון אשור.

באַ באַצעפּראַקט, וווּ עס זענען געבליבן עפּעס חורבות פון אַ ריזיקער מויער, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווען דורך די פּאַרצייטישע אשורישע מלכים, האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל געזען די שונאים. אָבער די פּערסיאַנער זענען צוריקגעטרעטן מיט אַן אומדערוואַרטעטער לייכטקייט.

אונטער מתנות פיילן זענען די רוימער דורכגעגאַנגען דעם טיפן

קאַנאַל, וואָס איז אויסגעפּלאָסטערט געווען מיט בבלישע ציגל און האָט געהייסן נ ה ר - מ ל כ א — קעניגלעכער טייך; ער האָט פאַרייניקט דעם פּרת מיט חדקל און דורכגעשניטן גאַנץ מעסאָפּאָטאַמיע אין דער ברייט מיט אַ געאָמעטרישער פּינקטלעכקייט.

פּלוצלינג זענען די פּערסיאַנער פאַרשוווּנדן געוואָרן. די אויבערפלאַך פון נהר-מלכא האָט זיך אָנגעהויבן הייבן; דערנאָך איז דאָס וואַסער אַרויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט די אַרומיקע פעלדער: די פּערסיאַנער האָבן געמאַכט אַ קינסטלעכע פאַרפלייצונג, אויפּעפּנענדיק די טאַמעס און שליוזעס פון די קאַנאַלן, וועלכע האָבן ווי אַ קאָמפּליצירטע נעץ באַוואָסערט די פּוכקע ערד פון די אַשורישע פעלדער.

די פיסגייער זענען געגאַנגען ביז איבער דער קני אין וואַסער; די פיס זענען געזונקען אין קלעבּיקן ליים; גאַנצע אָפּטיילונגען פלעגן דערטרונקען ווערן אין אומבאַמערקלעכע ראָוועס און גריבער; עס פלעגן פאַרשווינדן ווערן אפילו רייטערס און אָנגעלאָדענע קעמלען; מ'האָט געמוזט טאַפּן דעם וועג מיט לאַנגע שטעקנס.

די פעלדער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָזיערעס, די פּאַלמענוועלדלעך אין אינזלען.

— וווּהין גייען מיר? — האָבן די קליינמוטיקע געמורמלט, — איף וואָס קוקנדיק? אויף וועלכע שוואַרצע יאָר? צוליב וואָס זאָל מען טאַקע באַלד נישט צוריקגיין צום טייך, נישט איינשטייגן אין שיפן? מיר זענען נישט קיין זשאַבעס, צו שווימען אין קאַלוזשעס.

יוליאַן איז געגאַנגען צופוס, אפילו אויף די שווערסטע ערטער; מיט די אייגענע הענט האָט ער געהאָלפן אַרויסשלעפּן שווערע פורן, וועלכע פלעגן זינקען אין דער בלאָטע, ער האָט זיך געוויצלט, ווייזנדיק די זעלנער זיינע קייסערלעכע פּורפּור-מלבושים, נאַסע, אויסגעשמירטע מיט טונקל-גרינער בלאָטע.

פון פּאַלמען-שטאַמען האָט מען געמאַכט גרעבליעס; געלייגט שווימבריקן אויף פּעכערס.

איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז געלונגען אַרויסצוקריגן זיך אויף אַ טרוקן אָרט. די אויסגעמאַטערטע זעלנער זענען אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַן אומרויקן שלאָף.

אינדערפרי האָבן זיי דערזען די פעסטונג פּירוז-שבור. די פּערסיאַנער האָבן חוזק געמאַכט פון די רוימער פון זייערע פעסטע טורעמס און מויערן אַראָפּ, באַהאַנגען מיט דיקע שאַרסטקע צודעקן פון ציגן-פעל

קעגן די קלעפּ פֿון די באַלאַגערונגס־מאַשינען. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך איינס דאָס אַנדערע באַוואָרפֿן מיט שאָסן און זידלערייען.

אין דער פֿינצטערניש פֿון דער אָנלבנהדיקער נאַכט האָבן די רוימער אין טיפֿער שטילקייט, אויסגעלאָדן פֿון די שיפֿן און צוגעשטעלט צו די מויערן די קאַטאַפּולטעס. די קאַנאַלן אַרום די מויערן זענען פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד.

מיט איין מאָלעאָלע — אַ פֿייערדיקע פֿייל, אַ ריזיקע, אַ שפּינדל־אַרטיקע, אָנגעפּילט מיט ברען־מאַטעריאַל פֿון סמאָלע, שוועבל, בוימל און בוימל־זשיווישצע, איז געלונגען אונטערצוצינדן איינע פֿון די האָריקע צודעקן אויף דער פֿעסטונג־מויער. — די פּערסיאַנער האָבן זיך געוואָרפֿן לעשן די שׂרפֿה. באַנוצנדיק זיך מיט דער מאָמענטאַלער פּאַניק, האָט דער קייסער באַפֿוילן צוצופֿאָרן צו דער מויער מיט אַ באַלאַגערונגס־מאַשין, אַ טאַראַן: דאָס איז געווען אַ סאָסנע־שטאַם, אָנגעהאָנגען אויף אייזערנע קייטן אויף אַ קלעצער־פּיראַמידע; דער שטאַם האָט געהאַט אין עק אַ קופּערנעם שעפּסן־קאָפּ. הונדערטער זעלנער מיט אַ לעבעדיק, זינגענדיק געשריי — „איינס, צוויי, דריי“, אָנשטרענגענדיק די מוסקולן אויף די באַקעטע, ברוינע אַקסלען, האָבן געצויגן די דיקע שטריק פֿון שטייף צונויפֿגעדרייטע אָקסן־אָדערן און פּאַמעלעך צעוויגט די ריזיקע סאָסנע.

עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלאַפּ, ענלעך צום הילך פֿון אַ דונער; די ערד האָט אַ ציטער געטון, די מויערן האָבן זיך אַ טרייסל געטון; דערנאָך נאָך און נאָך; דער קלאָץ האָט זיך צעוויגט, די קלעפּ האָבן זיך געשאָטן אַלץ אָפֿטער; דער שעפּס איז ווי אַריינגעפֿאַלן אין רציחה און מיט אַן עקשנותדיקן כּעס געשמעטערט די מויער מיט זיין קופּערנעם שטערן. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קנאַל: אַ גאַנץ ווינקל פֿון דער מויער איז איינגעפֿאַלן.

די פּערסיאַנער זענען אַנטלאָפֿן מיט געשרייען.

יוליאַן, פֿינקלענדיק מיטן העלם אינמיטן אַ וואָלקן שטויב, אַ פֿרייליכער און אַ שרעקלעכער ווי דער גאָט פֿון מלחמה, האָט זיך אַריינגעריסן אין דער איינגענומענער שטאָט.

דאָס מיליטער האָט ווייטער מאַרשירט. צוויי טעג האָט מען גערוט אין די שאָטנדיקע, דערפֿרישנדיקע וועלדלעך, קוויקנדיק זיך מיט דעם זויערן קילנדיקן געטראַנק, אַזאַ מין ווייַן — פֿון פּאַלמען־זאַפֿט און מיט שמעקנדיקע בבֿלישע טייטלען, געלע און דורכזיכטיקע ווי בורשטין.

דערנאָך זענען זיי ווידער אַוועק דורך אַ פּוסטער לאַנד־פּלאַך,

שוין נישט קיין זאמדיקער, נאָר אַ שטייניקער; די היץ איז וואָס אַ טאָג אומדערטרעגלעכער געוואָרן; בהמות און מענטשן זענען געפאַלן; אין מיטן טאָג פלעגן צעגליטע, כוואַליעסאַרטיקע שיכטן לופט שטראָמען און שוועבן איבער די פעלזן; דורך דער גרויער, אַש-פאַרביקער מדבר האָט זיך דער חדקל געשלענגלט פויל, בלישטשענדיק מיט די זילבערנע שופּן, ווי אַ שלאַנג וואָס וואַרעמט זיך אויף דער זונען-היץ.

ענדלעך האָבן זיי דערזעען אַ ריזיקן פעלז איבערן ברעג פון חדקל, אַ משופּעדיקן, אַ ראָזן, אַ הוילן, מיט אויסגעשטשערבעטע, שטעכדיקע שפּיצן: דאָס איז געווען די צווייטע פעסטונג, וועלכע האָט באַוואַכט קטעסיפאָן, די דרום-רעזידענץ פון פערסיע — מחוזא, זי איז נאָך פעסטער געווען פון פירוז-שבור, אָן עכטע אָדלער-נעסט אונטער די וואָלקנס: די זעכצן טורעמס און די טאָפּלטע מויערן פון מחוזא האָבן, ווי אַלע פאַרצייטישע אַשורישע געביידעס, זיך נישט געשראָקן פאַר טויזנטער יאָרן, זיי זענען געווען געמויערט פון באַרימטע בבלישע ציגל, אויסגעטרוקנטע אויף דער זון, באַהעפטע מיט באַרג-פעך.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַלאַגערונג. ווידער האָבן מיד געסקריפּעט די הילצערנע, אומגעלומפּערטע באַליסטעס, געגרילצט די רעדער, באַלטן און בלאָקן פון די „עקדישן“, געפּייפט די פייערדיקע מאַלעאָלעס.

עס איז געווען די צייט, ווען יאַשטשערקעס שלאָפן אין די פעלזןשפּאַלטן; די שטראַלן פון דער זון זענען געפאַלן גלייך אויף די קעפּ און פּלייצעס פון די זעלנער, ווי אַ דערדריקנדיקע לאַסט: זייער ברענען איז געווען געפערלעך; די זעלנער האָבן אין פאַרצווייפלונג, נישט הערנדיק די עלטסטע, נישט קוקנדיק אויף דער סכנה, אַראָפּגעריסן פון זיך די פּאַנצערס, די העלמען, נעמענדיק פאַר ליבער די ווונדן, ווי די שרעקלעכע היץ. איבער די טונקל-ברוינע ציגל-טורעמס און שיס-לעכער פון מחוזא, פון וועלכע עס האָבן זיך געשאָטן פאַרסמטע פיילן, שפּיזן, שטיינער, בלייערנע און ליימענע קוילן, פלאַקערנדיקע פערסישע פאַלאַריקעס, וועלכע האָבן פאַרפּעסטעט די לופט מיטן געשטאַנק פון שוועבל און נאַפט-ראָפּע, איז געהאָנגען דער שטויביקער הימל מיט אַ קוים באַמערקלעכן אָפּשיין פון בלוילעכקייט, אַ בלענדנדיקער, אַן אומברחמנותדיקער, אַ שרעקלעכער ווי דער טויט. און דער הימל האָט סוף-כל-סוף באַזיגט די מלחמה צווישן די מענטשן: די באַלאַגערער און די באַלאַגערטע, אויסגעמאַטערט פון היץ, האָבן געמוזט אָפּשטעלן דעם קאַמף.

עס איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט, אַן אויסטערלישע בײַ דער באַלעגבדיקער שײַן פון דער זון, די איז מער טויט געווען, ווי אין דער פינצטערסטער נאַכט.

די רוימער זענען נישט געפאַלן פון מוט: נאָכן איינגעמען פּירוז-שבור, האָבן זיי אָנגעהויבן גלייבן אין דער אומבאַזיגלעכקייט פון קייסער יוליאַן; מ'האָט אים אָנגעהויבן פאַרגלייכן מיט אַלעקסאַנדער מוקדון און געוואָרט אויף נסים.

אין מזרח-זייט פון מחוזא, ווו די פעלזן האָבן זיך אַ ביסל מער משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט צום פּלאַכלאַנד, האָבן די זעלנער אין משך פון עטלעכע טעג זיך אונטערגראָבן אונטער די מויערן פון מחוזא און געענדיקט אינעווייניק אין שטאָט; אין דער ברייט האָט די אונטער-ערדישע הייל געהאַלטן דריי איילן און עס איז מעגלעך געווען, אַז צוויי זעלנער זאָלן דאָרט דורכגיין איינער לעבן אַנדערן; דיקע הילצערנע אונטערשפּאַרן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ געוויסן שטח איינער פונם אַנדערן, האָבן אונטערגעהאַלטן דעם פּולאַפּ, די אונטערגראָבער האָבן געאַרבעט לוסטיק: נאָך דער דרויסנדיקער היץ האָבן זיי זיך מחיה געווען מיט דער אונטערערדישער פייכטקייט און פינצטערניש.

— פריער זענען מיר געווען זשאַבעס, — איצט זענען מיר מויל-וורפן, — האָבן זיי זיך געוויצלט.

דריי קאָהאָרטעס — די מאַטיאַריער, לאַצפּינאַריער און וויקטאָרן — טויזנט פינפהונדערט מוטיקסטע זעלנער זענען במוד-סודות אַרײַן אין דעם אונטערערגראָבענעם קאָרידאָר און האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויפן באַפעל פון די מיליטער-פירער, זיך אַרייַנצורייסן אין דער שטאָט.

צומאָרגנס איז דער אָנגריף בכיוון אָנגעווענדט געוואָרן אויף צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען, כדי אָפּצוווענדן די פערסיאַנערס וואַכזאַמקייט.

יוליאַן האָט געפירט די זעלנער דורך אַ שמאָל שטעגל איבערן משופּעדיקן פעלז, אונטער אַ האָגל פיילן און שטיינער. „לאָמיר זען,— האָט ער זיך געטראַכט, הנאה האָבנדיק פון דעם געפאַר, — צי די געטער וועלן מיך אָפּהיטן, צי עס וועט געשעען דער נס, צי איך וועל נצול ווערן פון טויט".

די אומגעצוימטע נײַגיריקייט, דער דורשט נאָך איבערנאַטירלעכס האָט אים געצויגן צו שטעלן דאָס לעבן אין געפאַר, — מיט אַן אַרויס-פאָדערנדיקן שמייכל צו פרוון דאָס מזל; און נישט פאַרן טויט האָט ער מורא געהאַט, נאָר פאַר אַ דורכפאַל אין זײַן קאַמף מיטן גורל.

די זעלנער זענען געגאַנגען נאָך אים, ווי פאַרכישופטע, ווי אָנגעשטעקט פון זיין וואַגזיניקייט.

די פערסיאַנער האָבן חוזק געמאַכט פון דעם שונאס אָנשטרענגונגען און זינגענדיק אַ ליבּ־ליד צום זון פון דעם זונען־גאָט, דעם מלך שבור, האָבן זיי אַראָפּגעשריגן צו די רוימער פון די אונטערוואַלקנדיקע מויערן פון מחוזא:

— יוליאַן וועט גיכער אָנקומען אין אָרמוזדס פּאַלאַץ, איידער אין אונזער פעסטונג אַריין!

אין ברען פונם אָנגריף האָט דער קייסער שטיל איבערגעגעבן דעם באַפעל די מיליטער־פירער.

די זעלנער, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין דער אונטערגראָבּונג, זענען אַריין אינעווייניק אין שטאָט, אין אַ קעלער פון אַ הויז, וווּ אַן אַלטע פערסיאַנערין, אַ בעקערין, האָט געקנעטן טייג. זי האָט אַ הויכן געשריי געטון, דערזעענדיק די רוימישע לעגיאָנערן. מ'האָט זי דערהרגעט.

זיי האָבן זיך אומבאַמערקט, אונטערגעגנבעט און זיך געוואָרפן אויף די באַלאַגערטע פון הינטן. די פערסיאַנער האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָס געווער און זיך צעלאָפן איבער די גאַסן פון מחוזא. די רוימער האָבן פון אינעווייניק געעפנט די טויערן און די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן פון ביידע זייטן.

איצט האָט שוין קיינער נישט געצווייפלט, אַז יוליאַן וועט, גלייך ווי אַלעקסאַנדר מוקדון, איינעמען די גאַנצע פערסישע מאָנאַרכיע ביזן הינדוס.

דאָס מיליטער האָט זיך דערנענטערט צו דער דרום־רעזידענץ פון פערסיע, קטעסיפאָן. די שיפן זענען געבליבן שטיין אויפן טייך פרת. אַלץ מיט דערזעלבער פיבערנדיקער, כמעט כישופדיקער שנעלקייט, וועלכע האָט נישט געלאָזט דעם שונא קומען צו זיך, האָט יוליאַן אויפגעפרישט די פאַרצייטישע רוימישע איינריכטונג, — דעם פאַרייניקונגס־קאַנאַל, וואָס איז דורכגעגראָבן געוואָרן דורך טראַיאַנוסן און סעפטימיוס סעווערוסן, און וועלכן די פערסיאַנער האָבן צוליב פאָרזיכטיקייט געהאַט פאַרשאָטן. דורך דעמדאָזיקן קאַנאַל איז דער פלאָט אַריינגעפירט געוואָרן אין טייך חדקל, עטוואָס העכער פון די מויערן פון קטעסיפאָן. דער זיגער איז אַריינגעדרונגען אין סאַמע האַרץ פון דער אַזיאַטישער מאָנאַרכיע.

צומאָרגנס אין אָוונט האָט יוליאַן צונויפגערופן אַ מיליטערישע

באַראַטונג און מודיע געווען, אַז באַנאַכט וועט ער אַריבערפירן דאָס מיליטער אויפן צווייטן ברעג, אונטער די מויערן פון קטעסיפאָן. דאַגאַלאַיף, האָרמיזדעס, סעקונדינוס, וויקטאָר, סאַלוסטיוס — אַלע געניטע מיליטער-פירער זענען פאַרציטערט געוואָרן און לאַנג זיך געשפּאַרט מיטן קיסער, בעטנדיק אים, זיך אָפּצוזאָגן פון דעמדאָזיקן צופיל דרייסטן שריט; זיי האָבן אים אויפגעוויזן, אַז דאָס מיליטער איז אָפּגעמאַטערט, אַז דער טייך איז צו ברייט, אַז דער שטראָם איז צו שטאַרק, אַז דער צווייטער ברעג איז צו משופּהדיק, אַז קטעסיפאָן און דעם מלך שבורס אַנצאָליקע מיליטער איז צו נאָענט, אַז די פּערסיאַנער וועלן אָן ספק אָנהייבן אַן אָנגריף בשעתן אַריבערגיין דעם טייך. יוליאַן האָט גאָרנישט געהערט:

— ווי לאַנג מיר זאָלן נישט וואַרטן, — האָט ער צום סוף אויסגעשריגן מיט אומגעדולד, — וועט דער טייך נישט שמעלער ווערן, די ברעגן ווייניקער משופּעדיק; און דאָס פּערסישע מיליטער באַקומט פון טאָג-צו-טאָג נייע פאַרשטאַרקונגען. ווען איך זאָל האָרכן אייערע עצות, וואָלטן מיר נאָך ביז איצט געזעסן אין אַנטיוכיע!

די מיליטער-פירער זענען פון אים אַרויסגעגאַנגען צערודערטע.

— ער וועט נישט אויסהאַלטן, — האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטון דער געניטער, געשייטער דאַגאַלאַיף, אַ באַרבאַר, וועלכער איז גרוי געוואָרן אין רוימישער דינסט, — געדענקט מיינע ווערטער. ער וועט נישט אויסהאַלטן!... אמת, פריילעך איז ער, אָבער פונדעסטוועגן איז עפּעס אויף זיין פּנים נישט אַלץ אין אָרדנונג. אַזאַ אויסדרוק האָב איך געזען בא מענטשן, וועלכע זענען נאָענט צו יאוש, וועלכע זענען מיד צום טויט...

די נעפּלדיקע, הייסע דעמערונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שפּיגל פונם רויִקן טייך. עס איז געגעבן געוואָרן אַ צייכן; פינף מיליטערישע שיפן מיט פיר הונדערט זעלנער זענען אָפּגעשווימען פון ברעג; לאַנג האָט זיך געהערט דאָס רודערן פון די וועסלעס; דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן; דער נעפּל איז געוואָרן געדיכטער. יוליאַן האָט דורכדרינגלעך נאָכגעפאָלגט די שיפן, שטייענדיק באַם ברעג. ער האָט זיין אויפרעגונג באַהאַלטן אונטער אַ שמייכל. די מיליטער-פירער האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך. פּלוצלינג האָט אין דער פינצטערניש אויפגעפלאַמט אַ פייער. אַלע האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם און געווענדט די בליקן אויפן קייסער. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס פייער באַדייט. די

פערסיאַנער איז געלונגען אונטערצוצינדן די רוימישע שיפן מיט פייער־דיקע פײַלן, וועלכע זיי האָבן פלינק געשליידערט פון הויכן ברעג אַראָפּ.

ער איז בלאַס געוואָרן, נאָר תּיכף געקומען צו זיך און נישט לאַנג־דיק די זעלנער זיך באַדענקען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין דער ערשטער בעסטער שיף און הויך אויסגעשריגן, ווענדנדיק זיך צום מיליטער מיט אַ שײַנענדיק פּנים:

— אַ זיג! אַ זיג! איר זעט — פייער! זיי זענען צוגעשוווּמען און אײַנגענומען יענעם ברעג. איך האָב געהייסן די אַרויסגעשיקטע קאָ־האָרטעס אָנצינדן פייער אויפן צווייטן ברעג אַלס סימן פון נצחון. נאָך מיר, חברים!

— וואָס טוסטו? — האָט אים אײַנגערוימט אין אויער דער פאָר־זיכטיקער סאַלוסטיוס. — מיר זענען פאַרלוירן: דאָס איז דאָך אַ שׂרפֿה!..

— דער קייסער איז פון זינען אַראָפּ! — האָט האָרמיזדע אין שרעק אײַנגערוימט דאַגאַלאַיפן אויפן אויער.

דער כיטרער באַרבאַר האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס אין פאַרלעגנהייט.

דאָס מיליטער האָט אומאויפהערלעך געשטראָמט צום טײַך. מיט ענטוזיאַסטישע געשרייען: „אַ זיג! אַ זיג!" שטויסנדיק אײַנער דעם אַנ־דערן, איבעריאָגנדיק זיך, אַרײַנפאַלנדיק אין וואַסער און צוריק אַרויס־קריכנדיק מיט פריילעכע זידלערייען, האָבן זיך אַלע געוואָרפן צו די שיפן. עטלעכע קלענערע שיפלעך האָט מען שיער נישט דערטרונקען. אויף די שיפן האָט פאַרפעלט אָרט.

אַ סך רייטער האָבן זיך געלאָזט שווימען אויף די פערד, שניידנ־דיק מיט די ברוסטן פון די פערד דעם שנעלן לויף פון טײַך. די צעלטן און באַטאַוון האָבן אויף זייערע גרויסע לעדערנע שילדן, וועלכע זענען געווען פאַרבויגן אין געשטאַלט פון קליינע לאָדקעס, זיך געלאָזט שווימען אויפן טונקעלן טײַך; אַן שרעק זענען זיי געשוווּמען אין נעפּל. און זייערע שילדן האָבן זיך געדרייט אין די קעסל־גריבער, אָבער נישט באַ־מערקנדיק די געפאַר, האָבן די זעלנער פריידיק געשריגן: „אַ זיג! אַ זיג!"

די קראַפט פונעם שטראָם איז באַזיגט געוואָרן דורך די שיפן, וועלכע האָבן פאַרשטאָפּט דעם טײַך. די שׂרפֿה אויף די פאָדערשטע פינף שיפן איז ווייער לײַכט פאַרלאָשן געוואָרן.

דעמאָלט ערשט האָט מען פאַרשטאַנען דעם מוטיקן, כּמעט משוגענעם אויפטו פונם קייסער. אָבער די זעלנער איז נאָך פרייליכער געוואָרן: איצט, ווען זיי זענען בייגעקומען אַזאַ געפאַר אַזוי שפּילעוודיק, — האָט אַלץ אויסגעזען מעגלעך דורכצופירן.

כּמעט פאַר זון-אויפגאַנג האָבן די רוימער באַזעצט דעם גאַנצן קעגנ-איבערדיקן ברעג. זיי האָבן זיך קוים באַוויזן צו דערפרישן מיט אַ קורצן שלאָף, נישט אויסטועינדיק דאָס געווער. בײַ דער שיין פון דער אויפגייענדיקער זון, האָבן זיי דערזען אַ ריזיק מיליטער, וואָס איז אַרויסגעטרעטן פון די מויערן פון קטעסיפאָן אויפן פעלד פאַר דער שטאָט.

צוועלף שעה האָט געדויערט די שלאַכט. די פּערסיאַנער האָבן פאַרצווייפלט געקעמפט. יוליאַנס מיליטער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען די ריזיקע מלחמה-העלפאַנטן, וועלכע האָבן צעטרעטן אַ גאַנצע קאָהאָרטע זעלנער, ווי אַ פעלד מיט זאַנגען.

דער זיג איז געווען אַזאַ גרויסער, ווי די רוימער פלעגן אָפּהאַלטן אַמאָל, אין די צייטן פון די גרויסע קייסרים — טראַיאַנוס, אַספּיאַנוס, טיטוס.

יוליאַן האָט באַם זון-אויפגאַנג געבּרענגט אַ דאַנק-קרבן צום גאָט פון מלחמה אַרעס. דער קרבן איז באַשטאַנען פון צען ווייסע וווּנדערשיינע אָקסן, וועלכע זענען ענלעך געווען צו די בילדער פון די הייליקע קעלבער אויף די פּאַרצייטישע העללענישע מאַרמאָרנע באַרעליעפן.

אַלע האָבן זיך געפרייט. בלויז די עטרוסקישע אויגורן זענען ווי שטענדיק געווען פאַרעקשנט און דראַנגנדיק פאַרמרה-שחורהט; מיט יעדן נצחון, וואָס יוליאַן האָט אָפּגעהאַלטן, זענען זיי אַלץ מער מרה-שחורהדיק, אַלץ מער שווייגנדיק געוואָרן.

מ'האָט צוגעפירט דעם ערשטן אָקס צום ברענענדיקן מזבח, וואָס איז געווען אַרומגעקראַנצט מיט לאָרבערן. דער אָקס איז געגאַנגען פויל און הכנעהדיק; — פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעגליטשט, געפאַלן אויף די קניען, מיט אַ רחמנותדיק מעקען, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ מענטשלעך קול, פון וועלכן יעדן איז דורכגעלאָפן אַ פראָסט איבערן לייב, אַריינגעשטעקט די מאָרדע אין שטויב און נאָך איידער די צווייש־אַרפיקע האַק, די וויקטימאַריע, האָט זיך צוגערירט צו זיין ברייטן מוח, — האָט ער אָנגעהויבן גוססן און געפּגרט. מ'האָט צוגעפירט דעם צווייטן. ער איז אויך געפאַלן טויט. דערנאָך דער דריטער, דער פערטער. אַלע זענען צוגעגאַנגען צום מזבח פויל, שוואַך, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס,

ווי זיי וואָלטן געליטן אויף אַ שטערבלעכער קראַנקייט, — און מיט אַ רחמנותדיק מעקען געפּגרט. אַ געמורמל פון שרעקלעכן פּחד האָט זיך צעטראָגן איבערן מיליטער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער סימן.

ניין אָקסן זענען געפאַלן. דער צענטער האָט זיך אויסגעריסן, צע־פליקט די פּענטעס און מיט אַ געברום זיך געלאָזט לויפן, פאַרשפּרייטנ־דיק אַ טומל אין גאַנצן לאַגער. ער איז אַרויסגעלאָפן דורכן טויער און מ'האָט אים נישט געקאָנט כאַפּן.

די גאָטעסדינסט איז איבערגעריסן געוואָרן, די אויגורן האָבן גע־שיינט פון בייזער שמחה.

ווען מ'האָט גענומען אויפשניידן די בייכער פון די טויטע אָקסן, האָט יוליאַן באַמערקט אין די געדערים מיט אַ געניט אויג פון אַ וואַר־זאַגער בולטע דראָענדיקע סימנים. ער האָט זיך אָוועקגעדרייט. זיין פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ בלאַסקייט. ער האָט געוואָלט אַ שמייכל טון און נישט געקאָנט. פּלוצלינג איז ער צוגעגאַנגען צום ברענענדיקן מזבח און מיטן גאַנצן כוח אים אַ שטויס געטון מיטן פוס. דער מזבח האָט זיך אַ וואַקל געטון, אָבער נישט אומגעפאַלן. דער המון האָט שווער אָפּגע־זיפצט, ווי איין מענטש. דער פּרעפעקט סאַלוסטיוס האָט זיך געוואָרפן צום קייסער און אים איינגערוימט אין אויער:

— די זעלנער קוקן... ס'איז גלייכער איבערצורייסן די גאָטעס־דינסט...

יוליאַן האָט אים אָפּגערוקט פון זיך און נאָך שטאַרקער אַ שטויס געטון דעם אַלטאַר מיטן פוס; ער איז אומגעפאַלן; די קוילן האָבן זיך צעשאָטן; דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן, נאָר דער שמעקנדיקער ווייר וויך־דאַמף האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן שטראָמען.

— אָן אומגליק, אַן אומגליק! מ'פאַרשוועכט דעם מזבח! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון המון.

— איך זאָג דיר, ער איז פון זין אַראָפּ! — האָט האָרמיזדע אַרויסגעמורמלט אין שרעק, אָנכאַפּנדיק דאַגאַלאַיפן בײַ דער האַנט.

די עטרוסקישע אויגורן זענען געשטאַנען ווי פריער, שווייגנדיק, גדלותדיק, מיט גלייכגילטיקע, ווי פאַרשטיינערטע פּנימער.

יוליאַן האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריגן מיט אַ הויכער שטימע:

— איך שווער איבער דער אייביקער פרייד, וואָס געפינט זיך דאָ, אין מיין האַרץ, איך זאָג מיך אָפּ פון אייך, ווי איר האָט אייך פון מיר

געזעגנט, איך פאַרלאָז אייך, ווי איר האָט מיך פאַרלאָזט, נאַרישע, אָנמעכטיקע! איך איינער אַליין בין קעגן אייך אַלע, אָלימפּישע שאָטנס!...

אַן אײַנגעהויקערטער, ניינציקיעריקער אויגור מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט אַ פריכטערלעכן פאַרבויגענעם שטעקן איז צוגעגאַנגען צום קייסער און אים אַרויפגעלייגט אויפן אַקסל זיין נאָך פעסטע, שטאַרקע האַנט.

— שטילער, קינד מיינס, שטילער! אויב דו ביסט דערגאַנגען דעם סוד, — פריי דיך שווייגנדיק. ווירק נישט אויפן המון. עס הערן דיך יענע, וואָס טאָרן אַזוינס נישט הערן...

דאָס געמורמל פון אויפרעגונג האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט.

— ער איז קראַנק, — האָט האַרמיזדע איינגערוימט דאַגאַלאַיפן — מ'דאַרף אים אַריינפירן אין געצעלט, אַז נישט, קאָן עס זיך ענדיקן מיט אַן אומגליק...

צו יוליאַנען איז צוגעגאַנגען דער מעדיקער אָריבאַזיוס, מיט זיין געוויינלעך פאַרזאָרגט אויסזעען, אים פאַרזיכטיק אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַ זאָג געטון:

— דו דאַרפסט זיך אָפּרוען, גנעדיקער אויגוסט. דו ביסט שוין צוויי נעכט נישט געשלאָפן. אין די היגע קאַנטן הערשט אַ געפערלעכער פיבער. קום אַריין אין געצעלט: די זון איז פאַר דיר שעדלעך...

די אויפרודערונג אין מיליטער איז געוואָרן געפערלעך. דער געמורמל און די אויסרופן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַן אויפגערעגטן, אומדייטלעכן טומל. קיינער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אויף קלאָר, יעדער האָט אָבער געפילט, אַז עס געשעט עפּעס אַן אומגליק. טייל האָבן געשריגן אין אָבערגלויבישער שרעק:

— גאָטלעסטערונג! אַ גאָטלעסטערונג! הייבט אויף דעם מזבח! וואָס קוקן דאָס צו די פּריסטער?

אַנדערע האָבן געענטפערט:

— די פּריסטער האָבן אָפּגעסמט דעם קייסער דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאָרכט זייערע עצות. שלאָגט די פּריסטער! זיי וועלן אונז אומברענגען!...

די גליליער, באַנוצנדיק זיך מיטן גינסטיקן מאָמענט, האָבן זיך אַרומגעשלייכט, געפּאָרעט מיט אַ הכנעהדיק אויסזעען, געהוזקט צווישן זיך און זיך איבערגעווינקען, אויסטראַכטנדיק רכילותן, און ווי שלאַנגען,

וועלכע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון ווינטער-שלאָף, ערשט נאָר-וואָס אָנגע־וואַרעמטע פון דער זון, האָבן זיי געסיקעט:

— איר זעט דען נישט? דאָס שטראָפט דאָך אים גאָט. עס איז שרעקלעך אַריינצופאַלן אין די הענט פונם לעבעדיקן גאָט. — שדים האָבן זיך באַזעצט אין אים. שדים האָבן זיין שכל פאַרנעפּלט: און אַט איז ער אויפגעשטאַנען קעגן דיזעלבע געטער, צוליב וועלכע ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איינציקן גאָט.

דער קייסער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַרומגעקוקט אַלעמען מיט אַ פאַמעלעכן בליק און ענדלעך אַ פרעג געטון אַריבאַזיוסן צעשטריט:

— וואָס איז דאָס? וואָס שרייט מען עפּעס?... יאָ, יאָ — עפּעס אַן אומגעוואָרפענער מזבח...

ער האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל אַ קוק געטון אויף די קוילן פונם ווייַרויך, וואָס האָבן זיך געלאָשן, ליגנדיק אין שטויב:

— דו ווייסט, מיין פריינט, מיט קיין זאַך קאָן מען אַזוי קיין מענטש נישט באַליידיקן, ווי מיטן אמת. אָרימע, נאַרישע קינדער! — נו, וואָס-זשע, זאָלן זיי שרייען אַ ביסל, וויינען, — זיי וועלן זיך באַרויקן... קום, אָריבאַזיוס, קום גיכער אונטער אַ שאָטן ערגעץ. דו האָסט רעכט, — ווייזט אויס, אַז די זון שאַדט מיר טאַקע. די אויגן טוען ווי. איך בין מיד...

ער איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען, אָנגעלענט אויפן מעדיקערס האַנט. אַריינקומענדיק אין געצעלט, האָט ער מיט אַ פוילער האַנט-באַוועגונג באַ־פוילן אַלעמען אַרויסצוגיין. מ'האָט פאַרמאַכט די טיר. אין געצעלט איז פינצטער געוואָרן.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אָרים, האַרט, מיליטעריש געלעגער — די לייבן-פעל, און אַנידערגעפאַלן אויף איר אַן אויסגעמאַטערטער. לאַנג איז ער אַזוי געלעגן, מיטן פּנים אַראָפּ, דעם קאָפּ פאַרקוועטשט מיט די הענט, ווי אַמאָל קינדווייז, נאָך שווערער באַליידיקונג אָדער אַן אומגליק.

— שטילער, שטילער: דער קייסער איז שלאָף, — האָבן זיך די מיליטער-פירער באַמיט צו באַרויקן די זעלנער:

און די זעלנער זענען אַנטשוויגן, ווי אָפּגעשטאָרבן געוואָרן.

אין לאַגער, האָט געהערשט אַ שטילקייט, פול מיט דערוואַרטונג, ווי אין אַ צימער פון אַ קראַנקן.

בלויז די גליִער האָבן נישט געוואַרט — זיי האָבן זיך געפּאַרעט, זיך שטיל געשלייכט, אומעטום אַרייַנגעדרונגען, פאַרשפּרייטנדיק טרויעריקע קלאַנגען און געסיקעט ווי די שלאַנגען, וועלכע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון ווינטער־שלאָף, נאָר־וואָס דערוואַרעמטע פון דער זון:

— איר זעט דען נישט? דאָס שטראָפט דאָך אים גאָט: עס איז שרעקלעך אַרייַנצופאַלן אין די הענט פונם לעבעדיקן גאָט!

XVI.

עטלעכע מאָל האָט אַריבאַזיוס פאָרזיכטיק אַרייַנגעקוקט אין געצעלט, פאַרלייגנדיק דעם קראַנקן אַ דערפרישנדיק געטראַנק. יוליאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געטראַנק און געבעטן מ׳זאָל אים לאָזן צורו. ער האָט זיך געשראָקן פאַר מענטשלעכע פּנימער, קלאַנגען און ליכטיקייט. אַזוי ווי פריער האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, דעם קאָפּ פאַרקוועטשט צווישן די הענט און זיך באַמיט וועגן גאָרנישט צו טראַכטן, פאַרגעסן, ווו ער איז און וואָס מיט אים קומט פאָר.

די אומנאַטירלעכע אָנשטרענגונג פונם ווילן, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט די לעצטע דריי חדשים, האָט אים שטאַרק געענדערט, ער איז געוואָרן שוואַך, דערשלאָגן, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקייט.

ער האָט נישט געוווסט, צי שלאָפט ער, צי איז ער וואַך. די בילדער האָבן זיך איבערגעחזרט, העקלענדיק זיך איינס אינם אַנדערן, שווימענדיק פאַרביי פאַרביי פאַר די אויגן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט און פּײַנלעכער בולטקייט.

דאָ האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ליגט אינם ריזיקן קאַלטן שלאָפצימער אין מאַצעללום; די ניאַניע זיינע לאַבדע צלמט אים איבערן שלאָף, — און דאָס פאָרסקען פון די מיליטערישע פערד, וועלכע זענען געשטאַנען צוגעבונדן באָענט פונם געצעלט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינם לעכערלעכן אָפּגעריסענעם שנאָרכן פונם אַלטן פּעדאַגאָג מאַרדאָניוס; מיט פרייד האָט ער זיך געפילט אַלס נאָך גאָר אַ קליין ייִנגל, קיינעם אומבאַקאַנט, ווייט פון מענטשן, פאַרוואָרפן ערגעץ צווישן די בערג פון קאַפּאַדאָקיע.

דאָ האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער פילט דעם דעליקאַטן,

פרישן גערוך פון היאַנצינטן, צערטלעך אָנגעוואָרעמטע פון דער מערץ-זון, אין באַקוועמען הויפל באַם פריסטער אַלימפּיאָדאָר, אַז ער הערט דאָס ליבע געלעכטער פון זיין טאָכטער אַמאַריללים אונטערן געדויש פונם פאָנטאַן, די קלאַנגען פון די קופערנע שעלעכלעך באַם שפּיל אין „קאָטאַבאַ" און דיאָפאַנעס פאַרמיטאָגדיקער אויסגעשריי פון ייִך אַרויס: „קינדער מיינע, דאָס אינגבער-געבעקס איז שוין פאַרטיק".

נאָר אַלץ פלעגט פאַרשווינדן ווערן.

און יוליאַן האָט בלויז געהערט, ווי די ערשטע יאַנואַר-פליגן פרייען זיך שוין מיט דער מיטאָג-היץ, זומען אויפן פרילינג-שטייגער אין ווינקל, וואָס איז פאַרשטעלט פונם ווינט, באַ דער ווייסער זוניקער וואַנט לעבן ים; אונטער זיינע פיס שטאַרבן אָפּ די העל-גרינע כוואַליעס אָן אַ שוים; מיט אַ שמייכל קוקט ער אויף די זעגלען, וועלכע ווערן פאַרטרונקען אין דער אומענדלעכער צאַרטקייט פונם ים און פון דער ווינטערדיקער זון; ער ווייסט, אַז אין דערדאָזיקער מחיהדיקער מדבר איז ער איינער אַליין, קיינער וועט אַהער נישט קומען, און גלייך ווי דידאָזיקע שוואַרצע פרייליכע פליגן אויף דער ווייסער וואַנט, שפּירט ער בלויז די פרייד פונם לעבן, די זון און די שטילקייט.

פלוצלינג, קומענדיק צו זיך, פלעגט זיך יוליאַן דערמאָנען, אַז ער געפינט זיך טיף אין פערסיע, אַז ער איז רוימישער קייסער, אַז אין זיינע הענט געפינען זיך זעכציק טויזנט זעלנער, אַז קיין געטער זענען נישטאָ, אַז ער האָט אומגעוואָרפן דעם מזבח, לעסטערנדיק זיי. ער פלעגט אויפציטערן; אַ שוידער פלעגט אים דורכלויפן איבערן לייב; אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך אויסגעגליטשט, ער פאַלט אין אַן אומענדלעכן אָפּגרונט אַריין און ער האָט זיך נישט באַ וואָס אָנצוכאַפּן.

ער האָט נישט געוווּסט, צי איז ער אין דעמדאָזיקן האַלב-דרימל אָפּגעלעגן אַ שעה צי אַ גאַנצן מעת-לעת.

נאָר בולט, שוין נישט אין שלאָף, נאָר אויף דער וואָר, האָט זיך דערהערט דאָס קול פון זיין אַלטן געטרייען באַדינער, וועלכער האָט פאָרזיכטיק אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער טיר:

— קייסער! איך האָב מורא צו באַאומרויקן, איך מוז אָבער דערפילן דעם באַפעל. דיין מאַיעסטעט האָט געהייסן תיכף מעלדן. אין לאַגער איז נאָר-וואָס אָנגעקומען צו פאָרן דער מיליטער-פירער אַרינטעוס...

— ארײנטעוס! — האָט יוליאַן אויסגעשריגן און אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אויפגעוועקט ווי פון אַ דונער־קנאַל. — ארײנטעוס! רוף אים, רוף אים אַרײַן אַהער!

דאָס איז געווען אײנער פון די העלדישסטע מיליטער־פירער, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ קלײנער אָפּטײלונג אויסשפּי־רער אויף צפון־זייט, געווויר צו ווערן, צי דערנענטערן זיך שוין נישט די דרייסיק טויזנט מאַן געהילפס־מיליטער מיט די קאָמעסן פּראָקאָפּיוס און סעבאַסטיאַנוס, וועמען ס'איז באַפוילן געוואָרן צוזאַמען מיטן מילי־טער פונם רוימישן פאַרבינדעטן אַרזאַקיוס, דעם אַרמענישן מלך, צו פאַרייניקן זיך מיטן קייסער אונטער די מויערן פון קטעסיפאָן. יוליאַן האָט שוין לאַנג אָפּגעוואַרט דידאָזיקע געהילפס־אַרמיי: פון דעם איז אָפּהענגיק געווען דער גורל פון דער הויפּט־אַרמיי.

— פיר אים אַרײַן, — האָט דער קייסער אויסגעשריגן, — פיר אים אַרײַן אַהער! שנעלער! אָדער ניין... איך וועל אַליין...

די שוואַכקייט איז אָבער נישט פאַרביי, נישט קוקנדיק אויף דער מאָמענטאַלער דערוואַכונג; עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין מוח; ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך געמוזט צוהאַלטן בײַ דער לייוונ־טענער וואַנט פון געצעלט.

— דערלאַנג מיר וויין, שטאַרקן... מיט קאַלט וואַסער.

דער אַלטער דינער האָט זיך אָנגעהויבן פּאָרען, פלינק אָנגעצאַפּט אַ בעכער וויין און דערלאַנגט דעם קייסער.

ער האָט אויסגעטרונקען פּאַמעלעך, שלוקנווייז, ביזן לעצטן טראָפּן און אָפּגעזיפצט מיט פאַרלייכטערונג. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט.

עס איז געווען שפּעט אײַנאָוונט. ווייט, פון יענער זייט פּרת, האָט זיך דורגעטראָגן אַ געוויטער. דער ווינט האָט געבראַנגט צו טראָגן אַ פייכטלעכע פרישקייט — אַ גערוך פון רעגן.

צווישן די שוואַרצע כמאַרעס האָבן אײנצלנע גרויסע שטערן שטאַרק געציטערט, ווי ליכט־פלעמלעך, וואָס לעשן זיך אויפן ווינט. פון דער מדבר האָט זיך געהערט דאָס בילן פון שאַקאַלן. יוליאַן האָט אָנטבלויזט די ברוסט, אָקעגנגעשטעלט דאָס פּנים אויפן ווינט און מיט הנאה דערפילט צווישן זײַנע האָר די שטאַרקע צערטלעכקייטן פונם פאַרבייגייענדיקן שטורעם.

ער האָט אַ שמייכל געטון, דערמאָנענדיק זיך זײַן קלײנמוטיקייט;

די שוואַכקייט איז פאַרשוואונדן. עס האָט זיך צוריק אומגעקערט די אָנ־שטרענגונג פון דער ענערגיע, ענלעך צו פאַרשיכורונג. עס האָט זיך נעגלויסט באַפעלן, אויפטון עפּעס, נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, גיין אין שלאַכט, שפּילן מיטן לעבן און טויט, בייקומענדיק די געפאַרן. פון צייט־צו־צייט איז בלויז אַ לייכטער שווינדער אים דורכגעלאָפן איבערן לייב.

אַרינטעוס איז צוריינגעקומען.

זיינע ידיעות זענען געווען טרויעריקע: עס איז מער נישט געבליבן קיין שום האָפנונג אויף הילף מצד פּראָקאָפּיוסן און סעבאַסטיאַנוסן; די פאַרבינדעטע האָבן פאַרלאָזט דעם קייסער אין דער סאַמע טיפעניש פון אזיע. עס האָבן זיך געטראָגן באַאומרויקנדיקע קלאַנגען וועגן פאַרראַט, וועגן דער בגידה פון דורכגעטריבענעם אַרזאַקיוס.

אין דער זעלבער צייט האָט מען געמאָלדן דעם קייסער וועגן אַ פּערסישן שפּיאָן, וואָס איז אַנטלאָפן פון מלך שבורס לאַגער.

מ'האָט אים געבראַכט צו פירן. דער פּערסיאַנער האָט זיך געוואָרפן פאַר יוליאַנס פיס און אַ קוש געטון די ערד; ער איז געווען אַ פאַרזעעניש: דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ מיט די אָפּגעשניטענע אויערן און די אַרויסגעריסענע נאָזלעכער איז ענלעך געווען צו אַ שאַרבן פון אַ מת; אָבער די אויגן האָבן געפינקלט מיט שכל און געוואַגטקייט. ער איז געווען אָנגעטון אין פּרעכטיקע מלבושים פון פייערדיק זאַגדיאַניש זיידנצייג און געדעדט אויף אַ צעקאַליעטשעטן גריכיש; צוויי קנעכט האָבן אים באַגלייט.

דער פּערסיאַנער האָט געזאָגט, אַז ער הייסט אַרטאַבאַן, דער־ציילט, אַז ער איז אַ סאַטראַפּ, וועלכן מ'האָט פאַרמסרט פאַרן מלך שבור, מ'האָט אים געפּייניקט, פאַרשענדט דאָס פּנים, איצט איז ער אַנטלאָפן צו די רוימער, כדי זיך נוקם צו זיין אין שבורן.

— אָ, הערשער איבער דער וועלט! — האָט אַרטאַבאַן אַרויסגע־רעדט אָנגעבלאָזן און חניפהדיק, — איך וועל איבערגעבן אין דיינע הענט דעם מלך שבור, מיט געבונדענע הענט און פיס, ווי אַ שעפּס צום מקריב זיין. איך וועל דיך באַנאַכט אַוועקפירן צו אים אין לאַגער אַריין און דו וועסט שטילינקערהייט פאַקן דעם מלך אין דיין האַנט אַריין, דו וועסט אים נעמען אין דער דלאָניע אַריין, ווי קליינע קינדער פאַקן פייגעלעך. האָרך נאָר אַרטאַבאַנען; אַרטאַבאַן קאָן אַלץ אויפטון; אַרטאַבאַן ווייסט אַלע סודות פון מלך שבור...

— װאָס פאַרלאַנגסטו פון מיר? — האָט אים יוליאַן אַ פרעג געטון.

— אַ גרויסע נקמה. קום מיט מיר!

— װוהין?

— אויף צפון, דורך דער מדבר; — דריי הונדערט פינף און צוואַנציק פרסאות. דערנאָך דורך די בערג, אויף מזרח, גלייך קיין שושן און עקבאַטאַנע.

דער פערסיאַנער האָט אַ ווייז געטון אויפן האָריזאָנט.

— אַהין, אַהין! — האָט ער איבערגעחזרט, נישט אָראָפּנעמענדיק קיין אויג פון יוליאַנען.

— קייסער, — האָט האָרמיזדע איינגערוימט דעם קייסער אין אויער אַריין, — זיי פאָרזיכטיק. דער בליק פונם דאָזיקן מענטש געפעלט מיר נישט. ער איז אַ מכשף, אָן אויסוואורף, אָדער, כ׳וויל איבערן מויל נישט ברענגען, אפשר נאָך עפּעס ערגערס. טיילמאָל געשעען אין די היגע מקומות באַנאַכט שרעקלעכע זאַכן... טרייב אים אָוועק פון דיר, הער אים נישט!...

דער קייסער האָט נישט געלייגט קיין אכט אויף האָרמיזדעס רייד, ער האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פונם פערסיאַנערס בעטנדיקע, שטאַרע אויגן.

— דו קענסט טאַקע באמת דעם וועג קיין עקבאַטאַנע?

— אָ, יאָ, יאָ, יאָ! — האָט דער פערסיאַנער אָנגעהויבן מורמלען, לאַכנדיק פון התפעלות. — איך קען אים, פאַרוואָס זאָל איך אים נישט קענען! יעדעס גרעזעלע אין סטעפּ, יעדן ברונעם. — אַרטאַבאַן ווייסט װוען װאָס די פייגל זינגען, ער הערט, ווי דאָס ווילד־גראָז וואַקסט, ווי די אונטערערדישע קוואַלן פליסן. די פאַרצייטישע זאַראַטוסטראַ־חכמה בעפינט זיך אין אַרטאַבאַנס האַרץ. ער וועט לויפן, לויפן פאָרויס פאַר דיינע חילות, שמעקן דעם שפּור, ווייזן דעם וועג. — גלייב מיר, אין צוואַנציק טעג אַרום איז גאַנץ פערסיע אין דיינע הענט — ביז סאַמע אינדיע, ביזן הייסן אָקעאַן!...

דעם קייסערס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט.

„זאָל דאָס זיין — האָט ער געטראַכט — דער נס, אויף וועלכן איך וואַרט? אין צוואַנציק טעג אַרום איז פערסיע אין מיינע הענט!...“

עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם פאַר פרייד.

— טרייב מיך נישט אָוועק פון דיר, — האָט דאָס פאַרזעעניש

געפּליסטערט, — ווי אַ הונט וועל איך בײַ דײַנע פיס ליגן. אַזוי ווי כ'האָב נאָר דײַן פּנים דערזעען, אַזוי האָב איך דיך באַלד ליב געקריגן, איך האָב דיך ליב געקריגן, הערשער פון דער וועלט, מער ווי די נשמה מײַנע, ווײַל דו ביסט הערלעך! איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט טרעטן מײַן לײַב מיט דײַנע פיס און איך וועל לעקן דעם שטויב פון די פיס דײַנע און זינגען: געלויבט, געלויבט, געלויבט איז דער זון פון זונען־גאָט, דער קייסער פון מזרח און מערב — יוליאַן!

ער האָט געקושט זײַנע פיס; ביידע קנעכט זענען אויך געפאַלן מיטן פּנים אויף דער ערד, איבערחזרנדיק:

— געלויבט, געלויבט, געלויבט!

— וואָס־זשע טוט מען מיט די שיפן? — האָט יוליאַן אין פאַר־טראַכטקייט אַרויסגערעדט ווי צו זיך אַליין. — צי פאַרלאָזט מען זיי אָן מיליטער אויף רויב פאַרן שונא, צי בלײַבט מען בײַ זיי?

— פאַרברען! — האָט אַרטאַבאַן אַרויסגעפּליסטערט.

יוליאַן האָט אַ ציטער געטון און אים מיט חשד אַ קוק געטון אין פּנים אַרײַן:

— פאַרברענען? וואָס זאָגסטו?...

אַרטאַבאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אײַנגעגעסן מיטן בליק אין קייסערס אויגן:

— דו האָסט מורא — דו? — ניין, ניין, מענטשן האָבן מורא, נישט קיין געטער! פאַרברען און דו וועסט זײַן פרײַ ווי דער ווינט: די שיפן וועלן נישט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון שונא, און דײַן חיל וועט פאַרגרעסערט ווערן מיט די זעלנער, וואָס געפינען זיך בײַם פלאָט. זיי גרויס און אומדערשראָקן ביזן סוף! פאַרברען, — און אין צען טעג אַרום ביסטו בײַ די מויערן פון עקבאַטאַנע, אין צוואַנציק — איז גאַנץ פּערסיע אין דײַנע הענט! דו וועסט זײַן גרעסער ווי פיליפּס זון, דער באַזיגער פון דריושן. פאַרברען נאָר די שיפן און קום נאָך מיר! — צי וואָגסטו דען נישט?

— און קוים זאָגסטו ליגנס? אויב איך לייען איבער אין דײַן האַרץ, אַז דו זאָגסט ליגט? — האָט דער קייסער אויסגעשריגן, מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט דעם פּערסיאַנער בײַם האַלז און מיט דער צווייטער פאַרמאָסטן זיך אויף אים מיט אַ קורצער שווערד.

האָרמיזדע האָט מיט פאַרלייכטערונג אָפּגעזיפצט.

עטלעכע רגעס האָבן זיי איינער דעם צווייטן געקוקט אין די

אויגן אַריין. אַרטאַבאַן האָט אויסגעהאַלטן דעם קייסערס בליק. יוליאַן האָט זיך נאָך אַמאָל געפּילט באַזיגט דורך דעם כּישוף פון דידאָזיקע אויגן, די קלוגע, חוצפּהדיקע און הכנעהדיקע.

— לאָמיך שטאַרבן, לאָמיך שטאַרבן פון דיין האַנט, אויב דו גלייבסט מיר נישט! — האָט דער פּערסיאַנער געמורמלט.

יוליאַן האָט צוריק אַריינגעשטעקט די שווערד אין דער שייד.

— שרעקלעך און זיס איז צו קוקן אין דיינע אויגן, — האָט אַרטאַבאַן ווייטער גערעדט. — אָ, דיין פּנים איז ווי דאָס פּנים פון אַ גאָט. קיינער ווייסט דאָס נאָך נישט. איך, איך אַליין ווייס נאָר, ווער דו ביסט... שפּויס נישט אָפּ דיין קנעכט, האַר פון דער וועלט!...

— מיר וועלן זען, — האָט יוליאַן פאַרטראַכטערהייט אַרויסגערעדט. — איך אַליין האָב דאָך שוין אויך געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין דער טיפעניש פון דער מדבר, צווינגען דעם מלך צו אַן אַנטשיידענער שלאַכט. אָבער די שיפן?...

— אָ, יאָ — די שיפן! — האָט אַרטאַבאַן אַ ציטער געטון. — מ׳דאַרף תּיכּף אַרויסטרעטן, שוין היינט באַנאַכט, נאָך פאַרטאָג, ווי לאַנג עס איז פינצטער, כּדי דער שונא זאָל פון קטעסיפאָן נישט באַמערקן... דו וועסט פאַרברענען?

יוליאַן האָט גאָרנישט געענטפערט.

— פירט אים אַרויס און לאָזט נישט קיין אויג אַראָפּ פון אים, — האָט דער קייסער באַפוילן, אָנווייזנדיק די זעלנער אויפן אַנטלאָפענעם פּערסיאַנער.

צוריקגייענדיק אין געצעלט אַריין, האָט זיך יוליאַן אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר און אויפגעהויבן די אויגן:

— שוין-זשע? . . . אַזוי פּשוט, אַזוי גיך? מיין ווילן איז ווי דער ווילן פון אַ גאָט: איך באַוויין נאָך נישט אַ טראַכט צו טון — און שוין געשעט עס...

די פרייד אין זיין האַרץ איז געוואַקסן און געשטיגן ווי אַ שטורעם. מיט אַ שמייכל האָט ער צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ, אַזוי שטאַרק האָט עס געקלאַפּט. אַ שוידער איז אים נאָך פון צייט-צו-צייט דורכגעלאָפן איבערן רוקן און דער קאָפּ האָט אים נאָך עפּוואָס וויי געטון, גלייך ווי ער וואָלט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויף דער צופּיל ברענענדיקער זון.

ער האָט אַריינגערופן צו זיך אין געצעלט דעם מיליטער-פירער

וויקטאָר, אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז אים בלינד איבערגעגעבן געווען, און דערלאַנגט אים די גאָלדענע רינג מיטן קייסערלעכן חותם.

— צו די אָנפירער פון פלאָט די קאָמעסן קאָנסטאַנטין און לוציליאַן, — האָט יוליאַן באַפוילן. — ביז פאַרטאָג זאָלן פאַרברענט ווערן אַלע שיפן, אויסער די פינף גרויסע מיט שפייז און צוועלף קליינע אויף פאָנטאָן-בריקן. די קליינע אָנלאָדן אויף די פורן. די איבעריקע פאַרברענען. ווער עס וועט זיך קעגנשטעלן, דער וועט אָנווערן מיטן קאָפּ. אַלץ זאָל בלייבן בסוד. — גיי!

ער האָט אים דערלאַנגט אַ פיצל פּאַפּירוס, אויף וועלכן ער האָט שנעל אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער — אַ לאַקאָנישן באַפעל צו די אָנפירער פונם פלאָט.

וויקטאָר האָט זיך, לויט זיין געוווינהייט, לחלוטין נישט פאַרוווּנדערט, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, שווייגנדיק, מיט אַ גלייכגילטיקער, געהאָרכזאַמער מינע, האָט ער אַ קוש געטון דעם ברעג פונם קייסערס מאַנטל און אַוועקגעגאַנגען אויספירן דעם באַפעל.

יוליאַן האָט צונויפגערופן דעם קריגס-ראַט, נישט קוקנדיק אויף דער שפּעטער שעה. די מיליטער-פירער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין געצעלט, מרה-שחורהדיקע, אין געהיים אויפגערעגטע, און מיט חשד. אין קורצע ווערטער האָט ער זיי אויפגעקלערט זיין פּלאַן — אַוועקצולאָזן זיך אויף צפון, אין דער טיף פון פּערסיע, אין דער ריכטונג פון עקבאַטאַנע און שושן, כדי צו פאַרכאַפּן דעם מלך אומגעריכט.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, אָנגעהויבן רעדן אַלע אינאיינעם, כמעט נישט באַהאַלטנדיק די מיינונג, אַז דערדאָזיקער פּלאַן זעט אין זייערע אויגן אויס ווי אַ משוגעת. אויף די שטרענגע פּנימער פון די אַלטע קלוגע מיליטער-פירער, פאַרהאַרטעוועטע אין שלאַכטן, האָט זיך אויסגעדריקט זייער גאַנצע אויסגעמאַטערטקייט, דער פאַרדראָס און אומצוטרוי. אַ סך האָבן אים אַקעגנגערעדט שאַרף:

— וווּהין זאָלן מיר גיין? צוואָס? — האָט סאַלוסטיוס סעקונדוס אָפּגעענטפערט. — רעכן דיך איבער, גנעדיקער קייסער, האַלב פּערסיע האָבן מיר איינגענומען; דער מלך שבור לייגט דיר פאָר אַזעלכע שלום-באַדינגונגען, ווי קיין שום אַזיאַטישער מלך האָט נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעלייגט קיינעם פון די רוימישע זיגער — נישט פּאָמפּעוס דעם גרויסן, נישט סעפּטימוס סעווערוסן, נישט טראַיאַנוסן. לאָמיר-זשע

שליסן אַ בּכבודיקן שלום, ווי לאַנג ס'איז נישט שפּעט, און זיך אומ־קערן אהיים...

— די זעלבער מורמלען, — האָט דאַגאַלאַיף באַמערקט, — ברענג ווי נישט אין פאַרצווייפלונג. זיי זענען מיד, אַ סך זענען פאַרוואונדעט, אַ סך קראַנק. אויב דו וועסט זיי ווייטער אַריינפירן אין דער אומבאַ־קאַנטער מדבר, קאָן מען פאַר גאַרנישט פאַראַנטוואָרטלעך זיין. — דער־באַרעם דיך! עס וואָלט שוין צייט געווען, אַז דו אַליין זאָלסט דיך שוין אויך אָפּרוען: דו ביסט מיד אפשר נאָך מער ווי מיר אַלע...

— לאָמיר צוריקגיין! — האָבן אַלע באַשלאָסן. — גיין ווייטער איז אַן אומזין!

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט, גרויזאַם געדודער הינטער דער וואַנט פון געצעלט, ענלעך צום גערויש פון ים. יוליאַן האָט זיך איינגעהאָרכט און תיכף פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אויפשטאַנד.

— איר האָט געהערט מיין ווילן, — האָט ער קאַלטבלוטיק אַרויס־גערעדט, אַ ווייז טוענדיק די מיליטער־פירער צום אַרויסגאַנג, — ער איז אומפאַרענדערט. אין צוויי שעה אַרום טרעטן מיר אַרויס. זעט, עס זאָל אַלץ זיין גרייט.

— לייטזעליקער אויגוסט, — האָט סאַלוסטיוס אַרויסגערעדט רויק און דרך־ארצדיק, נאָר מיט עטוואָס אַ פאַרציטערטער שטימע, — איך וועל נישט אַרויסגיין, ווילאַנג איך וועל דיר נישט זאָגן דאָס, וואָס איך מוז דיר זאָגן. דו האָסט גערעדט מיט אונז, גלייכע מיט דיר נישט לויט דער מאַכט, נאָר לויט דעם קריגערישן מוט, נישט ווי סאָקראַטעסעס און פלאַטאָס אַ תלמיד. מיר קאָנען מוחל זיין דידאַזיקע ווערטער דיינע, ווייל דו געפינסט זיך אין אַ צייטווייליקער אויפגערעגטקייט, וועלכע פאַרטונקלט דיין געשלעכן פאַרשטאַנד...

— נו וואָס־זשע, — האָט יוליאַן אויסגעשריגן, אַ שמייכל טוענ־דיק און בלאַס ווערנדיק פון איינגעהאַלטענעם כעס, — איז טאַקע נאָך ערגער פאַר אייך, פריינט מיינע: הייסט עס, אַז איר געפינט אייך אין די הענט פון אַ משוגענעם! איך האָב נאָר־וואָס געהייסן פאַרברענען די שיפן און מיין באַפעל ווערט אויסגעפירט. איך האָב פאַרויסגעזען אייער מיושבדיקייט און אייך אָפּגעשניטן דעם לעצטן וועג צוריק. יאָ, איצט געפינט זיך אייער לעבן בּאַ מיר אין די הענט, און איך וועל אייך צווינגען צו גלייבן אינגם נס!...

אַלע זענען פאַרשטייַנערט געוואָרן; בלויז סאַלוסטיוס אַליין האָט זיך געוואָרפן צו יוליאַנען און אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט:

— דאָס וועט נישט געשעען, קייסער, דו האָסט נישט געקאָנט!...
וואָל דאָס אמת זיין?...

די געשרייען פון די זעלנער הינטערן לייַוונטענעם ווענטל זענען וואָס אַמאָל העכער און העכער געוואָרן, דאָס גערודער פון אויפשטאַנד האָט זיך דערנענטערט, פּונקט ווי אַ שטורעם וואָלט געפלויגן איבער די שפּיצן פון אַ וואַלד.

— זאָלן זיי שרייען אַ ביסל, — האָט יוליאַן רויִק אַרויסגערעדט. — אָרימע, נאַרישע קינדער! וווהין ווילן זיי אַוועקגיין פון מיר? איר הערט? אָט דעריבער האָב איך טאַקע פאַרברענט די שיפן — די האָפנונג פאַר פּחדנים, די באַהעלטעניש פאַר פוילענצער. איצט איז שוין קיין צוריקוועג נישטאָ. עס איז געשעען. איצט קאָנען מיר מער אויף גאָרנישט האָפן, נאָר אויף אַ נס! איצט זענט איר שוין פאַרבונדן מיט מיר אויף לעבן און טויט. אין צוואַנציק טעג אַרום איז אַזיא אין מיינע הענט. איך האָב אייך אַרומגערינגלט מיט גרויל און אונטערגאַנג דערויף, כדי איר זאָלט אַלץ מנצח זיין און איר זאָלט ענלעך זיין צו מיר. פרייט אייך! איך וועל אייך דורכפירן ווי דער גאָט דיאָניזאָס דורך דער גאַנצער וועלט, — איר וועט מנצח זיין מענטשן און געטער, און אַליין וועט איר זיין צו געטער גלייך!...

ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצוזאָגן די לעצטע ווערטער, ווי איבערן גאַנצן מיליטער האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געשריי פון שרעקלעכן פּחד:

— ס׳ברענט! ס׳ברענט!

די מיליטער־פירער זענען אַרויסגעלאָפן פון געצעלט. נאָך זיי — יוליאַן. זיי האָבן דערזעען די שׂרפה. וויקטאָר האָט פּינקטלעך אויסגעפירט דעם הערשערס באַפעל. דער פלאָט איז אַרומגענומען געווען מיט פלאַמען. דער קייסער האָט געקוקט אויפן פייער מיט אַ שטילן מאָדנעם שמייכל.

— קייסער! זאָלן זיך די געטער דערבאַרעמען איבער אונז, — ער איז אַנטלאָפן!...

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זיך איינער פון די צענטוריאָנען געוואָרפן יוליאַנען צו די פיס, אַ בלאַסער און אַ ציטערנדיקער.

— אַנטלאָפן? ווער? וואָס רעדסטו?...

— אַרטאַבאַן, אַרטאַבאַן! ווי צו אונז!... ער האָט דיך אָפּגענאַרט, קייסער!...

— אוממעגלעך!... און די קנעכט זיינע?... — האָט דער קייסער אַרויסגעמורמלט קוים צו דערהערן.

— זיי האָבן זיך נאָר־וואָס מודה געווען אונטער פּייניקונגען, אַז אַרטאַבאַן איז קיין סאַטראַפּ נישט, נאָר אַ צינזן-איינמאַנער אין קטעסיפאָן, — האָט דער צענטוריאָן ווייטער גערעדט. — ער האָט אויסגעטראַכט דעמדאָזיקן אויפטו, כדי צו ראַטעווען די שטאָט און דיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די פּערסיאַנער, אַריינגנאַרנדיק דיך אין דער מדבר אַריין; ער האָט געוווסט, אַז די וועסט פאַרברענען די שיפן. און נאָך האָבן זיי געזאָגט, אַז שבור רוקט זיך אָן מיט אַן אומגעהייערער אַרמיי...

דער קייסער האָט זיך געוואָרפן צום ברעג פון טייך אַנטקעגן וויקטאָרן:

— פאַרלעשט, פאַרלעשט, פאַרלעשט! גיכער!...

זיין קול איז אָבער אָפּגעשטאָרבן געוואָרן און אַ קוק טוענדיק אויפן פלאַקערנדיקן פלאַם, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין שום מענטשלעכער כוח איז נישט ביכולת צו פאַרלעשן די שרפה צוליב דעם שרעקלעכן ווינט.

אין שרעק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און כאָטש ער האָט שוין נישט פאַרמאָגט אין זיך נישט קיין אמונה, נישט קיין תפילה, דאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ דאָרט עפּעס געזוכט.

אינדערהייך האָבן די בלאַסע שטערן אַראָפּגעפינקלט פון צווישן די פלאַמען.

דאָס מיליטער האָט אַלץ גרויזאַמער גערוישט און געשטורעמט.

— די פּערסיאַנער האָבן אונטערגעצונדן! — האָבן טייל געליאַרעמט, אויסציענדיק די הענט צו די ברענענדיקע שיפן, — צו זייער לעצטער האָפנונג.

— נישט די פּערסיאַנער, נאָר די מיליטער־פירער אַליין, כדי אונז צו פאַרנאַרן אין דער מדבר אַריין און דאָרט איבערלאָזן! — האָבן אַנדערע געשריגן, משוגע פון אימה.

— אַ טויט, אַ טויט די פריסטער! — האָבן נאָך אַנדערע גע-

ליארעמט. — די פריסטער האָבן אָפּגעסמט דעם קייסער און אים משוגע געמאכט!

— ערע דעם אויגוסט יוליאַן דעם זיגער! — האָבן געשריגן די געטרייע גאַלן און צעלטן. — שווייגט, פאַררעטער! ווילאַנג ער לעבט, דאַרפן מיר פאַר גאָרנישט קיין מורא האָבן!

קליינפּוטיקע האָבן געוויינט:

— אַהיים! אַהיים! מיר ווילן נישט גיין ווייטער, מיר ווילן נישט אין דער מדבר אַריין. מיר וועלן ווייטער קיין טריט נישט מאַכן, מיר וועלן אַנידערפאַלן אין מיטן וועג. דערהרגעט אונז גלייכער!

— מיר וועלן שוין אונזער היים נישט זעען, ווי מיר זעען נישט אונזערע אויערן! מיר זענען פאַרלוירן, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פערסיאַנער!

— איר זעט דען נישט? — האָבן די גלילעער טריומפירט. — שדים זענען אַריין אין אים! יוליאַן דער רשע האָט זיי די נשמה פאַרקויפט און זיי שלעפן אים אין אומגליק אַריין! ווּהין קאָן אונז ברענגען אַ משוגענער, וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון שדים?...

אין דער זעלבער צייט האָט דער קייסער, גאָרנישט זעענדיק, גאָרנישט הערנדיק, ווי אין היץ, געמורמלט צו זיך אַליין מיט אַ בלאַסן, בלאַנדזשענדיקן, צעשטרייטן שמייכל:

— אַלץ איינס, אַלץ איינס... דער נס וועט געשען! נישט איצט, איז שפּעטער. — איך גלייב אין דעם נס!...

XVII.

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט פונם צוריקמאַרש, אין דער זעכצעטער קאַלענדע פון חודש יולי.

דאָס מיליטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער, נישט קיין געבעט, נישט קיין מוסר-רייד, נישט דעם קייסערס דראָונגען האָבן נישט געהאָלפן. צעלטן, סקיטן, רוימער, קריסטן און געצנדינער, פחדנים און מוטיקע — אַלע האָבן אָפּגעענטפערט מיט איין געשריי: „צוריק, צוריק!"

די מיליטער-פירער האָבן אין געהיים אַנגעקוואָלן; די ערוסקישטע

אויגורן האָבן שפּנמלעך טריומפירט. נאָכן פאַרברענען די שיפן האָבן זיך אַלע צעבוגטעוועט. איצט האָבן נישט בלויז די קריסטן, נאָר אויך די אָנהענגער פון די אָלימפּישע געטער געהאַט די זיכערקייט, אַז אי־בערן קייסערס קאָפּ הענגט אַ קללה, אַז די אומעטעדעס פאַרפאָלגן אים. ווען ער פלעגט דורכגיין איבערן לאַגער, זענען די שמועסן איבערגע־האַקט געוואָרן — אַלע האָבן אים אויסגעמיטן מיט פחד.

די סיבילישע ספרים און דער אַפּאָקאַליפּסיס, די עטרוסקישע אוי־גורן און די קריסטלעכע פאַרויסזעער, די געטער און די מלאכים האָבן זיך פאַראייניקט, כדי אומצוברענגען דעם אַפּטריניקן.

דעמאָלט האָט דער קייסער מודיע געווען, אַז ער וועט זיי פירן אַהיים דורך דער פּראָווינץ קאָרדונעאַ, אין דער ריכטונג צום פרוכט־באַרן חיליקום. באַ אַזאַ מין צוריקמאַרש איז לכל הפחות פאַרבליבן די האָפענונג צו פאַראייניקן זיך מיט פּראָקאָפּיוסעס און סעבאַסטיאַנוסעס מילי־טער. יוליאַן האָט זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז ער טרעט נאָך נישט אַרויס פון די פּערסישע גרענעצן און דעריבער קאָן ער זיך נאָך באַגע־גענען מיטן מלך שבורס הויפּט־אַרמיי און אָפּהאַלטן אַזאַ נצחון, וואָס זאָל נאָך אַלץ פאַרריכטן.

די פּערסיער האָבן זיך נישט מער באַוויזן. ווילנדיק פאַרן אַנט־שיידנעם אָנגריף אויסמאַטערן דאָס רוימישע מיליטער, האָבן זיי אונ־טערגעצונדן די פרוכטבאַרע פעלדער מיטן געלן, צייטיקן גערשטן און ווייץ, אַלע שפּייכלערס און היי־סטערדעס אין די דערפער.

די זעלנער זענען געגאַנגען איבער אַ טויטער מדבר, וועלכע האָט זיך געריכערט פון דער שׂרפה, וואָס די פּערסישע חילות האָבן בכיוון געמאַכט. עס איז אויסגעבראָכן אַ הונגער.

כדי נאָך מער צו פאַרגרעסערן דאָס אומגליק, האָבן די פּערסיאַ־נער צעשטערט די שליוזעס פון די קאַנאַלן און פאַרטרונקען די אָפּגע־ברענטע פעלדער. דערצו האָבן זיי געהאָלפן די טייכלעך און שטראָמען, וועלכע זענען אַרויס פון די ברעגן צוליבן קורצן אָבער שטאַרקן זומערדיקן שמעלצן זיך פון די שנייען אויף די בערג־שפּיצן פון אַרמעניע.

דאָס וואַסער איז שנעל אויסגעטרוקנט געוואָרן דורך דער הייסער יוני־זון. אויף דער ערד, וואָס איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן פון דער שׂרפה, זענען איבערגעבליבן קאַלוזשעס מיט וואָרעמער, שוואַרצער, קלע־ביקער בלאָטע. אין אָוונט האָט זיך פון דעם נאַסן קוילן־שטאָף אויפגע־

הױבן אַ שטיקנדיקער דאַמף, אַ זיסלעכער ריח פֿון פֿױלנדיק אָנגעבּרענטס, װעלכער האָט דורכגעזאַפּט אַלץ — די לופֿט, דאָס װאַסער, אפֿילו די שפּײַז און די מלבּושים פֿון די זעלנער. פֿון די פּאַרפֿױלטע זומפּן האָבן זיך אױפֿגעהױבן מחנות אינזעקטן — מאָסקיטן, גיפֿטיקע שערשניעס, באָנקעס, פֿליגן. זײ האָבן געראַיעט איבּער די לאַסט־בהמות, זיך צוגעקלעבּט צו די שטױביקע, פֿאַרשװיצטע לײַבּער פֿון די לעגיאָנערן. בײַטאָג און בײַנאַכט האָט זיך געטראָגן אַן אײַנשלעפֿעריק זומען. די פֿערד זענען װילד געװאָרן, די אָקסן האָבן זיך אַרױסגעריסן פֿונעם יאָך און אומגעקערט די פֿורן. נאָך די שװערע מאַרשן האָבן זיך די זעלנער נישט געקאָנט אָפּרוען; ראַטעװען זיך פֿון די אינזעקטן איז אפֿילו אין די געצעלטן אוממעגלעך געװען; זײ זענען אַרײַנגעקראָכן דורך די שפּאַרעס; מ׳האָט זיך געמוזט אַרומהילן מיט די שװערע קאָלדרעס אײַבּערן קאָפּ אַריבּער, כּדי צו קאָנען אײַנשלאָפֿן. פֿונעם בּיס פֿון די קלײַנינקע, דורכזיכטיקע, בּרודיקע מיסט־פֿאַרבּיקע פֿליגן זענען אַרױסגעקומען בּײַלן און בּלאָטערן, װעלכע האָבן אינאָנהײב געבּיסן, דערנאָך װײ געטון און צום סוף זיך פֿאַרװאַנדלט אין שרעקלעכע אײַטערנדיקע קרעץ.

די לעצטע טעג האָט זיך די זון נישט בּאַװיזן. דער הימל איז בּאַדעקט געװען מיט אַ גלאַטער װײַסער הילע פֿון אָנגעגליטע, דעמפּיקע װאָלקנס; אָבּער פֿאָרן אױג איז זײער אומבּאַװעגלעכע שײַן פֿײַגלעכער געװען װי די זון; דער הימל האָט אױסגעזען נידעריק, געדיכט, שטיקנדיק, פּונקט װי אַ נידעריקער סופֿיט אין אַן אָנגעהײצט בּאָד.

אַזױ זענען זײ געגאַנגען אױסגעמאָגערטע, שװאַכע, מיט כּױלע טריט, מיט אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ, צװישן דעם אומבּאַרחמנותדיק־דריקנדיקן, קאַלך־װײַסן הימל און דער אָפּגעבּרענטער שװאַרצער ערד.

עס האָט זיך זײ געדאַכט, אַז דער אַנטיקריסט אַלײן, דער מענטש, װאָס איז פֿאַרשטױסן געװאָרן פֿון גאָט, האָט זײ בּכּיװן פֿאַרפֿירט אין דערדאָזיקער פֿאַרשאָלטענער געגנט, כּדי זײ אומצוברענגען. אַנדערע האָבּן בּעזידלט. געפֿלוכט די אָנפֿירער מיט אומפֿאַרשטענדלעכע װערטער, װי זײ האָלטן גערעדט פֿון היץ. טײל האָבן שטיל געדאַװנט און געװײנט, װי קראַנקע קינדער, בּעטנדיק בּאַ די חבֿרים אַ פּיצל בּרױט, אַ שלוק װײַן. טײל זענען געפֿאַלן אינמיטן װעג פֿון שװאַכקײט.

דער קײסער האָט געהײסן צעטײלן צװישן די הונגעריקע דאָס

לעצטע ביסל שפייז, וואָס מ׳האָט געהאַט באַהאַלטן פאַר זייגעטווענן און פאַר זיינע מקורבים.

ער אַליין האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שיטעדער מעל-זופּ מיט אַ קליינטשיק שטיקעלע פעטס — אַזאַ מאכל, פון וועלכן אַ זעלנער נישט קיין מפונק וואָלט זיך אָוועקגעדרייט.

אַ דאַנק דער געוואַלטיקער איינגעהאַלטנקייט אין עסן, האָט ער זיך די גאַנצע צייט געשפּירט אין אַן איפגערייצטער שטימונג און צו-זאַמען דערמיט געפילט אַ לייכטקייט אין גאַנצן קערפּער, ווי ער וואָלט געווען באַפליגלט: דאָסדאָזיקע האָט אויפגעהאַלטן און פאַרצענפאַכט די כוחות זיינע. ער האָט זיך באמת נישט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס׳וועט זיין, צוריקקומען קיין אַנטיוכיע אָדער טאַרסיס אַ באַזיגטער, אויף שאַנד און שפּאָט פון די גלילעער — בלויז דערדאָזיקער געדאַנק אַליין האָט אים אויסגעוויזן אומדערטרעגלעך.

אין יענער נאַכט האָבן די זעלנער גערוט. דער צפון-ווינט האָט פאַריאָגט די אינזעקטן. דער אייל, דאָס מעל און דער וויין, וואָס מ׳האָט אַרויסגעגעבן פון דעם קייסערס לעצטע זאַפּאַסן, האָבן עטוואָס געשטילט דעם הונגער. עס האָט צוריק אויפגעלעבט די האָפענונג צוריקצוקומען אַהיים. דער לאַגער איז איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף.

יוליאַן איז אָוועק אין זיין געצעלט.

די לעצטע צייט איז ער גאָר ווייניק געשלאָפן, איינשלאָפנדיק ערשט פאַרטאָג מיט אַ לייכטן דרימל; אויב ער פלעגט אַמאָל ווירק-לעך אַנטשלאָפן ווערן, פלעגט ער זיך אויפכאַפּן מיט פחד אין דער נשמה, מיט אַ קאַלטן שווייס אויפן גאַנצן לייב: ער האָט געמוזט פאַרמאָגן אין זיך דעם כוח פון באַוווסטזיין, כדי צו דערדריקן דעמדאָ-זיקן פחד.

אַריינקומענדיק אין געצעלט, האָט ער מיט אַן אייזערן צווענגל אַראָפּגענומען די שנויץ פונם קופּערנעם אייל-לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אינמיטן דעם געצעלט. אַרום זענען צעוואָרפן געווען פאַרמעטענע מגילות פון דער ביבליאָטעק זיינער — צווישן זיי אַן עוואַנגעליום. ער האָט זיך מכין געווען צום שרייבן: דאָס איז געווען זיין באַליבטע נאַכט-אַרבעט. דאָס פילאָזאָפישע ווערק „קעגן די גלילעער“, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן מיט דריטהאַלבן חדשים צוריק, ווען ער איז אַרויס-געטרעטן אויף דער מלחמה.

ער האָט איבערגעלייענט דעם כתב-יד, זיצנדיק אויסגעדרייט מיטן

רוקן צו דעם איינגאַנג פון געצעלט. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שאָרך. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ געשריי געטון און אויפגעשפּרונגען פון אָרט: עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט דערזעען אַ גע־שפּענסט. בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אין אַ טונקעלער, אָרימער טוניק פון קעמל־האָר, מיט אַ פאַרשטויבטער שעפּסן־פעל, אַרי־בערגעוואָרפן איבער אַן אַקסל — אַ געשאַנק פון די עגיפּטישע נזירים, מיט באָרוועסע צאַרטע פיס אין פּאַלמע־סאַנדאַלן.

דער קייסער האָט געקוקט און געוואַרט, נישט זייענדיק בכוח אַרויסצוברענגען אַן איינציק וואָרט. עס האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי אין דער שפּעטסטער שעה נאָך האַלבער נאַכט.

— דו געדענקסט, — האָט אַ באַקאַנט קול אַרויסגערעדט, — דו געדענקסט, יוליאַן, ווי דו ביסט געקומען צו מיר אין קלויסטער אַריין? דעמאָלט האָב איך דיך אָפּגעשטויסן, איך האָב דיך אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן. דערפאַר ווייל מיר ביידע זענען אויף אייביק פאַר־קניפּט איינער מיטן אַנדערן...

דער יונגערמאַן האָט אָוועקגעשאַרצט דעם טונקעלן מאָנאַכישן קאַפּישאָן פון קאָפּ. יוליאַן האָט דערזעען גאָלדענע לאָקן און דערקענט אַרזינאָען.

— פונוואַנען קומסטו? ווי אַזוי ביסטו אַהערגעקומען? פאַרוואָס ביסטו אַזוי אָנגעטון?...

ער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער איז דאָס נישט מער ווי אַ געשפּענסט און אַז זי וועט אַזוי אומגעריכט פאַרשווינדן, ווי זי האָט זיך באַוויזן.

אַרזינאָע האָט אים אין עטלעכע ווערטער איבערגעגעבן, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען פון זינט זיי האָבן זיך צעשיידט. — פאַרלאָזט איר אַפּוטרופּות האָרטענזיוסן און צעטיילט כמעט דאָס גאַנצע פאַרמעגן צווישן אָרימעלייט, האָט זי אַ לאַנגע צייט געלעבט צווישן גליליישע פּרושים אויף דרום־זייט פון דער אָזיערע מאַרעאָטידעס, צווישן די ווילדע ליבישע בערג, אין די שרעקלעכע מדבריות ניטריע און סקעטיע. זי האָט באַגלייט דער בחור יוווענטינוס, דעם בלינדן זקן דידימעסעס תּלמיד. זיי האָבן אינײַנעם באַזוכט די גרויסע געטלעכע לייט.

— נו וואָס־זשע, — האָט יוליאַן אַ פרעג געטון מיט אַ פאַרבאָר־

גענעם פחד, — וואָס־זשע, מיידל ? צי האָסטו געפונען בא די דאָס, וואָס דו האָסט געזוכט ?...

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטון מיט טרויער :

— ניין. בלויז פונקען, בלויז רמזים און צייכנס...

— זאָג, זאָג אַלץ ! — האָט זי דער קייסער צוגעשטיילט און אין זיינע אויגן האָט אויפגעפלאַקערט אַ האָפענונג.

— צי וועל איך דען קענען זאָגן אַלץ ? — האָט זי פאַמעלעך אָנגעהויבן. — זעסטו, מיין פרינץ, איך האָב געזוכט בא זיי פרייהייט, זי איז אָבער דאָרט נישטאָ...

— יאָ, יאָ ! נישט אמת ? — איז יוליאַן זיך פאַרגאַנגען פון פרייד. — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַרזינאָע, געדענקסט ?...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן איינליינ־שטול, באַדעקט מיט אַ לעמפערט־פעל און הייטער געפּעלדט רויק, מיט דעם זעלבן טרויעריקן שמייכל. עד האָט געשלונגען יעדעס וואָרט אירס מיט פרייד און גירקייט.

. . . .

. . . .

— זאָג מיר, ווי אַזוי ביסטו אַוועק פון דידאַזיקע אומגליקלע־כע ? — האָט יוליאַן זי געפרעגט.

— איך האָב אויך געהאַט אַ נסיון, — האָט זי געענטפערט. — איינמאָל אין דער מדבר האָב איך צווישן די שטיינער געפונען אַ שטיקל ווייסן, בלענקענדיקן מאַרמאָר ; איך האָב עס אויפגעהויבן און זיך לאַנג איינגעקוקט דערין, ווי עס פינקלט אויף דער זון, און פלוצלינג האָב איך מיך דערמאָנט אָטען, מיין יוגנט, די קונסט, דיך, ווי איך האָב אויפגעוואַכט פון שלאָף — און דעמאָלט האָב איך תיכף באַשלאָסן צו־ריקצוגיין אין דער וועלט אַריין, כדי צו לעבן און שטאַרבן, אַזוי ווי גאָט האָט מיך באַשאַפן — אַ קינסטלערין. — אין דער זעלבער צייט האָט זיך דעם זקן דידימעס געחלומט אַ נביאהשדיקער חלום, אַז איך זאָל דיך האָבן איבערגעבעטן מיטן ג ל י ל ע ע ר...

— מיטן ג ל י ל ע ע ר ? — האָט יוליאַן שטיל איבערגעחזרט — און זיין פנים איז תיכף מרה־שחורהדיק געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן און דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון די ליפּן.

— איך האָב דיך געוואָלט זען, — האָט אַרזינאָע ווייטער גע־

רעדט, — איך האָב געוואָלט געווויר ווערן פון דיר, צי דו האָסט אין דיין וועג דערגרייכט דעם אמת און צו וואָס דו ביסט דערגאַנגען. איך האָב מיך אָנגעשטן אין מענערישע נזירים-קליידער; איך מיטן ברודער יוּווענטינוס האָבן מיר זיך אָוועקגעלאָזט מיטן נילוס קיין אַלעקסאַנדריע, פון דאָרט זענען מיר מיט אַ שיף אָנגעקומען קיין אַנטיוכישער סעלעוקיע, מיט אַ גרויסן סירישן קאַראַוואַן, דורך אַפּאַמעאַ, עפּיפאַניע, עדעססע — ביז צו דער גרענעץ; מיט גרויס מי און געפאַר זענען מיר דורכגעגאַנגען די מעסאָפּאָטאַמישע מדבריות, וועלכע די פּערסיאַנער האָבן פּאַרלאָזט; נישט ווייט פונעם דאָרף אַבוזאַטאַ, נאָך דעם נצחון אונטער קטעסיפאָן, האָבן מיר דערזעען דיין לאַגער. און אָט בין איך דאָ. — נו, און וואָס הערט זיך בא דיר, יוליאַן?

ער האָט אָפּגעזיפצט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט.

דערנאָך האָט ער מיט אַ שנעלן, רחמנותדיקן בליק פול מיט חשד אַ קוק געטון אויף איר פון הינטערן שטערן אַפער און אַ פרעג געטון:

— איצט האָסטו אים אויך פיינט, אַרזינאָע?...

— ניין. פאַרוואָס? — האָט זי שטיל און איינפאַך געענטפערט. — די חכמים פון העללאַדע זענען דען נישט געקומען צו דעם זעלבן, וואָס ער האָט געלערנט? יענע, וועלכע פיינטן זייערע לייבער און נשמות אין דער מדבר, יענע זענען ווייט פון מרימס לייטזעליקן זון. ער האָט ליב געהאַט קינדער, און פרייהייט, און פריילעכע מאָלצייטן, און ווייסע ליליעס. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, יוליאַן. מיר זענען בלויז אַוועק פון אים, מיר האָבן זיך פאַרפלאָנטערט און אונזערע נשמות זענען טאַרטרה-שחורהט געוואָרן. זיי אַלע רופן דיך אַפּטריניקער. זיי זענען אָבער אַליין אַפּטריניקעס...

דער קייסער איז געשטאַנען פאַר איר אויף די קניען. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פול מיט געבעט; טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיי און פּאַמעלעך גערונען איבער די באַקן:

— מ'דאַרף נישט, מ'דאַרף נישט, — האָט ער געמורמלט, — רעד נישט!... צוהאָס?... לאָז מיר איבער דאָס, וואָס איז געווען... זיי-זשע נישט ווידער מיין שונא!...

— ניין! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַן אומגעצוימטער קראַפט. — איך מוז דיר אַלץ זאָגן. הער. איך ווייס — דו האָסט אים

ליב. שווייג, אזוי איז עס. אין דעם שטעקט די קללה דיינע. אנטקעגן וועמען ביסטו אויפגעשטאַנען? וואָס פאַר אַ שונא ביסטו א י ם ? בשעת דיינע ליפן פארשעלטן דעם געקרייציקטן, לעכצט דיין הארץ צו א י ם. בשעת דו קעמפסט קעגן דעם נאָמען ז י י נ ע ם, — ביסטו נענטער צו ז י י ן גייסט ווי יענע, וועלכע האַלטן אין איין חזרן מיט די טויטע ליפן: רבונו של עולם, רבונו של עולם! אָט ווער עס זענען די שונאים דיינע, נישט ע ר. צוואָס-זשע פייניקסטו דיך נאָך מער, ווי די גלילעישע מאַנאַכן?...

יוליאַן איז אויפגעשפרונגען אַ בלאַסער; זיין פנים איז אויסגע-קרימט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פון כעס; ער האָט אַרויסגעפּליסטערט, שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער:

— אַוועק, אַוועק פון מיר! איך קען אייערע אַלע גלילעישע שפּיצלעך!...

אַרזינאָע האָט אויף אים געקוקט מיט שרעק, ווי אויף אַ משוגענעם.

— יוליאַן, יוליאַן! וואָס איז מיט דיר? שוין-זשע איבער דעם בלויזן נאָמען אַליין?...

ער איז שוין געהאַט געקומען צו זיך; די אויגן זענען אים פאַרלאָשן געוואָרן, דאָס פנים איז געוואָרן גלייכגילטיק, כמעט פאַר-אַכטנדיק.

— גיי אַוועק פון מיר, אַרזינאָע. פאַרגעס אַלץ, וואָס איך האָב אַמאָל גערעדט. דו זעסט דאָך — פרעמדע זענען מיר. דער שאָטן פון געקרייציקטן לויערט צווישן אונז. דו האָסט דיך נישט אָפּגעזאָגט פון א י ם. ווער עס איז א י ם קיין שונא נישט, דער קאָן מיין פריינט נישט זיין.

זי איז געפאַלן פאַר אים אויף די קניען:

— צוואָס? צוואָס? וואָס טוסטו? האָב רחמנות אויף דיר, ווילאַנג עס איז נאָך נישט שפּעט! קער דיך צוריק, — אז נישט, װעסטו...

זי האָט נישט דערענדיקט. ער אָבער האָט פאַרענדיקט אירע ווער-טער מיט אַ גדלותדיקן שמייכל:

— אַז נישט וועל איך אומקומען? זאָל זיין. איך וועל גיין מיט מיין וועג ביזן סוף. — וווהין דער וועג זאָל מיך נישט ברענגען. אויב אָבער, ווי דו זאָגסט, איך בין נישט גערעכט געווען בנוגע צו דער

גלילעישער תורה, — דערמאָן-זשע דיך, וואָס איך האָב איבערגעליטן פון זיי, — ווי אומגליקלעך און ווי נישטיק מיינע שונאים זענען געווען. איינמאָל האָבן אין מיין אָנוועזנהייט די רוימישע זעלנער באַגעגנט אין די זומפּן פון מעסאָפּאָטאַמיע אַ לייב, וועלכן עס האָבן פאַרפאָלגט מחנות גיפטיקע פליגן; זיי זענען אים אַריינגעקראָכן אין מויל, אין די אויערן, אין די נאָזלעכער, נישט געלאָזט אָטעמען, באַקלעפּט די אויגן, און לאַנגזאַם באַזיגט דעם לייבן-כּוח מיט זייערע גיפטיקע ביסן. — אַזוי זעט אויס מיין מפּלה; אַזוי זעט אויס דער זיג פון די גלילעער איבערן רוימישן קייסער!

דאָס מיידל האָט נאָך אַליין אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, און אַ וואָרט צו רעדן, און וואָס ווי צו אַ געשטאָרבענעם פריינט. צווישן זיי איז אָבער געווען אַ תּהום, וועלכן לעבעדיקע קאָנען נישט אַריבער-שפּרייזן.

. . . .

. . . .

אין די לעצטע טעג פון חודש יולי האָט דאָס רוימישע מיליטער, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אין דער פאַרשרפעטער מדבר, דערזען אין דעם טיפן טאָל פון טייכל דוראַס אַ ביסל גראָז, וואָס איז איבערגעבליבן פון דער שרפה. די לעגיאָנערן האָבן זיך אומגעהייער דערפרייט דער-מיט, זיך געלייגט אויף דער ערד, איינגעאָטעמט די שמעקנדיקע פייכט-קייט און צו די פאַרשטויבטע פנימער, צו די געשוואָלענע אויגן-לעדלעך צוגעדריקט די פייכטע שטענגעלעך פון גראָז.

דערלעבן איז איבערגעבליבן אַ פעלד מיט צייטיקן ווייץ. די זעל-נער האָבן אָפּגעשניטן די תּבואה. דריי טעג האָבן זיי זיך אויסגערוט אין דעמדאָזיקן מחיהדיקן טאָל. אויפן פערטן טאָג האָבן די רוימישע וואַכן פון די אַרומיקע בערגלעך באַמערקט אַ וואָלקן רויך אָדער שטויב. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען ווילדע אייזלען, וועלכע נעמען זיך געוויינלעך צונויף אין ריזיקע סטאַדעס, כּדי מיט בשותּפותדיקע כּוחות אָפּצושלאָגן די אָנפאַלן פון די לייבן; טייל האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען סאַראַצינער, וועלכע האָבן געהערט וועגן דער באַלאַגערונג פון קטעסיפאָן; אַנדערע ווידער האָבן אויסגעדריקט זייער מורא, אַז דאָס מוז זיין די הויפּט-אַרמיי פון מלך שבור אַליין.

דער קייסער האָט געהייסן בלאָזן אין די טרומייטערס.

די קאָהאָרטעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ פאַרטיידיקונגס-

פּאָזיציע, ענלעך צו אַ ריזיקן פֿינקטלעכן קרייז. אונטער דער שוץ פֿון די צונויפֿגעדריקטע שילדן, וועלכע האָבן געבילדעט אַ מין קופּערנע מויער, און זיך צוגעגרייט צו באַגעגענען דעם שונא באַם ברעג פֿון טייכל.

דער רויך אָדער דער שטויב־וואָלקן איז געבליבן באַם ראַנד פֿון הימל ביזן אָוונט, און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט משער זיין, וואָס עס געפֿינט זיך הינטער אים.

די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע, אַ שטילע; קיין איין שטערן האָט נישט געפֿינקלט אויפֿן הימל.

די רוימער זענען נישט געשלאָפֿן; זיי זענען געשטאַנען אַרום די פֿלאַקערנדיקע פֿייערן און מיט שטומער שרעק געוואַרט אויפֿן מאָרגן.

XVIII.

ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען האָבן זיי דערזען דאָס פּערסישע מיליטער. דער שונא האָט זיך דערנענטערט לאַנגזאַם. לויט דער מבינות פֿון געניטע זעלנער איז דאָ געווען נישט ווייניקער ווי צוויי מאָל היגדערס טויזנט מאַן; פֿון הינטער די בערגלעך אָפּער זענען אָנגעקומען אַלע מאָל נייע אָפּטיילונגען.

דאָס בלישטשען פֿון די פּאַנצערן האָט אַזוי געבלענדט, אַז אַפֿילו דורכן געדיכטן שטויב איז קוים מעגלעך געווען צו קוקן מיט אָפֿענע אויגן.

די רוימער זענען שווייגנדיק אַרויס פֿון טאָל און זיך אויסגעשטעלט אין מיליטערישן סדר. די פּנימער זענען געווען שרעקנג, אָבער נישט אומעטיק. די געפֿאַר האָט דערשטיקט די שנאה. אַלעמענס אויגן האָבן זיך ווידער געווענדט צום קייסער. די גלילער און געצנדינער האָבן גלייך געפּרוווט טרעפֿן לויטן אויסדרוק פֿון זיין פּנים, צי ס'איז פֿאַראַן אַ האָפֿנונג. דעם קייסערס פּנים האָט געשיינט פֿון פֿרייד. ער האָט געוואַרט אויפֿן צונויפֿשטויס מיט די פּערסיאַנער, ווי אויף אַ נס, וויסנדיק, אַז אַ נצחון וועט צוריק אַלץ פֿאַרריכטן און וועט אים געבן אַזאַ רום, אַזאַ קראַפֿט, אַז די גלילער וועלן זיך מוזן אָנערקענען פֿאַר באַזיגטע.

דער דושנער, שטויביקער פרימאָרגן פון 22-סטן יולי האָט פאַר־אויסגעזאָגט, אַז דער טאָג וועט זיין אַ הייסער. דער קייסער האָט נישט געוואָלט אָנטון קיין קופּפערנעם פּאַנצער. ער איז געבליבן אין אַ לייכ־טער זיידענער טוניק. דער מיליטער-פירער וויקטאָר איז צו אים צוגע־גאַנגען, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פּאַנצער:

— קייסער, איך האָב געהאַט אַ שלעכטן חלום. פּרוּוו נישט אויס דאָס מזל, טו אָן דעם פּאַנצער...

יוליאַן האָט אים שווייגנדיק אָפּגערוקט פון זיך מיט דער האַנט.

דער אַלטער האָט זיך געשטעלט אויף די קניען, אויפהייבנדיק דעם לייכטן פּאַנצער.

— טו אָן! האָב רחמנות אויף דיין אַלטן קנעכט! די שלאַכט וועט זיין אַ געפערלעכע.

יוליאַן האָט גענומען אַ קיילעכדיקע שילד, אַריבערגעוואָרפן אי־בערן אַקסל די פּורפּורנע פאַלבן פון דער כלאַמידע און אַרויפגעשפרונ־גען אויפן פערד:

— לאָמיך אָפּ, אַלטער! מ׳דאַרף נישט.

און ער איז אַוועקגעריטן, און זיין בעאַטישער העלם מיטן הויכן געגילדטן קאַם האָט געבלאַנקט קעגן דער זון.

וויקטאָר האָט מיט פּחד אים נאָכגעקוקט און געשאָקלט מיט זיין אַלטן קאָפּ.

די פּערסיאַנער האָבן זיך דערנענטערט. מ׳האָט זיך געמוזט צואיילן.

יוליאַן האָט אויסגעשטעלט דאָס מיליטער אין אַ באַזונדערער אָרדנונג, אין דער פאָרם פון אַן אויסגעבויגענעם לבנה-סערפּ. דער רי־זיקער האַלבער קרייז האָט זיך מיט זיינע ביידע שאַרפע עקן געדאַרפט אַריינשניידן אין פּערסישן חייל פון ביידע זייטן. מיטן רעכטן פליגל האָט אָנגעפירט דאַגאַלאַיף, מיטן לינקן האַרמיזדע, מיטן צענטר יוליאַן און וויקטאָר.

די טרומייטן האָבן אָנגעהויבן שאַלן.

די ערד האָט זיך אויפגעטרייסלט און האָט אָנגעהויבן אָפּהילכן אונטער די וויכע שווערע טריט פון די לויפנדיקע פּערסישע העלפאַנטן; שטרויס-פעדערן האָבן געפלאַטערט אויף זייערע ברייטע שטערנס; מיט לעדערנע רימענס זענען צו זייערע רוקנס צוגעבונדן געווען לעדערנע

טורעמס ; פֿון יעדן טורעם אױף װעלכן האָבן פֿיר שיסערס געשלײדערט פֿאַלאַריקעס — פֿײַלן מיט ברענענדיקער סמאָלע און פֿלאַקס.

די רוימישע רײַטערס האָבן נישט אױסגעהאַלטן דעם ערשטן אָנגריף. מיט פֿאַרטױבנדיקע געשרײען, מיט אױפֿגעהױבענע ריזיקע נעז, מיט צעעפֿנטע פֿלײשיקע, פֿײַכטלעך-ראָזע מאַרדעס זענען די העלפֿאַנטן אָנגעקומען נאָענט, אַזױ אַז די זעלנער האָבן געשפּירט אױף די פּנימער דעם אָטעם פֿון די ריזיקע חיות, װאָס זענען צעװילדעװעט געװאָרן פֿונם געטראַנק פֿון רײַנעם װײַן, צונױפֿגעמישט מיט פֿעפֿער און געװירצן — אַ באַזונדער מיטל, מיט װעלכן די באַרבאַרן פֿלעגן זײ אָנשיכּורן פֿאַר יעדער שלאַכט ; די שטױס-צײן, אָפּגעפֿאַרבט מיט ציגאָבער, פֿאַרשפּיצט מיט שטאָלערנע סקיפּקעס, האָבן אױפֿגעשאַרפֿט די בײַכער פֿון די פֿערד ; די מעכטיקע העלפֿאַנט-נעז האָבן אַרומגעכאַפּט די רײַטערס, אױפֿגעהױבן זײ אין דער לופֿטן און אַ זעץ געטון אָן דער ערד.

אין דער מיטנטאָגעדיקער היץ האָט זיך פֿון דידאָזיקע ריזיקע, גרױע, װאַקלענדיקע לײַבער מיט די נאָכהענגענדיקע פֿאַלבן, געשפּירט אַ שאַרפֿער, עסנדיקער ריח פֿון שװײס. די פֿערד האָבן געציטערט, געװאָרפֿן זיך און געכראָפּעט, דערפֿילנדיק דעמדאָזיקן העלפֿאַנט-גערוך.

אײן קאָהאָרטע איז שױן אַנטלאָפֿן. דאָס זענען געװען קריסטן. יוליאַן האָט זיך געװאָרפֿן אָפּהאַלטן די אַנטלױפֿנדיקע, און אַ פּאַטש טוענדיק אין פּנים אַרײַן דעם הױפּט-דעקוריאָן, האָט ער אַ געשרײ געטון אין װילדער רציחה :

— פּחדנים ! דאַװנען קענט איר נאָר !...

די טראַצישע לײַכט-באַװאָפֿנטע שיסער און די פּאַפֿלאַגאָנישע פּראַצע-שלײדערער זענען אַרױסגעטרעטן קעגן די העלפֿאַנטן. הינטער זײ זענען געגאַנגען די געניטע אילורישע שפּיזן-װאַרפֿערס, מיט זײערע שפּיזן, אָנגעפֿילט מיט בלײַ, די „מאַרציאָבאַרבולעס“.

יוליאַן האָט אַרױסגעגעבן אַ באַפֿעל צו װענדן אין די פֿיס פֿון די העלפֿאַנטן די פֿײַלן, שטײנער פֿון די פּראַצעס און די בלײַערנע שפּיזן. אײן פֿײַל האָט געטראָפֿן אַ ריזיקן הינדאָסטאַנישן העלפֿאַנט אין אַן אױג אַרײַן. ער האָט אָנגעהױבן װאָיען און זיך אױפֿגעשטעלט אױף די הינטערשטע פֿיס ; די רימענס האָבן געפּלאַצט ; דאָס זאָטל מיט דעם לעדערנעם טורעם האָט זיך אַראָפּגערוקט, איבערגעקערט, און די פֿער-

טישע שיסער זענען אַרויסגעפאַלן ווי פייגעלעך פון אַ נעסט אַרויס. אין דער גאַנצער אָפּטיילונג העלפאַנטן איז געוואָרן אַ צערודערונג. די פאַרוואונדעטע אין די פיס זענען אומגעפאַלן, און באַלד האָט זיך אַרום זיי געשאַפן אַ גאַנצער באַוועגלעכער באַרג פון ריזיקע העלפאַנט-לייבער מיט איבערגעדרייטע פיס אַרויף, צעבלוטיקטע נעז, צעבראָכענע שטויס-ציין, איבערגעקערטע טורעמס, צעקוועטשטע פערד, פאַרוואונדעטע, דער-הרגעטע, פערסיאַנער, רוימער — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט.

ענדלעך האָבן זיך די העלפאַנטן געלאָזט לויפן צוריק, זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די פערסיאַנער און זיי אָנגעהויבן טרעטן.

דידאָזיקע געפאַר איז פאָרויסגעזעען געווען דורך דער פערסי-שער מלחמה-קונסט: דער ביישפּיל פון דער שלאַכט בײַ ניזיבע האָט געוויזן, אַז אַ גאַנצע אַרמײ קען אויסגעהרגעט ווערן דורך אירע אייגענע העלפאַנטן.

דעמאָלט האָבן די אָנטרייבער פון די העלפאַנטן אָנגעהויבן אַריינשטעכן לאַנגע אויסגעקרימטע מעסערס די חיות אין חוט-השדרה אַריין, צווישן די צוויי ביינדלעך, וועלכע זענען נאָענט פון מוח; עס איז געווען גענוג איין קלאַפּ אַזעלכער, אַז די גרעסטע און שטאַרקסטע חיה זאָל תיכף פאַלן טויט אויפן אָרט.

די קאָהאָרטעס מאַרציאָבאַרבולן האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן די אַנטלויפנדיקע שונאים, אַריבערקריכנדיק איבער די ליגנדיקע העלפאַנטן.

אין דער זעלבער צייט איז שוין דער קייסער געפלויגן צוהילף דעם לינקן פליגל. דאָ האָבן אָנגעגרייפט די פערסישע קליבאַנאַרן — די באַרימטע רייטער-אָפּטיילונגען, וועלכע זענען געווען צונויפגעשמידט, באַהעפט צווישן זיך מיט אַ ריזיקער קייט; זיי זענען געווען באַדעקט פון קאָפּ ביז די פיס מיט עלאַסטישע שטאָלערנע שופּן און עס איז זיי אוממעגלעך געווען צו טון עפּעס, כמעט אומשטערבלעך זענען זיי געווען אין שלאַכט, גלייך ווי סטאַטועס אויסגעגאָסן פון מעטאַל; פאַרוואונדן האָט מען זיי געקאָנט בלויז דורך די שמאָלע שפּאַלטן אין די פנים-פאַנצערס, וואָס זענען איבערגעלאָזט געווען פאַרן מויל און פאַר די אויגן.

קעגן דידאָזיקע קליבאַנאַרן האָט ער אַרויסגעשטעלט די קאָהאָר-טעס אַלטע געטרייע פריינט זיינע, די באַטאַוון און צעלטן: זיי זענען געשטאָרבן פאַר איינאײנציקן שמייכל פונם קייסער, קוקנדיק אויף אים מיט ענטוזיאַסטישע קינדער-אויגן.

אויפן רעכטן פליגל האָבן זיך אין די רוימישע קאָהאָרטעס אַרייַנגעשניטן די פּערסישע רייטוועגן, געשפּאַנט מיט געשטרייפטע, שלאַנקפיסיקע זעברעס; שאַרפע, אָנגעשליפטע קאָסעס זענען צוגעפעסטיקט געווען צו די אַקסן און רעדער פון די רייטוועגן. זיי האָבן זיך געדרייט מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט און מיט איין דריי אָפּגעהאַקט די פיס פון די פערד, די קעפּ פון די זעלנער; זיי האָבן אַזוי לייכט געשניטן די קערפּערס, ווי אַ שניטערס סערפּ שניידט די דינע תבואה־שטענגלעך.

נאָך מיטאָג זענען די קליבאַנאַרן אָפּגעמאַטערט געוואָרן; זייערע פּאַנצערס האָבן זיך אָנגעגליט און געבריט דאָס לייב.

יוליאַן האָט געווענדט קעגן זיי אַלע כוחות.

זיי האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן און צעדודערט געוואָרן. באַם קייסער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פון טריומף. ער האָט זיך געוואָרפן פאָרויס, פאַרפאָלגנדיק די אַנטלויפנדיקע, און נישט באַמערקט, אַז דאָס מיליטער איז געבליבן הינטערשטעליק. דעם קייסער האָבן באַגלייט עטלעכע לייב־היטער, צווישן זיי דער מיליטער־פירער וויקטאָר. דער אַלטער איז געווען פאַרווונדעט אין אַ האַנט, ער האָט אָבער נישט געפילט די ווייטיק; אויף קיין איין רגע האָט ער נישט פאַרלאָזט דעם קייסער און אים געראַטעוועט פון יעדער געפאַר, פאַרשטעלנדיק אים מיט דער פאַרשפּיצטער שילד זיינער. דער געניטער מיליטער־פירער האָט געוווסט, אַז דערנענטערן זיך צו אַנטלויפנדיק מיליטער איז פונקט אַזוי געפערלעך, ווי צוגיין צו אַן איינפאַלנדיק הויז.

— וואָס טוסטו, קייסער, — האָט ער געשריגן צו יוליאַנען. — היט דיך! נעם מיין פאַנצער...

יוליאַן האָט נישט געהערט, ער איז געפלויגן פאָרויס מיט אויפגעהויבענע הענט, מיט אַן אָפענער ברוסט, — גלייך ווי ער איינער אַליין, אָן מיליטער, וואָלט מיט זיין אימהדיקן בליק, מיט אַ צייכן פון זיין האַנט, פאַרטראָגט די אומצאָליקע שונאים.

אויף זיינע ליפּן האָט געשפּילט אַ שמייכל פון פרייד, דורכן שטויביקן נעפּל, וואָס דער ווינט האָט אויפגעהויבן, האָט געבלאַנקט זיין באַטישער העלם און די פאַלבן פון דער כלאַמידע, וואָס האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט, האָבן אויסגעזען ווי צוויי ריזיקע רויטע פליגל, וועלכע טראָגן אים אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער.

פאָרויס איז געפלויגן אַן אָפּטיילונג סאַראַצינער. איינער פון די

רייטער האָט זיך אויסגעדרייט, דערקענט יוליאַנען לויטן אַנטון און אַ חייז געטון אויף איבער די איבעריקע מיט אַן אָפּגעריסן גאָרגלדיק געשריי, ענלעך צו אַ רוף פון אַן אָדלער:

— מ ל ך! מ ל ך! — וואָס באַדייט אויף אַראַביש: דער קיי-סער! דער קייסער!

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט און נישט אָפּשטעלנדיק די פערד, זענען זיי אויפגעשפּרונגען אויף די פיס אין זייערע לאַנגע מלבושים, מיט אויפגעהויבענע שפּיזן איבער די קעפּ.

דער קייסער האָט דערזעען אַ רויבעריש ברוין פּנים. דאָס איז געווען כמעט נאָך אַ יונג יינגל. ער איז געריטן אין פולן גאַלאָפּ אויפן הויקער פון אַ ריזיק באַקטריש קעמל מיט שטיקער פאַרטריקנטער בלאָטע, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט בײַ דער קאַלטענעוואַטער פעל אויפן בויך.

וויקטאָר האָט מיט זיין שילד אָפּגעשלאָגן צוויי סאַראַצינישע שפּיזן, וועלכע זענען געווען געווענדט אויפן קייסער.

דעמאָלט האָט דאָס יינגל אויפן קעמל אָנגעהויבן צילן, און בליצנ-דיק מיט די ווילדע אויגן, האָט ער שטיפעריש אויסגעשטשירעט די ווייסע ציין און מיט פרייד אויסגעשריגן:

— מלך! מלך!

— ווי פריילעך אים איז, — האָט יוליאַן אַ טראַכט געטון, — און מיר איז נאָך...

ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם געדאַנק.

די שפּיז האָט אַ פייף געטון, פאַרטשעפּעט אים די רעכטע האַנט, לייכט אַ קראַץ געטון די הויט, זיך אַ גליטש געטון איבער די ריפּן און אַריינגעשטאָכן זיך אונטער דער לעבער.

ער האָט געמיינט, אַז די ווונד איז אַ לייכטע און האָט אָנגע-כאַפּט דעם שפּיץ פון דער שפּיז, זי אַרויסצורייסן, נאָר ער האָט זיך בלויז איינגעשניטן די פינגער. עס האָט אַ שפּריץ געטון בלוט.

יוליאַן האָט הויך אַ געשריי געטון, פאַרוואָרפן אַרונטער דעם קאָפּ, אַ קוק געטון מיט ברייט געעפנטע אויגן אויף דעם בלאַסן, שרפהנדיקן הימל און אַראָפּגעפאַלן פון פערד אויף די הענט פון די לייב-היטער.

וויקטאָר האָט אים אונטערגעהאַלטן. דעם אַלטנס ליפּן האָבן

געציטערט און מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק האָט ער געקוקט אויפן קייסערס געשלאָסענע אויגן.

די אָפּגעשטאַנענע קאָהאָרטעס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט.

XIX.

יוליאַנען האָט מען אַריבערגעטראָגן אין געצעלט אַריין און געלייגט אויפן מיליטערישן געלעגער זיינעם. ער איז נישט געקומען צו זיך. פון צייט־צו־צייט פלעגט ער בלויז אַ קרעכץ טון.

דער מעדיקער אָריבאַזיוס האָט אַרויסגענומען דעם שפּיץ פון דער שפּיז פון דער טיפער וווּנד, זי באַטראַכט, אויסגעוואַשן און פאַרבאַנדאַזשירט. וויקטאָר האָט אים מיטן בליק געפרעגט, צי ס׳איז פאַראַן אַ האָפנונג. אָריבאַזיוס האָט טרויעריק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

נאָכן פאַרבאַנדאַזשירן האָט יוליאַן טיף אָפּגעזיפצט און געעפנט די אויגן.

— וווּ בין איך? — האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף.

פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דער געדודער פון דער שלאַכט. ער האָט זיך פּלוצלינג אַלץ דערמאָנט און מיט מי זיך עטוואָס אויפגעהויבן פון געלעגער.

— וווּ איז דאָס פערד? שנעלער, וויקטאָר!...

זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון ווייטיק. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון אונטערצוהאַלטן דעם קייסער. ער האָט אָפּגעשטויסן וויקטאָרן און אָריבאַזיוסן.

— לאָזט אָפּ!... איך מוז זיין דאָרט, מיט זיי ביזן סוף!...

און ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט אויף די פיס. אויף זיינע בלאַסע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, די אויגן האָבן געפלאַקערט:

— איר זעט — איך קאָן גיין... שנעלער די שילד, די שווערד! דאָס פערד!...

זיין נשמה האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט. וויקטאָר האָט אים דערלאַנגט די שילד און די שווערד.

יוליאַן האָט זיי געגומען און וואַקלענדיק זיך, ווי אַ קינד, וואָס קאָן נאָך נישט גיין, האָט ער געמאַכט צוויי טריט.

די ווונד האָט זיך געעפנט. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון די הענט דאָס געווער, געפאַלן אויף אַריבאַזיוסעס און וויקטאָרס הענט און, אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל, האָט ער אויסגעשריגן:

— געענדיקט... דו האָסט געזיגט, גאַלילעער!

און שוין אָן ווידערשטאַנד האָט ער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די מקורבים; מ'האָט אים געלייגט אויפן געלעגער.

— שוין, געענדיקט, פריינט מיינע, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, — איך שטאַרב...

אַריבאַזיוס האָט זיך צוגעבויגן צו אים, באַמיענדיק זיך צו באַרויקן אים, פאַרזיכערנדיק, אַז אַזעלכע ווונדן קאָן מען אויסהיילן.

— נאַר מיך נישט, — האָט יוליאַן מילד אַ זאָג געטאָן. — צו וואָס? איך האָב קיין מורא נישט...

און ער האָט צוגעגעבן פייערלעך:

— איך וועל שטאַרבן מיטן טויט פון אַ חכם.

פאַרנאַכט-צו איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. עס זענען דורכגעגאַנגען לאַנגע שעהן. די זון איז פאַרגאַנגען. די שלאַכט האָט זיך איינגעשטילט. אין געצעלט האָט מען אָנגעצונדן אַן אייל-לאָמפּ. ער איז נישט געקומען צו זיך, דער אָטעם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מ'האָט געמיינט, אַז ער שטאַרבט. צום סוף האָט ער פּאַמעלעך אויפגעעפנט די אויגן. זיין בליק, אַן אומבאַוועגלעכער, אַ שטאַרער, איז געווענדט געווען אין אַ ווינקל פון געצעלט; פון די ליפּן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שוואַך, געשטיקט מורמלען; ער האָט גערעדט פון היץ:

— דו?... דאָ?... צוואָס?... אַלץ איינס — געענדיקט. גיי אַוועק! דו האָסט געהאַסט?... אָ, דאָס וועלן מיר נישט מוחל זיין...

דערנאָך איז ער אויף אַ קורצער צייט געקומען צו זיך און געפרעגט אַריבאַזיוסן:

— ווי שפּעט איז? וועל איך נאָך זעען די זון?

און טראַכטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן שמייכל:

— אַריבאַזיוס, צי איז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד טאַקע אַזוי אוממעכטיק?... איך ווייס — דאָס איז פון קערפּערלעכער שוואַכקייט.

דאָס בלוט קומט אין די געהירן אַריין, ווערן געבוירן זעונגען. מ׳דאַרף זיך שטאַרקן... מ׳דאַרף, אַז דער פאַרשטאַנד...

די געדאַנקען האָבן זיך אים ווידער אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן, דער בליק איז ווידער שטאַר געוואָרן.

— איך וויל נישט !... דו הערסט ?... אוועק, יצר הרע ! איך גלייב נישט... סאָקראַטעס איז געשטאָרבן ווי אַ גאָט... מ׳דאַרף, אַז דער שכל... וויקטאָר ! אָ, וויקטאָר... וואָס האָסטו צו מיר, גלילעער ? דיין ליבע איז שרעקלעכער ווי דער טויט. דיין עול איז דער שווערסטער עול.

. . . .

פאַרוואָס קוקסטו אַזוי ?... ווי ליב איך האָב דיך געהאַט, גוטער פּאַסטוך, נאָר דיך אַליין . . . ניין, ניין ! דורכגעלעכערטע הענט און פיס ? בלוט ? חושך ? איך וויל זון, זון ! . . . פאַרוואָס פאַרלעשסטו די זון ? . . .

עס איז אָנגעקומען די פינצטערסטע, די שטילסטע שעה פון דער נאַכט.

די לעגיאָנערן זענען צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין. דער נצחון האָט זיי נישט געפרייט. נישט קוקנדיק אויף דער מידקייט, איז כמעט קיינער נישט געשלאָפן. מ׳האָט אָפּגעוואַרט ידיעות פונם קייסערס געצעלט. אַ סך זענען געשטאַנען בײַ די האַלב-אויסגעלאָשענע פייערן, מיט איין האַנט אָנגעלענט אויף די לאַנגע שפּיזן, און געדרימלט פון אויסגעמאַטערטקייט. עס האָט זיך געהערט, ווי די געפּענטעטע פערד קייען דעם האָבער, אָפּזיפּצנדיק שווער.

צווישן די טונקעלע געצעלטן אויפן ראַנד פון הימל האָבן זיך באַוויזן ווייסלעכע פּאַסן. די שטערן האָבן אויסגעזען טיפער, קעלטער. עס האָט אַ בלאָז געטון אַ פייכט ווינטל. דאָס שטאָל פון די שפּיזן און דאָס קופּער פון די שילדן איז מאַט געוואָרן פונם טוי, גרוי ווי שפּינוועבס, וואָס האָט זיך געזעצט אויף זיי. ס׳האָבן אָנגעהויבן קרייען די הענער פון די עטרוסקישע וואַרזאַגערס, די הייליקע עופות, וועלכע מ׳האָט נישט דערטרונקען, נישט קוקנדיק אויפן קייסערס באַפעל. אַ שטילער טרויער האָט באַהערשט הימל און ערד. אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַ מיראַזש — דאָס נאָענטע ווייט, דאָס ווייטע נאָענט.

בײַם איינגאַנג אין קייסערס געצעלט זענען געשטאַנען די נאָענטסטע פריינט, די מיליטער-פירער, די מקורבים; אין שיין פון דער פרימאָרגן-דעמערונג האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אויסגעזען ווי שאָטנס.

אין געצעלט האָט געהערשט נאָך אַ מער פייערלעכע שטילקייט. מיט אַן איינטאָניקן קלאַנג האָט דער מעדיקער אַריבאַזיוס געשטויסן אין אַ מעשן שטייסל רפואה־קרייטעכצער, צו מאַכן עפּעס אַ קילנדיק געטראַנק.

דער קראַנקער האָט זיך באַרויקט; ער האָט שוין נישט גערעדט פון היץ.

פּאַרטאָג איז ער דאָס לעצטע מאָל געקומען צו זיך און געפרעגט מיט אומגעדולד:

— ווען וועט שוין זיין די זון?...

— אין אַ שעה אַרום, — האָט אַריבאַזיוס געענטפערט, אַ קוק טוענדיק, ווי הויך דאָס וואַסער שטייט אין דער גלעזערנער כּלי פון וואַסער־זייגער.

— רופט אַריין די מיליטער־פירער, — האָט יוליאַן באַפוילן. — איך דאַרף צו זיי רעדן.

— גנעדיקער קייסער, דו דאַרפסט רו, — האָט דער מעדיקער באַמערקט.

— אַלץ איינס. ביז זון־אויפגאַנג וועל איך נישט שטאַרבן. — וויקטאָר, מאַך מיר העכער צוקאָפּנס... אָט אַזוי. גוט.

מ'האָט אים דערציילט וועגן נצחון איבער דעם פּערסישן מיליטער, וועגן דעם, ווי דער אָנפירער פון די רייטערס, מעראַן, איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן מלך שבורס צוויי זין, וועגן דעם, אַז פופציק סאַטראַפּן זענען געפאַלן. ער האָט זיך נישט פאַרוואונדערט, נישט דערפרייט, זיין פּנים איז געבליבן גלייכגילטיק.

עס זענען אַריינגעקומען די נאָענטסטע מקורבים: דאַגאַלאַיף, האָרמיזדע, נעביטע, אַרינטעוס, לוציליאַן, דער פּרעפעקט פון מזרח־געביט — סאַלוסטיוס; פאַרויס איז געגאַנגען דער קאָמעס יאָוויאַן. אַ סך האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט השערות וועגן דער צוקונפט. מ'האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש צו זען אויפן טראָן דעמדאָזיקן שוואַכן, פחדנותדיקן מענטש, וועלכער איז פאַר קיינעם נישט געווען געפערלעך. מ'האָט זיך פּשוט געזאָלט אָפּרוען פון דער שטורעמדיקער צייט. יאָוויאַן האָט געהאַט אַ באַזונדערע איינגעשאַפט — יעדן איינעם צופרידן צו שטעלן. ער איז געווען הויך און הדרת־פּנימדיק און געהאַט אַן אויסזען אַן אומבאַדייטנדיקס, וואָס ווערט פאַרליבט צווישן המון. אַ כאַראַקטער האָט ער געהאַט אַ גוטמוטיקן און אַ נישטיקן.

דאָ האָט זיך אויך געפונען צווישן דעם קייסערס מקורבים דער יונגער צענטוריאָן פון די שילדנטרעגערס, דער צוקונפטיקער היסטאָרי־קער אממיאַן מאַרצעלינוס. יעדער האָט געוווסט, אַז ער פירט אַ טאָג־בוך פון דער מלחמה. אַריינגעקומען אין געצעלט אַריין, האָט אממיאַן אַרויסגענומען עטלעכע אָפּגעווישטע טאָוועלעך און אַ מעשענעם סטי־לאָס. ער האָט זיך געגרייט צו פאַרשרייבן דעם קייסערס רעדע פאַרן טויט.

— הייבט־אויף די פאָרהאַנג, — האָט יוליאַן באַפוילן.

מ'האָט אוועקגעשאַרצט דעם טעפּיך בײַ דער טיר. אַלע זענען אָפּגעטרעטן אין אַ זייט. די פרימאָרגנדיקע קילקייט האָט אַ בלאָז געטאָן דעם שטאַרבנדיקן אין פּנים אַריין. די טיר איז געווען געווענדט אויף מזרח־זייט. נישט ווייט איז געווען אַ טאָל; קיין שום זאַך האָט נישט פאַרשטעלט דעם הימל.

יוליאַן האָט דערזעען די ליכטיקע וואָלקנס, וואָס זענען נאָך גע־ווען קאַלט און דורכזיכטיק ווי אייז. ער האָט אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן:

— אָט אַזוי. גוט. פאַרלעשט דעם לאָמפּ...

מ'האָט פאַרלאָשן דאָס פייער; דאָס געצעלט איז פול געוואָרן מיט דעמערונג־שיין.

אַלע האָבן געוואַרט שווייגנדיק.

— הערט, מיינע פריינט, — האָט דער קייסער אָנגעהויבן זיין רעדע פאַרן טויט; ער האָט גערעדט שטיל, אָבער דייטלעך; זיין פּנים איז געווען רויק.

אממיאַן מאַרצעלינוס האָט פאַרשריבן.

— הערט, מיינע פריינט, — מיין שעה איז געקומען, אפשר אַ ביסל צו פרי; אָבער איך פריי מיך, ווי אַן ערלעכער בעל־חוב, וועלכער גיט צוריק דער נאַטור דאָס לעבן, — און עס איז נישט פאַראַן אין מיין נשמה נישט קיין טרויער, נישט קיין מורא; עס געפינט זיך בלויז אין איר די פרייד פון אַ חכם, דאָס פאָרגעפיל פון אייביקן אָפּרו. איך האָב דערפילט מיין חוב, און ווען איך בלעטער דורך אין זכרון די פאַר־גאַנגענהייט מיינע, באַדויער איך זי נישט. אין יענע צייטן, ווען איך בין געפלאָגט געווען און זיך געריכט אויפן טויט, זיצנדיק אין קאַפּאַ־דאָקיע אין מאַצעללום־שלאָס, אויך שפּעטער אין העכסטן פונקט פון מיין גרויסקייט, אין פּורפּור־קלייד פון רוימישן קייסער — האָב איך אַלץ

אָפּגעהיטן מיין נשמה פון אַ פלעק, שטרעבנדיק צו הויכע צילן, אויב איך האָב אָבער נישט אַלץ דערפילט, וואָס איך האָב געוואָלט, — פאַרגעסט-זשע נישט, מענטשן, אַז איבער אַלע זאַכן אויף דער וועלט רעגירט דער גורל. — איצט בענטש איך דעם א י י ב י ק ן דערפאַר, ווייל ער האָט מיר באַשערט צו שטאַרבן נישט ביסלעכווייז פון אַ קרענק, נישט פון די הענט פון אַ תּלין אָדער אַ מערדער, נאָר אויפן שלאַכט-פעלד, אין דער בליענדער יוגנט, אינמיטן פון די נישט פאַרענדיקטע מעשים מיינע.

. . . .

. . . . . . דערציילט, מיינע ליבע, די שונאים און די פריינט מיינע, ווי עס שטאַרבן העללענער, געשטאַרקט דורך דער אַנטישער חכמה.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען. אַ סך האָבן געוויינט.

— וואָס וויינט איר, אָרימע קינדער? — האָט יוליאַן געפרעגט מיט אַ שמייכל. — עס פּאַסט נישט צו באַוויינען דעם, ווער עס קערט זיך אום אַהיים... וויקטאָר, באַרויק דיך!...

דער אַלטער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, ער האָט אָבער נישט געקאָנט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט.

— שטילער, שטילער, — האָט יוליאַן אַרויסגערעדט, ווענדנדיק דעם בליק צום ווייטן הימל. — אָט איז זי!...

די וואָלקנס האָבן זיך אָנגעצונדן. די טונקלקייט אין געצעלט האָט באַקומען אַ וואַרעמען בורשטין-קאָליר. עס האָט אַ שפּראָץ געטון דער ערשטער שטראַל פון דער זון. דער שטאַרבנדיקער האָט געווענדט צו איר דאָס פּנים.

דעמאָלט איז דער פּרעפעקט פון מזרח-געביט, סאַלוסטיוס סעקונדוס, צוגעגאַנגען נענטער און אַ קוש געטון יוליאַנען אין דער האַנט:

— לייטזעליקער אויגוסט, ווּעמען באַשטימסטו פאַר דיין יורש?

— אַלץ איינס, — האָט דער קייסער געענטפערט. — דער גורל וועט באַשטימען. מ'דאַרף זיך נישט אַקעגנשטעלן. זאָלן די גלילעער טריומפירן. מיר וועלן זיגן — שפּעטער, און — מיט אונז איז די זון! — זעט, אָט איז זי, אָט איז זי!...

אַ שוואַכער שווידער איז דורכגעלאָפן איבער זיין גאַנצן קערפּער

און מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג האָט ער אויפגעהויבן די הענט, וי ער וואָלט געוואָלט אָקעגנפליען דער זון. שוואַרץ בלוט האָט אַ שטראָם געטון פון דער וווּנד; די אָדערן זענען אָנגעדראָלן געוואָרן אויף די שלעפן און אויפן האַלז.

— אַ טרונק, אַ טרונק! — האָט ער געפליסטערט, שטיקנדיק זיך.

וויקטאָר האָט צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן אַ טיפן בעכער, אַ גאָלדענעם, אַ בלאַנקענדיקן, פול ביז דער ראַנד מיט לויטער קוואַל-וואַסער. יוליאַן האָט אַ קוק געטון אויף דער זון און פאַמעלעך, מיט גיריקע שלונגען געטרונקען דאָס לויטערע, אייז-קאַלטע וואַסער.

דערנאָך איז זיין קאָפּ צוריקגעפאַלן. פון די האַלב-אָפענע ליפּן האָט זיך אַרויסגעריסן דער לעצטער זיפץ, דער לעצטער פליסטער:

— פרייט אייך!... טויט איז זון... איך בין ווי דו, אַ, העליאָס!...

זיין בליק איז פאַרלאָשן געוואָרן. וויקטאָר האָט אים צוגעמאַכט די אויגן.

דעם קייסערס פּנים אין דער שיין פון דער זון האָט אויסגעזעען ווי דאָס פּנים פון אַ שלאָפנדיקן גאָט.

XX.

עס זענען פאַרבייגעגאַנגען דריי חדשים נאָך דעם, ווי דער קייסער יאָוויאַן האָט געשלאָסן שלום מיט די פּערסיאַנער.

אין אָנהייב אָקטאָבער איז דאָס רוימישע מיליטער, אויסגעמאַטערט פון הונגער און די אומענדלעכע מאַרשן דורך מעסאָפּאָטאַמיע, צוריקגעקומען קיין אַנטיוכיע.

אויפן וועג האָט זיך דער טריבון פון די שילדנטרעגער אַנאַטאָליוס באַפריינדעט מיטן יונגן היסטאָריקער אַממיאַן מאַרצעלינוס. די פריינט האָבן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין איטאַליע, אין דער אָפּגעזונדערטער וויללע לעבן באַיע, וווּהין אַרזינאָע האָט זיי איינגעלאַדן, זיך אָפּצורוען נאָך די שווערע איבערלעבענישן פון דער מלחמה און זיך היילן פון די באַקומענע וווּנדן אין די דאָרטיקע שוועבל-בעדער.

דורכרייזנדיק, האָבן זיי זיך אויף עטלעכע טעג פאַרהאַלטן אין אַנטיוכיע.

עס האָבן געזאָלט פאָרקומען פרעכטיקע פייערלעכקייטן לכבוד דעם קייסער יאָוויאַנס אַרויפשטייגן אויפן טראָן. דער שלום, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיטן מלך שבור, איז געווען שענדלעך פאַר דער אימפעריע: פינף רייכע רוימישע פראָווינצן פון יענער זייט חדקל, צווישן זיי קאָרדועניאַ און רעגימעניאַ, פופצן גרענעץ־פעסטונגען, די שטעט זינגאַראַ, קאַסטראַ־מוראָרום און דער אומבאַוועגלעכער פאַרצייטישער פאָרט ניזיב, וואָס איז ביי געקומען דריי באַלאַגערונגען, זענען אַריבער אין מלך שבורס הענט אַריין.

אָבער די גלילעער האָבן ווייניק אין זין געהאַט די מפּלה פון דער רוימישער אימפעריע. ווען קיין אַנטיוכיע איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן יוליאַן דעם אָפּטריניקס טויט, האָבן די איבערגעשראָקענע בירגער צום ערשט נישט געוואָלט זיך צוגלייבן, מורא האָבנדיק, אַז דאָ איז אַזאַ מין טייוולאָניש שפּיצל, אַ נייע נעץ צו פאַנגען ערלעכע קריסטן. נאָר שפּעטער, ווען מ'האָט שוין אָנגעהויבן גלייבן, איז מען פשוט משוגע געוואָרן פון פרייד.

עס איז נאָך פרי פאַרטאָג, און די גאַסן רוישן שוין יום־טובדיק. די געשרייען פון המון רייסן זיך אַריין דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס אין אַנאַטאָליוסעס האַלב־טונקעלן שלאָפצימער אַריין. ער האָט באַשלאָסן אַ גאַנצן טאָג צו זיצן אינדערהיים. די פרייד פון המון עקלט אים. ער באַמיט זיך צוריק אַנטשלאָפן צו ווערן, ער קאָן אָבער נישט. אַ מאָדנע ניי גיריקייט באַהערשט אים פּלוצלינג. ער טוט זיך געשווינד אָן, זאָגט קיין וואָרט נישט אַממיאַנען און גייט אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז געווען אַ פרישער, נישט קיין קאַלטער, זוניקער האַרבסט־טאָג. די גרויסע רונדיקע וואָלקנס אויפן טונקל־בלויען הימל האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן ווייסן מאַרמאָר פון די אומענדלעכע אַנטיוכישע קאָלומנאַדעס און פאָרטאַלן. אין די ראָגעס, אויף די מאַרק־פּלעצער און פאָרומס האָבן גערוישט די פאָנטאַנען. אין דער זוניק־שטויביקער ווייטקייט פון די גאַסן האָט זיך געזען, ווי די ברייטע ראָוון פון דער שטאָטישער וואַסער־לייטונג קרייצן זיך ווי באַוועגלעכע קרישטאָלענע פעדעם. טויבן האָבן וואָרקענדיק געפּיקט דעם אויסגעשאָטענעם גערשטן. עס האָט געשמעקט מיט בלומען, מיט ווייראַך פון די אָפן־געפּראַלטע קלויסטערן, מיט פייכטן שטויב. ברוין־פּנימדיקע מיידלעך האָבן איבערשמייכלענדיק

זיך, באַשפּריצט פון די דורכזיכטיקע באַסיינען קיישלעך מיט בלאַסע אָקטאָבער־רויזן און דערנאָך אַרומגעוויקלט מיט גירלאַנדעס די זיילן פון די קריסטלעכע קאַטעדראַלעס.

דער המון האָט מיט אַן אומאויפהערלעכן טומל און גערעדערייען אָנגעפילט די גאַסן; לאַנגזאַם האָבן זיך באַוועגט איבערן פּרעכטיקן אַנטיוכישן ברוק — דעם שטאָלץ פון שטאָטישן דעקוריאָנען־ראַט — קאָטשן און טראָג־בעטלעך.

עס האָבן זיך געהערט ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן דער אויגוסט יאָוויאַן, דער לייטזעליקער, דער גרויסער!

טייל האָבן נאָך צוגעגעבן: „דער זיגער!" נאָר אַן זיכערקייט, ווייל דאָס וואָרט „זיגער" האָט דאָ צופיל געשמעקט מיט חוזק.

דאָס זעלבע גאַסן־ייִנגל, וועלכער האָט אַמאָל געפּאַטשקעט אויף די ווענט קאַריקאַטורן פון יוליאַנען, האָט איצט געפּאַטשט מיט די הענט, געפּייפט, אונטערגעטאַנצט, געוואַלגערט זיך אין שטויב גלייך מיט די שפּאַץ־פייגעלעך און געשריגן, לעכערנדיק די אויערן:

— געפּגרט, געפּגרט דאָס ווילדע חזיר, וואָס האָט חרוב געמאַכט גאָטס ווייַנגאָרטן!

דידאַזיקע ווערטער האָט ער נאָכגעזאָגט נאָך די עלטערע מענטשן.

אַן איינגעהויקערטע זקנה אין שמאַטעס, וואָס האָט געוווינט אין דער שמוציקער פּאַרשטאָט, אין אַ פֿייכטער נאָרע, ווי אַ נאַסטל, איז אויך אַרויסגעקראָכן אויף דער זון און געפרייט זיך מיטן יום־טוב. זי האָט געפּאַכעט מיט די הענט און געליאַרעמט מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— אומגעקומען יוליאַן, אומגעקומען דער רשע!

די פרייַלעכקייט פונם יום־טוב האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין די שטאַרק־געעפנטע פאַרוואונדערטע אויגן פונם זייג־קינד, וואָס האָט גע־האַלטן בײַ דער ברוסט אַן אָפּגעברענטע, אויסגעדאַרטע אַרבעטערין פון אַ פּורפּור־פאַבריק; די מוטער האָט עס געגעבן אַ האָניק־לעקעכל; זעענדיק די פאַרשידנפאַרביקע קליידער, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף דער זון, האָט עס מיט פרייד געפּאַכעט מיט די הענטעלעך און פּלוצלינג אויסגעדרייט דאָס דיקלעכע שמוציקע, מיט האָניק אויסגעשמירטע פּנימל און אָנגעהויבן לאַכן מיט עפּעס אַזאַ מין גנבישן אויסדרוק, ווי עס וואָלט

אַליין זייער גוט פאַרשטאַנען, נאָר עס וויל נישט זאָגן. און די מוטער האָט מיט שטאָלץ געטראַכט, אַז אפילו איר אומשולדיק עופעלע פרייט זיך אויך מיטן יום-טוב, וואָס מ'איז פּטור געוואָרן דעם אַפּטרינניקן רשע.

אַ געוואַלטיקער טרויער האָט געפרעסט אַנאַטאָליוסעס האַרץ.

ער איז אַליין ווייטער געגאַנגען, געצויגן פון דער מאָדנער נייגיריקייט.

אויף דער גאַס זינגאָן איז ער צוגעקומען צום פּלאַץ פאַר דער גרעסטער קאַטעדראַלע. אויף דעם פּלאַץ פאַרן איינגאַנג אין קלויסטער אַריין איז נאָך געווען אַ גרויס געדראַנג. ער האָט דערזעען אַ באַקאַנטן, דעם באַאַמטן פון דער קוועסטאָר מאַרקוס אויזאַניוס, וועלכער איז אַרויס-געגאַנגען פון דער קאַטעדראַלע; צוויי קנעכט האָבן אים באַגלייט און מיט די עלנבויגנס אים געמאַכט אַ וועג אין דער ענגשאַפט.

„וואָס איז דאָס? — האָט זיך אַנאַטאָליוס פאַרוווּנדערט. — פונוואַנען קומט אַהער אין קירך אַריין דערדאָזיקער שונא פון די גלילער?“

אויף אויזאַניוס ליליא-פאַרביקער כלאַמידע זענען מיט גאָלד-פּע-דעם אויסגענייט געווען צלמים, זיינע פּאָמסענע פּאַנטאָפל זענען אויך געווען באַצירט מיט צלמים.

יוניוס מוריקוס, אַנאַטאָליוסעס אַ צווייטער באַקאַנטער, איז צוגע-גאַנגען צו אויזאַניוסן:

— וואָס מאַכסטו, הויכגעשעצטער! — האָט מוריקוס אַ פרעג געטון, באַטראַכטנדיק דעם באַאַמטנס נייע קריסטלעכע הלבשה מיט אַ געמאַכטער אָפּשפּעטנדיקער פאַרוווּנדערונג.

יוניוס איז געווען אַן אומאָפּהענגיקער מענטש, אַ גאַנץ רייכער און ער האָט נישט געזעען קיין שום נוצן פאַר זיך אינם איבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן. אים האָט לחלוטין נישט געוווּנדערט, וואָס זיינע פריינט האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשמדט, ער האָט אָבער הנאה געהאַט זיך צו רייצן מיט זיי באַ יעדער באַגעגעניש, מאַכנדיק אַן אָנשטעל פון אַ באַליידיקטן מענטש, וואָס באַהאַלט זיין באַליידיקונג אונטער אַ מאַסקע פון חוזק.

דער עולם האָט געשטראָמט אין קלויסטער אַריין. דער פּלאַץ איז ביסלעכווייז ליידיק געוואָרן. די גוטע פריינט האָבן געקאָנט שמועסן אַ ביסל פרייער. אַנאַטאָליוס, שטייענדיק הינטער אַ זייל, האָט געהערט זייער שמועס.

— פאַרוואָס ביסטו עפּעס נישט אויסגעווען ביזן סוף פון דער תּפילה? — האָט מוריקוס געפרעגט.

— כ'האָב האַרצקלאַפּונג. ס'איז דושנע. וואָס זאָל מען טון, — כ'בין נישט געוווינט...

און אין פאַרטראַכטקייט האָט ער צוגעגעבן:

— עפּעס אַ מאָדנע סטיל האָט דער נייער פּרעדיקער: זייגע הי־פּערבאָלן ווירקן אויף מיר עפּעס אַזוי, ווי ער וואָלט געקריצט מיט אייזן איבער גלאָז... אַ מאָדנע סטיל!

— דאָס איז באמת ריינדיק, — האָט מוריקוס מיט הנאה חוזק געמאַכט, — אַלץ פאַרראַטן, אַלץ אַוועגוואַרפן, אָבער דעם גוטן סטיל...

— ניין, ניין, איך בין אפשר פּשוט נאָך נישט געקומען צום טעם, — האָט אים אויזאָניוס איבערגעשלאָגן די רייד, פאַרכאַפּנדיק זיך, — זאָלסט נישט מיינען חלילה, מוריקוס, איך בין דאָך ערנסט...

פון אַ טיפער לעקטיקע איז פּאַמעלעך אַרויסגעקראָכן, קרעכצנדיק און אָכצנדיק, דעם קוועסטאָר גאַרגילאַנוסעס פעטער גוף:

— דאַכט זיך, כ'האָב פאַרשפּעטיקט?... נאָר ס'שאַדט נישט, — כ'וועל שטיין בײַ דער טיר. גאָט איז אַ גייסט, וועלכער געפינט זיך...

— ניסים ונפלאות! — האָט זיך מוריקוס צעלאַכט. — די הייליקע שריפט אין גאַרגיליאַנוסעס מויל!...

— זאָל דיך קריסטוס באַשירעמען, זון מיינער, — האָט זיך גאַרגיליאַנוס קאַלטבלוטיק געווענדט צו אים, — וואָס חוזקסטו נאָר, וואָס לצעווסטו?

— כ'קאָן נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך. אַזוי פיל נייע קריסטן, אַזוי פיל פרישע משומדים! איך, למשל, האָב שטענדיק געמיינט, אַז דיינע איבערצייגונגען...

— נאַרישקייטן, מיין ליבער! איך האָב נאָר איין איבערצייגונג, אַז די גליליִשע קוכערס זענען לחלוטין נישט ערגער פון די העללע־נישע. און די תּענית־מאכלים זענען מעדנים. קום צו מיר אויף נאַכט־עסן, פילאָזאָף! איך וועל דיך גאָר גיך אָפּשמדן אויף מיין אמונה. וועסט לעקן די פינגער. — ס'איז דען אַ נפקא מינה צי מ'עסט אַ גוט מיטאָג לכבוד דעם גאָט מערקוריוס, צי לכבוד דעם הייליקן מערקוריוס. פאַראורטיילן, — נישט מער! וואָס אַ שטייגער קאָן שטערן דאָסדאָזיקע עלעגאַנטע צאַצקעלע?

און ער האָט אַ ווייַז געטון אויף אַ באַשיידן בורשטינען צלמל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט צווישן די אָנגעפּערפּומירטע פּאַלבן פון זיינע טייערע אַמעטיסט־פּאַרביקע פּורפּור־מלבושים אויף זיין בכבודיקן בויך.

— זעט נאָר, זעט נאָר — העקובאַליוס, דער אַרציפּריסטער פון דער געטין אשתרות־דינדימענע — אַ הירעראָפאַנט אַ בעל־תשובה אין אַ שוואַרצן גלילעישן האַביט. אָ, פּאַרוואָס ביסטו נישטאָ אַצינד, דיכטער פון די מ ע ט אַ מ אָ ר פ אָ ז ע ס ! — האָט מויריקוס אָנגעקוואָלן, טייטלענדיק מיטן פינגער אויפן הדרת־פּנימדיקן, גרייז־גרויען זקן, מיט אַ שווייגנדיקער וויכטיקייט אויפן פיינעם ראָזן פּנים, וועלכער איז געזעסן אין אַ האַלב־פּאַרמאַכטער לעקטיקע.

— וואָס לייענט ער ?

— געוויס נישט די תקנות פון דער פּעסינונטישער געטין!

— זע נאָר די עניוות, זע נאָר די חרטה ! ער איז שוין אָפּגעצערט געוואָרן פון די תעניתים. זעט נאָר, ער גלאָצט מיט די אויגן צום הימל, זיפצט.

— איר האָט געהערט, ווי ער איז צוריק אַ קריסט געוואָרן ? — האָט דער קוועסטאָר געפרעגט מיט אַ פריילעכן שמייכל.

— מסתם איז ער אַריינגעגאַנגען צום קייסער יאָוויאַן, ווי אַמאָל צו יוליאַנען, און זיך געשלאָגן על־חטא ?

— אָ, ניין, אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ בייעם שטייגער, אומגעריכט. ער האָט תשובה געטון בפני כל עם ועדה. ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד לעבן דער טיר פון דער קאַטעדראַלע, בשעת יאָוויאַן איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, אין די אויגן פון אַ המון מענטשן, און הויך אויפן קול אויסגעשריגן: „טרעט מיך מיט די פיס, דעם פּאַסקודנעם, טרעט מיך, דאָס אומנוצלעכע זאַלץ!‟ און מיט טרערן געקושט די פיס פון יעדן דורכגייער.

— יאָ, דאָס איז טאַקע אַ נייער אויפטו! נו, וואָס, ס'איז געפעלן געוואָרן!

— נאָך ווי אַזוי! מ'זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַן אוידיענץ באַם קייסער אויג־אויף־אויג. אָ, אַזעלכע מענטשן ברענען נישט אויפן פייער, ווערן נישט דערטרונקען אין וואַסער. אַלץ גייט זיי אויס צום גוטן. ער טוט אַ וואָרף אַראָפּ דאָס אַלטע פעלעכל — און ווערט יינגער. לערנט אייך, קינדערלעך!

— נו, וואָס האָט ער דאָרט געקאָנט זאָגן אַזוינס דעם קייסער ?

— אַ נפקא מינה ! — האָט גאַרגיליאַנוס אַ זיפץ געטון מיט פאַרבאָרגענער קנאה. — ער האָט אים געקאָנט איינרעדן: האַלט דיך פעסט אָן קריסטנטום, זאָל קיין איין געצנדינער אויף דער וועלט נישט בלייבן: דער אמתער גלויבן איז די באַפעסטיקונג פון דיין טראָן. איצט האָט ער פאַר זיך אַ גלאַטיקן וועג. אַ סך בעסער ווי בּאַ יוליאַנען. ווער קאָן אים דען דערגרייכן ! דאָ שטעקט די אמתע חכמה !

— אַי, אַי, אַי, האָט רחמנות, באַרמהאַרציקע מענטשן, ראַטעוועט מיך ! לייזט אויס דעם נכנעהדיקן קנעכט צירקומבריק פונם לייבן-גרוב !

— וואָס איז דיר ? — האָט גאַרגיליאַנוס אַ פרעג געטון דעם היגקעדיקן שווינדזיכטיקן שוסטער מיטן גוטמוטיקן, צעשראָקענעם פנים, מיט די אויסגעגלומפּערט סטאַרטשענדיקע גרויע קאָלטענעס. אים האָבן געפירט צוויי רוימישע תפיסה-וועכטער מיט שפיזן אין די הענט.

— מ׳שלעפט מיך אין תפיסה אַריין !

— פאַרוואָס ?

— פאַר צעראַבירן אַ קלויסטער

— וואָס ? דו ?...

— ניין, ניין, איך בין נאָר געווען צווישן המון און אפשר אַ צוויי מאָל אַ געשריי געטון: שלאָג ! דאָס איז נאָך געווען אין די צייטן פון קייסער יוליאַן. דעמאָלט האָט מען געזאָגט, אַז דער קייסער פאַרלאַנגט, מיר זאָלן צעשטערן די גליליישע קלויסטערן. האָבן מיר צעשטערט. איצט האָט מען מיך געמסרט, אַז איך האָב מכלומרשט אַ זילבערנע ריפּידע צוגעגנבעט און אַוועקגעטראָגן אונטער דער פאָלע. איך בין אָבער אפילו נישט אַריינגעגאַנגען אין קלויסטער, נאָר אַ צוויי מאָל, שטייענדיק אויף דער גאַס, אַ געשריי געטון: שלאָג ! איך בין אַ רויקער מענטש. מיין געוועלבל איז אַ גראָשן נישט ווערט, עס געפינט זיך אָבער אויף אַ באַלעבעטער גאַס, — ווען עס מאַכט זיך עפּעס, אַ געשלעג, צי וואָס, מישט מען מיך שטענדיק אַריין. איך האָב דען געמיינט עפּעס שלעכטס ? וואָס האָב איך דען דערפון געהאַט ?... כ׳האָב געמיינט — אַזאַ באַפעל. — אַי, ראַטעוועט מיך, ליבהאַרציקע מענטשן, האָט רחמנות !...

— און דו אַליין ביסט אַ קריסט, צי אַ געצנדינער ? — האָט יוניוס געפרעגט.

— איך ווייס נישט, באַרמהאַרציקע, איך ווייס אַליין נישט! בין דער קייסער קאָנסטאַנטין איז אַרויף אויפֿן טראָן, האָב איך געבראַכט קרבנות צו די געטער. דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעשמדט. אין קאָנ־סטאַנציוסעס צייטן בין איך געוואָרן אַן אַריאַנער. דערנאָך זענען די העללענער צוריק אַרויף פֿון אויבן, בין איך אַריבער צו די העללענער. און איצט, ווייזט אויס, גייט צוריק צום אַלטן. כ׳וויל תשובה טון און צוריק ווערן אַן אַריאַנער. כ׳האָב אָבער מורא, טאָמער מאַך איך ווידער אַ פֿעלער. איך האָב שוין געזינדיגערישע טומאות צעשטערט, און צוריק אויפֿגעבויט און ווידער צעשטערט! עס מישט זיך מיר שוין אין קאָפּ! פֿרעגט מיך בחרם וואָס איך בין און וואָס ווער עס איז. איך בין גע־האַרכזאַם דער מאַכט, און זעט איר דאָך, בשום אופֿן קאָן איך נישט אַריינטרעפֿן אין דער ריכטיקער אמונה אַריין. כ׳טרעף אַלץ דערלעבן! אָדער צו פֿרי, אָדער צו שפּעט. כ׳זע נאָר איינס, ס׳איז מיר נישט באַ־שערט קיין מנוחה, — אַזאַ וויסט מזל האָב איך! פֿאַר קריסטוסן לייז איך קלעפּ. פֿאַר די געטער לייז איך ווידער קלעפּ. — אַ רחמנות אויף די קינדער נעבעך!... אַי, ראַטעוועט מיך, באַרמהאַרציקע, לייזט מיך אויס, דעם נכבעהדיקן קנעכט צירקומבריק, פֿון די צרות!...

— זיי רויק, ליבער, — האָט גאַרגיליאַנוס געזאָגט מיט אַ שמייכל, — מיר וועלן דיך באַפֿרייען. מיר וועלן זיך באַמיען. די האָסט דאָך מיר אָזעלכע פֿיינע שטיוועלעך געמאַכט, מיט סקריפּעס.

צירקומבריק איז געפֿאַלן אויף די קניען און אויסגעצויגן מיט האַפֿנונג די הענט, וואָס זענען געווען געשמידט אין קייטן.

עטוואָס באַרויקט, האָט ער פֿון אונטערן שטערן אַפֿער אַ קוק גע־טון אויף די באַרמהאַרציקע מענטשן און אַ פֿרעג געטון:

— נו, און ווי האַלט עס איצט מיט דער אמונה, ליבהאַרציקע מענטשן?... זאָל איך תשובה טון און גאָרנישט קיין מורא האָבן? ווי זאָגט איר, ס׳וועט שוין נישט זיין ווידער קיין שינוי? כ׳האָב עפּעס זייער מורא, אַז ס׳וועט ווידער...

— ניין, ניין, זיי רויק, — האָט זיך גאַרגיליאַנוס צעלאַכט, — איצט איז אַן עק: ס׳וועט שוין מער קיין שינוי נישט זיין!

אַנאַטאָליוס איז אומבאַמערקט אַריינגעגאַנגען אין קלויסטער. ער האָט געוואָלט הערן דעם באַרימטן יונגן פּרעדיקער טעאָדאָריטוס.

איבער די ציטערנדיקע כוואַליעס ווייַרויך האָבן זיך געשלייכט בלויע סנאָפּעס שטראַלן פֿון דער זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך די

איבערשטע שמאָלע פענצטער אינם ריזיקן געוועלבטן קלויסטער־דאַך, וועלכער איז ענלעך געווען צו אַ גאָלדענעם הימל, דעם סימבאָל פון מעכטיקייט פון דער אַלוועלטלעכער קירך.

איין שטראַל איז געפאַלן אויף דער פייערדיק־געלער באָרד דעם פרעדיקערס, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער הויכער אַמבאָנע. ער האָט אויסגעשטרעקט די אויסגעדאַרטע בלאַסע הענט, וואָס האָבן זיך דורכגעלויכטן כמעט ווי וואַקסענע אונטער דער שיין פון דער זון; זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט פון פרייד; די שטימע האָט געדונערט:

— איך וויל אויפצייכענען אויפן שאַנד־סלופּ די געשיכטע וועגן יוליאַן הרשע, דעם אָפּטריניקן פון גאָט! זאָלן מיין אויפשריפט איבער־לייענען אַלע דורות, אַלע פעלקער, און זאָלן זיי דערציטערט ווערן פון גאָטס צאָרן! קום אַהער, קום נאָר, דו פייניקער, קום, דו הכמהדיקע שלאַנג! מיר וועלן היינט אָפּשפּעטן פון דיר! לאָמיר זיך פאַרייניקן אין גייסט, ברידער, לאָמיר זיך משמח זיין, לאָמיר קלאַפּן אין די פויקן און אויפזינגען דאָס זיג־ליד, וואָס מרים האָט געזונגען פאַר די בני־ישראל, ווען די מצריים זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים־סוף. זאָל זיך פרייען די מדבר, זאָל זי אויפבליען ווי אַ ווייסע רויז, זאָל זיך פרייען די קירך, וועלכע איז נעכטן און אייערנעכטן מפלומרשט אַן אלמנה, אַ יתומה געווען!... איר זעט: פון תענוג ווער איך אַזש שיכּור, ווי משוגע!... וואָס פאַר אַ שטימע, וואָס פאַר אַ רעדנער־טאַלאַנט קאָן דען אויסדריקן דעמדאָזיקן נס?... ווו זענען אַהינגעקומען דיינע קרבנות, דיינע צערעמאָניעס, דיינע מיסטעריעס, קייסער? ווו זענען די השבעות, די מופתים פון דיינע כישופמאַכער? ווו איז דיין קונסט צו טרעפן די צוקונפט אויף די געדערים פון געפאַלמעסטע לעבעדיקע מענטשן? ווו איז דיין רום פון בבל? ווו זענען פרס ומדי? ווו זענען די געטער, וואָס באַגלייטן דיך, וואָס דו גייסט זיי נאָך, די באַשיצער דיינע, יוליאַן? — אַלץ איז פאַרשוווּנדן, אַלץ איז צעשטויבט געוואָרן, אַלץ האָט אָפּגעגעבּאַרט!...

— אָך, נשמהניו מיינע, זע נאָר די באָרד! — האָט שטיל באַמערקט אויפן אויער איר חברטע עפּעס אַן אַלטע אָנגעשמינקטע מאַטראָנע, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַנאַטאָליוסן. — זע נאָר, זע נאָר, זי גלאַנצט אַזוי ווי גאָלד!...

— יאָ, אָבער די ציין?... — איז די צווייטע מסופק.

— וואָס שאָדן דען די ציין? אָבער אַזאַ באָרד...

— זאָג עס נישט, וועראָניקע, ניין, זאָג עס נישט! צוין זענען אויך נישט קיין קלייניקייט. ווי קומט ער צום ברודער טעאָפאָניוס?...

טעאָדאָריטוס האָט דערוויל געדונערט:

— דער רבונו של עולם האָט צעשמעטערט די מוסקולן פונעם זינ־דיקער! בחינם האָט יוליאַן געהאָדעוועט אין זיך דאָס רשעות, פונקט ווי די ערגסטע ווערים, די ווילדסטע חיות זאַמלען דעם גיפט אין זייער קערפּער. גאָט האָט געוואַרט, ביז די גאַנצע רשעות זיינע וועט אַרויסקו־מען קאַפּויער, פונקט ווי אַ מיאוסער געשוויר...

— כ'זאָל נאָר נישט פּאַרשפּעטיקן אין צירק אַריין, — האָט אַ צווייטער שכן אַנאַטאָליוסעס, אַ באַלמעלאָכע, איינגערוימט זיין חבר אין אויער אַריין. — מ'זאָגט, ס'זענען דאָ בערעכעס פון בריטאַניע.

— וואָס רעדסטו? טאַקע באמת בערעכעס?

— וואָס פרעגסטו! איינע הייסט „גאָלדפונקל", די צווייטע — „אומשולד". מ'שפּייזט זיי מיט מענטשן־פלייש. — און אַ חוץ דעם גליאַדיאַטאָרן!...

— רבונו של עולם! יעזוס קריסטוס! גליאַדיאַטאָרן אויך! לאָמיר נאָר נישט פּאַרשפּעטיקן. לאָמיר מאַכן פּליטה, ברודער, גיכער, אַז נישט וועלן מיר קיין ערטער נישט האָבן.

איצט האָט טעאָדאָריטוס אָפּגעגעבן אַ שבח יוליאַנס פאָרגענגער, קאָנסטאַנציוסן, פאַר די גוטע מידות זיינע, פאַר זיין ליבע צו די קרובים.

אַנאַטאָליוסן איז ענג געוואָרן די לופט צווישן המון. ער איז אַרויס פון קלויסטער און מיט הנאה אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט, אין וועלכער עס האָט זיך נישט געפילט קיין ווייריך און קיין אָנגע־ברענטער לאָמפּן־אייל, ער האָט זיך געקוויקט מיטן לויטערן הימל, וואָס איז נישט פאַרשטעלט געווען מיט קיין באַגילדטן קלויסטער־דאַך.

אין פאָדערהויז פון קלויסטער האָט מען הויך געשמועסט, אומגע־צוווּנגען. צווישן דעם עולם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ וויכטיקע בייעס: מ'וועט באַלד דורכפירן דורך די גאַסן אין אַן אייזערנער שטייג די צוויי בערעכעס אין אַמפיטעאַטער אַריין. די מענטשן, וועלכע האָבן געהערט דאָסדאָזיקע בייעס, זענען אַרויסגעלאָפן פון קלויסטער מיט פאַרזאָרגטע פּנימער.

— וואָס? ווי אַזוי? ס'איז נאָך נישט שפּעט? וואָס רעדט איר — די בערעכע „גאָלדפונקל" איז קראַנק?

— נאַרישקייטן! נישט „גאָלדפונקל“, נאָר „אומשולד“ האָט באַנאַכט געהאַט מאָגן־קראַמפּן. זי האָט זיך איבערגעגעסן. איצט איז שוין אַדורך. זיי זענען ביידע געזונט און שטאַרק.

— גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען!

ווי זיס טעאָדאָריטוסעס דרשה איז נישט געווען, האָט זי פונדעסטוועגן נישט געקאָנט בייקומען דעם יצר־הרע פון די גלאַדיאַטאָרישע שפּילן און די בריטישע בערעכעס.

דער קלויסטער איז אויסגעליידיקט געוואָרן. אַנאַטאָליוס האָט דערזעען, ווי פון אַלע עקן שטאָט, פון אַלע ליידיק געוואָרענע קלויסטערן, איבער אַלע גאַסן, אונטער געסלעך און פּלעצער זענען געלאָפן פאַרקאַפּעטע מענטשן צום צירק; זיך אָנגעשטויסן איינער אויפן אַנדערן, זיך געזידלט, אומגעוואָרפן קינדער, אַריבערגעשפרונגען איבער אומגעפאַלענע פרויען, פאַרלוירן סאַנדאַלן פון די פיס און ווייטער געלאָפן; אויף די רויטע פאַרשוויצטע פּנימער איז געווען אויסגעדריקט אַזאַ פחד צו פאַרשפּעטיקן, גלייך ווי ס׳וואָלט דאָ געגאַנגען אין פּיקוח נפש!

צוויי איידעלע נעמען האָבן געשוועבט פון מויל צו מויל, ווי זיסע הבטחות אויף הימלישע פריידן:

— גאָלדפונקל! אומשולד!

אַנאַטאָליוס איז צוזאַמען מיטן המון מענטשן אַריין אין אַמפּיטעאַטער.

אַזוי ווי אין רוימישן אַמפּיטעאַטער איז אויך דאָ געהאַנגען אַ וועלאַריום, באַשפּריצט מיט פּערפום, און פאַרשטעלט דעם עולם פון דער זון, פאַרשפּרייטנדיק אַרום אַ רויטע דעמערונג־שיין. דער אומצאָליקער המון האָט זיך געוויגט, אַראָפּלאָזנדיק זיך פון די קיילעכדיקע טרעפּ.

פאַרן אָנהייב פון די שפּילן האָבן די גרעסטע אַנטיוכישע באַאַמטע אַריינגעטראָגן אין דער קייסערלעכער לאָזשע אַ בראָנזענע סטאַטוע פון קייסער יאָוויאַן, כדי דער עולם זאָל זיך קאָנען אָנקוקן מיטן בילד פונם נייעם הערשער. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן די ערד־קויל מיט אַ צלם פון אויבן. אַ בלענדנדיקער שטראַל פון דער זון איז אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַלטן פונם פּורפּורנעם וועלאַריום און געפאַלן אויפן קייסערס שטערן; ער האָט אָנגעהויבן גלאַנצן און דער המון האָט דערזעען אויף דעם פלאַכן בראָנזענעם פּנים אַ זעלבסטצופרידענעם שמייכל. די באַאַמטע האָבן געקושט די פיס פון דער סטאַטוע. דער עולם האָט געוואָיעט פון באַגייסטערונג:

— ערע ! ערע דעם רעטער פֿון פֿאָטערלאַנד, דעם אויגוסט יאָוויאַן ! אומגעקומען יוליאַן, באַשטראָפֿט געוואָרן דאָס ווילדע חזיר, וואָס האָט חרוב געמאַכט גאָטס ווייַנגאָרטן !

אומצאָליקע הענט האָבן געפּאָטשט אינדערלופֿטן מיט פֿאַרשידנפֿאַרביקע טיכלעך און גאַרטלעך.

דער המון האָט באַגריסט אין יאָוויאַנען זייַן אָפּשפּיגלונג, זייַן גייסט, זייַן געשטאַלט, וואָס האָט געוועלטיקט איבער דער ערד.

חוזק מאַכנדיק פֿונם געשטאָרבענעם קייסער, האָט דער ערב-רב געהערדט צו אים, גלייַך ווי ער וואָלט דאָ געווען אין אַמפֿיטעאַטער און געקאָנט הערן זייַערע רייד :

— נו, וואָס, פֿילאָזאָף ? ס'האָט דיר נישט געהאָלפֿן פּלאַטאָס און קריזיפּוסעס חכמה, ס'האָבן דיך נישט באַשיצט נישט צעוס דער דונערשליידערער, נישט אַפּאָלאָ דער וויטשיסער ! ביסט אַרייַנגעפֿאַלן דעם טייוול אין די נעגל אַרייַן, — און די שדים וועלן דיך, גאָטלעסטערער, צעפּליקן אויף פּיצלעך ! ווו זענען דייַנע נביאות, נאַרישער מאַקסים ? — קריסטוס און גאָט האָבן אים באַזיגט ! געזיגט האָבן מיר, די הכנעהדיקע !

אַלע זענען זיכער געווען, אַז יוליאַן איז געפֿאַלן פֿון אַ קריסטלעכער האַנט, מ'האָט געדאַנקט גאָט פֿאַר דעם „געבענטשטן טויט-קלאַפּ" און געזונגען שבחים דעם מערדער.

און ווען מ'האָט דערזעען די ברויגע לייַבער פֿון די גלאַדיאַטאָרן אונטער די נעגל פֿון „גאָלדפֿונקל" און „אומשולד", — האָט דעם המון באַהערשט אַ ווילדע רציחה. אַלעמענס אויגן זענען צעעפֿנט געוואָרן און האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן בילד פֿון דעם רינענדיקן בלוט. אויפֿן וואָיען פֿון די ווילדע חיות האָט דער המון געענטפֿערט מיט נאָך מער ווילדע מענטשלעכע געשרייען. די קריסטן האָבן געזונגען לויבגעזאַנגען צו גאָט, פּונקט ווי זיי וואָלטן ערשט איצט דערפֿילט דעם נצחון פֿון זייַער גלויבן :

— געלויבט איז דער פֿרומער קייסער יאָוויאַן ! קריסטוס האָט בעזיגט ! קריסטוס האָט געזיגט !

אַנאַטאָליוס האָט מיט עקל געשפּירט דעם שטינקעדיקן אָטעם פֿונם ערב-רב, — דעם ריח פֿון דער מענטשלעכער סטאַדע. מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן, באַמיענדיק זיך נישט צו אָטעמען, איז ער אַרויסגעלאָפֿן אויף דער גאַס, געגאַנגען אַהיים, פֿאַרשלאָסן די טיר, פֿאַררינגלט די

לאַדנס, זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט און אַזוי אָפּגעלעגן אוממאָוועגלעך ביז שפּעט אין אָוונט.

פון דעם המון איז אָבער אוממעגלעך געווען צו אַנטלויפן.

אַזוי ווי ס'איז נאָר טונקל געוואָרן, איז גאַנץ אַנטיוכיע באַלויכטן געוואָרן מיט לאָמפּן. אין די ווינקלען פון די קאַטעדראַלעס, אויף די הויכע דעכער פון די רעגירונגס-געביידעס האָבן זיך געריכערט רידיקע שטורקאַצן און דער ווינט האָט צעבלאָזן זייערע פלאַמען; אויף אַלע גאַסן האָבן געברענט קאַגאַנעקעס. אויך אין אַנאַטאָליוסעס צימער איז דורך די שפּאַרעס פון די לאַדנס אַריינגעדרונגען דער אָפּשיין פון דער אילומינאַציע, דער געשמאַנק פון דער ברענענדיקער סמאָלע און חלב. פון אַ נאָענטער שענק האָבן זיך געהערט שיכּורע געזאַנגען פון זעלנער און מאַטראָזן, געלעכטערן, געשרייען, זידלערייען פון גאַסן-זונות, און העכער איבער אַלעם האָבן זיך געטראָגן, ווי דאָס גערויש פון ים, די אומאויפהערלעכע שבחים פאַר יאָוויאַנען דעם רעטער און די קללות אויף יוליאַן דעם אָפּטריניקן.

אַנאַטאָליוס האָט מיט אַ ביטערן שמייכל אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריגן:

— באמת, ד ו האָסט געזיגט, ג ל י ל ע ע ר!

XXI.

דאָס איז געווען אַ גרויסע האַנדלס-שיף מיט אַזיאַטישע טעפּיכער און מיט קרוגן בירטן-אייל, וועלכע איז געשווומען פון אַנטיוכיע צו די ברעגן פון איטאַליע. דורך די אינזלען פון עגעישן אַרכיפּעלאַג איז זי צוגעשווומען צום אינזל קרעטאַ, ווו זי האָט געזאָלט באַקומען אַ לאַדונג האָל און ארויסזעצן עטלעכע מאָנאַכן אין דעם איינזאַמען מאָנאַסטיר באַם ברעג פון ים. די מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף דער פאָדערשטער טייל פון דער שיף-דעק, האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין פרומע געשפּרעכן, תּפילות און אין דער געוויינלעכער מאָנאַסטיר-מלאכה — אין פלעכטן קיישלעך פון פּאַלמע-צווייגלעך.

אויף דעם אַנטקעגנדיקן עק, באַם רודער פון דער שיף, וואָס איז באַצירט געווען מיט אַ דעמבענער סטאַטוע פון דער געטין אַטענע טרי-

טאַנידע, אונטער אַ לייכטער פאַרהאַנג פון פיאַלעטן געוואַנט, וואָס האָט געשיצט פאַר דער זון, זענען געזעסן אַנדערע ריינדע, מיט וועלכע די מאַנאַכן האָבן קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט, ווי מיט געצנדינער: דאָס זענען געווען אַנאַטאָליוס, אַממיאַן מאַרצעלינוס און אַרזינאָע.

עס איז געווען אַ שטילער אָוונט. די רודערער, אַלעקסאַנדרישע קנעכט מיט געגאָלטע קעפּ, האָבן רעגלמעסיק אַראָפּגעלאָזט און אויפגע־הויבן די לאַנגע, בייגעוודיקע ווערלעס, זינגענדיק אַ טרויעריק ליד. די זון איז פאַרגאַנגען אונטער די וואָלקנס.

אַנאַטאָליוס האָט געקוקט אויף די כוואַליעס און עס זענען אים געקומען אויפן געדאַנק עסכילאָסעס ווערטער וועגן דעם „פיל־לאַכנדיקן ים". נאָך דעם שטויב, דער היץ און דעם גערודער אויף די אַנטיאָכישע גאַסן, נאָך דעם שטינקעדיקן אָטעם פונעם המון און דער סטאַדע פון די יום־טובדיקע פייערן האָט ער געשעפּט תענוג און געחזרט אין געדאַנק:

— פיל־לאַכנדיקער ים, נעם צו און ריניק אָפּ מיין נשמה!

די אינזלען קאַלימנאָס, אַמאַרגאָס, אַסטיפּאַלאַ, טעררא זענען ווי געשפּעבסטער אַרויסגעשווומען פאַר זיינע אויגן איינס נאָך דעם אַנדערן, דאָ אויפהייבנדיק זיך איבערן ים, דאָ צוריק פאַרשווינדן ווערנדיק, גלייך ווי אַרום דעם האָריזאָנט וואָלטן די אָקעאַנידעס, די געטלעכע שוועס־טערן, געטאַנצט זייער אייביקן טאַנץ. אַנאַטאָליוסן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ זענען נאָך נישט פאַרביי די צייטן פון „אָדיסעאַ".

די פריינט זיינע האָבן אים נישט געשטערט אין זיינע שטילע טרוימען. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע ענינים. אַממיאַן האָט געברענגט אין אָרדנונג זיינע נאָטיצן וועגן דער פּערסישער קריג, וועגן דעם לעבן פון קייסער יוליאַן, און אין אָוונט פלעגט ער לייענען דאָס ווערק פונעם קריסטלעכן מפורש, קלעמענטוס פון אַלעקסאַנ־דריע — „סטראָמאַטאַ" — „דער פאַרשידנפאַרביקער טעפּיך".

אַרזינאָע האָט געקלעבט פון וואַקס קליינע סטאַטועס, מאָדעלן פאַר דער צוקונפטיקער גרויסער מאַרמאָר־סטאַטוע.

דאָס איז געווען אַ נאַקעטער קערפּער פון אַן אָלימפּישן גאָט, מיט אַ פּנים פול מיט איבערנאַטירלעכן צער; — אַנאַטאָליוס האָט גע־וואָלט און זיך אָלץ נישט באַשלאָסן זי צו פרעגן: ווער דאָס איז, — דיאָניזאָס צי קריסטוס?

אַרזינאָע האָט שוין פון לאַנג אויסגעטון די מאָנאַכישע קליידער,

פרומע לייט פלעגן זי אויסמיידן מיט פאראכטונג, זי רופן א פ ט ר י ־ נ י ק ע. געראטעוועט פון עפנטלעכע פארפאלגונגען האט זי בלויז די יחוסדיקע אפשטאמונג און די גרויסע נדבות, וואס זי האט אמאל מנדב געווען אויף פארשידענע קריסטלעכע מאנאסטירן. פון איר אמאליק רייכ־טום איז איר געבליבן א נישטיקע טייל, אבער דאס איז גענוג געווען, זי זאל קאנען לעבן אן זארג.

אויפן ברעג פון נעאפאליטאנישן ים־אויסגוס, נישט ווייט פון באיע, איז איר איבערגעבליבן א קליין גוט מיט דער זעלבער וויללע, אין וועלכער מירע האט פארבראכט אירע לעצטע טעג. דא האבן אלע דריי: אנאטאליוס, ארזינאע און מארצעלינוס זיך אפגערעדט צו פאר־ברענגען א צייט, זיך אפרוען פון די פארגאנגענע שטורמישע יארן אין דארפישער מנוחה און אין דינען די מוזעס.

די געוועזענע מאנאכין האט איצט געטראגן כמעט די זעלבע קליידער ווי אמאל: די פשוטע פאלבן פונם פעפלום האבן איר ווידער צוגעגעבן אן ענלעכקייט צו א פארצייטיש אטעניש מיידל; בלויז דער קאליר פונם געוואנט איז געווען א טונקעלער און די בלאס־גאלדענע לאקן זענען געווען ארומגענומען מיט א טונקעלן דינעם וואל; אין די מאט־שווארצע, שטענדיק ערנסטע אויגן איז געווען עפעס אזא שטרענגע, כמעט עקשנותדיקע רויקייט; דערפאר אבער, בשעת די קינסטלערין האט געארבעט, אומגעדולדיק, ווי מיט כעס, געקנייטשט און געפורעמט דעם וואקס, פלעגן די נאקעטע הענט ביז איבער די אקסלען ארויסשיינען פונם פעפלום מיט א בלענדיקער שניי־ווייסקייט. אנאטאליוס האט געשפירט, וואס פאר א דרייסקייט, וואס פאר א קראפט עס געפינט זיך אין דידאזיקע ווייסע, בייזע הענט.

אין יענעם שטילן אוונט איז די שיף פארבייגעשוועמען פאר א קליין אינזעלע.

קיינער האט נישט געוווסט, ווי עס הייסט; פונדערווייטנס האט עס אויסגעזען ווי א נאקעטער פעלז. כדי אויסצומיידן אונטערוואסער־פעלזן, האט די שיף געמוזט דורכשווימען נאענט לעבן דעם ברעג. דא, ארום דעם משופעפאליקן אינזל, איז דער ים געווען אזוי דורכזיכטיק, אז מ'האט געקאנט זען אויף דער דנא דאס זילבער־ווייסע זאמד מיט די שווארצע מעך־פלעקן.

פון הינטער די טונקעלע פעלזן האבן זיך געזען שטילע, גרינע לאנקעס. דארט האבן זיך געפיטערט ציגן און שאף. אינמיטן איז גע־

וואַקסן אַ פּלאַטאַן-בוים. אַנאַטאַליוס האָט באַמערקט צופוסנס אויפן מען אַ יינגל מיט אַ מיידל; דאָס זענען מסתּם געווען אָרימע פּאַסטוך-קינדער. הינטער זיי, אין ציפּרעסן-וועלדל האָט זיך געווייסט די מאַר-מאָרנע סטאַטוע פון גאָט פּ אַ ן מיט דער ניינרעריקער פלייט.

אַנאַטאַליוס האָט זיך אויסגעדרייט צו אַרזינאָען, ווייזנדיק איר אויף דעמדאָזיקן ווינקעלע פון העללאַדע. אָבער די ווערטער זענען פאַרשטומט געוואָרן אויף זיינע ליפּן: מיט שטאַרע אויגן, מיט אַ שמייכל פון מאָדנער פרייד, האָט די קינסטלערין געקוקט אויף דער קליינער סטאַטוע, וואָס זי האָט אויסגעפורעמט פון וואַקס — אַ צווייזייטיק, פאַרפירערישע בילד מיט אַ הערלעכן קערפּער פון אַן אָלימפּישן גאָט און מיט אַן איבערנאַטירלעכן צער אויפן פּנים.

אַנאַטאַליוסן האָט פאַרפרעסט באַם האַרץ. ער האָט זיך האַסטיק, כמעט ביז אַ פּרעג געטון, ווייזנדיק אויף דער סטאַטועטקע:

— ווער איז דאָס?

פּאַמעלעך, ווי מיט גרויס מי, האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן — „אַזעלכע אויגן דאַרף האָבן אַ סיביללע" — האָט ער אַ טראַכט געטון.

— צי גלייבסטו, אַרזינאָע, — האָט ער אַרויסגערעדט, — אַז ס'וועט דיך עמעץ פאַרשטיין?

— ס'איז דען נישט אַלץ איינס? — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

און שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט זי צוגעגעבן נאָך שטילער, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— ער דאַרף זיין אומבאַרחמנותדיק און שרעקלעך, ווי מיטרע-דיאָניזאָס אין זיין גבורה און פּראַכט, און באַרמהאַרציק און מילד, ווי יעזוס דער גלילעער...

— וואָס רעדסטו? צי איז דאָס דען מעגלעך איינעם?

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער. אונטער איר, באַם ראַנד פון הימל, האָט זיך צעלייגט אַ וואָלקן. די לעצטע שטראַלן האָבן מיט טרויער און צאַרטקייט באַלויכטן דאָס אינזל. איצט זענען די צוויי יונגעלייט, דער בחור און דאָס מיידל, צוגעגאַנגען צום אַלטאַר פון גאָט פּאַן, מקריב צו זיין דעם אָוונטיקן נסך-קרבן.

— צי מיינסטו דערמיט צו זאָגן, אַרזינאָע, — האָט אַנאַטאַליוס אַרויסגערעדט, — אַז אומבאַקאַנטע ברידער אונזערע וועלן קומען שפּע-

טער און צוריק אויפהייבן דעם אראפגעפאלענעם פאדעם פון אונזער לעבן און אים ווייטער שפינען ? צי מיינסטו, אז נישט אלץ וועט אונטערגיין אין דערדאזיקער בארבארישער חשכות, וואס לאזט זיך אראפ אויף רוים און העללאדע ? א, ווען עס זאל נאר זיין אזוי, ווען מ׳זאל קאנען וויסן, אז די צוקונפט...

— יא, — האט ארזינאע אויסגעשריגן, און אירע שטרענגע שווארצע אויגן האבן זיך אנגעצונדן מיט א נביאהשדיק פייער. — די צוקונפט געפינט זיך אין אונז — אין אונזער צער ! יוליאן איז גערעכט געווען : אין שאנד און שפאט, שווייגנדיק, פרעמד פון אלעמען, איינזאם, דארפן מיר ליידן ביזן סוף ; מיר מוזן פארבארגן אין אש דעם לעצטן פונק, כדי די צוקונפטיקע דורות זאלן האבן מיט וואס אנצוצונדן נייע פאקעלן. מיט דעם, וואס מיר האבן געענדיקט, וועלן זיי אנהייבן. עס וועט קומען א צייט, און מענטשן וועלן אויסגראבן די טויטע ביינער פון העללאדע, די פיצלעך פון געטלעכן מארמאר, און וועלן ווידער בעטן און ווייגען פאר זיי ; מ׳וועט אויסזוכן אין די קברים די פארפוילטע בלעטלעך פון אונזערע ספרים, און מ׳וועט ווידער לערנען אותיות־ווייז, ווי קליינע קינדער, האמערס פארצייטישע לעגענדעס און פלאטאס געטלעכע חכמה. דעמאלט וועט העללאדע ווידערגעבוירן ווערן — און מיר אינאיינעם מיט איר !

— און מיט אונז אינאיינעם — אונזער צער ! — האט אנאטאליוס אויסגעשריגן. — צוואס־זשע ? ווער וועט־זשע זיגן אין דעמדאזיקן געראנגל ? ענטפער, סיביללע, אויב דו קאנסט !

ארזינאע האט געשוויגן מיט אראפגעהאנגענע אויגן ; ענדלעך האט זי א קוק געטון אויף אממיאנען און געוויזן אויף אים אנאטאליוסן:

— אט ווער עס וועט דיר ענטפערן בעסער פון מיר. ער ליידט פונקט ווי מיר. פונדעסטוועגן האט ער נישט אנגעוווירן די קלארקייט פון דער נשמה. דו זעסט, מיט וויפיל רויקייט, מיט וויפיל ישוב הדעת ער הערט זיך צו.

אממיאן האט אוועקגעלייגט קלעמענטוסעס ווערק און זיך שווייגנדיק צוגעהערט צו זייער געשפרעך.

— אין דער אמתן טאקע, — האט זיך אנאטאליוס געווענדט צו אים מיט זיין געוויינלעכן, עטוואס לייכטזיניקן שמייכל, — מיר זענען שוין באפריינדעט העכער פיר חדשים, און איך ווייס נאך נישט ביז איצט, וואס דו ביסט — א קריסט צי א העללענער ?

— איך אַליין ווייס אויך נישט, — האָט אַממיאַן פּשוט געענטפערט.

— ווי אַזוי־זשע ווילסטו שרייבן דיין „געשיכטע פון דער רוימישער אימפּעריע"? — האָט אים אַנאַטאָליוס געפרעגט. — עס מוז דאָך עפּעס איבערוועגן — אָדער די קריסטלעכע וואָגשאָל, אָדער די העללענישע. וואָס־זשע דען, דו וועסט איבערלאָזן די צוקונפטיקע דורות אין ספק בנוגע דיינע אָנשויונגען?

— דאָסדאָזיקע איז זיי גאָרנישט נייטיק צו וויסן, — האָט דער היסטאָריקער געענטפערט. — מיין ציל איז — ערלעכע אָפּשאַצונג פאַר ביידע. איך האָב ליב געהאַט דעם קייסער יוליאַן, אָבער איך וועל, וועגנדיק די געשיכטע, פאַר אים אויך קיין הנחה נישט מאַכן. זאָל אין דער צוקונפט קיינער נישט קאָנען באַשליסן, וואָס איך בין געווען, — ווי איך אַליין באַשליס עס נישט.

אַנאַטאָליוס האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַממיאַנס פיינע האַלטונג, זיין פּשוטע אומגעקינצלטע מוטיקייט אויף דער מלחמה, זיין רויקע געטרייטשאַפט צו פריינט; — איצט האָט ער אין אים געזען נאָך איין מערקווירדיקע אייגנשאַפט פון כאַראַקטער — דעם טיפן, קלאָרן שכל.

— יאָ, אַממיאַן, דו ביסט געבוירן אַ היסטאָריקער, אַן אומליידנשאַפטלעכער שופט פון אונזער ליידנשאַפטלעכן דור. דו וועסט אויסגלייכן די צוויי קעמפנדיקע תורות, — האָט אַרזינאָע געזאָגט.

— איך בין נישט דער ערשטער, — האָט אַממיאַן אָפּגעענטפערט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געוויזן אויף דער פאַרמעט־מגילה, דעם ווערק פונם גרויסן קריסטלעכן געלערנטן:

— איר זעט, דאָ איז אַלץ פאַראַן, און נאָך אַ סך, בעסערס, טיפערס, — וואָס איך קאָן אייך גאָרנישט איבערגעבן; דאָס איז קלעמענטוסעס „סטראָמאַטאַ". ער ווייזט אויף, אַז די גאַנצע קראַפט פון רוים, די גאַנצע חכמה פון העללאַדע איז נאָר געווען אַ וועג צו קריסטוסעס לערע; אָבער נישט מער ווי אָנדייטונגען, רמזים, פאָרגעפילן; אַזוי ווי ברייטע טרעפּ, פּראָפילייען, וועלכע פירן צום מלכות השמים. פּלאַטאָ איז דער בשורה־אָנזאָגער פון יעזוס דעם גליליעערס אָנקומען.

די לעצטע ווערטער, וועלכע אַממיאַן האָט אַזוי פּשוט אַרויסגעזאָגט וועגן קלעמענטוסעס לערע, האָבן אַנאַטאָליוסן איבערראַשט;

ווי ער האָלט זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז דאָסדאָזיקע איז שוין אַלץ אַמאָל געווען, — אַלץ, ביז דער מינדסטער קלייניקייט, — סיי דאָס אינזל, באַלויכטן פון דער פאַרגייענדיקער זון, סיי דער שטאַרקער, אָנגענעמער ריח פון דער שיף-סמאָלע, סיי די פשוטע אומגעריכטע ווערטער וועגן פּלאַטאָ — יעזויסעס בשורה-אָנזאָגער. און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט ברייטע, ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ, באַגאָסן מיט זונען-שיין, מיט אָן אַ שיעור פּרעכטיקע זיילן, ווי די פּראָפּילייען-טרעפּ אין אַטען, וואָס פירן גלייך אין בלויען הימל אַריין.

דערווייל האָט די שיף לאַנגזאַם אויסגעמיטן דאָס אינזל. דאָס ציפּרעסן-וועלדל איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער די פעלזן. אַנאַטאָליוס האָט געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויפן בחור, וועלכער איז געשטאַנען צוזאַמען מיטן מיידל לעבן דער סטאַטוע פון גאָט פאַן; זי האָט אָנגעבויגן איבערן אַלטאַר אַ פשוטן הילצערנעם בעכער, ברענגענדיק דעם גאָט איר אָוונט-קרבן — אַ ביסל ציגן-מילך, געמישט מיט האָניק; דער בחור האָט זיך געגרייט צו שפּילן אויף דער פלייט. די שיף איז אַריין אין אָפענעם ים. אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטערן פעלזיקן ברעג. בלויז אַ שטראָמעלע רויך האָט זיך אויפגעהויבן פון מזבח און געשוועבט איבערן וועלדל.

אַ שטילקייט האָט באַהערשט הימל, און ערד, און ים.

און אין דערדאָזיקער שטילקייט האָבן זיך פלוצלינג דערהערט די קלאַנגען פון קירכן-געזאַנג: דאָס האָבן די מאָנאַכן אויף דער פאָדערשטער טייל פון דער שיף געזונגען אין כאָר די אָוונט-תפילה.

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן איבער דער אומבאַוועגלעכער אויבערפלאַך פון ים אַנדערע קלאַנגען: דער בחור, דער פאַסטוך, האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף דער פלייט דעם אָוונט-הימן לכבוד דעם גאָט פאַן. אַנאַטאָליוסעס האַרץ האָט איפגעציטערט פון דערשטוינונג און פרייד.

— זאָל דיין ווילן געשען אויף דער ערד, ווי אויפן הימל, — האָבן די מאָנאַכן געזונגען.

און די ריינע קלאַנגען פון דעם פאַסטוכס פלייט האָבן זיך געטראָגן אַרויף אין הימל אַריין און זיך צונויפגעמישט מיט די ווערטער פון דער מאָנאַכישער תפילה.

דער לעצטער שטראַל פון דער זון האָט זיך אויסגעלאָשן אויף די פעלזן פונעם לייטזעליקן אינזל. איצט האָט עס ווידער אויסגעזען

ווי אַ טויטער שטיין אינמיטן ים. ביידע ניגונים זענען מיטאַמאָל אנטשוויגן געוואָרן.

דער ווינט האָט געבלאָזן צווישן די מאַסטן. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן. די שיף האָט רחמנותדיק געקרעכצט. עס זענען אָנגעקומען שאָטנס פון מערב-זייט, און דער ים איז טונקל געוואָרן. דער וואָלקן איז געוואַקסן, עס האָבן זיך דערהערט פונדערווייטנס די ערשטע דונערן. עס האָבן זיך אָנגערוקט נאַכט און שטורעם.

אָבער אין אַנאַטאָליוסעס, אַבמיאַנס און אַרזינאַעס האַרץ האָט שוין געלויכטן, ווי די נישט-פאַרגייענדיקע זון, די גרויסע פרייד פון ווידערגעבורט.

סוף